STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00637

IN LOYF FUN YORN

L. Berman

Permanent preservation of this book was made possible by
Ida M. Golomb & Mordecai S. Chertoff
in memory of
their parents

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ל. בערמאַן (לייבעטשקע)

אין לויף פון יאָרן

זכרונות פון אַ יידישן אַרבעטער

צווייטע פאַרגרעסערטע אויסגאַבע

פאַרלאַג „אונזער צייט"
ניו־יאָרק, 1945

Copyright, 1945
By L. Berman, New York, N. Y.
Printed in the U.S.A.

פרייז: $2.50

L. BERMAN

IN LOJF FUN JORN

Published by
FARLAG "UNSER TSAIT"
175 E. Broadway, New York 2, N. Y.

געדרוקט 2500 עקזעמפּלאַרן

Printed by
Grenich Printing Corp., New York

געווידמעט מיין גייסטיקן פאָטער
און דערציער — דעם אַלגעמיינעם
יידישן אַרבעטער־בונד
אין ליטע, פוילן און רוסלאַנד

אינהאַלט:

		זייט
1.	הקדמות	X
2.	מיינע זכרונות	1
3.	די שטאָט דווינסק	3
4.	ווייטע נעפּלהאַפטע בּילדער	7
5.	דער טאַטע פאַרלאָזט די היים	16
6.	מיינע מלמדים	19
7.	מיינע לערער	27
8.	דער „דאָקטאָר" מאיר פּאָנטשע	32
9.	די מאַמע ראַטעוועט מיך	38
10.	מיינע ערשטע זינד און גאָטס שטראָף	40
11.	איך ווער רעליגיעז	51
12.	אין שטוב הייבּט מען אָן לייענען ראָמאַנען	54
13.	מען גיט מיך אָפּ צו אַ בּעקער	58
14.	איך ווער אַ סטאָליער	64
15.	די „בּאָיעס" (געשלעגן)	75
16.	איך קריג פּיינט דעם מייסטער	79
17.	זונטיקדיקע געשפּרעכן	87
18.	די ערשטע ליבּע	97
19.	איך ווער אַ „בּאַקאַנטער"	104
20.	די איבּערגעבּורט	109
21.	מאָטל „קאַפּיטאַן"	114
22.	אַבֿרהמקע „קאַטאָק"	120
23.	איך הויבּ זיך אָן ענדערן	125
24.	תּנאָים און חתונות	128
25.	דער שטרייק אין זאַקס' פאַבּריק	139
26.	אומלעגאַלע בּיבּליאָטעקן	145
27.	יאקע „מיט דער פייפע"	150

זייט

28. דער רוסישער טעאַטער — 155
29. אייגענע טעאַטער-שפּילן — 161
30. די דווינסקער „אָפּאָזיציע" — 164
31. אַמאָליקע קאָנספּיראַציעס — 173
32. אַמאָליקע פאַרנאַכטן — 179
33. אונטערציינדער — 185
34. אין וואַרשע — 196
35. דעמאָנסטראַציעס — 211
36. „אויף יוג" — 226
37. אין זשיטאָמיר — 252
38. צוריק אין דווינסק — 262
39. איך ווער אַ מיטגליד אין קאָמיטעט — 269
40. כאַצקל און ראַיסע — 272
41. אַ קריסטלעכער קרבן — 277
42. דער דווינסקער ב. אָ. — 282
43. די קאָמיסיע „מים" — 299
44. דאָס ערשטע מאָל אין אויסלאַנד — 319
45. פּראָוואָקאַטאָר י. מ. קאָפּלינסקי — 331
46. דער ערשטער פּרייער 1-טער מאַי — 341
47. מיין פרוי און איר פאַמיליע — 358

בילדער:

1. ל. בערמאַן
2. דעם מחברס עלטערן
3. דער מגיד אליקום געצל
4. דער טייך דווינע און די דאַמבע
5. אַלטער דער שוואַרצער
6. שמואלקע פון באַינע און זאַווקע פון די פלעצער
7. דער אַלטער בולוואַר
8. זונדל קנעפּלמאַכער
9. יואל דער סטאָליער

10. מיכל דער סטאָליער און זיין פרוי שאָסל
11. יודל מאָטאָלסקי
12. ח'טע פרידע
13. אבֿראם קאסטעלאנסקי
14. לייבעטשקע דער סטאָליער
15. שימקע וועקסלער
16. ברוך כּהן (ווירגילי)
17. משהקע בלעכער
18. הירש יאַנקל דער בלעכער
19. אבּא רייך
20. מצבה אויפן דווינסקער בית-עולם
21. אַרקאַדי קרעמער
22. מאָטל געווער און הירשל דער פאַרבער
23. נח
24. טאראס (דוד כּץ)
25. א. ווייטער (בילד פון ייוו"אָ)
26. מענדל און גיטל סקוטעלסקי
27. פּינע נוטקעוויטש
28. צביה הורוויטש
29. רוטע בערמאַן
30. פּראָוואָקאַטאָר ישראל מיכל קאַפּלינסקי (בילד פון ייוו"אָ)
31. ר. אַבראַמאָוויטש
32. מ. ליבער
33. ירחמיאל (וויינשטיין)
34. דענקמאָל פון פריויהייט
35. צוויי אַרבעטער פון זאַקס' פאַבריק אין דווינסק
36. אַ גרופּע אַרבעטער פון דער בונדישער צענטראַלער „סכאָדקע" אין וואַרשע, 1904
37. די באַן-בריק איבערן טייך דווינע
38. דער „פּלאַץ-פּאַראַד" אין דווינסק

צו דער צווייטער אויסגאַבע

די זכרונות פון ל. בערמאַן האָבן פאַרן צווייטן וועלט־קריג זיך געדרוקט אין טעגלעכע פאָרטזעצונגען אין ניו־יאָרקער „פאָרווערטס" און זענען דערשינען אין בוך־פאָרם אין פוילן. די וואַרעמע אויפנאַמע פון די לייענער און דער באַגייסטערטער אָפּרוף פון די ליטעראַטור־קריטיקער האָבן אונז באַוואויגן צו מאַכן צוטריטלעך בערמאַנס בוך אויך פאַר די אַמעריקאַנער יידישע לייענער.

און נאָך אַ וויכטיקע סיבה. ל. בערמאַן, אַליין אַן אַרבעטער און אַ פאָלקס־מענטש אין בעסטן זין פון וואָרט, גיט אונז אַ שטיק פאַר־גאַנגענעם אַרבעטער־ און פאָלקס־לעבן. זיינע געשילדערטע טיפּן און העלדן זענען „עמך", גענומען פון די יידישע פאָלקס־טיפּעניש. די זכרונות זענען אַ דויערנדער מאָנומענט פאַר דער האָרעפּאַשנער יידי־שער אָרעמקייט, אַ בולטע שילדערונג פון אויפשטייג פון דער צע־קוואַליפיצירטער מאַסע פון די יידישע אַרבעטער. איצט, ווען די היטלערישע מערדער האָבן אַזוי אַכזריותדיק אומגעבראַכט יענע יידישע ישובים, וועגן וועלכע עס ווערט דערציילט אין די זכרונות, האַלטן מיר עס פאַר אַ פליכט אויפסניי איבערצודרוקן דאָס בוך, ווי אַ דענקמאָל פאַר אונזערע קדושים.

אין דער נייער אויסגאַבע זענען אַריינגעפירט געוואָרן נייע קאַפּיטלען. ס'איז אויך באַדייטנדיק פאַרגרעסערט געוואָרן די צאָל בילדער.

פאַרלאַג „אונזער צייט"

הקדמות

I.

ווען דער מחבר פֿון די „זכרונות״, וואָס ליגן פֿאַר אונז, האָט זי צו מיר געווענדעט, איך זאָל אָנשרייבן אַ פֿאָרוואָרט צום בוך, בין איך געווען אין אַ פֿאַרלעגנהייט. איך האָב, דעם אמת זאָגנדיק, ליב צו לייענען זכרונות, איך האָב זיך אָבער גע־טראַכט וואָס אַזוינס קאָן מיך איבערראַשן אין דעם נייעם בוך זכרונות, אַז עס זאָל מיך אַזש קאָנען באַוועגן אָנצושרייבן אַ פֿאָרוואָרט. דאָס איז דאָך אַ מין פּאַס, אַ מין רעקאָמענדאַציע, מיט וועלכער מען דאַרף זיך אַוועקלאָזן אין דער בּרייטער לע־זער־וועלט, און אויסשטעלן אַזאַ פּאַס — דאַרף מען דאָך זיין זייער פֿאָרזיכטיק. מען קען דעריבער פֿאַרשטיין, אַז נישט מיט קיין לייכט האַרץ האָב איך גענומען די צעשאָטענע קאָרעקטור־בלעטלעך אין האַנט אַריין.

און איך דאַרף גלייך זאָגן, אַז עס האָט נישט לאַנג געדויערט, און מיין גאַנצער אומרו איז פֿאַרשוואונדן, פֿון מיינע ספֿקות איז קיין זכר נישט געבליבן. איך וועל זיך נישט שטעלן אין קיין פּאָזע פֿון אַ „אַלץ וויסנדיקן״ און וועל נישט זאָגן, אַז אַלע פֿאַקטן, וואָס דער מחבר באַשרייבט אַזוי שיין און באַשיידן (הגם ער איז אַליין כּמעט אַלע מאָל געשטאַנען אין די ערשטע רייען און נישט ווילנדיק זיך אַרויסגערוקט אויפֿן ערשטן אָרט), זענען מיר געווען באַקאַנט. וועגן פֿיל זאַכן, דערהויבּענע מאָמענ־טען אין אונזער ראָמאַנטישער פֿאַרגאַנגענהייט האָב איך זיך פֿון בוך צום ערשטן מאָל דערוואוסט און מיט אַ ציטער אין האַרצן וועגן זיי געלייענט. מיט אַ פֿאַרכאַפּטן אָטעם האָב איך גע־לייענט, און איך מיין, אַז דאָס זעלבע וועט איבערלעבן יעדער, וואָס וועט לייענען די הערלעכע געשיכטע פֿון דעם דווינסקער „ב. אַ.״ (באַיעוואָי אָטריאַד״ — קאַמף־דרוזשינע). אונטער דער

ווירקונג פֿון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, אונטער דער ווירקונג פֿון „בונד", וואַקסט אויף אַ נייער דור יידישע אַרבעטער. דער „פּאַריער צווישן די פּאַריער" נעמט זיין גורל אין זיינע אייגענע הענט. עס וואַקסט אויס אַן אויסגעגלייכטער שטאָלצער קעמפער, וועלכער פירט מוטיק און אומדערשראָקן דעם היסטאָרישן קאַמף פֿון זיין קלאַס און פּאַרטיידיקט ביז זעלבסטאָפּפּערונג זיין פּערזענלעכע ווירדע. דער „בונד" האָט צום לעבן אַרויסגערופֿן און דערצויגן אַ גאַנצן מענטשן, אַ קאָמפּראָמיסלאָזן יידישן פּראָלעטאַריער-קעמפער, מיט אַ הויך-אַנטוויקלטן רעוואָלוציאָנערן זעלבסטגעפֿיל. די געשיכטע פֿון דווינסקער „ב. אַ." גיט אונז אַ גלענצענדיקע אָפּשפּיגלונג פֿון אויבן געזאָגטן.

אָבער נישט די פֿאַקטישע זייט פֿון די זכרונות, וואָס איז פֿאַר זיך אַליין זייער אינטערעסאַנט און לייענט זיך שפּאַנענדיק, וויל איך אין מיין פֿאָרוואָרט אונטערשטרייכן. דאָס בוך האָט אין מיינע אויגן אַ גאַנץ באַזונדערן ווערט. מיר האָבן דאָ פֿאַר זיך געגעבן אַן איינפֿאַכע באַשיידענע און דערום אַזאַ שיינע שילדערונג פֿון לעבנס-גאַנג פֿון אַ מענטשן, — אַ לעבן פֿון אַן אַרבעטער, וועלכער באַשרייבט אין נישט-געקינצלטע, פּשוטע ווערטער, זיינע אָרעמע, ביטערע קינדער-יאָרן; די גרויזאַמע סביבה, דעם גאַנצן פּיין און לייד, וואָס אַ קבצנות-קינד איז פֿאַראורטיילט אַריבערצוטראָגן; די ערשטע טריט אין דער „ברייטער וועלט" (אין געזנזן-פּיס, אויסער די ד' אמות פֿון טאַטע-מאַמעס שטוב) און דאַן שוין טאַקע די ברייטע וועלט, וואו עס נעמט זיך פֿאָרמירן דער גייסטיקער מהות פֿון אַ יידישן אַרבעטער-סאָציאַליסט, פֿון אַ בונדיסט. די פֿאַקטן, וואָס די זכרונות ברענגען אונז, בילדן דעם, אַזוי צו זאָגן, רעוואָלוציאָנערן לבוש פֿון דעם לעבעדיקן מענטשן, זיי וואַקסן אין זייער פֿאַרנעם און באַדייטונג צוזאַמען מיטן וואוקס און רייף-ווערן פֿון טרעגער פֿון דעם לבוש, דעם מחבר פֿון די זכרונות. דער מענטש איז דאָ נישט אָפּגעריסן פֿון דעם וואָס ער גיט איבער. איר פֿילט, דערלייענענדיק דאָס בוך ביזן סוף, אַז איר האָט פֿאַר זיך נישט נאָר אַן אינטערעסאַנטע דערציילונג, נאָר אַ מענטשלעכן דאָקומענט.

און דאָס גיט צו דעם בוך אַ גאַנץ באַזונדערן ווערט און אַ גאַנץ באַזונדערן חן.

די זכרונות זענען אַ שיין קאַפּיטל אין אונזער געשיכטע, פון וועלכער מיר שעפּן מוט און באַגייסטערונג פאַר אונזער רעוואָלוציאָנערן קאַמף פאַרן סאָציאַליזם.

נח

וואַרשע, 1936

II.

נישט ליבעטשקע, נאָר מיר אַלע דאַרפן זיין דאַנקבאַר די חברים, וועלכע האָבן אים דערמונטערט אָנצושרייבן זיין בוך. וואָרום דאָס בוך איז אַן אמתע באַרייכערונג פון דער יידישער ליטעראַטור, אַן אמתער געשאַנק פאַר דעם יידישן לייענער.

זכרונות, באַזונדערס רעוואָלוציאָנערע, זענען דוקא יענער ליטעראַרישער מין, אין וועלכן די יידישע ליטעראַטור איז לפי ערך רייכער ווי אויף אַנדערע געביטן. עס זענען פאַראַן דעראי־נערונגען פון מעדעמען, מיכאַלעוויטשן, פון אַנדערע רעוואָלו־ציאָנערע טוער. עס זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן די זכרונות פון שמריהו לעווין און שמעון דובנאָוו. יעדער פון אָט די ווערק שפּיגלט אָפּ נישט נאָר אַ געוויסע תקופה, נאָר אויך אַ געוויסן סאָציאַלן שיכט אין יידישן פאָלק. קיין גרויסע אַריסטאָקראַטן און גבירים זענען נישט געווען אויך די אַנדערע מעמואַריסטן. דאָס זענען אַלץ מענטשן פון מיטלשטאַנד, אָדער פון די נידערי־קערע פאָלקס־שיכטן. אָבער קיין איינער פון זיי, א חוץ אפשר ליטוואַקן, האָט נישט געשטאַמט פון אַזאַ פּראָלעטאַרישער אָרעמקייט, ווי ליבעטשקע. קיין איינער פון זיי איז נישט אויס־געוואַקסן ווי אַן אַרבעטער. ליבעטשקעס זכרונות זענען די ערשטע אויטאָביאָגראַפיע פון אַ יידישן אַרבעטער. די ליטעראַ־רישע וויזיט־קאַרטע פון אַ יידישן פּראָלעטאַריער, וועלכע איז אויסגעוואַקסן גייסטיק אין „בונד".

מיר האָבן, באמת, זיך נישט וואָס צו שעמען מיט דעם דאָזיקן דעביוט פון אונזער תלמיד.

דער אמתער ווערט פֿון אַ ליטעראַרישן ווערק ווערט באַשטימט נישט דורך דער טעכנישער גלאַטקייט פֿון סטיל, נישט דורך דער קונציקייט פֿון אויפֿבוי, נאָר דורך דעם, צי איז אין אים פֿאַראַן דאָס „אייביק מענטשלעכע״; צי איז דעם אויטאָר געלונגען אַריינצופֿלעכטן אין דעם ליטעראַרישן געוועב אַ שטיק נשמה, אַ שטיק אמתן לעבן. דער מענטשלעכער און דריבער אויך דער ליטעראַרישער ווערט פֿון בערמאַנס בוך איז זייער באַדייטנד.

די דעראינערונגען וועגן די קינדער־יאָרן, די באַשרייבונג פֿון דער שטוב, פֿון דעם שטייגער לעבן, פֿון די עלטערן, פֿון די הונגעריקע טעג און די אומרואיקע נעכט אין דער פֿאַמיליע פֿון אַ דווינסקער אָרעמאַן; די סצענקעס, וואָס פֿלעגן זיך דאָ אָפּשפּילן; דער געלער פֿלאַס פֿון קעראָסין־לעמפּל, וואָס פֿלעגט צאַנקען און וואַרפֿן משונהדיקע שאָטנס אויף די ווענט און סופֿיט פֿון דעם אָפּגעלאָזענעם צימער, ווען דער טאַטע פֿלעגט ביינאַכט לייענען זיינע ראָמאַנען און די מאַמע פֿלעגט זיך בייזערן אויף דעם „רוצח״. די דאָזיקע קאַפּיטלען קריצן זיך איין אין זכרון אומפֿאַרגעסלעך. דער עפּישער, רואיקער, כמעט צאַרטער טאָן פֿון דער דערציילונג — אָן ביטערקייט, אָן צאָרן, מיט אַזויפֿיל טיף מענטשלעכער ווייכקייט און הומאָר — פֿאַרשטאַרקט אומגעהויער די ווירקונג פֿון די בילדער, וואָס דערמאָנען די צייכנונגען פֿון גאָיאַ.

איך בין אַליין אַ דווינסקער, אַ לאַנדסמאַן פֿון לייבעטשקען. אמת, איך בין פֿרי אָוועקגעפֿאָרן פֿון דער היים, און איך האָב אויך מיין בונדישע טעטיקייט אָנגעהויבן אין אַן אַנדערער שטאָט. אויך מיט מיין לאַנדסמאַן און פּאַרטיי־חבר לייבעטשקע האָב איך זיך באַקאַנט נישט אין אונזער געמיינזאַמער היימאַט־שטאָט. אָבער דאָך בין איך אויסגעוואַקסן אין דווינסק, (דעמאָלט נאָך דענעבורג), און אַלץ, וואָס לייבעטשקע שרייבט וועגן דווינסק, וועקט אין מיר דעראינערונגען פֿון מיין אייגענער קינדהייט. דער אַלטער בולוואַר, די ריגער און פּעטערבורגער גאַס, די דאַמבע און די פֿעסטונג — דאָס זענען אויך פֿאַר מיר אויף אייביק אונפֿאַרגעסלעכע און ליבע דעראינערונגען. אין די ווינטער־געשלעגן אויף דער פֿאַרפֿרוירענער דווינע, צווישן די

„גריוועך" און „פלאנאוועך" האב אויך איך אין עלטער פון 10—11 יאר אויספּרובירט מײנע „קעמפערישע טאלאנטן". אויך די „וויטעבסקער" בעקערקע, בײַ וועלכער לײבעטשקע האט געארבעט, איז פאר מיר נישט קײן אומבאקאנטע פער־זענלעכקײט. איך געדענק אבער, אז מײַן מאמע איז אריבער צו דער „קאנווערקע". אפשר איז דאס טאקע געווען צוליב יענער „פארבעסערונג", וואס עס האט אַרײַנגעטראגן אין דער צוגרײטונג פון טײג דאס קינד, וואס דאס לערן־ײנגל לײבעטש־קע האט געמוזט „ניאנטשען"...

אבער מ ײ ן דווינסק איז פּאַרט נישט געווען לײבעטש־קעס דווינסק. איך בין אויפגעוואקסן אין א „באלעבאטיש" הויז פון א האלץ־סוחר. מײַן פאטער איז נישט געווען קײן גביר, אבער עסן, קלײדער און די מעגלעכקײט צו לערנען זיך איז פאר מיר קײנמאל נישט געווען קײן פּראבלעם. און מיר, באלעבא־טישע קינדער, האבן אין אונזער קינדהײט גאר קײנמאל ריכ־טיק נישט פארשטאנען, אז א פאר גאסן ווײַטער וואוינען די לײבעטשקע בערמאנס, פאר וועלכע אט די זעלבסטפאר־שטענדלעכע זאכן זענען אן אומדערגרײכבארער אידעאל, וועל־כען זײ קענען קײנמאל נישט פארווירקלעכן. מיר האבן גע־וואוסט, אז עס זענען פאראן „ארעמעלײַט" בײַ אונז אין שטאט, און האבן אויף זײ „רחמנות געהאט"... אבער ערשט אין יארן ארום האבן מיר — די זין און טעכטער פון די „באלעבאטישע" קלאסן — זיך צוזאמענגעטראפן מענטשלעך און פאליטיש מיט די קינדער פון דער ארעמקײט אין די רײען פון „בונד"! ערשט די רעוואלוציאנערע ארבעטער־באוועגונג האט צוזאמענגע־בראכט אונטער אײן דאך אונזער בירגערלעכע און קלײן־ביר־גערלעכע אינטעליגענץ מיט דעם ארבעטער, וועלכער האט אויפגעהערט צו זײַן אן אביעקט פון „רחמנות", און איז גע־ווארן דער קעמפער פאר דער צוקונפט פון גאנצן פאלק, פון דער גאנצער מענטשהײט.

די דאזיקע אנטוויקלונג איז שוין נישט אײנמאל באשריבן געווארן אין פאליטישע ארטיקלען און ביכער, אבער אין לײ־בעטשקעס זכרונות ווערט דער פראצעס פון גײַסטיקן און מא־ראלישן אויפשטײַג פון ײנגען ײדישן פראלעטאריאט געשיל־

דערט צום ערשטן מאָל נישט פֿון אויסן, נאָר פֿון אינווייניק, און נישט נאָר געשילדערט אויף אַנדערע, נאָר פֿריער פֿאַר אַלץ דעמאָנסטרירט דורך דעם אייגענעם לעבן, דורך דעם וואונדערבאַרן וואוקס פֿון דער אייגענער פּערזענלעכקייט. עס איז אינטערעסאַנט נישט נאָר דאָס, וואָס לייבעטשקע דערציילט אונז וועגן זיינע חברים און פֿריינד. עס איז אינטערעסאַנט פֿאַר אַלץ צו זען, ווי אַזוי ער דערציילט און וואָס ער זעט און ווי אַזוי ער זעט די וועלט און די מענטשן. וואָרום אין דעם דריקט זיך אויס מיט אומגעוויינלעכער קלאָרקייט דער גייסטיקער אויפֿשטייג, די וואונדערבאַרע פֿאַרוואַנדלונג פֿון אַן אָרעמען האַלב-פֿאַרהונגערטן אומוויסנדיקן יינגל אין אַ באַוואוסטזיניקער, אויף דער העכסטער מענטשלעכער מדרגה שטייענדיקער פּערזענלעכקייט, וואָס פֿאַראייניקט אין זיך האַרמאָניש אַ קעמפֿערישן גייסט, סאָציאַלע קלאַסן-אידעאַלן מיט טיפֿער האַרציקער הומאַניטעט.

אויב דער „בונד", ווען לייבעטשקע אַליין באַטראַכט מיט רירנדיקער ליבע אַלס זיין גייסטיקן פֿאָטער, וואָלט נישט געהאַט קיין אַנדערע אויפֿטוען אויסער דער דערציאונג פֿון אַזעלכע לייבעטשקעס, וואָלט דאָס שוין אַליין געווען פֿאַר אים אַ גענוגנדיקע היסטאָרישע באַרעכטיקונג, און דאָס דרינגט אַרויס קלאָר פֿון דעם פֿאַרליגנדיקן בוך.

מיין טייערער לייבעטשקע! איך האָב אייך שטענדיק געקאָנט פֿאַר אַ ליבן, מוטיקן חבר און פֿאַר אַ גוטן סטאָליער, וועלכער קען מאַכן אַ פֿיין שטיקל אַרבעט. איצט האָט איר באַוויזן, אַז איר זייט אַ מייסטער נישט נאָר פֿון הובל, נאָר אויך פֿון פּען. איך גראַטוליר אייך, לייבעטשקע, אַלס דווינסקער, אַלס בונדיסט, אַלס פֿריינט.

ר. אַבראַמאָוויטש

פּאַריז, יאַנואַר 1936.

ל. בערמאַן

מיינע זכרונות

די ערשטע פראַגמענטן פון מיינע זכרונות האָב איך אָנגעהויבן פאַרצייכענען אין 1920 — נאָך זייענדיק אין ראַטן־פאַרבאַנד. אין 1922, ווען איך בין אויף אַ לעגאַלן אופן געקומען קיין פוילן, האָב איך דעם מאָגערן מאַנוסקריפּט אַריבערגעשוואַרצט די גרענעץ אין אַ פאַרשטעקט אָרט צוזאַמען מיט אַנדערע דאָקומענטן, וואָס איך האָב שפּעטער אָפּגעשיקט אין בונדישן אַרכיוו. אין די ווייטערדיקע יאָרן פלעג איך פון צייט צו צייט אָנשרייבן אַ פראַגמענט — אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אָדער יענער געשיכטלעכער דאַטע פון דער בונדישער באַוועגונג. וועגן אַ סיסטעמאַטישן, כראָנאָלאָגישן סדר פון שרייבן האָב איך נישט געקלערט.

די זכרונות וואָלטן אפשר קיינמאָל אין אַזאַ פאָרם נישט דערשינען, ווען נישט דער חבר ח. ש. קאַזדאַן, וועלכער האָט, דורכלייענענדיק די ערשטע קאַפּיטלעך, מיך געמוטיקט פאָרטצוזעצן דאָס שרייבן און מיר פאַרזיכערט, אַז די זכרונות מיינע שטעלן פאָר מיט זיך אַ געזעלשאַפטלעכן און ליטעראַרישן אינטערעס. איך האָף, אַז חבר ח. ש. קאַזדאַן וועט נישט נעמען פאַר אומגוט, וואָס איך דריק אים דאָ אויס דערפאַר מיין האַרציקן דאַנק, הגם אין אונזערע קרייזן איז דאָס נישט אָנגענומען צו טאָן אויף אַן עפנטלעכן אופן.

נישט סתּם געשיכטע פון אַ לעבן — אַ לעבן פול מיט אויסטערלישע געשעענישן וועט דער לייענער געפינען אין מיינע זכרונות. איך דערצייל אין זיי מערער דעם פאַרגאַנגענעם לעבנס־שטייגער פון דער סביבה, צווישן וועלכער איך האָב פאַרבראַכט מיין לעבן — אַ לעבן פון אַרבעט און קאַמף.

פון זיבעצן יאָר אָן בין איך אַ בונדיסט, און עס איז נאַטירלעך, אַז אין מיינע זכרונות קומען צום אויסדרוק פריער פאַר אַלץ בילדער פון לעבנס־שטייגער אין דער רעוואָלוציאָנערער וועלט פון די בונדישע מאַסן. דעריבער דאַרף מען אין מיינע זכרונות נישט זוכן קיין גענויע געשיכטלעכע דאַטעס פון געוויסע געשעענישן אין דער בונדישער און אַלגעמיין־סאָציאַליסטישער באַוועגונג פון יענער צייט.

אויך די טאַקטישע און פּראַגראַמאַטישע שטרייטיקייטן פון יענע צייטן וועט דאַ דער לייענער נישט געפינען. זיי זענען שוין באַשריבן געוואָרן אין די מעמואַרן פון וולאַדימיר מעדעם, מיכאַלעוויטש, ליט־וואַק, דזשאַן מיל און אַנדערע חברים — באַשריבן געוואָרן אַ סך שענער, בעסער און אויספירלעכער, ווי איך וואָלט דאָס געקאָנט מאַכן.

געוויס קאָן געמאָלט זיין, אַז די בילדער, וואָס איך באַשרייב דאָ, זענען טיילווייז פאַר דער פאַרלאָפענער צייט פאַרטושט, פאַרנעפּלט געוואָרן. די זעלביקע פאַרלאָפענע צייט מיט די נייע באַגריפן און איינדרוקן, וואָס איך האָב אין זיך איינגעזאַפּט, ווי אויך מיין גייסטיקע אַנטוויקלונג, וואָס איך האָב פאַר דער צייט דורכגעמאַכט, האָבן געקאָנט וואַרפן אַן אָפּשיין אויף דער וויטער פּערספּעקטיוו פון די געשילדערטע עפּיזאָדן, געקאָנט זיי צוגעבן אַ באַשטימטן קאָלאָריט. איך גלויב אָבער, אַז דאָס מוז זיין דער גורל נישט נאָר פון מיינע זכרונות.

אין מיינע זכרונות פאַרנעמט אַ וויכטיקן אָרט די שטאָט דווינסק — די שטאָט, וואו עס איז פאַרלאָפן מיין קינדהייט און יוגנט, און וואו איך האָב געשטעלט די ערשטע באַוואוסטזיניקע טריט אין לעבן שוין אַלס דערוואַקסענער. איך ווידמע דאָ דעריבער דער דאָזיקער שטאָט גופא אַ באַזונדער קאַפּיטל.

דווינסק (דענעבורג)
די שטאָט פון מיין קינדהייט און יוגנט —

צווישןביידע וועלט־מלחמות האָט די שטאָט דווינסק געהערט צו לעטלאַנד און האָט געציילט אַ באַפעלקערונג פון אַן ערך צוואַנציק טויזנט. אין געוועזענעם רוסלאַנד איז דאָס געווען אַ גרויסע פּראָווינץ־שטאָט מיט העכער זיבעציק טויזנט איינוואוינער.

צום סוף פון פאָריקן יאָרהונדערט איז דאָס געווען אַ גאַנץ אַנטוויקלטע אינדוסטריע־שטאָט מיט אַ גרויסער צאָל יידישע פאַבריק־אַרבעטער: געווען דאָרט צוויי גרויסע קנעפּל־פאַבריקן מיט עטלעכע הונדערט אויסשליסלעך יידישע אַרבעטער; אַ פּאָר טאַבאַק־פאַבריקן, וואו עס האָט געאַרבעט אַ גרויסע צאָל יידישע אַרבעטער; געווען גאַרבערייען, ביר־ברויערייען, אַ סך זעג־מילן; געווען אויך עטלעכע קלענערע און גרעסערע פאַבריקן פון „ווינער שטולן", וואו עס האָבן געאַרבעט דאָס רוב יידישע אַרבעטער; דאַן — אַ גרויסע צאָל בוי־אַרבעטער, ווי: סטאָלערס, טשעסלער, פאַרבער, מולערס, וועלכע זענען געווען באַשעפטיקט סיי אין שטאָט גופא, סיי אויף די אייזנבאַן־ליניעס, וואָס האָבן זיך דאַן געהאַלטן אין איין בויען. ועל־כולם — די באַוואוסטע זאַקסעס פאַבריק פון שוועבעלעך, מיט אירע אַכט הונדערט אַרבעטער, וואו פון העכסטן טעכנישן פירער ביזן טויער־וועכטער זענען אַלע געווען יידן.

אין דווינסק איז דאַן געווען אַ גרויסער אייזנבאַן־קנופּ פאַר דריי וויכטיקע באַן־ליניעס מיט גאַנצע דריי באַנהויפן. עס זענען דורך דער שטאָט דורכגעלאָפן די אייזנבאַן־ליניעס: פּעטערבורג—וואַרשע, ריגע—אָריאָל און ליבאַווע—ראָמני. צוליב דעם זענען דאָרטן געווען גרויסע דעפּאָ־פאַבריקן (אייזנבאַן־וואַרשטאַטן) מיט נאָר אַ גרויסער צאָל אַרבעטער. די דאָזיקע דעפּאָ־פאַבריקן האָבן אַרויפגעלייגט זייער שטעמפּל אויפן אַרבעטס־גאַנג פון דער שטאָט: דער „הודאָק" (פּייף) פון דעפּאָ האַלב זעקס פרי איז געווען אַן אָנזאָג נישט נאָר פאַר די

דעפּאָ־אַרבעטער, אַז זיי דאַרפֿן זיך אײַלן קומען צו דער אַרבעט פּונקט זעקס אַ זייגער, נאָר אויך אַנדערע פֿאַבריקן פֿלעגן ווי אַ ווידער־קול נאָכרופֿן מיט זייער פֿײַפֿן די אַרבעטער פֿון זייערע פֿאַבריקן זיי זאָלן פֿאַרלאָזן זייערע האַרטע געלעגערס. די דרײַ פֿײַפֿן פֿון „דעפּאָ" זענען געווען ווי אַ סימבאָל פֿון דער שטאָט פֿון אַרבעט, ווי דאָס איז דאַן געווען דווינסק.

דורך דעם ברייטן טײַך דווינע, וואָס גיסט זיך אַרײַן אין באַלטישן ים, פֿלעגן אין פֿרילינג און האַרבסט דורכשווימען טויזנטער „פּליטן" געהילץ (האָלץ־טראַטוועס), וואָס פֿלעגן דורך ריגע טראַנספּאָרטירט ווערן קיין אויסלאַנד. דווינסק איז געווען אַ צענטער פֿון האָלץ־מסחר, אַרום וועלכן עס זענען געווען באַשעפֿטיקט הונדערטער פֿאַמיליעס. אויף צוריק־וועגס פֿון ריגע פֿלעגן די „קאַראַלניקעס" (ווײַס־רוסישע פּויערים, וואָס פֿלעגן פֿירן די „פּליטן") זיך אָפּשטעלן אין דווינסק און מאַכן דאָ זייערע אײַנקויפֿן. דער קליינהאַנדל האָט פֿון דעם געצויגן אַ גרויסן טייל פֿון זײַן לייזונג.

אין דווינסק איז דאַן געווען אַ מיליטערישע פֿעסטונג, וואו עס האָבן שטענדיק געאַרבעט זייער אַ סך בוי־אַרבעטער — צווישן זיי אויך אַ גרויסע צאָל יידישע. אויך ביי מיליטער־קליידער איז געווען באַשעפֿטיקט אַ גרויסע צאָל יידישע אַרבעטער, איבערהויפּט פֿרויען.

די באַוועגונג צווישן די יידישע אַרבעטער האָט זיך אין דווינסק אָנגעהויבן סוף פֿאַריקן יאָרהונדערט. אין די יאָרן 1903—1902 איז שוין דער „בונד" דאָרט געווען זייער שטאַרק. די דווינסקער אָרגאַניזאַציע פֿון „בונד" איז געווען איינע פֿון די שטאַרקסטע אין יענער צייט. די ווירקונג פֿון „בונד" אין שטאָט איז געווען גרויס נישט נאָר צווישן די יידישע אַרבעטער, נאָר אויך אין די בירגערלעכע קרייזן. באַנקעטן, רעפֿעראַטן, דיסקוסיעס און אַפֿילו אַרבעטער־פֿאַר־זאַמלונגען פֿלעגן נישט זעלטן פֿאָרקומען אין די וואוינונגען פֿון דער אָרטיקער יידישער בורזשואַזיע.

אין 1904 איז זיך די אָרגאַניזאַציע אַזוי צעוואַקסן, אַז מ'האָט זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן מיט די העכער טויזנט פּאָליטישע מיטגלידער. מען האָט דאַן באַשלאָסן — נישט אַרײַנצונעמען מער קיין מיטגלידער אין דער אָרגאַניזאַציע (אַ צווייטן פֿאַל אַזאַ האָב איך נישט געהערט אין די געשיכטעס פֿון די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס).

ווייל אין די וואָכן האָבן אויסגעפּעלט טעג, ביי דער אָרגאַניזאַציע — מענטשן, און אין שטאָט — דירות, כּדי דורכצופירן אַלע קרייזן, סכאָדקעס און דיסקוסיעס.

דווינסק האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אירע עפנטלעכע גאַסן־דעמאָנסטראַציעס, מיט אירע גראַנדיעזע געהיימע פאַרזאַמלונגען פון טויזנטער אַרבעטער אין די וועלדער פון אַרום שטאָט. דווינסק איז געווען באַרימט מיט דער אַרבעטער־בירזשע אויפן אַלטן בולוואַר — שפּעטער אויף אַפּיצערסקע גאַס, פאַר וועלכע די אַרבעטער האָבן יאָרן־לאַנג עקשנותדיק געקעמפט מיט פּאָליציי און קאָזאַקן. די צוזאַמענשטויסן מיט דער פּאָליציי פלעגן זיך אָפט פאַרוואַנדלען אין אמתע שלאַכטן, מיט קרבנות פון ביידע זייטן. די גראַנדיעזע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע שטרייקן פון די דווינסקער יידישע אַרבעטער אין יענע יאָרן האָבן געשמט אין גאַנצן בונדישן ראַיאָן.

דווינסק האָט זיך אין „בונד" אויך אויסגעצייכנט מיט איר אַרבעטער־אָפּאָזיציע, וואָס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז מען האָט דאָרטן געשלאָגן מיטגלידער פון קאָמיטעט.

די דווינסקער אָרגאַניזאַציע פלעגט זיך אָפּרופן אויף אַלע פּאָליטישע געשעענישן פון יענער שטורמישער צייט.

זייער פייערלעך פלעגן דאָרט געהיים געפייערט ווערן פאַרשידענע דעמאָקראַטישע רעוואָלוציאָנערע יום־טובים: ערשטער מערץ (ווען מען האָט דערהרגעט דעם צאַר אַלעקסאַנדער דעם צווייטן), 19־טער פעברואַר (באַפרייאונג פון די פּויערים) און אַנדערע יום־טובים, וואָס פלעגן זיך פאַרענדיקן מיט די באַוואוסטע דווינסקער, בונדישע „ליאַמעס".

דווינסק האָט אַרויסגעגעבן אַ היפּשע צאָל טוער, וועלכע זענען שפּעטער געווען מיטגלידער פון צ. ק. פון „בונד", ווי אויך פון די צענטראַל־קאָמיטעטן פון בערשטער־און גאַרבער־בונדן.

דווינסק איז אַ לענגערע צייט געווען די רעזידענץ פון צ. ק. פון „בונד". דאָרט האָט זיך איין צייט געפונען דער סקלאַד און אַרכיוו פון צ. ק. דאָרט האָט עטלעכע יאָר געוואוינט י. מ. קאַפּלינסקי (לאַנגזאַם), דער מערקווירדיקער פּראָוואָקאַטאָר אין „בונד". דאָרט האָט זיך אויך געפונען זיין באַוואוסטער שלאָסער־וואַרשטאַט, וואו

ער פלעגט אויסארבעטן די געהיימע דרוקערייען, די „מעלינעס" (סעקרעטקעס צו באהאלטן שריפט און אדרעסן), וועלכע האָבן באַדינט נישט נאָר דעם „בונד", נאָר אויך אַנדערע רעוואָלוציאָנערע פאַרטייען פון געוועזענעם צארישן רוסלאַנד.

דער דווינסקער „ב. אָ." (באָיעוואָי אָטריאד — קאמף־אָרגאַניזאַציע) איז אויך געווען בארימט איבער די גרענעצן פון דער שטאָט. אין דווינסק איז אויך פאָרגעקומען די 4־טע קאָנפערענץ פון „בונד".

אזוי ארום האָט די שטאָט דווינסק אין לעבן פון „בונד" געהאַט נישט נאָר אַן אָרטיקע באַדייטונג: איר ווירקונג איז געווען אַ סך גרעסער, ווי פון אַ געוויינלעכער פראָווינץ־שטאָט פון דער דעמאָלטיקער בונדישער „מלוכה".

ווייטע, נעפּלהאַפּטע בילדער

געבוירן געוואָרן בין איך, ווי מיין טאַטע פלעגט זאָגן, חצי אלול אין אַ קליין שטעטל פון קאָוונער גובערניע. אָבער אין וועלכן יאָר ווייס איך נישט, ווייל יעדעס מאָל, ווען מיינע עלטערן פלעגן פאַרפירן אַ שמועס וועגן מיין עלטער, האָבן זיי זיך קיינמאָל נישט געקאָנט צוזאַמענרעדן: האָט דער טאַטע מיט קלאָרע ראיות דערוויזן, אַז מיין „אָפּשערעניש" איז פאָרגעקומען ביי בערל דעם קירזשנער, ביי וועלכן מיר האָבן דעמאָלט געוואוינט אין שכנות, פלעגט די מאַמע דער־מאָנען, אַז מיין „אָפּשערעניש" איז גאָר פאָרגעקומען אין זעלביקן יאָר, ווען דער טאַטע האָט זיך צוזאַמענגעשטעלט די „קנעלונג", און דאָס איז דאָך פאָרגעקומען פונקט דאַן, ווען ביי האָדלען, מיין ייִנגערער שוועסטער, האָבן זיך אָנגעהויבן שניידן די ציינדלעך און דאַן האָבן מיר נאָך געוואוינט אין מילנערס שטוב. אויף דעם האָט דער טאַטע ווידער געענטפערט, אַז דעמאָלט, ווען מיר האָבן געוואוינט אין מילנערס שטוב, האָט גאָר אָפּגעברענט די גרויסע שול און דאָס איז דאָך פאָרגעקומען אין זעלביקן יאָר, ווען זלמן־יוסף, מיין ייִנגערער ברודער, איז געבוירן געוואָרן. אָבער דאָ דער־מאָנט אים די מאַמע, אַז דאָס קאָן נישט זיין: ווייל ווען זלמן־יוסף, וואָס איז ייִנגער פאַר מיר מיט פיר יאָר איז געבוירן געוואָרן בין איך גאָר געלעגן קראַנק אויף די לינגלעך, און דאָס איז שוין געווען העט־וואו...

מיט איין וואָרט, נענוי אין וועלכן יאָר איך בין געבוירן געוואָרן האָב איך זיך פון זיי נישט געקאָנט דערוויסן. קיין מעטריקע האָב איך אויך נישט געהאַט; נאָר אַזוי ווי צום פּריזיוו בין איך געשטאַנען אין 1903, דאַרף מען אָננעמען, אַז איך בין געבוירן געוואָרן אין 1882. הגם אויך דאָס איז נישט קיין באַווייז, ווייל צוליב „לנאָטע" פאַר אַ רייכן זונדל האָט דער סטאַראָסטע פון שטעטל מיך געקאָנט אַריינשטעלן אין די „ספּיסקעס" (רשימות) פון פּריזיוו מיט אַ יאָר שפּעטער אָדער פריער.

אייגנטלעך איז נישט אַזוי וויכטיק פעסטצושטעלן דאָס יאָר פון מיין געבוירן, אָבער דער „חצי אלול", דאָס „אָפּשערעניש", דעם מילנערס און קירזשנערס הייזער זענען מיר פאַרבליבן אויף מיין גאַנצן לעבן, ווי אַ פעלער פון דער קינדהייט — ווי אַ קנייטש אין מיין זכרון... איך געדענק זייער שוואַך דאַטעס: געשעענישן און פאַקטן וועלכע איך געדענק מיט אַ סך פּרטים, קאָן איך פונדעסטוועגן נישט אַלעמאָל פאַרבינדן מיט קיין גענויעם יאָר און חודש.

און אפשר האָט דאָ אויך געשפּילט אַ ראָלע מיין דערציאונג — בעסער געזאָגט — וואָס מען האָט מיך, פּונקט ווי אַנדערע קינדער פון מיין שטאַנד, נישט דערצויגן און נישט געלערנט פאַרבינדן דעם אַרום מיט באַשטימטע טעג, חדשים און יאָרן. אין חדר איז מען געגאַנגען פון זונטיק ביז פרייטיק, און מען האָט נישט גערעכנט די טעג לויט די דאַטעס פון חודש. דער ראש־חודש מיטן האַלבן טאָג לערנען, דער סוף־זמן, דער ל"ג־בעומר מיטן חמשה־עשר און אַנדערע קינדערישע יום־טובים זענען אפילו געווען אַנגענעמע מאָמענטן אין קינדערישן וועלטל, אָבער מיטן אַרומיקן טאָג־טעגלעכן, פּראַקטישן לעבן האָבן זיי גאָרנישט געהאַט צו טאָן. קיין קאַלענדאַר אין שטוב איז אויך נישט געווען: דאָס לעבן פון „זונטיק — בולבע, מאָנטיק — בולבע" האָט זיך אין דעם נישט גענייטיקט. הגם אויף אַלע ראש־השנה פלעגט מען קויפן אין שטוב אריין אַ וואַנט־לוח, אָבער דאָס האָט מען באַטראַכט, ווי אַ צירונג אין שטוב צוליב די פּאָרטרעטן פון באַראָן הירש אָדער משה מאָנטעפיאָרע, מיט וועלכע עס זענען געווען באַפּוצט די דאָזיקע קאַלענדאַרן. אַז מען האָט אָבער געוואָלט וויסן, ווען עס פאַלט אויס דער „מולד", אָדער ווען ס'וועלן זיין שטאַרקע פרעסט, צי וועלן גיין רעגנס, האָט מען זיך דאַן געווענדט צום טאַטנס לוח מיט די רויטע, דינע פּאָדער־בלעטלעך וואָס איז געלעגן באַהאַלטן אין זיין מחזור.

אַזוי האָט זיך דאָס געצויגן אַ זמן נאָך אַ זמן, אַ יאָר נאָך אַ יאָר, און עס האָט נישט אריינגעטראָגן קיין באַשטימטקייט אין קינדערישן לעבן, נישט דיסציפּלינירט דעם זכרון. שפּעטער, אַז מען האָט מיך אָפּגעגעבן זיך „לערנען אַ טאַלענט", אַז איך בין דערנאָך אַריין אין דער אַרבעטער־באַוועגונג און אָנגעהויבן פירן אַ מער באַוואוסטזיניק לעבן, האָט זיך די לאַגע נישט געביטן: דאָס נישט רואיקע, אומלעגאַלע לעבן, דער יידישער תהום, די געצוואונגענע אָפּגעריסנקייט פון אַרומיקן, פּראַקטישן און אָפּט קולטורעלן לעבן, זענען נישט געווען

מסוגל צו פאַרריכטן די פעלערן פון דער דערציאונג, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן אין מיין קינדהייט. דעריבער איז גאַנץ מעגלעך, אַז די פאַקטן און עפּיזאָדן, וואָס איך וועל דאָ ווייטער דערציילן, זאָלן נישט אינגאַנצן שטימען מיט די דאַטעס וואָס איך וועל אָנגעבן.

***

פון מיינע ערשטע קינדערישע יאָרן געדענק איך זייער ווייניק און דאָס, וואָס עס געדענקט זיך יאָ, איז ווי דורך אַ שלייער, ווי אַ חלום פון אַמאָל. די ווייטסטע, נעפּלהאַפטע בילדער זענען — וועגן מיין אָנקומען אין חדר. עפּעס געדענקט זיך, ווי דער טאַטע האָט מיך געטראָגן אויף די הענט איינגעוויקלט אין אַ טלית פאַרביי אַ קלויסטער מיט אַ הויכן פּלויט פון אייזערנע פּרענטן. אַ הונט איז אויף אונז אָנגעפאַלן, און איך האָב פאַר מורא זיך צעשריגן. דער טאַטע האָט מיך צו זיך שטאַרק צוגעדריקט און מיר פאַרגעוואָרפן וואָס אַזאַ „חדר־יונג" שעמט זיך דאָס גאָרנישט אַזוי זיך צו צעשרייען — „קיין בושה האָט דאָס גאָרנישט". דערנאָך געדענק איך עפּעס אַ ניי־דעריקע טיר — דער טאַטע האָט זיך געדאַרפט, מיט מיר אויף די הענט, איינבייגן — אַ האַלב־פינצטער צימער, אַ סך קינדער סודן זיך און טייטלען אויף מיר מיט די פינגער, אַ סידור מיט פאַרגעלטע בלעטער, אויף וועלכן עס זענען צוזאַמען מיט מיינע טרערן געפאַלן אויך קופּערנע מטבעות, וואָס אַ מלאך האָט פאַר מיר פון אויבן געוואָרפן...

אָט דאָס איז גאָר. קיינע ווייטערדיקע איינדרוקן פון אייגנטלעך פריילעכן פּעריאָד אַפילו אין יידיש־קינדערישן לעבן. אַזוי גראָ, אַזוי איינטאָניק, ווי עס ווייזט אויס, איז געווען דער דאָזיקער ערשטער עטאַפּ פון מיין „שול־דערציאונג".

דערנאָך געדענק איך זיך אַ לאַנגע צייט אין דער היים. צי איך בין קראַנק געווען? צי עס איז נישט געווען מיט וואָס צו צאָלן דעם רבין שכר־לימוד? אָדער אפשר איז געווען קאַלט צו גיין אין חדר אין מיינע זומערדיקע בגדים? אָדער אפשר אַלץ צוזאַמען?

חוץ די דאָזיקע אָפּגעריסענע, נעפּלהאַפטע איינדרוקן זענען מיר געבליבן עטלעכע שטאַרקערע עפּיזאָדן, וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיט טרערן — מיט טרערן, ווי איך פאַרשטיי אַצינד, פון מיטלייד, פון מיטגעפיל. (דאָס האָט אָבער נישט געשטערט מיינע שטובּיקע שפּעטער צו רופן מיך „קאַלטער גזלן"). אפשר טאַקע אַדאַנק דעם

מיטלייד, וואָס איז ביי קינדער אַזוי אויפריכטיק און נייט פון טיפן הארצן האָבן זיך די דאָזיקע עפּיזאָדן אַזוי טיף איינגעשניטן אין מיין זכרון.

עס געדענקט זיך אַ קליניקייט: צו אונז אין שטוב פלעגט קומען אַלע נאַכט אַן „אָרעם-בחור" אויף נאַכטלעגער; אַ דאַר, קליין יינגל מיט גרויסע פאַרנעפּלטע אויגן און מיט אַ בלאַס פּנים. מיר זענען ביידע צוזאַמען געשלאָפן אויפן אויוון. קיין באַזונדערע פריינטשאַפט האָט, דאַכט זיך, צווישן אונז נישט געהערשט, נאָר איך האָב אויף אים רחמנות געהאַט וואָס ער דאַרף נעבעך נעכטיקן ביי פרעמדע. איינמאָל אַ פרימאָרגן, אַז מיר זענען אויפגעשטאַנען, האָט דאָס יינגל בשום אופן נישט געקאָנט געפינען זיין זעקס-קאַנטיק היטעלע. אַראָפּגיין פון אויוון אָן אַ היטל האָט ער זיך געשעמט, איז ער געבליבן זיצן אויפן אויוון אַ פאַרדאַנהטער איבער זיין לאַגע. איך האָב אים געהאָלפן זוכן, געטרייסט, פאַרגעלײנט דעם טאַטנס אַלטע יאַרמולקע, אָבער ער האָט אויף דעם מיט קיין זאַך נישט רעאַגירט און אַלץ געקוקט הילפלאָז אין איין פונקט מיט זיינע טרויעריקע, פאַרנעפּלטע אויגן. זיין צער, האָט זיך מיר געדאַכט, איז געווען זייער גרויס, און איך האָב פאַר רחמנות צעוויינט זיך אויפן קול. אויף מיין געוויין האָבן זיך אומגעקוקט די שטוביקע, און אַז זיי האָבן זיך דערוואוסט די סיבה פון מיינע טרערן, האָט מען מיך גוט אויסגעזידלט, געהאָלפן אויסזוכן דאָס היטעלע, און דער „גולם" האָט אויפגעהערט צו „רעוון".

איך געדענק אַ צווייטן עפּיזאָד וואָס האָט געלאָזן אַ שטאַרקן רושם אויף מיינע קינדעריש געפילן. דאָס איז אויך פאָרגעקומען אין אַ פרימאָרגן: עס האָבן מיך אויפגעוועקט קולות — דאָס האָבן זיך געקריגט דער טאַטע מיט דער מאַמען. קריגעריי — דער שטענדיקער באַגלייטער פון אָרעמקייט און נישט-גלייכע שידוכים וואָס „טאַטע-מאַמע" האָבן פאַר זייערע קינדער אויסגעקליבן — האָט זיך ביי אונז אין שטוב, אין מיינע קינדער-יאָרן, געלאָזט הערן זייער אָפט. איך געדענק, ווי די מאַמע האָט אַלץ גערעדט און געשאָלטן און דער טאַטע, ווי זיין טבע איז געווען, האָט געשוויגן. און טאָמער האָט ער זיך שוין יאָ ווען אָפּגערופן, האָט ער מער נישט געקאָנט אַרויסריידן, ווי „בעט בעסער פאַר זיך גוטס, איידער פאַר יענעם שלעכטס". אויף דעם פלעגט די מאַמע ענטפערן: „פאַר דיר שלעכטס איז פאַר מיר גוטס"...

דאָסמאָל, ווי עס ווייזט אויס, האָט די מאַמע אים מיט אירע רייד אַזוי דערנומען, אַז ער האָט זיך נישט איינגעהאַלטן און איר עפּעס

מיט האַרץ געזאָגט. די מאַמע איז געוואָרן אַן אויפגעקאָכטע. זי האָט זיך אויף אים געוואָרפן מיט געשרייען און קללות, אויף וואָס דער טאַטע האָט נישט געענטפערט. זיין שווייגן האָט איר, אפּנים, נאָך מער דענערווירט, און זי האָט זיך אויף אים געוואָרפן מיט די פויסטן. דער טאַטע האָט איר מיט כּעס אָפּגעשטופּט און זי איז אומגעפאַלן. דאַן האָט די מאַמע געכאַפּט עפּעס אַ האַרטע זאַך און מיט דעם אַזאַ שטאַרקן קלאַפּ געטאָן דעם טאַטן איבער דער האַנט, אַז ער האָט פּאַר ווייטיק אויסגעשריגן און זיך אַראָפּגעלאָזן אויף אַ בענקל. די מאַמע האָט זיך, מסתּמא אויס חרטה, צעוויינט. עס איז געוואָרן אַ געשריי פון די קינדער. איך האָב זיך אויך צעשריגן. איך געדענק, ווי דער טאַטע איז געזעסן אַ בלאַסער, ער האָט שווער אָפּגעזיפצט, און אין אַ ווײַלע אַרום איז ער אַרויס פון שטוב, נישט זאָגנדיק קיינעם קיין וואָרט. די מאַמע האָט אונדז איינגעשטילט, נאָר איך האָב אין זיך שטיל געוויינט און דאָס האַרץ האָט מיר, געדענק איך, ווי געטאָן אויס רחמנות צום טאַטן.

אין די צאַנקערייען צווישן מיינע עלטערן בין איך אַלע מאָל געשטאַנען אויף דער זייט פון פּאָטער. הגם אַצינד, אַלס דערוואַקסענער מענטש, זע איך די מאַמען אין אַ גאַנץ אַנדער ליכט און איך פאַרשטיי איר אינערלעך לעבן און געפילן בעסער, ווי דאַן.

די מאַמע מיינע, ווי עס ווייזט אויס, איז אין דער יוגנט געווען זייער אַ שיינע. פון די „פאַמיליע־שמועסן" ווייס איך, אַז מיידלווייז האָט מען איר גערעדט שידוכים מיט די רייכסטע בחורים פונעם שטעטל. האָבן אָבער אירע עלטערן זי געוואָלט חתונה מאַכן פאַר אַ לערנער; האָבן זיי איר אויסגעקליבן „איר באַשערטן" — אַ בחור אַ למדן — „אַ באַוואָרנטער פון גוייאישע הענט", מיט אַ קראַנקן פוס און אַ האַלב־געליימטער האַנט. עס פאַרשטייט זיך, אַז די מאַמע האָט אין אים איינגעזען איר רוצח, איר קוילער.

נאָך די „קעסט" האָט זיך דער טאַטע געמאַכט אַ קנעלונג. ער האָט עס אָבער אינגיכן געמוזט וואַרפן, ווייל ער איז געווען אַ הוסטער און דאָס קנעלן איז אים געווען שעדלעך. וואָס צו טאָן אין קליינעם שטעטל — איז נישט געווען. קיין עלטערן אָדער פריינט האָט דער טאַטע נישט געהאַט. דער מאַמעס עלטערן זענען געווען אָרעמע באַלעבאַטים (דער פאָטער אירער איז געווען אַ „קאַרע־בעלניק" — דאָרף־גייער) און שטיצן די טאָכטער האָבן זיי נישט געהאַט מיט וואָס, — איז מען אַריבערגעפאָרן אין דער גרויסער

שטאָט דענעבורג (דווינסק), וואו „פּרנסה קלעקט פאַר אַלעמען און גאָט וועט נישט פאַרלאָזן”. אין דער גרויסער שטאָט וואַלגערן זיך אָבער אויך נישט קיין פּרנסות אין די גאַסן. און אין די ערשטע יאָרן, איידער מען האָט זיך צוגעוואוינט צו די גרויסשטאָטישע באַדינגונגען, איז געווען זייער ביטער.

דער טאַטע האָט זיך גענומען צום „האַנדל”. אינדערפרי פלעגט ער זיך אָנוועקלאָזן מיט אַ פּלעשל בראָנפן אין קעשענע, מיט אַ קוישל אין האַנט אָנגעפילט מיט געבעקס, גאָמולקעס, איינגעבערלעך און אַנדערע „צובייסנס”. מיט דעם פלעגט ער אַרומגיין אַ גאַנצן טאָג איבער די יידישע וואַרשטאַטן (איבערהויפּט שניידערישע) און פאַרקויפן די אַרבעטער אויף באָרג ביז פרייטיק די אַלע דערקוויקנדיקע מאכלים (מיט דער צייט איז דער טאַטע געוואָרן ביי די אַרבעטער אַן אייגענער מענטש, און ווען עס האָט זיך שפּעטער אָנגעהויבן די אַרבעטער־באַוועגונג, איז ער אָפט געווען אַ פאַרמיטלער אין די סכסוכים צווישן זיי מיט די באַלעבאַטים). פון דעם קוישל און פון דער דאָזיקער „סחורה אויף באָרג” האָט מען דאָס געדאַרפט ציען די חיונה. נישט איין מאָל איז מען אָן מען ברויט געזעסן, נישט איין פאַרשטערטן שבת געהאַט. און אַז די אַרבעטער האָבן פרייטיק נישט באַצאָלט זייערע חובות, ווייל זיי האָבן פון די באַלעבאַטים קיין געלט נישט באַקומען, איז שוין נישט געווען מיט וואָס צו קויפן נייע סחורה, און דאָס „געשעפט” האָט זיך געמוזט אויף עטלעכע טעג אָפּשטעלן.

קינדערלעך זענען דערווייל געבוירן געוואָרן און געשטאָרבן; מיילער זענען אָבער דאָך צוגעקומען, און דאָס לעבן איז געוואָרן אַלץ שווערער. איבערהויפּט איז שלעכט אין שטילן סעזאָן: די וואַרשטאַטן זענען פּוסט, קיין אַרבעט איז נישטאָ, אויף לאַנגן באָרג קאָן דער טאַטע נישט געבן און די אַרבעטער אַליין ווילן טאַקע נישט נעמען אויך, ווייל, ווער ווייסט ווי לאַנג דאָס קען זיך ציען?

איינמאָל, געדענק איך, איז אָנגעקומען אַ בייזער, קאַלטער ווינטער. איך ווייס נישט, ווי אַלט איך בין דאַן געווען, נאָר איך געדענק זייער גוט די געשפּרעכן, וואָס האָבן זיך דאַן געפירט וועגן די פרעסט וואָס אַלטע לייט געדענקען נישט אַזוינע. ווי עס ווייזט אויס זענען מיט דעם דאָזיקן ווינטער פאַרבונדן טיפע קינדערישע איבערלעבונגען, ווייל דאָס וואָס איך געדענק, געדענק איך אַזוי שאַרף, מיט אַזוי פיל איינצלהייטן, אַז אָפט דאַכט זיך מיר דאָס

איך האָב עס גאָרנישט לאַנג איבערגעלעבט אָדער געהערט דערציילן אַט דאָס טרויעריקע בלעטל פון מיין קינדהייט.

מיר, קינדער, זענען נאָך געלעגן מיט דער מאַמען אין בעט און זיך געטוליעט צו איר מאָגער לייב. אין שטוב איז געווען קאַלט; מיט וואָס צו הייצן איז, אפנים, נישט געווען. דאָס איינציקע פענצטער, טיילוויז פאַרשטעקט מיט שמאַטעס, איז געווען פאַרפּעלצט מיט אייז און פראָסט. דער טאַטע האָט געדאַווענט און פון צייט צו צייט שטיל געזיפצט. די מאַמע איז געלעגן שטיל, מיט אָפענע אויגן איינ־געדרונגען אין דער לופט, די ליפּן צוזאַמענגעפּרעסט, — דאָס האָט אַביסל פּחד געוואָרפן אויף אונז, קינדער. מיר האָבן אינסטינקטיוו געפילט, אַז דער מאַמען דאַרף מען אַצינד נישט ערגערן, און מיר האָבן זיך געמיט צו ליגן שטיל. איינער פון אונז האָט אָבער נישט אויסגעהאַלטן און מיט אַ וויינענדיק קול אויסגעצויגן דעם באַקאַנטן ניגון פון אָרעמע קינדער — „מאַמע, איך וויל ע־ע־ע־ס־ס־ן". און דאָס איז געווען גענוג. עס האָט געפּלאַצט דאָס אָנגעווייטיקט־פאַרגליווערטע האַרץ פון אַ מוטער וואָס דאַרף צוהערן דעם הונגער־געשריי פון אירע קינדער און האָט זיי נישט מיט וואָס צו שטילן.

— עסן? ווערעם זאָלן אייך עסן! וואו זאָל איך אייך נעמען? וואָס זאָל איך אייך געבן? די צרות מיינע?! ביים טאַטן אייערן, דעם „פּאַרדינער", פאַר וואָס בעט איר נישט? וואָס האָט איר זיך אָנגעזעצט אויף מיר, מיינע פייניקער?!

א ווײַלע איז זי געבליבן שטיל און עס האָט זיך נאָר געהערט דאָס שטילע כליפּען פון דעם הונגעריקן קינד. דערנאָך האָט זי ווייטער אָנגעהויבן רעדן, שוין צום טאַטן, פאָדערן פון אים ער זאָל עפּעס טאָן. „מיר וועלן דאָך אַלע פון הונגער אויסגיין". עס האָט זי, אפנים, אויפגערעגט וואָס דער טאַטע דאַוונט אַזוי לאַנג און זי רעדט אַרויס מיט גיפט: „אַז עס אַרט אים גאָרנישט, ס'קימערט אים גאָרנישט פאַר די עופהלעך; אַנדערע טאַטעס בעטלען אפילו, אַבי קינדער ביים לעבן צו דערהאַלטן, און ער דאַוונט גאָר גאַנצע דריי שעה, דער צדיק מיינער".

דער טאַטע האָט פאַרענדיקט דאָס דאַוונען, זיך אָנגעטאָן דעם אויבער־בגד, זיך ארומגעגאַרטלט מיט אַ שטריק עס זאָל אים זיין וואַרעמער, דער ווינט זאָל נישט בלאָזן, גענומען דאָס ליידיקע קוישל און געלאָזן זיך צו דער טיר. דאָ האָט זיך די מאַמע פון בעט אַ כאַפּ געטאָן און אים אָפּגעשטעלט מיט די ווערטער: „וואַרט אַביסל,

וואו לויפסטו אַ ניכטערער אין אַזאַ פראָסט! די גרויסע פּרנסות דיינע וועלן אַנטלויפן?!"

זי האָט אַרויפגעוואָרפן אויף זיך אַ קליידל און אַרויס לייען ביי אַ שכנה אַ גלעזל „וואָרעמס" פאַרן „הוסטער". אַז זי איז צוריק־געקומען, איז דער טאַטע שוין נישט געווען אין שטוב. די מאַמע איז געבליבן שטיין אַ צעטומלטע מיט דעם גלאָז שוואַרצע ציקאָריע אין האַנט, זיך עטלעכע מאָל אַרומגעקוקט און פּלוצלינג זיך צעוויינט. אויף איר קוקנדיק, האָבן מיר זיך אויך צעשריגן אויפן קול. די מאַמע האָט אויף גיך אויסגעווישט די טרערן און ווייטער אריין צו אונז אין בעט, איינגעשטילט אונז מיט קושן און מיט גוטע רייד:

— באַלד וועט קומען דער טאַטע, ער'ט ברענגען גוטע זאַכן; איך וועל געבן האָדעלען, לייבעלען, שלמהלען — זיי זענען גו־ו־ו־טע־ע־ע קינדער — זיי וויינען נישט. איך האָב זיי האָלט...

דערנאָך האָט זי אונז דערציילט מעשהלעך — מעשהלעך פון יענער וועלט, פון גן־עדן, וואו עס איז דאָ אַזוי פיל גוטע זאַכן פאַר קינדער, וואָס וויינען נישט. מיר האָבן זיך געפּלייסט נישט צו וויינען און געמסרט איינער אויפן צווייטן, אַז יענער האָט געוויינט און אים וועט מען טאַקע אויף יענער וועלט דערפאַר נישט געבן פון די אַלע גו־טע זאַכן. די מאַמע האָט מיט אונז מיטגעלאַכט. און אַז דער הונגער האָט ביי אונז פאַרט אַרויסגערופן טרערן, האָט זי מיט אונז מיטגע־וויינט, ביז מיר זענען איינציקווייז איינגעשלאָפן אין איר שוים.

***

אַז איך האָב זיך אויפגעכאַפּט איז שוין געווען נאַכט. די מאַמע האָט שוין געצונדן דאָס נאַפט־לעמפּל און אין צימער האָבן זיך פאַר־שפּרייט ברייטע, צעשוואָומענע שאָטנס. פון יענער זייט טיר האָט זיך דערהערט אַ גראַבלען. עס האָט אַ קלאַפּ געטאָן די קליאַמקע, עס האָט זיך געעפנט די טיר און אַ ווייסע פראָסטיקע פּאַרע האָט אַריינ־געשטופּט דעם טאַטן אין שטוב.

די גאָלד־ברוינע באָרד איז ביי אים געווען פאַרפרוירן, מיט שטיקלעך אייז באַהאַנגען און דער קראַנקער פּוס זיינער האָט זיך נאָכגעשלעפּט שווערער ווי שטענדיק. די מאַמע איז געווען צו אים גוט, האָט אים געהאָלפן אויסטאָן דעם אויבער־בגד, געפרעגט צי אין דרויסן איז אַ גרויסער פראָסט און צי ער האָט עפּעס וואָס געגעסן.

דער טאַטע האָט אוועקגעשטעלט דאָס קוישל אין ווינקל, האָט עפּעס נישט דייטלעך געענטפערט דער מאַמען און זיך געשטעלט דאַוונען מעריב.

איינציקווייז זענען מיר אַראָפּ פון בעט, זיך צוגעשאַרט צום קוישל און אָנגעטאַפּט אויפן דעק פאַרפרוירענע פּענעצעס ברויט. אַז די מאַמע האָט דערזען ביי אונז אין די הענט די פּענעצעס ברויט פון „מענטשנס גאַב", איז זי שרעקלעך בלייך געוואָרן און אויסגעשריגן נישט מיט איר קול:

— חיים אברהם! מער זאָל דאָס מיר נישט זיין! דו הערסט, חיים אברהם?! איך וועל זיך מיט די קינדער בעסער אין טייך אריינוואַרפן!

מיר זענען אַלע מיטאַמאָל שטיל געוואָרן. דער טאַטע האָט גאָרנישט געענטפערט. ער איז געשטאַנען איינגעבויגן מיטן פּנים צום וואַנט און גדאַוונט. דער שאָטן זיינער האָט זיך אָפּגעשלאָגן אויף דער צווייטער וואַנט און די פּלייצעס זיינע האָבן ביי אים עפּעס מאָדנע געצוקט און שטאַרק זיך געטרייסלט...

דער טאַטע פאַרלאָזט די היים

אין זעלביקן ווינטער, אָדער מיט א ווינטער שפּעטער, איז דער טאַטע אין איינעם א פרימאָרגן אוועק פון שטוב און נישט געקומען צוריק נעכטיקן. עס איז דורך א טאָג, א צווייטער, און דער טאַטע איז אַלץ נישטאָ. ערב שבת האָט זיך די מאַמע געגרייט, אַז אויף שבת וועט דער טאַטע זיכער קומען. עס איז אוועק דער שבת און דער טאַטע איז אַלץ נישט געקומען.

אין שטוב איז געוואָרן מאָדנע שטיל און טרויעריק, ווי מען וואָלט נישט לאַנג אַרויסגעטראָגן א מת. די מאַמע פלעגט שטילער־הייט אָפּט און לאַנג וויינען, אויסבאַהאַלטנדיק פון אונז אירע טרערן.

אַזוי זענען אוועק וואָכן און שבתים, שבתים און וואָכן — ביז די מאַמע האָט אויפגעהערט וויינען, אַזוי ווי עס וואָלטן ביי איר אויס־געטריקנט געוואָרן די טרערן. דאָס פּנים איז ביי איר געוואָרן פאַר־שטאַרט און טרוקן ווי פאַרמעט, די ליפּן — צוזאַמענגעפּרעסט און בלוי.

קוקנדיק אויף דער מאַמעס פּנים, זענען מיר, קינדער, אויך געוואָרן שטיל און איינגעהאַלטן. מיר האָבן זיך באַמיט זי נישט צו דערצאָרענען און נישט איינמאָל דערשטיקט אין זיך דעם יצר־הרעדיקן פאַרלאַנג צו בעטן עסן.

פון צייט צו צייט זענען שכנים אַריינגעקומען מיט אַן אויס־רייד: זיך אויף עפּעס נאָכפרעגן און אוועקגיין; אַנדערע פלעגן עפּעס איבערלאָזן אין א פּעקל, אויף וועלכן מיר, קינדער, האָבן געקוקט מיט נייגיר און דערוואַרטונג. אין אַזעלכע פאַלן פלעגט זיך ביי דער מאַמען עפּענען א באַהאַלטענער קוואַל און פון אירע טרוי־קענע שיינע אויגן האָבן אָנגעהויבן, ווי פון זיך אַליין, זיך קייקלען גרויסע טראָפּנס טרערן. דאָס האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט. נאָך מיט נאַסע אויגן פלעגט זי אויפבינדן דאָס פּעקל און מיר האָבן געזעטיקט אונזערע קינדערישע שטענדיק הונגעריקע מאַגנס.

די מאַמע פלעגט פון צייט צו צייט אוועקגיין אויף א גאַנצן טאָג, נישט זעלטן אויף א טאָג מיט א נאַכט, און מיר זענען געבליבן אַליין

מיינע עלטערן



די באַן-בריק איבערן טייך דווינע

דער „פלאַץ-פּאַראַד" אין דווינסק

אין שטוב און איבערגעלעבט דעם גרויל און שרעק פון קליינע קינדער, וואָס האָרכן זיך אין דער פינצטער צו, ווי עס גראַבלען די מייז: דאָ אונטער דער פּאָדלאָגע; דאָ, דאַכט זיך, אויפן טיש. מיר פלעגן אַריינקריכן צו דער מאַמען אין בעט, צוטוליען זיך איינער צום צווייטן, איינגעהאַלטן דעם אָטעם, און ביים קלענסטן שאָרך אויפ־ציטערן. מיר פלעגן לאַנג און מיט ווייטיק איינהאַלטן זיך און מורא האָבן אַראָפּצוגיין משתין־זיין, ביז מיר זענען איינגעשלאָפן און געטאָן אין חלום דאָס, וואָס מיר האָבן נישט געקאָנט טאָן בעת מיר זענען געווען וואַך. דערפאַר פלעגט אָבער דער פרימאָרגן זיין אונז אַ באַ־לוינונג פאַר אַלע קינדערישע שרעק און מענטשלעכע פּיין — מיר האָבן זאַט אָפּגעגעסן.

די מאַמע מיינע, ווי עס ווייזט אויס, האָט געמוזט זיין אַ גרויסע בריה. זי האָט געקאָנט גוט קאָכן און באַקן און מען פלעגט זי פון צייט צו צייט איינלאַדן אויף חתונות צוצוגרייטן די חופּה־וועטשערע, פון וועלכער מיר האָבן אויך אַ כּשרן אָדער „נישט־כּשרן" אופן אויך געגנאָסן. דאָס האָט אָבער פּאַסירט נישט אָפט און נישט זעלטן פלעגן מיר, קינדער, באַדויערן וואָס מיר האָבן נישט קיין געלעגנהייט צו בלייבן אַליין און ווייטער איבערלעבן די פּיין און גרויל פון יעדן קלאַנג און שאָרך.

אַזוי האָט זיך דאָס געצויגן אַ גאַנצן ווינטער.

ערב פּסח, ווען אין שטוב איז מען געווען פאַרנומען מיטן רוימען און שייערן, האָט זיך געעפנט די טיר און אין שטוב האָט זיך מיט לאַנגזאַמע טריט אַריינגעלאָזן אַ ייד אין אַ לאַסטיקענער זשופּיצע מיט אַ געדרייטן גאַרטל און אין אַ הויכן אויסגעריבענעם צילינדער־הוט.

מיר, קינדער, האָבן פאַרגאַפט געקוקט אויפן פרעמדן ייד אין מאָדנעם הילוך און נישט פאַרשטאַנען וואָס ער וויל. די מאַמע, באַמערקנדיק דעם ייד, האָט מיט אַ לייכטן אויסגעשריי אַראָפּגעלאָזן זיך אויף אַ דערבייאיקן שטול און מיט אַ שוואַכער שטים, ווי אַ זיפץ, אַרויסגערעדט:

אוי, חיים־אַברהם! זע, ווי דו זעסט אויס...

דאָס איז געווען דער טאַטע. ער האָט, ווי אַ פאַרזינדיקטער, געקוקט אין אַ זייט, מיט קיינעם נישט גערעדט. מיר, קינדער, האָבן נישט געהאַט די דרייסטקייט נאָענט צוצוגיין צו אים און זיך פאַר־רוקט אין די ווינקעלעך. די מאַמע האָט זיך אָפּגעקערט צו דער וואַנט, לאַנג געשוויגן און פון צייט צו צייט געהויבן דעם פאַרטוך צום פּנים.

אין שטוב איז געוואָרן עפּעס מאָדנע אומהיימלעך און קאַלט. א גאַנצן טאָג האָט דער טאַטע נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט און אויך די מאַמע האָט די שטוב־אַרבעט געטאָן מיט פאַרפּרעסטע, בלייכע ליפּן.

אויף יום־טוב האָט מען דעם טאַטן געקויפט א געוויינלעכן קאָרטענעם בגד, א טוכן בלוי היטל מיט א פלאַטשיקן דעק און דער טאַטע האָט באַקומען זיין געוויינלעכן אויסזען. אין שטוב איז געוואָרן היימלעכער און דער פּסח, דאַכט מיר, איז געווען א זאַטער און א רואיקער.

איך דערמאָן מיך נישט אַז די שטוביקע זאָלן שפּעטער האָבן גערעדט צווישן זיך וועגן דעם, וואו דער טאַטע איז געווען דעם דאָזיקן האַלבן ווינטער און מיט דער צייט האָב איך וועגן דעם אינגאַנצן פאַרגעסן.

מיט יאָרן שפּעטער, זייענדיק שוין א דערוואַקסענער, ווען איך האָב זיך באַקענט מיט ליטעראַטור און דורכגעלייענט אברהם רייזינס דערציילונג „דער מגיד" (וועלכער שרייט אויס צום עולם, וואָס וויל נישט הערן זיין מגידות: „יידן, איך האָב א ווייב מיט קינדער!") — האָב איך זיך פלוצלונג דערמאָנט אָן טאַטנס לאַסטיקענער זשופּיצע מיטן צילינדער־הוט. ערשט דאַן איז פאַר מיר קלאָר געוואָרן די ראָל, וואָס זיי האָבן געשפּילט אין איינעם פון די עטאַפּן פון זיין שווער און ביטער לעבן.

מיינע מלמדים

אז איך בין אַלט געוואָרן אַ יאָר אַכט — ניין, האָט מען מיך אָפּגעגעבן אין תּלמוד־תּורה. געווען זענען דאָרט פיר אָדער פינף חדרים (אָפּטיילונגען): פאַר עברי, חומש, תּנ״ך און צוויי חדרים פאַר גמרא. איך בין אָנגעקומען גלייך צום חומש־מלמד — צו נח־מענדלען.

נח־מענדל איז געווען אַ הויכער ייד מיט אַ רויטלעכער באָרד און געלן שווינדזיכטיקן פּנים. געלערנט האָט ער מיט אונז, ווי איך פאַרשטיי אַצינד, מיטן גאַנצן האַרצן — געוואָלט, מיר זאָלן „קענען" און אויסוואַקסן „מענטשן". אָבער זיין פּעדאַגאָגישער באַגאַזש איז, ווי עס ווייזט אויס, געווען זייער קליין און אַלט — אפשר אַזוי אַלט ווי דער חומש, פון וועלכן ער האָט מיט אונז געלערנט.

דאָס לערנען אין יענער צייט, מיט העכער פינף צענטליק יאָר צוריק, איז באַשטאַנען אין „חזרן": דער רבי פלעגט פאַרטייטשן אַ פּסוק, און די תּלמידים פלעגן אַלע מיטאַמאָל אויפן קול, מיט אַ ניגון נאָכזינגען. אַזוי פלעגט דער רבי אונזערער אַרומגיין די שוואַרץ־געפאַרבטע לאַנגע טישן, וואָס זענען געווען אויסגעשטעלט ווי אַ „ח", די הענט פאַרלייגט אַהינטער, דעם קאָפּ איינגעבויגן פאָרויס, און מיט אַ הייזעריקער שטים אונז אַריינטייטשן אַ פּסוק נאָך אַ פּסוק. פון צייט צו צייט שטעלט ער זיך אָפּ ביי אַ יינגל און פרעגט אים געלאַסן, וואָס ער האָט. אין חדר ווערט שטיל. מען ווייסט, אַז דער רבי האָט אַ שאַרף אויג און דערקענט ווער עס האָט זיך פאַרקוקט אָדער פאַר־שפּילט. טאָמער האָט דאָס יינגל נישט געוואוסט וואו מען האַלט, איז צוערשט געפלויגן אַ פּאַטש. דאָס איז געווען נישט קיין פּאַטש, ווי מען שטעלט זיך דאָס געוויינלעך פאָר — דאָס איז געווען אַ מין ברי פון אַ שמיץ מיט די פיר טרוקענע, זעלטן בייגעוודיקע, האַרטע פינגער — פון דער זייט האַנט, וואו די קנעכלעך זענען. דערביי האָט ער דאָס געמאַכט אַזוי קונציק פלינק, אַז מען האָט גאָר קיין צייט נישט געהאַט זיך איינצובייגן. דערנאָך ערשט האָט די „צופלינע", וואָס איז באַ־שטאַנען פון פינף רימענע „לאָקשן", אָנגעהויבן אַרבעטן איבערן

קאָפּ, איבערן געזיכט, איבער די אַקסלען. מער דערפאַרענע פלעגן גיך אויפשטעלן דעם קאָלנער, אַריינציען די פינגער אין אַרבל און אַזוי־אַרום מיטן עלנבויגן שיצן דאָס געזיכט.

פיינלעך איז אָבער געווען נישט אַזוי דאָס שמייסן, ווי דאָס ציטערן בעת דער רבי איז אַריבער צו שטראָפן מיט רייד: — אַזאַ קאַלבאַסניק נישט קאָן! — איז געווען אַלעמאָל דער אָנפאַנג. דערביי פלעגט ער זיך פאַרמעסטן מיט דער „צופלינע", פון וואָס דאָס בלוט איז פאַרגליווערט געוואָרן, ווייל מען האָט נישט געוואוסט צי זי וועט זיך דאָס מאָל אַראָפּלאָזן, צי נישט. די נערוועזע אָנשטרענגונג פונעם דערוואַרטעטן קלאַפּ האָט מערער געפּייניקט ווי די שמיץ גופא.

פונדעסטוועגן האָבן מיר, תּלמידים, נישט געטראָגן קיין שטאַרקן כּעס אויף אונזער רבין נח־מענדל. אפשר איז דאָס געווען דערפאַר, ווייל ער פלעגט אונז זעלטן שמייסן אויפן הוילן לייב, וואָרום וואָס פאַר אַ ווערט האָט דער ווייטיק פון שמיץ מיט אַ דינעם רימען איבערן אויבערשטן טייל קערפּער, ווען מען קאָן זיך שיצן מיטן עלנבויגן, אונטערשטעלן אַמאָל איין אַקסל, אַמאָל אַ צווייטן, אַמאָל דעם רוקן אד"גל — לגבי דעם ווייטיק פון בזיון געשמיסן צו ווערן אויפן „הוילן לייב"? דאָס אַראָפּלאָזן די הייזלעך, דאָס ליגן זיך אויפן בענקל, דאָס האַלטן פאַר די פיס און דערנאָך — אָ, גאָט! — דאָס אויפהייבן זיך און צוריק פאַרבינדן און פאַרשפּיליען די קנעפּלעך און בענדלעך... וויפיל בלוט איז אין יענער צייט אויס־גערונען פון אָרעמע יינגע קינדערישע הערצלעך, וויפיל ווייטיק און בושה זיי פאַרשאַפט!

צו יענער צייט האָט מיט אונז צוזאַמען געלערנט אַ יינגל, וועמען דער רבי האָט אָבער כּמעט אַלע מאָל געשמיסן נאָר אויפן „הוילן לייב". ער איז געווען אַ יתום. דאַכט זיך, אָן אַ טאַטן און אָן אַ מאַמען. זיין פאַמיליע־נאָמען איז געווען באָרי. גערופן האָבן מיר אים — „באָרקע". דאָס איז געווען אַ יינגל אַ דאַרס, אַ רירעוודיקס, מיט שפּיציקע געזיכטס־שטריכן, מיט איינגעפאַלענע באַקן און אַ בלייך געזיכט. ער האָט פאַרמאָגט אַ זעלטענעם טאַלענט און אַ שטאַרקע נייגונג צו שפּרינגען. ער האָט געקאָנט אַריבערשפּרינגען איבער נישט־צוגעפּאַסטע, פאַר זיין גרויס און עלטער, קעגנשטאַנדן און שטרעקעס. פאַר אונז, קליינוואַרג, איז געווען אַן אמתער פאַרגעניגן צוצוזען זיינע קונצן און ווי נאָר דער רבי פלעגט אַרויסגיין — פלעגן מיר גלייך

צושטיין צו אים ער זאָל אַריבערשפּרינגען איבערן רבינס שטענדער, איבערן טיש, איבערן העכסטן יינגל און אַנדערע. באָרקע פלעגט זיך קיינמאָל נישט לאָזן בעטן. ביי דעם דאָזיקן פאַרברעכן פלעגט אים טאַקע דער רבי זייער אָפט כאַפּן און דערפאַר אים „אָפּטאָן זיין רעכט": ער האָט אים אַ כאַפּ געטאָן פאַרן קאָלנער, אויפגעהויבן אין דער לופטן און עפּעס אַזוי קונציק אַראָפּגעצויגן פון אים די הייזלעך, אַריינגענומען זיין קאָפּ צווישן די פיס, לאַנג און בייז געקאַטעוועט, צושרייענדיק דערביי: „קאָלבאַסניק", „שפּרינגער" און ענלעכע צונעמען. באָרקע פלעגט שרייען מיט שרעקלעכע קולות, זיינע געשרייען האָבן געשניטן ביים האַרצן, ווייל יעדער פון אונז האָט דאָך געהאַט אַ חלק אין זיין „שולד".

דערנאָך פלעגט באָרקע לאַנג און ביטער וויינען. אַלס צייכן פון מיטגעפיל פלעגן מיר אים שטילערהייט אונטערטראָגן, ווער אַ פּאָלירט קנעפּל, ווער אַ פּענע, ווער אַ שטיקל קאָלירט גלאָז, אַ בייגל, אָדער טאַקע אַ שטיקל ברויט באַשמירט מיט „סיראָפּ" (פּאַטאָקע).

פלעגט אָבער טרעפן, אַז באָרקע האָט זיך „פאַרזינדיקט" שבת ביים לערנען פּרק, איז דאָס שמייסן פאָרגעקומען שוין נישט מיט דער „צופלינע": ביים שמייסן האָט זיך געקאָנט אַראָפּברעקלען אַ שטיקל רימען און דער רבי וואָלט דערמיט עובר געווען אויף אַ לאו... ער פלעגט אים דעריבער דאַן שמייסן מיט דער הוילער האַנט אויפן נאַקעטן הינטער־חלק. דאָס פלעסקען פון זיין בויגעוודיקער האַנט אויפן נאַקעטן קערפּער האָט משונהדיק אָפּגעהילכט אין הויכן געמויערטן חדר און אַרויסגערופן אַ געפּיל פון עקל און בזיון צוזאַמען. נאָך דער „שבתדיקער" אַרבעט האָט מען דעם רבין געדאַרפט ברענגען וואַסער צו וואַשן די הענט וואָס זענען טמא געוואָרן ביים אָנרירן זיך אָן באָרקעס נאַקעטן הינטער־חלק.

באָרקע איז שפּעטער געוואָרן אַ שוסטער. ער איז, ווי אַ סך געוועזענע תלמוד־תורה־קינדער, אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. געווען אַ מיטגליד אין אַ „סכאָדקע". פון זיין אַמאָליקן לעבעדיקן כאַראַקטער איז כמעט קיין סימן נישט פאַרבליבן. אַפּנים, אַז דער רבי נח־מענדל אָדער אַנדערע דערציער האָבן אים „דאָס שפּרינגען" פון קאָפּ אַרויסגעשלאָגן.

ווי געזאָגט, האָבן מיר, תּלמידים, נישט געפילט צו אונזער רבין נח־מענדל קיין שנאה. אפשר אויך צו ליב דעם וואָס ער פלעגט זיך אינטערעסירן מיטן מאַטעריעלן צושטאַנד אונזערן: ער האָט זיך אָפט נאָכגעפרעגט צי דער טאַטע האָט פּרנסה? צי זענען אין שטוב אַלע געזונט? אד"גל. ווי עס ווייזט אויס איז ער בטבע געווען נישט קיין שלעכטער מענטש. און אפשר דאַכט זיך מיר דאָס נאָר אויס אַזוי וויל מיך האָט ער, אין פאַרגלייך מיט אַנדערע, ווייניק געשלאָגן און נאָך ווייניקער געשמיסן, אָדער אַנדערע שטאַרקערע געפילן פון שפּע־טערדיקע יאָרן האָבן באַוויזן אָפּצוטעמפּן יענע קינדערישע עוולות און הארצווייטיקן וואָס ווערן פאַרגעסן און פאַרגעבן דורך דעם מינד־סטען וואַרעמען מיטגעפיל פון אַ באַיאָרנטן מענטשן. און וואַרשיינלעך האָט ער אַזוינע געפילן פון פאַרגעבונג געקאָנט ביי זיינע תּלמידים אַרויסרופן מיט זיין ערנסטן אינטערעס און מיטגעפיל צו דער אָרעמ־קייט פון זייערע עלטערן.

נאָכן ענדיקן דעם חומש־חדר בין איך, איבערהיפּנדיק דעם תּנ"ך־חדר, גלייך אַריבער צום גמרא־מלמד — צו „איטשע די ציג", ווי די ייִנגלעך פלעגן אים רופן פאַר זיין שיטער שפּיציק בערדל.

איבערהיפּן אַ חדר איז געווען אַ גרויסע זאַך. מען האָט, אַפּנים, געהאַלטן פון מיינע פעאיקייטן און דאָס האָט מיך, פאַרשטייט זיך, זייער געפרייט. אין שטוב איז מען מיט מיר אויך געווען צופרידן און איך האָב זיך געפילט ווי אַ גרויסער. נאָר טיף אין האַרצן האָט מיך פאַרדראָסן וואָס איך וועל אויף אַזאַ אופן נישט לערנען אין תּנ"ך־חדר — ביים מלמד זונדל אָדער מאָניש.

דער מלמד מאָניש איז געווען דאָס צירונג פון דער דווינסקער תּלמוד־תּורה: אַ ייִד פון העכער־מיטעלן־וואוקס, מיט ברייטע פּליי־צעס, מיט אַ גרויסער, פּיין־צעקעמטער ווייסער באָרד און לאַנגזאַמען, ריטמישן טריט. זיין פּאַטריאַרכאַליש אויסזען, זיין שטאַרקע, מוזיקאַ־לישע באַסאָווע שטים האָט ביי די תּלמוד־תּורה־קינדער אַרויסגערופן רעספּעקט און גוזמאות וועגן זיין גרויסער גבורה. די תּלמידים זיינע פלעגן זיך גרויסן מיט זייער רבין, וואָס קאָן מיט איין פינגער איבער־ברעכן אַ ריפּ ביים שטאַרקסטן מענטש, ווייל ער האָט אַרום די לענדן אַ רייף אַזאַ, און דעריבער האָט ער מורא צו שלאָגן. טאָמער ווערט ער בייז אויף אַ תּלמיד, גיט ער נאָר אַ קוק מיט זיינע פייערדיקע אויגן, פון וואָס עס „פאַלן איין די בלוטן".

ווי עס ווייזט אויס איז זיין כּוח געלעגן נישט אין זיין גבורה. דער צווייבער זיינער איז, אפּנים, געלעגן אין זיין שטים און איבער־הויפּט אין זיין ניגון ביים לערנען.

שוין העכער פינף צענטליק יאָר פאַריבער פון יענער צייט און מאָמענטנווייז זע איך זיך נאָך אצינד אויפן ברייטן הויף פון דער דווינסקער תּלמוד־תּורה; פון די אָפענע פענצטער רייסן זיך אויף דער פריי אַרויס קינדערישע קולכלעך — שטאַרקע און גאָר שוואַכינקע, פאַרשידענע טענער מישן זיך אויס, קלינגען אָפּ אין דער וואַרעמער לופט ווי דער כאַאָטיש־האַרמאָנישער קלאַנג פון רווישיקע כוואַליעס. פון צייט צו צייט הערט זיך אַ בייזער אויסגעשריי פון אַ מלמד, אַ קוויטש פון אַ קינד, אַ קלאַפּ איבער אַ שטענדער. אָבער איבער די אַלע קולות און קלאַנגען, טענער און בייטענער, טראָגט זיך פון צווייטן שטאָק, אַמאָל שטאַרקער, אַמאָל שוואַכער, די האַרציקע, באַסאָווע שטים פון מאַנישן. זיין סקאַרבאָווער תּנ״ך־ניגון הילכט אין דער לופטן ווי דער קלאַנג פון אַ טראָמפּייט וואָס רופט און בעט, פאָדערט און באַפעלט. די תּלמידים האַלטן מיט חשק אונטער דעם וואונדער־באַרן ניגון פון זייער רבין מיט זייערע דינע, הילכיקע קולכלעך, שאָקלען זיך אין טאַקט אַלע מיט אַמאָל. און ער, מאַניש, באַווייזט זיך אַלע ווײַלע אין אָפענעם פענצטער מיט דער ווייסער באָרד אין האַנט, מיטן טיף־פאַרשאַרטן אַרבל. אַ שטאָלצער און מאַיעסטעטישער, ווי אַ נביא. ס'נעמט מיך אָן אַ פאַרלאַנג צו זיצן מיט זיי — מיט די גליקלעכע — ביי איין טיש און מיטזינגען און מיטשאָקלען זיך געשמאַק, זיין נאָענט צו דעם דאָזיקן יידן וואָס קען אַזוי זיס און האַר־ציק לערנען. אָבער דאָ באַווייזט זיך פון דערווייטן דער משגיח מיט דער רויטער נאָז און דורכגעשלענגלטע בלויע אָדערלעך און עס פאַלט מיר איין דאָס האַרץ. עס איז פאַרבאָטן צו שטיין אויפן הויף. איך לויף שנעל צוריק אין ענגען, דושנעם חדר — צו „איטשע די ציג״. און די אילוזיע פאַרשווינדט.

ביים גמרא־מלמד האָב איך געלערנט איינעם אָדער צוויי זמנים. נישט געקוקט אויף מיינע נישט־שלעכטע פעאיקייטן, איז מיר פון זיין לערנען פאַרבליבן אין זכּרון בלויז דער נאָמען פון דער גמרא און דער ניגון פון דער הפטורה וואָס איינער פון די תּלמידים פלעגט זעלטן־שיין און מיט גרויס געפיל אַלע פרייטיק לייענען. דערפאַר איז

מיר אָבער דער רבי אַליין פאַרבליבן אין זכרון מיט אַלע זיינע מידות, ווי ער שטייט און גייט:

געווען איז ער אַ ייד פון אַ יאָר פופציק. אַ קליינגעוויקסיקער, אַ דאַרער און אַ שוואַרצלעכער, מיט אַ שפּיציק־שוואַרץ בערדל, מיט אַ קוויטשעדיק קול, מיט שטענדיק נאַסע ליפּן וואָס פלעגן ביים רעדן שפּריצן. ער איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין אַ לאַנגער זשופּיצע מיט אַ הויכן שפּאַלט ביז איבער דער טאַליע וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט צוויי טוכענע קנעפּלעך און אין ברוינע, קאָרטענע פּלודערן אין שטריימפּן, אַריינגעשטעקט אין די שטיוול מיט נישט גאָר שוואַרצע, ווייכע כאָליעוועס.

געהאַט האָט ער אַ טבע צו זיצן ווי אַ טערק — די פיס הינטער זיך — און קייען אַ האָר פון שטענדיק ציטערדיקן בערדל. ביים לערנען פלעגט ער אָפט מיטאַמאָל אויפהערן פאַרטייטשן און אַ לאַנגע צייט שווייגן. די ערשטע צייט האָב איך געמיינט אַז ער פאַרטיפט זיך אַזוי אין עפּעס אַ האַרבן ענין פון דער גמרא. אָבער מיט דער צייט האָב איך פאַרשטאַנען, אַז ער פאַרטראַכט זיך איינפאַך, אָדער, ווי די תלמידים פלעגן דאָס אָנרופן: ער „פאַרגעווערט" זיך. דער ייִנגער עולם האָט גאָרנישט געהאַט דאַקעגן, אַז דאָס „געווערן" זאָל דויערן וואָס לענגער, כדי מען זאָל נישט דאַרפן חזרן. ווי נאָר דער רבי האָט זיך פאַרטראַכט איז אין חדר געוואָרן שאַ־שטיל. דאָס הייסט אָבער נישט, אַז מען איז געזעסן רואיק — פאַרקערט, מען האָט דאַן איבער־געקערט וועלטן: מען פלעגט זיך וואַרפן מיט שטיקער צוזאַמענ־געקנוילטע פּאַפּיר און ווייך ברויט, קנייפּן זיך, רייסן, שלאָגן און אַפילו מאַכן „נעז" דעם רבין אַליין. אָבער דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרן אויף די שפּיץ פינגער, מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם. אַזאַ צושטאַנד פלעגט אָפט דויערן גאַנץ לאַנג און עס פלעגט סוף־כל־סוף דערעסן צו טאָן אַלץ אין דער שטיל. די יונגע ענערגיע פלעגט זוכן אַן אויסוועג. איז אויב נישט שטיפן ווי עס דאַרף צו זיין — טאָ זאָל שוין זיין חזרן. בפרט, אַז ביים לערנען קאָן מען אויך אַ שטיף טאָן: איינעם געבן אַ קניפּ אין ווייכן פלייש פון פוס — יענער זאָל זיך פאַרגיין, אַ צווייטן — אַראָפּשטופּן די גמרא, אַז די אַלטע פונאַנדער־גענומענע געלע בלעטער זאָלן זיך צעפליען, און נאָך אַזעלכע שטיק.

מען הייבט אָן זוכן פּאָרטעלן ווי אַזוי מען זאָל דעם רבין ברענגען צו זיך. איינער באַקומט מיטאַמאָל, אין רעכטן מיטן זומער, אַ שטאַרקן קאַטאַר און גיט פּלוצלינג אַ הילכיקן ניס, אָדער מען וואַרפט אַ האַרטן קעגנשטאַנד אויף דער פּאָדלאָגע, מען גיט אַ קוויטש, אַ הויכן ביטערן קרעכץ, און — וואָס פּיקאַנטער איז — אַ ייִנגל לויפט צו צום פענצטער און שרייט בלומרשט מיט שרעק: „דער משגיח גייט!" דער רבי שפּרינגט אויף ווי אַן אָפּגעבריטער, כאַפּט זיך אינסטינקטיוו צו דער „צופּלינע", ווייסט אָבער מיט איר נישט וואָס צו טאָן, און עס הייבט זיך ווידער אָן דאָס „לערנען".

אָבער נישט אַלעמאָל פּלעגט זיך דער רבי פאַרטראַכטן אָן אַ צוועק. אָפט האָט ער זיך דערביי פאַרנומען מיט אַ וויכטיקער, און ווי עס ווייזט אויס, אָנגענעמער פּאַר אים אַרבעט — ער פּלעגט זיך גע־שמאַק לויזן... אָנהייבן פּלעגט ער פון צעשפּילעטן בוזים, פון וועלכן עס האָט זיך אַרויסגעזען אַ דאַרע, שוואַרץ באַוואַקסענע ברוסט און פאַרענדיקן — אַ סך, אַ סך נידעריקער פונעם בוזים... ער פּלעגט דערביי אַריינקומען אין אַזאַ עקסטאַז, אַז ער פּלעגט לגמרי נישט זען און נישט הערן וואָס אַרום אים קומט פאָר...

פאַרשטייט זיך אַז מיר, חברה, זענען ליידיק נישט געזעסן: מען פּלעגט אים איבערבלעטערן און פאַרמישן די גמרא, פאַרבינדן אים די פּאָלעס פון דער זשופּיצע אַרום דעם שטול אויף וועלכן עס איז געזעסן וכדומה אַנדערע לאָבוזעוואַטע שטיק. אַ סך פון די תּלמידים פּלעגן זיך איינפאַך פאַרנעמען מיט קוקן אויפן רבינס „אַרבעט" און מאַכן דערביי פאַרשידענע קאָמענטאַרן. וואָס נידעריקער דער רבי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין זיין „זוכן", איז דער אינטערעס אַלץ מערער געוואַקסן, אַלץ פרייליכער און געשפּאַנטער איז געוואָרן די שטימונג. און אַז ער איז דערגאַנגען צום „טיפסטן פונקט" — צו די אָפּגע־שפּילעטע פּלודערן, האָט די אָנשטרענגונג דערגרייכט ביז צום העכסטן גראַד: מען פּלעגט זיך שטופּן, קייכן און קנייפּן איינער דעם אַנדערן, ביז עמיצער האַלט נישט אויס דעם ווייטיק פון אַ צו־שטאַרקן קניפּ און שרייט אויס נישט מיט זיין קול... דער רבי שפּרינגט אויף צעשראָקן, טרעפט נישט אַריין מיט די קנעפּלעך אין די לעכלעך... כאַפּט זיך צו דער „צופּלינע", לויפט פון איינעם צום צווייטן מיט צע־שראָקענע אויגן און נאַסע, שפּריצנדיקע ליפּן, שמייסט מיט נישט־

זיבערע הענט איבער די אקסלען. קיין ווייטיק פילט מען נישט, אבער קולות מאכט מען ביזן הימל.

אזוי לויפט ער צו צו איינעם און נאך איינעם ער הייבט אויף די „צופלינע" — מאכט דאס יינגל געשרייען ווי מען וואלט פון אים רייסן שטיקער פלייש. דער רבי דערשרעקט זיך און לויפט צו א צווייטן, אבער דער ערשטער הערט נישט אויף צו שרייען — מכלומרשט פאר גרוים ווייטיק. דער צווייטער מאכט די זעלבע שטיק, די איבעריקע האלטן אויך אונטער און אין חדר ווערט א געוואלט ווי מען וואלט קוילענען מענטשן. דער רבי ווערט צעשראקן, כאפט פאר כעס די „צופלינע" צווישן די ציין, בייסט זי פארצווייפלט און לויפט ארויס פון חדר.

אז ער קומט דערנאך אריין א בלאסער, מיט צעשראקענע, פארשעמטע בליקן און ציטערנדיקע הענט, זיצן שוין אלע רואיק, ווי עס וואלט נארנישט געשען. עס דויערט א ווײלע ביז ער געפינט דאס פארבלעטערטע ארט וואו מיר האבן זיך אפגעשטעלט אין דער גמרא און עס הייבט זיך אן פון דאס ניי דאס „לערנען".

מיינע לערער

אין תּלמוד־תּורה האָט מער מיט אונז, חוץ רעליגיעזע למודים, אויך געלערנט שרייבן רוסיש און יידיש. רוסיש האָט מיט אונז געלערנט אַ באַוואוסטער לערער וועמענס פעלערינע (די איינציקע אין שטאָט) אַלע האָבן גוט געקאַנט — דאָס איז געווען דער לערער ד ו נ ס ק י. שוין אַן עלטערער מענטש, מיט געגאָלטע באַקן, מיט אַ בלאָנד־גראָ, געשוירן קמץ־בערדל. געזאָגט האָט מען אויף אים, אַז ער עסט חזיר. די תּלמוד־תּורה־ייִנגלעך, ווידער, האָבן דערציילט, אַז נישט געקוקט דערויף, גייט ער יום־כּיפּור אין שול דאַווענען, טראָגט אויף די אַקסלען אַ שמאָל טליתל, ווי אַ האַנטוך, דאַוונט פון אַ מחזור מיט רוסישע אותיות; נאָך שחרית גייט ער אַהיים צובייסן און עסט דערביי אַן אַ היטל.

דער דאָזיקער דונסקי איז, אַפּנים, געווען אַ פאַרברענטער אַסימי־לאַטאָר. ער האָט מיט אונז, קינדער, וואָס האָבן זעלטן ווער געקאַנט אַ צענטליק רוסישע ווערטער — קיין איין וואָרט אויף יידיש נישט גערעדט. איך קאָן אַצינד נישט זאָגן וואָס עס האָבן זיך ביי אים אויס־געלערנט די איבעריקע תּלמידים, נאָר איך האָב נאָכן אָפּלערנען עטלעכע זמנים זיך אויסגעלערנט קוים דורכליינען אַ „וויוועסקע" (שילד). מיט יאָרן שפּעטער, זיצנדיק אין דער יעקאַטערינאָסלאַווער טורמע האָב איך זיך ערשט ווי געהעריק אויסגעלערנט לייענען רוסיש און פאַרשטיין דאָס געלייענטע.

אויף וויפיל עס געדענקט זיך, האָט דער דאָזיקער לערער אונ־זערער אין דער אמתן קיין צו־גרויסע מי זיך נישט געגעבן צו מאַכן אונז דווקא פאַר גרויסע רוסיש־קענער. דערפאַר האָט ער אָבער מיטן גאַנצן ברען געלערנט אונז זינגען. דער רעפּערטואַר אונזערער איז באַשטאַנען סך־הכּל פון דריי אָדער פיר לידער. אויפן ערשטן אָרט איז געגאַנגען דער רוסישער הימן — „באָזשע צאַריאַ כראַני" (גאָט, היט דעם קייזער), „קאָל סלאַוויען נאַש האָספּאָד וו סיאָניע" (ווי גרויס איז אונזער גאָט אין ציון) און דאָס ליד „סלאַווסיאַ, סלאַווסיאַ, נאַש רוסקי צאַר" (ווער גרויס, ווער באַרימט, אונזער רוסישער קייזער).

די דאָזיקע לידער פלעגט מען זינגען אין א טאַבעל־טאָג, ווען נאַ־טשאַלסטווע איז געקומען און בעת ענלעכע אָפיציעלע יום־טובים. עס איז אים, אַפּנים, געגאַנגען נישט אַזוי אין דעם מיר זאָלן גוט און האַרמאָניש זינגען, נאָר אַז נאַטשאַלסטווע זאָל הערן פון די יידישע קינדער אַרויסגערעדט די רוסישע ווערטער מיטן עכטן טראָפּ, מיטן אמתן אַקצענט. אָבער גראָד אין דעם זענען מיר, יידישע קינדער פון ליטע, געווען זייער שוואַך און דער מענטש פלעגט ווערן אַן אויפ־געקאָכטער הערנדיק פון אונז איינעם אַרויסרעדן דאָס רוסישע וואָרט „סלאַווסיאַ" מיט אַזאַ ווייכקייט און צעקראָכנקייט, אַז מען האָט באמת געקאָנט אַריינפאַלן אין אַ שרעקלעכן יאוש... ביים זינגען פלעגט ער אַן אָנגעשטרענגטער און נערוועזער לויפן פון איינעם צום צווייטן, צולייגן דאָס אויער צו יעדן באַזונדער און זיך איינהערן צי מיר רעדן אַרויס גוט די ווערטער וואָס מיר האָבן. אגב, נישט פאַר־שטאַנען זייער באַדייט. נישט איינער האָט דעריבער אַריינגעכאַפּט אַן איידל, אינטעליגענטיש פּעטשל מיטן ווייכן, אויסגעאיידלטן הענטל פונעם לערער. באַזונדער האָב איך שווער געזינדיקט אין דער אויס־שפּראַך און דער לערער דונסקי האָט מיך סוף־כּל־סוף באַזייטיקט פון כאָר. פאַר מיר איז דאָס געווען אַ דערלייזונג.

דער לערער פון יידיש האָט געהייסן צ י ט ר אָ ן. אויך ער איז געווען זייער באַוואוסט אין שטאָט, אָבער שוין גאָר אין גאַנץ אַנדערע קרייזן. דער לערער דונסקי האָט געגעבן לעקציעס אין דער „יעווריסקע אוטשילישטשע", אין דער יידישער האַנטווערקער־שול, אין דער אָר־טיקער רעאַל־שול און אין אַנדערע ענלעכע לער־אַנשטאַלטן, וואו פון אַ לערער האָט זיך געפאָדערט אַ דיפּלאָם. ציטראָן אָבער האָט, אַפּנים, נישט פאַרמאָגט קיין אָפיציעלן לערער־דיפּלאָם און האָט זיך געמוזט באַנוגענען מיט געבן פּריוואַטע לעקציעס אויף יידיש. אָבער נישט געקוקט דערויף איז ער געווען אין שטאָט אָנגענומען נישט ווייניקער, אויב נישט נאָך מער, ווי דער לערער דונסקי. נישט געווען קיין באַלע־באַטיש מיידל וואָס זאָל זיך נישט האָבן געלערנט יידיש שרייבן ביים לערער ציטראָן. עס איז געווען כמעט אַ באָן־טאָן אַזאַ, אַז נאָר די וואָס האָבן זיך געלערנט ביים לערער ציטראָן האָבן געקאָנט פּרע־טענדירן אויף אינטעליגענטישקייט.

אַ גרויסע ראָלע אין זיין פּאָפּולערקייט האָט געוויס געשפּילט זיין אויסערלעכקייט: דאָס איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך שיינער מענטש. אַ הויכער, גלייכער, מיט ברייטע פּלייצעס, מיט אַ שיינער

שוואַרצער הערצל־באָרד דורכגעצויגן מיט זילבער־ווייסע האָר־פּעדים; מיט אַ שטאָלצן, אַביסל בייזלעכן בליק; מיט אַ הויכן, ברייטן שטערן און טיפע ווייסע שלייפן. פריש און ציכטיק געקליידט, פלעגט ער מיט זיין מאַיעסטעטישן גאַנג צוציען די אויפמערקזאַמקייט פון יעדן וואָס האָט אים באַגעגנט אין גאַס. מיר, קינדער, האָבן אים פּשוט פאַרגעטערט.

אָבער אויף אונז האָט געווירקט נישט זיין שיינקייט נאָר זיין שיינע, קאַליגראַפישע האַנטשריפט און זיין האַלטן די פעדער ביים שרייבן. יעדער פון אונז האָט זיך געפלייסט נאָכצומאַכן דעם לערער ווי ער האַלט די פעדער — וויט אַרויפגערוקט די דריי פינגער, דעם פערטן — פאַרבויגן טיף אונטערן פעדער־האַלטער און מיטן פינפטן „מוזינעק־פינגערל" קוים אָנרירן דאָס פּאַפּיר פון העפט. מיר פלעגן אויספירן די רונדע, געציקלטע אותיות מיט אַזאַ ליבשאַפט און כוונה, ווי מיר וואָלטן שרייבן הייליקע ספרים. און ביי אַ סך פון אונז האָט זיך טאַקע, אַדאַנק דעם, אויסגעאַרבעט זייער אַ שיינע האַנט־שריפט. אָבער נאָר אַ האַנטשריפט —ווייל די מעטאָדע פון לערנען איז דעמאָלט באַשטאַנען בלויז אין נאָכשרייבן דעם „אָפּאָר" וואָס דער לערער האָט יעדן געגעבן. פלעגן מיר מעכאַניש נאָכשרייבן: „צו מיין האָכגעשעצטער טאַנטע" אָדער „פיל גליק אונד פרייד צו מיין זעליגען פאָטער אונד מוטער לעבין זאָלין וואָהל" — דערביי פלעגן מיר מיטן ערשטן וואָרט „פיל" מאַכן פאַרשידענע קונצן און דריידלעך: אַז איי־נער האָט געמאַכט אַ טיף־אַריינגעדרייטן „פ", ווי אַן אָנגעצויגענע שפּרענזינע, אין וועלכער מען זעט נישט קיין סוף, האָט דער צווייטער דעם „יוד" מיטן „לאַמעד" אַריינגעצאַצקעט גופא אינעם „פ", וואָס האָט פאַרנומען פון איין שורה ביז דער צווייטער, און אַ דריטער האָט פון די דריי אותיות אויסגעדרייט אַ מאָנאָגראַם וואָס האָט אויס־געזען ווי אַ בלום, — און אַזוי יעדער מיט אַן אַנדער פאַנטאַזיע פון זעלבן מין. גאָר געוואַלטיקע בריהשקייטן פלעגן מיר אַרויסווייזן ביים „גימל" פון „געשעצטער אָנקל": מיר פלעגן דעם אונטערשטן ברעג פון „גימל" פאַרדרייען מיט אַזוי פיל „שלשלתן", „צוקן" און שלייפן אַזוי לאַנג, ביז וואַנען עס האָט זיך אויסגעלאָזן די טינט פון דער פעדער.

עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר יענער צייט וואָס אויף דער לעק־ציע פון יידיש שרייבן האָט דער לערער ציטראָן גערעדט מיט אונדז רוסיש — אַ מין „יידיש ברוסיש". צי דאָס איז געווען דער איינפאַל

פון לערער גופא וואָס האָט געוואָלט איינהאַלטן זיין אויטאָריטעט אַלס לערער וואָס זיצט מיט אונז אין קלאַס אָן היטלען, אָדער דאָס איז געווען אַ סיסטעם אַזאַ וואָס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אין די מוחות פון די משכּילישע „פּני" — קאָן איך איצט נישט זאָגן, אָבער ווען אונזערע פאַרשריטן אין דעם דאָזיקן לימוד ביי אַזאַ לאַגע, קאָן זיך יעדער אַליין פאָרשטעלן. בּפרט, אַז אויף וויפיל איך בין איצט אימשטאַנד אָפּצושאַצן, האָט דער לערער געלייגט די הויפּט־אויפ־מערקזאַמקייט טאַקע נאָר אויף דער האַנטשריפט און אויף דער זויבערקייט פון שרייבן: טאָמער האָט ער ביי עמיצן פון אונז באַמערקט סימנים פון טינט אויף די פינגער, אָדער דעם קלענסטן טינט־פלעק אין העפט, האָט שוין ביי יענעם אַ שיינע פּאָר שעה געבּרענט די האַנט פון די קלעפּ וואָס ער האָט באַקומען מיט דער „ליניקע" (ווירע). דער לערער האָט דערביי געהאַט זיין סיסטעם: ער פלעגט ביים שילער אויסבייגן די פינגער פון דער לינקער האַנט אַזוי, אַז די הויט אויף דער האַנט זאָל זיין פעסט אָנגעצויגן און מיט דער פלאַך פון דער „ליניקע" אָפּציילן אַ באַשטימטע צאָל קלעפּ איבער דער האַנט — מיט דער קאַלטקייט און אויסערלעכער רואיקייט פון אַן אכזר.

אויף וויפיל איך דערמאָן זיך היינט, איז ער, ווי עס ווייזט אויס, געווען טאַקע אַ שלעכטער מענטש, ווייל די „ליניקע" האָט ביי אים זייער אָפט געאַרבעט. אָבער נישט געקוקט דערויף האָבן מיר זיך ביי אים זייער פלייסיק און גערן געלערנט און די קלעפּ אָנגענומען, אַפנים, ווי „פאַרדינטע".

איך בין געווען אַ תּלמיד אַ געוויסנהאַפטער, געהאַט אַ זויבערע און שיינע האַנטשריפט, געפילט אַז דאָס איז דער פאַרדינסט פונעם לערער און, ווי אַ סך פון אונז, אים דערפאַר פאַרגעטערט.

אָבער דאָ האָט פּאַסירט אַ זאַך וואָס האָט אויף לאַנגע יאָרן אין מיין קינדעריש הערצל אָנגעצונדן אַ טיפע שנאה צו דעם דאָזיקן לערער.

ווי אַ קינד פון אָרעמע עלטערן, פלעג איך זומער־צייט אַרומלויפן באָרוועס. פלעג איך מיר זייער אָפט קאַלעטשען די פיס אָן די שפּיציקע שטיינער פונם ברוק. איינמאָל האָב איך מיר פאַרשטאָכן אַ פוס מיט אַ שטיקל האָלץ און בין געווען געצוואונגען אַ פּאָר וואָכן צו בלייבן אין שטוב. דער פוס איז געוואָרן געשוואָלן, און איך האָב מיך באַוועגט שפּרינגענדיק אויפן צווייטן, געזונטן פוס. האָט זיך גראָד געטראָפן, אַז דער לערער ציטראָן איז דורכגעגאַנגען די גאַס וואו איך

האָב געוואוינט און באַמערקט ווי איך שפּרינג אויף איין פוס. דער־זעענדיק אים, איז מיר וואַרעם געוואָרן אויפן האַרצן. איך האָב זיך אין מיין פאַנטאַזיע אויסגעמאָלט ווי דער לערער באַדויערט אוודאי מיין לאַגע, וואָס איך מוז נעבעך שפּרינגען אויף איין פוס און אַז ער פאַרשטייט זיכער ווי מיר פאַרדריסט וואָס איך קאָן נישט זיין אויף זיינע לעקציעס. איך האָב אַליין באַדויערט מיין ביטערע לאַגע און אויס רחמנות צו זיך אַליין האָב איך זיך צעוויינט מיט טרערן פון אַן איבערפולט קינדעריש האַרץ. אַז איך האָב מיך אויסגעוויינט, איז מיר גרינגער געוואָרן און מיט גרויס אומגעדולד האָב איך געוואַרט אויף דעם טאָג ווען איך וועל ווייטער קאָנען גיין אין תּלמוד־תּורה.

נעקומען אין תּלמוד־תּורה אויף דער לעקציע פון יידיש, האָב איך מיך געפילט ווי אַ יחסן, וואָס דער לערער אַליין האָט געזען מיין קראַנקן פוס. איך האָב געזוכט זיך צו באַגעגענען מיטן בליק פונעם לערער, כּדי מיט די אויגן אויסצודריקן אים מיין דאַנקבאַרקייט פאַר זיין מיטגעפיל צו מיר. אָבער זיין בליק איז קאַלט און שטרענג, ווי שטענדיק. איך פאַרליר זיך און שמייכל פאַרלעגן, דאָס הערצל צאַפּלט פון דער־וואַרטונג און אומזיכערקייט, און — אַ, גאָט! — ער רופט מיך צום טיש און רירט, אַזוי ווי אומגערן, אָן די „לינייקע".

— וואָס ביסטו אַזוי לאַנג אין קלאַס נישט געווען? — פרעגט ער שטרענג און טרוקן.

— אַ פוס האָט מיר וויי געטאָן, — ענטפער איך מיט אַ ספּאַז־מירטער שטים.

— און שפּרינגען האָסטו געקאָנט מיט אַ קראַנקן פוס? — פרעגט ער מיט כּעס, און כאַפּט גלייך אָן מיין האַנט און הייבט אָן פּאַטשן מיט דער „לינייקע" נישט געציילטערהייט.

צוערשט בין איך געוואָרן ווי צוטומלט, נישט באַגריפן וואָס דאָ קומט פאָר. אָבער די שרעקלעכע ווייטיקן אין האַנט האָבן מיך גע־בראַכט צום באַוואוסטזיין. איך האָב אַרויסגעריסן מיין האַנט און זיך געלאָזט לויפן איבערן קלאַס, ווי אַן אָפּנעבריטער. איך בין צוגעלאָפן צו מיין אָרט, האָב איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין מיינע אָרעמס און האָב הויך און ביטער געוויינט אויף דער גרויסער עוולה וואָס מיר איז געשען. עס האָט געדויערט אַ לאַנגע צייט ביז איך האָב זיך באַרואיקט. און אַז איך האָב אויפגעהערט צו וויינען, האָט עס מיך אויפגעריסן פון אָרט, און איך בין אַרויסגעלאָפן פון קלאַס.

דעם טאָג האָב איך זיך שוין אין קלאַס צוריק נישט אומגעקערט.

דער „דאָקטאָר" מאיר פאנטשע

אינעם דאָזיקן פעריאָד פון מיין קינדער־לעבן האָב איך, ווי אַנדערע טויזנטער קינדער פון אָרעמע עלטערן, דורכגעמאַכט אַ שמערצלעכן עטאַפּ וואָס האָט זיך איינגעקריצט אין מיין זכּרון ווי אַ שווערער חלום: איך האָב געגומען ליידן אויף דער סקראָפול־קרענק — אויף דער קרענק פון אָרעמקייט, פון נאַסע קעלערס און נישט־דערעסן.

אָנגעהויבן האָט זיך עס פון דעם וואָס אינדערפרי פלעג איך בשום אופן נישט קאָנען עפענען די אויגן — זיי פלעגן מיר זיין ווי פאַרקלעפּט. עס פלעגן נישט העלפן קיינע שטובּיקע מיטלען: נישט דאָס וואַשן מיט וואַרעם וואַסער, נישט דאָס שמירן מיט פאַרשידענע פעטקייטן און ענלעכע רפואות. איך פלעג אָפט אַזוי אַפּזיצן מיט צונויפגעקלעפּטע אויגן ביז האַלבן טאָג, נישט געקאָנט גיין אין חדר, און דאָס האָט מיך זייער געפּייניקט.

מיט דער צייט איז דאָס פאַריבער. אָבער דערנאָך האָט זיך אין איינעם אַ ווינטער געוויזן ביי מיר אויפן קאָפּ אַ קרעצל. דאָס קרעצל האָט זיך שנעל פאַרברייטערט און אין אַ קורצער צייט האָט עס זיך פאַרשפּרייט איבערן גאַנצן קאָפּ.

עס איז אַן אויסמאַטערנדיקע קרענק, וואָס פאַרשאַפט דעם קינד יסורים און פּיין, דריקט אַראָפּ זיין זעלבסט־געפיל און ווירדע, מאַכט אים צו־שאַנד ביי זיינע חברים און אַפילו ביי זיינע אייגענע שטוב־מענטשן. די דאָזיקע קרענק ווערט פון פאָלק באַטראַכט נישט ווי אַן אומגליק, נאָר ווי אַ חרפּה מיט וועלכער מען ווארפט זיך פאָר. מען באַנוצט אַלע באַליידיקנדיקע שטעכווערטלעך, מיט וועלכע מען זוכט צו טרעפן דעם חולה. דאָס קינד פילט זיך מאַכטלאָז, קאָן זיך נישט ווערן, ווייל דאָס קינד אַליין באַטראַכט זיין אומגליק, ווי אַ בזיון.

אין חדר, וואו מען איז געזעסן אין היטלען, האָב איך נאָך ביז אַ געוויסער צייט געקאָנט באַהאַלטן מיין חרפּה, אָבער אין קלאַס האָט זיך עס גלייך אַנטדעקט, און די איבעריקע קינדער האָבן מיך פאַר־



דער טייך דווינע און די דאַמבע

פייניקט מיט זייערע לצנות און זידל־ווערטער. די לערער פון די קלאַסן האָבן, פון זייער זייט, אַנגענומען מיטלען: זיי האָבן מיך צוזאַמען מיט אַנדערע אומגליקלעכע קינדער (אַזוינע זענען געווען אַ היפּשע צאָל), פאַררוקט אויף די הינטערשטע בענק וואו מיר זענען געזעסן ווי פאַר־משפּטע. איך האָב דאָס באַטראַכט ווי אַ שטראָף פון גאָט פאַר מיינע קינדערישע עבירות און האָב זיך פאַרשאָלטן דאָס לעבן. אַביסל שפּעטער האָט מען מיך אינגאַנצן באַזייטיקט פון קלאַס און איך האָב זיך געפילט ווי אַ פאַרשטויסענער, אַ פאַריאָגטער; איך בין אַריינ־געפאַלן אין אַ מרה־שחורה, געוואָרן איינגעשלאָסן און פאַרביטערט אויף זיך און אויף אַלעמען. איבערהויפּט האָב איך אויסגעלאָזן מיין פאַרביטערטע האַרץ צו מיינע שטיפזייער, וועלכע, ווי מיין מוטער פלעגט דערציילן, האָבן געהאַט פון מיר „קאַלט און וואַרעם". מען האָט אויסגעפּרובירט פאַרשידענע „באַבסקע סגולות", געווען ביי עטלעכע דאָקטוירים, אָבער עס האָט קיין זאַך נישט געהאָלפן. חוץ דעם, האָט עס געפאָדערט געלט, און אַזוינס האָבן מיינע עלטערן נישט פאַרמאָגט. אָבער „לאָזן דאָס קינד זיך קוועלן קאָן מען דאָך אויך נישט", — האָט מען באַשלאָסן זיך ווענדן צו מאיר „פּאָנטשע" (שמאַטע).

דער דאָזיקער מאיר „פּאָנטשע" איז געווען אַ פּעקל־היטער און אַ „פאַרשטשיק" אין דער „נייער באָד". איך זע אים, ווי ער וואָלט שטיין פאַר מיר אַ לעבעדיקער: אַ הויכער, פאַרשמאַלצענער, מגושמ־דיקער, מיט אַ פאַרדרויכערטער, קאָלטענוואַטער באָרד, מיט אַ פונאַנ־דערגעשפּילעטער פאַרוואַקסענער ברוסט, מיט אַ לאַנגן פאַרפּעצטן טלית־קטן וואָס האָט זיך שטענדיק געפּלאָנטערט צווישן די גרויסע סאָלדאַטסקע שטיוול. שטענדיק מיט דער פאַרשפּיגענער, פאַרצע־לייענער ליולקע אין מויל, האָט זיך פון אים געטראָגן דער גערוך פון איבערגעברענטער מאַכאָרקע אויף מיילן ווייט. אָט דער דאָזיקער „פּאָנטשע" איז געווען אַ פאַרקערפּערונג פון שמוץ, וואָס דער צונאָמען זיינער האָט אויסגעדריקט נאָר איין קליינעם חלק פון דעם וואָס ער האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט. און ער האָט עס געהיילט די קעפּלעך פון אומגליקלעכע יידישע קינדער פון אַ גאַנצער שטאָט!

שווער צו זאָגן ווי אַזוי אַזאַ זאַך איז מעגלעך געוואָרן: צי דאָ האָט געווירקט די אָרעמקייט וואָס האָט נישט געהאַט מיט וואָס צו צאָלן די דאָקטוירים, צי דער פאָראורטייל, אַז אַזאַ קרענק קאָנען די דאָקטוירים נישט היילן, אָדער די מעדיצין אין דעמאָלט באמת געווען

נאָך הילפלאָז אָדער שוואַך זיך צו ראַנגלען מיט דער דאָזיקער אָנשי־קעניש אויף די אָרימע קינדער, —אָבער ווי די זאַך זאָל נישט זיין, איז דער דאָזיקער „פּאָנטשע" געווען פאַררעכנט אין שטאָט פאַר דעם, וואָס היילט אוים די קרענק „מיטן וואָרצל", און די הויפּטזאַך — פאַר ווייניק געלט.

געוואוינט האָט דער דאָזיקער „פּאָנטשע" אין אַ האַלב־פינצטערן, ברודיקן קעלער אויף דער באַלאָטנער גאַס (אַ סימבאָל צו זיין צו־נאָמען), וואו עס פלעגט זיך צוזאַמענגיסן דאָס גאַנצע שמוץ פון שטאָט אין ברייטן ראָוו וואָס האָט זיך געצויגן איבערן מיטן גאַס אַזש ביז „עקספּלאַנעט".

ווען די מוטער האָט מיך געבראַכט צום „דאָקטאָר" און איך האָב אַ קוק געטאָן אויף דעם „גע‌זינדל" פון מאיר „פּאָנטשע", האָב איך זיך דערשראָקן און צעוויינט אויפן קול. דאָס איז געווען אַן אמתער „זוועריניעץ". אַזעלכע פּאַרזעענישן איז מיר זעלטן ווען אויסגעקומען אין מיין ווייטערדיקן לעבן צו טרעפן. איבערהויפּט האָט זיך אויס־געטיילט די „פּאָנטשיכע", אָדער, ווי אַנדערע פלעגן זי רופן — „מלכּה די צאַצקע".

שטעלט איידּ פאַר: אַ דאַר, קליין נפשל, מיט אַ גרויסן אַראָפּגע־האַנגענעם בויך; אָנגעטאָן אין שמאַטעס און אין אַ שוואַרצן פּאַריק, וואָס פאַרדעקט דעם גאַנצן שטערן, מיט דיקע אויסגעקערטע רויטע ליפּן, אָן אַ סימן פון אַ נאָז, נאָר ווי אַ קנעפּל מיט צוויי לעכלעך אַרויף וואָלט דאָרט געווען צוגעקלעפּט; מיט אויסגעשטאַרצטע, נאָס־פאַרטרערטע וויסלעך, וואו עס זיצן צוויי צעשוואָומענע, שטענדיק־באַוועגלעכע שוואַרצע פינטעלעך, וואָס קוקן אַרויף, ווי זיי וואָלטן וועלן אַראָפּשאַרן דעם שוואַרצן פּאַריק, — און וועל־כּולם, — אַ, גאָט! — די אויסגעקרימטע שטאַרצנדיקע ציין, ווי ביי אַ ראַסאָוון בולדאָג. די קינדער — עלטערע און יינגערע, פון זעלביקן טיפּ — האָבן דערגענצט דאָס בילד פון האַלב־מענטש, האַלב עקלדיקער וואַסער־חיה. אָט אין די הענט (די גאַנצע משפּחה האָט זיך באַטייליקט אין דער קוראַציע) האָט מען דאָס איבערגעגעבן מיין ווייטערדיקן גורל.

מאיר „פּאָנטשע" האָט, מיט דער ליולקע אין מויל, קורץ געגעבן צו פאַרשטיין דער מאַמען מיינער, אַז די גאַנצע קרענק ליגט אין די האָר... און דעריבער דאַרף מען די ערשטע זאַך די קראַנקע האָר

אַרויסרייסן. דערהערט אַזאַ אָנזאָג, האָב איך אויפגעציטערט און בײַ דער מאַמען האָבן זיך געוויזן טרערן אין די אויגן. סוף־כּל־סוף האָט ער באַקומען פון דער מאַמען האַנט־געלט און נאָך איר אַוועקגיין האָט ער מיך אָנגעהויבן „קורירן".

שווער אַצינד, שוין מיט העכער פינף צענטליק יאָר שפּעטער, צו דערמאָנען זיך וועגן דעם אָן אַ שוידער אין אַלע אבֿרים — אַזוי שרעקלעך און פּיינלעך איז געווען די דאָזיקע קוראַציע. די אַלע קינדער וואָס זענען דורכגעגאַנגען דורך די הענט פון דעם דאָזיקן „פּאַנטשע" וועלן שוין זיכער אויף יענער וועלט נישט לײַדן — זיי האָבן שוין געהאַט זייער אָפּקומעניש אויף דער „באַלאָטנער" גאַס. ווײַל דאָס אָפּקומעניש אין גהינום אויף י ע נ ע ר וועלט, ווי שוידערלעך עס זאָל נישט זײַן געמאָלט, קאָן זיך זיכער נישט פאַרגלײַכן מיטן גהינום און פּײַן, דורך וועלכן די קינדער זענען דורכגעגאַנגען אויף ד ע ר וועלט בײַ מאיר „פּאַנטשע".

ווען מען זאָל אַ שטייגער זאָגן, אַז די קוראַציע איז באַשטאַנען אין גיסן זודיקן פּעך אויף די אָנגעוויטיקטע קינדערישע קעפּלעך, וואָלט מען נישט געגלויבט — אָבער אין דער אמתן איז דאָס געווען אַ סך גרויזאַמער: מען פלעגט דעם אָפּגעקילטן און פאַרטריקנטן פּעך שפּעטער אַראָפּרייסן פון קאָפּ צוזאַמען מיט די האָר. צו באַשרײַבן וואָס פאַר אַ ענויים איך בין אויסגעשטאַנען דערבײַ, נעם איך זיך נישט אונטער. די מענטשלעכע שפּראַך מוז גאָר דערצו קיין ווערטער נישט פאַרמאָגן.

„טעכניש" פלעגט דאָס געמאַכט ווערן אַזוי: אויף אַ גראָבן לײַוונט האָט מען אָנגעגאָסן אַ שיכט סמאָלע, געלאָזן עס אָפּקילן און דערנאָך צעשניטן עס אויף קלענערע שטיקלעך. די שטיקער גע־סמאָלעוועטע לײַוונט פלעגן ווערן אָנגעהיצט אויף אַ נאַפט־לאָמפּ ביז די סמאָלע האָט זיך אָנגעהויבן שמעלצן, און אויף גיך, הייסערהייט, זענען זיי אָנגעקלעפּט געוואָרן אויפן קראַנקן אָרט. אָט אַזוי פלעגט דאָס מאיר „פּאַנטשע", מיט דער הילף פון זײַנע בני־בית, וועלכע האָבן דעם קרבן פעסט צוגעהאַלטן ער זאָל נישט אַנטלויפן און אונטערן ווילדן געשריי פון דעם געפּייניקטן, פאַרקלעפּן דעם גאַנצן קאָפּ מיט די געסמאָלעוועטע שטיקלעך לײַוונט. אויף מאָרגן האָט מען געדאַרפט גיין לאָזן די שמאַטעס פון קאָפּ אַראָפּרייסן און לאָזן אויפקלעבן נײַע.

איך געדענק, אַז יעדעס מאָל ווען איך פֿלעג דאַרפֿן גיין צו מאַירן האָב איז זיך געוואונטשן דעם טויט. עס איז געווען, ווי איך וואָלט דאַרפֿן פּריוווליק גיין אויף אַן אינקוויזיציע און איך פֿלעג שטענדיק וויינען און בעטן זיך בײַ דער מאַמען, אַז „היינט נישט — מאָרגן וועל איך שוין זיכער גיין". און נאָר די טרערן פֿון דער מאַמען, אין וועלכע עס איז געווען אַזוי פֿיל מוטערלעכער מיטגעפֿיל צו איר פֿאַר־פּייניקט קינד, און נאָר דאָס איינרעדן מיר, „אַז דערפֿאַר, ווי איך וועל נאָר איבערקומען די צרות, וועל איך זײַן מיט לייטן גלייך, אַז איך וועל ווייטער קאָנען גיין אין קלאַס און קיינער וועט פֿון מיר שוין נישט לאַכן", האָט מיר געגעבן כּוח אויסצוהאַלטן די פּייניקונג פֿון דער דאָזיקער ווילדער, אַכזריותדיקער „קוראַציע".

צו מײַנע צרות האָט נאָך מאַיר „פּאָנטשע" פֿאַרשטאַנען אײַנצו־טיילן זײַנע קרבנות אויף גרופּן און קלאַסן, וועלכע ער האָט געהיילט מיט אַ פֿאַרשידענעם טעמפּ. די, וואָס פֿלעגן מער באַצאָלן, פֿלעגט ער קלעפּן קלענערע שמאַטקעלעך און פֿון דינעם לייוונט, כּדי זיי נישט צו פֿאַרשאַפֿן קיין צו־גרויסע ווייטיקן; פֿאַר די אָרעמע קינדער פֿלעגט ער דאַקעגן באַנוצן גראָבע לייוונט מיט אַ דיקן שיכט סמאָלע, כּדי די זאַך זאָל נעמען גיכער אַ סוף.

איינמאָל בײַ אַזאַ „אָפּעראַציע", בײַ וועלכער מאַיר „פּאָנטשע" האָט געוואָלט איינשפּאָרן צייט, בין איך געקומען אַהיים איינגאַנצן אַ פֿאַרבלוטיקטער און אויסגעמאַטערטער. איך האָב מיך פֿאַרוקט אין אַ ווינקל און מיט אַ פֿאַרקוועטשט האַרץ פֿון ווייטיק האָב איך שטיל געוויינט אויף מײַן ביטער מזל. אויף די שטובּיקע איז אָנגעפֿאַלן אַ טרויער, ווי אין שטוב וואָלט געלעגן אַ טויטער; די מאַמע איז גע־זעסן אין אַ צווייט ווינקל און האָט זיך שטיל געווישט די אויגן און דער טאַטע האָט געגומען דאַוונען מנחה מיט אַזאַ טרויעריקן ניגון, פֿון וואָס איך האָב נאָך ביטערער געוויינט, שוין מער אויס רחמנות צו זיך, ווי פֿון ווייטיק. איך האָב אַזוי לאַנג געוויינט ביז מיר איז געוואָרן נישט גוט און איך בין אַ געחלשטער אַראָפּגעפֿאַלן פֿון בענקל.

אויפֿגעכאַפּט האָב איך זיך בײַ דער מאַמען אין שויס. זי האָט מיך באַוואַשן מיט וואַרעמע טרערן און געטרייסט, אַז מער וועט זי מיך „צום גזלן" נישט שיקן. אַז זי וועט זיך פֿאַרלאָזן אויף „גאָט דעם לעבעדיקן" און „ווי עס וועט זײַן — אַזוי וועט זײַן".

איך ווייס נישט צי האָט מאיר „פּאַנטשע" וועמען אויסגעהיילט. איך בין נאָך דעם זעלביקן זומער געזונט געוואָרן אָן יעדער קוראַציע.

נאָך דעם פּאַרפּאַל מיט מיין חלשות האָט מען מיך מער אין תּלמוד־תּורה שוין נישט געשיקט. טעג זענען געווען וואַרעמע און זוניקע — פלעג איך, מיט אַנדערע פרייע קינדער, גיין אַלע טאָג באָדן זיך אין דער שמאָלער „רעטשקע" הינטער דער שטאָט, געוואַרעמט זיך לאַנגע שעהן אויף דער זון, געגעסן וואָס עס האָט זיך געמאַכט מיט גרויס אַפּעטיט און „גאָט דער לעבעדיקער" האָט געהאָלפן — איך בין פון מיין „בזיונדיקער" קרענק געהיילט געוואָרן.

אָט אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט מיין „קוראַציע" וואָס האָט איבער־געלאָזן אין מיין זכּרון בילדער פון מוראַדיקער פּיין.

די מאַמע ראַטעוועט מיך

אַז איך בין געזונט געוואָרן האָט זיך מיין כאַראַקטער און געמיט אינגאַנצן געענדערט. ווי דערשלאָגן און פאַראומערט איך בין פריער געווען, אַזוי הייטער און לעבעדיק בין איך איצט געוואָרן. די איינגע־שלאָסענע ענערגיע האָט זיך פון מיר אַרויסגעריסן מיט איר גאַנצער ברויזנדיקער קראַפט: איך האָב אָנגעהויבן שטיפן און שלאָגן זיך מיט יעדן, ווער עס האָט מיר געגעבן די געלעגנהייט דערצו.

אַלס צוגאָב דערצו האָב איך נאָך באַקומען אַ קרענקלעכע ליידנ־שאַפט צו וואַרפן שטיינער. האָב איך נאָר געטראָפן אַ שטיין אויפן וועג, האָב איך גלייך אויפן אָרט געהאַט אַ ציל, אין וועלכן אים צו טרעפן. אַמאָל איז דאָס געווען אַ הונט, אַ חזיר, אַ ציג; אַמאָל אַ גרופּע יונגע, קריסטלעכע גימנאַזיסטן, מיט וועמען מיר, תּלמוד־תּורה־יינגלעך פלעגן פירן אַן אייביקע מלחמה. אָבער אָפטער ווי אַלץ זענען דאָס געווען די האַלב־רונדע לעכער פון די בוידים־פענצטערלעך, וואוהין עס פלעגט זיך מיר, נישט אַנדערש, וועלן אַריינטרעפן מיטן שטיין.

טרעפן איז אָבער אַ מזל־זאַך. פלעגט טאַקע זייער אָפט פּאַסירן, אַז דער שטיין פלעגט אויף צו־להכעיס דווקא אַריינטרעפן אין אַ דער־בייאיקן פענצטער און אויסזעצן אַ שויב.

אַז מען דאַרף נישט וואַרטן ביז דער באַלעבאָס פון דער „אויס־געקוועטשטער" שויב וועט אַרויסשפּרינגען מיט אַ געוואַלד, האָט מיך קיינער נישט געלערנט... איך האָב מיר געהאַט מיין „אייגענע" טעאָריע, אַז אין אַזאַ פאַל איז גלייכער ווען מען „מאַכט פּיס"...

די ערשטע ציַיטן איז מיר דאָס אַראָפּ גלאַט; אָבער שפּעטער האָט מען זיך דערוואוסט ווער עס שטעלט צו פּרנסה די שטאָטישע גלעזער און מ'האָט מיך אָנגעהויבן פאַרפאָלגן. אייגנטלעך האָט מען נישט מיך פאַרפאָלגט, ווייל ווי קליינגעוויקסיק איך בין געווען אַזוי פלינק בין איך געווען און כאַפּן מיך איז געווען זייער שווער. אַלע צרות „פון דעם ממזר, צוליב וועלכן מען קאָן נישט דורכגיין די גאַס", פלעגט נעבעך אויסשטיין די מאַמע מיינע. די ערשטע ציַיטן האָב איך געלייקנט שטיין און ביין און מיינע אָנקלאָגער פלעגן פון דער מאַמען

זיך אויסריכטן אַ שווארצן סוף וואָס זיי האָבן זיך „אָנגעזעצט אויף דעם קינד". לאנג האָט אָבער אַזאַ לאַנגע נישט געקאָנט דויערן און די מאַמע האָט אויפגעהערט מיר גלויבן.

— וואָס קומט איר צו מיר מיט טענות? — פלעגט זי שרייען צו מיינע אָנקלאָגער, — דרייט אים אויס די הענט, וועט ער אייך נישט ברעכן קיין שויבן און איר וועט נאָך דערביי פאַרדינען אַ מצווה.

די הענט האָט מען מיר נישט אויסגעדרייט און שטיינער זענען ווייטער געפלויגן — אַמאָל אין אַ בוידעם־לאָך, אַמאָל ווידער אין אַ שטוב. די מאַמע האָט זיך צוליב דעם צעקריגט מיטן גאַנצן הויף שכנים און מיט אַ האַלבער גאַס איינוואוינער, וועלכע האָבן געדראָט, אַז זיי וועלן אויף דער מאַמען אָנגעבן אין געריכט.

איינמאָל, נאָך אַ שטאַרקער קריגעריי מיט אַ שכן וועמען איך האָב, ווי עס ווייזט אויס, אָנגעטאָן גרויס שאָדן, האָט די מאַמע מיינע מיך געכאַפּט און מיך לאַנג און בייז געשלאָגן. מען האָט מיך אָן עסן געהאַלטן אַ גאַנצן טאָג פאַרשפּאַרט אין אַ פינצטערן שפּייז־קעמערל, וואו איך האָב פון ווייטיק לאַנג און ביטער געוויינט. פאַרנאַכט, ווען דער מאַמען איז, אַפּנים, אָפּגעגאַנגען דער כּעס, האָט זי מיך געהייסן אַרויסגיין און גיין צום טיש עסן. איך האָב געפילט, אַז דער מאַמען פאַרדריסט וואָס איך האָב אַ גאַנצן טאָג גאָר־נישט געגעסן און איך האָב זיך איינגעשפּאַרט און בשום אופן נישט געוואָלט אַרויסגיין פון קעמערל — אַזוי־אַרום געוואָלט פאַר־שאַפן איר נאָך מער עגמת־נפש. מיין איינגעשפּאַרטקייט האָט זי צע־רייצט און זי האָט מיך פון דאָס ניי גענומען שלאָגן מיט גרויס רציחה. איך האָב גענומען שלאָגן צוריק און אין שטוב איז געוואָרן אַ גרויס געוואַלד, אַז דער „קאַלטער גזלן" שלאָגט דער מאַמען. יעדער האָט צוגעוואָרפן אַ וואָרט, אַ באַמערקונג וועגן מיין אויפפירונג, וואָס איז געווען פאַר מיר ווי זאַלץ אויף אַ וואונד. פון ווייטיק, כּעס און בושה האָב איך געכאַפּט דאָס שמאַלע שאַליקל וואָס איך האָב געטראָגן און גענומען מיט די אייגענע הענט זיך פאַרציען דעם האַלז. די איבעריקע קינדער וואָס האָבן דאָס באַמערקט האָבן געמאַכט אַ גע־וואַלד, אַז איך ווערג זיך און אַז די צונג האָט זיך ביי מיר אַרויס־געשטעקט. די מאַמע איז מיט האַסט צוגעלאָפן און מיט נייע קלעפּ מיך געצוואונגען אָפּצולאָזן דעם שאַליק. אַזוי־אַרום — פלעגט די מאַמע שפּעטער דערציילן — האָט זי מיך, מיט די קלעפּ, געראַטעוועט פון טויט... לאָזט זיך אויס, אַז קלעפּ קאָנען אויך עמיצן ראַטעווען...

מיין ערשטע זינד און גאָטס שטראָף

די אַרומיקע קינדער פון גאַס פלעגן אָפּט קויפן נאַשערייען: צוקערלעך, מאָנעלעך, אינגבערלעך און אַנדערע קינדערישע זיסקייטן. זיי פלעגן מיך, ווען נישט ווען, מכבד־זיין מיט אַ לעק אָדער מיט אַ ברעקל פון די דאָזיקע גן־עדן־מאכלים. איך האָב זיי שטאַרק מקנא געווען און אַלץ געטראַכט און געזוכט עצות ווי אַזוי צו קריגן דריי קאָפּיקעס כּדי צו פאַרווירקלעכן דעם טרוים מיינעם און קויפן זיך אַ גאַנצע „כלעבנע פּיראָזשנע" (ברויט־טשאַסטקע) וואָס איז מיר זייער שטאַרק געפעלן געוואָרן. וועגן בעטן ביי דער מאַמען אָדער ביים טאַטן — איז מיר גאָר אויפן זינען נישט געקומען, אַזוי ווילד איז געווען דער געדאַנק. מען וואָלט מיך, מיט רעכט, באַטראַכט ווי אַ משוגענעם. פלעג איך אויסקוקן אויף דער געלעגנהייט אַריינצוגיין מיט די גליקלעכערע קינדער צוזאַמען צו דעם הויכן יידן אין געוועלבל און איינאָטעמען דעם זיסן, שמעקעדיקן ריח פון די אַלע גוטע זאַכן. אָפּט איז מיך באַפאַלן אַ פאַרלאַנג אַראָפּצוכאַפּן אַ „כלעבנע" און אַנטלויפן. דאָס האַרץ פלעגט מיר אָבער אָנהייבן אַזוי שטאַרק צו קלאַפּן, אַז כ'בין געוואָרן אינגאַנצן אָנמעכטיק. אַ באַגאָסענער מיט שווייס פלעג איך, קוים האַלטנדיק זיך אויף די פיס, אַרויסשלעפּן זיך פון געוועלבל. און דער באַטעמטער יצר־הרעדיקער ריח האָט מיך אַ לאַנגע צייט פאַרפאָלגט ביז קאָפּ־ווייטיק.

אונטער דעם דאָזיקן ווייטיקדיקן פאַרלאַנג איז ביי מיר געבוירן געוואָרן דער געדאַנק צו גנבענען אין שטוב די נייטיקע דריי קאָפּיקעס.

דער טאַטע מיינער האָט געהאַט אַ טבע אָפּט צו ציילן די „לייזונג" זיינע פאַרן טאָג און אויסרעכענען די „פאַרדינסטן". די „קאַסע" איז באַשטאַנען פון קליינע קופּערנע מטבעות. צוערשט פלעגט ער די מטבעות אויסשטעלן אין רונדע סלופּקעס, לויט זייער גרויס, אויס־ציילן די מטבעות פון יעדן סלופּעק באַזונדער, צוזאַמענרעכענען „אויפן קאָפּ" וויפיל יעדער סלופּעק באַטרעפט און צום סוף מאַכן דעם אַלגעמיינעם סך־הכל. דערנאָך פלעגט גיין די „קאָנטראָלע", נאָך וועלכער עס פלעגט זיך אָפּט אַרויסווייזן אַז עפּעס שטימט נישט

אין חשבון און די געשיכטע פלעגט זיך אָנהייבן פון דאָס־ניי: — אַזוי־פיל און אַזוי־פיל צווייער־קאָפּיקעס, און אַזוי־פיל און אַזוי־פיל דרייער־קאָפּיקעס טרעפט אָן אַזוי־פיל און אַזוי־פיל — צוזאַמען אַזוי־פיל און אַזוי־פיל. לאָזט זיך אויס מיט צוויי קאָפּיקעס צופיל. פון וואַנען האָבן זיי זיך גענומען? מוז געווים זיין ווייטער אַ טעות אין חשבון... און אַזוי עטלעכע מאָל נאָכאַנאַנד. ביי זיין קורצזיכטיקייט פלעגט דאָס ביים טאַטן דויערן זייער פיל צייט און דאָס האָט דער מאַמען אַרויסגעבראַכט פון געדולד.

גאַנץ אָפט פלעגן אויף דעם באָדן פאָרקומען צווישן טאַטן מיט דער מאַמען קריגערייען. אין די דאָזיקע קריגערייען בין איך אָפט געווען דער שולדיקער, ווייל אַדאַנק מיר האָט דער טאַטע פאַרגרעסערט די „קאָנטראָלעס” איבער דער „קאַסע” און צוליב דעם האָבן זיך די טרויעריקע מאָמענטן אין זייער אָרעם, ביטער לעבן פאַרמערט און פאַרגרעסערט.

ווי נאָר דער טאַטע פלעגט פונאַנדערלייגן די קופּערנע צענערס, זעקסערס און פירערס, פלעג איך נישט אָפּטרעטן פון טיש און אויסקוקן אויף אַ פּאַסיקע געלעגנהייט אַראָפּצולאָזן אין קעשענע די נייטיקע מטבע. כדי אָפּצוציען דעם טאַטנס אויפמערקזאַמקייט פלעג איך אָנווענדן פאַרשידענע סטראַטעגישע קונץ־שטיק: איך פלעג אים פאָרלייגן העלפן אויסלייגן די מטבעות, צוזאַמענציילן זיי, אָדער כאַפּן מיט בלומרשטדיקער התפעלות אַ שפּאָגל־נייעם זעקסער און ווייזן דעם טאַטן ווי שיין עס פינקלט דער קופּערנער גלאַנץ אויף זיין קאַרבירטן קאַנט, מיט אַ כיוון פּלאָנטערן אים אין חשבון און אויך אָנווענדן אַנדערע שמד־שטיק. ווי עס ווייזט אויס האָט דער טאַטע געהאַט זייער ווייניק צוטרוי צו מיינע טובות. ער פלעגט בייז און מיט פאַרדאַכט נאָכקוקן יעדע באַוועגונג מיינע, און טאָמער בין איך געוואָרן שוין צופיל איבערגעגעבן אין מיין ברען אים צו העלפן, פלעגט ער מיך אָן צערעמאָניעס אַוועקטרייבן פון טיש.

געזען, אַז דער וועג פירט נישט צום געוואונטשטן ציל, האָב איך כמעט ווי פאַרלוירן יעדע האָפנונג ווען נישט איז צו פילן דעם טעם פון אַ גאַנצער „כלעבנע”. איך פלעג אַרומגיין אַ בייזער און דענערווירטער, פאַרטאָן אין זיך מיט מיינע פינצטערע זינדיקע פאַרלאַנגען, ביז איינמאָל האָט אַ בייזער מלאך מיר געוויזן דעם וועג צו זינד און איך בין געוואָרן אַ „גנב”.

געשלאָפֿן בין איך אין יענער צייט צוזאַמען מיטן טאַטן. איינ־מאָל האָב איך אין שלאָף דערפֿילט עפּעס אַ האַרטע זאַך אונטער דער זייט, און וועלנדיק דאָס באַזייטיקן, האָב איך פּלוצלינג אָנגע־טאַפּט דעם טאַטנס לעדערנע בייטעלע מיט די האַרטע, קופּערנע מטבעות. איך האָב אויפֿגעציטערט מיטן גאַנצן לייב.

דער טאַטע פֿלעגט דאָס בייטעלע האַלטן טיף פֿאַררוקט אונטערן קישן. וואַרשיינלעך האָט עס זיך צופֿעליק אַרויסגערוקט און אַזוי־אַרום איז עס אַריינגעפֿאַלן צו מיר אין האַנט. עס איז מיר באַפֿאַלן אַ שרעק, דאָס האַרץ האָט מיר אָנגעהויבן אַזוי שטאַרק צו קלאַפּן אַז איך האָב געהערט יעדן קלאַפּ. איך האָב איינגעהאַלטן דעם אָטעם, מורא האָבנדיק אַז דער אָטעם וועט אויפֿוועקן דעם טאַטן און ער וועט מיך כאַפּן ביי דעם שרעקלעכן פֿאַרברעך. איך בין אַזוי לאַנג געלעגן, נישט רירנדיק זיך פֿון אָרט. עס האָט מיך באַגאָסן אַ שווייס איבערן גאַנצן לייב און אין מוח האָט מיר געפּלאַמט. איצט איז מיר שווער איבערצוגעבן אַלע מיינע דעמאָלטדיקע רעיונות, דעם קאַמף צווישן יצר־הרעדיקן פֿאַרלאַנג אָנצוזעטיקן זיך מיט „כלעבנע" און דער שטים פֿון יצר־טוב צו בלייבן אָרנטלעך. דער סוף איז געווען, ווי דער סוף אין אַ סך אַזעלכע פֿאַלן ביי אָרעמע קינדער — עס האָט געזיגט דער יצר־הרע.

די שטראָף פֿאַר די זינד איז געקומען נאָך איידער איך בין אויפֿגעשטאַנען פֿון בעט: גאַנץ פֿרי, ווען דער טאַטע האָט, דאַוונענ־דיק, גענומען ווייטער ציילן זיין „קאַפּיטאַל", האָב איך דערפֿילט אַז עס וועט אויסברעכן אַ שטורעם. דער טאַטע האָט נערוועז געציילט עטלעכע מאָל, געקלונגען און געקלאַפּט מיט די מטבעות אויפֿן טיש און האָט, אַפּנים, נישט געקאָנט פֿאַרשטיין וואָס דאָ איז פֿאָרגעקומען. די מאַמע איז אַרומגעגאַנגען אַ צעריצטע און פֿאַרגעוואָרפֿן דעם טאַטן, אַז עס ווערט איר נישט גוט קוקנדיק ווי ער „קניבעט" די גראָשנס זיינע. דער טאַטע האָט גאַרנישט געענטפֿערט און געהאַלטן אין איין ציילן און איבערציילן. די מאַמע איז אַרויס פֿון געדולד, צוגע־לאָפֿן און מיט כּעס אַראָפּגעשאַרט די קופּערנע מטבעות פֿון טיש. דער טאַטע איז געבליבן ווי געפּלעפֿט צוגעשמידט צום אָרט, אַזוי גרויס איז געווען זיין איבעראַשונג.

דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן צווישן זיי אַ לאַנגע און אַ בייזע קריגעריי. דער טאַטע האָט צווידייטיק פֿאָרגעוואָרפֿן דער מאַמען,

אַז זי באַגנבעט אים. די מאַמע וועלנדיק אים פאַרשאַפן עגמת־נפש, האָט זיך געריצט מיט אים און זיך גערימט, אַז וואו ער זאָל נישט באַהאַלטן זיין טייסטער וועט זי אים אַלץ געפינען און אים באַגנבענען, ווייל ער, דער טאַטע, האָט זי באַרויבט און באַגנבעט איר גליק. איך בין געלעגן שטיל. אין האַרצן האָט גענאָגט אַ געפיל פון בושה, געפייניקט אַ פאַרוואורף און אַ ווייטיק פון חרטה. עס האָט זיך אין מיר דערוועקט רחמנות צום טאַטן און אַ בזיון פאַר דער מאַמען וואָס צוליב מיר האָט זי געזאָגט אַ ליגן. ווי וועל איך איר קאָנען קוקן גלייך אין די אויגן?

עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז די מאַמע ווייסט פון מיין שרעק־לעכן סוד, אַז דאָס נעמט זי אויף זיך די שולד כדי מיך צו פאַרטיידיקן. וועגן מודה זיין זיך האָב איך אויך נישט געטראַכט. איך האָב גע־טראַכט איבער מיין געפאַלנקייט, איבער דעם וואָס פאַרא שלעכט קינד איך בין צו מיינע אָרעמע עלטערן, געטראַכט וועגן כּוח פון יצר־הרע, וועגן די נעצן וואָס ער שפּרייט אויס און ווי שווער עס איז זיך פון זיי צו ראַטעווען.

ליגנדיק אַזוי איינגעגראָבן אין קישן אין די שווערע, פּיינלעכע געפילן און רעיונות, האָב איך צו זיך דערפילט גרויס מיטלייד, ווי צו אַן אומגליקלעכן. דאָס האַרץ איז געוואָרן איבערפולט מיט די אַלע סתירהדיקע איבערלעבונגען און איך האָב זיך צעוויינט. צוערשט — שטיל אין זיך. עס האָט געוויינט אין מיר מיין גאַנץ וועזן, מיינע אַלע אברים. קיין טרערן זענען נישט גערונען פון מיינע פאַרמאַכטע אויגן און קיין קלאַנג האָט נישט אַרויסגעגעבן מיין ספּאַזמירט קול. אָבער דאָס קינדערישע הערצל האָט לאַנג נישט אויסגעהאַלטן און איך האָב אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ היסטעריש כליפּען. עס האָט אין מיר אַלץ געצופּט און געטרייסלט. דער טאַטע מיט דער מאַמען האָבן פּלוצלינג איבערגעריסן זייער קריגעריי. זיי האָבן, אָפּנים, געמיינט אַז דאָס האָט אויף מיר אַזוי געווירקט זייער קריגן זיך. די מאַמע האָט מיט אַ געמאַכטן בייזער מיך אויסגעזידלט וואָס איך האָב זיך אַזוי צע־רעוועט און אין שטוב איז געוואָרן שטיל.

שפּעטער בין איך שעהן־לאַנג געווען פאַרנומען מיטן געדאַנק, ווי אַזוי איך וועל דאָס ערשטע מאָל קויפן אַ „פּיראָזשנע": צי וועט דער הויכער ייד נישט פרעגן מיך וואו איך האָב גענומען דאָס געלט און וואָס וועל איך אים אויף דעם ענטפערן?

קוים דערוואַרט דעם בין־השמשות. ווען קיינער האָט מיך נישט געקאָנט באַמערקן, האָב איך, היטנדיק זיך ווי אַ גנב, בשלום איינגע־קויפט מיין לאַנג־באַגערטן מאכל — אַ „כלעבנע פּיראָזשנע".

פון יענעם טאָג אָן בין איך אַריינגעפאַלן אין אַ נעץ פון צולאָ־זענער תאווה: איך האָב אָנגעהויבן גנבענען אין שטוב קאָפּיקעס און גראָשנס. אויפקלייבן אַלטע שטיקלעך אייזן און מעשווארג, שמאַ־טעס, בוטלען און אויסטוישן זיי ביים זעלבן הויכן יידן אויף פּיראָזש־נעס. אָבער אין שטוב איז דער פאַרמעגן פון אַזעלכע ווערטפולע חפצים געווען זייער נישט קיין גרויסער, און איך האָב נישט צו אָפט געהאַט די מעגלעכקייט צו באַפרידיקן מיין גערייצטע תאווה.

איינמאָל איז מיר איינגעפאַלן אַ חוצפּהדיקער פּלאַן — צוצוקו־מען ביינאַכט צום טאַטנס בייטל, וואָס ליגט ביי אים צוקאָפּנס אונטערן קישן.

איך בין לאַנג געלעגן און זיך געמאַכט ווי איך וואָלט שטאַרק געשלאָפן. דערביי האָב איך זיך אָבער שאַרף צוגעהערט צום טאַטנס אָטעמען. ווען איך בין זיכער געוואָרן אַז דער טאַטע שלאָפט שוין, האָב איך מיט אויסערגעוויינלעכער פאָרזיכטיקייט גענומען אַרונטער־שטופּן די האַנט אונטערן קישן כדי צו דערגרייכן דעם בייטל. דאָס האָט געדויערט זייער לאַנג און עס זענען מיך באַפאַלן שרעקלעכע אַנגסטן: ביי יעדער באַוועגונג דעם טאַטנס איז מיר דאָס בלוט פאַר־גליווערט געוואָרן אין די אָדערן. איך פלעג בלייבן ליגן אַ לענגערע צייט נישט וואַגנדיק צו באַוועגן מיט דער האַנט אונטערן קישן. די האַנט פלעגט מיר ווערן פאַרחלשט. און דאָס האָט אַרויסגערופן אַ טעמפּן ווייטיק אין די מוסקולן. אָבער דער פיזישער ווייטיק איז געווען אַ קלייניקייט קעגן דער נערוועזער אָנגעשטרענגטקייט פון דערוואַר־טונג, אַז אָט־אָט קאָן זיך דער טאַטע אויפכאַפּן.

מיט אַ סך יאָרן שפּעטער האָב איך געלייענט אַ ווערק פון איינעם אַן אַמעריקאַנער געוועזענעם גנב, וואו ער באַשרייבט ווי אַזוי און ביי וועלכע אומשטענדן עס פלעגט אים אויסקומען אויסצופירן פאַרשי־דענע גנבישע אָפּעראַציעס. צווישן אַנדערע באַשרייבט ער אַ פאַל, ווי אַזוי ער האָט באַגנבעט אַן אַלטן פּראָצענטניק וואָס פלעגט ביי־נאַכט האַלטן זיין פאַרמעגן אין אַ בייטל צוקאָפּנס אונטערן קישן. שעהן־לאַנג איז דער גנב געשטאַנען אויף די קני לעבן זיין קרבנס בעט און מילימעטער נאָך מילימעטער גערוקט די האַנט אונטערן

קישן. די באַשרייבונג פון זיין איבערלעבונג ביים קלענסטן שאָרך, ביי דער קלענסטער באַוועגונג פון אַלטן, ביי יעדן טיפערן אָטעם־צוג זיינעם איז מיר געווען אַזוי נאָענט און פאַרשטענדלעך, אַז לייענענדיק דאָס האָב איך נאָכאַמאָל איבערגעלעבט יענע פיינלעכע שעהן פון מיין אייגענער „גנבישער" פאַרגאַנגענהייט.

ווער ווייסט צו וואָס מיין טריפהנער האַלז וואָלט מיך דאַן דערפירט ווען אין שטוב ביי אונז זאָל זיך נישט טרעפן אַן אומגליק, וועלכן איך האָב באַטראַכט ווי אַ שטראָף פון גאָט פאַר מיינע זינד.

ווי אַ סך אָרעמע פאַמיליעס, האָט די מוטער מיינע, כמעט רעגל־מעסיק, אַלע צוויי יאָר געבראַכט אויף דער וועלט אַ ניי באַשעפעניש — אַ מאָל אַ יינגל, אַמאָל אַ מיידל און נישט זעלטן — אַ מיידל מיט אַ יינגל אויף איינמאָל. די ניי־געבוירענע קינדער האָט, אפנים, נישט געשמעקט די פּערספּעקטיוו אויסצושטעקן די צונג נאָך אַ פּי־ראָזשנע און זיי פלעגן זיך קליינערהייט פריצייטיק אָפּטראָגן פון דער וועלט. און אפשר האָט עס דער גוטער גאָט פון די אָרעמע אַזוי געפירט און מיט אַ כיוון זיי צוגענומען פון דער וועלט קליינערהייט, כדי זיי זאָלן נישט דאַרפן ווערן קיין גנבים ביי זייערע אייגענע עלטערן, ווען זיי וועלן אונטערוואַקסן. דערצו האָט דער ליבער גאָט געהאַט אין זיין רשות פּאָקן, מאָזלען, דיפטעריטן, דעזינטעריע, מאָגן־קראַמפּן, לונגען־אָנצינדונגען און אַנדערע מיטלען, מיט וועלכע און דורך וועלכע ער פלעגט באַרימהאַרציק באַפרייען די אָרעמעלייט פון זייערע יונגע קינדערלעך און כאָטש אַזוי־אַרום פאַרגרינגערן זיי זייער שווער לעבן . . .

ווי די זאַך זאָל נישט זיין, האָבן זיך ביי מיינע עלטערן נישט איינגעהאַלטן די קינדער וואָס זענען געבוירן געוואָרן אין דער גרויסער שטאָט דווינסק, „וואו פרנסה איז דאָ פאַר אַלעמען".

חוץ די מפילס, פאַרשטייט זיך, איז פון די פיל איינצל־געבורטן און צווילינגס, וואָס מיין מאַמע האָט געהאַט אין דווינסק, געבליבן לעבן בלויז איין קינד — מיין יינגער שוועסטערל כאַסעלע. אין יענער צייט אָבער האָט נאָך געלעבט מיינס אַ צווייט שוועסטערל פון אַ יאָר פיר־פינף. דאָס איז געווען אַ זעלטן פיזיש געראָטן קינד, ווי עס גיט זיך אַמאָל איין ביי אָרעמע עלטערן. אַ קינד — בלוט און מילך. פרעמדע און אייגענע פלעגן זיך וואונדערן פונוואַנען האָט זיך דאָס אַזוינס גענומען אין אַ שטוב פון הונגער און נויט. חוץ אירע פיזישע

מעלות, איז זי נאָך געווען גייסטיק, נישט פאַר אירע יאָרן, גוט אַנט־וויקלט און אַ זעלטן קלוגע. אַט דאָס שוועסטערל — מאַריאַשעלע איז געווען איר נאָמען — איז געווען מיין ליבלינג, מיין גאַט, צו וועלכן איך האָב געקניט.

דאָס דאָזיקע שוועסטערל פלעגט פון אַלע שטוביקע אָפּגעהיט ווערן ווי אַן אוצר, ווי אַ באַלוינונג פון גאָט פאַר דעם שווערן אָרעמען לעבן.

געוואוינט האָבן מיר דאַן אין אַ קליינער איינגעהויקערטער הילצערנער הייזקע מיט אַ דורכגעלעכערטן דאַך און געפּלאַצטע ווענט. פלעגט אַרויספאַלן דער קלענסטער רעגן, האָבן פאַרפעלט כּלים אין שטוב אונטערצושטעלן אונטער די אַלע לעכער, פון וועלכע עס האָט אַריינגערונען. דאָס ביסל בעטגעוואַנט וואָס מיינע עלטערן האָבן געבראַכט פון קליינעם שטעטל איז געוואָרן דורכגעווייקט און מען פלעגט עס דאַרפן לאַנג טריקענען. בייטאָג פלעגט מען זיך נאָך ווי נישט איז אַן עצה געבן: מען האָט אַלץ צוזאַמענגעוואָרפן אין איין טרוק־קענעם ווינקל און אַזוי־אַרום שיצן זיך קעגן נעץ און קעלט. שלעכט פלעגט אָבער זיין ווען דער רעגן איז אויסגעפאַלן ביינאַכט, אין רעכטן טיפן שלאָף: די קינדער האָבן זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ געוואַלד, די מאַמע האָט מיט אַ געוויין, הויך אויפן קול, באַקלאָגט איר ביטער מזל און געזוכט אין דער פינצטער די שוועבעלעך וואָס זענען אויף להכעיס ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן גראָד דעמאָלט ווען מען דאַרף זיי אַזוי נייטיק האָבן. נאָך לאַנגע זוכעניש, ווען עס האָבן זיך שוין געפונען די שוועבעלעך און דאָס נאַפט־לעמפּל האָט שוין שוואַך באַלויכטן די פאַרוויינטע און פאַרשלאָפענע פנימער פון די שטוב־ביקע, האָט זיך אָנגעהויבן אַ זוכעניש פון פאַרשידענע טעפּלעך, פענדלעך און צעבראָכענע טעלער וואָס פלעגן זיין פאַרשטעקט אין די ווינקלען אויף אַ פאַל פון נויט. אָבער די גרעסטע זאָרג איז געווען וואו אַוועקצושטעלן דאָס לעמפּל — דער איינציקער לייכט־פּונקט אין דער פינצטערער, רעגנדיקער נאַכט. וואָרום נישט זעלטן פלעגט טרעפן אַז אַ פאַררעטערישער טראָפּן האָט אַרויפגעשפּריצט אויף דעם לעמפּל און דאָס גלעזל האָט געפּלאַצט. אין שטוב איז געוואָרן מאָדנע פינצטער און טרויעריק. מיר פלעגן זיך צונויפטוליען איינער צום צווייטן און מיט פּחד זיך צוהערן צו דעם מאָנאָטאָנעם קלאַנג פון די פאַלנדיקע טראָפּנס אין די אייזערנע, הילצערנע און ליימענע כּלים. יעדע כּלי פלעגט אַרויסגעבן אַ באַזונדערן קלאַנג: איינע — הילכיק

און גיך, די צווייטע — זעלטענער און דומפּיק, ווי אין אַ טיפן ברונעם. לויט קלאַנג פלעגן די עלטערן דערקאָנען וועלכע כּלי עס איז שוין פול מיט רעגן־וואַסער און ווען מען דאַרף דאָס אַרויסגיסן. אָפּט אָבער האָבן די קלאַנגען אָפּגענאַרט און דאָס וואַסער איז אַריבער־געגאַנגען די ברעגעס און אונטערגעשווענקט דאָס בעטגעוואַנט, אויף וועלכן מיר פלעגן זיצן צוזאַמענגעטוליעט.

ווינטער־צייט פלעגן מיר זיין געזיכערט פון דער נעץ. אָבער דערפאַר האָט אין שטוב אַרומגעיאָגט אַ מוראַדיקע קעלט וואָס האָט פאַרגליווערט די גלידער. די מאַמע פלעגט אונדז, קינדער, אַרומפּעלצן מיט אַלץ וואָס זי האָט נאָר געפונען. דאָס פלעגט אָבער זייער ווייניק העלפן און די הענטלעך זענען ביי אונדז שטענדיק געווען רויט און געשוואָלן פון קעלט.

איינמאָל איז אויסגעפאַלן אַן אויסערגעוויינלעך שטאַרקער פראָסט מיט אַ זאַווערוכע. די האַלב־איינגעפאַלענע חורבה וואו מיר האָבן געוואוינט האָט געציטערט און געקנאַקט. דער ווינט האָט גע־וואָיעט אין קוימען, געקלאַפּט מיט די לאָדן אין דרויסן און געריסן די טיר. פּלוצלינג האָט דער ווינט אַ טרייסל געטאָן די טיר מיט אַ געוואַלדיקער קראַפט, אויפגעעפנט און זי גלייך צוריק צוגעקלאַפּט. די אַלטע פאַרזשאַווערטע זאַוויאַסעס האָבן נישט אויסגעהאַלטן און זיך איבערגעבראָכן; די טיר איז ווי אָפּגעשפּרונגען הינטערווייַלעכץ און מיט אַ הייזעריקן קרעכץ אַנידערגעפאַלן אויף דער ליימענער פּאָדלאָגע פון פינצטערן פאַרהויז. אין שטוב האָט זיך אַריינגעריסן אַ ווינט מיט אַ שניי און אַלץ באַדעקט מיט אַ פראָסטיקער פּאַרע. די מאַמע האָט פּרובירט די טיר אויפהויבן, אָבער די שווערע מאַסע פון דער געשאַלעוועטער, אַלטמאָדישער טיר איז געווען נישט פאַר אירע כּוחות. מענטשן זענען אַריינגעקומען און געוואָלט די טיר צוריק אויפהענגען, אָבער זיי האָבן גאָרנישט געקאָנט מאַכן, ווייל די זאַ־וויעסעס זענען געווען איבערגעבראָכן. דער פראָסט האָט אָן רחמנות געשטאָכן די פינגער. כּדי אונדז צו שיצן אַביסל פון שניי און פון ווינט, האָט די מאַמע די עפענונג פון דער טיר פאַרהאָנגען מיט אַ ראָג־זשע (אַ פלאַכטע געפלאָכטן פון ליפּנער הויט־קאָרע). אַזוי זענען מיר אין דעם איינציקן צימער פון דער וואוינונג געבליבן מיט אָן אָפענער טיר ביז אָוונט. קורץ נאָך דעם האָט זיך מאַריאַשעלע אוועק־געלייגט קראַנק אויף אַ לונגען־אָנצינדונג.

אין עטלעכע טעג אַרום איז דער ליבלינג פון שטוב — מיין ליבע, קליינע שוועסטערל געשטאָרבן. אַלע האָבן גערעדט, אַז דאָס האָט איר יענער טאָג דערהרגעט. איך בין געווען דערשיטערט נישט נאָר צוליב דעם אָנווער, נאָר אויך דערפאַר וואָס איך איינער, ווי מיר האָט זיך געדאַכט, בין געווען דער אמתער שולדיקער אין איר טויט. דאָס האָט גאָט מיך געשטראָפט פאַר מיינע זינד וואָס איך בין באַגאַנ־גען לגבי מיינע עלטערן מיט מיין גנבענען ביי זיי אויף נאַשערייען.

אין שטוב ביי מיר איז מען זייער אָפּט געזעסן שבעה. אָבער קיינמאָל נישט פאַר דעם, נישט נאָך דעם האָבן די קאַפּיטלעך תהלים וואָס דער טאַטע פלעגט דעמאָלט זאָגן, נישט געקלונגען אַזוי טרויעריק ווי דאָס מאָל. אויך דאָס געוויין ביים אַרויסטראָגן דעם מת פון שטוב איז דאָס מאָל געווען האַרצרייסנדיקער ווי ביים טויט פון אַנדערע קינדער. דער טאַטע מיט דער מאַמען האָבן מיט די אייגענע הענט אָפּגעגעבן דעם מת דעם קבֿרן. דער טאַטע האָט פרום געזאָגט דעם פּסוק „ד׳ נתן — ד׳ לקח" (גאָט האָט געגעבן און גאָט האָט צוגע־נומען), און בעת די מאַמע האָט מיט אַ שרעקלעכן יאָמער אויסגע־שריגן: „רבונו־של־עולם! מיט מיינע אייגענע הענט גיב איך דיר אָפּ דיין קרבן — פאַרהיט מיר מיינע איבעריקע שעפעלעך", — האָט דער טאַטע איר געזאָגט, אַז מען טאָר נישט וויינען און נישט זינדיקן פאַר גאָט, — „זיינע וועגן זענען אַלעמאָל גערעכטע און מיר, מענטשן, טאָרן זיך נישט אַריינמישן"...

דער טויט פון מיין געליבט שוועסטערל, אַלס שטראָף פון גאָט פאַר מיינע זינד, האָט מיר אַ געוויסע צייט געגעבן כּוח בייצושטיין דעם יצר־הרע, און איך האָב אויפגעהערט צו גנבענען ביי די עלטערן קליינגעלט.

„וואָס די ערד דעקט צו, אַן דעם פאַרגעסט דער מענטש" — זאָגט אַ פאָלקס־וואָרט, און אויך דער גרויסער ווייטיק פון מיין שוועסטערס טויט איז מיט דער צייט שוואַכער געוואָרן. עס זענען אונטערגעקומען פרישע צרות מיט זייערע פרישע ווייטיקן, פרישע זאָרגן און פלאָגן וואָס האַלטן דעם אָרעמאַן שטענדיק אין קלעם און מיט דער צייט זענען די אַלטע צרות אינגאַנצן פאַרגעסן געוואָרן.

אויך איך בין געקומען צו זיך. איך האָב אָנגעהויבן נאָכטראַכטן און אויסגעפינען באַווייזן, אַז אייגנטלעך האָט דאָך מיין ליב שוועסטערל געקאָנט שטאַרבן צוליב אַ צווייטנס זינד, וואָס איז אפשר

געווען גרעסער ווי מיינע, ווייל מיין זינד איז דאָך גאָרנישט אַזוי גרויס, אַז גאָט זאָל מיך און מיינע עלטערן דאַרפן אַזוי האַרב שטראָפן — איך האָב דאָך געגנבעט ביי אייגענע. טראַכטנדיק אַזוי, האָב איך, פאַרשטייט זיך, אויסגעפונען ביי די איבעריקע פון אונזער פאַמיליע אַ סך גרויסע עבירות, פאַר וועלכע עס קומט אַ גרויסע שטראָף; ווייטער איז פאַר מיר נישט געווען קלאָר פאַרוואָס האָט גאָט מיך אַליין נישט געשטראָפט? וואָס איז געווען שולדיק מיין קליין שוועסטערל? מיט איין וואָרט, איך האָב גענומען אויסגעפינען פאַרשידענע אויס־ריידן ווייטער אָנצוהייבן שלעפן ביי מיינע עלטערן גראָשנס און קאָפּיקעס און צונויפזאַמלען אַלע פאַר טעג אויף אַ „כלעבנע".

אָבער דאָ האָט פּאַסירט מיט מיר אַ פאַל וואָס האָט מיר שוין „קלאָר" באַוויזן, אַז גאָט, וועלכער ווייסט אַלץ וואָס עס טוט זיך ביי מענטשן אין האַרצן האָט געוואוסט פון מיינע זינדיקע געדאַנקען און אַז ער ווייזט מיר אַ סימן:

די עלטערן פלעגן זייער אָפט בייטן די דירות, ווייל אַלע מאָל איז אין דער דירה געווען אַזאַ שווערער חסרון צוליב וועלכן מען האָט דאָרט בשום אופן ווייטער וואוינען נישט געקאָנט. אָבער אין דער נייער דירה פלעגן זיך צו מערסטן אַרויסווייזן צוויי אַנדערע חסרונות וואָס יעדע פון זיי איז געווען ערגער ווי דער, וואָס איז געווען אין דער אַלטער דירה. דערפאַר זענען אין איין הינזיכט אַלע דירות געווען גלייך — כמעט אַלע זענען זיי געווען אָנגעפּיקעוועט מיט מייז. די דאָזיקע שונאים פון אָרעמע מענטשן פלעגן צעהאַקן די פּאָר שטיקלעך וועש וואָס האָט זיך געפונען אין שטוב, אויסגריזשען די ווייכע טיילן פון ברויט, אויב עס איז געבליבן פון טאָג; גאַנצע נעכט נישט לאָזן שלאָפן און אויף אונז, קינדער, פלעגן זיי אין די ווינטערדיקע פאַר־נאַכטן אַרויפוואַרפן אַן אימה.

אין פלוג, דאַכט זיך, האָבן די מייז געדאַרפט איינשטיין אין די רייכע הייזער. דאָרט וואָלט דאָך זיי געווען בעסער: זיי וואָלטן דאָך דאָרט געהאַט אַלדאָסגוטס. אָבער די מייז האַלטן פון זעלביקן כלל ווי די רייכע: אויב לעבן אויף יענעמס חשבון, דאַרף דאָס זיין אויפן חשבון פון די אָרעמע. אָדער אפשר איז אויך אין דעם געווען גאָטס האַנט — אָרעמע זאָלן אָפּקומען אויף דער וועלט?...

ווי די זאַך זאָל נישט זיין, די מייז פלעגן אונז דערגיין די יאָרן. באַזונדערס זענען זיי געווען אין אַ גרויסער צאָל אין דער אַלטער

חורבה, אין וועלכער מיר האָבן צו דער צייט געוואוינט. עס פלעגט טרעפן אַז אַפילו אינמיטן טאָג האָבן זיי זיך פלוצלינג סטאַדעווייז געלאָזט לויפן איבער דער פּאָדלאָגע מיט אַ קוויטשעריי, פון וועלכע עס איז אַ שוידער אַדורך דורך די גלידער. זיי זענען געווען געוואַלדיק גרויסע און עקלדיקע. עס האָט נישט געהאָלפן נישט קיין קאַץ און נישט קיין סם וואָס די מאַמע פלעגט פאַר זיי איינקנעטן אין ווייכן ברויט. אַ פּאָר טעג איז געווען שטילער און דערנאָך פלעגן זיי זיך ווייטער ווייזן.

איינמאָל ביינאַכט חלומט זיך מיר אַז עמיצער דריקט מיר דעם קאָפּ מיט אַ שווערער משא. איך וויל זיך ווערן, און איך קאָן נישט. מיט אַמאָל האָב איך דערפילט אַ ברענענדיקן ווייטיק אין קאָפּ און איך האָב מיך אויפגעכאַפּט מיט אַ שרעקלעכן געשריי. אין שטוב איז געוואָרן אַ בהלה; מען האָט אָנגעצונדן אַ שוועבעלע און מען האָט דערזען אַז אויפן קאָפּ איז ביי מיר אין איין אָרט געווען אָפּגעריסן די הויט און פון דער וואונד האָט זיך געגאָסן בלוט.

די שטוביקע האָבן געזאָגט אַז דאָס האָט מיך אַ מויז צעביסן, קריכנדיק אויפן אויוון, לעבן וועלכן איך בין געשלאָפן; אָבער איך האָב אין דער מויז איינגעזען אַ שליח פון גאָט, וואָס האָט דאָס מאָל שוין מיך פערזענלעך באַשטראָפט פאַר מיינע זינד. פון דעם מאָמענט אָן האָב איך שוין אויך שטענדיק אויפגעהערט צו גנבענען אין שטוב קליינגעלט, מורא האָבנדיק פאַר ווייטערדיקער שטראָף פון גאָט.

דאַרף מען פרעגן ביי גאָט נאָך וואָס ער האָט באַשאַפן מייז און זיי באַזעצט דווקא אין אָרעמע דירות?...

איך ווער רעליגיעז

אַט דער פּאַל וואָס אַ מויז האָט מיך צעביסן אין שלאָף, האָט שטאַרק געווירקט אויף מיין פּסיכיק — איך בין אריינגעפאַלן אין אַ רעליגיעזן פּחד.

געווען איז ביי אונז אַ שטוב נישט זייער קיין רעליגיעזע, הגם דער טאַטע מיינער איז געווען אַ גרויסער לערנער. מען פלעגט ביי אונז אין הויז אויספירן אַלע יידישע דינים, אָפּהיטן טראַדיציעס, אָבער אַלץ אָן אַ ברען — נישט געווען, ווי מיין מאַמע פלעגט זאָגן, קיין וצדקתך... דער טאַטע איז אַפילו געווען אַ בעל־קורא, פלעגט אַלע שבת דאַוונען פאַרן עמוד שחרית, געווען אַפילו אַ געוויסע צייט אַ מגיד, אָבער טיילווייז צוליב פּרנסה אָדער אויס „ספּאָרט". די מאַמע איז געגאַנגען מיט די „איינגענע האָר". די קינדער, ווען זיי זענען אונטער־געוואַקסן, האָט מען כמעט אין קיין זאַך נישט געשטערט און ווען איך האָב מיר אָנגעהויבן ראַזירן די באָרד איז אין שטוב נישט געווען קיין גרויסע טראַגעדיע. די מאַמע האָט נאָר געזאָגט, אַז עס קערט איר צום ברעכן קוקנדיק אויף מיין מאָרדע וואָס זעט אויס ווי אַ גע־סמאַליעטער חזיר... (איך בין זיכער אַז זי האָט אין איר לעבן קיין געסמאַליעטן חזיר נישט געזען).

דערפאַר איז מיין רעליגיעזער פּסיכאָז געווען נישט קיין אינער־לעכער נשמה־איבערברוך, נישט קיין טיפע מיסטישע איבערלעבונג. איך פלעג ווייטער זינדיקן מיט קינדערישע זינד, אָבער אין יעדן קלאַפּ וואָס איך האָב צופעליק זיך געגעבן, אין יעדן פאַרשפּילטן זעלנערישן קנעפּל מיט אַן אָדלער, איז יעדער פאַרלוירענער שפּילצייג, אין רוישן פון ווינט, אין דונערן און בליצן — האָב איך איינגעזען אַ שטראָף פון גאָט. איך בין געוואָרן שרעקעוודיק און, ווי מען וואָלט דאָס היינט געזאָגט — נערוועז.

באַזונדערס שווער געווירקט אויף מיין פאַנטאַזיע האָבן די שרעקלעכע מעשיות וואָס איך פלעג זיך אָנהערן פון אַנדערע יינגלעך אַלע פאַרנאַכט אין איטשע פריילערס בית־המדרש, אין שכנות פון

וועלכן מיר האָבן דעמאָלט געוואוינט. דאָס זענען געווען מעשיות פון גהינום, וואו מען הענגט פאַר די צינגער, וואו מען פייניקט מיט שרעקלעכע עינויים פאַרן קלענסטן חטא וואָס מען באַגייט אויף דער וועלט. שווידערלעך זענען געווען די מעשיות פון כּף־הקלע, פון אַרומ־בלאָנקען נאָכן טויט צווישן הימל און ערד און זוכן טיילן פון גוף וואָס זענען ערגעץ פאַרלוירן געגאַנגען; מעשיות פון מכשפות, פּיפּערנאָטערס, עקדישן און שלאַנגען.

פון די מעשיות האָב איך אַרויסגעדרונגען אַז אייגנטלעך קאָן דער מענטש גאָרנישט וויסן ווען ער באַגייט אַ חטא לגבי גאָט און פאַרוואָס גאָט וועט נאָכן טויט שטראָפן. איך פלעג דעריבער אַרומ־גיין אין איין ציטערן און טראַכטן, ווי אַזוי זאָל איך זיך אויפפירן כּדי נישט צו דערצאָרענען דעם רבונו־של־עולם און זיך אויסהיטן פון שרעקלעכן גהינום. דער דאָזיקער צושטאַנד פלעגט האַלטן געשפּאַנט מיין געמיט און דריקן מיך מיט זיין לאַסט, ווי אַ קאָשמאַר.

אין יענע מעשיות פלעגן זיך געפינען אויך אַזוינע וואָס האָבן אָנגעפילט מיין קינדעריש האַרץ מיט ליבע און רחמנות צו די גע־פייניקטע רשעים אין גהינום — דאָס זענען געווען די שבת־פאַר־נאַכטן, ווען ייִנגלעך פלעגן מיט גרויס געפיל און מיט אַ סך פּרטים מאָלן די שרעקלעכע ליידן פון די רשעים, ווען זיי דערהערן שבת־פאַרנאַכט דאָס געשריי פון שוואַרצן מלאך מיט די פייערדיקע ריטער: „קערט אייך אום, רשעים, צוריק אין גהינום אריין!"

מיר פלעגן זיך צוזאַמענקלייבן ערגעץ אין אַ וויטן ווינקל, זיצן צוגעדריקט איינער צום צווייטן און מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם זיך איינהערן אין שטילן, סודותדיקן פאַרציילן. מיר פלעגן דעמאָלט זיין וויט פון דער אַרומיקער ווירקלעכקייט: נישט געהערט דאָס תּהילים־זאָגן פון די דערוואַקסענע, נישט געזען איינער דעם צווייטן. אין האַרצן האָט געגאָגט אַ טיפער, אָנגענומער טרויער און אַ רחמנות צו די רשעים אויף יענער וועלט האָט געקלעמט די ברוסט.

אַזוי פלעגן מיר זיצן און איינזאַפּן אין זיך פאַרשידנאַרטיקע געפילן, ביז דער טרויעריק־סקאַרבאָווער ניגון פון שבת־פאַרנאַכ־טיקן „והוא רחום" האָט אונז אויפגעוועקט פון די אָנגענעם שרע־קעוודיקע פאַנטאַזיעס און מיר זענען פון אימה זיך צעלאָפן ווי אונ־טערגעשאָסענע פייגל.

מעריב פלעג איך דאַן דאַווענען מיט גרויס געפיל און מיט אַן איבערפולט האַרץ. עס האָט זיך מיר זייער געוואָלט וויינען; אָבער וויפיל איך פלעג מיך נישט מיען, האָב איך דאָך קיין טרערן בײַ זיך נישט געקאָנט אַרויסרופן. דאָס פלעגט מיך זייער פאַרדריסן און אַרויספירן אויפן געדאַנק, אַז בײַ מיר מוז זײַן זייער אַ זינדיקע נשמה.

דאָס נישט קאָנען וויינען דווקא דעמאָלט, ווען עס האָט זיך מיר געוואָלט, פלעגט מיר פאַרשאַפן גרויס עגמת־נפש און בזיון אויך בײַ אַנדערע אומשטענדן: בעת בײַ אונז איז געשטאָרבן אַ קינד פלעג איך בשום אופן נישט קאָנען בײַ זיך אַרויסרופן קיין טרערן. אַלע האָבן געקוקט אויף מײַן טרוקן געזיכט און מיר געמאַכט שטומע פאַרוואורפן פאַר מײַן „שטיינערנע האַרץ". דאָסגלײַכן פלעג איך נישט קאָנען וויינען בײַ די יום־כּיפּורדיקע תּפילות, בעת אַ סך דערוואַקסענע יידן מיט בערד האָבן געוויינט ווי קליינע קינדער. איך פלעג מיט געוואַלד דריקן די אויגן, אַרויסרופן טרויעריקע דערינערונגען, אָבער קיין טרערן האָבן זיך אַלץ נישט געוויזן.

נאָר בעת עס פלעגט קומען צו דער שרעקלעכער דערציילונג פון — „עשרה הרוגי מלכות", בעת דער טאַטע פלעגט מיר פאַר־טייטשן און אויפקלערן, ווי אַזוי מען האָט זיי געבערענט מיט געגליטע אײַזנס און כּדי די יסורים זאָלן וואָס לענגער דויערן האָט מען זיי געלייגט נאַסע וואָל אויפן האַרצן זיי זאָלן אַזוי גיך נישט שטאַרבן, דעמאָלט פלעג איך ספּאַזמירן פון געוויין און טיפן ווייטיק.

אויך אין מײַן ווײַטערדיקן לעבן — בײַ שווערע און טרויעריקע איבערלעבונגען פּאַסירט אָפט, אַז עס טריקענען מיר אויס די טרערן; דאַקעגן אַן אומבאַדײַטנדיק וואָרט וועגן אַן אַלטער טרויעריקער אי־בערלעבונג, אַ טרויעריקער מוזיקאַלישער ניגון, אַ ליריש ליד איז אַמאָל מסוגל אַרויסצורופן בײַ מיר אַ קוואַל פון באַהאַלטענע טרערן וואָס איך קאָן בשום אופן נישט אײַנהאַלטן.

אין שטוב הייבט מען אָן לייענען ראָמאַנען

חוץ די שטענדיקע פאַרדינסטן האָט מיין טאַטע געהאַט אַ סך סעזאָן־פּרנסות — פּרנסות, וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיט די יידישע יום־טובים. ערב פּסח האָט ער געהאַנדלט מיט הגדות, אין חודש אלול — מיט מחזורים, מיט תּחינות און אַנדערע מיני רעליגיעזע „סחורות" ביי יידן. ווערנדיק אַזוי־אַרום אַ שטיקל פאַכמאַן אין „ליטעראַטור", האָט ער אין אַ געוויסן ווינטער אָנגעהויבן האַנדלען מיט וועלטלעכע ביכלעך. דאָס זענען געווען די אַמאָליקע „העכסט אינטערעסאַנטע" און „שפּאַנענדע" ראָמאַנען וואָס די דעמאָלטדיקע פאַרלעגער פלעגן אַרויסגעבן בויגנווייז — אויף אַלע שבת אַ דרוק־בויגן. די דאָזיקע דינע העפטלעך, אָן פאָדערבלעטלעך, פלעגט דער טאַטע אויך אויסלייען אויף „פּראָקאַט" — צוויי קאָפּיקעס פאַר אַ שבת און איין קאָפּיקע פאַר אַ וואָכעדיקן טאָג, — דער טאַטע איז געוואָרן אַ פאַקנטרעגער.

מיט דער צייט איז ער אַליין געוואָרן אַ הייסער לייענער פון די ראָמאַנען און צווישן אים מיט דער מאַמען פלעגן גאַנץ אָפט פאָרקומען קריגערייען צוליב דער דאָזיקער „תּאווה" זיינער.

לייענען האָט ער צייט געהאַט נאָר אין אָוונט, ווען אַלע זענען שוין געלעגן אין די בעטן. די מאַמע פלעגט אָבער זשאַלעווען דעם קעראָסין (נאַפט) און אויפהייבן קולות, אַז ער וועט איר אומגליקלעך מאַכן — „אַלע נאַכט אַ לעמפּל קעראָסין אויסברענען, דאַרף מען דאָך האָבן ראָטשילדס פאַרמעגן". און נישט זעלטן איז זי אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט און מיט כּעס פאַרלאָשן דאָס לעמפּל. דער טאַטע האָט אָבער געווים געהאַלטן ביים סאַמע אינטערעסאַנטן, פלעגט ער ווידער אָנצינדן דאָס לעמפּל און מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם ווידער שלינגען מיט די קורצזיכטיקע אויגן אַ שורה נאָך אַ שורה, ביז די מאַמע איז אַרויס פון געדולד, און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ קריגעריי. דערפאַר פלעגט ער אָבער זיך אָפּנעמען די ווינטערדיקע פרייטיקצונאַכטן: די נעכט זענען לאַנגע; די שטובּיקע זענען מיד און לייגן

זיך פרי שלאָפן ; פאַרלעשן דאָס קעראָסין־לעמפּל קען די מאַמע נישט, צוליב שבת, און דער טאַטע פלעגט אַוועקזיצן, איינגעגראָבן מיט דער נאָז אין ביכל, ביז טיף אין דער נאַכט.

געלייענט האָט ער גיך און בלויז מיט די אויגן. דאָס ביכל האָט ער געהאַלטן נאָענט צוגערוקט צום געזיכט און געפירט מיט דער נאָז איבער די שורות, ווי מיט אַ טייטל, הין און צוריק אַזוי געשווינד, אַז ווען מען האָט אויף אים אַ לענגערע צייט געקוקט פלעגט אָנהייבן שווינדלען פאַר די אויגן.

ווי אַזוי דאָס איז געוואָרן, געדענק איך נישט, אָבער עס האָט זיך געמאַכט אַזוי אַז דער טאַטע האָט אָנגעהויבן פאַרלייענען אויפן קול — פאַר אַלעמען. דאָס פאַרלייענען פלעגט פאַרקומען איבערהויפּט פרייטיק נאָך דער וועטשערע.

אין שטוב הערשט אַן אָנגענעמע, פרייטיק־צונאַכטיקע וואַרים־קייט. דאָס נאַפט־לעמפּל הענגט אויפן וואַנט און באַלייכט מיט אַ מאַטן, געל־רויטן שיין דאָס ווייסע שבתדיקע טישטוך אויפן טיש. אויפן נידעריקן, געקאַלכטן, הילצערנעם סופיט ציטערט און פינטלט דער רונדער אָפּגלאַנץ פון לאָמפּן־גלעזל, פון וועלכן עס צעשפּרייטן זיך שוואַכע, ברודיקע שטראַלן. שוואַרצלעכע שאָטנס ציען זיך אויף דער זאַמד־באַשאָטענער פּאָדלאָגע און ווערן פאַרשוואונדן אין די שטוביקע ווינקלען וואָס ליגן איינגעהילט אין רויטלעכער טונקלקייט.

מיר ליגן אין די בעטן און הערן זיך גלייכצייטיק צו צום זשומען פונם לאָמפּן־קנויט און צום טאַטנס פאַרלייענען. קיינער טוט זיך נישט קיין ריר. מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם הערט מען די אויסטער־לישע געשיכטע, וואָס ווערט דערציילט אויף אַ וואונדערלעכן אופן מיט אַזאַ איידעלער שפּראַך. דאָס האַרץ איז אָנגעפּילט מיט ציטער און שרעק פאַר דער שיינער און גוטער העלדין און מיט ברענענדיקן האַס צום רשע — צום פאַרפירער.

פּלוצלינג טוט דאָס פייער אַ שפּרונג מיט אַ קנאַק און פאַלט גלייך צוריק אַראָפּ. דער טאַטע טוט מיט שרעק אַ קוק אויפן לעמפּל און הייבט אָן פאַרלייענען שנעלער, פאַרשלינגענדיק האַלבע ווערטער. אין די בעטן ווערט אַ שטיל גערודער, די שאָטנס אויף דער פּאָדלאָגע ווערן שוואַכער און דער קיילעכדיקער פלעק אויפן הילצערנעם סופיט — אַלץ טונקעלער און טונקעלער, ביז ער פאַרלעשט זיך מיט אַ שוואַכן

און ווייכן קלאַנג. אין שטוב ווערט מאָדנע שטיל און אימהדיק. עס פאַלן דעם טאַטנס שווערע שטיוול אויף דער פּאָדלאָגע און ווען עס דאַכט זיך, אַז אַלע זענען שוין פאַרזונקען אין שלאָפן, הערט זיך אין מיטן דערינען אַן אויסגעשריי:

— „אַ כאָלעריע זאָל אים כאַפּן — דעם רוצח".

אָבער נישט אַלעמאָל פלעגט זיך ענדיקן דאָס פאַרלייענען אויף אַזאַ אידילישן אופן. מאַנכעסמאָל, ווען דער שרייבער דערציילט וועגן די צרות און ליידן וואָס די גוטע ראָזע שטייט אויס פון איר שטיף־מוטער — דער מכשפה; אָדער ווען עס קומט די שילדערונג פון די שרעקלעכע איבערלעבונגען פון אײדלען מאַקס, צי פון שיינעם אַלבערט, ווערט דעמאָלט אונזער קעלער־שטוב אָנגעפילט מיט טיפן רחמנות צו די העלדן און העלדינס פון ראָמאַן. אין דער אָנגע־שטרענגטער שטילקייט, וואו עס הערט זיך בלויז דעם טאַטנס קול, רייסט זיך אומבאַמערקט אַריין אַן איינגעהאַלטן, שטיל כליפּען: דאָס האַלט זיך איין פון וויינען מײַן פילבארע, גוטהאַרציקע שוועסטער האָדל; איר צו־הילף קומט אַ שטאַרק שנייצן פון אַ צווייט ווינקל.

מיטן שטייגן פון די ליידן ביי די העלדן ווערט דאָס כליפּען אָפטער און העכער. דער שרייבער, וואָס האָט גאָר קיין האַרץ נישט, מאַכט אָבער די פאַרבן אַלץ שוואַרצער און געדיכטער און די ליידן פון די פאַרליבטע העלדן און העלדינס — אַלץ שווידערלעכער און שמערצלעכער. אויך איך פיל ווי די אויגן ווערן מיר נאַס און דאָס האַרץ ווערט מיר פאַרלאָפן מיט אַ מאָדנעם געפיל פון רחמנות און כעס... איך האַלט מיך איין מיט די לעצטע כוחות נישט צו וויינען. דעם טאַטנס קול הייבט אויך אָן צו ציטערן; שטילע טרערן פאַר־נעפּלען אים פון צייט צו צייט די אויגן און שטערן אים פאָרצו־לייענען. דאָ ברעכט אויס אַן אַלגעמיינער יאָמער — אַ געוויין אויפן קול. מען ספּאַזמירט אין די בעטן, ווער אַרונטערדרוקנדיק דעם קאָפּ אונטערן צודעק און ווער אָפן, אָן בושה.

די מאַמע וואָס האַלט זיך נאָך שטאַרק נעמט שרייען אויפן טאַטן ער זאָל אויפהערן לייענען, ווייל די קינדער וועלן קראַנק ווערן פון וויינען; אָבער אויך איר קול רייסט זיך איבער און זי פאַר־אייניקט זיך צום אַלגעמיינעם כאָר פון געוויין, שווערנדיק זיך, אַז מאָרגן וועט זי פאַרברענען אַלע ביכלעך — „און אַ סוף זאָל נעמען מיט די צרות".

נאָכדעם ווי מען האָט זיך שוין געשמאַק אויסגעוויינט ווערט גרינגער אויפן הארצן. מען ווישט גוט אוים די טרערן און דער טאַטע פאַרענדיקט דאָס פאָרלייענען ביי א שטילקייט, וואָס ווערט שוין פון קיינעם נישט איבערגעריסן.

אָבער דאָס אַלץ איז געווען גאָרנישט לגבי דעם וואָס עס האָט זיך געטאָן ביי אונז אין שטוב בעת דער טאַטע האָט פאָרגעלייענט „אבן נגף", און איבערהויפט ביים פאָרלייענען „יאָסעלע" פון דינעזאָן. אין פאַרלויף פון א פאָר וואָכן איז אונזער קעלער־שטוב יעדע נאַכט ממש פאַרפלייצט געוואָרן פון טרערן. עס האָבן געוויינט אַלע: דער טאַטע, די מאַמע, די דערוואַקסענע, און קוקנדיק אויף די דערוואַק־סענע, אפילו די קלענערע קינדער.

מעגלעך, אַז איך בין מיך טועה, אָבער מיר דאַכט, אַז נאָך דעם האָט מען שוין די איבעריקע ראָמאַנען נישט געהערט מיט אַזאַ פאַר־כאַפּטן אָטעם, ווי דאָס איז געווען פאַר „יאָסעלען".

מיט דער צייט האָט דאָס פאָרלייענען פאַרלוירן זיין רייץ: די עלטערע קינדער האָבן ביסלעכוויַיז אַליין אָנגעהויבן לייענען און דער טאַטע האָט ווייטער אָנגעהויבן צו לייענען פאַר זיך — בלויז מיט די אויגן.

אגב, איז צו דער צייט פאָרגעקומען אַן איבערברוך אין מיין פערזענלעכן לעבן און וואַרשיינלעך האָבן אַנדערע שטאַרקערע געשעע־נישן פאַרשלונגען די לעצטע איינדרוקן פון יענע ווייטיק־זיסע, וואונדערבאַרע אָוונטן.

מען גיט מיך אָפּ צו אַ בעקער

אז איך בין אַלט געוואָרן אַ יאָר צוועלף, האָט די מאַמע מיינע אָנגעהויבן קלאָגן זיך, אַז זי קאָן פאַר מיר „זיך נישט אָננעמען קיין ברויט".

— וויפיל מען גיט אים — איז אים אַלץ וויניק, דעם פרעסער; כאַטש רייס אַרויס דעם ביסן פון די קלענערע קינדער און שטופּ דאָס אַלץ אַריין אין טריפהנעם מויל פונם „האַליטיינע".

מען האָט מיך אָפּגענומען פון תּלמוד־תּורה און אָפּגעגעבן צו אַ בעקער.

פאַרוואָס עפּעס אַ בעקער? — איז שווער צו זאָגן. מיטן זעלבן דערפאָלג האָב איך געקאָנט ווערן אַ זייגער־מאַכער, אַ פאַרבער, אַ גאַרבער, אַ סטאָליער (וואָס איך בין שפּעטער טאַקע געוואָרן), אָדער עפּעס אַנדערש. וואַרשיינלעך האָבן מיינע עלטערן גערעכנט, אַז נאָר אַ בעקער וועט זיין אימשטאַנד אַנצוקאָרמענען אַזאַ „ברויט־פרעסער" ווי איך בין געווען. אין דער בעקעריי האָט מען אָבער נישט געבאַקן קיין ברויט. נאָר פוטער־געבעק און ווייסע פאַרעווע בולקעס פאַר קינפעטאָרינס און קראַנקע. די בעקעריי איז געווען אין שטאָט באַקאַנט אונטערן נאָמען: „דער וויטעבסקערס בעקעריי". איז עמי־צער אַרויס פון דער בעקעריי מיט אַ בולקע אונטערן אָרעם, האָט מען שוין געוואוסט, אַז דאָס טראָגט מען פאַר אַ קראַנקן.

אין דער בעקעריי האָבן צו יענער צייט געאַרבעט סך הכּל דריי אַרבעטער. זיי האָבן געוואוינט טאַקע אין דער בעקעריי גופא און געשלאָפן אויפן ברייטן אויוון וואָס האָט פאַרנומען אַ האַלבן קעלער. פון דער בעקעריי פלעגן זיי נישט אַרויסגיין פון פרייטיק ביז פרייטיק. די אַרבעטער פון דער בעקעריי האָבן געהאַט אַנגעבלאָזענע בלאַסע געזיכטער און אַזעלכע אויף אינעווייניק אויסגעדרייטע פיס, אַז ביים גיין פלעגן זיך בייז זיי די קני רייבן איינע אָן דער אַנדערער. דאָס זענען געווען שווייגנדיקע, האַלב־פאַרשלאָפענע, הויכע בחורים, וואָס

פלעגן אַ גאַנצע וואָך, טאָג און נאַכט, אַרומגיין אין אונטערוועש און נאָר שבת אָנטאָן געקעסטלטע, העלע קאָסטיומען, די הויזן אַריינגעלאָזן אין די האַרטע כאַלעוועס פון די שטאַרק אָנגעוועקסטע שטיוול.

שבת־פאַר־נאַכט, נאָך אַ שטיק פאַר הבדלה, האָט מען שוין ווידער געשלעפּט די פינף־פּודיקע זעקלעך מעל, געשאָטן זיי אין די גרויסע קאַסטנס, געהאַקט האָלץ פאַרן גרויסן אויוון, וואָס איז נאָך געווען היים פון פאַריקער וואָך. שלאָפן פלעגט מען נישט אין איינ־געשטעלטע צייטן: מען האָט זיך „צוגעלייגט" פון „איין אויוון ביזן צווייטן" — עטלעכע מאָל אין מעת־לעת. עסן האָט מען געגעבן די אַרבעטער, אויף וויפיל עס געדענקט זיך, נישט שלעכט. אָבער צום טיש פלעגט מען דערלאַנגען נאָר די געבעקס וואָס איז פאַרבליבן פון נעכטן אָדער פון דריטן טאָג. צו דער אַרבעט אין בעקעריי האָב איך אייגנטלעך נישט געטויגט: איך בין געווען נאָך כּמעט אַ קינד, דערצו קליינגעוויקסיק. אָבער, ווי עס ווייזט אויס, האָבן די באַלעבאַטים מיינע וויניק אין זינען געהאַט מיין אַרבעט ביים בעקער־קאַסטן.

די באַלעבאָסטע האָט געהאַט אַן איידעם, איז ער געווען אַ מין פּעדלער: ער פלעגט אַרומפאָרן איבער די יאַרידים פון ליטע און ווייס־רוסלאַנד מיט אַ באַוועגלעכער קראָם גאַלאַנטעריי. דאָס איז געווען אַן אָריגינעל געשעפט — אַלע סחורות האָבן געהאַט איין פּרייז: פינף קאָפּיקעס. אויף די יאַרידים, וואו מען האָט מיין „פּרינציפּאַל" גוט געקאָנט, האָט מען אים טאַקע גערופן — דער „פינפקאָפּיקענער".

די קראָם פלעגט מען אויסלייגן אויף אַ נידעריקן טיש אָדער פּשוט אויף דער ערד, כּדי די קונים זאָלן בעסער אָנזען די סחורה. די סחורה איז באַשטאַנען פון: אוירינגלעך, פינגערלעך, האַלזבענדער, אָרעמבענדער פון „לויטער גאָלד" מיט איינגעזעצטע, קאָלירטע שטיינער, קעמלעך, בערשטלעך, קרעלן, פייַלן צו זעגן, שלייפשטיינער, מעסערלעך, טייערע טינטערס אָנגעפילט מיט בעסטן „כינעזישן" טינט, פאַרשידענע סאָרטן שמעקעדיקע זייף מיט עפּעס אַזעלכע אויס־געאיידלטע נעמען און אַ גרויסע צאָל פלעשלעך מיט די טייערסטע פּערפומען פון סאַמע פּערסיע און טערקיי. עס האָבן אויך נישט געפעלט קיין „בורשטינענע" מונדשטוקעס, „זילבערנע" פּאַפּיראָס־ניצעס און קאָלירטע טאַשן־טיכלעך פאַר שטאָטישע און דאָרפישע

פראַנטן, פרויען־בראַשן באַצירט מיט שלאַנגען פון פּיאַלעט־קאָליר, זאַפּאָנקעס (ספּינקעס) מיט „איידלשטיינער", שפּיל־קאַרטן, שאַכטלען גילזן און אַפילו קאָנווערטן מיט פּאַרטיק געשריבענע אַדרעסן...

דאָס אַלץ פלעגט מען אין דער רוסישער שפּראַך אויסשרייען אויפן קול, רעקלאַמירן ווי סחורה פון ערשטן סאָרט, וואָס אַנדערש־וואו קאָסט דאָס אַ רובל אַ שטיק און דאָ — נאָר פינף קאָפּיקעס. דערביי האָט מען געדאַרפט דורכוואַרפן דאָס רעקלאַמירן מיט וויצן, שפּריכווערטער און גראַמען, ווי למשל:

ראַסטשאָסקי, גרעביעשקי,
דוכי אי פּאָמאַדאַ,
אי טשטאָ קאָמו נאַדאָ,
קופּי ווסיאָ פּאָ פּיאַטי.

די געשרייען פלעגן צוציען אַן עולם פון מאַרק, ווי אויף אַ גרויס וואונדער. שטאָטישע פלעגן שמייכלען און ווי אויף שפּאַס — קויפן. די דאָרפישע פלעגן מיט אומצוטרוי, מיט ערנסטע געזיכטער זיך לאַנג צוקוקן און אויך נישט קאָנען ביישטיין דעם יצר־הרע.

דער בעקערינס איידעם, אַ געזונטער נאָר צעפּיעשטשעטער ייד, האָט זיך איינגערעדט, אַז ער האָט אַ קראַנק האַרץ און אַז דאָס שרייען אויף די מערק איז פאַר אים סכנת־נפשות; און אַזוי ווי צוליב מיין קליינעם וואוקס קאָן איך אַלצאיינס צום טייג־קאַסטן נישט צוגיין, וועל איך דערווייל, ביז איך וועל אונטערוואַקסן, אַרומפאָרן מיט אים איבער די מערק און אים העלפן אויסשרייען די סחורה — „אַלץ צו פינף, אַלץ צו פינף".

קיין ווידערשטאַנד פון מיינע עלטערן האָבן מיינע באַלעבאַטים נישט באַקומען, ווייל ווידער דאָס אייגענע — פאַרוואָס עפּעס זאָל איך ווערן אַ בעקער און נישט קיין „פּיאַטי־קאָפּעיעטשניק"?

אַזוי־אַרום בין איך אויסגעפאָרן צענטליקער שטעט און שטעט־לעך אויף די ברעגעס פון די טייכן דווינע און דניעפּער. נישט אומעטום איז דעמאָלט געגאַנגען די באַן און אונז איז דעריבער אויסגעקומען הונדערטער ווייאָרסטן דורכצומאַכן אין בעל־עגלהשע בוידן ביי צוואַנ־ציק—דרייסיק־גראַדיקע פרעסט. כדי נישט צו פאַרלירן אַ טאָג לייַ־זונג פלעגן מיר דאָס רוב פאָרן ביינאַכט. דער פראָסט האָט געברענט

און געשטאָכן אונטער די נעגל ביז טרערן; דאָס קינדערישע הערצל פלעגט ווערן צוזאַמענגעפּרעסט פון ווייטיק, נאָר וויינען האָב איך זיך געשעמט אָדער מורא געהאַט. די קעלט פון פראָסט איז געווען אַ קלייניקייט לגבי דער קעלט וואָס פלעגט מיך אַרומנעמען ווען איך האָב געהערט די שרעקלעכע געשיכטן, וואָס די איבעריקע „סעדאָקעס" (פּאַסאַזשירן) האָבן זיך איינער די אַנדערע דערציילט.

דאָס זענען אַלץ געווען געשיכטעס וועגן גזלנים וואָס זענען באַפאַלן סוחרים אויפן טראַקט, וועגן בערן אָדער וועלף, וואָס האָבן דעם פאַריקן ווינטער ערגעץ אין אַ וואַלד צעריסן אַ האָלץ־סוחר; וועגן נישט־גוטע, וואָס האָבן פאַרפירט אַ פורמאַן און אים פאַרקיצלט ביז טויט; וועגן אַ פערד, וואָס האָט באַוועגט מיט די פיס און איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אויף איין אָרט און איז באַדעקט געוואָרן מיט שוויים, ווי מיט אַ ווייסן שוים — און ענלעכע מעשיות, וואָס פלעגן ווירקן אויף מיין קינדערישע פאַנטאַזיע. ביי יעדן קנאַק פון אַ געפּלאַצט צווייגל, וואָס האָט שאַרף אָפּגעהילכט אין דער פראָסטיקער נאַכט־לופט, פלעג איך פון שרעק פאַרמאַכן די אויגן און איינהאַלטן דעם אָטעם און אין געדאַנק מיט שרעק זאָגן „שמע ישראל". עס פלעגט זיך מיר אויסמאָלן אין מיין פאַנטאַזיע, אַז דאָס יאָגן זיך נאָך דער בויד ווילדע וואַלד־חיות וואָס ווען מיך באַלד פאַרצוקן. דאָס געפיל, אַז איך וועל נישט קומען צו קבר־ישראל, אַז מיינע עלטערן וועלן נישט ווייסן וואו מיינע ביינער זענען אהינגעקומען איז אפשר געווען אַ סך פיינלעכער, ווי דאָס געפיל, אַז אָט־אָט כאַפּט מען מיך. ווען איך פלעג פון מידקייט פאַרטאָג איינדרעמלען, האָבן מיך ווייטער געמאַטערט קאָשמאַרן, און איך האָב מיך אויפגעכאַפּט מיט אַ טיפן קרעכץ. דאַן האָט מיך ווער פון די פּאַסאַזשירן פאָטערלעך אַרומגערעקט מיט היי. דורכן שלאָף פלעג איך אָפּט הערן: „אַ רחמנות, נעבעך — אַ קינד".

מיטן טאָג פלעגט מען אַריינפאָרן אין דער שטאָטישער אכסניה, אָנטרינקען זיך מיט טיי און אַרויספאָרן אויפן מאַרק שרייען: אַלץ צו פינף! אַלץ צו פינף!

דערפאַר אָבער איז די צוריקרייזע קיין דווינסק, איבערן ברייט־צעגאָסענעם טייך דווינע, אָנהייבנדיק אַזש פון וועליזש, געווען דאָס גרעסטע גליק וואָס אַ קינד פון אָרעמע עלטערן אין מיינע יאָרן האָט זיך געקאָנט פאָרשטעלן: עס איז פרילינג; דער דאַמפער גייט וואַסער־

אַראָפּ זייער שנעל, די רעדער קלאַפּן פריילעך איבערן וואַסער און שיטן טויזנטער גאָלד־שפּריצן, וואָס פינקלען אויף דער וואַרעמער זון. אַלע ווײַלע שטעלט זיך דער דאַמפּער אָפּ — אַמאָל אויף איין ברעג, אַמאָל אויפן צווייטן, לאָזט אַראָפּ און נעמט אויף פּאַסאַזשירן. איינ־דרוקן און לאַנדשאַפטן בײַטן זיך. אויף די סטאַציעס קריגט מען צו קויפן גוטע קוכנס, האַרטע אייער, געשמאַקן טרוקענעם ליטווישן קעז. מײַן „פּרינציפּאַל" האָט נישט פײַנט געהאַט די אכילה, און איך בין אויך הונגעריק נישט געבליבן. אויף די מערק שרײַען „אַלע צו פינף" וועט מען אַזוי גיך נישט דאַרפן, ווײַל דער פּויער איז שוין אויפן פעלד. אין דער פּערספּעקטיוו איז געוועזן די היים, טאַטע־מאַמע, חברים און באַקאַנטע. איז טאַקע אויפן האַרצן געווען גוט — זייער גוט.

געקומען אַהיים, האָב איך אַנדערצײַלט פון דער ווײַטער ברייטער וועלט — וועגן אַלע מײַנע איבערלעבונגען און געפילן. האָט די מאַמע זיך גוט אויסגעוויינט, אויסגעלאַטעט מײַנע קליידער, פאַרריכט די וועש, און איך בין אַוועק ווערן אויף אַן אמת אַ בעקער. עס איז מיר אָבער נישט באַשערט געווען בײַ דעם צו בלײַבן.

פּאָר די עטלעכע חדשים וואָס איך בין געווען אין וועג איז אונטערגעוואַקסן דער בעקערקעס אַן אייניקל, אַ מיידעלע פון צען־צוועלף חדשים. פלעגט דאָס מיידעלע דער מוטער „אויסדרייען די הענט", און איך האָב געדאַרפט רחמנות האָבן אויף דער בעקערקעס טאָכטער און „איבערבײַטן איר אַ האַנט". אגב, פלעגט זי זאָגן, אַז דאָס קינד „ציט זיך" צו מיר — רײַסט זיך פּשוט פון די הענט. נו, וואָס זאָל אַ יינגל פון דרײַצן יאָר טאָן, אַז „דאָס קינד רײַסט זיך צו אים און אַז עס דרייט אויס דער מוטער די הענט"? פלעג איך עס מוזן נעמען, שפּילן זיך, הוידן, עס זאָל לאַכן. די מוטער פלעגט אַנקוועלן, ווי דאָס קינד פילט זיך גוט בײַ מיר אויף די הענט און דערבײַ מיך חנפהנען — ווען נישט דאָס יינגל, ווייסט זי גאָרנישט, ווי אַזוי זי וואָלט זיך אײַנגעקערט, לאַנג לעבן זאָל ער. אָבער מיר פלעגן אויך דרייען די הענט: סײַ פון הוידן דאָס אויסגעפּאַשעטע קינד, סײַ פון ציען און קנעטן דאָס טייג. כּדי זיך צו פאַרלײַכטערן, פלעג איך דאָס קינד אָפּט האַלטן לעבן זיך אויפן ברעט, אויף וועלכן מען אַרבעט אויס דאָס טייג. איז דאָך דאָס אָבער אַ קינד, פלעגט זיך עס נישט אַלע מאָל אויספירן געזונג לייטיש... בײַ יעדער „קאַ־

טאַסטראָפע" פלעגט די מוטער אַ פּאַטש טאָן מיט די הענט און אויסשרייען: „אַ בראָך איז צו מיר"! אָבער קיין גרויסע קאָמפּליקאַציעס האָט דאָס קיינמאָל נישט אַרויסגערופן. מען פלעגט דאָס ברעט אָפּווישן און — שוין; „עס איז דאָך אַ קינד"... מיר אָבער האָט דאָס געקאָסט מיין בעקער־קאַריערע.

איינמאָל, אַזוי טאַנצנדיק און הוידנדיק, האָט דאָס קינד „אַריינגעטראָפן" גלייך אין אַ מולטער מיט טייערן טייג. אין בעקעריי איז געוואָרן אַ גערודער מיט אַ געוואַלד. מען וועט דאָך נישט אַרויסוואַרפן אַ מולטער מיט טייג וואָס טרעפט אָן אַ פּאַרמעגן. האָט מען דאָס טייג פון אויבן אָפּגערייניקט, אָפּגעשווענקט מיט וואַסער און — פּטור. די בעקערקע האָט שטאַרק פאַרזאָגט, אַז קיינער זאָל זיך נישט דערוועגן וועגן דעם אַ פּיפּס צו טאָן.

אין אַ פּאָר טעג אַרום, ווען מען האָט מיר געגעבן עסן, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז דאָס געבעקס איז פון „יענעם טייג", און איך האָב עס נישט געוואָלט עסן. אַז די בעקערקע — אַ הויכע, מגושמדיקע יידענע, מיט אַ שטים פון אַ מאַנסביל — האָט זיך דערוואוסט וועגן מיין מרידה, האָט זי אויף מיר אַרויסגעלאָזט אַזאַ געשריי, אַז איך בין געוואָרן אַ פאַרציטערטער. נאָך אירע ווילד־אָנגעלאָפענע אויגן האָב איך גלייך פאַרשטאַנען, אַז גוט וועט זיך דאָס פאַר מיר נישט ענדיקן.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט טאַקע די בעקערקע אַרויסגערופן דעם פאָטער מיינעם און אים געזאָגט: „אייער יינגל טויג פאַר מיר נישט — ער האָט צופיל פליגן אין נאָז...". און אַזוי־אַרום בין איך געוואָרן אויס בעקער.

וואָס אַ „קלייניקייט" קאָן אַמאָל אָנמאַכן ..

איך ווער אַ סטאָליער

אוים בעקער — בין איך שוין די רעשט זומערדיקע חדשים ארומגעלאָפן „פראנק און פריי", אָן אַ באַשעפטיקונג. קיין גרויס פארגעניגן האָב איך אָבער פון דעם נישט געהאַט. איך בין שוין געווען געוואוינט אַליין פאַר זיך מיין ברויט צו פאַרדינען. און שטוב זענען געווען נאָך קינדער — יינגערע. קיין צופיל עסן האָבן זיי נישט געהאַט. און איך האָב שוין פאַרשטאַנען, אַז זיי זענען בילכער פון מיר.

דער טאַטע האָט אָפּגעזוכט פאַר מיר אַ סטאָליער־מייסטער מיט „גאָלדענע הענט", וואָס האָט מיך צוגענומען אויף דריי יאָר אין לער. דאָס ערשטע יאָר האָב איך געדאַרפט עסן ביי די עלטערן, און דער טאַטע האָט דעם מייסטער באַדאַרפט נאָך צוצאָלן צוועלף רובל; די איבעריקע צוויי יאָר — שוין אויפן מייסטערס קעסט. און אויב איך וועל זיך „נעמען אין דער אַרבעט" — דאַרף ער לאָזן מאַכן פאַר מיר אַ פּאָר שטיוול. צום סוף פון דריטן יאָר האָב איך באַדאַרפט חוץ קעסט באַקומען פון מייסטער דרייסיק רובל. דאָס אַלץ איז געווען פאַרפּעס־טיקט מיט אַ תּקיעת־כּף.

דעם מייסטער האָט מען גערופן חיים, און ווי איך האָב זיך שפּע־טער דערוואוסט, האָט מען אים צווישן די באַלמעלאָכעס גערופן חיים „פּליאַדער" (ליגנער, פּלוידערער). געווען איז ער אַ שלעכטער פּאַכ־מאַן — אַ פּאַרטאַטש. ער אָבער האָט וועגן זיך געהאַט אַ מיינונג, אַז אַזאַ קינסטלער־מייסטער ווי ער איז, דאַרף מען אויספּאָרן אַ וועלט צו געפינען. דאָס איז געווען נאָך גאָר אַ יונגער מענטש, פון אַ יאָר דרייסיק, אַ שיינער מאַנספּאַרשוין מיט אַ שפּאַניש שוואַרץ בערדל, מיט לעבעדיקע טונקעלע אויגן און אַ קאָפּ געדיכטע שוואַרצע האָר, פאַרקעמט אויף אַ זייט מיט אַ טשוב. דאָס היטל מיטן לאַקירטן דאַשעק פלעגט ער טראָגן אַביסעלע פאַררוקט אויף איין אויער, כּדי דער טשוב זאָל זיך פּראַנטיש אַרויסזען פון אונטערן צווייטן זייט היטל.

נישט געקוקט וואָס ער איז געווען, ווי געזאָגט, גאַרנישט פון די פוילגלדיקע באַלמעלאָכעס. האָט ער פאַרמאָגט אַ שטאָלץ פון אַן

אמתן באַלמעלאָכע — וואָס עס איז היינט־צו־טאָג אַזוי ווייניק פאַרבליבן צווישן יידן. איך זע אים נאָך היינט פאַר מיינע אויגן מיטן צוזאַמענגעלייגטן אַרשין אין דער אויבערשטער קעשענע פון דער מאַרינאַרקע, מיטן לאַנגן רויטן סטאָליערישן בלייפעדער אַריינגע־שטעקט אין דער האַרטער כאַליעווע פון שטיוול. ער גייט מיט אַ ברעט אויפן אַקסל איבערן גאַס, דעם קאָפּ פאַרריסן מיט אַזאַ גדלות, ווי ער וואָלט געטראָגן נישט אַ ברעט צו מאַכן אַ געוויינלעכע באַנק פאַר אַ פּשוטן שניידער, נאָר ווי ער וואָלט טראָגן אַן עמבלעם פון זייער אַ וויכטיקן צווייג אַרבעט, אָן וועלכער די מענטשהייט קאָן זיך נישט באַגיין. אויך דאָ ביי דעם מייסטער איז מיר באַשערט געווען צו בלייבן בלויז עטלעכע חדשים.

מיט מיר צוזאַמען האָט ביי חיים „פּליאַדער" געאַרבעט נאָך אַ לערן־יינג. זיינע עלטערן פלעגן זיך שטענדיק קריגן מיטן באַלעבאָס דערפאַר, וואָס ער צאָלט נישט זייער זון קיין געלט לויטן אָפּמאַך. דער מייסטער פלעגט זיך אַלע מאָל שטיצן דערויף, אַז דער יינגל „נעמט זיך נישט אין דער אַרבעט". איינמאָל פאַרנאַכט האָב איך אונטערגעהערט אַזאַ קריגעריי: דער מייסטער האָט מיך אַרויסגע־שטעלט אַלס ביישפּיל, אַז איך האָב שוין דעם צווייטן לערן־יינגל אַריבערגעיאָגט און אַז אויב ער וואָלט מיך צולאָזן צום וואַרשטאַט, וואָלט איך גאָר גיך שוין ווערט געווען געלט, נאָר ער לאָזט מיך נישט צו, ווייל ער האָט מורא, אַז אויב איך וועל זיך געשווינד אויסלערנען, וועל איך אַנטלויפן פאַרן טערמין.

וויפיל אין דעם האָט געשטעקט אמת, קאָן איך היינט, פאַרשטייט זיך, נישט אורטיילן, אָבער געווירקט אויף מיר האָט דאָס דער־שיטערנד. דעם זעלבן אָוונט בין איך געקומען אַהיים און געמאָלדן, אַז מער צום „פּליאַדער" וועל איך נישט גיין. דער טאַטע מיינער איז געוואָרן אויסער זיך: ס'טייטש, ער האָט געגעבן אַ תּקיעת־כּף, אַז איך וועל אויסזיין דעם גאַנצן טערמין. אָבער אויף דעם האָב איך אים געענטפערט, אַז איך בין שוין נאָך בר־מצוה און זיין תּקיעת־כּף איז דעריבער קיין תּקיעת־כּף נישט. געענדיקט האָט זיך דערמיט וואָס דער טאַטע האָט געמאָלדן, אַז מער וועט ער זיך מיט מיר נישט פאַרנעמען און איך וועל פאַרבלייבן אַ ווילדער גאַסן־יונג.

די לאַגע מיינע איז געוואָרן אַ שווערע. אין שטוב האָט מען מיך פאַרפאָלגט, ווי אַן איבעריקן, אומזיסטן פרעסער; די איבעריקע

מייסטערס, צו וועמען איך האָב זיך געווענדט זיי זאָלן מיך נעמען אויף דער לער, האָבן מיך נישט געוואָלט אָננעמען, ווייל איך בין אַנטלאָפן פון ערשטן מייסטער. בין איך אַזוי אַרומגעלאָפן פוסט־און־פּאַס איבער דער שטאָט און זיך מיט קנאה צוגעקוקט דורך די אָפענע פענצטער, ווי אַנדערע גליקלעכע יינגלעך שטייען און אַר־בעטן ביי די וואַרשטאַטן.

אַזוי אַרומלויפנדיק, בין איך איינמאָל אַרויפגעשפּרונגען אויף אַ פענצטער פון אַ נייער געביידע, וואו אַרבעטער האָבן זיך פאַר־נומען מיט אַריינפּאַסן די ראַמען אין די פּוטרעס. אפנים, לויט מיין „פּאַכמעניטן" בליק, האָט איינער זיך אָנגעשטויסן, אַז איך בין אַ סטאָליער. אויף זיין פראַגע צי איך בין עס טאַקע, האָב איך אים געזאָגט, אַז יאָ. ער האָט מיך אַריינגעבעטן אין דער געביידע און גע־הייסן וואַרטן ביז עס וועט קומען דער מייסטער, וועלכער זוכט גראָד אַ יינגל, וואָס „קאָן שוין האַלטן אַ הובל אין האַנט". דערווייל, איידער דער מייסטער איז געקומען, האָב איך זיך געוואָרפן העלפן די אַרבעטער מיט וואָס איך האָב געקאָנט — דעם אונטערהאַלטן די אַרבעט, דעם דערלאַנגען אַ שטיקל געצייג, — מיט איין וואָרט: געזוכט מיט עפּעס נוצלעך צו זיין און, וואָס אַן אמת, געוואָלט געפעלן. דער אַרבעטער־עולם האָט מיר געמאַכט קאָמפּלימענטן, פון וואָס איך בין געוואָרן ברייטער ווי לענגער. איך האָב זיך נאָך מער געפלייסט אַרויסצואווייזן זיך פון דער בעסטער זייט. אַז דער מייסטער איז געקומען, האָט ער מיך אָפּגעמאָסטן מיט אַ קריטישן בליק. באַטראַכט מיינע באָרוועסע פיס און מיך צוגענומען אויף פּראָבע, וואָס האָט געדויערט צוויי וואָכן. נאָכן פּראָבע־טערמין האָט דער מייסטער גע־שיקט נאָכן פאָטער, און ביי אַ קעלישעק בראָנפן האָט מען אָפּגעמאַכט, אַז דער מייסטער נעמט מיך אויף צוויי יאָר „אויף אַלעם פאַרטיקן" — מיט עסן, מיט קליידונג, און אויב איך וועל אויסזיין די גאַנצע צוויי יאָר, וועט ער מיר צום סוף אויסצאָלן דרייסיק רובל.

דאָס זענען פאַר יענער צייט געווען זייער גוטע באַדינגונגען. אָבער דאָס איז פאַרגעקומען, ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוואוסט, טיילווייז צוליב דעם וואָס איך האָב זייער אויסגענומען ביי אברהמקע דעם קרעסלאָווקער — דעם טעכנישן אָנפירער פון וואַרשטאַט, וועל־כער איז פאַר מיר די ערשטע צייט געשטאַנען שטאָל און אייזן. אין דעם דאָזיקן וואַרשטאַט איז מיר באַשערט געווען צו ווערן אויף אַן אמת אַן אַרבעטער.

אין אַלגעמיין האָט זיך מיר דאָ אין וואַרשטאַט געלעבט נישט שלעכט. די ערשטע צייט בין איך אָבער אויך דאָ נישט ווייניק אויס־געשטאַנען. אַ לערן־ייִנגל אין יענע צייטן איז געווען טיילווייז אַ דינסט סיי פאַר דער מייסטעריכע, סיי פאַר די עלטערע אַרבעטער, וועלכע האָבן זיך אָפטמאָל באַצויגן ממש אכזריותדיק.

אין יענע צייטן, ווען אַלץ האָט מען געמאַכט מיט דער האַנט, האָט דער באַלמעלאָכע געדאַרפט האָבן אָן אַ שיעור האַנט־געצייג און זייער אָפט פלעגט אויסקומען צו לייען איינע ביי די אַנדערע פאַר־שידענע מכשירים. ווע מען שיקט מען לייען? פאַרשטייט זיך, אַז דעם לערן־ייִנגל. קומט אָן אַ פרישער לערן־ייִנגל אין וואַרשטאַט, איז די ערשטע זאַך — שיקט מען אים אין שכנותדיקן וואַרשטאַט לייען אַ שטיקל געצייג. דער ייִנגל ווייס נאָך נישט די נעמען פון די געצייג, חזרט ער אויטאָמאַטיש דעם נאָמען פונעם געצייג אויפן וועג צום צווייטן וואַרשטאַט. אָבער מען זאָגט דעם לערן־ייִנגל מיט אַ כּיוון אַזאַ פאַרדרייטן נאָמען, אַז די אַרבעטער פון צווייטן וואַרשטאַט זאָלן נישט וויסן וואָס דאָס איז. דאָס ייִנגל מיינט, אַז ער האָט שלעכט געהערט אָדער פאַרגעסן דעם ריכטיקן נאָמען, קומט ער צוריק און פרעגט איבער מיט פאַרלעגנהייט דעם נאָמען פון געצייג. ער שטרענגט אָן זיין גאַנצן געהער און זכּרון צו געדענקען דעם נאָמען, אָבער דאָס מאָל זאָגט מען אים אַ נאָך מער פאַרדרייטן נאָמען, וואָס דער־הערנדיק אים רופט עס אַרויס ביי די אַרבעטער פון צווייטן וואַרשטאַט אַ צופרידענעם געלעכטער. די אַרבעטער פאַרשטייען שוין, אַז דאָס איז אַ פריץ. מען חוזקט פון אים, מען שיקט אים צוריק מיט אַזאַ תּשובה, וואָס רופט ווידער ביי די אַרבעטער פון זיין וואַרשטאַט אַרויס אַ ווילד געלעכטער. דאָס ייִנגל ווערט מבולבול, פאַלט ביי זיך אַראָפּ; דער עולם שרייט אויף אים, אַז ער איז אַ תּם, אַ „געץ", פאַרשטייט נישט וואָס מען רעדט צו אים, האָט אַ „קאַץ אין קאָפּ". און אויב דאָס ייִנגל האָט זיך נישט געכאַפּט, אַז דאָס איז אַ וויץ אַזאַ — האָט זיך דאָס אַלע מאָל פאַרענדיקט מיט טרערן.

אויב דאָס ייִנגל איז, איין גאָט ווייסט צוליב וואָס, מיט עפּעס נישט געפעלן געוואָרן די אַרבעטער פון וואַרשטאַט, האָט מען אים געשיקט אין אַ צווייטן וואַרשטאַט לייען אַ „באַקאַוואַיאַ אָדער זאַ־דניאַיאַ פּאַפּראַווקאַ" (דאָס מיינט אַ געצייג אויסצובעסערן אַ זייט אָדער אַ הינטן). דאָס ייִנגל, פאַרשטייט זיך, ווייסט נישט, וואָס דאָס

איז, און גיט זיך מי איינצוהאַלטן אין זכרון דעם ריכטיקן נאָמען. אין צווייטן וואַרשטאַט ווייסט שוין דער עולם וואָס דאָס מיינט: מען כאַפּט דאָס ייִנגל פאַר די הענט און פיס, מען ציט אים אויס אויף א וואַרשטאַט און מען „בעסערט" אים אויס זיינע אייגענע זייטן אָדער דעם הינטן. דאָס ייִנגל איז איבערראַשט: וואַרפט זיך און שרייט, אָבער דאָס זייניקע דאַרף ער באַקומען. דאָס איז געווען פאַררעכנט ווי א מין טויפונג, איינשרייבונג אין פאַך, וואָס כמעט קיין לערן־ייִנגל האָט נישט אויסגעמיטן.

די באַציאונג צווישן מייסטער מיט די אַרבעטער זענען נאָך אין יענע צייטן געווען פּאַטריאַרכאַלישע: פיל פּראָווינצער אַרבעטער פלעגן זיך אָנדינגען ביים מייסטער מיט עסן שבתים. מיין מייסטער, אַליין א גרויסער עם־הארץ, וואָס האָט קוים געקאָנט דאַווענען פון סידור, פלעגט שבת פרי, נאָך דעם ווי מען האָט אָפּגעטרונקען די פּאַרווייסטע ציקאָריע, איינוויקלען זיך אין גרויסן טלית, אַרויפוואַרפן אויף די אַקסלען דעם שווערן, גראַנאַטאָוון אויבער־בגד מיטן סאַמע־טענעם קאָלנער, און גיין מיט זיינע פועלים אין בית־מדרש. דאָס איז געווען א גדלותדיקער אַרויסמאַרש פון א בעל־גאווה. די אַרבעטער פלעגן מיט דרך־ארץ גיין אַביסל אָפּגערוקט און לאָזן דעם באַלעבאָס מיט א האַלבן טריט פאָרויס. נאָכן דאַווענען זענען טייל פון זיינע אַרבעטער אויך געקומען צום מייסטער אויף קידוש און געטרונקען צו אים און צו דער באַלעבאָסטע „לחיים".

שכירות פאַר דער וואָך איז דעמאָלט געווען א מנהג אויסצוצאָלן דאָנערשטיק — די ווייבער זאָלן האָבן אויף „איינצומאַכן חלה". ביים אויסצאָלן איז אויפן טיש געשטאַנען א האַלב פלעשעלע „56־ער" און יעדער אַרבעטער פלעגט ביים באַקומען זיינע שכירות צוקריגן א קעלישעק בראָנפן מיט א שטיקל קאַרענעם לעקעך. ווען אַלע האָבן שוין געהאַט אָפּגעווינטשעוועט און אָפּגעדאַנקט, פלעגט דער מייסטער זיך ווענדן צו מיר: „קום אהער, קליינער ווייזליק, מאַך אויך א שנעפּסל און זיי א מענטש". דאָס הערצל פלעגט מיר ווערן פאַרכלינעט סיי פון דעם שטאַרקן בראָנפן, סיי פון דעם באַהאַלטענעם שמייכל צו מיר, וואָס האָט זיך געפילט אין מייסטערס טאָן.

חוץ די ייִדישע סטאָלערס האָבן ביים מייסטער געאַרבעט אויך קריסטלעכע פלאָטניקעס (טשעסלערס), סטאָראָוויערן. זיי פלעגן באַ־קומען אויסגעצאָלט זייער לוין שבת נאָך הבדלה. אָבער שוין זונטיק

פלעגן טייל פון זיי קומען אין וואַרשטאַט האַלב־שיכּור און בעטן ביים באַלעבאָס ווידער געלט — שוין אַן אַדערויף אויף דער צווייטער וואָך. טייל פלעגן בעטן מיט גוטן, אַפילו מיט הכנעה, חניפה, און אין שיכּורן עקסטאַז קושן די האַנט. אַזעלכע האָבן אָפט באַקומען אַ ביסל געלט, וואָס עס האָט זיי אויסגעפעלט דורכצושיכּורן דעם טאָג. עס זענען אָבער געווען אויך אַזעלכע, ווען דער באַלעבאָס פלעגט קאַטעגאָריש אָנטזאָגן, וואַרשיינלעך צוליב דעם, וואָס ער איז נישט זיכער געווען צי ער וועט דאָס געלט קענען ביי זיי אין ניכטערן צו־שטאַנד אַראָפּרעכענען. די שיכּורים פלעגן זיך זידלען, דראָען. דער מייסטער האָט זיך אָבער געהאַלטן שטייף. און טאָמער האָט דער שיכּור שוין צו שטאַרק זיך איינגעגעסן אין די ביינער, פלעגט זיך דאָס אָפט ענדיקן דערמיט וואָס דער מייסטער איז אים פאַרפאָרן מיט אַזעלכע פייערדיקע פעטש, אַז די שויבן האָבן געציטערט.

מען דאַרף וויסן ווער עס זענען אין יענע צייטן געווען די „גריי־ווער" סטאָראָוויערעס. דאָס איז געווען אַן אָפּגעשלאָסענע קריסט־לעכע סעקטע, וועלכע האָט געהאַסט אַלץ וואָס האָט נישט געהערט צו זייער גלויבן. אַלע פּעלקער, אַלע אַנדערע מענטשן זענען „פּאָגאַנע" (אומריין); יידן זענען, פאַרשטייט זיך, די אומריינסטע פון די אומריינע און די שנאה צו זיי דאַרף זיין נאָך גרעסער. כּמעט די גאַנצע קאָלאָניע זייערע האָט געוואוינט אויף גריוווע — אויף יענער זייט טייך דווינע. דאָס זענען געווען פון קליין ביז גרויס אויסגע־צייכנטע פּאָכלייט. אין דער בוי־אינדוסטריע האָבן זיי פאַרנומען אַ גרויסן אָרט.

דאָס זענען געווען מענטשן גיבורים; נישט־געוויינלעך הויכע, ברייטע, מיט געשטופּלטע פּנימער פון פּאָקן, און גרויסע רוצחים. פלעגט זיך אַ זונטיק ווייזן אין שטאָט אַ גרעסערע גרופּע האַלב־שיכּורע סטאָראָוויערעס (הגם טרינקען איז זיי לויט זייער גלויבן געווען פאַר־באָטן), איז אויף דער יידישער באַפעלקערונג אָנגעפאַלן אַ מורא. אַז עס האָט זיך אָנגעהויבן די אַרבעטער־באַוועגונג, האָט מען אין די באַלעבאַטישע קרייזן געזוכט וועגן ווי אַזוי אָנצוררייצן די סטאָראָ־וויערעס אויף די „אויסוואורפן" — די שטרייקער (קלענערע צוזאַ־מענשטויסן זענען טאַקע פאָרגעקומען מיט זיי). עס איז דעריבער קיין וואונדער נישט, וואָס דער מייסטער האָט מיר אימפּאָנירט מיט זיין דרייסטקייט וואָס ער האָט קיין מורא נישט געהאַט איינצושטעלן זיך

און „אריינשיטן" די סטאַראָוויערעס אַזעלכע פּייערדיקע „פלעמען" און זיי אַרויסוואַרפן פון הויף.

אין מיין באַציאונג צום מייסטער האָט וואַרשיינלעך אויך געשפּילט אַ גרויסע ראָלע נאָך אַן אומשטאַנד:

צוגלייך מיטן געבוירן ווערן פון סאָציאַליסטישן געדאַנק אויף דער יידישער אַרבעטער־גאַס — אין דער צייט פון די ערשטע קרייזלעך — איז אין דווינסק אַראָפּגעקומען אַ מגיד מיטן נאָמען אליקום־געצל.



דער מגיד אליקום געצל

דאָס איז געווען אַ פּייערדיקער פּרעדיקער — אַן אומברח־מנותדיקער שטראָפער פאַר די זינד אויף דער וועלט, מיט אַ גוואַלדיקן רעדנער־טאַלענט, וואָס פלעגט אָנצינדן די אוידיטאָריע ביז צום העכסטן גראַד. ער האָט גערעדט נישט פון בעלעמער, ווי דאָס פלעגן טאָן די געוויינלעכע מגידים, נאָר לעבן אָרון־קודש, מיטן פּנים צו דער גאַנצער עדה־אוידיטאָריע, אָפּט — פאַר אַן אָפענעם אָרון־קודש.

אַ גרויס אָרט האָבן ביי אים פאַרנומען סאָציאַלע פּראָבלעמען. די דאָזיקע רעדעס זיינע מיט זיינע געדאַנקען נעם איך מיך נישט אונטער היינט צו רעסטאַווירן. ער פלעגט שיטן פּעך און שוועבל אויף זיינע צוהערער, וואָס זענען געשטאַנען ווי היפּנאָטיזירטע אַרום אים מיט אָפענע מיילער און דערשראָקענע. מיט זיינע שוואַרצע ברענענדיקע אויגן, פון וועלכע עס פלעגן שפּריצן פּייערדיקע פונקען מיט זיינע שיינע, ראַשיקע באַוועגונגען פון די האַלב־נאַקעטע, ווייסע, מאַטע הענט, וועלכע האָבן זיך באַזונדער שאַרף אויסגעטיילט פון די ברייטע אַרבל פון דער שוואַרצער קאַפּאָטע — האָט ער אויסגעזען ווי אַ נביא, וואָס שטראָפט זיין פאָלק. יעדן אָוונט, יעדן שבת האָט ער געפּרעדיקט אין אַן אַנדער ראַיאָן און אין אַן אַנדער בית־מדרש,

וואָס פלעגט זיין פול געפּאַקט מיט מענטשן פון פאַרשידענע שטאַנדן און פאַרשידענעם עלטער.

ער האָט זיך אָבער נישט פאַרנומען בלויז מיט דרשות, ער פלעגט אויך גרינדן חברות — ספּעציעל פון אַרבעטער און פאַר זיי באַזונדער שבת נאָכמיטאָג האַלטן דרשות, לערנען גמרא, משניות און פאַר־שידענע מוסר־ספרים. אין די דאָזיקע חברות האָבן צו יענער צייט גע־לערנט אַ סך קינפטיקע אַרבעטער־טוער, וועלכע האָבן שפּעטער גע־שפּילט אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אַן אָנגעזעענע ראָלע. איינער פון זיי — די רעכטע האַנט פון אליקום־געצל — איז געווען דער שניידער־אַרבעטער ח׳ מענדל סקוטעלסקי, וואָס איז שפּעטער געוואָרן איינער פון די פּיאָנערן פון דער דווינסקער אַרבעטער־באַוועגונג (געשטאָרבן אין וואַרשע אין 1937).

אויך פאַר דער אַרבעטער־יוגנט — פאַר אונז, לערן־ייִנגלעך — זענען געמאַכט געוואָרן „אָוונט־קורסן״: דריי מאָל אַ וואָך פלעגן מיר זיך צוזאַמענקומען אין דער ווייבערישער שול פון „איטשע פרײַלערס״ בית־מדרש, לערנען עין־יעקב און אַנדערע למודים פון דעם מין. חוץ די למודים, פלעגט דער דערציער אונזערער, אַן איידעם פון אליקום־געצל — אַ הויכער יונגערמאַן מיט אַ נאַרישן פּנים — פירן מיט אונז שמועסן וועגן מאָראַל און שטאַט, וועגן פאָלגן עלטערע, און אַז מען דאַרף דרך־ארץ האָבן פאַר די, וועמענס ברויט מיר עסן. פאַר דער דאָזיקער תורה האָבן מיר געצאָלט פינף קאָפּיקעס אַ וואָך אין קאַסע פון דער חברה. דאָס געלט איז געגאַנגען פאַרן דערציער. וואַרשיינלעך האָט די דאָזיקע אליקום־געצל־באַוועגונג אויך געווירקט אויף מיין פּסיכיק און מיין רעספּעקט־באַציאונג צום מייסטער.

דער באַלעבאָסטע דאַקעגן פלעג איך עטלעכע מאָל אין טאָג ווינטשן דעם טויט. אייגנטלעך איז זי געווען נישט קיין שלעכטער מענטש און זי אַליין האָט זיך, ווי איך פאַרשטיי איצט, געפּייניקט אין מיטגעפיל און שטיצע; אָבער דאַן איז זי געווען אין מיינע אויגן די שולדיקע אין אַ סך עינוים, וואָס איך בין דעמאָלט אויסגעשטאַנען.

די באַלעבאָסטע איז געווען אַ קליין־געוויקסיקע, שוואַכע פרוי, מיט צוויי קליינע קינדערלעך — אַ פּאַריאַכטע אין דער שטוביקער באַלעבאַטישקייט, אין שטענדיקער שרעק פאַרן מאַן דעם דעספּאָט וואָס פלעגט אַריינפאַלן אין שטוב שטענדיק אַ צערייצטער און בייזער.

טאָמער איז צו דער מינוט נישט געשטאַנען אַלץ אויפן טיש גרייט צום עסן, האָט ער זיך אויפגעהויבן, א קלאַפּ געטאָן מיט דער טיר און אוועק עסן אין שענק. שפּעטער האָב איך פאַרשטאַנען, אַז אָפט איז דאָס ביי אים געווען אַן אויסרייד, כּדי אַזוי־אַרום אַריינצוכאַפּן אַ פּאָר געגנזענע פּופּיקלעך ביי מעכלען אין שענק, וואָס האָבן אים וואַר־שיינלעך בעסער געשמעקט ווי דער ווייבס „פּאַטראַוועס". דעריבער פלעגט די באַלעבאָסטע אַ גאַנצן פרימאָרגן אַרומלויפן אַ פאַרשמייעטע און זאָרגן, אַז דער באַלעבאָס זאָל נישט האָבן צו וואָס זיך צו טשעפּען. ביי אַזאַ לאַגע האָט זי, פאַרשטייט זיך, מיך ווייניק געקאָנט האָבן אין זינען.

זומער־צייט פלעגט מען זיך שטעלן אַרבעטן זעקס אַזייגער אינ־דערפרי. צו אַכט אַזייגער, ווען די אַרבעטער פלעגן עסן „אָנבייסן", האָב איך שוין געהאַט אַ גאַנץ גוטן אַפּעטיט. אָבער די באַלעבאָסטע האָט נאָך נישט געהאַט אויסגעמאָלקן די ציג, אַרומגעוואַשן די קינדער, נאָך נישט איינגעהייצט דעם אויוון. מיין יונגער מאָגן האָט אָבער פון דעם אַלעם נישט געוואָלט וויסן און ער פלעגט מיר בייז און אַכזריות־דיק פּייניקן. די אַרבעטער פלעגן שוין האָבן לאַנג אָפּגעגעסן און איך בין נאָך אַלץ געשטאַנען אַ ניכטערער. צוזאַמען מיטן הונגער האָט מיך געמאַטערט אַ כּעס — אַ כּעס אויף דער באַלעבאָסטע און אויף זיך, וואָס איך האָב נישט קיין דרייסטקייט צו בעטן עסן. צערייצט פון הונגער און כּעס, פלעג איך דעמאָנסטראַטיוו שטאַרק קלאַפּן מיט די געצייג, אַרבעטן מיט אַ געדרודער, וועלנדיק אויף אַזאַ אופן אַרויס־ווייזן דער באַלעבאָסטע מיין פּראָטעסט און צאָרן. די באַלעבאָסטע, דערפילנדיק מיין שטומען פּראָטעסט, פלעגט מיך אַלע ווײַלע טרייסטן, אַז אָט באַלד גיט זי מיר שוין „אָנבייסן" — זי וועט נאָר אַרויסלויפן נאָך אַביסל סמעטענע צו פאַרווייסן די באָטווינע. דאָס פלעגט אָבער אַזוי גיך נישט אַרויסקומען און ערשט אַרום אַזייגער צען האָב איך קוים דערלעבט צו זען דעם טעלער באָטווינע אויפן טיש. און הגם די באָטווינע איז מיר שוין געקראָכן פון האַלז, ווייל מיט דעם פלעגט זי מיך קאָרמענען אַ גאַנצן זומער, אָפּטמאָל צוויי מאָל אַ טאָג, האָב איך זיך דאָך באַרואיקט, ווי נאָר איך האָב געשטילט דעם הונגער.

ערגער איז געווען מיטן וויגן דאָס קינד — אַ מיידעלע פון אַ יאָר אַנדערטהאַלבן, אַ שרייערין און אַ שטאַרק צוגעוויינטע, אַז מען זאָל עס פאָרן איינשלאָפן טרייסלען אין וויגעלע. האָט מען דאָס נישט

געטאָן, פלעגט עס מאַכן קולות ביזן הימל. די באַלעבאָסטע, וואָס איז טאָג און נאַכט געווען פאַרנומען ביים גרויסן רוסישן אויוון, פלעגט אַריינשטעקן דאָס פאַרשוויצטע געזיכט אין טיר און מיט אַ וויכן טאָן אין שטים בעטן איך זאָל זיין אַ גוטער און פאַרוויגן דאָס קינד.

אָבער איך האָב מיך זייער גערן געלערנט די סטאָלעריי־אַרבעט, און מיר איז געווען אַ שאָד די צייט — האָב איך נישט אַלע מאָל געוואָלט זיין אַ „גוטער" און אָפט געמאַכט זיך נישט־הערנדיק. די קליינע דעספּאָטקע פלעגט דערווייל זיך פאַרגיין אויף „אויבערשטע אָקטאַוועס" און שרייען מיט באַנומענע קולות. האָט שוין די באַלע־באָסטע גענומען זיך בייזערן און פאַרוואַרפן מיר, אַז איך האָב גאָר קיין האַרץ נישט, אויב איך קאָן לאָזן דאָס קינד אויסגיין פון די כוחות. האָב איך שוין נישט געקענט ביישטיין, און פאַר מיר פלעגט זיך אָנהייבן דער גיהנום.

נאָך דער שווערער אַרבעט ביים וואַרשטאַט פלעג איך אפילו פון אָנפאַנג דערפילן דערביי אַ דערלייכטערונג, אָבער וואָס ווייטער איז פון דעם איינטאָניקן טרייסלען דאָס וויגעלע מיך באַפאַלן אַ שרעק־לעכע מידקייט, האָב איך געטרייסלט דאָס וויגעלע מיט איין האַנט, אַמאָל מיט דער צווייטער, אַמאָל מיט איין פוס, אַמאָל מיטן צווייטן, ביז די אויגן האָבן זיך מיר צוגעקלעפּט און איך בין איינגעדרימלט. מיין פּייניקערין — דאָס קינד, דערפילנדיק, אַז דאָס וויגעלע האָט זיך אָפּגעשטעלט, איז אַרויס מיט נייע געשרייען. איך האָב מיך אויפ־געכאַפּט, נישט־טויט נישט־לעבעדיק, מיט שרעק ווידער אָנגעהויבן טרייסלען און שאָקלען דאָס וויגעלע, ביז איך פלעג ווידער איינדרימלען.

איינמאָל האָט דאָס קינד בשום אופן נישט געוואָלט איינשלאָפן. איך האָב עס געוויגט שעהן נאָכאַנאַנד און עס האָט אַלץ נישט געהאָלפן. איך בין געוואָרן שטאַרק מיד און צערייצט. האָב איך עס גענומען שטילערהייט קנייפּן און שלאָגן. דאָס קינד איז זיך פאַר־גאַנגען פון ווייטיק. אַז די מוטער האָט דאָס דערהערט, איז זי געקומען צולויפן אין איין שרעק, האָט עס גענומען אויפן האַנט און באַרואיקט. אַזוי אַרום בין איך דאָס מאָל פּטור געוואָרן פון וויגן. פון כּעס און אויפרעגונג האָבן מיר געטרייסלט הענט און פיס אַזוי, אַז איך האָב נישט געקאָנט האַלטן די געצייג. עס האָט לאַנג געדויערט איידער דאָס האַרץ האָט זיך באַרואיקט.

געזען, אַז דאָס איז אַ מיטל פּטור צו ווערן פון וויגן דאָס קינד, האָב איך דאָס גענומען אַנווענדן אָפטער. דאָס קינד האָט זיך אָנגע־הויבן פאַר מיר שרעקן און ווי נאָר עס האָט באַמערקט, אַז איך גיי צו צום וויגעלע, פלעגט עס פון שרעק אָנהייבן וויינען. די דאָזיקע שווי־דערלעכע שפּיל האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט, ווייל איינמאָל, בעת דער באַלעבאָס האָט מיך געטראָפן ביים וויגעלע, האָט ער שטרענג פאַרזאָגט דער באַלעבאָסטע, זי זאָל מיך מער פון וואַרשטאַט נישט אָפרייסן. דאָס האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט מיינע סימפּאַטיעס צום באַלעבאָס און אויף זיך אַליין האָב איך אָנגעהויבן קוקן מיט ווירדע, ווייל מיין אַרבעט האָט שוין, אַפּנים, געהאַט אַ ווערט.

די „באַיעס" (געשלעגן)

שבת נאָך מיטאָג פלעגט מיך דער באַלעבאָס אַפּלאָזן צו מײנע עלטערן צו־גאַסט. אָבער אַנשטאָט גײן צו זײ, האָב איך מיך גלײך אַװעקגעלאָזן צו די „באַיעס" (געשלעגן).

אין יענע צײַטן פלעגן טײל אַרבעטער און סתם מענטשן פון פאָלק אױסלאָדן זײער ענערגיע אין בלוטיקע פױסט־געשלעגן. פון קדמונים האָט זיך צװײשן די „קיסרים" פון „גריװע", װאָס ליגט אױף דער צװײטער זײַט טײַך, מיט די „קיסרים" פון „פּלאַן" געפירט אַ פאַרביסענער קריג. די שלאַכטן פלעגן פאָרקומען שבת נאָך מיטאָג אױף דעם געפרױרענעם טײַך דװינע. זײ האָבן זיך געפירט לױט אָפּגערעדטע כּללים און געזעצן, מיט לינקע און רעכטע פלאַנגען און ענלעכע סטראַטעגישע אױסרעכענונגען.

צוערשט פלעגן זיך אַראָפּלאָזן אױפן טײַך פון בײדע ברעגעס די קלענערע יאַטן — די גאַסן־ און לערן־ײנגלעך. דאָס איז געװען בלױז דער פאָרשפּיל: מען פלעגט צום אָנפאַנג פאַרזיכטיק און צוריק־געהאַלטן איבערװאַרפן זיך מיט קױלן שנײ, שטיקער אײַז און גראָבע זידל־װערטער.

פילנדיק הינטער זיך דעם כּוח פון די דערװאַקסענע, װאָס קוקן זיך צו צום „שלאַכטפעלד", דערמוטיקט פון זײערע געשרײען, פלעגן די גרופן יונגע שלעגער זיך דערנענטערן אײנע צו די אַנדערע, און עס האָט זיך אָנגעהױבן דער „באַי":

אַמאָל האָבן די שטאָטישע אַרומגערינגלט די גריװער און אַמאָל האָבן די גריװער פאַריאָגט די שטאָטישע אַזש ביזן שטאָטישן ברעג. האָט מען אַרײַנגעכאַפּט אַ „יאַט" פון דער קעגנערישער מחנה — האָט מען אים אָפּגעטאָן זײַן רעכט און מען איז געװען גליקלעך און שטאָלץ פון נצחון. האָבן דאָך אָבער די עלטערע פון דער געשלאָגענער גרופּע נישט געקאָנט פאַרטראָגן אַזאַ בזיון, האָבן זײ גענומען שיקן פאַר־שטאַרקונג. איז דער צװײטער צד אױך נישט געבליבן הינטערשטעליק

און האָט אַראָפּגעלאָזט אויפן טייך די צוויי „גאַיאַקער“ עלקעס, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט אין דער קונסט צו פאַרנאַרן דעם קעגנער און אים „אונטערשטעלן אַ פּיסל“ אין סאַמע רעכטן לויפן, ווען מען האָט שוין געמיינט, אַז אָט־אָט זענען זיי שוין פאַרפאַלן.

דערזען אזא זאַך, האָבן זיך פון גריוועער זייט אַראָפּגעלאָזט אַ גרופּע סטאַראָוויערן־ריזן, וואָס יעדער פון זיי האָט, דאַכט זיך, געקאָנט צעקוועטשן מיט איין פינגער אַ צענטליק שטאָטישע. דאָס זענען אָבער געווען שווער־לייביקע, נישט־באַוועגלעכע יונגען, וואָס האָבן זיך געטויגט נאָר אין אַ דירעקטן פויסטן־קאַמף; פאַר די יונגע, פלינקע יאַטן זענען זיי געווען ווייניק געפערלעך. פונדעסטוועגן האָט זיך חברה געהאַלטן אויף אַ בכבודיקן מהלך, ווייל אַריינפאַלן אין די בערישע הענט פון די סטאַראָוויערן — איז געווען גאַרנישט פון די אַנגענעמע זאַכן. די שטאָטישע ציען זיך אַביסל צוריק און שיסן פון וויטן מיט שניי־קוילן, וועלכע טרעפן אָפט זייער געשיקט. דאָס רופט אַרויס הייטערקייט אויף דער שטאָטישער זייט און ברענגט אַריין די סטאַראָוויערן אין ווילדער רציחה.

אָבער לויט דער האַלטונג פון די סטאַראָוויערן זעט מען, אַז אייגנטלעך האָבן זיי גאַרנישט אין זינען די, וועלכע געפינען זיך אויפן אייז. עס האָט זיי פּשוט דערעסן צוצוזען די שטיפעריייען פון קליינ־וואַרג. עס האָט זיי געבּיסן די הענט צו די גרויסע — צו די אַטאַמאַנעס פון דער שטאָטישער זייט, וואָס באַראַטן זיך וועגן סטראַטעגישן פּלאַן פאַרן היינטיקן „באָי“.

ווי לויט אַ קאָמאַנדע גיבן זיך די שטאָטישע אַ לאָז אַראָפּ אויפן אייז, צעשיטן זיך אין פאַרשידענע זייטן מיטן צוועק אַרומצורינגלען די סטאַראָוויערעס. אָבער יענע, זיכער אין זייערע שטאַרקע פויסטן און געזונטע פּלייצעס, זענען גרייט צום אָנגריף. די לאַגע איז אומ־באַשטימט. יעדע מחנה קוקט אויס אַ פּאַסיקע געלעגנהייט אָנצוהייבן.

מיט אַמאָל קומען אָן פון גריוועער זייט צוויי יונגע, הויכע שקצים — פּיעטקע מיט וואַנקען — צוויי ערשטקלאַסיקע שלעגער און די סטאַראָוויערעס באַקומען אומגעריכט אַ גרויסע איבערוואָג. און שוין האָט זיך פאַרקאָכט אַ געשלעג נישט אויף קאַטאָוועס: דאָ און דאָרט זעט מען שוין עמיצן אומפאַלן; דאָ און דאָרט בייגן זיך איין פאַרוואונדעטע און לייגן זיך קאַלטן שניי צו די פאַרבלוטיקטע

נעז, געשפּאָלטענע ליפּן און צעהאַקטע שלייפן. יונגוואַרג שטייט אויפן ברעג און ציטערט פון אָנשטרענגונג און מורא פאַר אַ מפּלה. די שטאָטישע ווערן דייטלעך אָפּגעשטופּט און עס מערקן זיך אַזעלכע, וואָס לויפן שוין צום ברעג. צווישן די שטאָטישע ווערט אַ גערודער און אַ געשריי — איינצוהאַלטן און נישט צו לויפן. די סטאַראָוויערעס זענען אַריין אין רציחה, וואַנקע מיט פּיעטקען לייגן אויף לינקס און אויף רעכטס און די לאַגע פון די שטאָטישע ווערט אַ געפערלעכע. פּלוצלינג ווערט אַ געשריי אויפן שטאָטישן ברעג — אברהמקע „קאַטאָק" גייט! „קאַטאָק" האָט נאָך פון דער דאַמבע דערזען וואָס עס טוט זיך אויפן טייך, האָט ער צוזאַמען מיט זיינע חברים, אַנדערע קעשענע־גנבים, זיך געלאָזט לויפן איבערן אייז גלייך צום קנויל. ער איז אָנגעלאָפן, ווי אַ שטורעם, און אַלץ האָט זיך איבערגעדרייט...

מיר, יונגוואַרג, וואָס האָבן זיך נישט געטאָרט פּלאָנטערן די גרויסע אונטער די פיס, בעת זיי האָבן זיך געפונען אויפן אייז, פּאַטשן מיט די הענט, שפּרינגען פון פרייד און אויפרעגונג, צוזעענדיק ווי „קאַטאָק" מאַכט אָן אַ חורבן צווישן די סטאַראָוויערעס. דער „באַי" רוקט זיך פּאַמעלעך צו דער צווייטער זייט — צו גריוועע, ביז די סטאַראָוויערעס לאָזן זיך לויפן צו זייער ברעג. קליינוואַרג קאָנען נישט ביישטיין דעם נסיון און לאָזן זיך אויך אַראָפּ אויפן טייך מיט אַ הורא־געשריי. מיר זענען גרויס ביי זיך, ווי דאָס וואָלטן מיר פאַריאָגט די גריוועער אַזש צו זייער ברעג. יעדער פּלייסט זיך אויס־צומאָלן „קאַטאָקס" העלדישקייט, עלקע גאַיאַקערם קונצן ביים „אונ־טערשטעלן אַ פיסל", און אַנדערע מאַנעוורען בעתן „באַי".

נאָכן „באַי" בלייבט מען אַ קורצע צייט אויפן ברעג: מען ברענגט אין אָרדענונג די קליידער, מען באַטראַכט די ביילן און וואונדן אויף די געזיכטער, מען באַשליסט ווען מען דאַרף דעם קינפטיקן שבת אונטערהאַקן די אויגן, און שוין אין גראַען פאַרנאַכט לאָזט מען זיך אין שטאָט.

צו ערשט גייען די אַטאַמאַנעס, ווי די זיגער; הינטער זיי — דער איבעריקער עולם, און צום סוף שפּרייזן מיר, די יונגע יאַטן מיט גיכע דראָבנע טריט, קוים נאָכהאַלטנדיק די גרויסע.

איך פיל אין זיך אַ שטאָלץ אויף די שטאָטישע, איך גיב זיך די מי נאָכצומאַכן זייערע באַוועגונגען ביים גיין. באַזונדער איז מיר

געפעלן דער שטייפער טראַט פון עלקע ציגאַן (אַ באַוואוסטער מאַרע־וויכער אין שטאָט מיטן אויסזען פון אַ ציגיינער), מיט אַן איינגעבויגענעם קאָפּ, מיט שטייפע פיס, וואָס גייענדיק בייגן זיי זיך נישט אין די קני מיט די אומגעלומפּערטע ברייט־געעפנטע טריט.

שוין אַ שטיק נאָך הבדלה פלעג איך אַ צעפּאַרעטער קומען צו מיינע עלטערן, אָפּעסן שלוש־סעודות, און לויפן אויף גיך אין וואַרשטאַט שלאָפן אויפן זאַק וווייכע הובל־שפּענער, וואָס איך האָב מיר אָנגעגרייט נאָך פון פרייטיק.

איך קריג פיינט דעם מייסטער

אין דער דאָזיקער אטמאָספער פון די „באָיעס״, פון אליקום־נעצלס דרשות, דרשות פון ציוניסטישע מטיפים, וואָס פלעגן דרשענען פון די בעלעמערס אָפּט אָן טליתים — האָבן זיך אין צווייטן יאָר פון מיין לערע גענומען טראָגן אומרואיקע, מאָדנע קלאַנגען, וועגן וועלכע מען האָט זיך געהיטן צו רעדן הויך אויפן קול.

צוערשט האָט מען זיך דערוואוסט, אז די מאַנטל־נייטאָרינס האָבן זיך צוזאַמענגערעדט און ווילן נישט ארבעטן מער ווי צוועלף שעה א טאָג. געזאָגט האָט מען, אז די גאַנצע אָנפירערקע איז ליבקע די שניידערקע, א שוועסטער פון באַוואוסטן סטאָליער־מייסטער אין שטאָט. מיט שרעק האָט מען דערציילט, אז מען האָט ליבקען שוין „געכאפט״, און אז מען וועט גאָרנישט וויסן, וואו אירע ביינער וועלן אהינקומען.

צווישן די סטאָליערס האָט מען גענומען שמועסן, אז אין דער צעכאָוועד אופראווע געפינט זיך א געזעץ נאָך פון דער קייזערין יעקאַטערינע, אין וועלכן עס ווערט בפירוש געזאָגט, אז מער ווי צוועלף שעה א טאָג טאָר אַן ארבעטער נישט ארבעטן, נאָר די סטאַר־שינעס (עלטסטע) פון די צעכן האָבן דעם געזעץ באהאלטן. מען האָט צווישן זיך גערעדט, אז די סטאָליער־ארבעטער האָבן אויסגע־קליבן א קאָמיטעט, וואָס דאַרף גיין צום סטאַרשינע פון סטאָליער־צעך פאָדערן ער זאָל וויַיזן דעם געזעץ, און טאָמער וועט ער נישט וועלן, זאָל מען גיין צום פּאָליציימייסטער זיך קלאָגן און פאָדערן פון אים ער זאָל באַפעלן דעם סטאַרשינע דעם געזעץ צו וויַיזן.

אין וואַרשטאַט, וואו איך האָב מיך געלערנט, האָבן די אר־בעטער זיך אָנגעהויבן שושקען, רעדן מיט רמזים, נאָך דער ארבעט נישט גיין גלייך אהיים, אויף די „פּלעצער״ (נאָמען פון א טייל שטאָט), וואו זיי האָבן געוואוינט, נאָר ביז שפּעט בלייבן אויף „פּלאַן״ (הויפּט־טייל פון שטאָט).

דער מייסטער מיינער איז געוואָרן עפּעס מאָדנע אומרואיק. ער האָט אָנגעהויבן אָפּט אויספרעגן ביי מיר וואָס עס טוט זיך אין וואַרשטאַט, וואָס די אַרבעטער רעדן צווישן זיך, און צי קומען אַריין זייטיקע מענטשן. איך פלעג אים אָפּנהערציק מיט צופרידנקייט דער־ציילן וועגן אַלץ וואָס איך האָב געוואוסט. איך האָב דאָס געהאַלטן פאַר אַ באַזונדער כבוד וואָס דער מייסטער שענקט מיר זיין צוטרוי. איינמאָל האָט ער מיר אפילו געזאָגט, אַז איך בין דאָך אַן אייגענער מענטש אין שטוב — איך עס דאָך זיין ברויט, און איך טאָר דעריבער נישט האָבן פאַר אים קיין סודות. איך האָב דאָס גאַנץ גוט פאַר־שטאַנען, געהאַלטן פאַר גערעכט און פון אים קיין זאַך נישט באַ־האַלטן. דאָ האָט אָבער פּאַסירט אַזאַ זאַך, וואָס האָט אַריינגעטראָגן אַ גאַנצע איבערקערעניש אין מיין איבערגעגעבנקייט צום מייסטער און גלייכצייטיק אויך געענדערט מיין באַציאונג צו דער באַלעבאָסטע.

דער באַלעבאָס מיינער האָט חוץ בוי־סטאָלעריי (טירן־פענצטער) זיך פאַרנומען אויך מיט טשעסלעריי־אַרבעט — מיט בויען היל־צערנע הייזער. אין וואַרשטאַט פלעגט ער פאַרברענגען אַ קורצע צייט, און אַ גאַנצן טאָג זיין אויף די „פּאָסטראָיקעס" (געביידעס), וואו עס האָבן געאַרבעט עטלעכע צענטליק קריסטלעכע „פּלאָטניקעס" (טשעס־לערס). אויך די אָוונטן פלעגט ער זעלטן פאַרברענגען אין שטוב און זייער אָפּט קומען שפּעט נאָך האַלבער נאַכט. ביים אָנבייסן האָט ער זיך פאַרן ווייב געקלאָגט, אַז דער קאָפּ טוט אים וויי פון די לאַנגע חשבונות וואָס אים קומט אויס צו פירן און פון די קריגערייען, וואָס ער האָט מיט די קונדן ביים ענדגילטיקן אָפּרעכענען. די באַלעבאָסטע פלעגט אין אַזעלכע פאַלן קוקן אויף אים מיט אַ פאַרזאָרגט פּנים, פול מיט מיטלייד, און אונטעררוקן אים נאָך אַ מאכל, כדי „צו דערהאַלטן די כּוחות"...

איינמאָל האָט זיך געמאַכט, אַז דער מייסטער איז נישט געקומען אַהיים אַ גאַנצן מעת־לעת. די באַלעבאָסטע איז אַרומגעגאַנגען אַ בלייכע, פאַראומערט, פאַרטרויערט און מיט קיינעם נישט גערעדט. די צווייטע נאַכט האָט זי אויף אים געוואַרט ביז שפּעט. איך בין שוין לאַנג געשלאָפן, און פון שלאָף האָב איך דערהערט איר בעטנדיקע שטים איך זאָל גיין מיט איר אויפזוכן הירשן.

עס איז געווען אַ פרי־האַרבסטיקע לבנה־נאַכט. די גלייבע גאַסן זענען פּוסט און שטיל. פון ווייטן הערט מען בילן אַ הונט, אַ פּייף פון באַן און דאָס טרוקענע קלאַפּן פון די נאַכט־וועכטער, וואָס הילכט אָפּ לאַנג און ווייט אין דער קילער נאַכט־לופט. גייען מיר אַזוי גאַס־איין, גאַס־אויס, און קוקן אויף די פענצטער פון מייסטערס קונדן, וועלכע די באַלעבאָסטע האָט נאָר געקענט. אָבער אַלע זענען זיי פינצטער, מיט פאַרהאַקטע לאָדן, דורך וועלכע עס הערט זיך נישט קיין קלאַנג און עס זעט זיך נישט קיין שטראַל. מיר איז קאַלט און אומעטיקלעך. איך בין בייז אויף דער באַלעבאָסטע, וואָס זי האָט מיך אויפגעוועקט פון שלאָף און לייג פאַר מיר זאָלן גיין אַהיים. זי בעט זיך אָבער מיר זאָלן נאָך צוגיין צום שלאָסער־מייסטער בערקאָוויטש — אפשר איז ער דאָרטן. לאָזן מיר זיך צו דער דירה פון שלאָסער־מייסטער בערקאָוויטש, וואָס געפינט זיך אין צווייטן עק שטאָט, אויפן עפּל־מאַרק. אָנגעקומען — זעען מיר פון ווייטן אויף דער שאָטן־זייט פון האַלב־באַלויכטענעם, ברייטן פּלאַץ דינע געלבלעכע ליכט־פּאַסן דורך די שפּאַרעס פון אַ הילצערנעם לאָדן. אַז מיר זענען צוגעקומען נאָענט צום פענצטער, האָבן מיר פון שטוב דערהערט נישט־דייטלעכע שטי־מען, נישט־קלאָרע ווערטער. צווישן געדרויש פון די נישט־דייטלעכע גע־שפּרעכן האָבן מיר מיטאַמאָל דערהערט די הייזעריקלעכע שטים און גיכע אויסשפּראַך פונעם באַלעבאָס. די באַלעבאָסטע האָט לייכט אויפ־געציטערט און זיך צוגעטוליעט צו מיין אַקסל, ווי זי וואָלט זוכן ביי מיר הילף. איך בין אויך געוואָרן איבערראַשט, אין מיין ריטער־לעכער דרייסטקייט האָב איך געוואָלט אָנקלאַפּן אין לאָדן, אַרויסרופן דעם באַלעבאָס און זאָגן אים, אַז מיר זוכן אים אַרום אַ גאַנצע נאַכט. אָבער די באַלעבאָסטע האָט מיך אָפּגעהאַלטן און מיט איינגעהאַל־טענעם אָטעם האָבן מיר זיך אָנגעשטרענגט איינצוהערן די געשפּרעכן. עס האָט לאַנג נישט געדויערט, און עס איז קלאָר געוואָרן, אַז אין שטוב שפּילט מען אין קאָרטן...

די באַלעבאָסטע האָט זיך מיטאַמאָל אַזוי ווי צוזאַמענגעצויגן — געוואָרן נאָך קלענער, ווי געווען. לאַנגזאַם און ווייך האָט זי מיך אָפּגעפירט פון פענצטער, נאָך פעסטער זיך צוגעדריקט צו מיר און מיט שטילע טריט האָבן מיר זיך אין דער טונקלקייט פון שאָטן געלאָזט גיין צוריק אַהיים. זי האָט זיך בעסער איינגעוויקלט אין איר פאַ־טשיילע, אַזוי ווי עס וואָלט איר געווען קאַלט. די עטוואָס־אַרויסגע־

שטאַרטע, טונקעלע אויגן זענען איר געווען פאַרלאָפן מיט נישט־אויסגערונענע טרערן און זיי האָבן ביים שיין פון דער לבנה אויס־געזען ווי צוויי אָנגעפילטע דורכזיכטיקע בעכערס, וואָס אָט־אָט וועלן זיי זיך אריבערגיסן.

גייענדיק צוריק איבער די איינזאַמע שטילע גאַסן, האָב איך דערפילט צו דער באַלעבאָסטע א גרויס רחמנות. איך האָב איר מוחל געווען אַלע עוולות, אַלע שלעכטע אָנבייסנס, קאַלטע מאכלים און אַנדערע צרות פון א לערן־יינגל, וואָס האָבן מיר איצט אויסגעזען נישטיק לגבי דער גרויסער עוולה, וואָס איר איז געשען. איך האָב איר געוואָלט מיט עפּעס טרייסטן און שיצן. אָבער איך אַליין בין געווען א שוצלאָז יינגל. האָב איך זי גענומען אונטערן אָרעם, באַמיט זיך צו גיין מיט איר טריט אין טריט, און נישט אויסרעדנדיק דעם גאַנצן וועג קיין וואָרט, זענען מיר געקומען צוריק אהיים און שטי־לערהייט זיך געלייגט שלאָפן.

לאַנג בין איך געלעגן מיט צוגעמאַכטע אויגן אויף מיין זאַק הובעל־שפּענער און נישט געקאָנט איינשלאָפן. איך האָב אין מיין געדאַנק געזוכט מיט וואָס זיך נוקם צו זיין אָן באַלעבאָס. אין האַרצן האָט געזאָדן א כעס קעגן דעם פאַלשן מענטשן, צוליב וועמען די באַלעבאָסטע פּייניקט זיך אַזוי. אין מיין לאַנגן טראַכטן וועגן דער אויפפירונג פון באַלעבאָס, וועגן דער באַעוולהטער באַלעבאָסטע, האָב איך סוף־כל־סוף באַשלאָסן, אַז „א קרענק וועל איך אים דער־ציילן, וואָס עס טוט זיך אין ווארשטאַט״!

מיט דעם דאָזיקן געדאַנק בין איך איינגעשלאָפן.

***

קורץ נאָך דעם האָט זיך מיין צוויי־יאָריקער לער־טערמין גע־ענדיקט. דער באַלעבאָס האָט זיין צוזאָג געהאַלטן און איך בין פאַר־בליבן ביי אים אויף נאָך א יאָר, אָבער שוין אויף גאָר נייע באַדינ־גונגען. איך בין געווען זייער פעאיק צו דער ארבעט, אין פיל ארבעטן זיך פאַרמאָסטן מיט עלטערע ארבעטער, סיי אין גוטסקייט, סיי אין גיכקייט. האָב איך מיר אויסגעדונגען, אַז, ערשטנס, דאַרף איך חוץ עסן, נאָך באַקומען וואָכן־געהאַלט און, צווייטנס, זאָל איך

נעכטיקן נישט, ווי ביז איצט, אין ווארשטאָט, נאָר ביי מיינע עלטערן. דער באַלעבאָס איז אויף דעם לייכט איינגעגאַנגען, הגם עס האָט זיך אים זייער געוואָלט איך זאָל ווייטער נעכטיקן אין ווארשטאָט.

איך בין נאָך אַלץ פאַררעכנט געווען פאַר אַן „אייגענעם מענטש אין שטוב" און דער באַלעבאָס פלעגט מיר נאָך פון צייט צו צייט אָנטרויען קליינע „סודות", און מיך ווייטער אויספרעגן — וואָס עס טוט זיך אין ווארשטאָט: ווער עס רעדט אַ סך, ווער עס קומט שפּעטער און ווער עס אַרבעט אויס מערער. איך האָב אָבער שוין געטראָגן אויף אים אַ האַס און פלעג זיך דיפּלאָמאַטיש אַרויס־דרייען. דאַקעגן האָב איך אָנגעהויבן פאַרטרויען די אַרבעטער אַזעל־כעס, וואָס איך האָב גערעכנט, אַז דאָס קאָן זיי צונויץ קומען, און איבערהויפּט דאָס וואָס קאָן, ווי איך האָב געמיינט, שאַדן ברענגען דעם באַלעבאָס.

די אַרבעטער האָבן אָנגעהויבן מיך ליובן, אָפּט אפילו, ווי מיר האָט זיך געדאַכט, חנפענען. דאָס האָט אָבער נישט געשאַדט, פאַר־קערט, עס האָט מיר געשמייכלט.

אין שטאָט איז דערווייל געוואָרן אומרואיקער: מען האָט דער־ציילט וועגן אונטערגעוואָרפענע בלעטלעך הינטער די טירן, וועגן פאַרהאַלטענע דורך דער פּאָליציי און אַנדערע זאַכן, וועגן וועלכע מען האָט ביז איצט נישט געהערט. בחורים און מיידלעך האָבן אויפ־געהערט שבת נאָכמיטאָג צו טאַנצן. אויך ביי אונז אין שטוב האָבן אויפגעהערט די טענץ, וואָס פלעגן ביז איצט פאָרקומען אַלע שבת, פון די געסט, וועלכע זענען געקומען צו מיין עלטסטער שוועסטער חנה־לאה. צו איר האָבן זיך גענומען ווייזן נייע פּנימער, וואָס פלעגן אַריינלויפן אויף אַ קורצע ווײַלע, אָפּרעדן עפּעס בסוד, כמעט אויפן וואונק, און פאַרשווינדן. כמעט יעדן אָוונט איז די שוועסטער מיט אירע חברטעס — אויך זאָקן־שטריקערקעס — ערגעץ אַוועקגעגאַנגען און געקומען שוין שפּעט אין אָוונט. אָפּט איז ווער פון אירע חברטעס געבליבן ביי אונז נעכטיקן, וואָס ביז איצט פלעגט עס נישט פאָרקומען.

אין די פאַרטרויליכע געשפּרעכן, וואָס מיין שוועסטער האָט געפירט מיט אירע חברטעס, האָב איך אָפּט אונטערגעהערט אַ גע־היימניספולן נאָמען — „דער שווארצער", וואָס פלעגט אַרויסגערעדט ווערן מיט פאַרגעטערונג און ליבע. (ווי איך האָב מיך שפּעטער דער־

וואוסט, איז דאס געווען דער דעמאלט באוואוסטער טוער אין „בונד" — יאנקל, אדער, ווי מען האט אים אין אנדערע ערטער גערופן — „אלטער דער שווארצער"). וועגן דאזיקן נאמען פלעגן די עלטערע דווינסקער חברים שוין יארן נאך זיין פארלאזן דווינסק דערציילן גאנצע לעגענדעס: וועגן זיין רעדנער־קונסט, וועגן זיין באצויבערנ־דיקן איינפלוס אויף מענטשן (איבערהויפט אויף די ארבעטערינס), וועגן זיינע קונצן ביים ארויסדרייען זיך פון פאליציי, ווי אזוי ער פלעגט אנטרונען ווערן פון אונטער אירע הענט אין א פינצטער געסל, וועגן זיין שטרענגער קאנספיראציע און אנדערע לעגענדעס.

אלטער דער שווארצער
(אלטער עפשטיין)

דערנאך האט מען אפט גענומען רעדן, אז מען דארף מאכן א „סטאטשקע" (שטרייק), אזוי ווי דאס האבן געטאן די ווילנער זאקן־שטריקערקעס. (לאנגע יארן האט מען אין דווינסק די ארגאניזירטע ארבעטער גערופן „סטאטעטשניקעס").

וועגן ערשטן סטרייק פון די סטאליער־ארבעטער געדענק איך ווייניק. איך געדענק נאר, אז מען האט זיך געשלאגן מיט איינעם א מייסטער מיטן נאמען — יאשקע ראזנבערג, וועלכער האט זיך דער ערשטער געווארפן שלאגן זיינע ארבעטער, ווען זיי האבן זיך פאר־איינוקט צום שטרייק. וועגן אים האט מען לאנגע יארן דערציילט, אז זיינע טענות זענען געווען: „אויב איך זאל מיינעם אן ארבעטער נישט טארן מאכן אין דער מאמען אריין — טא וואס טויג מיר דער גאנצער ווארשטאט?" פון דעם איז קלאר, אז צווישן אנדערע פאדערונגען איז אויך געווען די פאדערונג — מענטשלעכע באהאנדלונג.

אויסער דעם, געדענק איך, האבן טייל פירער פון דער „סטאטשקע", געדארפט אויף א געוויסע צייט פארלאזן די שטאט, ווייל פאליציי האט זיי געזוכט. און מיר דאכט, אז א געוויסע ראלע האט אין שטרייק געשפילט דער פאליציי־מייסטער, מיט וועמענס הילף די ארבעטער האבן ווארשיינלעך געוואלט ארויסבאקומען „יעקאטערינעס זאקאן." פון די אקטיווערע און באוואוסטערע פון יענער צייט זענען מיר גע־

בליבן אין זכרון די נעמען פון די סטאָליער־אַרבעטער: זאַווקע פון די „פּלעצער״, איטשקע דער געלער, חיים־צבי סאָלדאַטיק, שמואלקע פון „באַיניע״ (שעכט־הויז), ישעיהקע און, אויב איך האָב נישט קיין טעות, איינער זונדל פון קאָוונע. חוץ דעם לעצטן זענען דאָס אַלע געווען הויכע,ברייטפּלייציקע יונגען, וואָס אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט מען צווישן אונז אַזעלכע כּמעט ווי נישט געטראָפן. וועגן אַ טייל פון זיי וועט מיר נאָך אויסקומען צו רעדן אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלעך.

דאָ איז ווערט צו פאַרצייכענען אַ קוריאָז, וועלכער איז באַלערנדיק פאַר די דעמאָלטיקע באַציאונגען פון די באַלעבאַטים צו זייערע אַרבעטער: ווען איינעם אַ מייסטער מיט אַ נישט־דרוקבאַרן צונאָמען (דעם פאַרנאָמען פאַרגעסן) פלעגט מען דערציילן, אַז זונטיק פאַרנאַכט פלעגט ער אַרומקוקן די אַרבעט וואָס די אַרבעטער האָבן באַוויזן פאַרן טאָג אויסצופירן און ווענדן זיך צו זיי מיט אַ טענה און מיט אַ פאַרוואורף: עס איז דאָך שוין מאָנטיק, דינסטיק־מיטוואָך פליט אַוועק און דאָנערשטיק דאַרף מען דאָך אייך שוין ווידער צאָלן געלט — וואָס האָט איר מיר שוין אָפּגעטאָן פאַר היינטיקע וואָך?!... איך וועל דאָך פון אייך בדיל־הדל ווערן!

דעם דאָזיקן וויציקן אמת פלעגט מען אין די סטאָליער־קרייזן ביי יעדער געלעגנהייט דערציילן יאָרן־לאַנג. ווען די אַגיטאַטאָרן האָבן געדאַרפט שילדערן, ווי מען פלעגט זיך באַציען צו די אַרבעטער אַמאָל, איידער זיי זענען געווען אָרגאַניזירט, האָבן זיי זיך אָפט מיט דעם באַנוצט.

*
**

דעם צווייטן, אייניאָריקן לער־טערמין האָב איך שוין נישט אויסגעהאַלטן. ווי איך האָב שוין דערציילט, איז דער מייסטער געפאַלן אין מיינע אויגן, און איך האָב זיך דערנענטערט צו די אַרבעטער. דער מייסטער האָט, אפנים, דערפילט דעם איבערבּרוך אין מיר און איז אָפט צוגעשטאַנען צו מיר מיט נישט־פאַרדינטע פאַרוואורפן און קליינלעכע צוטשעפּענישן. איך האָב מיך שוין אָבער געפילט פעסט: איך בין געווען כּמעט אַ זעלבסטשטענדיקער אַרבעטער און איך פלעג אים נישט בלייבן שולדיק.

איינמאָל איז צווישן אונז אויסגעבראָכן אַ קריגעריי, וואָס האָט מיך שטאַרק אָנגעריִרט. אין גרויס אויפרעגונג האָב איך אַראָפּגעכאַפּט דעם פאַרטוך פון די לענדן און אויסגעשריגן צום מייסטער: „איך האָב אייך אין דער ערד", צונויפגעקליבן מיינע הובל־געצייג, וואָס איך האָב מיר אַליין געמאַכט, און פאַרלאָזן דעם מייסטער מיט זיין וואַרשטאַט.

אַ קורצע צייט האָבן מיך אַנדערע מייסטערם באַיקאָטירט, נישט געוואָלט מיך דינגען צו דער אַרבעט דערפאַר, וואָס איך בין ביים מייסטער נישט אויסגעווען דעם אָפּגערעדטן טערמין.

עס איז אָבער געווען סעזאָן־צייט. אַרבעט איז געווען אַ סך. אין שטאָט בין איך געווען פאַררעכנט פאַר אַ גוטן און פלינקן באַלמעלאָכע, האָט דער באָיקאָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן, און איך האָב גיך גע־קריגן אַרבעט פאַר פיר רובל מיט פופציק קאָפּיקעס אַ וואָך. אין מיין עלטער — אין עלטער פון זיבעצן יאָר, איז דאָס געווען אַ הויכער לוין, און אַזוי אַרום בין איך געוואָרן אַ זעלבסטשטענדיקער אַרבעטער.

זונטיקדיקע געשפּרעכן

זונטיק פרי פלעגן די נישט־פאַרהייראַטע אַרבעטער אין די וואַרשטאַטן זיך טיילן מיט די איינדרוקן וועגן זייערע פּריוואַטיקצוואָכ־טיקע באַזוכן אויף „פאַדאַילסקע".

„פאַדאַילסקאַיאַ" איז געווען דער נאָמען פון א גאַס אין דווינסק, וואָס האָט זיך נעצויגן לענגאויס דער באַן־ליניע, אָנהייבנדיק זיך פון ריגער וואָקזאַל. די דאָזיקע גאַס מיט אירע גרין־געפאַרבטע, הילצערנע הייזער, מיט קאָלירטע לאַמטערנעס איבער די אַרויסגע־רוקטע גאַניקעס, מיט די ביז נאָך האַלבן טאָג צוגעריגלטע טירן, האָט זיך סודותדיק אויסגעטיילט פון די איבעריקע גאַסן אין שטאָט. ביי־טאָג האָט די גאַס אויסגעזען פוסט, ווי פאַרלאָזט. זעלטן האָט זיך דאָרט אין די פריע שעהן פון טאָג געעפנט א טיר, דורכגעגאַנגען א מענטש אָדער דורכגעפאָרן א דראָזשקע. מיושבדיקע עלטערע מענער און בפרט פרויען האָבן אָנגעלייגט וועג, כדי נישט דורכ־צוגיין דידאָזיקע אויסטערלישע גאַס. בלויז אָנרופן דעם נאָמען פון דער גאַס אין דער אָנוועזנהייט פון א פרוי, איז פאַררעכנט געווען פאַר א גראָבקייט, ווייל אויף אָט דער גאַס האָבן זיך געפונען די „פרייליכע הייזער" פון דער שטאָט.

די „פרייליכע הייזלעך" האָבן פונקציאָנירט לעגאַל, מיט דער דערלויבעניש פון דער אדמיניסטראַטיווער מאַכט. די אויפזיכט־מאַכט האָט אויפגעפאַסט אויף זייער היגיענישן צושטאַנד און געהאַט די השגחה איבער די מיידלעך, וועלכע האָבן זיך, כמעט געזעצלעך, גערעכנט פאַרן אייגנטום ביי די באַלעבאַטים פון די הייזלעך.

מיטן צופאַלן פון דער נאַכט האָט די „פאַדאַילסקע" זיך פאַר־וואַנדלט אין איינער פון די פרייליכסטע גאַסן אין שטאָט: איבער די גאַניקעס פלעגן זיך אָנצינדן די קאָלירטע לאַמטערנעס, דורך די פאַרמאַכטע לאָדנס פלעגן זיך דורכרייסן פאַרדומפּטע טענער פון פאַרשייטער מוזיק, עס האָט זיך געהערט א טופּן פון פיס, שיכּורע געשרייען, קוויטשערייען פון די מיידלעך. מיט א הילכיקער קלאַפּעריי פון די מיט־אייזן־באַצויגענע־רעדער אויף די שפּיציקע שטיינער פון

אַלט־מאָדישן ברוק פלעגן „ליכאַטשעס" צופאָרן צו די באַלויכטענע גאַניקעס און אַרויסזעצן כאַפּטעס שיכּורע יונקערס, צעיושעטע גימ־נאַזיסטן אָדער באַזויפענע טשינאָווניקעס פון די אָרטיקע „פּריסוטס־וויעס". אויך באַיאָרנטע, ציווילע מענטשן פלעגן אין גרוים איילעניש, מיט אַ זייטיק געגנגל זיך אַריינכאַפּן אין די טירן פון די גרינע הייזער.

אין די שפּעטע, טונקעלע אָוונט־שעהן, געטריבן פון אויפגע־וואַכטן געשלעכטלעכן רויש, פלעגן מיר, נאָך־נישט־דערפאַרענע, האַלב־רייפע בחורים, פאַרשטעקט אין די טונקעלע שאָטנס פון די הייזער, פון דערווייטנס אַריינקוקן אין אַ געעפנטער טיר און איינזאַפּן אין זיך דעם פיינלעך־זיסן אָטעם פון די זינד־הייזער און פאַרלאָזן די גאַס מיט באַרוישטע געפילן פון בענקשאַפט צו ווערן גרויסע.

אַ באַזונדערע לעבעדיקייט האָט אויף פּאַדאָילסקע געהערשט אין די נעכט פון פרייטיק, שבת און זונטיק. אין די דאָזיקע נעכט פלעגן זיך דאָרט אָפּט אָפּשפּילן ווילסטע געשלעגן צווישן באַזונדערע גרופּן באַזוכער, וועלכע פלעגן זיך איינשטעלן פאַרן בלומרשט־באַליידיקטן כּבוד פון זייערע „באַרישנעס" אָדער צוליב אַנדערע ענלעכע קריוודעס. נישט זעלטן פלעגט עס דערגיין צו מעסער־שטעך און אַפילו מאָרד.

די דאָזיקע הייזער אויף פּאַדאָילסקע האָבן געהאַט געוויינלעכע אָפּטיילונגען, וואו יעדער האָט געהאַט אַ צוטריט, און „העכערע", פאַר נעקליבענע געסט — פאַר אָפיצירן, העכערע באַאַמטע און אַנדערע פון דער „געאַכטעטער" געזעלשאַפט. צווישן די שטענדיקע באַזוכער פון פּאַדאָילסקע איז געווען אַ בונטאַרישע גרופּע „סטאַטסקע" (ציווילע), וואָס האָט נישט געוואָלט זיך באַפרידיקן מיט איר גורל אין די נידעריקערע אָפּטיילונגען און האָט נישט אַנדערש געוואָלט אַריינרייסן זיך אין די „העכערע" אָפּטיילונגען. די דאָזיקע גרופּע איז באַשטאַנען פון יידישע און קריסטלעכע גאַרבער־אַרבעטער פון גרילעכעס און וואָלערשטיינס גאַרבערייען. דאָס זענען געווען יונגען איינס־און־איינס — הויכע, קרעפטיקע, מיט ברייטע ברוסטן און געזונטע פויסטן, פאַר וועמען עס האָט געציטערט די גאַנצע שטאָט. האָט זיך אַזאַ חברה גאַרבער אַראָפּגעלאָזט אויף פּאַדאָילסקע אין אַ „געהויבענער" שטי־מונג, זענען שוין עטלעכע גימנאַזיסטלעך, אַפילו יונקערס אַוועק אַהיים מיט „צעקוואַשעטע" פּנימער און אַרויסגעזעצטע ציין.

אין די זונטיקדיקע געשפּרעכן פלעגן זיך די יינגערע אַרבעטער אין די וואַרשטאַטן אָנדערציילן מוראדיקע געשיכטעס פון די דאָזיקע

געשלעגן, צו וועלכע עס פלעגן, צוליב „קלאַסן־סאָלידאַריטעט", צו־שטיין די שלאָסער־אַרבעטער און געזעלן פון אַנדערע צווייגן. אָבער נישט נאָר וועגן די נצחונות איבער די יונקערס האָט מען זיך דער־ציילט איינע די אַנדערע: מען האָט אָפּן און פריי דערציילט ווער מיט וועמען עס האָט פאַרבראַכט, ווער עס האָט ביי וועמען אָפּגעשלאָגן מאַינקען אָדער סאָינקען, ווי אַזוי מען האָט זיך פאַר דעם אָפּגערעכנט און ווי אַזוי מען איז יענעם פאַרפאָרן מיט אַ מעסער אין זייט. מען האָט זיך נישט זשענירט צו באַרימען זיך און דערציילן אויפן קול פאַרשידענע פאַרשייטע איינצלהייטן פונם נאַכט־לעבן מיט די מיידלעך אויף פאַדאָילסקע.

די פרוי פון מיין באַלעבאָס, ביי וועמען איך האָב געאַרבעט — אַ באַשיידן, יידיש ווייבל — פלעגט זיך רויטלען, הערנדיק די דאָזיקע געשיכטעס און מיט אַ גוטמוטיקן כּעס מוסרן די אַרבעטער, וואָס האָבן גאָר „קיין בושה און קיין חרפה אין זייערע פּנימער."

איינמאָל, ווען אַזאַ באַרימעריי איז פאַרפאָרן שוין אַביסל צו ווייט אין אירע אויסגעלאַסענע איינצלהייטן, האָט מיין באַלעבאָסטע, שוין מיט אויפריכטיקן בייזער, פאַרגוואָרפן די אַרבעטער פאַר וואָס זיי דערציילן „אַזעלכע זאַכן" פאַרן ייִנגל אין די אויגן. דער עולם האָט זיך איבער איר כּעס לוסטיק געמאַכט און פאַרזיכערט איר, אַז עס איז שוין צייט אים אַהין מיטצונעמען און זאָל ער אויך וויסן „וואָס אַ לעבן הייסט"...

„דאָס ייִנגל" — האָט מען געמיינט מיך. שוין אַ פּולבלוטיקער, קרעפּטיקער, זעכצן־זיבעצן־יעריקער בחור, האָב איך זיך צו די דאָזיקע אָפֿענע געשפּרעכן צוגעהערט מיט געררייצטן נייגיר און הייסן אָטעם: פון אינערלעכער געשפּאַנטער אויפרעגונג האָבן מיר געציטערט די הענט און איך בין נישט אימשטאַנד געווען ווי געהעריק צו האַלטן די געצייג. איך פלעג ארומגיין אַ צעררודעטער, ווי נאָך אַ שווערן, בייזן חלום, שלעכט פאַרשטאַנען וואָס מען האָט צו מיר גערעדט. עס פלעגן מיר שוועבן פאַר די אויגן בילדער פון די געהערטע גע־שפּרעכן, פון וועלכע דאָס האַרץ פלעגט מיר פאַרגאָסן ווערן מיט הייסע שטראָמען פון אומבאַשטימטע פאַרבאָרגענע פאַרלאַנגען. קיינער האָט זיך אָבער וועגן מיר נישט געקימערט, קיינער האָט וועגן מיין צערו־דערטן צושטאַנד נישט געוואוסט. מיט אינערלעכן ציטער און אַנגע־נומען שרעק האָב איך געוואַרט און אויסגעקוקט אויף דער שעה עס זאָל זיך געפינען אימעצער, וועלכער זאָל מיך „אַהין" מיטנעמען.

און אזאַ איינער איז ענדלעך געקומען.

געווען איז דאָס דער סטאָלער־אַרבעטער איטשקע דער שווארצער. אַ שיינער בחור אַ ברען: אַ הויכער, שלאַנקער, מיט פייערדיקע אויגן און מיט פיין־געשניטענע ליפּן, וואָס האָבן נישט אינגאַנצן צוגע־דעקט די ווייסע ציין. אַ לעב־יונג, אַ טרינקער, אַ טענצער און אַ גרויסער „אוכאַזשיוואַטעל" ארום פרויען. מיר האָבן אָפּט געאַרבעט צוזאַמען. אזוי ווי ער איז געווען מיט אַ פּאָר יאָר עלטער פון מיר, איז ער טיילווייז געווען מיין מדריך ביי דער אַרבעט. נישט געקוקט אויפן אונטערשיד אין עלטער, זענען מיר פונדעסטוועגן געווען אַ געוויסע צייט נאָענטע חברים.

איינמאָל אין איינעם אַ שבת איז ער צו מיר געקומען און האָט מיך איינגעלאַדן איך זאָל מיט אים גיין צו סאַינקען — צו אונזערס אַ באַקאַנט מיידל. סאַינקע האָט געשטאַמט פון אַ נאָענטער שטעטל, נאָוואָ־אַלעקסאַנדראָווסק, לעבן דווינסק. באַקאַנט האָבן מיר זיך מיט איר אין אַ מצה־פּאַדריאַד (אזוי האָט מען דאַן גערופן אַ מצה־בעקעריי), וואָס פלעגט אַלע יאָר אַרום פּורים־צייט געעפנט ווערן אין אַ קעלער אין שכנות פון וואַרשטאַט, וואו איך מיט איטשקען האָבן דאַן געאַרבעט.

אין יענע יאָרן, איידער מען האָט אָנגעהויבן באַנוצן מצה־מאַשינען, פלעגן אַרום פּורים־צייט אָנקומען קיין דווינסק יונגע פרויען און מיידלעך פון די אַרומיקע שטעטלעך און אָנדינגען זיך אַלס מצה־וואַלגערקעס אויפן גאַנצן זמן. געאַרבעט אין די פּאַדריאַדן האָט מען פון פאַרטאָג ביז שפּעט נאָך האַלבער נאַכט, מיט קליינע איבער־רייסן, ווען דער זעצער האָט געדאַרפט „אונטערפלאַקערן" דעם אויוון. כדי צו ברענגען אַהיים אויף פּסח מיט אַ פּאָר אָפּגעשפּאָרטע רובל מערער, פלעגן די וואַלגערקעס שלאָפן אין פּאַדריאַד גופא — אונטער־געבעט מיט היי און שטרוי אויף דער פּאָדלאָגע. אין די וואָכעדיקע נעכט זענען די וואַלגערקעס געפאַלן אויף זייערע געלעגערס טויט־מידע איינע לעבן דער אַנדערער און מיט שטילע קרעכצן, דער „פּאַדריאַטשיק" זאָל נישט דערהערן, האָט מען אויסגעגלייכט די מידע גלידער און די געשוואָלענע הענט פון אַכצן שעה וואַלגערן. זעלטן האָט מען פאַרפירט אַ געשפּרעך, זעלטן געטאָן אַ לאַך — עס איז געווען אַ שאָד אָפּצורייסן אַ פּאָר מינוט פון די קורצע שעהן, וואָס זענען פאַרבליבן צו שלאָפן, ביזן „ערשטן אויוון" פאַרטאָג.

אנדערש זענען געווען די פרייטיק־ און שבת־צונאַכטן: פרייטיק האָט זיך דאָס וועלגערן געענדיקט פאַר זון־אונטערגאַנג. די מיידלעך פלעגן זיך אויספּוצן אין פרישע בלוזקעס — פאַרשפּילעט ביז אונטער דער גאָמבע, פאַרקעמען זיך די האָר לויט דער לעצטער מאָדע און מיט די „שלעפּעס" פון די לאַנגע קליידער אין די הענט, האָט מען זיך געלאָזט אין שטאָט אַריין צו באַקאַנטע, אָדער אויף שפּאַציר אין די מיט קעראָסין־לאָמפּן באַלויכטענע גאַסן פון דער גרויסער שטאָט. די פאַר־הייראַטע, עלטערע פרויען פלעגן אָנטאָן געבלימטע קאָפּ־טיכלעך — די ברעגעס פאַרלייגט הינטער די אויערן און מיט טיפע, מידע זיפצן בענטשן ליכט איבער דאַרע, גראָשענע, חלבנע ליכטלעך. אויסגע־מאַטערטע פון דער וואָך וועלגערן, פלעגן זיי זיך אין די קליידער צולייגן אויסרוען די מידע ביינער ביז נאָך קבלת־שבת. נאָך וועטשערע, ליגנדיק אויפן שותּפותדיקן היי־געלעגער, האָט מען זיך שטילערהייט פאַרציילט פאַרשידענע געשיכטן פון „גוטע־יידן", פון וואַלד־גזלנים, פון דיבוקים און „נישט־גוטע", פון אליהו־הנביא און שרה בת־טובים. אין אָפּגעזונדערטע ווינקלען האָבן נעענטערע צווישן זיך איינע דער אַנדערער אויסגערעדט זייערע טרויעריקע הערצער, זיך באַ־קלאָגט אויפן פינצטערן מזל, אויף דער ביטערער אָרעמקייט, אויף פאַרזעסענע יאָרן פון דערוואַקסענע טעכטער, אויף מענער וועלכע האָבן פאַרלאָזט ווייב און קינד און אַוועק אין דער ווייטער וועלט זוכן אַ בעסער מזל, און אַנדערע שווערע דאגות פון טרויעריקן לעבן און שווערן נעמיט. אין די שפּעטע אָוונט־שעהן פלעגן זיך צוזאַ־מענקומען די יינגערע וועלגערקעס מיט זייערע באַקאַנטע בחורים און פאַריאָגן די טריבע פרייטיק־צונאַכטיקע אַטמאָספער. דער גרוי־סער, שוואַך־באַלויכטענער קעלער־צימער פלעגט אַזוי ווי ליכטיקער און היימלעכער ווערן. פון פאַרשידענע ווינקלען פלעגט זיך הערן געלעכטער, שטיפעריי און געזאַנג פון ליבע־ און בענק־לידער. אָבער גאָר פריילעך איז געוואָרן, ווען דער בליץ־לאָמפּ האָט זיך גענומען „טוקן": מיט געמאַכטן בייזער האָבן די מיידלעך געיאָגט די בחורים זיי זאָלן פאַרלאָזן דעם קעלער, ווייל דער לאָמפּ וועט באַלד „אויס־גיין". די בחורים האָבן אָבער אָפּנים זיך נישט זייער שטאַרק גע־שראָקן פאַר דער פינצטערניש און זיך נישט געאיילט אַוועקצוגיין... און ווען דער לאָמפּ האָט געגעבן זיין לעצטן „צוק", איז דאָס געלעכ־טער און קוויטשעריי פון די מיידלעך געוואָרן נאָך העכער און דאָס

גערשנגלעניש נאָך גרעסער, ביז מיט פאַראייניקטע כּוחות פלעגן די מיידלעך סוף־כּל־סוף ארויסשטופּן די בחורים אויף יענער זייט טיר פון טיפן קעלער.

שבת אויף דער נאַכט, צוליב דעם וואָס מען האָט דעם אויוון נישט געטאָרט איינהייצן פאַר מעריב פלעגט די אַרבעט אין פּאַדריאַד זיך אָנהייבן שפּעט נאָך הבדלה. דער גרויסער האַלב־טונקעלער צימער פון טיפן מצה־קעלער פלעגט אָבער ווערן באַלעבט נאָך אַ שטיק פאַר זון־אונטערגאַנג: עס פלעגן זיך צוזאַמענקומען די וועלגערקעס מיט זייערע באַקאַנטע בחורים, די רעדלער — מיט זייערע פרייוויליקע העלפער־אַמאַטאָרן, וווייבלעך פון שכנותדיקע הויפן, צו העלפן אומ־געצאָלט אויסבאַקן אַן אויוון מצה פאַר אַן אָרעמער משפּחה, וואָס מען האָט דאָס רוב אָפּגעלייגט אויף שבת־צו־נאַכט. (אַ חשובער באַלעבאָס וועט דאָך נישט לאָזן באַקן זיינע מצות אויף אַ שבתדיקן קאַלטן אויוון). עס פלעגן אַריינקומען אויך זייטיקע בחורים און יונגע־לייטלעך, כּדי צו שליסן באַקאַנטשאַפט און ביז וואָס־ווען, ביז מען האָט צוריק אויסגעשטעלט די צענומענע אויף שבת לאַנגע וועל־גער־טישן, פלעגט מען שפּילן אין פאַנטן, רעטענישן, טרעפעניש און אַנדערע שפּילערייען פון דעם מין. די דאָזיקע שפּילערייען האָבן זיך אַלעמאָל געענדיקט דערמיט וואָס אַ בחור האָט געדאַרפט אַ קוש טאָן אַ מיידל, אָדער אַ מיידל — אַ בחור, סיי ווען דאָס איז געווען אַ באַלוינונג פאַרן טרעפן, סיי ווי אַ שטראָף פאַרן פאַרשפּילן... ווען די שפּילן האָבן זיך אויסגעשעפּט, האָט מען געטאַנצט אַ קאַדריל, אַ וואַלס, אַ שער, אַ פּאָלאָנעז, אַ פּאָלקע, אַ װענגערקע און אַנדערע מאָדערנע טענץ פון יענער צייט. געטאַנצט האָט מען גרופּעסווייז: ווען איין גרופּע האָט געטאַנצט, האָט די צווייטע געזונגען דעם ניגון פונם טאַנץ און צוגעקלאַפּט אין טאַקט מיט די הענט — טראַלאַלאַלאַ, טראַלאַלאַלאַ. דערנאָך האָט געטאַנצט די צווייטע גרופּע, און אַזוי ווייטער.

ביים אָנפירן מיט די טענץ האָט זיך אַלעמאָל געפונען אַ כוואַטס־קע יונגע ווייבל, אָדער אַ לעבעדיק היציק מיידל, וואָס האָט געגעבן אָנווייזונגען אין די טענץ און קאָמאַנדעוועט, ווי אַ גענעראַל אויף אַ שלאַכט־פעלד. די דאָזיקע קאָכיקע מיידלעך און לעבעדיקע יינגע ווייבלעך זענען געווען זייער און זייער אָנגעזען ביי די אייגנטימער פון די פּאַדריאַדן: אין די שפּעטע שעהן פון דער נאַכט־אַרבעט,

ווען די כּוחות בײַ די װעלגערקעס, קנעטערקעס און רעדלער האָט זיך גענומען אויסלאָזן, פלעגן זיי מיט זייער פרייליעכקייט, לידלעך און שאַרפע, אָפט געפּעפערטע ווערטלעך אויפמונטערן דעם אויסגעמאַטערטן עולם און דער זעצער האָט נישט געדאַרפט צו אָפט שרייען, אַז דער אויוון „פּוסטעוועט" בײַ אים.

אַט די אויבן־דערמאָנטע סאָינקע (איין גאָט אין הימל האָט געוואוסט, ווי אַזוי עס האָבן זי גערופן איר טאַטע־מאַמע אינם קליינעם שטעטעלע) איז דאָס געווען די פירערין בײַ די טענץ, שפּילערייען און געזאַנג אין פּאָדריאַד אויפן הויף, וואו איך מיט איטשקען האָבן געאַרבעט. מיר זענען דאָרט געווען אָפּטע אײַנגייער: אין די אָוונטן נאָך דער אַרבעט האָב איך ליב געהאַט העלפן דעם רעדלער רעדלען די מצות, פאַר וואָס איך האָב פון אַלע זײַטע באַקומען וואַרעמע קאָמפּלימענטן פאַר מײַן שיינעם רעדלען.

אָבער נישט נאָר דאָס רעדלען האָט מיך געצויגן אַלע אָוונט אין פּאָדריאַד. מיך האָט געלאָקט די פרויען־אַטמאָספער וואָס האָט דאָרטן געהערשט, איבערהויפּט האָט מיך געצויגן צו דער לוסטיקער סאָינקען, אין וועמענס געזעלשאַפט עס האָט זיך מיר שטענדיק געוואָלט זײַן.

סאָינקע איז געווען, ווי מען האָט זיך דעמאָלט אויסגעדריקט, „אַ באַרעדטע מיידל"... אין פּאָדריאַד האָט מען זיך געסודעט וועגן איר אויפפירונג מיט די בחורים און דער עיקר וועגן איר צו־גרויסער נאָענטקייט מיט אַ יונגען חברה־מאַן, וועגן וועמען מען האָט געמורמעלט, אַז ער איז פון דער אונטערוועלט.

— גוט וועט זי ניט ענדיקן! — האָבן עלטערע פרויען געשאָקלט מיט די קעפּ. און זי האָט טאַקע געענדיקט זייער שלעכט: מען האָט זיך דערוואוסט, אַז דער דערמאָנטער חברה־מאַן האָט קורץ נאָך פּסח סאָינקען פאַרקויפט אין אַ „הייזל" אויף די „זאַמדיקע פּלעצער".

אַט אַהין האָט דאָס סאָינקע, דורך איטשקע דעם שוואַרצן, פאַרבעטן מיך צו זיך. זי וואונדערט זיך — האָט איטשקע איבערגעגעבן אירע רייד — וואָס איך בין בײַ איר נאָך נישט געווען. אַלע באַקאַנטע בחורים באַזוכן זי אָפט, נאָר איך איינער האַלט זיך עפּעס פון ווייטן.

די לאַנג־לעכצנדיקע שעה צו ווערן אַ „דערוואַקסענער" איז ענדלעך געקומען — געקומען אַזוי אומדערוואַרטעט, אַז עס האָט מיך באַרוישט און צערודערט. דערצו איז נאָך די איינלאַדונג געווען פון אַ באַקאַנט און באַגערט מיידל, איז דער נסיון געווען נאָך גרעסער

און די צערודערונג נאָך שטאַרקער: פאַר מיין צעשרויפטער ליידנ־שאַפטלעכער פאַנטאַזיע האָבן, ווי אין אַ קלעפּיקן וואַרעמען נעפּל געגומען אַרויסשווימען די דערציילטע אָפענע בילדער פון די „זונ־טיקדיקע געשפּרעכן". אין ברוסט איז מיר צוגעפלאָסן אַ הייסער שטראָם בלוט און געמאַכט שטאַרקער קלאַפּן דאָס האַרץ; אין מויל איז מיר געוואָרן טרוקן און די הענט האָבן מיר געציטערט, ווי אין אַ שטאַרקן פיבער. דאָס איז געווען איבער מיינע כּוחות און דער יצר־הרע האָט מיך באַזיגט. מיט אינערלעכער שרעק און אומגעדולדיקער דערוואַרטונג האָב איך מיך פון איטשקע דעם שוואַרצן געלאָזט איבער־רעדן און מיט פאַרפּרעסטע ציין און אומבאַשטימטער מורא בין איך מיט אים, אַ שבת נאָכמיטאָג, אַוועק אויף די „פּלעצער" ווערן אַ גרויסער...

געגאַנגען זענען מיר נישט מיטן גלייכן וועג — דורכן שאָסיי, נאָר דורך אַן אומוועג — דורכן טשערעפּאָווער וואַלד. וואָס נעענטער מיר זענען געקומען צו אונזער ציל, אַלץ מער האָט מיך געפּייניקט דער אינערלעכער פּחד... ווען איטשקע האָט מיר אָנגעוויזן אויף אַ נידעריק הילצערן הייזל אין אַ געסל, וואָס האָט זיך אַרויסגעזען פון צווישן די ביימער, אַז „דאָס איז דאָס", האָבן זיך מיר אונטערגע־בראָכן די פיס און איך האָב ממש פיזיש זיך נישט געקענט רירן פון אָרט. מיר האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן גראָז און איטשקע האָט מיך געטרייסט, אַז דאָס איז נאָר דאָס ערשטע מאָל אַזוי, אַז שפּעטער וועל איך אים זיין דאַנקבאַר און אַז דערנאָך וועל איך אַליין לאַכן פון מיין שרעק. דערזען אַז איך קען נישט אַרויסרעדן קיין וואָרט, האָט ער מיך צייטווייליק פאַרלאָזט און אַוועק אָנזאָגן סאָינקען, אַז ער האָט מיך געבראַכט.

איך בין געבליבן ליגן אויפן גראָז מיט די אויגן איינגעגראָבן אינעם גראָען, סודותדיקן הייזל און געוואַרט אויף עפּעס, וואָס דאַרף געשען. פאַר דער טיר פון הייזל האָט זיך באַוויזן איטשקע אין באַ־גליטונג פון סאָינקען, וועלכע האָבן מיט צייכנס גערופן מיך צו זיך. איך האָב מיך אויפגעהויבן, ווי קענגן מיין ווילן און געגאַנגען צום הייזל ווי אין אַ לעטאַרגישן דרימל. ווען איך האָב דערזען סאָינקען אין איר קורץ קליידל מיטן האַלב־אָפענעם בוזים און אָנגעפאַרבטע באַקן, האָט זיך דאָס האַרץ ביי מיר אַזוי ווי אָפּגעשטעלט. אויך זי, האָט זיך מיר געדאַכט, איז געווען אַזוי ווי צעטומעלט: זי האָט פאַר־

לאָרן געשמייכלט און געקוקט אויף מיר, ווי מיר האָט זיך געדאַכט, מיט גרוים מיטלייד. אין מיין גרויסער צעררודערטקייט האָב איך נישט באַמערקט, ווי מיר זענען ביסלעכווייז געוואָרן אַרומגערינגלט דורך אַנדערע מיידלעך. ווען איך האָב אויפגעהויבן די אויגן און באַגעגנט די אָנגעפּודערטע פּנימער מיט די פאַרשייטע שמייכלען און די אונטערגעשמירטע אויגן, וועלכע האָבן מיך באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס, האָב איך זיך נאָך מער פאַרלאָרן.

פּלוצלונג האָט איין מיידל אויסגעשאָסן אַ געלעכטער מיט אַ צווייטייטיקער, פאַרשייטער באַמערקונג אויף מיין פאַרלאָרנקייט פון אַ „נישט־אָנגערירטן" און מיך איז באַפאַלן אַ טויט־שרעק: ווי געיאָגט פון זיך אַליין, האָב איך מיך געלאָזט לויפן צוריק אין וועלדל, געפאַלן אויפן גראָז און אַ געוויין פול מיט ספּאַזמען האָבן געצופּט און גערייסלט אַלע מיינע גלידער אין פאַרלויף פון אַ לאַנגער צייט אָן אַפּהאַלט.

איך האָב געוויינט אויף מיין שעמעוודיקייט; אויף דעם, וואָס איך קען זיך נישט באַנעמען מיט פרויען אַזוי דרייסט, ווי מיינע קאָלעגן; איך האָב געוויינט אויף מיין פּיין; אויף זאַכן און געפילן, פאַר וועלכע איך האָב אַליין קיין נאָמען נישט געהאַט. ווען דאָס ספּאַזמירן האָט נאָכגעלאָזט, בין איך געווען מיד און צעבראָכן סיי גייסטיק, סיי פיזיש. מיט וואַקלדיקע טריט און שווערע גלידער בין איך איינער אַליין אַוועק צוריק אין שטאָט. איך בין געגאַנגען, ווי אין אַ חלום פאַרטראַכט און פאַרטאָן אין זיך אַליין און אין קומער אַלץ געטראַכט — וואָס וועט דאָס מיט מיר זיין?! וואָס וועט דאָס מיט מיר זיין?!

לאַנגע טעג נאָך דעם בין איך אַרומגעגאַנגען אַ פאַרטראַכטער, אָן אַפּאַטישער, מיט אַ מאָדנער מידקייט אין אַלע גלידער; געשעמט זיך צו קוקן יענעם אין די אויגן, ווי איך וואָלט באַגאַנגען גאָט ווייסט וואָס פאַר אַ זינד. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אַלע דערקענען אָן מיר וואָס איך האָב זיך געקליבן אָפּצוטאָן און גלייכצייטיק האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז אַלע ווייסן וואָס פאַר אַ שעמעוודיקער ישיבה־בחור איך בין. דאָס האָט געקרענקט מיין „מענערישע" ווירדע און איך בין געוואָרן ביי זיך זייער געפאַלן.

דער דאָזיקער פּיינלעכער צושטאַנד מיינער האָט אָבער לאַנג נישט אָנגעהאַלטן: די „זונטיקדיקע געשפּרעכן" אין די וואַרשטאַטן האָבן

אַנגעהויבן ווערן זעלטענער און איינגעהאַלטענער — ביז זיי זענען אינגאַנצן פאַרשוואונדן צוזאַמען מיט די אַנדערע נבול־פּה, מיט די באַרימטע רוסישע „מי־שברכס״.

אין די ענגע, דומפּע יידישע וואַרשטאַטן האָט זיך אַריינגעריסן אַ פרישער ווינט, וואָס האָט מיטגעבראַכט מיט זיך גאָר אַנדערע לײדנשאַפטן, אַנדערע טעמעס פאַר געשפּרעכן. עס איז אויפגעקומען אַ נייער גלויבן, עס האָבן זיך געעפנט האָריזאָנטן פון אַן אַנדערער וועלט. דער דאָזיקער פרישער אָטעם האָט ביסלעכווייז אויך צעשפּרייט דעם געדיכטן קלעפּיקן נעפּל, אין וועלכן איך האָב מיך געפונען זינט איך האָב אָנגעהויבן ווערן אַ דערוואַקסענער.

און ווי אַ סימבאָל פון יענער צייט האָט די אַדמיניסטראַטיווע מאַכט געשלאָסן די „גרינע הייזער״ אויף פּאַדאָילסקע — פאַרדעקט די אָפענע שאַנד פון דער שטאָט. געוויס האָבן נאָך אַרבעטער באַזוכט די „פרײלעכע הייזלעך״, וואָס זענען נאָך פאַרבליבן אויף „די פלעצער״ הינטער דער שטאָט, אָבער מער האָט מען זיך שוין עפנטלעך מיט דעם נישט באַרימט, מער נישט שטאָלצירט מיט די „נצחונות״ אין די דאָזיקע ערטער.

די ערשטע ליבע

צו דער באַשריבענער צייט האָב איך איבערגעלעבט מיין ערשטע, און „ריינע" ליבע.

שבת אין דערפרי, נאָכן אָפּטרינקען די שבתדיקע ציקאָריע „פּאַרוויסט" מיט רויטער מילך, וואָס האָט זיך געפּאַרעט אין טשאָלנט־אויוון אַ גאַנצע נאַכט, פלעגן מיר, עלטערע לערן־ייִנגלעך און יונגע געזעלן פון די נאָענטע הויפן אַרויסלאָזן זיך אויף די גאַסן „אוכאַ־זשעוון" נאָך די מיידלעך פון אונזער געגנט. אין אַלגעמיין זענען מיר קיין צו־גרויסע גאַלאַנטע קאַוואַלערן צו די מיידלעך, ווען מיר האָבן געוואָלט געווינען, נישט געווען. אונזער אופן פון פלירט איז געווען אַ געבוג האַמעטנער: מיר פלעגן די „באַרישינעס" וואָס פלעגן אונז פאַרבייגיין כלומרשט „אונטערשטעלן אַ פיסל", מיט געמאַכטער אומשולדיקייט פאַרשטעלן זיי דעם וועג, ווי דאָס וואָלט געווען דורך אַ צופאַל, אָדער צוואַרפן אַ באַמערקונג וואָס האָט כלומרשט גאָר קיין שייכות נישט צו זיי, אָבער די כוונה פון וועלכן די מיידלעך האָבן זייער גוט פאַרשטאַנען. אַזעלכע און ענלעכע אומ־געלומפּערטע שטיפעריען פון יונגע בחורים, וועלכע זענען אומגע־שיקט אין שליסן באַקאַנטשאַפט מיט יונגע מיידלעך, פלעגן מיר באַנוצן. צווישן אונז האָט זיך אָבער געפונען איינער, וועלכער איז געווען גאָר אַ גרויסער מאַדים אין פאַנגען די יינגע הערצלעך פון די מיידלעך. גערופן האָט מען אים אייזערקע, אָבער מיר האָבן אים גערופן פאַרקירצט — אייזקע. אייזקע איז פון פאַך געווען אַ בערשטל־מאַכער. אַלס קינד פלעגט די מאַמע זיינע — אַ „טיקערין" אין דער ווייבערשער מקווה, מיטנעמען אים מיט זיך, כדי די יינגע ווייבלעך, וואָס זענען פאַרגאַנגען אין טראָגן, זאָלן קוקן אויף זיין שיין פּנימל, וואָס איז געווען פאַררעכנט ווי אַ סגולה צו האָבן שיינע קינדער.

דאָס איז געווען אַ קליין־געוויקסיק בחורל, מיט אַ רונד פּנימל, מיט פאַרפּלאַמטע בעקלעך, מיט פלינקע אויגעלעך, וואָס פלעגן דערזען אַ מיידל פאַר אַ מייל. שטענדיק גרייט מיט אַ קאָמפּלימענט, מיט אַ

וויץ כדי צו געפעלן, האָט ער נישט פאַרביינעלאָזט קיין מיידל ער זאָל נישט פאַרטשעפּן מיט א ווערטל — אָפט א גענוג חוצפּהדיק. דאָס האָט אים אָבער נישט געשטערט צו האָבן ביי די מיידלעך דער־פאָלג; בפרט אז צו יעדער צייט האָט זיך ביי אים אין קעשענע געפונען גענוג קליינגעלט צו „אונאָסטשאיען״ (מכבד־זיין) זיינע „באַרישנעס״ מיט זעלצער־וואַסער, מיט סיעמעטשקעס, פּיראָזשנעס און אַנדערע זיסקייטן, וואָס מיידלעך אין די יינגע יאָרן האָבן אַזוי ליב. מיר אַלע האָבן שטאַרק מקנא געווען זיין געשיקטקייט און דערפאָלג. טאַמער האָט אימעצער פון אונז פּרובירט אים נאָכמאַכן, אָפּלערנען זיינע צוגענג צו די מיידלעך, האָט זיך עס באַקומען אַזוי „ליאַפּאָוואַטע״, אַז עס איז געווען ממש פאַרצווייפלט צו ווערן: די מיידלעך פלעגן אַזוי ווי נישט דערהערן אונזערע קאָמפּלימענטן, אונזערע גאַלאַנטע פאָרשלאָגן צו שליסן באַקאַנטשאַפט. זיי פלעגן אונז פאַרבייגיין מיט עפּעס אַזעלכע גלייכגילטיקע, שטרענגע פּנימלעך, אונז אָפּמעסטן מיט אַזעלכע קאַלטע, שטאָלצע בליקן, פון וועלכע עס פלעגט אונז ווערן קאַלעמוטנע און מיר פלעגן נאָך פאַרלעגן שמייכלען אויף אונ־זער אומגעשיקטקייט, אויף אונזער דורכפאַל.

נישט געקוקט אויף זייער אומצופרידנקייט מיט אונז, פלעגן די מיידלעך פונדעסטוועגן זייער ווייט פון אונז נישט־אַוועקגיין: זיי פלעגן זיך גיך אומקערן אין זייער שפּאַציר־גאַנג איבער דעם מיט זאַמד באַשאָטענעם טראָטואַר. דעמאָלט איז שוין קונציק אַרויסגעטרעטן אייזקע מיט זיין באַזונדער זייטיק גענגל, מיט די דראָבנע טריטעלעך, אין וועלכע עס האָט זיך געפילט א ים מיט בחורשער עלעגאַנץ. צוערשט האָט ער א צי געטאָן דאָס היטעלע מיטן גלאַנציקן דאַשעק (קאָזיראָק) און זיך געגעבן עפּעס אַזא מאָדנעם נייג מיט אַזויפיל צוגעלאָזנקייט און ליבלעכקייט, אַז א באַהאַלטענער שמייכל פלעגט זיך אַזש צעגיסן איבער די פאַררויטלטע פּנימלעך פון די מיידלעך. דאָס אייז איז שוין געווען געבראָכן... און דאַן האָט זיך שוין אייזקע מיט זיכערקייט געלאָזט נאָך די מיידלעך, מיט רעספּעקט אָפּגערוקט א האַלבן טריט צוריק און אריינגערעדט אין זיי איין גאָט אין הימל האָט געוואוסט וועלכע זיסע ווערטער, וועלכע אָנגענעמע קאָמפּלימענטן און די באַקאַנטשאַפט איז שוין געווען געשלאָסן. פון ווייטן האָט מען שוין געזען, ווי די מיידלעך קנייטשן זיך און בייגן זיך איינע צו די אַנדערע פון געלעכטער, ווי זיי פאַרלאַנגזאַמען זייערע טריט און ווי פון צייט צו צייט ווענדעט זיך אַמאָל איין מיידל, אַמאָל א צווייטע

צו אייזקען, וואַרשיינלעך מיט אַ טיפּזיניקער פראַגע... און אייזקע שפּרינגט אונטער אַמאָל צו איינער, אַמאָל צו אַ צווייטער „באַרי־שנע" (פרייילין), בלייבט נישט שולדיק קיין ענטפער, לאָזט זיך נישט אָראָפּשלאָגן פון אַ שפּיציק חוזק־וואָרט און דער זיג איז אַ פולשטענ־דיקער אויף אַלע פּאָזיציעס.

אייזקע קערט זיך אום צו אונז פון „שלאַכט־פעלד" אַ צעוואַ־רעמטער, מיט נאָך מער פאַרפלאַמטע בעקלעך, גרויסט זיך מיט זיין בריהשקייט און לאָזט אונז וויסן, אַז ער האָט אָפּגערעדט מיט די מיידלעך זיך צו טרעפן אין אָוונט, כדי ער זאָל קענען אויך אונז, זיינע קאָלעגן, מיט זיי באַקענען.

צווישן אָט די באַקאַנטע מיידלעך האָט זיך געפונען איינע, אַ מיידל מיטן נאָמען ליזע, אויף וועמען חברה האָט געוואוסט צו דערציילן, אַז זי קושט זיך מיט אייזקען. אייזקע האָט נישט געלייקנט, נאָר מיט גרויס גאווה פאַרשייט געשמייכלט, ווען אימעצער האָט געוואָלט פון אים אַרויסבאַקומען דעם אמת.

ליזע, אָדער לייקע, ווי טאַטע־מאַמע האָבן זי גערופן, איז געווען אין אונזערע יאָרן; זי האָט געאַרבעט אין אַ גאַלאַנטעריי־געשעפט ווי אַ שיק־מיידל, וואָס איז געווען פאַררעכנט פאַר אַן „אינטעליגענטע" פּראָפעסיע. אַ שוואַרץ־חנעוודיקע, מיט אַן אָריגינעל, אָבער ווייניק לעבעדיק געזיכט. ווי מיר דוכט, איז זי אויך געווען אַביסל אַ שעמעוו־דיקע און צוריקגעהאַלטענע, אַזוי ווי איך. געוואוינט האָט זי ביי אירע עלטערן מיט מיר אויף איין הויף.

דערמוטיקט פון די סודותדיקע געשפּרעכן וועגן איר קושן זיך מיט אייזקען און פון דעם וואָס מיר וואוינען אויף איין הויף, האָב איך באַשלאָסן צו פּרובירן מזל און זיך מיט איר נענטער באַקענען. צוליב מיין נישט־געשיקטקייט איז דאָס אָבער צוגעגאַנגען נישט אַזוי גלאַטיק. נישט איין אַנטוישונג געהאַט, נישט איין אומזיסט האַרץ־קלאַפּן איבערגעלעבט, נישט איין פּעסטן באַשלוס אָנגענומען צו זיין דרייסט און אונטערנעמעריש, נישט איין שעה געשטאַנען און גע־וואַרט, כדי זי „צופעליק" צו טרעפן — מיט איין וואָרט, איך האָב דורכגעמאַכט אַלע פיינלעכע איבערלעבונגען וואָס אַ בחור אין מיינע יאָרן קומט אוים דורכצומאַכן. דער גוטער מלאך פון יונגע מענטשן האָט אָבער פאָרט אויף אונז רחמנות געהאַט און אונזער נאָענטקייט איז, איין גאָט אין הימל ווייסט ווי אַזוי און דורך וועלכע וועגן, פאָרט געשלאָסן געוואָרן.

נאָענט געוואָרן מיט אַ מיידל פון אַזאַ „אינטעליגענטנער" פּראָ־פעסיע איז, ווי אַזוי רעדט מען נישט מיט איר אויף דער אינטעלי־גענטישער שפּראַך — אויף רוסיש?... צו מיין בזיון און ווייטיק בין איך דעמאָלט נאָך געווען אַ היפּש ביסל שטומפּיק אין דער דאָ־זיקער שפּראַך. אינגאַנצן אַרויסווייזן מיין עם־הארצות אין דער רוסי־שער שפּראַך, וואָלט שוין געווען גאָר אַ גרויסער דורכפאַל. דעריבער פלעג איך ביים טרעפן זיך מיט איר, ביים אַראָפּציען צום גרוס דאָס היטל, באַגריסן זיך מיט איר אויף רוסיש. די באַגריסונג פלעגט אַרויסגעזאָגט ווערן נישט „זדראַווסטוואַוטע", אַזוי ווי מען דאַרף דאָס אין דער רוסישער שפּראַך אַרויסרעדן, נאָר — „דראַסטיע". דאָס האָט געזאָלט קלינגען עפּעס שענער, אינטעליגענטער... אַגב איז טאַקע אַזוי געווען פאַר מיין ליטוויש־יידישער צונג גרינגער אַרויס־צורעדן.

אַרויסגעוויזן אַזאַ גרויסע „קענטעניש" אין דער רוסישער שפּראַך, האָט שוין דער ווייטערדיקער געשפּרעך געקאָנט מיט דער־פּאָלג אָנגיין אין „פּראָסטן" מאַמע־לשון. אָבער גראַד ביים ווייטער־דיקן געשפּרעך פלעג איך זיך הילפלאָז פאַרהאַקן. אַלע צוגעגרייטע איידעלע ווערטער פלעגן, ווי פריי פייגל, אַרויספליען פון געדאַנק און פאַרשטאַרט ווערן אויף מיינע פאַרטריקנטע ליפּן.

אין מיין צערודערטן צושטאַנד פון דער נאָענטקייט מיטן מיידל, האָב איך זייער שטאַרק געליטן פון דעם וואָס איך קאָן נישט אָנקניפּן אַן „אינטערעסאַנטן" געשפּרעך מיט איר. דער פאַרדרוס אויף זיך איז ביי מיר געווען נאָך מער דערפאַר וואָס צווישן יינגלעך בין איך געווען גאָר נישט אַזאַ נעבעכל. אין מיין קרייז פון יונגע בחורים בין איך געווען אַ חברה־מאַן מיט אַ שאַרפער צונג, מיט אַ וויץ פול מיט שפּאַט־ווערטער און שטעכיקער איראָניע. אין יינגעלשער אונ־טערנעמונג, אין געשלעגן בין איך אַלעמאָל געווען דער אָנפירער; בעתן שפּילן אין „פּאַזשאַרניקעס" (פייער־לעשער) שטענדיק געווען דער „בראַנד־מייסטער", וואָס האָט געגעבן באַפעלן מיט קולות ביזן הימל. זייטיקע מענטשן פלעגן זיך אָפּשטעלן צוקוקן מיט וואָס פאַר אַ ברען, מיט וואָס פאַר אַ היץ איך האָב דאָס פאַר אַלעמען אין די אויגן געקאָמאַנדעוועט. די מאַמע מיינע — אַ פרוי מיט נישט קיין דורכ־שניטלעכן שכל — פלעגט אויף מיינע קולות אַרויסרוקן דעם קאָפּ פון פענצטער און מיט אומרו אַרויסרעדן: „גאָט ווייסט וואָס פון

דעם „ווײזליק" (אַ קליין לעבעדיק־באַוועגלעך קינד) וועט אַרויס־קומען?!"... פאַר אַלעמען אין די אויגן האָב איך געקאָנט גענוג דרייסט און בייסיק אָפּלאַכן אַפילו פון די מיידלעך — פון זייערע שוואַכקייטן און מיידלשע קאַפּריזן. אָבער אויג־אויף־אויג מיט מיין מיידל בין איך געווען נעבעכדיק אומבאַהאָלפן, נישט געקאָנט „קיין צוויי ציילן".

עפּעס זאָגן האָט מען אָבער געמוזט, ווייל מיר גייען שוין אַ היפּש שטיקל וועג אין פאַרלעגנהייט און שווערן שווייגן. פלעג איך אַרויס־שיסן עפּעס אַן אומגעלומפּערטע פראַזע און ווייטער, ווי אַ שטאַמלער, זיך פאַרהאַקן אויף לאַנגע, פיינלעכע מינוטן.

עס איז מיר שווער איצט צו דערמאָנען זיך מיינע דעמאָלטיקע געשפּרעכן מיט דעם דאָזיקן מיידל. זיי ליגן דאָך אָפּגערוקט אויף אַ קימאַ־לן פון שוין באַלד פינף צענטליק יאָר. איך געדענק, אָבער, אַז זיי זענען געווען גענוג האַמעטנע און פיינלעך אומבאַהאָלפן.

נאָר ווי עס ווייזט אויס, האָבן מיר זיך פאַרשטענדיקט אויף דער געהיימער, וואונדערבאַרער שפּראַך פון יינגע הערצער, וואָס דאַרפן נישט קיין סך ווערטער אויסצודריקן די געפילן פון קעגנזייטיקער סימפּאַטיע און באַגער. אונזערע באַגעגענישן זענען געוואָרן וואָס אַמאָל עפּטער, אינטימער און סודותדיקער. און הגם איך האָב נישט איין מאָל באַשלאָסן צו גיין אין אייזקעס דרכים... האָב איך דאָך נישט גע־וואַגט זי צו קושן, נאָר אונזערע פעסט־צוזאַמענגעפלאָכטענע פינגער פון די מיד אַראָפּהענגענדיקע הענט האָבן אויסגעדריקט אונזער יינגע ליידנשאַפט אין פאַרלויף פון די לאַנגע אָוונט־שעהן, ווען מיר פלעגן שפּאַצירן אויסבאַהאַלטן פון אַ פרעמד אויג.

עס האָט מיך זייער שטאַרק געצויגן צום דאָזיקן מיידל. איך פלעג קוים זיך דערוואַרטן די מינוט איך זאָל קענען אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם אַרבעט־פאַרטוך און לויפן, אָן אָטעם, אַהיים כדי זיך אַרומצוואַשן, פאַרקעמען אין איילעניש די האָר אויף אַ „יאַזשיק" און טרייסלען זיך פון שרעק טאָמער וועל איך פאַרשפּעטיקן די אָפּ־גערעדטע צייט זיך מיט איר צו טרעפן. אָבער אַלעמאָל בין איך גע־קומען אַ שטיק פאַר דער באַשטימטער צייט און מיט אינערלעכן פיבער פלעג איך וואַרטן אויפן אָפּגערעדטן אָרט, הגם איך האָב געוואוסט, אַז אַזוי פרי האָט זי נאָך נישט געקאָנט קומען.

עס האָט געשיינט, אַז אין מיר איז פאַר דעם דאָזיקן מיידל גע־וואַקסן אַ געפיל, פאַר וועלכן איך האָב נאָך נישט געהאַט קיין נאָמען.

מיט דעם דאַזיקן געפיל איז אָבער געווען דורכגעדרונגען מיין גאַנץ וועזן, אַלע מיינע חושים. און טאָמער האָב איך זי עטלעכע טעג נישט געקאָנט זען, בין איך געווען ממש קראַנק און גייסטיק צעבראָכן.

אין דער צווישנצייט איז אָבער פאָרגעקומען א גייסטיקער איבערבּרוך אין מיין לעבן, וואָס האָט איבערגעהאַקט דעם אָנגעצייכנטן גאַנג פון א בעל־מלאכה־יינגל ביי אָרעמע עלטערן און פאַרקירעוועט מיין שיקזאַל אויף נייע, ביז יענער צייט נישט באַוואוסטע, געהיימניספולע וועגן: אויף די וועגן, אויף וועלכע עס זענען אַרויף די אָרעמסטע קינדער פון יידישן פאָלק און האָבן אין זייערע ווייטערדיקע יאָרן אויסגעטראָטן דעם ברייטן שלאַך פון זיין מאָדערנעם לעבן פאַר די שפּעטערדיקע דורות — איך בין געוואָרן א סאָציאַליסט! ווען מען זאָגט איצט, אַז אימעצער איז געוואָרן א סאָציאַליסט, שטעלט מען זיך געוויינלעך פאָר די אַנטוויקלונג פון א מענטשן, וועלכער האָט אין גאַנג פון זיין לעבן זיך צוגעהערט, צוגעקוקט צו דער לערע און טאַקטיק פון פאַרשידענע פּאַרטייען, געלייענט זייער פּרעסע און באַשלאָסן צו באַקערן זיך צו דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, דורך וועלכער ער קאָן אַמבּעסטן באַפרידיקן זיינע פאַרלאַנגען, האָפענונגען און שטרעבונגען.

גאַנץ אַנדערש איז דאָס אָבער פאָרגעקומען מיט אונזער דור אין יענעם ווייטן עבר פון אונזער גייסטיקן באַגינען: סיי די באַגריפן פון דער מאָדערנער אַרבעטער־באַוועגונג, סיי דאָס וואָרט — סאָציאַליזם גופא איז אונז געווען נישט באַוואוסט. מיר האָבן אָבער אין זיך איינגעזאַפּט דעם הויך־מאָראַלישן אינהאַלט פון א לערע, וועגן וועלכער מיר האָבן ביז יענער צייט נישט געהערט. מיר האָבן אין איר געפונען א טיפן, מענטשלעכן יושר נישט נאָר פאַר זיך, נאָר אויך פאַר אַלע אונטערדריקטע, געיאָגטע און פאַרפאָלגטע.

ביי די מער־פילבאַרע נאַטורן פון אונז איז די דאָזיקע לערע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א רעליגיע, צו וועלכער מיר האָבן זיך איבערגעגעבן מיט דער גאַנצער נשמה, מיט דער גאַנצער הייליקייט. א סך באַגריפן, אינטערעסן, פאַרלאַנגען פון פריער זענען געוואָרן וואָכעדיק, נישטיק און אומווירדיק. אָנשטאָט זיך צו טרעפן מיטן מיידל, האָב איך אין די פאַרנאַכטן אָנגעהויבן באַזוכן דעם אַלטן בולוואַר (די בירזשע פון דער בונדישער באַוועגונג), כּדי אין זיינע ברייטע אַלייען, אונטער די סודותדיקע שאָטנס פון די געדיכטע קאַשטאַנען־ביימער צו הערן נאָך מער סודותדיקע ווערטער וועגן א גערעכטער וועלט,

וואָס איך — דאָס לערן־יינגל פון אָרעמע עלטערן — דאַרף העלפן אויפבויען. איך האָב מיך דאָרטן דערוואוסט, אַז אויף מיר און נאָך אַזעלכע ווי איך האַלט זיך די וועלט מיט איר רייכקייט און שיינקייט, פון וועלכע עס געניסן נאָר די, וואָס אַרבעטן נישט.

דאָס געפיל וואָס האָט מיך פריער אַרומגענומען ביים טרעפן זיך מיטן מיידל, איז מיר געוואָרן עפּעס אַזוי וואָכעדיק, נישטיק לגבי דער גרויסער און הייליקער אויפגאַבע, וואָס איך האָב אויף זיך גענומען. און איך האָב די אויפגאַבע געפילט מיט אַלע פיבערן פון מיין האַרץ. עס איז נישט געבליבן קיין פּלאַץ פאַר יענע, ווי מיר האָט זיך געדוכט, ערדיש־זינדיקע געפילן.

צו מיין אומבאַהאָלפנקייט אין די געשפּרעכן מיט מיין מיידל איז איצט צוגעקומען אַ געפיל פון בזיון און חרטה. אונזערע באַגעגענישן זענען געוואָרן וואָס אַ מאָל זעלטענער און אַנגעצויגענער. צוליב דעם וואָס מיר האָבן געוואוינט אויף איין הויף האָב איך זי אינגאַנצן אויסמיידן נישט געקאָנט. פלעג איך ביי אַ צופעליקער באַגעגעניש זי גריסן דורך אַ קאַלטן שאָקל מיטן קאָפּ. דערביי פלעגט מיר זיין זייער שווער אויסצוהאַלטן איר שטום פרעגנדיקן בליק, אין וועלכן, ווי מיר האָט זיך געדוכט, איז געלעגן אַזויפיל ווייטיקדיקער פאַרוואורף. עס האָבן מיך דערביי געפּייניקט ערדישע באַגערן, וואָס איך האָב אין זיך באַקעמפט מיטן כּוח פון אַ פרייוויליקן אַסקעט. מיין שולד־געפיל לגבי איר איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז איך האָב פון פאַר־לעגנהייט אינגאַנצן אויפגעהערט זיך צו גריסן, פונקט ווי איך וואָלט זי גאָר קיינמאָל נישט געקאָנט, אָדער ווי זי וואָלט מיר געטאָן די בלוט־טיקסטע עוולה.

מיין ערשטע „ליבע” איז אַזוי אַרום געוואָרן דער ערשטער קרבן אויפן מזבח פון מיין נייעם גלויבן.

איך ווער אַ „באַקאַנטער"

געוואָרן אַ זעלבסטשטענדיקער אַרבעטער מיט אַ הויכן פאַר־דינסט, האָב איך מיך דערפילט חשובער ביי זיך אַליין. איך האָב געהאָפט, אַז די עלטערע אַרבעטער וועלן מיך אַריינציען אין זייערע קרייזן, פאַרטרויען זייערע סודות, מיט וועלכע עס זענען דאָן געווען אָנגעפילט די וואַרשטאַטן פון כּמעט אַלע פאַכן.

די אַרבעטער האָבן אָבער זיך נישט געאיילט. געווען, לויט מיין דעמאָלטיקער מיינונג, אַכזריותדיק. דאָס האָט שווער אָנגעגריפן מיין אייגנליבע און געקרענקט מיך ביז גאָר. פונדעסטוועגן האָב איך נישט אויפגעהערט צו זוכן זייער צוטרוי — געוואָלט געפעלן ווערן, מיט עפּעס אויסנעמען. די געוואונטשטע דערנעענטערונג איז אָבער אַלץ נישט געקומען. לאַנג זיך אַזוי געמאַטערט, האָב איך ענדלעך באַשלאָסן אָנהייבן, נישט־געבעטענערהייט, באַזוכן דעם אַלטן בולוואַר — דער טרעף־פּונקט (די בירזשע) פון די אָרגאַניזירטע אַרבעטער.

דער בולוואַר האָט זיך געפונען אין צענטער פון שטאָט: אַ קוואַדראַטער גאָרטן אַרומגעצוימט מיט נידעריקע, גרין־געפאַרבטע, הילצערנע שטאַכעטן, מיט ברייטע אַלייען פון די זייטן און אָן אַ שיעור געפּלאָנטערטע, שמאָלע ווענלעך אינמיטן, איז ער געווען דאָס צירונג פון שטאָט שוין פון לאַנגע יאָרן.

שבת נאָכמיטאָג פלעגן זיך דאָ טרעפן די שטאָטישע פראַנטן מיט זייערע „באַרישנעס"; גימנאַזיסטן פלעגן דאָ נאָכלויפן יונגע מיידלעך און פאַרפירן באַקאַנטשאַפט מיט דער הילף פון איינגע־חזרטע קאָמפּלימענטן. חתנים פון די ווייטע, זאַמדיקע „פּלעצער" — פון אָרעמען טייל שטאָט, פלעגן דאָ מאַכן זייער טראַדיציאָנעלן שפּאַ־ציר מיט זייערע כּלות, וועלכע זענען געקומען אויסגעפּוצט לויט דער „לעצטער מאָדע". איינגעשנורעוועטע אין די דעמאָלטיקע שטייפע קאָרסעטן, אויסגעבעט און אַרומגעלייגט מיט די ווייכע טורניורן (אַזוינע קישעלעך) אויף די היפטן, פלעגן זיי מיט די לאַנגע שלעפּעס פון די קליידער אויפהייבן אַ געוואַלדיקן שטויב אויפן צעריבענעם זשוויר. שטאָלצע, ווי די פּאַווען, האָבן זיי געשטעלט געמאָסטענע

טריט, לויטן עטיקעט, ווי עס איז דאָן געווען אָנגענומען, און מיט זייטיקע בליקן באַקוקן — ווער מיט קנאה, ווער מיט ביטול־קריטיק — דעם „פּאַסאַן״ פון די שבתדיקע קליידער איינע ביי דער צווייטער. זונטיק און אַנדערע קריסטלעכע חגאות איז דער אַלטער בולוואַר געווען איבערגעפולט מיט די „סטאַראָוויערעס״, וועלכע פלעגן קומען פון „גריווע״ (צווייטע זייט טייך) אין זייערע לאַנגע, רייכע פוטערס, מיט זייערע געשטופּלטע, הויכע ווייבער און כלות אין סאַמעטענע מאַנטלען.

אָט דאָס אָרט האָט די באַוועגונג אויסגעקליבן אַלס טרעף־פּונקט אין די אָוונטן אויף צו פירן אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע צווישן די יידישע אַרבעטער.

די באַוועגונג האָט זיך שוין דאַן געהאַט צעוואַקסן, און איר איז, אפנים, געוואָרן ענג אין די קליינע צימערלעך און בוידעם־שטיבלעך, וואו עס האָבן זיך געפירט די ערשטע פּראָפּאַגאַנדע־קרייזלעך פון דער יונגער באַוועגונג. נאַכט־איין, נאַכט־אויס פלעגן דעריבער הונ־דערטער און הונדערטער יונגע און עלטערע אַרבעטער, גלייך פון וואַרשטאַט, לאָזן זיך צום אַלטן בולוואַר, וואו זיי האָבן געשלונגען די נייע ווערטער און אויסטערלישע באַגריפן וועגן דער וועלט און איר סדר, וועגן גאָט און זיינע הימלען, וועגן די רייכע און זייער קייסער, וועגן אייניקייט און „באָרבאַ״ (קאַמף).

אין די גאַסן איז נאָך גאַנץ ליכטיק, אָבער די ברייטע אַלייען פון אַלטן בולוואַר זענען שוין איינגעהילט אין טיפע שאָטנס. די גע־דיכטע צווייגן פון די קאַשטאַן־ביימער פון ביידע זייטן אַלייע זענען אַריינגעוואַקסן איינע אין די אַנדערע, און בילדן אַ טונקעלן בלעטער־דאַך, וועלכער העננט נידעריק אַראָפּ איבער די קורצע שטאַמען פון די ביימער. וואו־נישט־וואו שיינט דורך אַ בלויער הימל־פלעק, פון וואָס דער זשוויר (קליינע זאַמד־שטיינדלעך) פון דער אַלייע ווערט באַדעקט מיט אַ פאַנטאַסטישן שלייער פון ליכט און שאָטן.

אַרבעטער און אַרבעטערינס גייען הין און צוריק, געאָרעמט צו צוויי, צו דריי, און פירן צווישן זיך, מיט ערנסטע פּנימער, פּאַרטרוי־לעכע געשפּרעכן. פון צייט צו צייט באַווייזט זיך אַמאָל דאָ, אַמאָל דאָרט עפּעס אַן איינזאַם שפּאַצירנדיקער. ער גיט אַ געהיימניספולן וואונק צו איינעם פון די אַרבעטער און ווערט מיט אים פאַרשוואונדן אין די פינצטערע, געדרייטע, שמאָלע שטעגלעך. עס געדויערט אַ רגע,

און דער אַרבעטער באַווייזט זיך צוריק, און אַ צווייטער לאָזט זיך אין דער זעלבער ריכטונג מיט דער זעלבער פּאַרטרוילעכקייט אויפן פּנים, ווי דער ערשטער. דאָס פּאַרטיילט דער ביבליאָטעקאַר די ליטע־ראַטור און נעמט אָפּ די אויסגעליִענטע ביכלעך, וואָס זענען פּאַר־טיילט געוואָרן מיט עטלעכע טעג פריער.

מיר, אַ גרופּע יונגע אַרבעטער, פלעגן אָוונט־ביי־אָוונט קומען אויף דער בירזשע, זיך אַרומדרייען אָן אַ באַשטימטן ציל, און מיט קנאה זיך צוקוקן צו די געהיימע וואונקען און פאַרטרוילעכע שמועסן פון די אַגיטאַטאָרן מיט די עלטערע אַרבעטער און אַרבעטערינס. אין האַרצן האָט גענאָגט אַן אומבאַשטימט, ווייטאָגדיק געפיל פון מורא און באַגער — אַ באַגער צו באַקומען צוטרוי און אַ מורא, אַז דער דאָזיקער צוטרוי קען דיך אַריינפירן אין אַזעלכע אויסטערלישע וועלטן, פון וועלכע דו האָסט קיינמאָל נישט געהערט און נישט געחלומט.

יעדעס מאָל, ווען עס פלעגט פאַרבייגיין ווער פון די עלטערע און שוין דאַן באַוואוסטע סטאָליער־אַרבעטער, האָט מיר פּאַרפעלט אָטעם. פאַרמאַטערט פון טאָג אַרבעט און פון אַרומדרייען זיך אויף דער „בירזשע", פלעג איך טיילמאָל זיך צוזעצן אויף אַ באַנק און אַריינפאַלן אין אַ האַלב־דרימל. דער גערויש פון די שאַרנדיקע טריט פון די שפּאַצירנדיקע איבער די קליינע שטיינדלעך, דער געפּליסטער פון זייערע שטילע געשפּרעכן פלעגט מיר אָפּהילכן דורכן דרימל, ווי אַ ווייטער עכאָ, און צייטנווייז אָניאָגן אויף מיר אַ סומנע איינ־זאַמקייט. איך פלעג דאַן אָוועקגיין אהיים אַ פאַרטרויערטער, אַ דער־שלאָגענער, מיט אַ שטילן ווייטיק און נאָגנדיקער בענקשאַפט אין האַרצן.

איינמאָל, זיצנדיק אַזוי אויף אַ באַנק צוזאַמען מיט נאָך יונגע סטאָליער־אַרבעטער, האָב איך דערפילט אויף מיין אָרעם אַ ברייטע, וואַרעמע האַנט. איך האָב מיך האַסטיק אַ קער געטאָן און דערזען פאַר זיך די פייערדיקע אויגן פון י אָ ש ק ע ו ו י ט ע ב ס ק ע ר.

יאָשקע וויטעבסקער איז אויך געווען אַ סטאָליער. דאָס איז געווען אַ ברייט־פּלייציקער בחור פון מיטעלן וואוקס, מיט שוואַרצע, פייער־דיקע אויגן, מיט אַן אָפּגעבריִנט ברייט געזיכט און צעפּאַטלטע פעך־שוואַרצע גלאַנציקע האָר. אין יענע צייטן איז אַ קוואַליפיצירטער אַרבעטער געווען זייער חשוב, סיי ביי די אַרבעטער גופא, סיי ביי די מייסטערס, און איבערהויפּט ביי די יונגע אַרבעטער און לערן־יינגלעך. די יונגע אַרבעטער פלעגן זיך מיען נאָכמאַכן זיין גאַנג, איבערנעמען

זיינע זיטן, דאָס לשון: מיט איין וואָרט — וועלן זיין ענלעך אויף דעם גוטן באַלמעלאָכע אויך מיט דער אויסערלעכקייט.

יאַשקע וויטעבסקער איז אָבער געווען גאָר אַ קליינער קינסטלער אין זיין פאַך. מיר, יונגוואַרג, האָבן געהאַט נענוג אַנעקדאָטן זיך אָנצו־דערציילן וועגן זיין „קונסט". און פונדעסטוועגן איז יאַשקע וויטעב־סקער געווען דער אידעאַל נישט נאָר פון יונגן דור, נאָר אויך פון די דערוואַקסענע אַרבעטער.

יאַשקע איז געגאַנגען זייער אָרעם און שמוציק אָנגעטאָן. שטענ־דיק מיט אַרומגעקלאַפּטע און אויסגעריבענע הויזן־ברעגעס, נישט קיין פאַרקעמטער און שלעכט־ראַזירטער. שטענדיק — אין דער שוואַרצער סאַטינענער בלוזע איבער די הויזן און אַרומגעגאַרטלט מיט אַ געפלאָכטענעם קוטאַס (שנור), דעם קאָלנער צעשפּילעט און גראָ פון פעטס און שטויב. פאַרלאָזן זיך צעפּאַטלטע האָר, אַזוי ווי יאַשקע, האָט נישט יעדער געקאָנט, אָבער אָנטאָן אַ סאַטינענע בלוזע איבער די הויזן, גיין אָפּגעלאָזן — איז געווען נישט פון די שווערע זאַכן...

באַזונדערס האָט מען זיך באַמיט איבערנעמען יאַשקע וויטעב־סקערס שפּראַך, וואָס איז געווען דורכגעפלאָכטן מיט רוסישע און רו־סיש־פאַריידישטע ווערטער און פראַזן. די דאָזיקע שפּראַך האָט אויך געזאָלט זיין אַ סימן פון געבילדעטקייט, פון אויפגעקלערטקייט. פלעגט מען טאַקע צווישן איין פראַזע און דער צווייטער אַריינבראָקן די רוסישע ווערטער „טאַק טשטאָ", „טאַקים אָבראַזאָם" און ענלעכע ווערטער, וואָס האָבן גאָרנישט אויפגעקלערט און גאָרנישט צוגעגעבן צו דעם וואָס מען האָט געוואָלט זאָגן. דאָס איז דאָך אָבער געווען יאַשקעס לשון!

יאַשקע איז געווען אַ פלאַמיקער אַגיטאַטאָר. מיט זיין הייסן טעמפּעראַמענט האָט ער אָנגעצונדן יעדן, מיט וועמען ער האָט נאָר פאַרפירט אַ שמועס. אויך איך בין פאַרכאַפּט געוואָרן פון זיין הייסן אָטעם, הגם איך האָב גאָרנישט פאַרשטאַנען פון דעם, וואָס ער האָט צו מיר גערעדט. איך בין געווען באַרוישט און צעטומלט פון דעם פאַקט גופא, וואָס יאַשקע אַליין האָט מיך געפירט אונטערן האַנט און אין מיר אַריינגערעדט.

מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם האָב איך מעכאַניש אָנגעהאַלטן זיינע ברייטע שפּרייזן און זיך צוגעהערט צום גיכן קלאַפּן פון מיין האַרץ. אַזוי האָט ער מיך אַרומגעפירט עטלעכע מאָל איבער די שמאָלע

וועגן פון אַלטן בולוואַר און איבערגעגעבן מיך צו אַ צווייטן אַגיטאַ־טאָר, דער צווייטער — צו אַ דריטן, ביז איינער פון זיי האָט מיר אַריינגערוקט אַ קליין ביכעלע מיט ווייכע טאָוועלעך. שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז דאָס איבערגיין פון איין אַגיטאַטאָר צו אַ צווייטן — איז געווען אַ מעטאָדע אַזאַ, כּדי אַ גרעסערע צאָל אַגיטאַ־טאָרן זאָלן קענען אַרויסזאָגן זייער איינדרוק וועגן דעם ניי־וועראַבירטן.

דעם אמת געזאָגט, ווייס איך נישט, וואָס פאַרא מיינונג זיי האָבן וועגן מיר געקאָנט זיך אויסאַרבעטן. איך האָב די גאַנצע צייט קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט, ווייל איך האָב פון געוואָלדיקער אָנשטרענגונג פאַרשטאַנען נאָר אַ צענט וואָרט פון די נייע אומפאַרשטענד־לעכע ווערטער, וואָס מען האָט צו מיר גערעדט. אָבער וואַרשיינלעך זענען אין יענער צייט, בעת עס איז געבוירן געוואָרן צווישן די יידישע אַרבעטער אַ נייער גלויבן, געווען אַזעלכע געהיימע קוואַלן פון איג־טואיציע, אַזעלכע נישט־זעבאַרע שטראַלן, מיט וועלכע דער דער־פאַרענער אַגיטאַטאָר האָט געקאָנט אַריינקוקן טיף אין דער נשמה פון יעדן איינעם, וואָס האָט געלעכצט צו באַקערן זיך צו דעם דאָזיקן נייעם גלויבן פון די דערנידעריקטע און עקספּלואַטירטע.

עס האָט שוין געמוזט זיין געגנוג שפּעט ווען איך בין מיט אַן איבערפולט האַרץ געלאָפן, ווי געטריבן פון ווינט, דורך די פוסטע גאַסן פון דער שטאָט צו זיך אַהיים. שווער מיר איצט, אין מיין איצטיקן עלטער, איבערצוגעבן די געפילן פון אַן 18־יאָריק יינגל, געבוירן ביי אָרעמע טאַטע־מאַמע, וואָס האָט אין יענער נאַכט פון דער העראָאיש־ראָמאַנטישער תּקופה מיטאַמאָל פאַרשטאַנען (מער גע־גלויבט, ווי פאַרשטאַנען), אַז אויך אים און אַזעלכע ווי ער האַלט זיך די וועלט.

פון יענער צייט זענען שוין פאַרלאָפן יאָרן און יאָרן — יאָרן פון טיפע איבערלעבונגען, יאָרן פון אַנטוישונגען, יאָרן פון אויפשטייג און פאַלן, יאָרן וואָס האָבן זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון מיט זייערע שאַרפע קאַנטן און שפּיצן — סיי פון פרייד, סיי פון צער און פּיין. אָבער קיינער פון זיי וועט קיינמאָל נישט אויסמעקן, נישט אָפּווישן יענעם דערהויבענעם, פרייליקן מאָמענט, וואָס האָט אָנגע־צייכנט דעם גורל פון מיין גייסטיקן לעבן.

אָט אַזוי בין איך געוואָרן אַ „באַקאַנטער" — ווי מ'האָט דאַן גערופן אַן אָרגאַניזירטן אַרבעטער.

די איבערגעבורט

פון יענעם אָוונט אָן האָב איך לאַנגע חדשים געלעבט אין אַ שטענדיקן פיבער. שטייענדיק בייטאָג ביי דער אַרבעט, האָב איך מיט אומגעדולד געוואַרט עס זאָל שוין קומען דער פאַרנאַכט און די עלטערע אַרבעטער זאָלן שוין מאַכן „שאַבאַש" (ענדיקן די אַרבעט), כּדי איך זאָל קאָנען לויפן אויפן אַלטן בולוואַר. אָבער נישט געקוקט וואָס צו יענער צייט האָט מען זיך שוין דערשלאָגן צו אַ 12־שעהדיקן אַר־בעטס־טאָג, פלעגט דאָס מאַכן „שאַבאַש" צוגיין נישט אַזוי איינפאַך. קיינער האָט נישט געוואָלט זיין דער ערשטער. איינער האָט געוואַרט אויפן צווייטן — יענער זאָל דער ערשטער אויסטאָן דאָס פאַרטוך. מען פלעגט דערבּיי אָנווענדן פאַרשידענע שפּיצלעך און דריידלעך — עס זאָל חס־ושלום נישט אויסקומען, אַז מען איז נישט געטריי דעם באַלעבאָס. אַפילו ווען דער מייסטער איז דערביי נישט געווען האָט מען זיך אויך געהיט נישט צו זיין דער ערשטער, ווייל מען איז נישט געווען זיכער צי עס וועט זיך נישט געפינען אַזעלכער — און אַזעלכע האָבן זיך נאָך דאַן געפונען — וואָס וועט צוטראָגן דעם מייסטער אַ פּלאַטקעלע, אַז דער אָדער יענער איז נישט גינציק, אַז ער בונ־טעוועט.

מיך פלעגט דאָס קרענקען, ווייל צוליב דעם האָב איך געקאָנט פאַרשפּעטיקן אויף דער „בירזשע". און די „בירזשע" איז געוואָרן מיין היים, מיין אַפּרו־פּלאַץ, מיין פאַרווייליונג און מיין שול. דאָ האָב איך איינגעזאַפּט אין זיך נייע זיטן; דאָ האָב איך באַקומען אַ נייע מאָראַל, נייע באַגריפן וועגן לעבן און מענטשן; דאָ האָב איך באַקומען נייע פריינט און חברים, אַ נייעם גלויבן, אַ נייע תּורה.

נישט נאָר מיך אַליין האָט די „בירזשע" דערצויגן. פון די „בירזשעס" איז אויסגעוואַקסן אַ נייער דור מענטשן וואָס זענען געוואָרן הימל־ווייט פון דער סביבה, אין וועלכער זיי האָבן ביז איצט געלעבט. פון די „בירזשעס" האָט זיך געטראָגן אַ נייער אָנזאָג, וואָס האָט אַרויפגעלייגט זיין שטעמפּל אויף די ווייטערדיקע דורות און געווירקט אויפן ברייטן אַרום מיט אַ געוואַלדיקן מאָראַלישן כּוח.

***

וואו נעמט מען דעם קינסטלער, וואָס זאָל אימשטאַנד זיין אויסצומאָלן יענע עפּאָכע מיט איר מאָראַלישער הויכקייט? וואו נעמט מען די פעדער, וואָס זאָל קאָנען שילדערן דעם לעבנס־שטייגער פון דער דעמאָלטיקער געוויינלעכער ארבעטער־משפחה און די מאָראַלישע ענדערונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען אין אזא שנעלן טעמפּאָ מיטן אויפקום פון סאָציאַליסטישן געדאַנק צווישן די יידישע ארבעטער? מיין אָרעמע פעדער — די פעדער פון אן ארבעטס־מענטש — איז דאָס זיכער נישט אימשטאַנד. די פּאָר עפּיזאָדן־שילדערונגען וואָס איך ברענג ווייטער זענען בלויז קליינע אָפּשפּיגלונ־גען פון א הערלעך, געשיכטלעך בילד, וואָס ווארט און קען זיך אלץ נישט דערווארטן אויף זיין מאָלער.

צו יענער צייט האָט ביי אונז אין שכנות געוואוינט א מאָלער־ארבעטער מיט זיין פרוי, ביידע אין די מיטעלע יאָרן. קיין קינדער האָבן זיי נישט געהאַט. די ערשטע צייטן, ווען זיי האָבן זיך צו אונז אין הויף אריינגעקליבן, האָט זיך גערוכט, אז זיי לעבן צווישן זיך בשלום. אָבער וואָס ווייטער האָט מען אלץ אָפטער געזומען הערן דורך דער הילצערנער וואַנט קריגערייען צווישן מאַן און ווייב — קריגערייען, וואָס זענען שפּעטער אריבער אין געשלעגן. שכנים און קרובים האָבן געזאָגט, אז די קריגערייען קומען פאָר אויפן גרונט פון דעם, וואָס די פרוי געבוירט נישט קיין קינדער. וואָס איז געווען די סיבה פון די קריגערייען און ווער איז געווען דער שולדיקער אין דעם, קען איך, פארשטייט זיך, נישט זאָגן. גענוג איז, אז דער מאַן האָט אָנגעהויבן שלאָגן זיין ווייב מכות־רצח. די געשרייען פון דער געליטענער פרוי פלעגן ווערן וואָס אמאָל שרעקלעכער און ביטערער. עס האָבן זיך געזומען אריינמישן קרובים און באַקאַנטע, ביז עס איז דערגאַנגען דערצו, אז דעם ווייבס קרובים האָבן דעם מאַן גוט אָנגעבראָכן די ביינער. דאָס האָט אָבער ווייניק געהאָלפן, און דער מאַן האָט אָנגעהויבן אין מיטן נאַכט ארויסטרייבן זיין ווייב פון שטוב א האַלב־נאַקעטע. דאָס האָט געדויערט לאַנגע חדשים און עס האָט געהאַלטן ביי א גט.

צו דער דאָזיקער צייט איז פאָרגעקומען דער ערשטער שטרייק פון די מאָלער־ארבעטער. צום שכן אין שטוב האָבן אָנגעהויבן

אריינקומען יונגע מענטשן פון „יענע", און עס איז צו ביסלעך אין דער דאָזיקער שטוב געוואָרן אינגאַנצן שטיל. מען האָט דערציילט, אַז אויף דער „בירזשע" האָט מען זיך דערוואוסט, ווי אַזוי משה דער פאַרבער באַגייט זיך מיט זיין ווייב, און חברים האָבן אים אויס־געמוסרט. דאָס איז געווען גענוג, אַז ביים פּאָר־פאָלק זאָל ווערן שלום. שפּעטער איז ביי משה דעם פאַרבער געוואָרן אַן אָרט, וואו עס פלעגן פאָרקומען געהיימע פאַרזאַמלונגען פון פּאַך, פון דער „סכאָדקע" און אַנדערע צוזאַמענקונפטן. שכנים האָבן זיך נישט גע־קאָנט אָפּוואונדערן פון דער איבערקערעניש, וואָס איז פאָרגעקומען צווישן משה דעם פאַרבער מיט זיין ווייב. אָבער דאָ האָט געווירקט אַ מאָראַלישער כּוח, וואָס דער דורכשניטלעכער מענטש האָט עס נישט געקאָנט זען און באַגרייפן.

*
**

אין זעלבן הויף האָט געוואוינט אַ צווייטע פאַמיליע מיט אַ סך קינדער. דער פאָטער — אַ ייד אַן אָרעמאַן — האָט געהאַנדלט אויפן מאַרק מיט אויבס. די קינדער זענען אַלע געווען אַרבעטער. די עלטסטע טאָכטער, וועלכע האָט געפירט אין שטוב אַן אייגענעם שניידער־וואַרשטאַט, האָט חתונה געהאַט פאַר אַ בלעכער־אַרבעטער, וועלכער האָט אַ גאַנצע וואָך געאַרבעט אויף די באַן־ליניעס און פלעגט קומען צו דעם ווייב בלויז אויף שבת. די אויסגעגעבענע טאָכטער מיט איר מאַן זענען געבליבן וואוינען צוזאַמען מיט דער פאַמיליע.

די ערשטע חדשים איז, ווי ביי אַ יונג פּאָר־פאָלק, געווען שלום ושלוה. אָבער אין אַ קורצער צייט אַרום האָט דער יונגערמאַן, וואָס האָט ליב געהאַט דעם ביטערן טראָפּן, גענומען אַרויסווייזן זיין ברוטאַלן כאַראַקטער גאָר אויף אַ העסלעכן אופן: פריייטיק־צונאַכט איז נאָך געווען שטיל, אָבער שבת אין דערפרי — צו דער „ציקאָריע" — פלעגט אין שטוב ווערן אַ גיהנום. דער מענטש האָט אַלעמען פאַר־מאַטערט: דאָ האָט מען אים נישט אַזוי גיך דערלאַנגט דעם האַנטוך אַרומצוואַשן זיך, דאָ איז אים עמיצער געשטאַנען אין וועג, דאָ איז אים די „ציקאָריע" געווען צו קאַלט, די מילך צוגעברענט. די ערשטע צייטן האָט די פאַמיליע אַלץ געשטיקט אין זיך, זיך געשעמט פאַר די זייטיקע... אָבער דער מאַן האָט זיך, אַפּנים, מיט דעם נישט גע־רעכנט — פאַרקערט, ווי עס האָט אויסגעוויזן, האָט ער אפילו געוואָלט

שכנים זאָלן וויסן וועגן זיינע שיינע מעשים. די געוואַלדן און די קרי־גערייען זענען געוואָרן גרעסער און העכער, ביז מען האָט דערהערט, אַז דער מאַן ברעכט און שטעכט אַלץ, וואָס קומט אים אונטערן האַנט. יעדן שבת — אַ פרישער פּאָגראָם, ביז עס איז דערגאַנגען, אַז ער האָט צעבראָכן דעם גרויסן שפּיגל וואָס די פרוי האָט באַנוצט צו איר אַרבעט. דערביי איז עס אָבער נישט געבליבן. צו מיטאָג, ווען ער איז שוין געווען גוט צעוואַרעמט פונם אויסגעטרונקענעם בראָנפן, פלעגט ער אין שכורן עקסטאַז אַרויסשלעפּן דעם טשאָלנט פון אויוון, אַרויס־טראָגן אים אויפן הויף און אונטער די פרייד־געשרייען פון הויפיקן קליינוואַרג, וואָס האָט שוין געוואַרט אויף דער אָריגינעלער פאַר־שטעלונג, צעברעכן די פולע טעפּ אָן הילצערנעם פּאַרקאַן. טאָמער האָט זיך דאָס אים נישט איינגעגעבן — זענען געפלויגן אויפן פּאַרקן טעלער, גלעזער און אַנדערע שטוב־חפצים, וואָס מען האָט נאָר גע־קאָנט צעברעכן. עס האָבן נישט געהאָלפן נישט קיין טרערן פון דער אומגליקלעכער פרוי און פון די שטוביקע, נישט די געזונטע הענט פון ווייבס דערוואַקסענע ברידער, נישט דאָס מוסר־זאָגן פון שכנים. יעדן שבת זענען געווען נייע סקאַנדאַלן, נייע בזיונות, וואָס האָבן פאַר־שוואַרצט דאָס פּנים פון דער פאַמיליע.

אָבער מיטאַמאָל האָט זיך דער מענטש געענדערט נישט צו דער־קאָנען: ער האָט אויפגעהערט צו טרינקען, זיך אָנגעהויבן אינטערע־סירן מיט ביכלעך, געוואָרן סטאַטעטשנע. וואָרום אויך אים האָט דער גייסט פון דער נייער באַוועגונג באַרירט מיט זיינע פליגל־שפּיצן, וועלכע האָבן געהאַט אין זיך אַזאַ באַצויבערנדיקן כּוח. עס האָבן צו דער דאָזיקער פאַמיליע אָנגעהויבן אַריינקומען נייע מענטשן מיט נייע באַגריפן, מיט אַ נייער מאָראַל, מיט נייע זיטן, און אַלץ אַרום האָט זיך געענדערט, ווי דורך אַ כּישוף.

דעם ווייטערדיקן לעבנס־וועג פון יענעם בלעכער־אַרבעטער מיט זיין פרוי איז מיר נישט אויסגעקומען נאָכצופאָלגן. די איבעריקע קינדער פון דער פאַמיליע זענען שפּעטער אַלע אַריין אין דער באַ־וועגונג, און יעדער אויף זיין שטייגער, לויט זיינע כּוחות, איר געדינט. באַזונדערס האָט זיך אויסגעטיילט די יינגערע טאָכטער, אויך אַ שניי־דערין, וועלכע איז געוואָרן זייער אַ טעטיקע בונדיסטן און געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָלע אין דער דווינסקער אָרגאַניזאַציע. זי האָט חתונה געהאַט מיט אַ דווינסקער סטאָליער־אַרבעטער, זייער אַ טעטיקן



דער אַלטער בולוואַר אין דווינסק — דאָס אָרט פון דער בונדישער „בירזשע“



שמואלקע פון „באָיניע" און זאַווקע פון די „פלעצער"
צוויי אַרבעטער-פּיאָנערן פון דער בונדישער באַוועגונג אין דווינסק.
(לינקס — זאַווקע — ז. גיליץ איז נאָך היינט אַן אָנגעזעענער
אַרבעטער-טוער אין מאָנטרעאָל, קאַנאַדע).

און אַנגעזעענעם בונדיסט. ביידע געפינען זיי זיך אין אַמעריקע. איך רוף נישט אָן זייערע נעמען, טאָמער קענען זיי זיך פילן געטראָפן פון דער דאָזיקער באַשרייבונג, הגם דעם אמת געזאָגט, דאַרף מען זיך מיט דעם נאָר גרויסן. איך ווייס אָבער נישט ווי אַזוי די דאָזיקע חברים טראַכטן איצט וועגן יענער צייט, און דעריבער לאָז איך דאָ דורך די נעמען.

נאָך באַלערנדיקער און אויסטערלישער איז די געשיכטע מיט אַ סטאָליער־אַרבעטער, וועגן וועלכן איך דערצייל ווייטער אינם קאַפּיטל מאָטל „קאַפּיטאַן", און פון נאָך איינעם — אַן אונטערוועלט־מענטש, וועגן וועלכן איך דערצייל אינם קאַפּיטל אברהמקע „קאַטאָק".

מאָטל „קאַפּיטאַן"

די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט געשטעלט אירע ערשטע טריט. די „פּאַכאָווע קאַסעס" האָבן אָנגעהויבן אויסקעמפן אַ צוועלף־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג און מענטשלעכע „אָבראַשטשעניע" (באַהאַנד־לונג). דער אויסגעקעמפטער 12שעהדיקער אַרבעטס־טאָג האָט אָבער נישט געהאַט קיין ממשות, ווייל אַ גרויסער טייל אַרבעטער פלעגט שלאָפן אין די וואַרשטאַטן און זיי האָבן דעריבער נישט געקאָנט „קוקן אויפן זייגער". ס'איז געווען קלאָר, אַז מען מוז זיך דערשלאָגן דערצו, אַז די אַרבעטער זאָלן פאַרלאָזן זייערע „אומזיסטע סטאַציעס" מיט די „ווייכע" מאַטראַצן פון הובל־שפּענער אויף די האַרטע פּאָד־לאָגעס. דעם קאַמף איז אויסגעקומען צו פירן נישט אַזוי מיט די מייסטערס, ווי מיט די אַרבעטער גופא, וועלכע האָבן דאָס באַטראַכט, ווי אַ גזירה, ווי אַן איבעריקע הוצאה. אין גרעסטן טייל זענען דאָס געווען סטאָליער־אַרבעטער פון די קלענערע פּראָווינץ שטעטלעך, וואָס פלעגן קומען קיין דווינסק אויף סעזאָן־אַרבעט

דאָס איז געווען אַ נישט־דאַנקבאַרער קאַמף, אַ קאַמף פון איי־גענע און „קעגן אייגענע אינטערעסן", האָט ער זיך נישט אַלעמאָל געקאָנט פירן בלויז מיט אויפקלערונג. די באַזונדערע איינגעשפּאַרטע פלעגן קריגן געשלאָגן, און נישט זעלטן האָט מען זיי פאַרטריבן פון שטאָט, נישט צוגעלאָזט צו דער אַרבעט גאַנצע סעזאָנען. דער קאַמף האָט אָנגעהאַלטן אַ לענגערע צייט, ביז מען האָט זיך פאַרט דערשלאָגן די אַרבעטער זאָלן נישט שלאָפן אין די וואַרשטאַטן. מיט איין קליינעם וואַרשטאַט האָט מען זיך אָבער נישט געקאָנט געבן קיין עצה.

קיינער האָט נישט געוואוסט פון וואַנען אין שטאָט האָט זיך גענומען אַ פּראָווינצער האַלב־ווילדער אַרבעטער, וועגן וועמען מען האָט דערציילט גאַנצע לעגענדעס. מען האָט געוואוסט צו דער־ציילן נסים וועגן זיין איבערמענטשלעכן כּוח, וועגן זיינע ווילדע גענג און מנהגים. ער האָט געקאָנט אויפעסן גאַנצע לאַבנס ברויט, אויס־

טרינקען עטלעכע קוואַרט קוואַס אויף איין מאָל, קייען גלאָז, בייגן מיט די ציין קופּערנע „צענערס" (אַמאָליקע 5 קאָפּיקעס), אויספירן בלערליי שווערע סטאָלערײַ־אַרבעט פאַר דריי אַד"גל. אַ געוואַלדיק הויכער, ברייטער און מגושמדיקער פאַרשוין, מיט אַן אַראָפּגעבוי־גענעם גרויסן קאָפּ מיט צעשויבערטע, קיינמאָל־נישט־געקעמטע האָר, מיט אַ וואַטאַוון קאַפּטן אויפן נאַקעטן לייב, שטענדיק אין קורצע און צעריסענע הויזן מיט אַן אויסזען ווי אַ מאַלפּע! אַרבעטן פלעגט ער גאַנצע טעג, ווי אַ מאַשין, טאָגן און נעכטיקן אין וואַרשטאַט, זעלטן זיך וואַשן, און עסן אַן אַ ברכה, ווייל ער האָט אפילו דאַוונען נישט געקאָנט.

אָט מיט דעם דאָזיקן האַלב־ווילדן נפש האָבן מיר זיך נישט געקאָנט געבן קיין עצה. ווען אַגיטירן אים, אויפקלערן האָט, פאַר־שטייט זיך, נישט געקאָנט זיין קיין רייד. „כאַפּן אים ערגעץ אין אַ ווינקל" האָט מען אויך נישט געקאָנט, ווייל ער פלעגט זעלטן פאַר־לאָזן דעם וואַרשטאַט. און אַגב, האָט טאַקע אַביסל אָפּגעשראָקן זיין געוואַלדיקע גבורה. גערופן האָט מען אים מאָטל, און קיינער האָט נישט געקאָנט דערקלערן, ווי אַזוי עס האָט זיך צו דעם נאָמען צוגעקלעפּט נאָך אַ צונאָמען. און געדוכט האָט זיך, אַז מיט דעם צונאָמען איז ער געבוירן געוואָרן, אַז דאָס איז אַ פיזישער באַשטאַנדטייל פון אים, פּונקט ווי זיין גראָבע, פלאַטשיקע נאָז און זיינע העלע, וואַסערדיקע אויגן. דער צונאָמען איז געווען — „קאַפּיטאַן".

ביי די דווינסקער אַרבעטער איז געווען אַ טראַדיציע צו באַ־צייכענען יעדן מיט אַ צונאָמען. דער צונאָמען איז געווען פאַרבונדן מיטן אָרט, וואו מען האָט געוואוינט אָדער געאַרבעט, מיטן אויסער־לעכן אויסזען און אָפט מיט גאַנץ צופעליקע אומשטענדן. מען פלעגט זאָגן: שרהל די פאַריזער, עלקע גאַיאַקער, אַברהמקע דער רויטער, חיים־צבי סאָלדאַטיק אַד"גל. דעם שרייבער פון די שורות האָט מען געקרוינט מיטן צונאָמען „לייבעטשקע דער קליינער". נישט דערפאַר, ווייל אין שטאָט איז געווען אַ צווייטער לייבל, אַ גרויסער, נאָר, זעט אויס פשוט דערפאַר, ווייל עס וואָלט געווען עפּעס מאָדנע אין שטאָט זאָל זיך אַרומדרייען אַ בחור בלויז מיטן נאָמען, וואָס ער האָט באַקומען ביי זיין געבוירן ווערן. פאַמיליע־נעמען זענען דאַן נאָך געווען אַ „גויאישע" זאַך און מיט זיי האָט מען זיך נישט באַנוצט.

די דאָזיקע טראַדיציע איז פאַרבליבן אויך אין דער דווינסקער אַרבעטער־באַוועגונג און האָט זיך אַפילו פאַרשפּרייט אויף די ערשטע טוער וואָס דער צ. ק. פון „בונד" פלעגט אַהין צושיקן. אַזוי צ"ב איז דער דעמאָלטיקער בונדישער טוער אַלטער (היינט אין אַמע־ריקע) געווען באַקאַנט אונטערן נאָמען „אַלטער דער שוואַרצער". אַ סך אַנדערע טוער פון יענער צייט זענען אויך אָנגערופן געוואָרן נישט נאָר מיט זייערע נעמען וואָס מען האָט זיי געגעבן אָדער זיי האָבן צוליב קאָנספּיראַציע זיך אַליין געגעבן.

אונטער דעם צונאָמען „קאַפּיטאַן" איז מאָטל אַריין אין דער געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין דווינסק.

ווי אַזוי דאָס איז פאָרגעקומען, קאָן איך זיך איצט נישט דער־מאָנען. איך ווייס נאָר, אַז מיר האָבן אים באַזיגט, און באַזיגט נישט דורך געוואַלד.

אין איינעם אַן אָוונט, ווען די אַרבעטער־בירזשע האָט געקאָכט און געראַוישט ווי אַ בינשטאָק, האָט זיך אין באַגלייטונג פון אַנדערע חברים באַוויזן מאָטל „קאַפּיטאַן". דעם קאָפּ איינגעבויגן פאָרויס, ווי אַ צערייצטער אָקס, מיט אַ וואַקלדיקן גאַנג, וואָס ביי יעדן טריט איז אָט איין אַקסל, אָט אַ צווייטער געגאַנגען פאָרויס, מיט צעשפּרייטע טריט און שווערע גראָבע שיך, מיט פונאַנדערגעפּאָרענע מגושימדיקע הענט וואָס האָבן זיך באַוועגט אין טאַקט צו די שאָקלדיקע אַקסלען, ווי צוויי צוגעבונדענע „דובינקעס".

„קאַפּיטאַן", מיט די קורצע און שמאָל־אָנגעצויגענע הויזן, וואָס אָט וועלן זיי, דוכט זיך, פּלאַצן, איז געוואָרן דער צענטער פון אויפ־מערקזאַמקייט פון דער גאַנצער „בירזשע". זיין „הוילעך" איז געוואָרן אַ קוואַל פון גוטמוטיקע וויצן (שטאָף פאַר וויצן האָט ער אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרן געגעבן). זיין אויסזען האָט שאָקירט, נאָר דאָך האָט מען געהאַלטן פאַר אַן אויפטו, וואָס מ'האָט באַוויזן מאָטלען צו ברענגען אויף דער „בירזשע".

עס האָבן זיך געפונען אַרבעטער, וואָס האָבן זיך געשטעלט די „מיסיאָנערישע" אויפגאַבע צו מאַכן מאָטלען באַוואוסטזיניק.

מען האָט אָנגעהויבן ברענגען מאָטלען אויף אומלעגאַלע פאַר־זאַמלונגען. ער פלעגט זיצן פאַררוקט אין אַ ווינקל און גלאָצן מיט די אויגן, קוקן מיט שרעק און פאַרדאַכט, ווי אַ געיאָגטע חיה, אויף די פאַרזאַמלטע. עס האָט זיך געדוכט, אַז ער פאַרשטייט גאָרנישט און ווייסט גאָרנישט, וואָס אַרום אים קומט פאָר.

אָבער מאָטל האָט זיך גענומען „מענטשלען": דער בליק איז געוואָרן ווייכער און רואיקער; מען האָט אָנגעהויבן הערן ווערטער, וואָס אין מאָטלס מויל האָבן זיי גאָר אַ באַזונדער קלאַנג געהאַט. דאָס אויפוואַכן פון זיין באַוואוסטזיין אין פשוטסטן זין — האָט אויך אַרויסגערופן פיל הייטערקייט און גלייכוועררטלעך. מאָטל האָט זיך אָנגעהויבן באַליידיקן. פאַר אַלעמענס אויגן איז אין מאָטלען פאָרגעקומען אַ געוואַלדיקע ענדערונג: מאָטל האָט זיך אָנגעהויבן „פוצן"; ער האָט אָנגעהויבן זיך וואַשן און שערן; דער קאָסטיום זיינער האָט זיך אויך אָנגעהויבן בייטן. אמת, די הויזן זענען ווייטער געבליבן קורץ און שמאָל, די גרויסע שווערע פויסטן האָבן זיך נאָך אַלץ צופיל אַרויסגערוקט פון די קורצע אַרבל און האָבן אויסגעזען ווי צוויי גרויסע רויטע בוריקעס מיט זייערע קעפּ אַראָפּ. אָבער דאָס איז שוין נישט געווען מאָטלס שולד. אפנים, אַז אויפן „טאָלקוטש", וואו מאָטל פלעגט איינקויפן זיינע קאָסטיומען, האָבן זיך נישט געפונען קיין קליידער פאַר זיין פיגור...

מאָטל „קאַפּיטאַן" האָט אויפגעהערט צו זיצן מיט „פאַרלייגטע הענט". דער קאַמף מיט די מייסטערס, וועלכע פלעגן זיך אָפט באַנוצן מיט פּאָליציי; דער קאַמף מיט שטרייק־ברעכער, און נישט זעלטן מיט דער פּאָליציי גופא, האָט אָפט געפאָדערט אויך פיזישן כּוח. און מאָטל האָט גענומען אַקטיוו באַטייליקן זיך אין אַראָפּנעמען שטרייק־ברעכער*), אין געשלעגן מיט פּאָליציי און איבערהויפּט האָט ער זיך אויסגעצייכנט אין די געשלעגן מיט די גנבים, פורמאַנעס און קצבים, וואָס פלעגן יענע צייטן שטאַרק טעראָריזירן די בונדישע אַרבעטער־באַוועגונג. גיין מיט מאָטלען אויף „אַ שטיקל אַרבעט" — איז מען געווען ווי הינטער אַ פעסטונג. עס האָט זיך געדוכט, אַז אים אימפּאָנירט, און אפשר האָט אים טאַקע שטאַרק אימפּאָנירט וואָס אַלע לויבן אים, וואָס מען דערציילט וועגן זיין דרייסטקייט און גבורה. דאָס איז אָבער געווען נאָר אויסערלעך; אינערלעך האָט אים פאַרדראָסן וואָס מען קוקט אויף אים נאָר ווי אויף אַ שלעגער.

---

*) אַמאָל האָט מען מאָטלען געשיקט וואָרענען אַ שטרייק־ברעכער, אַז אויב ער וועט נישט וואַרפן די אַרבעט, וועט מען אים צעברעכן די ביינער. מאָטל איז אַוועק צום שטרייק־ברעכער און אים גוט אָנגעשלאָגן. אַז מען האָט מאָטלען געפרעגט פאַר וואָס ער האָט אים געשלאָגן, בעת מען האָט אים געהייסן בלויז וואָרענען, האָט ער אַ פאַרוואונדערטער געענטפערט מיט אַ פראַגע: „צו וואָס דאַרף איך גיין צוויי מאָל?"

און ווירקלעך — אויף דער „בירזשע" האָט ער וואָס אַמאָל מערער אָנגעהויבן ארויסווייזן אומצופרידנהייט מיט זיין ראָלע אין דער באַוועגונג. צוערשט אַביסל פאַרשעמט, מיט אַ פאַרלעגענעם שמייכל און שפּעטער שוין מיט צאָרן און פּראָטעסט וואָס מען האַלט אים פאַר אַ סקאַנדאַליסט. ער דאַרף „פאַר זיך אַליין" אויך אַביסל צייט — פלעגט ער זאָגן.

„פאַר זיך אַליין" איז דאַן געווען אַ פּאָפּולער ווערטל אין דער בונדישער באַוועגונג: אַגיטירן, לייענען סאָציאַליסטישע ליטעראַטור האָט געהייסן: טאָן פאַר דער באַוועגונג; דאַקעגן לערנען די רוסישע שפּראַך אָדער אַלגעמיינע בילדונג האָט אויף דעם דאָזיקן זשאַרגאָן געהייסן: „אויספּיעוואַיען פאַר זיך אַליין".

און מאָטל האָט זיך אָנגעהויבן לערנען. זיינע „אויספּיעכן" זענען געווען, וואָס אַן אמת, נישט באַזונדער גרויס, אָבער לייענען און שרייבן האָט ער זיך דאָך אויסגעלערנט. אַרויסגעהאָלפן האָבן אים טיילווייז יונגע אינטעליגענטקעס, וואָס פלעגן דאַן אין אַ גרויסער צאָל לערנען אַרבעטער „גראַמאָטע" און דינען דערמיט דער באַוועגונג.

אַזוי אַרום איז מאָטל „קאַפּיטאַן" געוואָרן אַ „גראַמאָטנער". דערביי האָט ער זיך אָבער נישט אָפּגעשטעלט.

אין אַ צייט אַרום איז מאָטל געוואָרן אַ מיטגליד אין דער פאַך־סכאָדקע. און אויב פון צייט צו צייט האָט מען זיך נאָך געוויצלט איבער מאָטלס פיזישער אומגעלומפּערטקייט, האָט מען זיך אָבער שוין צוגעהערט צו אים. מאָטל „קאַפּיטאַן" איז אַרויסגעוואַקסן פון זיין האַלב־ווילדן צושטאַנד, געוואָרן אַ באַוואוסטזיניקער אַרבעטער, זיך אויפגעהויבן אויף דער מדרגה פון אַ געטרייען און שטאַרקן סאָלדאַט אין דער אַרמיי פון זיינע מיטברידער, וואָס האָבן זיך דערצויגן אין מער גינסטיקע באַדינגונגען.

אַרום יאָר 1905 איז מאָטל „קאַפּיטאַן", אַן אויסגעפּוצטער אין אַ העלן אָנצוג (אָבער אַלץ מיט קורצע הויזן), אין אַ פּאַפּירענער מאַנישקע מיט אַ שטייפן פּאַפּירענעם קראַגן אוועקגעפאָרן קיין פּאַריז און פון דאַן אַן האָב איך וועגן אים מער נישט געהערט.

***

אויב צו מאָטל „קאַפּיטאַן" וועט אַריינפאַלן די דאָזיקע באַשרייבונג, זאָל ער נישט נעמען פאַר אומגוט וואָס איך האָב דאָ דערמאָנט זיין גייסטיקן צושטאַנד איידער ער האָט פאַרזוכט פון סאָציאַליסטישן עץ־הדעת. זאָל ער, אַזוי ווי דער שרייבער פון די שורות, באַטראַכטן זיין גייסטיקן אויפשטייג, ווי דעם גייסטיקן אויפשטייג פון זיין קלאַס, צו וועמען ער האָט אַמאָל געהערט, אָדער געהערט נאָך איצט. וואָס דען אַנדערש, אויב נישט איין גרויסער מאָטל „קאַפּיטאַן" איז דערמאָלט געווען דער יידישער אַרבעטער־קלאַס? אויב ער האָט צוליב פיזישער שוואַכקייט נישט געקיית קיין גלאָז, האָט ער אָבער געשמאַק געקייט מעקענע — די גייסטיקע מעקענע, אָפּפאַל פון קולטורעלן טיש פון זיינע ליבהאַרציקע רייכע ברידער. און נאָר אַדאַנק דעם „אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער־בונד", וואָס איז געקומען צו דעם אַמאָליקן קאָלעקטיוון „מאָטל קאַפּיטאַן" מיט דער גרויסער אידייע פון באַפרייאונג, האָט ער זיך געקאָנט אַנטוויקלען און אויסוואַקסן צו אַן אמתן קאַפּיטאַן, וואָס פירט מיט דערפאָלג די שיף פון סאָציאַליזם איבער די ברוינזנדיקע כוואַליעס פון ים, וואָס רופט זיך: קלאַסן־קאַמף.

אַבֿרהמקע „קאַטאָק"

קאַטאָק איז אויף רוסיש אַ גליטש־פּלאַץ; און וואָס פֿאַר אַ שייכות דער נאָמען האָט געהאַט צו אַבֿרהמקען, ווייס איך נישט. אפשר האָט מען דאָס געוואוסט אין די קרייזן, פֿון וואַנען ער איז אויף אַ קורצע צייט געקומען צו דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג.

אַבֿרהמקע האָט געשטאַמט פֿון אַרבעטער. ער איז געווען אַ בערשטער, אָדער אַ בערשטלעך־מאַכער. אָבער נאָך אין די יונגע יאָרן איז ער געוואָרן אַ פּראָפֿעסיאָנעלער קעשענע־גנבֿ.

געווען איז דאָס אַ דרייסטער גנבֿ ביז גאָר. האָט ער אָנגעטאַפּט אַ פֿרעמדע קעשענע מיט געלט, האָט אים נישט געשטערט נישט וואָס דאָס בייטעלע איז טיף פֿאַררוקט און נישט וואָס אַרום האָבן צענטליקער מענטשן געזען, ווי ער פֿאַרעט זיך ביי דער קעשענע. די וואָס האָבן אים געקאָנט, האָבן אַליין פֿאַרשטאַנען, אַז זיי דאַרפֿן זיך מאַכן נישט־זעענדיק, און די וואָס האָבן אים נישט געקאָנט, האָבן שוין זייטיקע זיי אויפֿגעקלערט, אַז דאָס איז „קאַטאָק", אַז פֿאַר זיי וועט בעסער זיין, אויב זיי וועלן אויף אַ צייט זיך אָפּקערן. אָבער טאָמער האָט ווער דער נאָמען „קאַטאָק" גאָרנישט געזאָגט, אָדער ער האָט אויס רחמנות צום קרבן אים דאָך געגעבן אַ צייכן, אַז מען וויל אים באַגנבֿענען, האָט יענער פֿאַר זיין באַרמהערציקייט טייער באַצאָלט: „קאַטאָק" איז דעמאָלט מיט זיינע פֿלינקע טריט אין די גנבֿהשע ווייכע שיכלעך מיט גומענע זוילן צו צום „מסור" און אים מיט אַזאַ רציחה גענומען פּאַטשן, קאָפּען און שלאָגן און עפּעס אַזוי מאָדנע געשווינד, אַז יענער האָט קוים געקאָנט כאַפּן דעם אָטעם. דאָס פֿלעגט אָפּט פֿאָרקומען אין מיטן מאַרק, אין דער אָנוועזנהייט פֿון הונדערטער מענטשן, אָבער זעלטן ווער עס האָט זיך געוואַגט אַנטקעגנשטעלן. זיין דרייסטקייט האָט זיך, וואָס אַן אמת, טיילווייז גענומען דערפֿון, וואָס אין דער נאָענט האָבן זיך געוויינלעך געפֿונען זיינע „מיטאַרבעטער", וועלכע פֿלעגן „צינקן אויף זעקס" (אַ גנבֿהשער געפֿאַר־סיגנאַל) און קומען אים צו־הילף אין אַ קריטישן מאָמענט; אָבער נישט ווייניקער דרייסט אין גנבֿענען און נישט ווייניקער ברוטאַל אין זיין

נקמה איז „קאַטאָק" געווען אויך, ווען ער האָט „געאַרבעט" אַליין, אויף אייגענער האַנט.

צווישן אַרבעטער איז אברהמקע געווען באַקאַנט צוליב זיין אָנטייל אין די „געשלעגן" מיט די מוליאַרעס פון דער סעקטע „סטאַראָוויערן", וואָס פלעגן פאָרקומען אין די ווינטערדיקע שבתים אויף דעם געפרוירענעם טייך דווינע. דאָ איז דער דאַרער קליינגעוויקסיקער „קאַטאָק" איינער אַליין „געגאַנגען" אויף צוויי־דריי סטאַראָוויערן, וואָס יעדער איינער פון זיי איז געווען מיט צוויי קעפּ העכער פון אים. אַזאַ כּוח, אַזאַ פלינקייט אין שלאָגן זיך האָט פאַרמאָגט דער דאָזיקער אברהמקע „קאַטאָק".

צוזאַמען מיט מענטשן פון דער אונטערוועלט האָבן זיך אין די געשלעגן אויפן טייך באַטייליקט פורמאַנעס, טרעגער, קצבים און אויך נישט ווייניק יידישע אַרבעטער — סיי אַקטיוו, סיי אַלס צו־קוקער. אויף אַזאַ אופן פלעגן דאָס מיט עטלעכע צענטליק יאָר צוריק גאַנץ גרויסע מאַסן אַרבעטער־מענטשן זיך פאַרווילן און אויסלאָדן זייער אָנגעזאַמלטע ענערגיע.

ווען די יידישע אַרבעטער האָבן זיך גענומען אָרגאַניזירן און זענען געוואָרן אַ כּוח, האָבן די זעלבע עלעמענטן, וואָס פלעגן אָנטייל נעמען אין די „קאַמפן", געוואָלט טעראָריזירן די באַוועגונג. טייל דערפאַר, ווייל דאָס האָט אָנגערירט זייערע קעשענעס; טייל דער־פאַר, ווייל זיי האָבן פּשוט נישט געקאָנט דולדן לעבן זיך אַ צווייטן כּוח. צו די לעצטע האָט אויך געהערט „קאַטאָק", און די אָרגאַניזאַציע האָט די ערשטע צייטן געהאַט פון אים גרויסע צרות.

אברהמקע האָט געהאַט אַ ברודער וואָס האָט, דוכט זיך, געהייסן יאָשקע. דער יאָשקע „קאַטאָק", ווי מען פלעגט אים שוין צוליבן ברודער רופן, איז אויך געווען אַ בערשטער און געהערט צו דעם דע־מאָלטיקן אַזוי־באַרימטן בערשטער־בונד. אָט דורך דעם יאָשקען האָבן איינצלנע חברים פּרובירט ווירקן אויף אברהמקען ער זאָל זיך אין די „געשלעגן" נישט באַטייליקן. דאָס האָט געהאַט אַ ווירקונג, און אברהמקע האָט אַפילו פאַרגעלייגט דער באַוועגונג זיין הילף.

איך בין דאַן געווען נאָך זייער יונג, נישט לאַנג געוואָרן „פאַר־אַגיטירט". ווי אַזוי דאָס איז צוגעגאַנגען און וויפיל צייט דאָס האָט געדויערט, ווייס איך נישט. איך ווייס נאָר, אַז אברהמקע איז גע־וואָרן אַ „באַקאַנטער" (אָרגאַניזירטער).

אין דעם מענטשן איז פאַרגעקומען אַ געוואַלדיקע איבערקערע־ניש. ער האָט אוועקגעוואָרפן זיין אַלטע „פּרנסה" און גענומען לעבן פון אַרבעט — ער איז צוריק געוואָרן אַ בערשטער. צי ער פלעגט זיך נאָך טרעפן מיט זיינע אַלטע קאָלעגן־גנבים, איז שווער געווען צו וויסן. נאָר מען האָט געזען, אַז אברהמקע סטאַרעט זיך ווייזן, אַז ער האָט מיט זיין פאַרגאַנגענהייט אין גאַנצן איבערגעריסן: ער האָט אויפגעהערט טרינקען, זיך געפליסט צו רעדן מיט דער זעלבער שפּראַך, ווי אַלע אָרגאַניזירטע; אויסגעהיט זיך פון גנבים־לשון, וואָס איז אים אָנגעקומען שווערלעך. די ערשטע צייטן נישט געוואָלט אַפילו זיך באַטייליקן אין די געשלעגן, וואָס פלעגן נאָך ווייטער פאָרקומען מיט דער אונטערוועלט. אָבער אברהמקעס נאַטור איז נישט געווען אַזאַ ער זאָל קאָנען זיין פּאַסיוו אין אַזעלכע פאַלן, און ביסלעכווייז ווערט ער אַריינגעצויגן אין די דאָזיקע קאַמפן, אין אָראַפּנעמען שטרייק־ברעכער און איבערהויפּט שלאָגן די שפּיקעס, וואָס פלעגן זיך אַרומדרייען אויף דער „בירזשע".

שוין דאָס אַליין, וואָס אברהמקע „קאַטאָק" איז נישט געווען צווישן די שונאים פון דער באַוועגונג, איז שוין געווען אַ גרויסע זאַך; בפרט — זיין אַקטיווער אָנטייל אין די געשלעגן. איך געדענק, ווי מיר, יונגע יאַטן, פלעגן ווערן אַנטציקט פון אברהמקעס העלדישקייט. מיר זענען געווען שטאָלץ וואָס אַזאַ יאַט איז מיט אונז. מיר האָבן באַוואונדערט, ווי אַזוי ער קען דאָס מיט איין פּאַטש פון זיין דאַר הענטל פאַרטרייבן און אומוואַרפן אַ מענטש. אַליין נישט באַשאָנקען מיט צו גרויסע פיזישע כּוחות, האָבן מיר, יונגע יידישע אַרבעטער, ליב געהאַט צו פאַרהערלעכן פרעמדע קראַפט. מיר פלעגן דערביי איבערטרייבן אברהמקעס בריהשקייט און נישט זעלטן זיך קריגן איבער איינצלהייטן, וועלנדיק איבערשטייגן איינער דעם צווייטן אין צוטראַכטן פאַר אים משונהדיקע העלדישקייטן.

איינמאָל האָט דער אָרטיקער פּריסטאַוו קורלאַנדסקי געוואָלט זיך אויסצייכענען און אַראָפּטרייבן די אַרבעטער פון אָפּיצערסקע גאַס, וואו די באַוועגונג האָט דעמאָלט געהאַט די „בירזשע", אַ זאַך וואָס אַנדערע פּריסטאַווס ביז אים האָט זיך נישט איינגעגעבן. קורלאַנדסקי האָט אָבער געליטן אַ ביטערע מפּלה: די פּאָליציי האָט מען פאַרוואָרפן מיט שטיינער און פאַרטריבן. קורלאַנדסקי אַליין האָט זיך מיט בזיון קוים געראַטעוועט אין דער וואוינונג פון „ראָגאַטשאָווער" רב.

מיט אָפּשלאָגן דעם אָנגריף פון דער פּאָליציי האָט אָנגעפירט אברהמקע. ער האָט דערביי אַרויסגעוויזן צו דער פּאָליציי אַ געוואַלדיקע שנאה וואָס האָט זיך ביי אים אָנגעקליבן וואַרשיינלעך נאָך פון אַמאָליקע צייטן.

געמיינט האָט מען אַז קורלאַנדסקי, וועלכער האָט אברהמקען גוט געקענט, וועט זיך מיט אים איצט אָפּרעכענען. ס'איז אָבער אַוועק אַ שטיקל צייט, און די זאַך איז אריבער בשלום. אפנים, אַז קורלאַנדסקי האָט געוואָלט מען זאָל זיין מפּלה פאַרגעסן.

איינמאָל האָט מען אברהמקען פאַר עפּעס אַ קלייניקייט אַרעסטירט און איינגעזעצט אין „אַרעסטני דאָם", אַן אָרט, וואו מען פלעגט האַלטן אַרעסטירט פאַר קליינע פאַרברעכנס. אין „אַרעסטני דאָם" פלעגט מען פאַר 10 קאָפּיקעס אריינקומען צו די אַרעסטירטע אין קאַמער און מיט זיי פאַרברענגען אַ פּאָר שעה. נאָך „פּאָווערקע" האָט מען אפילו געקאָנט בלייבן נעכטיקן. ס'איז געווען קלאָר, אַז אברהמקען דראָט נישט קיין געפאַר, אַז מען וועט אים אָפּהאַלטן עטלעכע טעג און באַפרייען. אָבער אברהמקע, ביי וועמען די טורמע איז מיט אַ קורצער צייט צוריק געווען די צווייטע היים, האָט דאָסמאָל אַרויסגעוויזן אַזאַ קליינמוטיקייט, אַזאַ נערוועזיטעט און אפילו שרעק, אַז עס האָט זיך געדוכט, אַז ער איז נישט ביים קלאָרן פאַרשטאַנד. וויפיל מען האָט אים נישט באַוויזן, אַז אים דראָט נישט קיין געפאַר, האָט ער אַלץ געטענהט, אַז קורלאַנדסקי וועט זיך אָן אים נוקם זיין, אַז מען וועט אים זיכער פאַרשיקן אין סיביר און אַז ער מוז נישט אַנדערש ווי „לויפן".

אין דער אָרגאַניזאַציע איז מען צוליב דעם געווען זייער אומרואיק. מען האָט מורא געהאַט: אברהמקע איז שוין טאַקע אַן אָרגאַניזירטער אַרבעטער און זייער איבערגעגעבן, אָבער דאָך... זיין פאַרגאַנגענהייט... ווער ווייסט צי וועט ער ביישטיין?

צי דאָס איז געווען לויט אַ באַשלוס פון דער אָרגאַניזאַציע, ווייס איך נישט, נאָר אין איינעם אַ שבת האָבן זיך פאַרן „אַרעסטני דאָם" גענומען קלייבן גרופּעס אַרבעטער. בעתן צונעמען עסן פאַר די אַרעסטירטע, האָט מען דורך דער האַלב־אָפענער פורטקע געזען, ווי אברהמקע שפּאַצירט אויפן הויף און שמועסט מיטן „קלוטשניק" (היטער), מיט וועמען ער האָט זיך געקענט נאָך פון אַמאָליקע צייטן. אין אַ פּאַסיקן מאָמענט האָט אברהמקע אים אַ שאָט געטאָן אין די אויגן אַ

הויפן שמעק־טאַבאַק, ארויסגעריסן זיך פון הויף און געלאָזן זיך לויפן איבער די באַלעבטע גאַסן אין דער ריכטונג צו די „פּלעצער". ס'איז אנטשטאַנען אַ געיעג מיט אַ פּייפעריי. ס'איז געלאָפן די גאַנצע גאַס: פּאָליציי, קלוטשניקעס, אַרבעטער און סתם זויטיקע נייגעריקע מענטשן, וואָס האָבן אפילו נישט געוואוסט וואָס דאָ קומט פאָר און נאָך וואָס זיי לויפן. פאָרויס איז געלאָפן אברהמקע און פלינק און געשיקט אומגעוואָרפן יעדן, וואָס האָט אים געוואָלט פאַרהאַלטן. אַזוי איז מען אַלע צוזאַמען געלאָפן גאַס־איין גאַס־אויס און עס איז שוין שווער געוואָרן זיך פונאַנדערצוקלייבן, ווער וועמען עס יאָגט. דאָס געלויף איז געוואָרן גרעסער, געדיכטער און דער גערודער אין שטאָט שטאַרקער, ביז מען איז אַריבער דעם „פּערעיעזד" און געקומען אויף די „פּלעצער".

ווי אַזוי אברהמקע האָט זיך געראַטעוועט, געדענק איך נישט. איך ווייס נאָר, אַז פון דעם מאָמענט אָן איז אין אים געשען אַן איבער־ברוך: אברהמקע האָט ביסלעכווייז אויפגעהערט זיך ווייזן אויף דער „בירזשע"; מען האָט אָנגעהויבן רעדן, אַז אברהמקע איז אָפּט שיכור, אַז מען זעט אים פון צייט צו צייט מיט „זאָלאָטאַיאַ רוטשקאַ" (גילדן הענטל) — מיט זיין אַמאָליקן חבר צווישן די גנבים, אַז אברהמ־קע איז וואַרשיינלעך ווייטער אַ פאַרפאַלענער...

ווען איך בין אין יאָר 1903, נאָך אַ יאָר אָפּוועזנהייט, ווידער געקומען קיין דווינסק, האָב איך שוין אברהמקע „קאַטאַק" אויפן האָריזאָנט פון דער אַרבעטער־באַוועגונג מער נישט געזען. מען האָט אין שטאָט וועגן אים מער נישט געהערט.

וואו איז אַהינגעקומען אָט דער אברהמקע, וואָס האָט נישט געהאַט גענוג כּוח אויף אַרויפצושטייגן אויף שטענדיק פון אָפּגרונט, אין וועלכן גויט און שלעכטע סביבה האָבן אַראָפּגעשטויסן נישט איין אברהמקע „קאַטאַק" — ווייס איך נישט. מעגלעך, אַז ער איז צוריק געוואָרן אַ גנב און פאַרענדיקט זיינע יאָרן צווישן די פייכטע ווענט פון אַ טורמע, וואָס האָט אים שוין נישט געשראָקן; ווייל צו זיצן אין טורמע פאַר אַ גנבה דאַרף מען, זעט אויס, האָבן ווייניקער מוט און כּוח, ווי צו זיצן פאַר אַ גרויסער אידייע. אָבער די גרויסע אידייע פון באַפרייאונג האָט יאָ געהאַט גענוג מאָראַלישן כּוח אַרויפצוהייבן די אברהמקע „קאַטאַקס" צו זיך.

טייל פון זיי האָבן נישט אויסגעהאַלטן און זענען צוריק אַראָפּ־געפאַלן, אָבער אַ סך זענען געבליבן און שטייגן ווייטער און העכער...

איך הויב זיך אָן ענדערן

איך אַליין בין מיט קיין צו גרויסע זינד נישט געווען באַלאַסטעט: נישט געטרונקען, נישט גערויכערט, נישט געהאַט צו טאָן מיט קיין מיידלעך פון אַ געוויסן מין, ווי אַנדערע געזעלן אין מיין עלטער. דעריבער איז אין מיר קיין ראַשער איבערברוך נישט פאָרגעקומען. אָבער דאָך איז שוין אין די ערשטע טעג, ווי איך בין געוואָרן אַ „באַקאַנטער", פאָרגעקומען אין מיר אַן ענדערונג: איך האָב זיך אָנגעהויבן אַנדערש באַציִען צו מיינע אָרעמע עלטערן, צו וועמען, ווי עס ווייזט אויס, איך בין קיין צו־היים־געטרייער זון נישט געווען.

צו יענער צייט האָבן מיינע עלטערן פאַרלייגט אַ ניי „געשעפט", פון וועלכן זיי האָבן געצויגן אַ מאָגערע חיונה פאַר דער גאַנץ־היפּשער פאַמיליע: די מאַמע האָט זיך געשטעלט אויפן פיש־מאַרק האַנדלען מיט אויבס, און דער טאַטע האָט אויפן זעלבן מאַרק פאַרקויפט קוואַס — אַ קאָפּיקע פאַר אַ גלאָז.

אַלע פאַרנאַכט נאָכן מאַרק־טאָג האָט מען די קוישלעך פאַרבליבענע „סחורה" מיט די „האַנדלס־מכשירים", ווי: טעפּלעך, מעסטלעך, געוויכטן און וואָג, ווי אויך די טישלעך, אויף וועלכע די „קראָם" פלעגט ווערן אויסגעלייגט, באַדאַרפט שלעפּן אַהיים. געוואוינט האָבן מיר גאַנץ ווייט פון מאַרק. דער טאַטע — אַ הוסטער, מיט אַ האַלב־פּאַראַליזירטער האַנט און קראַנקן פוס — פלעגט אַן אָנגעלאָדענער מיט די קוישלעך אויף די אָרעמס און מיט אַ טיש אויף דער פּלייצע זיך שווער שלעפּן איבער די אָנגעהיצטע שטיינער, קוים אָפּכאַפּנדיק דעם אָטעם.

די מאַמע — אַ שוואַכע, מיט אַ האַרץ־פעלער, איז אויך נישט אָפּגעשטאַנען פון טאַטן ביים שלעפּן די משאות.

פון צייט צו צייט פלעגט מיין עלטערע שוועסטער חנה־לאה, ווען זי האָט נאָר באַוויזן צו דער צייט צו קומען פון פאַבריק, אַרויסהעלפן די עלטערן. די עלטערע שוועסטער מיינע איז געווען זייער אַ שיינע און שוין אין דער גאָר פריער יוגנט אַ גרויסע פראַנטיכע. פונדעסטוועגן פלעגט זי זיך גאָרנישט שעמען צו שלעפּן די קוישלעך איבער

די גאַסן, אַבי צו העלפֿן די עלטערן, איבערהויפּט דער מאַמען, ווען זי איז געווען זייער איבערגעגעבן.

דאַקעגן איך — שוין דאַן אַ געזונטער בחורעץ, פֿאַר וועמען אַ האַלבע גאַס יאַטן האָבן געציטערט, ווי פֿאַר פֿייער — האָב זיך נישט געוואָלט צורירן מיט עפּעס צו העלפֿן. עס פֿלעגט נישט העלפֿן נישט דאָס בעטן זיך פֿון דער מאַמען, נישט דאָס בייזערן זיך פֿון טאַטן. אָפֿט האָט פּאַסירט, אַז איך פֿלעג גיין אויף דער צווייטער זייט גאַס און זיך מאַכן נישט זעענדיק, ווי די עלטערן מיינע באַגיסן זיך מיט שווייס. שלעפּן פֿון די קוישן די שענסטע עפּל, די בעסטע באַרנעס און די זאַפּטיקסטע פֿלוימען — אויף דעם בין איך דווקא יאָ געווען אַ גרויסער בעלן, אָבער העלפֿן מיט וואָס — דאָס נישט.

דאָס איז געווען ביי מיר נישט פֿון שלעכטקייט, נאָר פֿון אַ נאַרישער בושה, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פֿאַר קינדער מיט שעמעוודיקע נאַטורן. און מיר דוכט, אַז אַ נאַטור האָב איך געהאַט אַ שעמעוודיקע.

איין גאָט דער לעבעדיקער ווייסט, פֿון וואַנען עס נעמט זיך ביי קינדער פֿון אָרעמע עלטערן די דאָזיקע נאַרישע ספּעציפֿישע בושה?

ארומצוגיין מיט קליי־פֿאַרשמאַלצענע הויזן, מיט פּאַליטור־פֿאַר־קלעפּטע נעגל און ברודיקע הענט פֿון אַרבעט האָב איך נישט באַ־טראַכט פֿאַר קיין בזיון. פֿאַרקערט, מיר, יונגע געזעלן און איבער־הויפּט לערן־ייִנגלעך, פֿלעגן זיך מיט דעם גאָר גרויסן, באַרימען. דאָס איז געווען אַ סימן, אַז מען אַרבעט, אַז מען איז נישט „אַבי־ווער". ביים צוזאַמענטרעפֿן זיך פֿלעגן מיר, לערן־ייִנגלעך פֿון יענער צייט, פֿאַרמעסטן זיך און מיט שטאָלץ גרויסן זיך איינער פֿאַרן צווייטן, ביי וועמען זענען די הענט און נעגל מערער איינגעשמירט אין דע־מאָלטיקן „פּעטערבורגער" רויטן לאַקיר. (דער קולט פֿאַר אַרבעט איז דעמאָלט געווען ביי דער יוגנט, ווי מיר דוכט, אַ סך גרעסער, ווי איצט). טראָגן אָבער איבערן גאַס אַ קוישל מיט עפּל אָדער פֿלוימען איז געווען פֿאַר מיר אַ גרויסער בזיון.

בעת איך בין געוואָרן אַ „באַקאַנטער", האָבן מיר מיינע אַגי־טאַטאָרן גאָרנישט געזאָגט וועגן דעם, אַז מיין בזיון איז אַ פֿאַלשער, און אַז איך דאַרף די עלטערן מיינע העלפֿן אין זייער שווערן לעבן. דאָס איז געקומען פֿון זיך אַליין, און איך האָב אָנגעהויבן צו זיין אויפֿמערקזאַמער צו מיינע טאַטע־מאַמע. אמת איז, אַז איך האָב

שטאַרק געדאַרפט מיט זיך קעמפן, כּדי גובר צו זיין די נאַרישע קינדע־רישע בושה, און נישט אַלעמאָל פלעגט זיך דאָס מיר איינגעבן. אָבער איך האָב געפילט אַן אינערלעכע טיפע באַפרידיקונג יעדעס מאָל, ווען איך האָב זיך גובר געווען. פאַרקערט, ווען די נאַרישע בושה האָט מנצח געווען, פלעג איך זיך שפּעטער פייניקן, ווי איך וואָלט באַגאַנגען דאָס גרעסטע פאַרברעכן.

צו יענער צייט האָב איך אויך אָנגעהויבן צו לעבן גוט מיט מיין עלטערער שוועסטער, מיט וועמען, ווי עס געדענקט זיך, איך האָב פריער נישט געלעבט בשלום. איך האָב זיך אפילו אונטערגענומען העלפן איר פון מיינע פאַרדינסטן אויסצאָלן פאַר דער זאָקן־מאַשין, וואָס זי האָט דעמאָלט געקויפט „אויף ראַטעס". אין אונזערע באַצי־אונגען איז דאָס געווען זייער אַ הויכע מדרגה...

תנאים און חתונות

נישט געקוקט אויף מיינע 18—19 יאָר, בין איך אָבער גיך געוואָרן זייער טעטיק און אָנגעזען צווישן די סטאָלער־אַרבעטער און געוואָרן אַ מיטגליד אין דער סכאָדקע. אַ גרויסע ראָלע האָט דאָ, וואַר־שיינלעך, געשפּילט וואָס איך בין שוין צו יענער צייט געווען פאַר־רעכנט פאַר אַ גוטן אַרבעטער. נישט געקוקט אויף מיין קליינעם וואוקס, האָב איך סיי אין גוטסקייט אין דער אַרבעט, סיי אין שנעלקייט שוין געהאַט אַריבערגעיאָגט אַברהמקע דעם רויטן — דעם שנעלסטן אַר־בעטער אין שטאָט.

נישט קיין קלענערע ראָלע אין מיין אָנזען האָט דאָ געשפּילט אויך דאָס וואָס די עלטערע, מער־אָנגעזעענע אַרבעטער האָבן אָנגע־הויבן עמיגרירן נאָך אַמעריקע און אין אַנדערע לענדער פון יענער זייט ים. די עמיגראַציע קיין אַמעריקע האָט דעמאָלט, ווי באַוואוסט, אָנגענומען אַ סטיכישן כאַראַקטער. ביי די צאַרישע פאַרפאָלגונגען פון דער באַוועגונג האָט מען זיך נישט געפילט זיכער מיטן מאָרגנדיקן טאָג, בפרט פאַרהייראַטע אַרבעטער. און עס האָט זיך געהאַט איינ־געשטעלט ווי אַ מנהג אַזאַ, אַז גלייכצייטיק מיט די תּנאים צווישן אַ „באַקאַנטער" מיט אַ „באַקאַנטן", האָבן חתן־כּלה זיך פאַרזאָרגט מיט אַ שיף־קאַרטע. עס איז אַזוי־אַרום געווען אַ שטענדיקער אָפּפלוס פון טוער און מען האָט באַדאַרפט די פּוסט־געוואָרענע ערטער פאַר־פולן מיט פרישע יונגע כּוחות.

עס וועט זיין נישט איבעריק דאָ צו מאַכן אַ קליינע אָפּווייכונג און ביי דער געלעגנהייט באַשרייבן די אַמאָליקע תּנאים און חתונות צווישן „באַקאַנטע".

אַ תּנאים איז דעמאָלט אין דער נייער סביבה געווען נישט נאָר אַ פּריוואַט־זאַך. דאָס איז געווען אַ יום־טוב פון דער גאַנצער אָרגאַני־זאַציע; איבערהויפּט ביי די פאַך־גרופּן, צו וועלכע חתן־כּלה האָבן געהערט. אַ קלייניקייט צו זאָגן — עס גייען דאָך חתונה האָבן די און די אָנגעזעענע טוער. פון זיי דאַרף דאָך אויסוואַקסן, וועט דאָך אויס־וואַקסן אַ גאַנץ אַנדער דור נישט ענלעך אויף היינטיקע מענטשן.

אין דעם זין פלעגן געהאַלטן ווערן די טאָאַסטן און גליקוואונטשן צו די פאַרקנסטע. און הגם נישט אַלע מאָל זענען די טאָאַסטן און וואונטשן מקוים געוואָרן, ווייל זייער אָפט פלעגט טרעפן דאָס די יונגע פּאָר איז גלייך נאָך דער חתונה צוריק אַראָפּגעשלעפּט געוואָרן אין בירגערלעכן, אָפט רעליגיעזן און אַבערגלויבערישן געמויזעכטס, אָבער ביים ווינטשן האָט מען נישט געזען די פּראָזאאישע צוקונפט, נאָר די הערלעכע, באַגייסטערטע קעגנוואַרט. און עס איז געווען פון וואָס באַגייסטערט צו ווערן.

די שמחה פלעגט פאָרקומען אין איינעם פון די גרעסטע חתונה־זאַלן פון שטאָט מיט דער באַטייליקונג פון דער גאַנצער אָרגאַניזאַציע. מאַנכעס מאָל אויך מיט דער באַטייליקונג פון פּאַרקאָנספּירירטע פאַרשטייער פון קאָמיטעט, וואָס בלויז געציילטע האָבן געוואוסט ווער זיי זענען. דאָס האָט צוגעגעבן דער שמחה גאָר אַ באַזונדערן מיסטיש־יום־טובדיקן גלאַנץ. די טראַדיציאָנעלע חתונה־צערעמאָניע פלעגט ווערן גיך אָפּגעפּאַרטיקט. סיי טאַטע־מאַמע, סיי די עלטערע מחותנים האָבן גאַנץ גוט פאַרשטאַנען, אַז קיין צו־גרויסע מחזקות מיט באַזעצנס, מיט פּסוקים און באַווייגעכטס דאַרף מען נישט מאַכן. אַפילו דער בדחן פלעגט פאַרשטיין אין זיינע טראַדיציאָנעלע גראַמען אַריינצופלעכטן פערזן און צווידייטיקע רמזים לויטן געשמאַק פון די אויסטערלישע יונגע מחותנים. און אויב עס איז אים געלונגען און די רמזים זענען דעם עולם געפעלן געוואָרן, זענען אין זיין טעלער אָפּטער געפאַלן סאָלידע, האַרטע, קופּערנע „צענערס" (פינף קאָפּיקעס) באַגלייט מיטן פרייטלעכן קלאַנג פון די קליינע זילבערנע „גריוונעס" (צען קאָפּיקעס).

אָבער די אמתע „חתונה" פלעגט זיך אָנהייבן ערשט דעמאָלט, ווען די עלטערע מחותנים פלעגן נאָך האַלבער נאַכט אָנטאָן די שווערע גראַנאַטאָווע מאַנטלען און ווינטשן חתן־כּלה „מזל טוב!" דעמאָלט האָבן זיך אָנגעהויבן די רעדעס מיט די טאָאַסטן, דאָס קלייבן געלט אויף פאַרשידענע צוועקן און דאָס זינגען רעוואָלוציאָנערע לידער — ביז אין גראָען טאָג אַריין.

נישט אַלע מאָל פלעגט זיך עס ענדיקן אַזוי אידיליש: עס האָט פּאַסירט נישט איינמאָל, אַז אין מיטן ברען פון די טאָאַסטן און רעדעס האָט מען זיך דערוואוסט, אַז פּאָליציי איז געוואויר געוואָרן וואָס דאָ קומט פאָר און אַז דער זאַל ווערט אַרומגערינגלט. די גרעסטע זאָרג איז דעמאָלט געווען צו פאַרהיטן די פּאַרקאָנספּירירטע טוער, וועלכע

זענען נישט געווען גענוג פּראַזיכטיק און האָבן נישט געקענטביישטיין דעם נסיון און געקומען אויף דער חתונה.

דער ברייטערער אַרבעטער־עולם פון דער אָרגאַניזאַציע פלעגט זיך דערביי ערשט דערוויסן ווער איז דאָס דער יונגערמאַן מיטן בלאַסן פּנים און שוואַרצן בערדל, וועלכער האָט זיך ביז איצט נישט געוואָרפן אין די אויגן און איצט שמייען אַרום אים די אַנגעזעענסטע טוער און זוכן אַן אָרט וואו אים צו פאַרשטעקן. טײַלמאָל פלעגט זיך איינגעבן דער פּאָליציי צו פאַררעדן די ציין; טײַלמאָל איז דאָס אויס־געגאַנגען צו עטלעכע „קערבלעך" (רובל); און טײַלמאָל פלעגט זיך אַרויסווייזן, אַז דאָס איז בלויז דער „בודאָטשניק" (פּאָליציאַנט), וועלכער איז געקומען אָנוואַרעמען זיך און אַריינכאַפּן דערביי אַ שנעפּסל. אין דעם פאַל האָט מען מחמת צופרידנקייט, וואָס דאָס איז געווען בלויז אַ פאַלשע „טרעוואָגע", נישט געזשאַלעוועט דעם „פאַר־שטייער" פון צאַר קיין ביר און קיין בראָנפן.

געווען אָבער פאַלן, ווען דער גאַנצער עולם צוזאַמען מיט חתן־כּלה פלעגן פאַרהאַלטן ווערן ביז טאָג. עס זאָלן צוליב דעם אַנטשטיין גרעסערע קאָמפּליקאַציעס, געדענק איך נישט. בכלל האָבן די חתונה־זאַלן געדינט דער אָרגאַניזאַציע ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן.

ביי גרעסערע רעוואָלוציאָנערע יום־טובים, ווי די באַפרייאונג פון די פּויערים, גרינדונג פון אינטערנאַציאָנאַל, יאָרטאָג נאָכן אַטענ־טאַט אויף אַלעקסאַנדער דעם צווייטן און ביי ענלעכע געלעגנהייטן פלעגט די אָרגאַניזאַציע איינאָרדענען אין די חתונה־זאַלן פיקטיווע תּנאים, מיט פיקטיווע חתן־כּלה. כּדי אַלץ זאָל זיין ווי אויף אמתע תּנאים פלעגט מען אַפילו די תּנאים אָנשרייבן און לאָזן זיי ליגן אויפן טיש, כּדי אַלץ זאָל אויסזען כּשר.

ווי שוין געזאָגט, בין איך יונג אַריינגעטראָטן אין דער „סכאָד־קע", און צוזאַמען מיט מיכל דעם סטאָלער זענען מיר געוואָרן די פירער פון דער פרימאָרגנדיקער אַרבעט־בירזשע.

די דאָזיקע אַרבעט־בירזשע, וועלכע איז פאַרן הײַנטיקן דור אַרבעטער און אַפילו אַרבעטער־טוער לגמרי נישט באַקאַנט, האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין די עקאָנאָמישע קאַמפן פון די יידישע אַרבעטער, וואָס זענען געווען באַשעפטיקט אין דער בוי־אינדוסטריע.

די אַרבעט־בירזשעס

איינער פון די זעלטנסטע מאָמענטן אין דער געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, וועלכער איז אגב פאַריבער כמעט נישט באַמערקט, איז אָן צווייפל — דער קאַמף פון די יידישע אַרבעטער אין ליטע פאַר די אַרבעט־בירזשעס.

דער קאַמף הייבט זיך אָן אין סוף פון 19־טן יאָרהונדערט ביי די יידישע בוי־אַרבעטער אין פאַרשידענע שטעט פון ליטע. צו דער צייט הייבט זיך גלייכצייטיק אָן אין יידישן תּחום אַ שטאַרקע שטרייק־באַוועגונג אויך אין אַנדערע פאַכן. צום אָנהייב פון 20־טן יאָר־הונדערט האָט שוין דער עקאָנאָמישער קאַמף פון יידישן פּראָלע־טאַריאַט — זיינע פאָדערונגען, אָרגאַניזירטקייט און באַוואוסטזיניקייט — אַריבערגעשטיגן די מעגלעכקייטן, וואָס די פּאָליטישע באַדינ־גונגען פון יענער צייט האָבן דערלאָזן. די פאָדערונגען פון אַרבעט־בירזשעס זענען נישט געווען אַרויסגעשטעלט פון אַלע אַרבעטער פון דער אָדער יענער שטאָט צו די אָרטיקע זעלבסטפאַרוואַלטונגען אָדער מלוכה־אַנשטאַלטן; די פאָדערונג איז אויך נישט געווען ענלעך צו די פאָדערונגען פון די מערב־אייראָפּעאישע אַרבעטער אין דעם געביט: מ׳האָט נישט געפאָדערט שאַפן באַזונדערע ספּעציעלע אַנ־שטאַלטן, וועלכע דאַרפן די אַרבעטלאָזע אַרבעטער פאַרזאָרגן מיט אַרבעט, אויפבויען צו דעם צוועק געביידעס, אויסהאַלטן אָנגעשטעלטע, פאַרוואַלטער אויפן חשבון פון דער מלוכה אד״גל, נאָר די אַרבעטער פון איין פאַך אָדער צווייג האָבן פאַרלאַנגט פון זייערע באַלעבאַטים זיי זאָלן נישט נעמען צו דער אַרבעט די אַרבעטער, וועלכע קומען צו די באַלעבאַטים אהיים און געצוואונגען זיי נעמען אַרבעטער נאָר פון די אַרבעט־בירזשעס. צו דעם צוועק פלעגן זיך די אַרבעטער צונויפקומען אויף אַ באַשטימטן אָרט (כמעט אומעטום אונטערן פרייען הימל) און די באַלעבאַטים האָבן פאַר אַלעמען אין די אויגן זיך געדאַרפט צונויפרעדן מיט די אַרבעטער וועגן פּרייז, אַרבעטס־טאָג און אַנדערע באַדינגונגען. דורך דעם האָבן די אַרבעטער גע־וואָלט פאַרקלענערן דעם אָנבאָט און פאַרגרעסערן די נאָכפראַגע

אויף אַרבעט. אויך אין דווינסק איז געווען אַזאַ אַרבעט־בירזשע און וועגן אירע מעטאָדן פון קאַמף וועל איך דאָ דערציילן.

שוין אין דער ערשטער סטאַדיע פון קאַמף האָבן די אָנפירער פון דער באַוועגונג ריכטיק אָפּגעשאַצט אַ צווייטע אויפגאַבע, וואָס דאַרף געלייזט ווערן דורך דער אַרבעט־בירזשע: ווי ווייט מעגלעך נישט דערלאָזן אַראָפּדריקן דעם אַרבעטס־לוין אין דער צייט פון אַרבעטלאָזיקייט. זייענדיק שטענדיק צוזאַמען אויף די בירזשעס, איז געווען אַ מעגלעכקייט ווידערצושטיין די אַפּעטיטן פון די אונטער־נעמער און קאָנטראָלירן די שוואַכערע און ווייניק באַוואוסטזיניקע אַרבעטער.

די בירזשע האָט געקעמפט און זיך דערשלאָגן, אַז אַלע זונטיק דאַרפן סיי די אַרבעטלאָזע, סיי די באַשעפטיקטע אַרבעטער זיך צונויפ־קומען אויף דער בירזשע און די אָנפירער פון די פּראָפעסיאָנעלע קאָ־מיסיעס דאַרפן רעגולירן, אַז דער קאָנטיגענט אַרבעטלאָזע זאָל נישט בלייבן אַ לענגערע צייט איינער און דער זעלבער, ווייל דאָס מוז אומ־באַדינגט ווייטער פירן צו אומפאַרמיידלעכער קאָנקורענץ צווישן די אַרבעטער. די אַרבעטנדיקע ווערן אַלע וואָך אָדער אַלע צוויי וואָכן פאַרביטן דורך אַרבעטלאָזע, אויב אַזעלכע זענען דאָ. אָפטמאָל אַר־בעטן אין איין וואַרשטאַט אַ טייל אַרבעטער דעם ערשטן, אַ טייל דעם צווייטן האַלבן טאָג. נאָר אַזוי ווי דאָס רעגולירן און פונאַנדערטיילן די אַרבעט צווישן די אַרבעטער, ווי איבערהויפּט דאָס קומען אויף דער בירזשע האָט ביי די אַרבעטער, וואָס האָבן געוואוינט אין פאַר־שידענע עקן פון שטאָט אָפּגענומען אַ סך צייט, האָט זיך די בירזשע דורך לאַנגע און שווערע שטרייקן דערשלאָגן, אַז זונטיק זאָל זיך די אַרבעט אין די וואַרשטאַטן אָנהייבן מיט אַ שעה שפּעטער, ווי אַלע טאָג. עס פאַרשטייט זיך, אַז די באַלעבאַטים האָבן פון זייער זייט געפירט אַ שטענדיקע מלחמה קעגן דער בירזשע און די שטרייקן, איבערהויפּט אין האַרבסט, פלעגט זיך פאַרציען אויף גאַנצע חדשים.

די אונטערנעמער האָבן אָבער ריכטיק אָפּגעשאַצט די געפאַר וואָס שטעקט פאַר זיי אין דער בירזשע און זיי פלעגן זוכן אַלערליי מיטלען, ווי אַזוי זי צו פאַרניכטן. אַזוי, צ. ב., האָבן די דווינסקער סטאָליער־באַלעבאַטים געפירט אַ קאַמף פאַר דעם אָרט פון דער בירזשע. די אַרבעטער האָבן אויסגעקליבן אַן אָרט פאַר דער בירזשע אויף איינער פון די צענטראַלע גאַסן (ריגער גאַס). דאָס איז די באַ־

לעבאטים נישט געפעלן. זיי האבן געטענהט, אז „זיי ווילן זיך נישט מאכן צו ליטישע געלעכטער און פירן זייערע אונטערהאנדלונגען מיט די ארבעטער פאר אלעמען אין די אויגן". זיי האבן דעריבער פארלאנגט, אז די בירזשע זאל איינגעארדנט ווערן הינטער דער שטאט (עקפלאנעט) אויף אן ארט א פארווארפענעם, א בלאטיקן, וואס וואלט געשטערט די ארבעטער רעגולער זי צו באזוכן. די באלעבאטים האבן אפילו צוגעזאגט איינארדנען אויפן נייעם ארט אויף זייער חשבון בענק צום זיצן. די ארבעטער האבן אבער גאנץ גוט פארשטאנען דעם ריכטיקן מיין פון אזא גוטהארציקייט און זענען געבליבן אויף זייער אלטן אויסגעקליבענעם ארט.

די באלעבאטים האבן אויך פרובירט געבן א טויט־קלאפ דער בירזשע נישט נאר אין אפענעם קאמף: אזוי, צ. ב., פלעגן זיי זיך צוזאמענרעדן און קומען אויף דער בירזשע אנדינגען ארבעטער נאר מאנטיק, כדי די ארבעטער זאלן פארלירן א טאג ארבעט. אויף דעם האבן די אנפירער פון דער בירזשע געענטפערט מיט א קאנטער־קלאפ: זיי האבן געפאדערט, אז אויב מען נעמט אן ארבעטער צו דער ארבעט מאנטיק, דארף דער אונטערנעמער אים צאלן פאר א גאנצע וואך, אדער דער ארבעטס־לוין זאל מאנטיק זיין העכער ווי זונטיק.

כאראקטעריסטיש איז פאר יענער צייט די סיסטעם וואס די בירזשע האט איינגעפירט, אז אן ארבעטער דארף נישט ארבעטן אויף איין ארט מער ווי א באשטימטע צייט — פיר־פינף וואכן. היינט קלינגט עס כמעט ווי א וויץ. היינט, ביי דער מאדערנער ארבעטער־באוועגונג, וועלכע קעמפט דערפאר אז אן ארבעטער זאל נישט אפגעזאגט ווערן אן געוויסע סיבות, אן דעם וויסן פון פראפעסיאנעלן פאראיין, אז דער ארבעטער זאל נישט געשליידערט ווערן פון איין ארט אויפן צווייטן לויטן ווילקיר פון אונטערנעמער, היינט — זאגן מיר — זעט אויס די אויבן־דערמאנטע סיסטעם אפילו רעאקציאנער. נאר אין יענער צייט, אין אנפאנג פון דער יידישער ארבעטער־באוועגונג, האט די דאזיקע סיסטעם אנטשפראכן די דעמאלטיקע פארהעלטענישן פון ארבעט און קאפיטאל אויף דער יידישער גאס.

צווישן ארבעטער און אונטערנעמער האבן אין יענער צייט דאס רוב געהערשט פאטריארכאלישע באציאונגען. דער ארבעטער פלעגט זיך גאנץ אפט אנדינגען צו דער ארבעט אויף קעסט ביים באלעבאס, „נאכטלעגער", מיט שבת (איבערהויפט די נישט־פארהייראטע און

אַנגעפּאַרענע). אַזאַ אַרבעטער איז געווען, קאָן מען זאָגן, אינגאַנצן אין רשות פון באַלעבאָס און צוליב די קעסט — אָפּהענגיק אַפילו פון דער באַלעבאָסטע. ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די שטרייק־באַוועגונג, פלעגן די אונטערנעמער אויסנוצן דעם דאָזיקן קאָנטינגענט אַרבעטער פון „אייגענע מענטשן" אַלס שטוביקע. זיי פלעגן געוויינלעך אַרבעטן לענגער ווי די באַשטימטע צייט, דער אונטערנעמער פלעגט פון זיי זיך דערוויסן וואָס עס קומט פאָר אין זיין ווערקשטוב, צווישן די אַרבעטער פון גאַנצן פאַך; דאָס פלעגט די אונטערנעמער געבן די מעגלעכקייט אַריינטראָגן אַ צעשפּאַלטונג צווישן די אַרבעטער, איבער־הויפּט בעת אַ שוואַכן סעזאָן.

די פאָדערונג פון אַרבעטן נאָר אַ באַשטימטע צייט אויף איין אַרבעט־פּלאַץ האָט אַלזאָ געהאַט דעם ציל צו קעמפן מיטן אינסטיטוט פון „אייגענע אַרבעטער־מענטשן". עס פאַרשטייט זיך, אַז ביי אַזאַ לאַגע האָט שוין דעם וויניק־באַוואוסטזיניקן אַרבעטער איינפאַך נישט געלוינט צו חנפענען דעם אונטערנעמער און איינרייסן מיט דער בירזשע. ער איז, הגם קענן זיין ווילן, דאָך אַריינגעצויגן געוואָרן אין קרייז פון די אַלגעמיינע אַרבעטער־אינטערעסן און ס'האָט זיך ביי אים נענומען אַנטוויקלען די נייטיקע אַרבעטער־סאָלידאַריטעט.

מיט דער אַנטוויקלונג פון דער באַוועגונג שטייגט דער באַ־וואוסטזיין ביי די אַרבעטער און ס'פאַרשווינדט פון בירזשע־האָרי־זאָנט די אויבנדערמאָנטע סיסטעם פון אַרבעטן בלויז אַ קורצע צייט אויף איין אָרט; פאַרקערט, עס טרעט דעמאָלט אַרויס די מאָדערנע פאָדערונג, אַז אַן אַרבעטער טאָר נישט אָפּגעזאָגט ווערן פון דער אַרבעט אָן וויכטיקע סיבות.

גאָר אַ גרויסע ראָלע האָט געשפּילט די בירזשע אין סעזאָן־צייט, ווען עס איז גרויס דער שטראָם פון אָנגעפאָרענע פּראָווינציעלע אַרבעטער. די באַלעבאַטים נוצן זיי אויס אין קאַמף קעגן די שטאָ־טישע אַרבעטער. אָבער זייענדיק געצוואונגען צו קומען זוכן אַרבעט אויף דער בירזשע, באַקענען זיך די צוגעפאָרענע גלייך מיט די באַ־דינגונגען, אָפּמאַכן, וואָס הערשן אין שטאָט ביי די אַרבעטער: גרויס פון אַרבעטס־טאָג, שכירות, שטיק־אַרבעט אד"גל. אָפט באַקומען זיי אַפילו געלט־שטיצע פון די „פאַך־קאַסעס", ביז עס וועט דערגיין זייער ריי אויף אַרבעט.

דאָס אַלץ האָט זיי גלייך אַריינגעפירט אין קרייז פון אַרבעטער־סאָלידאַריטעט און כמעט אינגאַנצן פּאַראַליזירט די שעדלעכע קאָנ־קורענץ צווישן זיי און די שטאָטישע אַרבעטער.

דעם אמת דאַרף מען אָבער זאָגן, אַז נישט אַלע מאָל האָט די בירזשע געקעמפט קעגן דעם שטראָם פון די אָנגעקומענע אַרבעטער מיט געהעריקע מיטלען. די ערשטע צייט פלעגט מען זיי באַקעמפן ווי שונאים, נישט צולאָזן צו דער אַרבעט וואָכן־לאַנג, צווינגען זיי צו פאָרן צוריק אין קליינעם שטעטל אַריין. און אפשר טאַקע האָט דער דאָזיקער קאַמף קעגן די פּראָווינציעלע אַרבעטער אין פיל ערטער אַרויסגערופן צום לעבן די בירזשעס גופא; די אַרבעט־בירזשעס פלעגן זיך אַנטוויקלען און פונקציאָנירן הויפּטזעכלעך אין יענע צווייגן, וואו ס'איז אַלע מאָל געווען אַ גרויסער צופלוס פון אַרבעטס־הענט פון די קלענערע שטעט: סטאָלאַרעס, בלעכער, פאַרבער, טשעסלאַ־רעס און אַנדערע פאַכן פון דער בוי־בראַנזשע. אין די דאָזיקע פאַכן הערשט סעזאָן־אַרבעט; דער אונטערנעמער ווייסט נישט גענוי, וויפיל אַרבעטער ער וועט דאַרפן האָבן. דאָס איז אָפּהענגיק דערפון וויפיל געביידעס ער נעמט זיך אונטער צו רעמאָנטירן אָדער אויפ־בויען; די אַרבעט ווערט דורכגעפירט איבערהויפּט זומער־צייט. אויס־געהונגערטע פון אַ גאַנצן ווינטער גיבן זיך די אַרבעטער באַלד נאָך פּסח אַ לאָז פון די קלענערע שטעטלעך אין די גרויסע. אָפטמאָל שטייגט דער אָנבאָט אַריבער די נאָכפראַגע. ס'איז שווער די אַרבעט־באַדינגונגען צו רעגולירן, און דאָס פלעגן די אונטערנעמער אויס־נוצן און שליסן אָפּמאַכן מיט די אָנגעפאָרענע פּראָווינצער אַרבעטער אויפן גאַנצן סעזאָן. די אָפּמאַכן זענען אָפט געשלאָסן געוואָרן אין די שולן און בתּי־מדרשים, וואו די פּראָווינצער פלעגן זיך אַרומוואַלגערן, נישט האָבנדיק קיין וואוין־אָרט און וואו זיי האָבן גאַנץ אָפט זיך גע־לאָזט נאַרן פון די אונטערנעמער.

די בירזשע איז געווען אַמבעסטנס צוגעפּאַסט צו קעמפן מיט דער מוראדיקער קאָנקורענץ. צום אָנפאַנג פון סעזאָן טרעט די בירזשע אַרויס צו נאָרמירן דעם אַרבעטס־טאָג, די גרויס פון די שכירות און אַנדערע באַדינגונגען, און וואָס וויכטיקער איז — יעדער אונטער־נעמער דאַרף אָנווייזן דעם פאָרשטייער פון דער בירזשע וויפיל און וועמען פון די אַרבעטער ער וואָלט געוואָלט נעמען צו דער אַרבעט, אומאָפּהענגיק פון דעם ווער עס האָט ביי אים געאַרבעט דעם פאָריקן

סעזאָן און אַפילו דעם ווינטער. אָפט קומט עס צו סכסוכים. די בירזשע וויל נישט געבן דעם באַלעבאָס די אַרבעטער, וועלכע ער וויל, ווייל די פירער פון די בירזשעס ווייסן שוין, אַז ביי אַ טייל אַרבעטער, איבערהויפּט פון די אָנגעפאַרענע, איז שוין דאָ אַ „געהיימער אָפּמאַך" מיט די אונטערנעמער. די פאַך־קאָמיסיעס אָדער דער בירזשע קומט אויס, אין דעם פאַל, אויסצוהאַלטן אַ שטורעם מצד די ווייניק־באַוואוסטזיניקע אַרבעטער גופא. די אונטערנעמער פלעגן אויסנוצן די דאָזיקע אומצופרידנהייט און האָבן מיט אַלע מיטלען זיך באַמיט די בירזשע צו צעברעכן. דאָס האָט זיך זיי אָבער נישט איינגעגעבן: די בירזשע איז געוואָרן איינגעוואָרצלט אין לעבן פון די אַרבעטער און זי איז געבליבן אַ מעכטיקער פאַקטאָר אין זייער קאַמף.

נישט ווייניק איז די בירזשע אויסגעשטאַנען אויך מצד דער פּאָליציי. נישט איינמאָל האָט זי די בירזשע צעטריבן און אַפילו אין איר געשאָסן. אַ סך אָנפירער זענען דירעקט פון דער בירזשע געוואָרן אַרעסטירט און פאַרשיקט אין סיביר. איבערהויפּט פלעגן זיך די רעפּרעסיעס פאַרשטאַרקן ערב דעם 1־טן מאַי, ביי אַן אַלגעמיינעם עקאָנאָמישן אָדער פּאָליטישן שטרייק. אין די שווערסטע צייטן פון רעאַקציע, ווען אַ סך אַנדערע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס זענען צייטוויייליק צעשמעטערט געוואָרן, האָט די בירזשע נישט אויפגעהערט צו פונקציאָנירן און פלעגט ווייטער שמידן די קייט פון אַרבעטער־סאָלידאַריטעט און רעוואָלוציאָנערן קלאַסן־באַוואוסטזיין.

אין די אויבן־אָנגעוויזענע צווייגן פון דער בוי־בראַנזשע, אויסער טשעסלאַרעס, זענען געווען אין יענער צייט אין דווינסק באַשעפטיקט כמעט אויסשליסלעך יידישע אַרבעטער. עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז דאָ האָט זיך געפילט די האַנט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע — די דערפאַרענע האַנט פון אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער־בונד. די אַרבעטער האָבן זיך דערשלאָגן אַן 8־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג, מינימאַלן אַרבעטס־לוין, מענטשלעכע באַהאַנדלונג, געצאָלט פאַרן 1־טן מאַי און אַנדערע פּאָליטישע שטרייקן, אָפּגעשאַפט שטיק־אַרבעט אאַז"וו.

דער בליענדיקער מצב פון דער בירזשע דויערט אַזוי ביז אַן ערך 1906—1907. פון יענער צייט אָן באַמערקט זיך אין די אויבנדערמאָנטע צווייגן אַ שטאַרקער צופלוס פון קריסטלעכע אַרבעטער. די טשעסלעריי, וואו זיי פלעגן הויפּטזעכלעך זיין באַשעפטיקט, הייבט אָן פאַלן. הילצערנע געביידעס ווערן פאַרביטן מיט ציגלענע און

שטיינערנע; די קריסטלעכע טשעסלאַרעס הייבן־אָן אַריבערגיין אין די שכנישע פאַכן: בוי־סטאָלעריי, מעבל־סטאָלעריי אד"גל. זיי זענען נישט אָרגאַניזירט, די בירזשע האָט אויף זיי קיין ווירקונג נישט. דער „בונד" לאָזט אַרויס צו זיי בלעטלעך, אויפרופן, אָרגאַניזירט ספּע־ציעלע גרופּן אַרבעטער און אינטעליגענטן אויף צו פירן די אַגיטאַציע צווישן די קריסטלעכע אַרבעטער און אָרגאַניזירן זיי. דאָס קומט אָבער אָן גאַנץ שווער. דער עלעמענט איז אַ פינצטערער. אויפווייזן אים, אַז דער באַלעבאָס, וואָס גיט אַרבעט, און גאַנץ אָפט אויך שנאַפּס, איז דיר אַ שונא — איז נישט פון די לייכטע זאַכן. און בפרט נאָך, אַז דאָס זאָגן יידן, און יידן־סאָציאַליסטן, איז דאָך דאָס געוויס שקר. ס'האָט זיך געפאָדערט אַ ספּעציעלע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, ספּעציעל צוגעפּאַסט צו דער פּסיכאָלאָגיע און לעבנס־באַדינגונגען פון קריסט־לעכן פּראָלעטאַריאַט. אַזאַ אָרגאַניזאַציע איז אָבער נישט געווען. דער אַרטיקער „צפון־מערבדיקער קאָמיטעט" פון דער רוסלענדער סאָצ. דעמ. אַרב. פּאַרטיי זעט זיין הויפּט־אויפגאַבע אין אָפּרייסן אַ צענטליק יידישע אַרבעטער פון „בונד", אָבער נישט אין אָרגאַניזירן פּאָליטיש און פּראָפעסיאָנעל די קריסטלעכע אַרבעטער; אַגב, איז דער „צפון־מערבדיקער קאָמיטעט" אַליין באַשטאַנען כמעט אויסשליסלעך פון יידן און איז צו דער אַרבעט צווישן די קריסטלעכע אַרבעטער לחלוטין נישט געווען צוגעפּאַסט.

די קריסטלעכע אַרבעטער בלייבן נישט־אָרגאַניזירט און אויסער דער באַוועגונג; זיי באַזוכן אינגאַנצן נישט די בירזשע, אַרבעטן פון שטיק, פאַר קלענערע שכירות און אַ לענגערן אַרבעטס־טאָג. אפילו אין איין וואַרשטאַט, וואו עס אַרבעטן יידן מיט קריסטן צוזאַ־מען, אַרבעטן די לעצטע אויף ערגערע באַדינגונגען, ווי די ערשטע. די באַלעבאַטים נוצן דאָס אויס. ס'הייבט זיך אָן אַ קאַמף קעגן די באַלעבאַטים און אויך קעגן די קריסטלעכע אַרבעטער. אויפן קלאַסן־באַוואוסטזיין פון די יידישע אַרבעטער ווירקט גאַנץ שלעכט די דאָזיקע באַציאונג צווישן די יידישע און קריסטלעכע אַרבעטער. ס'הייבן אויף דעם קאָפּ די פינצטערע עלעמענטן, דער ערב־רב פון דער מאַסע... „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער פאַראייניקט אייך" — האָבן זיי גע־טענהט — איז אַ ריין־יידישע „קרענק", והא־ראיה: די קריסטלעכע אַרבעטער ווילן דערפון נישט וויסן. די אויטאָריטעט פון דער בירזשע פאַלט. די אַרבעט־באַדינגונגען ווערן ערגער. דאָך איז נאָך די בירזשע

נעבליבן אַלס אַ ספּעציפישע אָרגאַניזיר־פאָרם פון די אַרבעטער אין דער בוי־אינדוסטריע.

אין אָנפאַנג פון דער ערשטער וועלט־מלחמה לעבט די בוי־אינדוסטריע איבער אַ שרעקלעכן קריזיס. ס'ווערן נישט אַריינגעלייגט קיין קאַפּיטאַלן אין אומבאַוועגלעכע גיטער, נאָר אין האַנדל און אין אַזעלכע אונטערנעמונגען, וואָס באַדינען דירעקט אָדער אומדירעקט דעם פראָנט און די אַרמיי. די אַרבעטלאָזיקייט אין דער בוי־בראַנזשע איז אַן אַבסאָלוטע; די בירזשע באַקומט דעם לעצטן קלאַפּ און שטאַרבט אינגאַנצן אָפּ. דאָס זעלביקע קומט פאָר אויך אין אַנדערע שטעט.

אַזוי פאַרענדיקט זיך די קאָמפּרייכע געשיכטע פון די אַרבעטבירזשעס ביי די יידישע אַרבעטער, וואָס האָט זיך געצויגן אין משך פון כמעט צוויי צענטליק יאָר.

די נייע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע באַדינגונגען האָבן געשאַפן נייע פאָרמען פון אָרגאַניזאַציע און קאַמף. ביי די דאָזיקע באַדינגונגען שעפּט אָבער דער יידישער אַרבעטער אין זיין העראָאישער פאַרגאַנגענהייט מוט און ענערגיע צו פירן זיין ווייטערדיקן קאַמף פאַר אַ בעסער לעבן, פאַרן סאָציאַליזם.

דער שטרייק אין זאַקסי פאַבריק

די ערשטע עקאָנאָמישע שטרייקן אין דווינסק זענען פאָרגעקומען ביי די מאַנטל־שניידער. איך בין נאָך געווען יונג און איך געדענק עס בלויז, ווי דורך א חלום. ביי דעם ערשטן שטרייק זייערן האָט מען אַרעסטירט עטלעכע די מולערקע. דאָס איז, דוכט זיך, געווען דער ערשטער אַרעסט אין דווינסק אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג. דער דאָזיקער אַרעסט האָט דאַן אין שטאָט געמאַכט א גע־וואַלדיקן רושם. מענטשן פון היינטיקער צייט קענען זיך אפילו נישט משער זיין, וואָס עס האָט זיך דעמאָלט געטאָן אין שטאָט. מען האָט מיט שרעק דערציילט איינער דעם צווייטן אויפן אויער שוידערלעכע געשיכטעס וועגן דעם וואָס מיט דער עטלעכע דער מולערקע איז דאָרטן געוואָרן... געשיכטעס, ווי שלאַנגען, איינע גרויליקער פאַר דער צוויי־טער, איינע מאוימדיקער פאַר דער צווייטער. דער פאַקט גופא וואָס א יידיש מיידל איז איינגעזעצט געוואָרן פאַר אַזאַ זאַך, האָט אפילו אַן די פאַניק־מאַכער געגעבן גענוג שטאָף פאַר די שרעקלעכסטע פאַנ־טאַזיעס וועגן איר גורל — וועגן דעם, „אַז מען ווייסט גאָר נישט, וואו איר געביין איז אהינגעקומען”...

דאַקעגן די שטרייקן פון די שפּעטערדיקע יאָרן אין פאַרשידענע פאַכן געדענק איך זייער גוט. איבערהויפּט די שטרייקן פון די מענער־שניידער, אין וועלכע איך האָב, אויספירנדיק געוויסע פונקציעס, זיך אויך אַקטיוו באַטייליקט. איך וועל זיי דאָ אָבער נישט באַשרייבן, ווייל זיי האָבן זייער אָפּשפּיגלונג שוין באַקומען אין די באַשרייבונגען פון ענלעכע שטרייקן אין אַנדערע שטעט, ווי עס האָבן זיי געשילדערט אַנדערע מעמוארן־שרייבער.

אָבער די שטרייקן אויף דער גרויסער פאַבריק פון שוועבעלעך אין דווינסק האָבן זיך אַלעמאָל אויסגעטיילט מיט זייער גרויסער באַדייטונג, אייגנאַרטיקייט און איינגעשפּאַרטקייט. זיי וואָלט מען באַדאַרפט ווידמען א ספּעציעלן קאַפּיטל.

צום באַדויערן וועל איך אויך וועגן די דאָזיקע העראָאישע קאַמפּן קענען ווייניק זאָגן. איך בין נאָך דאַן נישט געווען צווישן די אָנפירער פון דער באַוועגונג. איך ווייס דעריבער זייער ווייניק וועגן אינערלעכן לעבן פון די אַרבעטער אין דער דאָזיקער פאַבריק; איך ווייס אויך ווייניק וועגן די פאָדערונגען, פאַר וועלכע זיי האָבן אַזוי ביטער געקעמפט. גענויער וועגן דעם וואָלטן געקאָנט דערציילן עלטערע חברים, וועלכע זענען דעמאָלט געשטאַנען אין דער שפּיץ פון דער דווינסקער אַרבעטער־באַוועגונג. דאָס קענען דערציילן די חברים זונדל דער קנעפּל־מאַכער (ז. שפּייער), זלמן־איטשקע דער בערשטער (אויב ער לעבט נאָך), יאַנקל דער שוואַרצער און אַנדערע חברים, וואָס זענען געשטאַנען ביים געבורט פון די עקאָנאָמישע שטרייקן אין דווינסק.

איך בין אימשטאַנד צו דערציילן נאָר וועגן איין בלעטל פונעם קאַפּיטל, וואָס דאַרף הייסן „זאַקס׳ פאַבריק” — וועגן קאַמף מיט די שטרייק־ברעכער.

ווי עס איז שוין דערמאָנט געוואָרן אין דער איינלייטונג, האָבן אין זאַקס׳ שוועבעלעך־פאַבריק געאַרבעט אַרום אַכט־הונדערט אַרבעטער, כּמעט אויסשליסלעך יידישע. אין גרעסטן טייל זענען דאָס געווען יידישע מיידלעך פון די „פּלעצער”. אָבער אויך באַאָרנטע אַרבעטער — טאַטעס פון גרויסע פאַמיליעס האָבן דאָרט געאַרבעט אין אַ גרויסער צאָל. די פאַבריק האָט זיך געפונען ווייט הינטער דער שטאָט, אַקעגן יידישן בית־עולם. קיין פאַסיקערן סימבאָלישן אָרט האָט דער מלאך־המות אַליין נישט געקאָנט אויסקלייבן פאַרן קבר פון די יונגע לעבנס — פאַר די אַרבעטער פון דער דאָזיקער פאַבריק.

פאַרסמט פון די שוועבל־גאַזן, האָבן די אַרבעטער געהאַט געלע אָפּגעצערטע געזיכטער מיטן ספּעציפישן אויסזען פון זאַקס׳ אַרבעטער. דער מלאך־המות האָט דאָרט אין פאַרלויף פון יאָרן געהאַט וואו צו־צוליינן אַ האַנט... און די פאַמיליע זאַקס — די רייכסטע אין שטאָט — וואָס אַריינצוליינן אין די קעשענעס...

אַז עס האָבן זיך אָנגעהויבן גרינדן די „קאַסעס” און שפּעטער די עקאָנאָמישע שטרייקן פון די יידישע אַרבעטער, האָבן זיי זיך אַריבערגעוואָרפן אויך אויף זאַקס׳ פאַבריק. די שטרייקן

אין דער דאָזיקער פאַבריק פלעגן זיך פאַרציען אויף לאַנגע וואָכן. זיי זענען אַלע מאָל געווען באַגלייט מיט אַרעסטן, פאַרשיקונג אין קאַלטן סיביר אויף לאַנגע יאָרן. פאַר יענער צייט זענען דאָס געווען אַלץ נאַטירלעכע זאַכן, און זיי האָבן קיינמאָל נישט געבראָכן דעם מוט ביי די אַרבעטער. די גרעסטע פּלאָג בעת די שטרייקן איז אָבער געווען — די שטרייק־ברעכעריי.

די אַרבעט אין דער פאַבריק איז געווען פאַרהעלטניסמעסיק אַ פּרימיטיוועע. די הויפּט־ראָלע ביי דער אַרבעט האָבן געשפּילט די אַזוי־גערופענע מייסטערס — די מער־קוואַליפיצירטע אַרבעטער, וועלכע האָבן אָנגעפירט מיט דער אַרבעט אין באַזונדערע אָפּטיילונגען. אָט פון דעם שיכט פלעגן זיך רעקרוטירן די שטרייק־ברעכער. מיט דער הילף פון פריש־ווערבירטע יידישע און קריסטלעכע מיידלעך, וועלכע מ׳האָט אין פאַרלויף פון אַ קורצער צייט געקאָנט איינאַיבן אין דער פּרימיטיווער אַרבעט, האָט די אַדמיניסטראַציע געקאָנט שאַפן אַן איינדרוק, אַז די פאַבריק גייט.

די אַרבעט פון טייל מייסטערס מיט דער קליינער צאָל געדונגענע שטרייק־ברעכער האָט נישט געקאָנט פאַרביטן בעתן שטרייק די הונדערטער איינגעאַיבטע, שטענדיקע אַרבעטער. דעם מאַטעריעלן עפעקט פון שטרייק האָט עס שטערן נישט געקאָנט, אָבער דער אַדמיניסטראַציע פון פאַבריק איז דאָ געגאַנגען אין מאָראַלישן דרוק אויף די שטרייקנדיקע. אויך די „אָרגאַניזאַציע" האָט ריכטיק אָפּגעשאַצט דעם דאָזיקן מאָראַלישן דרוק פון דער שטרייק־ברעכעריי און האָט געפירט קעגן דער דאָזיקער פּלאָג אַ האַרטנעקיגן, שווערן קאַמף.

איין שטרייק אַזאַ האָט זיך געצויגן אַ האַלבן ווינטער. דאָס איז געווען אַ שווערער געראַנגל פון צוויי נישט־גלייכע כוחות. די אַרבעטער זענען געווען אויסגעשעפּט; הונגער האָט געהערשט אין זייערע שטיבער, פאַרצווייפלונג איז געווען אין זייער געמיט. נאָך עטלעכע טעג שטרייקן האָבן זיך אַ טייל פון די מייסטערס איינגעבראָכן. מיט דער הילף פון פריש־ווערבירטע אַרבעטער האָבן זיי געלאָזט אין גאַנג עטלעכע אָפּטיילונגען פון דער פאַבריק.

די „אָרגאַניזאַציע" האָט אויסגעטיילט אַ ספּעציעלע גרופּע אַרבעטער, וועלכע האָבן געדאַרפט שטערן די מייסטער־שטרייק־ברעכער אָנצופירן די אַרבעט. אויך איך בין געווען אין דער דאָזיקער גרופּע.

עס פֿאַרשטייט זיך, אַז די שטרייק־בֿרעכער צו הילף האָט די פֿאַבֿריק־אַדמיניסטראַציע גענומען פּאָליציי. כּדי זיי זאָלן נישט באַפֿאַלן ווערן פֿון די שטרייקנדיקע, האָט די פּאָליציי געפֿירט די שטרייקבֿרעכער צו דער אַרבֿעט פֿיר־פֿינף אַזייגער פֿאַרטאָג. פֿון וואוינונג צו וואוינונג פֿלעגט די פּאָליציי איינציקווייז זיי צוזאַמענקלייבֿן און, ווי אַרעסטאַנטן, אַלעמען צוזאַמען פֿירן אין פֿינצטערן פֿאַרטאָג צו זייער שטרייק־בֿרעכערישער אַרבֿעט.

שפּעט בֿיינאַכט, קיינער זאָל אונז נישט באַמערקן, פֿלעגן מיר עטלעכע צענטליק מאַן איינציקווייז צוזאַמענקלייבֿן זיך אין איינער פֿון די געהיימע דירות אויף די „פֿלעצער" און אָפּוואַרטן די באַשטימטע שעה אַרויסצוגיין אויף „פּאַטרול". נישט קיין אויסגעשלאָפֿענע, פֿאַרמאַטערטע פֿון וואַלגערן זיך אַ גאַנצע נאַכט אויף דער פֿאָדלאָגע, פֿלעגן מיר אין פֿראָסטיקן פֿאַרטאָג, ציטערנדיק פֿאַר קעלט, אַרויסלאָזן זיך אויף די פּוסטע גאַסן פֿון די „פֿלעצער". נישט געווען דער פֿאַרטאָג עס זאָלן זיך דאָרט נישט אָפּשפּילן די אַכזריותדיקע אָנפֿאַלן אויף די שטרייק־בֿרעכער מיט זייערע פּאָליציייִשע היטער. צו אונזער דרייסטקייט איז נישט געווען קיין גלייכן. אָנגעטאָן אין באַקוועמע „קורטקעס", אין לייכטע שטיוול, פֿלעגן מיר פֿלוצלונג אַרויסשפּרינגען פֿון אונזערע באַהעלטענישן, און מיט שטיינער, שטעקנס און אייזנס שלאָגן אָן רחמנות. די באַאָרנטע „גאָראָדאָוויעס" (פּאָליציאַנטן) — אָנגעפּעלצט אין לאַנגע, גראָבֿע פּוטערס, אַרומגעבֿונדן מיט „באַשליקן" — איז געווען שווער אָן עצה צו געבֿן זיך מיט אונז, יונגע פֿלינקע חבֿרה. מיט אונזערע דרייסטע אָנפֿאַלן האָבֿן מיר אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף זיי אַ מורא. אין שטאָט האָבֿן זיך פֿאַרשפּרייט לעגענדעס וועגן אונזער צאָל, וועגן אונזער גבֿורה, וועגן געהיימניספֿולע באַהעלטענישן אונזערע און דאָס גלייכן. אָפֿט האָט די פּאָליציי געבֿיטן דעם מאַרשרוט, געטוישט די צייט פֿון פֿירן די שטרייקבֿרעכער. מיר פֿלעגן דעמאָלט אין בֿרענענדיקן פֿראָסט אומזיסט אָפּוואַרטן אין אונזערע באַהעלטענישן גאַנצע שעהן. נישט איינער פֿון אונז איז דעמאָלט אַוועקגעגאַנגען מיט אָפּגעפֿרוירענע גלידער. אויך איך האָבֿ אין איינער אַזאַ נאַכט אָפּגעפֿרוירן די גראָבֿע פֿינגער פֿון בֿיידע פֿיס און אָפּגעלעגן אין בעט עטלעכע טעג.

אַזוי האָט זיך דער בֿיטערער געראַנגל געצויגן אַ וואָך נאָך אַ וואָך.

איינמאָל האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז איינער פון די שעדלעכע שטרייק־ברעכער אַרבעט ביינאַכט, און אַז אַרום צען אַזייגער אין דער פרי גייט ער אַלע טאָג אין בית־המדרש דאַווענען. באַפאַלן ווענען אין מיטן טאָג איז געווען אַ ריזיקע: דער בית־המדרש געפינט זיך אויף אַ מאַרק, וועלכער איז אין דער שעה פול מיט פויערים. די גאַסן זענען דאָרט אַזוי ווי אין דער גאַנצער שטאָט — גלייכע, ברייטע; צוליב דעם שטרייק פעלט אויף די גאַסן קיין פּאָליציי אויך נישט אויס. פונדעסט־וועגן האָבן מיר זאָלבאַנאַנד — איך און עלקע „גאַיאָקער", אויך אַ סטאָליער־אַרבעטער, זיך אונטערגענומען דעם שטרייק־ברעכער צו מאַכן אומשעדלעך.

עטלעכע טעג כסדר האָבן מיר אים אָפּגעהיט, און אַלץ נישט געפונען די פּאַסיקע געלעגנהייט אים צו באַפאַלן. ביז איינמאָל האָט זיך אַזאַ געלעגנהייט געמאַכט, און מיר האָבן אים אכזריותדיק צע־שלאָגן. עס איז געוואָרן אַ געוואַלד, אַ פייפעריי פון דער פּאָליציי, און אַ האַלבער מאַרק האָט זיך געלאָזן לויפן אונז פאַרהאַלטן.

וואָס האָט זיך ביי אונז גענומען מוט צו מאַכן זיך אַ וועג, וואָס האָבן מיר גענומען כוח אויסצוהאַלטן בעתן לויפן עטלעכע גאַסן, איז נישט צו פאַרשטיין. צום גליק האָבן מיר באַוויזן אַריינצולויפן אין אַ הויף, וואָס עס האָט זיך געפונען אַ סטאָליעריי־וואַרשטאַט. די אַרבעטער האָבן אונז אויף אַ קונציקן אופן פאַרשטעקט אויף אַ בוידעם און דערנאָך איינגערעדט אונזערע פאַרפאָלגער, אַז מיר זענען אַריבערגעשפּרונגען איבערן פּאַרקן. אויפן בוידעם זענען מיר אָפּגע־לעגן ביז פאַרנאַכט. אַראָפּקריכן פון בוידעם האָב איך שוין נישט געקאָנט, ווייל די פיס האָבן מיר נישט געדינט. די אָדערן אויף די פיס זענען געווען אָנגעבלאָזן און אין די פּאַכוועס האָב איך געפילט אַ שווערן, טעמפּן ווייטיק. עטלעכע טעג נאָכדעם האָב איך זיך נישט געקאָנט באַוועגן.

די שטאָט איז געוואָרן שטאַרק אויפגערודערט. מען האָט דער־ציילט, אַז באַפאַלער זענען געווען עטלעכע צענטליק; אַז זיי זענען פאַרשוואונדן געוואָרן אונטער די הענט; אַז די אָנפאַלער האָבן גע־טראָגן מאַסקעס און ענלעכע לעגענדעס פון דער צעשפּילטער, צע־שראָקענער פאַנטאַזיע. דער צעשלאָגענער איז דערנאָך געלעגן עטלעכע וואָכן שווער קראַנק.

מיט יאָרן שפּעטער, ווען איך בין שוין אין דווינסק נישט געווען, האָב איך זיך דערוואוסט, אַז דער צעשלאָגענער שטרייק־ברעכער איז שפּעטער געוואָרן אַ געטרייער, איבערגעגעבענער בונדיסט. ער האָט אַ סך מיטגעהאָלפן אין דער סאָציאַליסטישער אַרבעט צווישן „זאָקס' אַרבעטער".

אין דערוועקן ביי אים דאָס קלאַסן־באַוואוסטזיין האָט זיכער דער דעמאָלטיקער טרויעריקער, ברוטאַלער אַקט קיין ראָלע נישט גע־שפּילט. דאָ האָבן געווירקט אַ סך אַנדערע, מער איבערצייגנדיקע, מער ווירקזאַמערע, אפשר מער ווייטיקדיקע אומשטענדן — די אומ־שטענדן, וואָסווירקן אין קאַמף צווישן קלאַסן.

צי האָט ער זיך ווען דערוואוסט ווער עס איז אים דאַן אַזוי אַכזריותדיק באַפאַלן?

באַגעגנט מיט אים האָב איך זיך שוין מער קיינמאָל נישט.

צוויי אַרבעטער-בונדיסטן — פאַרשיקט קיין סיביר נאָך אַ שטרייק
אויף זאַקסעס פאַבריק אין דווינסק

יואל דער סטאָליער (י. דאָבּרושין)

זונדל קנעפּל-מאַכער (ז. שפּייער)

פון די ערשטע בּונדישע אַגיטאַטאָרן אין דווינסק

אומלעגאַלע ביבליאָטעקן
פון לעגאַלער ליטעראַטור

אין יענע צייטן זענען נאָך נישט געווען קיין פּריוואַטע אָדער געזעלשאַפטלעכע ביבליאָטעקן פון יידישע ביכער. געשטילט דעם דורשט פון יידישן לייענער האָבן דעמאָלט די „פּאַקנטרעגער", וועלכע פלעגן פאַר 2 קאָפּיקעס אויסבאָרגן אויף שבת א דין ביכעלע — א קליינעם טייל פון א „העכסט־אינטערעסאַנטן און שפּאַנענדיקן ראָמאַן" פון שמ"ר אָדער בלאָשטיין. די דאָזיקע ראָמאַנען האָבן זיך געדרוקט בויגנווייז, און דער אָרעמער לייענער פלעגט נעבעך א גאַנצע וואָך אָנשטרענגען זיין פאַנטאַזיע צו טרעפן וואָס איז געוואָרן מיט דער איידעלער פּרינצעסין, אָדער מיטן אָרעמען דינסט־מיידל, אין וועלכער עס האָט זיך שטערבלעך פאַרליבט א בלאַסער פּרינץ, אָדער א העכסט־געבילדעטער און „נאָבעלער" דאָקטאָר מיטן אויסגעאיידלטן נאָמען מאַרקוס.

דער דאָזיקער מין ליטעראַטור האָט אַפילו אויף זיין שטייגער צוגעגרייט דעם באָדן פאַר דער מאָדערנער היינטיקער ליטעראַטור, אָבער דעם אויפגעקלערטן אַרבעטער־לייענער האָבן שוין די שפּאַנענדיקע ראָמאַנען מער נישט באַפרידיקט. עס האָט זיך שוין געפאָדערט אַן ערנסטערע, א מער קינסטלערישע און איבערהויפּט אַן אויפקלערנדיקע ליטעראַטור.

ווי געזאָגט, זענען דעמאָלט קיין פּריוואַטע אָדער געזעלשאַפטלעכע ביבליאָטעקן מיט יידישע ביכער, בפרט מיט מאָדערנער ליטעראַטור, נישט געווען. הגם די שיינע ליטעראַטור, ווי אַלץ, וואָס פלעגט דעמאָלט געדרוקט ווערן אין רוסלאַנד, איז געווען פאַרזען מיטן קאַזיאָנעם שטעמפּל „דאָזוואָלענאָ צענזוראָיו" (דערלויבט דורך דער צענזור), איז דאָך אין יענע צאַרישע צייטן געווען פאַרבאָטן צו האַלטן א גרעסערע צאָל ביכער אין איין אָרט. דאָס איז פון די צאַרישע דינער באַטראַכט געוואָרן ווי א געפאַר פאַר דער מלוכה, און נישט איין יידישער אַרבעטער איז פאַר אַזא „פאַרברעכן" געוואָרן באַשטראָפט און פאַרשיקט אין די וויסטעניש פון קאַלטן סיביר.

דעריבער האָט זיך ביי יעדער „פּאַכאָווער קאַסע" אויסגעבילדעט אַן אייגענע אומלעגאַלע ביבליאָטעק פון לעגאַלע ביכער, מיט איר באַזונדערן ביבליאָטעקאַר. חוץ די פּאַכאָווע ביבליאָטעקן האָט עקזיסטירט אַ צענטראַלע ביבליאָטעק, וועלכע פלעגט איינקויפן נייע ביכער, צעטיילן זיי און טוישן צווישן די פּאַכאָווע ביבליאָטעקן. מיט דער צענטראַלער ביבליאָטעק האָט אָנגעפירט אַ ספּעציעלער ביבליאָטעקאַר, וועלכער איז באַזונדערס געווען פאַרקאָנספּירירט. פון אים האָבן נאָר געוואוסט די איינצלנע ביבליאָטעקאַרן און די גאָר נאָענטע מענטשן פון דער אָרגאַניזאַציע. אָבער נישט געקוקט אויף דער אומלעגאַלער עקזיסטענץ, האָבן די ביבליאָטעקאַרן פונקציאָנירט אויסגעצייכנט און דערפילט זייער אויפגאַבע אויפן בעסטן אופן.

דאָס פאַרטיילן און טוישן די ביכער פלעגט פּאַרקומען בעיקר אויפן אַלטן בולוואַר עטלעכע אָוונטן אין וואָך. אָבער מ'האָט אויסגענוצט אויך אַנדערע ערטער: שבת און יום־טוב אינדערפרי פלעגט דאָס פּאַרקומען אויפן ברייטן הויף פון דער גרויסער שול; ווינטערצייט — אויף דער „גאַליאָרקע" אין שטאָטישן, רוסישן טעאַטער, און פאַר נאָענטע, וועמען מען האָט געקאָנט אָנטרויען — ביים ביבליאָטעקאַר אין שטוב גופא.

ביים טוישן די ביכער פלעגט דער ביבליאָטעקאַר, וועלכער איז געווען אַלעמאָל אַ באַלעזענער, אויספרעגן וואָס מען האָט פאַרשטאַנען און ווי אַזוי מען האָט פאַרשטאַנען דאָס געלייענטע. אין יעדן ווערק פון מחבר האָט מען דעמאָלט אַריינגעלייגט אַ באַזונדער מיין. אפילו אין גאַנץ דורכשניטלעכע פּרימיטיווע ווערק, וואָס דער נייערווערבירטער פלעגט צו ערשט באַקומען, האָט מען אַריינגעלייגט אַ באַשטימטן אינהאַלט — אַן אינהאַלט, וואָס מען האָט געוואָלט עס זאָל זיך אינעם ווערק געפינען און וואָס נישט אַלע מאָל האָט דאָס ווערק אַזאַ געהאַט.

„וואָס האָט דער מחבר געמיינט מיט דעם צו זאָגן?" איז געווען די סטערעאָטיפּישע פראַגע ביים לייענער. ווייל מען האָט זיך גאָרנישט געקאָנט פאַרשטעלן דער מחבר זאָל נישט האָבן קיין מיין ביים שרייבן. וואָרום אויב נישט — צו וואָס דאַרף מען שרייבן? דאָס לייענען דאַרף דאָך אויפקלערן, אויסבילדן, און געוואוסט האָט מען, אַז נישט אַלץ וואָס דער מחבר האָט צו זאָגן און נישט אַלץ וואָס ער וויל זאָגן — קען ער זאָגן; ווייל אַלע האָבן געוואוסט וואָס דאָס הייסט „דאָזוואָ־

לענאַ צענזוראיו". האָט מען דעריבער געזוכט געדאַנקען צווישן די שורות, אויב מען האָט זיי נישט געפונען אין די שורות גופא.

אויף וויפיל איך קען זיך איצט דערמאָנען, זענען דעמאָלט געווען אין גרויסן אומגאַנג די אַמעריקאַנער איבערגעזעצטע ווערק פון זשול ווערן — „אַ רייזע אַרום דער וועלט אין 80 טעג", „קינדער פון קאַפּיטאַן גראַנט" און אַנדערע טעגנענבוימס איבערזעצונגען פון אַמעריקע; איבערזעצונגען פון לעוו טאָלסטאָי — ווי „אַננאַ קאַרע־נינאַ", און איבערהויפּט „איוואַן דער נאַר". זייער פּאָפּולער זענען דעמאָלט געווען צוויי קליינע דערציילונגען פון אַרבעטער־לעבן פון דוד פּינסקי, געבונדן אין איין ביכעלע, אונטערן נאָמען — „דראַבקין" און „יום־כּיפּור"; אַ דערציילונג פון מאַריאַ קאָנאָפּניצקאַ — „רויך"; דערציילונגען פון מרדכי ספּעקטאָר, דינעזאָן, רייזען און אַ גרויסע צאָל בראָשורן מיט אַ פילאָזאָפישן, אַנטי־רעליגיעזן אינהאַלט פון פייגענבוים; „די גאָטהייט" פון הערמאַלין (איך בין נישט זיכער צי די ווערק פון די לעצטע צוויי מחברים האָבן געהערט צו די ביכער פון די לעגאַלע ביבליאָטעקן).

צו רעליגיעזע און פילאָזאָפישע פראַגן האָט דער דעמאָלטיקער יונגער דור געהאַט אַ באַזונדערע נייגונג, און דעריבער האָבן די ביכער מיט אַזאַ אינהאַלט געהאַט גרויס דערפאָלג. באַזונדערס האָט מען זיך אָפּגעגעבן מיט דער פראַגע פון „הידיעה והבחירה" (וויסן און ווילן).

אָבער גאָר אַ בכּבודיקן אָרט האָבן פאַרנומען די באַוואוסטע יום־טוב־בלעטלעך פון י. ל. פּרץ. די דאָזיקע בלעטלעך, מיט זייער געזעלשאַפטלעכן צוגאַנג צו יידישע און אַלגעמיינע פּראָבלעמען, האָבן געשפּילט אַן אויסערסט וויכטיקע ראָלע אין אויסבילדן די ערשטע קאַדרען פון די באַוואוסטזיניקע און אינטעליגענטע אַרבעטער, וועלכע האָבן זיך דערצויגן אויף דער יידישער שפּראַך.

מענדעלעס „קליאַטשע", „פישקע דער קרומער" און „מסעות בנימין השלישי" פלעגט מען לייענען און איבערלייענען, אַריינטייטשן און אַריינקאָמענטירן וויפיל עס האָט זיך נאָר געלאָזט.

די „ווינטער־אָוונטן" פון חיה זעלדעס (א. ליטוואַק) און רובאַ־קינס פּאָפּולערע בראָשורן אין איבערזעצונג האָבן געלייגט דעם גרונד־שטיין פאַר די באַגריפן פון נאַטור־וויסנשאַפט, צו וועלכער דער יונגער דור האָט זיך געריסן מיט גרויס־דורשט.

זייער אָנגעלייגט זענען געווען די ביכלעך: „ויידע צייט", „מעשה־בראשית", „פאַרקויפטער אַפּעטיט" און דאָס ביכעלע פון אַב. קאַהאַן „רפאל נעריצך".

***

אַלע שבת אינדערפרי פלעגן מיר, אַ גרופּע יונגע סטאָלער־אַרבעטער, צוזאַמענקלייבן זיך אויף אַ „קרוזשאָק" (קרייז). אויפן קרייז פלעגט אַ יונגער אינטעליגענט פאָרלייענען פאַר אונז און אויס־טייטשן באָגדאַנאָוס „פּאָליטישע עקאָנאָמיע" אָדער אַנדערע ווערק וואָס אַ געוויינלעכער אַרבעטער האָט עס אַליין פאַרשטיין נישט געקאָנט.

איינמאָל האָט דער לעקטאָר שטאַרק פאַרשפּעטיקט. אונז איז געוואָרן נודנע לאַנג צו זיצן אָן באַשעפטיקונג. איז ווי געוויינלעך, אַז עס קומען זיך צונויף יונגע געזונטע בחורים, וועלכע האָבן נישט ביי וואָס אויסצולאָדן די אָנגעקליבענע ענערגיע, הייבט מען אָן שטיפן: מען שטופּט זיך, מען ראַנגלט זיך און מען באַרימט זיך איינער פאַרן צווייטן מיט די האַרטע מוסקולן אויף די אָרעמס. האָט מען אַזוי אַרומגערודערט אַ געוויסע צייט ביז דאָס האָט אויך דערעסן.

צופעליק האָט זיך ביי איינעם פון אונז געפונען אַן עקזעמפּליאַר פון אויסלענדישן בונדישן זשורנאַל „דער יידישער אַרבעטער". האָבן מיר באַשלאָסן אויסצוקלייבן אַן אַרטיקל פון דאָזיקן זשורנאַל און אַליין זיך אין דעם „ראַזביעראַיען" (פונאַנדערקלייבן). פאַרשוויצטע און פאַרמאַטערטע פון שטיפן, האָבן מיר זיך אויסגעזעצט, אויסגע־לייגט — ווער וואו עס האָט געקאָנט, און גענומען זוכן וואָס פאָר־צולייענען. אַרטיקלען מיט האַרבע נעמען האָבן מיר אויסגעמיטן. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף דער לעבנס־באַשרייבונג פונעם באַוואוסטן רוסישן רעוואָלוציאָנער טשערנישעווסקי, וואָס איז געווען אָפּגעדרוקט אין דעם דאָזיקן זשורנאַל. עס האָט זיך דאָרטן דערציילט וועגן טשערנישעווסקים אידייען, וועגן זיין קאַמף קעגן צאַריזם, וועגן דעם ווי אַזוי די צאַרישע משרתים האָבן אים פאַרפאָלגט און געפּייניקט; וועגן זיין לעבן אין קאַלטן, ווייטן סיביר; וועגן זיינע גרויסע ליידן און וועגן זיין טויט.

ביי די ערשטע שורות האָט אין צימער נאָך געהערשט די יונגע שטיפערישע אַטמאָספער: שטילערהייט האָט נאָך עמיצער געכאַפּט

א „בענטש" אין פליִיצע, א „זעץ" אין קני, א „שטורק" אין זייט און אנדערע אומגעלומפּערטע אויסדרוקן פון ווילדע שטיפעריִיען ביי דער אַרבעטער־יוגנט. עס איז געווען טומלדיק און היציק. אָבער וואָס ווייטער איז געוואָרן אַלץ רואיקער. די באַשרייבונג וועגן טשער־נישעווסקין איז געמאַכט געווען מיט האַרץ, מיט געפיל, די ווערטער זענען אַריינגעדרונגען טיף אין דער נשמה. אין צימער איז געוואָרן שטיל. אין דער ציטערנדיקער ספּאַזמירטער שטים פונעם פּאַרלייענער האָט זיך געפילט אויפרעגונג. אַלע זענען מיר געוואָרן דורכגעדרונגען מיט גרוים מיטגעפיל צום געפייניקטן און פאַרפאָלגטן איידעלן רעוואָ־לוציאָנער. אין ברוסט איז געוואַקסן א שנאה, א קללה צו זיינע פאַר־פאָלגער.

עמיצער פון אונז האָט פּלוצלונג אָנגעהויבן עפּעס מאָדנע ציען מיט דער נאָז — נאָך אים א צווייטער, א דריטער, ביז אַלע האָבן מיר זיך צעוויינט אויפן קול, ווי קליינע קינדער. מיר האָבן זיך געשעמט צו קוקן איינער אויפן צווייטן. איינגעגראָבן דעם פּנים, האָט יעדער געוויינט אין זיין באַזונדער ווינקל. דאָס איז געווען א היסטעריש גע־וויין, וואָס איז געקומען פון צערודערטע הערצער, פון טיף־אויפ־געבּרויזטע געפילן.

אזוי האָט עס געדויערט א היפּשע צייט, ביז עמיצער האָט מיט א פאַרשטיקטן קול אויסגעשריִען איינע פון די דווינסקער קללות: „א כאָלעריע זאָל זיי טרעפן !!!"

צעגאַנגען איז מען זיך שטילערהייט, מיט אַראָפּגעלאָזטע בליקן און מיט געשוואָלענע, רויטע נעז פון וויינען.

צי אונז איז געווען א שאָד, וואָס דער לעקטאָר איז יענעם פריִ־מאָרגן נישט געקומען? איך מיין, אז נישט...

אין צוזאַמענהאַנג מיט די אומלעגאַלע ביבליאָטעקן פון לעגאַלע ליטעראַטור ווילט זיך מיר שילדערן די געשטאַלט פון אונזער פּאַכאָוון ביבליאָטעקאַר — חבר יאָקע „מיט דער פּייפע".

יאָקע „מיט דער פּייפּע"

יאָקע האָט זיין צונאָמען באַקומען צוליב דער פּיפּקע, וואָס ער פלעגט זי נישט אַרויסלאָזן פון מויל אַ גאַנצן טאָג. אַ צונאָמען, ווי מען זעט, אַ כּשר־פּאַרדינטער...

יאָקע „מיט דער פּייפּע" האָט געאַרבעט אויף אַ פאַבריק פון האַרמאָניקעס, וואו עס זענען דעמאָלט געווען באַשעפטיקט עטלעכע צענטליק יידישע אַרבעטער. אַ „באַקאַנטער" (אַזוי פלעגט מען דעמאָלט רופן אַן אָרגאַניזירטן אַרבעטער) איז יאָקע געוואָרן נאָך אַ שטרייק, וואָס די דווינסקער אָרגאַניזאַציע האָט געפירט אין פאַבריק. יאָקע איז געווען אַן עלטערער בחור פון אַ יאָר דרייסיק; אַ ברייט־פּלייציקער, מיט אַ פּעך־שוואַרצן קמץ־בערדל, מיט לאַכעדיקע, אַביסל אַרויסגע־שטאַרצטע אויגן מיט געלבלעכע ווייסלען; אַ גוטמוטיקער, מיט אַ וויץ אויף די ליפּן, אָבער אַ בייזער און אַ שטרענגער, ווען מען האָט אים דערצאָרנט; און שטענדיק זויבער געקליידט, וואָס איז פאַר יענע צייטן געווען נישט קיין אָפטע דערשיינונג.

אַלע פאַרנאַכט, ווען די זייטיקע אַלייען פון „אַלטן בולוואַר", וואו די באַוועגונג האָט געהאַט איר בירזשע, פלעגן איינגעהילט ווערן אין נאַכטיקע שאָטנס, האָט יאָקע „מיט דער פּייפּע" אין מויל זיך באַוויזן מיט זיין מונטערן טראָט. געגאַנגען איז ער איבער די אַלייען מיט אַביסל האַסטיקע טריט, ווי אַ זייטיקער, און פון צייט צו צייט פלעגט ער פאַרשוואונדן ווערן צווישן די געדיכטע קורצע ביימלעך און פלוצלונג אַרויסקומען גאָר פון אַ צווייטער זייט. גלייך נאָך זיין פאַר־שווינדן פלעגט אַמאָל איינער, אַמאָל אַ צווייטער יונגער אַרבעטער זיך נאָכשלייכן נאָך אים און צוריק אַרויסקומען אַ צופרידענער, מיט אַ געהיימניספולער מינע פון איינעם, וואָס האָט אויסגעפירט אַ וויכטיקע טאַט. און אַזוי פלעגט ער שפּרייזן פון איין אַלייע אויף דער צווייטער. זיין צעגליטע „פּייפּע" האָט זיך באַוויזן אָט דאָ, אָט דאָרט, און פלעגט אין דער טונקלקייט פון דער נאַכט פינקלען און אָפּגלאַנצן אין דער לופט, ווי אַ בלאָנדזשענדיקער שטערן. שטענדיק אין באַגלייטונג פון

איינצלנע און גרופּן אַרבעטער, וואָס האָבן פון ווייטן נאָכגעקוקט יעדע באַוועגונג זיינע, יעדן וואונק — האָט ער אויסגעזען, ווי אַן אַטאַמאַן פון אַ חברה וואָס אָט־אָט קלייבט זי זיך אויספירן אַ וויכטיקע און ריזיקאַלישע פאַרשווערונג.

יאָקע האָט אָבער פון קיין פאַרשווערונג נישט געטראַכט, קיין אונטערצינדונג נישט געפּלאַנט — יאָקע האָט געטאָן פאַר היינטיקער צייט זייער אַ פּראָזאַאישע, אָבער פאַר יענער צייט אַ וויכטיקע און העכסט־ריזיקאַלישע פּאַרטיי־אַרבעט: יאָקע האָט אומלעגאַל געטיילט און פאַרשפּרייט צווישן אַרבעטער כּשרע, לעגאַלע ליטעראַטור, מיטן שטעמפּל פון „דאָזוואָלענא צענזוראָיו".

יאָקע „מיט דער פייפע" איז דאָס געווען דער ביבליאָטעקאַר פון אָט דער אומלעגאַל־לעגאַלער ביבליאָטעק אין דווינסק.

שווער זיך פאָרצושטעלן אַ מער־צוגעפּאַסטן, אַ מער־איבער־געגעבענעם מענטש פאַר דער דאָזיקער אַרבעט, ווי דאָס איז געווען יאָקע. דער סקלאַד ביכער האָט זיך געפונען טאַקע ביי אים אין צימער, אין אַ הילצערנעם קאַסטן. פאַר דער באַלעבאָסטע פון דער דירה האָט עס געהייסן, אַז יאָקע פאַרנעמט זיך מיט איינבינדעריי. און ווירקלעך, נאָכן פאַרטיילן די פרישע און אָפּנעמען די אויסגעלייענטע ביכלעך, פלעגט יאָקע שפּעט אין אָוונט, נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט אויף דער פאַבריק אַ פאַרמאַטערטער און אָנגעשטרענגטער קומען אַהיים פון דער בירזשע און מיט ליבע און זאָרג טאַקע פאַרנעמען זיך מיטן איינ־בינדן נייע ביכלעך, אויסגלייכן די צעקנייטשטע בלעטלעך פון די אַלטע, צוקלעבן די אַרויסגעריסענע טאָוולען, צונייען די צעשאָטענע רוקנס און אָנגרייטן אַ פרישן טראַנספּאָרט ביכלעך אויף מאָרגנדיקן אָוונט. עס האָט, דוכט זיך, קיינער נישט געוואוסט, וואו יאָקע נעמט אויף דעם צייט און געלט. דאָס פלעגט אַלץ געמאַכט ווערן שטיל, אָן פּרע־טענזיעס צו וועמען נישט איז, וואָס מען העלפט אים נישט; שטענדיק מיט אַ שמייכל, אַ צופרידענער, וואָס „דאָס געשעפט גייט גוט", פלעגט ער אָוונט נאָך אָוונט, מיט דער „פייפע" צווישן די ציין, זיך ווייזן אויף דער בירזשע און טאָן זיין שליחות.

ברענגען די ביכער אויף דער בירזשע און אויסמיידן די אויגן פון אַ שפּיאָן איז שוין געווען אַ קונסט. יאָקע פלעגט די ביכער אַרומפּאַקן אַרום זיך אין אַ ספּעציעלער וועסט, אָנשטאָפּן זיי אין די

גרויסע טיפע קעשענעס פון זיין ברייטן מאַנטל, וואָס ער פלעגט פאַר דעם צוועק טראָגן. אַרויסגעהאָלפן האָט אים אויך די דיקלעכע פיגור זיינע און זיין סאָלידער געזעצטער אויסזען. אָבער נאָך מער קונסט איז געווען צו וויסן און געדענקען, אין וועלכער קעשענע עס ליגט דאָס, אָדער יענעס ביכל. מען האָט אין דער פינצטער געדאַרפט טרעפן און געבן יעדן אַזאַ בוך, וואָס פאַר אים פאַסט. יאָקע איז געווען נישט בלויז אַ טעכנישער פאַרשפּרייטער. זייענדיק באַהאַוונט אין דער דעמאָלטיקער ליטעראַטור, האָט ער אויסגעצייכנט פאַרשטאַנען, ווי מיט צוויי־דריי קורצע פראַגן אַרויסבאַקומען פון לייענער צי ער האָט דאָס געלייענטע ביכל פאַרשטאַנען און וואָס ער האָט פאַרשטאַנען. צי זענען שוין פאַר דעם דאָזיקן אַרבעטער־לייענער פאַסיק אַזעלכע ביכלעך, ווי די „ווינטער־אָוונטן", אָדער „זיידע־צייט", „אַ רייזע אַרום דער וועלט", אָדער „דראַבקין און יום־כיפּור", „געשלאָגן אַ טאַטן", אָדער „דאָס שטריימל", די „יום־טוב־בלעטלעך", אָדער „די קליאַטשע", „יאָסעלע", אָדער „אבן־נגף", „איוואַן דער נאַר", אָדער „דער סאָוועסט איז פאַרפאַלן", „דער פאַרקויפטער אַפּעטיט", „אויפן דעק פון ים" און אַנדערע טענדענציעזע איבערזעצונגען.

יאָקע איז געווען אַ מדריך, אַ וועג־ווייזער און דערציער. אין דער פינצטער האָט יאָקע תמיד געטראָפן, וואָס פאַר אַ ביכל ער האַלט אין האַנט. ווי אַ מוטער דערקענט אין דער פינצטער יעדן פון אירע צווילינג־קינדער לויט געהיימע און נאָר פאַר איר פאַרשטענדלעכע סימנים, אַזוי האָט יאָקע דערקענט יעדעס ביכל לויט זיין גרויס, נאָך דער אָפּגענוצטער ווייכקייט, לויט די אַרומגעהאַקטע און פאַר־בויגענע ווינקלען פון די טאָוולען, לויט דער גרעב פונעם פאַפּיר און אַנדערע, נאָר אים באַוואוסטע סימנים.

צווישן נאָענטע פלעגט ער זיך קלאָגן מיט ווייטיק אין דער שטים, אַז דער עולם שאַנעוועט נישט די ביכער, גיט זיי אָפּ איינגעשמוצטע און צעקנייטשטע. און טאָמער האָט פּאַסירט, אַז אַן אַרבעטער האָט צוריק נישט געבראַכט דאָס גענומענע ביכל, ווייל דער טאַטע האָט דאָס „טריף־פּסול" אַריינגעוואָרפן אין פייער, איז זיין צער געווען נאָר גרויס: וואו וועט ער נעמען געלט אָפּצוקויפן אַזאַ גוט ביכל? די אָרגאַניזאַציע גיט דאָך אים אויף דער ביבליאָטעק אַזוי ווייניק מיטלען. די פינף־קאָפּיקעס צאָלן די לייענער אויך זייער שוואַך, און

לייענער ווערן וואָס אַמאָל מערער און מערער ; אַ סך ביכער זענען שוין צעשאָטן און צעריסן — וואָס וועט זיין מיט דער ביבליאָטעק ? ...

דאָס איז אָבער געווען בלויז זיך אָפּגערעדט פון האַרצן. אַלע האָבן געוואוסט, אַז יאַקע וועט זיך אַן עצה געבן. און טאַקע — אונ־טער דער געניטער האַנט פון יאַקען איז די ביבליאָטעק, נישט געקוקט אויף אַלע שוועריקייטן, געוואַקסן און זיך גוט אַנטוויקלט. ווי אַ טרייער לערער און דערציִער, האָט יאַקע געטראָגן וויסן און ליכט אין די שאָטנ־דיקע אַלייען פון „אַלטן בולוואַר", פון וואַנען הונדערטער און הונדערטער יונגע יידישע אַרבעטער, דורשטיק נאָך אויפקלערונג און קולטור, האָבן דאָס ליכט אַריבערגעטראָגן אין זייערע טונקעלע גע־צעלטן, באַשיינט זייער פּינצטער און נעבעכדיק לעבן, געוויזן און באַלויכטן זייער קאַמפּס־וועג צו אַ ניי, בעסער לעבן.

ווען די מויערן פון צאַרישן יריחו האָבן זיך גענומען ברעכן, האָבן זיך אויך גענומען ענדערן און ברעכן די אַלטע פאָרמען פון אויפקלערונג און קאַמף אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג : עס זענען אויפגעקומען פּריוואַטע לעגאַלע ביבליאָטעקן, וועלכע האָבן אין אַ ברייטערן פאַרנעם געטאָן אָפן יענע אַרבעט, וואָס מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האָט זיך פאַר איר מוסר־נפש געווען יאַקע „מיט דער פייפע".

הגם עס האָבן נאָך דאָ און דאָרט, ביי איינצלנע פאַכן עקזיסטירט קלענערע ביבליאָטעקן פון לעגאַלע ביכער, אָבער קיין גרויסע ראָלע אין דער באַוועגונג האָבן זיי שוין נישט געשפּילט. יאַקע איז דערנאָך אַ געוויסע צייט געווען מיטגליד אין דער פּאַך־סבאָדקע, אָבער ווי עס ווייזט אויס, האָט ער זיך צו קיין אַנדער אַרבעט נישט געקאָנט צו־פּאַסן, און ווי אַ מענטש, וואָס האָט זיינס אָפּגעטאָן, האָט ער שטיל און אומבאַמערקט זיך באַזייטיקט פון אַקטיווער אַרבעט אין דער דווינסקער אָרגאַניזאַציע. אַרום 1903 צי 1904 האָט ער חתונה גע־האַט מיט אַ טאָכטער פון אַ פרומער משפחה און האָט, דוכט זיך, אָנגעהויבן פירן אַ לעבן פון אַ דורכשניטלעכן דווינסקער איינ־וואוינער.

ביים טרעפן זיך די ערשטע צייטן מיט אַמאָליקע חברים, ביים דערמאָנען זיך וועגן אַלטע טוער און אַלטער אַרבעט פלעגן זיינע אַרויסגעשטאַרצטע אויגן אויפשיינען און מיט אַ פאַרחלומטן זיפץ

פלעגט ער אַרויסזאָגן: „אַזוי־אַזוי, גוטער ברודער! געווען אַמאָל אַ צייט״. און די „פייפע״ זיינע פלעגט ווייטער אויפגליען אין זיין מויל און באַלויכטן זיין אַזוי גוט באַקאַנט פּנים.

אַזעלכע ווי יאַקע, וואָס האָבן ביי די געענדערטע קאַמפּס־פאָרמען נישט געפונען זייער פּלאַץ, זענען אין דער באַוועגונג געווען אַ סך. ווי געוויקסן, וואָס וואַקסן נאָר אין אַ באַשטימטער אַטמאָספער, האָבן זיי ביי דער געענדערטער אַטמאָספער נישט געקאָנט אויסהאַלטן און זענען פון דער באַוועגונג אַוועק.

אָבער מיר, די פאַרבליבענע, וועלן אַלעמאָל מיט פרייד און שטאָלץ דערמאָנען די יאַקעס מיט און אָן די „פייפעס״.

דער רוסישער טעאַטער

פרייטיק נאָך דער אַרבעט, נאָכן אויסבעזעמען זיך אויף דער אויבערשטער שוויץ־באַנק פון באָד, פלעגט מען אין גרויס איילעניש אַראָפּשלינגען די שיטערע לאָקשן מיט קאַרטאָפל — די טראַדיציאָנעלע שפּייז פון פרייטיק־צונאַכטיקן מאָלצייט, און מיט אומגעדולד זיך לאָזן אין רוסישן טעאַטער*). דער טעאַטער האָט זיך געפונען אין צווייטן ברעג שטאָט, ווייט פון די „פּלעצער" — פון דעם טייל שטאָט, וואו עס האָט געוואוינט דער רוב אַרבעטער און אָרעמקייט. די גאַסן פון די „פּלעצער" זענען געווען כמעט ווי נישט־באַלויכטן, פלעגט מען זיך דעריבער צוזאַמענקלייבן און גיין גרופּנווייז. די געביידע פון טעאַטער איז געווען אַ קליין רויט־געפאַרבט מויערל, וואָס האָט זיך מיט קיין זאַך נישט אויסגעטיילט פון אַנדערע געביידעס אין יענעם טייל שטאָט, וואו דאָס טעאַטער האָט זיך געפונען. כּדי צו פאַרכאַפּן וואָס בעסערע ערטער אויף דער „גאַליאָרקע" (גאַלעריע), פלעגט מען קומען אין טעאַטער זייער פרי. אין זאַל איז נאָך געווען האַלב־פינצטער און סומנע שטיל, יעדער שאָרך האָט מאָדנע אָפּגעהילכט מיט געהיימניספולע ווידערקלאַנגען, וואָס פלעגן אַביסל אַזוי ווי שרעקן, און צוליב דעם האָט מען אינסטינקטיוו גערעדט שטיל, מיט אַ קליינעם ציטער אין קול. באַלד פלעגט זיך פון אַ ווינקל לעבן דער סצענע באַווייזן אַ טונקעלע פיגור מיט אַ ליכט אין האַנט און אָנהייבן אָנצינדן די נאַפט־לאָמפּן מיט די רונדע קנויטן, וועלכע

---

*) פון קיין יידיש טעאַטער, חוץ די פּורים־שפּילערייען, וועלכע זענען דעמאָלט געווען זייער אָנגענומען, האָט מען אין דווינסק נאָך נישט געוואוסט. די אַרטיסטן פון די פּורים־טרופּעס זענען אין גרעסטן טייל באַשטאַנען פון מאלער־אַרבעטער, וועלכע פלעגן אַ גאַנצן ווינטער, ווען קיין אַרבעט איז נישט געווען, האָבן געגנוג צייט אײַנצושטודירן די ראָלן און איינזינגען די האַרץ־רייסנדיקע לידער פון „אסתּר המלכּה", „מכירת יוסף" און אַנדערע פּיעסן. די פרויען־ראָלן פלעגן אויך שפּילן מענער מיט „איידעלע" שטימען און „צוגעפּאַסטע" פיגורן.

האָבן דעמאָלט געטראָגן דעם שטאָלצן נאָמען — „בליץ־לאָמפּן",
פון וואָס דער זאַל פלעגט ביסלעכווייז ווערן פאַרצויגן מיט געלב־רויט־
לעכע ליכט.

צוערשט האָט מען ארויסגעזען דעם סצענע־פאָרהאַנג, וואָס איז
פון אויבן ביז אונטן געווען באַדעקט מיט אַלערליי קאָלירטע פירמע־
אַנאָנסן פון פאַרשידענער גרויס. וואָס האָט מען דאָרט נישט געפונען
אויף די אַנאָנסן? פּערפומען, שיך, גאַלאַנטעריע, לעדער, ברען־האָלץ,
שטוב־ווירטשאַפט ארטיקלען, שוך־וואקס, טשעמאָדאַנעס (וואַליזעס)
און אנדערע „קונסט־ און קולטור"־ארטיקלען, וואָס פּאַסן זיך פאַר
א טעאַטער... דערנאָך פלעגט זיך באַווייזן דער מיליטער־אָרקעסטער
מיט די גרויסע מעשענע טרומייטן, און אויף דער „גאַליאָרקע" פלעגט
ווערן היימלעך.

אין דער קנאַפּער ליכט, וואָס האָט דערגרייכט אויף דער „גאַ־
ליאָרקע", האָט מען דערקענט חברים, וועלכע מען האָט פריער אין
דער פינצטער נישט ארויסגעזען. מ'פלעגט זיך איבעררופן, שיקן זיך
אויפן קול גרוסן איינער דעם אנדערן; טיילן זיך מיט „גוטע זאכן",
וואָס מען האָט געבראַכט פון דערהיים, מכבד זיין איינער דעם אנדערן
מיט „סיעמעטשקעס" און אנדערע קולטורעלע מאכלים... מיט איין
וואָרט, מען האָט זיך געפילט פריי, ווי ביי זיך אין דערהיים. אונטן
אין זאַל — אין פּאַרטער און אין די לאָזשעס — קלייבט זיך דערווייל
די „בעסערע געזעלשאַפט". מען זיצט שטייף איינגעשנורעוועט אין די
דעמאָלטיקע קאָרסעטן, און פון צייט צו צייט קוקט מען ארויף מיט
פאַרוואונדערטע בליקן אויף דער „גאַליאָרקע", וואו עס קאָכט, ווי אין
א קעסל.

מיטאַמאָל גיט דער מיליטער־אָרקעסטער א זעץ מיט זיינע מעשענע
כלים א מיליטערישן מאַרש, און אויף דער גאַליאָרקע ווערט נאָך לעבע־
דיקער: מען שרייט אריבער דעם אָרקעסטער, מען הייבט זיך אָן
איינאָרדענען אויף די הילצערנע פאַרענטשן פון די בענק, כדי מען
זאָל בעסער זען, ווייל נאָכן צווייטן מאַרש הייבט מען שוין אָן אויס־
לעשן א טייל פון די „בליץ־לאָמפּן", וואָס באַלייכטן דעם זאַל און מען
צינדט אָן די „בליץ־לאָמפּן" אויף דער ראַמפּע, וועלכע דאַרפן באַ־
לויכטן די סצענע.

ווען עס דערהערן זיך דריי קלעפּ — דער סימן, אז עס דאַרף זיך
אויפהייבן דער פאָרהאַנג, ווערט אויף דער גאַליאָרקע שטיל, ווי קיינער
וואָלט דאָרט נישט געווען. מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם, צוזאַ־

מענגעדרייט אין דרייען, כדי נישט צעקלאַפּן דעם קאָפּ אָן נידעריקן סופיט, פלעגט מען אויפכאַפּן יעדעס וואָרט פון די אַרטיסטן, הגם מיר, די אַרבעטער, האָבן זעלטן ווער געקענט די רוסישע שפּראַך און נישט אַלץ פאַרשטאַנען וואָס די אַרטיסטן האָבן גערעדט. אָבער עס איז גאָר נישט נייטיק געווען צו פאַרשטיין. דאָס שפּילן אַליין האָט געהאַט אַ באַדייטונג, און אַ באַדייטונג אַ באַשטימטע: מיר פלעגן אין דעם איינזען אַ רמז פון קאַמף קעגן אָפּגעשטאַנענקייט, קעגן קולטורלאָזי־קייט, אַ סימן און אַ סימבאָל פון פאַראייניקן זיך צו אַ נייער קולטור — אַ קולטור, וואָס איז גאָר נישט ענלעך געווען אויף די זיטן און מנהגים פון אונזער סביבה. געווים וואָלט דאָס דעמאָלט קיינער פון אונז מיט ווערטער פאָרמולירן נישט געקאָנט, אָבער נאָכן אַרויסגיין פון טעאַטער פלעגט מען זיך דערפילן דערהויבן, ווי אָפּגעפרישט. מען פלעגט מיט די איינדרוקן און איבערלעבונגען פון טעאַטער זעטיקן זיך אַ גאַנצע וואָך. קוים דערלעבט דעם צווייטן פרייטיק־צו־נאַכט — איז מען ווידער געלאָפן אין טעאַטער צו זען אָפּטמאָל די זעלביקע פּיעסע וואָס מען האָט זי שוין נישט איינמאָל געזען. מען האָט שוין געוואוסט דעם גאַנצן אינהאַלט אויף אויסנווייניק, געוואוסט ווען עס דאַרף זיך באַווייזן דער אָדער יענער אַרטיסט, געוואוסט וואָס ער וועט טאָן, ווי אַזוי ער וועט זיך אויפפירן אויף דער בינע. דאָס האָט אָבער לגמרי נישט געשטערט ווידער איבערצולעבן פון דאָסניי, וואָס מען האָט איבערגעלעבט ביים ערשטן ספּעקטאַקל.

קיין פינצטערע, רעגנדיקע נעכט, שנייען און זאַוויערוכעס זענען נישט געווען קיין אָפּהאַלט צו לויפן אויף דער „גאַליאָרקע", ווען עס איז נאָר געווען 20 קאָפּיקעס אויף אַ בילעט. און טאָמער האָט ווער נישט געהאַט, האָט שוין חברה געזאָרגט, ער זאָל אַרויפגיין: דאָס איז געמאַכט געוואָרן „זייצעם" (אויף גאַפּע), געשמוגלט מיט דער הילף פון בילעטאָר, אָדער פּשוט זיך דורכגעשטופּט אין אַ געמאַכטן טומל ביים אַריינגאַנג אויף דער „גאַליאָרקע". עס פלעגט דערביי נישט זעלטן פּאַסירן טראַגי־קאָמישע פאַלן, פון וועלכע מ'האָט געהאַט צו רעדן און צו רעדן.

דאָס אַריינגנבענען זיך אין טעאַטער אָן אַ בילעט האָט קיינער פון אונז נישט באַטראַכט ווי אַ נישט־עטישן אַקט — עס האָט זיך דאָך געהאַנדלט וועגן באַפרידיקן אַזאַ וויכטיקע, כמעט רעוואָלוציאָנערע גייסטיקע באַדערפעניש! ווען עמיצער, למשל, וואָלט זיך דערלויבט

אַ גנבה אָדער אַ שווינדל, כּדי צו באַפרידיקן אַן אַנדערע, אַ מאַטעריע־לע באַדערפעניש, וואָלט ער זיכער אויסגעשלאָסן געוואָרן פון אונזערע רייען.

אַ גרויסע ראָלע אין אונזער דורשט נאָך טעאַטער האָט בלי־ספק געשפילט דער דעמאָלטיקער רעפּערטואַר וואָס איז געווען ווי אַן אָנזאָג, ווי אַ סימבאָל און באַשטעטיקונג צו אונזערע שטרעבונגען: צו יענער געשילדערטער צייט איז איבער צפון־מערבדיקער געגנט (יידישער תהום) פון אַמאָליקן רוסלאַנד אַרומגעפּאָרן אַ טעאַטער־טרופּע אונטער דער אָנפירונג פון זייער אַ פּאָפּולערן אַרטיסט, מירסקי. דער דאָזיקער אַרטיסט מיט זיין טרופּע איז געווען באַליבט סיי ביי דער שטודירנדיקער יוגנט, סיי ביי די אַרבעטער. צי האָט ער דאָס אויסגענומען אַזוי מיט זיין שפּילן, קען איך היינט נישט זאָגן. מיין טעאַטער־מבינות איז דעמאָלט געווען זייער און זייער אַ קליינע. דערפאַר קען איך מיט זיכערקייט זאָגן, אַז אַ גרויסע ראָלע אין זיין פּאָפּולאַריטעט האָט בלי־ספק געשפּילט דער דעמאָלטיקער רעפּערטואַר זיינער. די סאַמע באַליבטסטע און פּאָפּולערסטע פּיעסן — אויף וויפיל איך געדענק — זענען געווען: קין, האַמלעט, טרילבי, ראַבאָטשאַיאַ סלאָבאָדקאַ (אַרבעטער־געסל) און ענלעכע. דער אינהאַלט פון די פּיעסן איז געווען ווי אָנגעמאָסטן פאַר יענער צייט: אין זיי האָט זיך געפילט פּראָטעסט קעגן דער וועלט פון פאַלשקייט און צביעות, שפּאָט און פאַראַכטונג צו דער „העכערער" געזעלשאַפט, אָפּנאַרעריי פון די מאַכט־האָבער — מיט איין וואָרט, אַלץ וואָס מיר האָבן אָנגעהויבן זען אין דער געזעלשאַפט גופא. מיר האָבן אין די ווערטער פון מחבר אַריינגעלייגט טיפע רמזים וואָס דער מחבר האָט אפשר גאָר אין זינען נישט געהאַט.

די סימפּאַטיעס וואָס מען האָט געהאַט צו די ווערטער, וועלכע דער מחבר האָט אַריינגעלייגט דעם אַרטיסט אין מויל, האָט מען אַרי־בערגעטראָגן אויפן אַרטיסט גופא. דאָס אייגענע מיט די ווערטער און זאַצן וואָס פלעגן נישט געפעלן: דער אַרטיסט, וואָס האָט גע־שפּילט די ראָלע פון אַ פאַבריקאַנט, אַ באַראָן אָדער גלאַט אַן אכזר, איז געווען ביי דער „גאַליאָרקע" פאַרהאַסט, ווי אַ שפּין. עס פלעגט אָפּט פּאַסירן, אַז דער אַרטיסט וואָס האָט מיט אַ וואָך צוריק געשפּילט די דאָזיקע ראָלע, פלעגט ווערן אויסגעפייפט, ווי נאָר ער האָט זיך באַוויזן אויף דער בינע, הגם היינט דאַרף ער שפּילן די ראָלע וואָס

איז דער היפּוך פון דער פאַבריקער. האָט ווער פון די אַרטיסטן גע־שפּילט די ראָלע פון אַ דערנידעריקטן מענטשן, האָט ער געוואונען די סימפּאַטיעס פון דער גאַנצער „גאַליאַרקע". ווען די ראָלע איז אַפילו דורכגעפירט געוואָרן נישט אַזוי גוט, ווי מען וואָלט זיך גע־קאָנט ווינטשן, אַלץ איינס האָט מען אים וואַרעם אַפּלאָדירט, ווי נאָר ער האָט זיך באַוויזן אויף דער סצענע.

באַזונדערס האָט די „גאַליאַרקע" ליב געהאַט איין אַרטיסט פון מירסקים טרופּע, וועלכער פלעגט שפּילן כאַראַקטער־ראָלן. דאָס איז געווען אַ דאַרער, קליינגעוויקסיקער אַרטיסט, גערעדט אַביסל אונטערן נאָז, און אויף וויפיל איך קען היינט אורטיילן — מיט קיין גרויסע אַרטיסטישע פעאיקייטן זיך נישט אויסגעצייכנט. אָבער ווי נאָר ער האָט זיך באַוויזן אויף דער סצענע, פלעגט אים די „גאַליאַרקע" באַ־געגענען מיט די גרעסטע אָוואַציעס. ווער שמועסט, אַז ער האָט אַרויסגערעדט אַ וואָרט אָדער געמאַכט אַ מינע וואָס האָט געקאָנט אויסגעטייטשט ווערן אין דעם זין וואָס אונז האָט זיך געוואָלט, זענען אויסגעבראָכן אַפּלאָדיסמענטן אינמיטן שפּילן. דער אַרטיסט איז געווען געצוואונגען איבערצורייסן זיין ראָלע און עטלעכע מאָל זיך פאַרנייגן, ביז די „גאַליאַרקע" האָט זיך באַרואיקט. אַפילו אין די דיווערטיסמענטן*), ווי נאָר ער האָט זיך באַוויזן פאַרן עולם, אַזוי פלעגן גלייך אויסבּרעכן שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן און לויב־אויסרופן.

דער רוסישער טעאַטער פון יענער צייט האָט געהאַט נישט נאָר אַ רעוואָלוציאָנערע קולטור־באַדייטונג פאַרן ערשטן דור יידישע אַר־בעטער פון דער בונדיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג, נאָר אויך אַ ריין אָרגאַניזאַציאָנעל־פּאָליטישע: אויף דער „גאַליאַרקע" האָט מען אָפּגערעדט און באַשטימט פאַרשידענע פּאַרטיי־אַרבעטן; די „גאַ־ליאַרקע" איז אַ געוויסע צייט געווען דער טרעף־פּונקט פון צענטראַלן אומלעגאַלן ביבליאָטעקאַר מיט זיינע גרופּן־ביבליאָטעקאַרן, און פון די גרופּן־ביבליאָטעקאַרן מיט זייערע לייענער; אין טעאַטער פלעגן אָפט פאָרקומען פּאָליטישע דעמאָנסטראַציעס, בעת וועלכע מען פלעגט פון דער „גאַליאַרקע" אַראָפּוואַרפן אין טעאַטער־זאַל פּראָקלאַמאַציעס, פּראָטעסט־אויפרופן און אַנדערע רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור.

---

*) אין יענער צייט איז געווען אָנגענומען נאָך יעדער פּיעסע צו געבן אַ צוגאָב־אַקט פון דעקלאַמאַציעס, דערציילונגען, געזאַנג און אַנדערע קלענערע בינע־נומערן. דער דאָזיקער צוגאָב־אַקט האָט געהייסן — „דיווערטיסמענט".

אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט די בונדישע באַוועגונג געשאַפן אייגענע פאָרמען פון קולטורעלער אַנטוויקלונג פֿאַר די יידישע אַר־בעטער — געשאַפן אויף זייער שפּראַך, אין זייער סאָציאַליסטישן גייסט, אָבער דער רוסישער טעאַטער פון יענער צייט האָט בלי־ספק געשפּילט זייער אַ גרויסע ראָלע ביי די יידישע אַרבעטער אין אויפ־וועקן ביי זיי דעם דורשט נאָך וויסן, נאָך קולטור — דעם דורשט נאָך אַ נייעם, בעסערן און פרייען לעבן.

אייגענע טעאַטער־שפּילן

כּדי צו פאַרגרעסערן די פינאַנצן אויף איינצוקויפן נייע ביכער, האָבן די פאַך־ביבליאָטעקן גאַנץ אָפט איינגעאָרדנט געהיימע קולטור־אָוונטן וועלכע פלעגן אויף לאַנגע חדשים איבערלאָזן אין דער מאַסע דעם שטאַרקסטן איינדרוק. אויף די דאָזיקע אָוונטן, צו וועלכע מען פלעגט זיך גרייטן ווי צו אמתע יום־טובים, האָט מען געהאַלטן פאָר־טראַגן אויף ליטעראַרישע טעמעס, געזונגען יידישע און רוסישע אַרבעטער־לידער, פאָרגעלייענט פראַגמענטן פון באַליבטע שרייבער; מען פלעגט דעקלאַמירן לידער פון ראָזענפעלד, עדעלשטאַט, ווינ־טשעווסקי, באָווּשאָווער און אַנדערע פּאָעטן. אויך אייגענע טאַלאַנטן פלעגן קומען צום וואָרט מיט זייערע „שאַפונגען".

שטאַרק באַליבט ביי דער אַרבעטער־מאַסע זענען געווען די פאָר־שטעלונגען וואָס פלעגן אינסצענירט ווערן אויף די דאָזיקע אָוונטן. דאָס זענען געווען פאָרשטעלונגען זייער פּרימיטיווע — איינגעאָרדנט אויפן היימישן שטייגער מיט אייגענע אַרטיסטישע כּוחות. אָבער דער פאַרזאַמלטער עולם פלעגט זיך קוים דערוואַרטן די פאָרשטעלונג זאָל זיך שוין אָנהייבן, אַזוי גרויס איז געווען צו זיי דער אינטערעס.

איינע פון די באַליבטסטע פאָרשטעלונגען איז דעמאָלט געווען אַן אינסצענירט ליד אונטערן נאָמען „די צוואָה", אָדער „דאָרט אין ווינקל". צו דער דאָזיקער פאָרשטעלונג האָט זיך נישט געפאָדערט קיין באַזונדערע רעקוויזיט, קיינע אויסטערלישע דעקאָראַציעס, נישט קיין רעזשיסער און נישט קיין בינע. מאָמענטנווייז האָט זיך אין דער פאָרשטעלונג באַטייליקט דער גאַנצער עולם.

אַ ווינקל פון צימער האָט מען אָפּגעצוימט מיט אַ ליילעך אָדער עפּעס אַ פאָרהענגל, און דאָס האָט פאַרגעשטעלט די בינע. נאָך די רעפעראַטן און אַנדערע נומערן האָט מען אַראָפּגעדרייט דעם נאַפט־לאָמפּ און אין צימער איז געוואָרן האַלב־פינצטער. דער עולם האָט זיך געשטעלט אויף די טישן און בענק, כּדי נישט צו פאַרלירן פון אויג די קלענסטע באַוועגונג וואָס וועט פאָרקומען אויף דער „סצענע",

ווען דאָס פֿאַרהעננגל וועט זיך פונאַנדערציען. אויף דער פּאָדלאָגע פלעגט מען אָנצינדן „בענגאַלישע" פייערן, וועלכע האָבן געברענט מיט אַזאַ פּיאַלעטן ליכט, אַז אַלעמענס פּנימער האָבן אויסגעזען, ווי טויטע. פון ווינקל, הינטערן ליילעך, דערהערט זיך אַ שטיל קרעכצן, און דער עולם האַלט איין דעם אָטעם. אַ געהיימע האַנט ציט פונאַנדער דאָס פאַרהעננגל און עס הייבט זיך אָן די פאָרשטעלונג.

אויף אַ הויפן שטרוי ליגט אַ גרייז־גראָער קראַנקער אַרבעטער און קרעכצט פון ווייטיק. לעבן אים, אויף דער פּאָדלאָגע, זיצט אַ קליין קינד און קוקט מיט אַ טויטן פּנים אויפן קראַנקן. אין זאַל ווערט אַ געדרודער. יעדער וויל בעסער זען דאָס שוידערלעכע בילד, ווייל איינזאַפּן אין זיך דעם טרויער און פּיין. מען שטעלט זיך אויף די שפּיץ פינגער, כּדי בעסער צו זען. אָבער נאָך איידער מען האָט באַוויזן גוט זיך איינצוקוקן, הייבט דער גאַנצער עולם אָן צו זינגען מיט אַ טרויעריקן, צעצויגענעם ניגון:

„דאָרט אין ווינקל אין אַ נאַסן קעלער,
האַרט אויף דריערד אויף אַ ביסל שטרוי;
ליגט אַ מאַן מיט אַ ברוסטן־פעלער,
ליגט און קרעכצט און שרייט: אוי, ווי!"

דאָ ווערט דער עולם שטיל און פון דער פּאָדלאָגע דערהערט זיך דאָס וויינענדיקע געזאַנג פונם קראַנקן, וועלכער ווענדעט זיך צום קינד:

„הער צו, מיין קינד, מיינע לעצטע רייד —
הער מיך אויס מיט גרויס פאַרשטאַנד;
בעפאָר איך נעם פון דיר אָפּשייד,
שווער מיר צו און גיב מיר דיין האַנט,
אַז דו וועסט נישט שווייגן פאַר מיינעם לעבן,
וואָס איך גיי צו שטראַנד פון דער וועלט יונגערהייט,
און אַז דו וועסט זיך מיען — און שטרעבן
צו נעמען ראַכע פאַר מיין פריצייטיקן טויט."

איצט זינגט דער עולם, און דער קראַנקער קרעכצט און הוסט — דערנאָך זינגט ווידער דער קראַנקער, און אַזוי ווייטער „אַ פּסוק אום אַ פּסוק".

די אַרבעטערינס אין זייערע רויטע, סאַטינענע „קאָסאָוואָראָט־קעס" (א בלוזע אזא) שטייען אַרומגענומען איינע די אַנדערע ביי די טאַליעס; זיי באַוועגן זיך ריטמיש אהין און אהער נאָכן טאַקט פון געזאַנג. אַלעמענס אויגן זענען געווענדעט אהין צום גוססדיקן אַרבע־טער. מיר ליידן מיט אים צוזאַמען. מיר שטאַרבן מיט אים צוזאַמען. און צוזאַמען מיט אים באַשווערן מיר עמיצן, באַשווערן מיר זיך זעלבסט — צו נעמען ראַכע פאַר זיין פּריציייטיקן טויט. מיר ווערן אַלע דורכגעדרונגען מיט א גרויס געפיל וואָס האָט נישט קיין נאָמען, וואָס קיינער פון אונז קען זיך וועגן דעם קיין חשבון נישט אָפּגעבן. אָבער די דאָזיקע געפילן האָבן אונז באַפליגלט, דערהויבן, אָפּגערייניקט פון אַלע לעבנס־פּסולת.

די דעמאָלטיקע איבערלעבונגען, וואָס האָבן אין יענע נאַאיווע שעהן געמאַכט שטאַרקער קלאַפּן דאָס האַרץ, ראַשער פּולסירן דאָס בלוט אין אונזערע אָדערן, האָבן א סך פון אונז אויך געהאַרטעוועט און געפעסטיקט פאַרן ווייטערדיקן שווערן רעוואָלוציאָנערן לעבן.

די דווינסקער „אָפּאָזיציע"

נישט געקוקט וואָס איך בין שוין צו יענער צייט געווען זייער טעטיק און פּאָפּולער צווישן די סטאָלער־אַרבעטער, ווי אויך ביי די אַרבעטער פון אַנדערע פאַכן, האָט מיך דער קאָמיטעט פון „בונד" דעמאָלט געהאַט אויסגעשלאָסן פון דער אָרגאַניזאַציע.

דאָס איז, דוכט זיך, געווען אין 1901 ערב דעם 1־טן מאַי. דעם שבת פאַרן 1־טן מאַי האָט געזאָלט פאָרקומען אין „סטראָפּער" וואַלד אַ גרויסע מאַי־פאַרזאַמלונג פון דער גאַנצער אָרגאַניזאַציע מיר און נאָך עטלעכע אַנגעזעענע אַרבעטער פון דער אָרגאַניזאַציע האָט מען נישט געזאָגט דעם „פּאַראָל" (צייכן), לויט וועלכן מען האָט צו דער פאַרזאַמלונג געקאָנט צוקומען.

געשען איז דאָס צוליב דער אָפּאָזיציע, וואָס איז דעמאָלט אַנטשטאַנען אין דער דווינסקער אָרגאַניזאַציע. אַזוינע אָפּאָזיציעס האָבן זיך דעמאָלט געבילדעט כמעט אין אַלע שטעט פון בונדישן ראַיאָן, אָבער אין קיין שטאָט האָט די אָפּאָזיציע נישט אָנגענומען אַזעלכע פאָרמען, ווי אין דווינסק.

איך בין געווען יונג און פּאָליטיש ווייניק אָריענטירט און געוווּסט אויף וואָס פאַר אַ באָדן די אָפּאָזיציע איז אַנטשטאַנען — האָב איך נישט געוווּסט. דעם אמת געזאָגט, איז מיר היינט אויך שווער צו פאָרמולירן די דעמאָלטיקע פאָדערונגען פון דער אָפּאָזיציע. מיר, יונגוואַרג, האָבן נאָכגעשריגן די עלטערע, אַז די אינטעליגענטן האָבן פאַרכאַפּט די גאַנצע מאַכט און זיי לאָזן נישט צו די אַרבעטער צו דער אָנפירונג מיט דער אָרגאַניזאַציע. אין סתירה צו דעם איז געווען אַ צווייטער פאָרוואָרף, אַז פאַר דעם טייל אַנטוויקלטע אַרבעטער וואָס חנפענען זיך צו די אינטעליגענטן מאַכט דער קאָמיטעט העכערע קרייזן מיט די בעסטע פּראָפּאַגאַנדיסטן, און פאַר דער איבעריקער מאַסע שיקט מען אויף די קרייזלעך האַלב־אינטעליגענטן, וועלכע לייענען אַלץ פון ביכל אַרויס.

וואַרשיינלעך האָט דאָ געווירקט דער אָפּקלאַנג פונעם געשיכט־

לעבן שטרייט אין דער דעמאָלטיקער סאָציאַליסטישער באַוועגונג וועגן איבערגאַנג פון פּראָפּאַגאַנדע צו אַגיטאַציע.

און נאָך אַ זאַך: די באַוועגונג איז זיך שוין געווען שטאַרק צע־וואַקסן. עס האָבן זיך אַרויסגערוקט זייער אַ סך אַקטיווע און פעאיקע טוער פון די אַרבעטער גופא. די פירער פון דער באַוועגונג האָבן זיך נאָך וואַרשיינלעך געהאַלטן ביי די אַלטע פאָרמען פון עקסטרעמער קאָנספּיראַציע, וואָס זענען געווען צוגעפּאַסט צום ערשטן פּעריאָד פון דער קרייזל־באַוועגונג. דער אָרגאַניזאַציאָנעלער בוי איז נאָך אויך נישט געווען צוגעפּאַסט צו די געענדערטע באַדינגונגען פון אַ מאַסן־אָרגאַניזאַציע. די אַרבעטער האָבן דעריבער יעדע איבערטריבענע קאָנספּיראַציע אויפגענומען, ווי אַן אומצוטרוי. דאָס האָט געקרענקט זייער געזונטע אייגנליבע און מענטשלעכע ווירדע און אָפט אַרויס־גערופן גרויסע צערודערונג און אויפרעגונג ביי די מער־אַקטיווערע און היציקערע נאַטורן.

צווישן די דווינסקער הויפּט־אָפּאָזיציאָנערן האָבן זיך אויסגעצ־טיילט שמערל דער שניידער און חיים־צביקע דער סאָלדאַטשיק.

חיים־צביקע איז געווען אַ סטאָלער און זיך אויסגעצייכנט מיט זיין היציקער נאַטור. דאָס איז געווען אַן אַרבעטער שוין אין די מיטעלע יאָרן — אַ טאַטע פון עטלעכע קינדער (אַ זעלטנהייט צווישן די דעמאָלטיקע אַרבעטער־טוער), מיט האַלב־אַנאַרכיסטישע אָנשוי־אונגען און בונטאַרישע נייגונגען. אָט דער חיים־צביקע האָט געברענט, ווי אַ פייער, קעגן די אינטעליגענטן.

— פאַריאָגן פון שטאָט דאַרף מען זיי — פלעגט ער האַלטן אין איין שרייען — און אויב זיי וועלן נישט אָפּפאָרן מיט גוטן, דאַרף מען זיי צעברעכן די ביינער.

אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט — ביז דער לאָזונג „שלאָגן די אינטעלי־גענטן פון קאָמיטעט" האָט אָנגענומען דראָענדיקע פאָרמען. באַזונ־דער אויפגעבראַכט איז מען געווען אויף איין אינטעליגענט מיטן נאָמען באָריס פון אַלעקסאַנדראָווסק (אַ שטעטל לעבן דווינסק). אים האָט חיים צביקע אַליין געפּאַקט אַ שבת אינדערפרי לעבן דער גרויסער שול און אַראָפּגעלאָזט צוויי „פּלעמען", מיטן צוזאָג אַז אויב ער וועט נישט אָפּפאָרן פון שטאָט, וועט ער באַקומען נאָך. איך אַליין בין דער־ביי נישט געווען, ווייל איך בין געווען פאַרנומען מיט היטן אַ צווייטן

טוער — דווקא אַן אַרבעטער, אויף וועמען חיים צביקע האָט מיר אָנגעוויזן, אַז ער איז אויך קעגן דעם מען זאָל די אַרבעטער צולאָזן צו דער אָנפירונג פון דער אָרגאַניזאַציע.

געווען בין איך זייער אַ געזונטער יונג און דערביי אַ דרייסטער שלעגער. אָנבויקערן אַ שטרייק־ברעכער די ביינער, אָדער פאַרפירן אין אַ פינצטער ווינקל אַ שפּיאָן און אים אויסהאַקן די ציין — איז ביי מיר געווען נישט פון די שווערע זאַכן. און אַז חיים צביקע — אַן עלטערער און איבערגעגעבענער טוער — זאָגט מיר, אַז ער, זלמן איטשקע דער בערשטער, לאָזט נישט צו די אַרבעטער צו דער אָנפירונג און מען דאַרף אים דערפאַר אָנלערנען, האָב איך קיין קשיות נישט געשטעלט און גענומען זיך צו דער „איידעלער אַרבעט". צו דער דאָזיקער „רעוואָלוציאָנערער" אַרבעט האָב איך צוגעצויגן נאָך אַ יונגן סטאָלער־אַרבעטער. און דער צופאַל האָט געוואָלט, אַז זיין נאָמען זאָל אויך זיין לייבקע — לייבקע פון די „פלעצער". דאָס איז געווען אַ הויכער, שיין־געבויטער יונגער אַרבעטער, וועלכער האָט געקאָנט, ווען מען האָט באַדאַרפט, געבן אַ קלאַפּ.

אָט די צוויי לייבקעס, אויף וועמען מען האָט זיך געקאָנט „פאַרלאָזן", האָבן גענומען אָפּהיטן זייער קרבן — זלמן איטשקע דעם בערשטער. געווען איז דאָס אין זעלבן שבת אַרום דער גרויסער שול. זלמן איטשקע האָט דערפילט, אַז מיר לויערן אויף אים, האָט ער זיך געלאָזן גיין אַהיים. מיר זענען אים נאָכגעגאַנגען עטלעכע גאַסן, און שוין נאָענט פון זיין היים, אויף קרעסלאָווער גאַס, זענען מיר אים באַפאַלן, ווי דעם גרעסטן שונא און אים צעשלאָגן.

מיט יאָרן שפּעטער, ווען איך בין עלטער געוואָרן, האָב איך אַן גרויל ווענן יענעם אַקט נישט געקאָנט טראַכטן. לאַנג, זייער לאַנג האָט מיך געפּייניקט דער געוויסן — בפרט נאָכדעם, ווי זלמן איטשקע איז נאָר אינגיכן פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר. דער געדאַנק ווי אַזוי וועל איך אים קוקן אין די אויגן, ווען איך וועל זיך נאָך מיט אים אַמאָל טרעפן, פלעגט מיך אריינוואַרפן אין פאַרצווייפלונג. אָבער דער בונדישער גאָט האָט אויף מיר רחמנות געהאַט: אין 1905 איז זלמן איטשקע צוריק געקומען פון סיביר, און מיר האָבן ביידע האַרציק געלאַכט, דערמאָנענדיק זיך דעם אָנפאַל אויף אים...

ווי מען זעט, האָט דער קאָמיטעט געהאַט אַ געגונגדיקן גרונט אויסצושליסן מיך פון דער אָרגאַניזאַציע. דעם ערשטן קלאַפּ פון זיין

אויסער דער אָרגאַניזאַציע — האָב איך דערפילט טאַקע דורך דעם, וואָס מען האָט מיך נישט צוגעלאָזט צו דער מאַי־פאַרזאַמלונג אין וואַלד. געווען זענען מיר אַזעלכע אויסגעשלאָסענע עטלעכע יאַטן, איי־נער ווי איינער, מיט חיים צביקע סאָלדאַטשיק אין דער שפּיץ. דאָס באַ־האַלטן פון אונז דעם „פּאַראָל" האָט אונז געקרענקט ביז גאָר, און מיר האָבן באַשלאָסן די פאַרזאַמלונג אויסצוגעפינען און זי אָראָפּ־רייסן מיט אַ סקאַנדאַל. פאַר אַ זייטיקן וואָלט דאָס געווען נישט פון די לייכטע זאַכן, ווייל אין יענע יאָרן האָט מען די פאַרזאַמלונגען אין וואַלד איינגעאָרדנט אויף אַ קונציקן, קאָנספּיראַטיוון אופן, אָבער מיר זענען געווען שוין דערפאַרענע — נישט איינמאָל אַליין זיך באַ־טייליקט אין אָרגאַניזירן אַזעלכע פאַרזאַמלונגען, און מיר האָבן די זאַך אונטערגענומען. גרינג איז דאָס אָבער אונז נישט אָנגעקומען.

די שטאָט דווינסק שטייט אויף אַ פלאַכן, גלייכן באָדן בײַם רעכטן ברעג פון דעם ברייטן טייך דווינאַ. די שטאָט איז פון דריי זייטן אַרומגערינגלט מיט אַ קייט פון גרויסע, געדיכטע סאָסנע־וועלדער, וואָס יעדער פון זיי טראָגט אַן אַנדער נאָמען. דעם וואַלד הינטערן „קרע־פּאָסט" (מיליטער־פעסטונג) רופט מען „פּאַגוליאַנקע", — דאָס איז דאָס דאַטשע־אָרט פאַר די אָרטיקע גבירים. פון פרילינג פאָרט אַהערצו אַ קליינער דאַמפער און פירט שבת און יום־טוב, חוץ די שטענדיקע דאַטשניקעס, אויך שפּאַצירנדיקע, וואָס פאָרן אַרויס אויף אַ טאָג אָפּרוען אויפן גראָז. פון דער צווייטער זייט, נענטער צו דער שטאָט, ליגט דער וואַלד „טשערעפּאָווע" — דאָס דאַטשע־אָרט פאַר דעם ווייניק־פאַרמעגלעכן טייל פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג, און ווייט הינטערן בית־עולם געפינט זיך דער גרויסער טונקעלער, גע־היימניספולער וואַלד — דער „סטראָפּער". דורכן „סטראָפּער" וואַלד פירט אַ גרויסער, ברייטער שאָסיי איבער די „פּלעצער", און לאָזן עטלעכע הונדערט מאַן גלייך איבערן שאָסיי וואָלט הייסן אַריינקריכן צום לייב אין מויל אַריין. דעריבער האָט זיך געפאָדערט גאָר אַ גרויסע פאָרזיכטיקייט און געניטקייט אַזעלכע פאַרזאַמלונגען דורכצופירן.

אויף איינצואָרדנען די וואַלד־פאַרזאַמלונגען האָט זיך שוין גע־האַט בײַ דער אָרגאַניזאַציע אויסגעבילדעט אַ ספּעציעלע גרופּע, וועלכע האָט אויסגעצייכנט געקענט די געגנט אַרום דער שטאָט, געוואוסט אַלע שטעגלעך און וועגלעך אין די וועלדער; געוואוסט וואו עס געפינט זיך די כאַטקע פון וואַלד־וועכטער, וואו עס גייט דורך די אייזנבאַן

און נאָך און נאָך נייטיקע איינצלהייטן, וואָס אַ זייטיקער וואָלט אויף דעם גאָר קיין אכט נישט געלייגט. די דאָזיקע גרופּע פלעגט זיך מיט אַ פּאָר וואָכן פאַר דער פאַרזאַמלונג ארויסלאָזן אין די וועלדער און אויסגעפינען אַ פּאַסיקן אָרט פאַר דער פאַרזאַמלונג. צום מערסטן איז דאָס געווען אַ טיפער טאָל, ארומגערינגלט ווייט און ברייט ארום מיט קלענערע און גרעסערע בערגלעך. פון אָט דעם אָרט האָט מען אויסגעזוכט די געפלאַנטערטסטע וועגלעך, וואָס פירן דורכן „סטראָ־פּער" וואַלד צו די איבעריקע צוויי וועלדער, וועלכע גרענעצן זיך מיטן „סטראָפּער". אויף די וועגן האָט מען געמאַכט סימנים, כּדי עס זאָל זיין לייכטער זיי שפּעטער צו געפינען. אָפט איז אויסגעקומען צו דעם צוועק צו באַזוכן דעם וואַלד עטלעכע מאָל — ביז אַלץ איז געוואָרן אויסגעפאָרשט און צוגעגרייט.

איצט פלעגט זיך אָנהייבן די אַרבעט אין דער אָרגאַניזאַציע גופא: די גאַנצע מאַסע איז געוואָרן צעטיילט אויף קלענערע גרופּן — יעדע גרופּע מיט איר פירער. טייל גרופּן פלעגן זיך ארויסלאָזן דורך „פּאָגוליאַנקע" און „טשערעפּאָווער" וואַלד מיט אַ נאַכט־פריער, יעדע גרופּע דורך אַן אַנדער וועג. טייל גרופּן זענען געגאַנגען פאַרטאָג, און די רעשט האָבן זיך גאַנץ פרי געלאָזט אויף שיפלעך מיטן טייך און ארויסגעשטיגן ווייט הינטער דער שטאָט צו אַ שטעגל פון „טשערע־פּאָווער" וואַלד, וואָס פירט דורך פאַרשידענע אומוועגן צום „סטראָ־פּער". אויף די וועגן און שטעגן פון די וועלדער זענען געווען אויס־געשטעלט פּאַטרולן (פּיקעטן) מיט סימנים אין האַנט, וועלכע פלעגן לויטן אָפּגערעדטן צייכן אָנווייזן דעם ווייטערדיקן וועג צום צווייטן פּאַטרול, דער צווייטער — צום דריטן אאַז"וו. טאָמער האָט פּאַסירט, אַז צוויי גרופּן האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן אויף איין פּונקט, האָט יעדע גרופּע געמוזט גיין איר אָנגעוויזענעם וועג, אַזוי ווי זי וואָלט גאָרנישט וויסן — ווער די צווייטע גרופּע איז. מאַנכע גרופּן פלעגן זיך אַזוי שלעפּן אַ גאַנצע נאַכט, אויב די נאַכט איז געווען אַ ליכטיקע. שטיל, מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם, אויסמיידנדיק צו רעדן איינער מיטן צווייטן, איז מען אָפט צוגעקומען צום אָרט פון דער פאַר־זאַמלונג פאַרמאַטערטע און אויסגעווייקטע אין פרימאָרגן־טוי פון פייכטן גראָז, פון די נאַסע ביימער. אָבער ווער האָט זיך אויף אַזעלכע קליינינקייטן אומגעקוקט?

איידער דער גאַנצער עולם איז זיך צונויפגעקומען, האָט מען דערווייל צעוויקלט די פּעקלעך שפּייז, וואָס מען האָט מיטגענומען פון דערהיים און געשטאַרקט זיך דאָס פאַרחלשטע האַרץ. אַז דער גאַנצער עולם איז זיך שוין צוזאַמענגעקומען, האָט מען אויסגע־שטעלט נייע פּאַטרולן אויף צו היטן פון אַ פּאָליציייאישן איבערפאַל. טייל פּאַטרולן זענען געזעסן פאַרשטעקט אויף הויכע ביימער און אויסגעקוקט, צי מען זעט נישט עפּעס. פלעגט זיך עפּעס אויסדוכטן, האָבן די פּיקעטן געגעבן צו וויסן, און אין טאָל איז געוואָרן שטיל, ווי קיין לעבעדיק באַשעפעניש וואָלט זיך דאָ נישט געפונען.

צו די גרויסע פאַרזאַמלונגען אין וואַלד, וואָס פלעגן פאָרקומען נאָר אין צוזאַמענהאַנג מיט גרויסע, וויכטיקע געשעענישן, זענען אָפט אָרגעקומען רעדנער פון אַ צווייטער שטאָט, ווען די מאַסע האָט נישט געקאָנט. אָבער אויך אָרטיקע טוער פלעגן האַלטן פלאַמיקע רעדעס. איינער אַזאַ רעדנער איז אַמאָל געווען יואַלקע דער סטאָליער (י. דאָברושין, געשטאָרבן אין אַמעריקע). איינמאָל האָט ער צום סוף פון זיינער אַ רעדע אַרויסגעכאַפּט פון קעשענע אַ רע־וואָלווער, זיך געשטעלט אונטער דער צעוויקלטער פאָן, און מיט ברען אויסגעשריגן: „יעדער פון די צאַרישע משרתים, וואָס וועט זיך צורירן צו דער פאָן, וועט פאַלן אַ טויטער אָט פון דעם רע־וואָלווער!" דאָס איז וואַרשיינלעך געווען דאָס ערשטע מאָל, ווען אַ יידישער אַרבעטער פון ליטע האָט געזען אַ רעוואָלווער. עס איז אויך אַ גרויסער ספק צי דער רעוואָלווער איז געווען אין אָרדענונג... אָבער די סצענע האָט אויף דער מאַסע געמאַכט אַ געוואַלדיקן, עקזאַל־טירנדיקן איינדרוק. עס האָט זיך געדוכט, אַז די גאַנצע מאַסע איז איצט גרייט צו גיין אויף מסירת־נפש.

נאָך די רעדעס פלעגט מען מיט האַלבע שטימען זינגען מיט גרוים געפיל די דעמאָלטיקע רעוואָלוציאָנערע און אַרבעטער־לידער, שטייענדיק אין אַ גרויסן קרייז אַרום דער פאָן. די אויגן ברענען מיט ענטוזיאַזם, די הערצער קלאַפּן אין טאַקט. נישט הונדערטער, דוכט זיך, איז מען דאָ אין טונקעלן וואַלד, נאָר מיליאָנען־מיליאַסן — אַלע מיט איין אידייע, מיט איין גלויבן, מיט איין כּוח. און געדוכט האָט זיך, אַז אויף דער וועלט איז נישטאָ אַזאַ קראַפט, וואָס קאָן דעם גלויבן פאַרניכטן, דעם כּוח צעברעכן.

אַזוי האָבן געמוזט אויסזען די געהיימע פאַרזאַמלונגען פון די ערשטע קריסטן, וועלכע פלעגן אָפּריכטן זייערע תּפילות אין די פינצטערע היילן, אין די טיפע קאַטאַקאָמבעס. אויב אַ סך פון אונז האָבן אין זייער ווייטערדיקן שווערן, אָפּט געפּרוּווטען לעבן נישט פאַרלוירן דעם מוט, נישט אָפּגעשוואַכט געוואָרן, איז דאָס זיכער, טייל־ווייז, אַדאַנק אָט די וואונדערלעכע מינוטן פון דערהויבונג אין יענע שווערע צייטן פון צאַרישן אונטערערד.

ווי שוין געזאָגט, פלעגט זיך אויף די דאָזיקע גרויסע וואַלד־פאַרזאַמלונגען צוזאַמענקומען די גאַנצע אָרגאַניזאַציע (ווען די אָר־גאַניזאַציע איז גרעסער געוואָרן, האָט מען גלייכצייטיק איינגעאָרדנט צוויי און מערער פאַרזאַמלונגען אין פאַרשידענע ערטער). זייער אָפט האָט פּאַסירט, אַז אויף דער פאַרזאַמלונג האָבן זיך געטראָפן צוויי נאָענטע שכנים, וועלכע האָבן איינער פון צווייטן נישט געוואוסט, אַז ביידע זענען „באַקאַנטע״.

אָט אַזאַ מאַי־פאַרזאַמלונג האָט דאָס אונזער דווינסקער אָפּאָזיציע געקליבן זיך אויסצושפּירן — און זי צעשטערן.

ווי אַזוי מיר האָבן די פאַרזאַמלונג אין וואַלד אויסגעשפּירט, איז שוין נישט אַזוי וועזנטלעך, אַגב, געדענקען זיך שוין נישט אַזעלכע איינצלהייטן. איך געדענק נאָר דעם אומגעהויערן איינדרוק וואָס עס האָט געמאַכט אונזער באַווייזן זיך אויף איינעם פון די בערגלעך אַרום דעם גרויסן טאָל, וואו די מאַסע איז אין אַ האַלב־קרייז געווען אויס־געזעצט אויפן גראָז און מיט גרויס אינטערעס געהערט דעם רעדנער, וועלכער איז געשטאַנען מיט דער פּלייצע אָנגעשפּאַרט אָן אַ בוים. דער רעדנער האָט איבערגעריסן אין מיטן וואָרט, די מאַסע איז פאַרשטאַרט געוואָרן, ווי פּאָליציי וואָלט זי באַפאַלן. אונז איז עפּעס אויך געוואָרן פון דעם אומהיימלעך. ווי אַזוי דאָס איז געוואָרן, איז מיר איצט שווער צו זאָגן — נאָר עס איז אוועק אַ קריגעריי, מיט קולות און דראָאונגען. מיר זענען, אין פאַרגלייך מיט דער גאַנצער מאַסע, געווען אַ קליינע גרופּקע, אָבער מיר האָבן זיך געהאַלטן גענוג חוצפּהדיק און געשריגן צו דער מאַסע, אַז זי לאָזט זיך פאַרפירן פון די אינטעליגענטן, וועמען עס ליגט גאָר נישט אין זינען די בלוטיקע אינטערעסן פון אַרבעטער, און נאָך אַזוינע פאָרוואורפן. די מאַסע, איבערהויפּט דער אַנטוויקלטער טייל, האָט אונז געענטפערט מיט פיינטלעכע, גיפטיקע בליקן, מיט בייסיקע פאָרוואורפן. אַ סך חברטעס

האָבן פון פאַרדרוס געוויינט. שאַשקע די מאַנטל־שניידערקע, מיט וועמען איך בין שפּעטער באַפריינדעט געוואָרן, האָט אין גרויס נער־וועזיטעט מיטביידע הענט געריסן גראָז פון דער ערד און געשליידערט אין אונז, ווי מיט שטיינער.

דער סוף איז געווען, אַז מיר האָבן די פאַרזאַמלונג פאַרלאָזן. צוריק זענען מיר געגאַנגען מיט אַראָפּגעבויגענע קעפּ, נישט געקאָנט קוקן איינער דעם צווייטן אין די אויגן. אין האַרצן האָט גענאָגט און געטאַטשעט אַ נישט־אָנגענעמער געפיל. און מיר דוכט, אַז די אי־בעריקע חברים מיינע האָבן זיך אויך נישט בעסער געפילט. אַן ענלעך געפיל האָב איך איבערגעלעבט, ווען צוזאַמען מיט נאָך חברים האָבן מיר צעטריבן אַ פּריוואַטע קליינע באַראַטונג פון דער קאָדע־טישער פּאַרטיי, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער פּריוואַטער דירה פון גרויסן לעדער־פאַבריקאַנט גריליכעס. דאָס איז פאָרגעקומען מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער, אין צוזאַמענהאַנג מיט די וואַלן צו בולי̱גינס גאָסודאַרסטווענגאַיאַ דומאַ (רוסישער פּאַרלאַמענט), וואָס דער „בונד״ האָט באַשלאָסן זי אַקטיוו צו באָיקאָטירן.

היינט, ווען איך דערמאָן זיך אָן יענע „מעשים־טובים״ מיינע, קלער איך אַלץ — פון וואַנען האָבן זיך דאָס דעמאָלט גענומען צו מיר אַזעלכע הפקרדיק־בונטאַרישע געננג? איך קום שטענדיק צום זעלביקן אויספיר — איך בין דעמאָלט נאָך נישט אַלט געווען קיין גאַנצע צוואַנציק יאָר...

אויב די אַרבעטער, וועלכע האָבן זיך די לעצטע יאָרן פאַר־נומען מיט אַראָפּרייסן אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען, שלאָגן אַרבעטער־טוער אד״גל, לעבן איבער דאָס, וואָס איך האָב נאָך יענעם שבת איבערגעלעבט, האָבן זיי שוין זייער שטראָף באַקומען...

וואָס איז געוואָרן מיט מיר און מיט דער דווינסקער אָפּאָזיציע? גאָרנישט! — דאָס וואָס ס׳איז געוואָרן פון די אָפּאָזיציעס אין אַנ־דערע שטעט. די באַוועגונג איז געווען אַ געזונטער אָרגאַניזם און איז בייגעקומען אַלע קליינע און גרעסערע נישט־נאַטירלעכע אָנוואוקסן. עס איז דעמאָלט פאָרגעקומען סיי דער אידייאישער, סיי דער אָרגאַני־זאַציאָנעלער איבערברוך אין דער באַוועגונג, און אַלץ האָט זיך צוגע־פּאַסט צו די נאַטירלעכע פאָדערונגען פון דער באַוועגונג, וועלכע

האָט זיך געניייטיקט אין אַרבעט, אין איבערגעגעבנקייט. קענען אונז איז געווען דער צאַריזם, און אַהין האָבן מיר אַלע געשיקט אונזערע פאַר־שאַרפטע פיילן.

דעם נאָענטסטן 1־טן מאַי, 1902, האָט דער דווינסקער קאָמיטעט פון „בונד" איינגעאָרדנט אַן עפנטלעכע דעמאָנסטראַציע אויף איינער פון די רייכסטע גאַסן פון שטאָט, און איך — דער נעכטיקער „אָפּאָזי־ציאָנער" — בין געווען דער פאָן־טרעגער.

אַמאַליקע קאָנספּיראַציעס

(מיכל דער סטאָליער)

מיט מיכלען זענען מיר געווען צוויי חברים — איין נשמה. דאָס שטרעבן צו אַ ניי לעבן האָט אונז פּאַראייניקט. צרות, הונגער און פּיין האָבן אונז צוזאַמענגעבונדן מיט אַ באַנד פון אייביקער פריינטשאַפט.

ווען איך האָב זיך מיט אים באַקענט, איז ער שוין געווען נאָכן „פּריזיוו" און האָט שוין פאַרנומען אַן אָנגעזען אָרט אין דער באַוועגונג: געווען אַגיטאַטאָר און מיטגליד פון „צענטער". מיכל איז געווען אַן אַנטוויקלטער אַרבעטער און — פאַר יענער צייט — מיט אַ ברייטן קוק אויף דער אַרבעטער־באַוועגונג. אַ שילער פון דווינסקער האַנטווערקער־שול, האָט ער באַהערשט גוט די רוסישע שפּראַך (דעמאָלט אַ זעלטנהייט ביי אונז אין שטאָט), געווען שטאַרק באַלעזן אין דער רוסישער, יידישער און טיילווייז אויך אין דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור. געלייענט מאַרקסן און אַנדערע סאָציאַליסטישע שרייבער. נישט קיין רעדנער, האָט ער דאָך געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף אַנדערע, ווייל אין זיין רעדן האָט זיך געפילט אַ סך וויסן און גלויבן, וואָס עס האָט אַרויסגעלויכטן פון זיינע גוטע, פאַרקומערטע אויגן.

באַקענט האָב איך זיך מיט אים נאָענט, ווען איך האָב באַקומען אַרבעט אין דער דעמאָלטיקער דווינסקער מיליטער־פעסטונג, וואו מיכל האָט שוין פריער געאַרבעט. לכתחילה האָט ער מיר אימפּאָנירט ווי אַ גוטער סטאָליער־אַרבעטער (אַ גוטער אַרבעטער אימפּאָנירט מיר נאָך עד־היום); אָבער וואָס ווייטער, איז זיין ווירקונג אויף מיר געוואַקסן אַדאַנק די געשפּרעכן, וואָס מיר פלעגן פירן גייענדיק דעם לאַנגן וועג פון דער אַרבעט אהיים (די פעסטונג האָט זיך געפונען דריי מייל הינטער דער שטאָט). עס האָט אויף מיר געווירקט זיין באַהאַווונקייט אין אַ סך פּראַקטישע פראַגן, פון וועלכע איך האָב זיך דעמאָלט נישט געקאָנט אַרויספּלאָנטערן. אָבער באַפריינדעט זענען מיר גע־

וואָרן ביי גאָר אַנדערע אויסטערלישע באַדינגונגען, וואָס זענען טאַקע אויך געווען פאַרבונדן מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג אויף אַ אומ־דירעקטן אופן.

אין אַ לופטיקער לבנה־נאַכט, אָנפאַנג פרילינג, האָב איך איינזאַם אַרומגעבלאָנדזשעט צווישן די יונגע ביימער־אַלייען, פאַרביי דער שטאָטישער דאַמבע, מיט אַ שווער געמיט און אַ פאַרביטערט האַרץ. איך האָב נאָר־וואָס איבערגעלעבט איינע פון די פיינלעכסטע סצענעס, וואָס אונז, יונגע אַרבעטער, פלעגט דעמאָלט אויסקומען איבערצו־לעבן אין אונזערע פאַמיליעס צוליב דער באַוועגונג.

אין דער דעמאָלטיקער חושכדיקער שווערער צייט פון צאַריזם איז געווען אַ גאַנץ אָפטע דערשיינונג, אַז אַקטיווע טוער פלעגן נאָך דער חתונה פאַרלאָזן די באַוועגונג. דער „צוריקקער" האָט זיך אָפט אָנגעהויבן אויף מאָרגן נאָך די תנאים, וואָס פלעגן יענע צייטן געפּראַוועט ווערן דווקא מיט גרויס „חבר־פאַראַד". תנאים פון אַ חבר מיט אַ חברטע איז געווען אַ געשעעניש. מען פלעגט דאָרט קלייבן געלט פאַר פּאָליטישע אַרעסטירטע, זינגען אַרבעטער־לידער, האַלטן רעדעס און טאָאַסטן, אַז „פון דעם פּאָר זאָל אַרויסקומען אַ סאָציאַ־ליסטישער דור", אַז „אַלע גענעראַלן זאָלן ווערן ליבעראַלן, אַלע אָפּי־צערן — זאָלן ווערן רעוואָלוציאָנערן און אַלע סאָלדאַטן — סאָציאַל־דעמאָקראַטן" אאַז"וו. דאָס אַלטוואַרג — די מומעס און פעטערס פלעגן אויף גיך אָפּפּאַרטיקן די רעליגיעזע צערעמאָניעס, זיך אָפּרוקן אין אַ זייט מיט אונטערגעשפּאַרטע גאָמבעס און שאָקלדיקע קעפּ זיך צוקוקן צו דער יוגנט, וואָס רעדט אַזוי, אַז „גאָט זאָל נישט שטראָפן פאַר די רייד". אָבער נאָך די תנאים האָבן די זעלבע מחותּניתטעס און מומעס אַרומגערינגלט דאָס פּאָרל מיט אַ נעץ פון פרומער אויפמערקזאַמקייט און זאָרגעוודיקע זיפצעלעך. מיט צוזאַמענגעשנורעוועטע ליפּלעך פלעגן זיך אין די שבת־פאַרנאַכטן אָנהייבן די קלוגע ריידעלעך: „ווי לאַנג איז דער שיעור אַלץ צו האָוועגען פאַר דער וועלט — פאַר יענעם; צייט אויך וועגן זיך צו טראַכטן." דערביי האָבן נישט אויסגעפעלט קיין קלוגע ביישפּילן פון אַנדערע פּאָרלעך, וואָס זענען אויך פריער געווען גאַנצע וועלט־פאַרזאָרגער און זענען נאָך דער חתונה „געקומען צום שכל". און ועל כּולם — די שרעקלעכע פּערספּעקטיוו פון „ער אין סיביר און זי מיט אַ פּיצל קינד אויף די הענט" — דאָס איז געווען דער לעצטער קלאַפּ, וואָס נאָר געציילטע, גייסטיק־שטאַרקע האָבן אים געקאָנט אויסהאַלטן.

מיין עלטערע שוועסטער מיט איר חתן, איטשקע דער שוואַר־צער, וואָס האָבן געהאַט „חברישע תנאים" מיט אַלע הידורים, האָבן אויך דערנאָך אָנגעהויבן „זאָרגן וועגן זיך". אָט זיי האָבן מיר פאַרסמט דאָס לעבן אין שטוב.

מיין שוועסטערס חתן איז אויך געווען אַ סטאָליער; האָט צוזאַמען מיט מיר געפירט די „קאַסע". עס איז געווען ווינטער־צייט. אַרבעט אין שטאָט איז געווען ווייניק, באַלעבאַטים האָבן גערימן די לוינען און אונז איז אויסגעקומען אויסצוהאַלטן אַ שרעקלעכן אָנגריף. מיין שוועסטער מיט איר חתן האָט אָבער אויסגעפּעלט אַ פּאָר צענטליק רובל צו קויפן זיך שיף־קאַרטעס קיין אַמעריקע, און ער האָט דער ערשטער געבראָכן דעם פראָנט — געוואָרן אַ שטרייק־ברעכער. דער חתן האָט געוואוינט ביי מיינע עלטערן, און אונזערע באַציאונגען זענען געוואָרן ביז גאָר פאַרשאַרפט. מען האָט אויפגעשטעלט קעגן מיר כמעט דאָס גאַנצע הויז־געזינד: מען האָט באַהאַלטן און צערימן מיינע ביכלעך, פאַרוואָרפן מיין היטל, פאַררוקט ערגעץ אַ שוך, אָנגע־טאָן מיר געבערענטע ליידן. ווען דער שטרייק האָט זיך געענדיקט און איך, ווי איינער פון די אָנפירער, בין געוואָרן אַרויסגעוואָרפן פון דער אַרבעט, איז מיין לעבן אין דער היים געוואָרן אַן אמתער גיהנום: „דער וועלט־פאַרזאָרגער אין צעריסענע הויזן", „דער אומזיסטער פּרעסער" איז געווען מיין שטענדיקער צונאָמען.

אין יענער באַשריבענער נאַכט בין איך מיט שפּאָט און געלעכ־טער פאַריאָגט געוואָרן פון הויז, פון מיינע עלטערן, צו וועמען איך האָב זיך נישט אומגעקערט זייער אַ לאַנגע צייט.

מיט איין העמד אויפן לייב בין איך אַנטלאָפן, אַ פאַרביטערטער, גרייט עמיצן צו דערהרגענען, אָדער זיך אַליין דעם טויט צו מאַכן.

עס איז געוואָרן שפּעט. די נאַכט איז געווען אַ קאַלטע און מען האָט געדאַרפט אָנהייבן טראַכטן וועגן אַ נאַכטלעגער. איך בין געווען אַרבעטלאָז, אָן אַ גראָשן געלט. האָב איך קיין אַנדער אויסוועג נישט געהאַט, ווי גיין נעכטיקן צו מיכלען. אין מיטן וועג טרעף איך אים אַ בלאַסן און אויפגערעגטן, קוים ער קאָן אַ וואָרט אויסרעדן. לאָזט זיך אויס, אַז אויך ער האָט געהאַט אין שטוב אַן ענלעכן אָפּשפּיל און האָט אויך געמוזט פאַרלאָזן זיין אַלטע מוטער, וואָס האָט צוליב אים נישט געקאָנט איינרייסן מיט זיין שוועסטער און איר יונגן מאַן. אין צווייען איז אונז געווען היימלעכער צו פאַרברענגען די נאַכט אויפן גאַס. דעם פרימאָרגן האָבן מיר באַגעגנט זיצנדיק אויף אַ באַנק,

צוגעטוליעט איינער צום צווייטן, כּדי זיך צו דערוואַרעמען. אַט אין יענער טרויעריקער, קאַלטער פרילינג־נאַכט איז דאָס געשלאָסן גע־וואָרן אונזער נאָענטע פריינטשאַפט.

***

איך בין עלטער געוואָרן, באַקומען מער דערפאַרונג אין פראַגן פון דער ארבעטער־באַוועגונג, און ביידע זענען מיר געוואָרן די אַנערקענטע פירער פון פאַך און פון דער „בירזשע". מיר זענען געווען באַליבט ביי די אַרבעטער און פאַרהאַסט פון די באַלעבאַטים. ווי נאָר אַ שוואַכער סעזאָן, זענען מיר ביידע געבליבן אָן אַרבעט גאַנצע חדשים. די חברים פלעגן אין די פאַלן אַרויסווייזן צו אונז רירנדע אויפמערקזאַמקייט. אַזוי האָבן מיר געקעמפט און געליטן, געהונגערט און געקעמפט, ווי צוויי געטרייע חברים: זיך געטיילט מיטן ביסן, נישט געהאַט איינער פאַרן אַנדערן קיין שום סודות.

איינמאָל מעלדעט מיר מיכל מיט שטאַמלדיקע ווערטער, מיט אַ ספּאַזמעדיקער שטים, אַז ער מוז זיך אַרויסציען פון צימער, ווייל ער קלייבט זיך איבער צו די עלטערן פון זיין כּלה. די כּלה זיינע, שאַסל די שניידערין, איז אויך געווען אַן איבערגעגעבענע טוערין און אַ גוטע חברטע. פונדעסטוועגן האָט די ידיעה מיר אַ ריס געטאָן אין הארצן: ווער ווייסט, וואָס עס קאָן דערפון ווערן?

עס האָט לאַנג נישט געדויערט, מיכל האָט חתונה געהאַט — און געבליבן דער זעלביקער איבערגעגעבענער חבר ווי געווען. איך האָב זיך מיט אים געגרויסט און אים נאָך מער ליב באַקומען ווי פריער.

עס איז אַוועק אַ לענגערע צייט און מיכל האָט מיט אַמאָל אויפ־געהערט זיך ווייזן אויף אונזערע פאַרזאַמלונגען, האָט אָנגעהויבן אויסמיידן חברים, זיך נישט גערן געטראָפן אפילו מיט מיר. קיין קעגנער, אמת, איז ער נישט געוואָרן, פלעגט צאָלן זיין באַשטייערונג, פאָלגן אַלע באַשלוסן אד"גל, עס איז אָבער געווען קלאָר, אַז פון דער באַוועגונג איז ער אַוועק. מיר איז דאָס געווען שרעקלעך פיינלעך. איך האָב אָנגעהויבן זוכן די סיבות, אָבער נישט געקאָנט געפינען. איך האָב באַשלאָסן, אַז אויך ער איז געפאַלן אַ קרבן פון דער חתונה, צו וועלכער איך האָב באַקומען אַ באַזונדערע אומבאַשרייבלעכע שנאה. די אַרבעט אין פאַך און אויף דער „בירזשע" איז מיר געוואָרן שווערער. דער ציניִשער עולם האָט גענומען אָפּלאַכן, אַז „דער צדיק

מיכל דער סטאָליער (מ. גליקמאַן) און זיין פרוי שאָסל די שניידערין
וויכטיקע טוער אין דער קאָנספּיראַטיווער אַרבעט פון „בונד"

שימקע וועקסלער

אַ סטאָליער-אַרבעטער — איינער פון די ערשטע
בונדישע פּראָפּאַגאַנדיסטן אין דווינסק



נח (פּאָרטנוי)

איינער פון די בונדישע פּיאָנערן — לאַנגיעריקער
פּאָרזיצער פון „בונד” אין פּוילן

האַלט אויך מער פון דער וועלט, ווי פון יענער וועלט", און אַז אינגיכן וועט קומען אויך מיין ריי. די נאָענטע חברים און עלטערע אַרבעטער, וועלכע האָבן מיכלען געקענט, האָבן שטאַרק באַדויערט דעם אָנווער.

אַזוי האָט זיך עס געצויגן אַ לענגערע צייט, ביז מיר זענען איינ־גאַנצן פאַרפרעמדט געוואָרן און זיך אויפגעהערט טרעפן. און אַז מיר האָבן זיך ווען יאָ געטראָפן, האָבן מיר איינער דעם אַנדערן נישט געקאָנט זיך קוקן גלייך אין די אויגן; דערביי איז אָבער אין זיין האַלטן זיך געווען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אַרויסגערופן רחמנות און מיטגעפיל.

איינמאָל, איך געדענק שוין נישט צי דאָס איז געווען דעם 1־טן מאַי, אָדער אַן אַנדער אַרבעטער־יום־טוב, קומט מיכל צוגיין צו מיר און בעט מיך איך זאָל קומען צו אים אין אָוונט צוגאַסט — עס וועלן זיין, זאָגט ער, נאָך עטלעכע באַקאַנטע און מען וועט אַביסל פאַרברענגען. ווען ער האָט פון מיין פּנים אַראָפּגעלייענט, אַז איך זוך אַן אויסרייד אויף אָפּזאָגן, האָבן זיינע אויגן אויסגעדריקט אַזוי פיל פאַרצווייפלונג און געבעט, אַז איך האָב נישט געקאָנט ביישטיין און צוגעזאָגט צו קומען.

אַז איך בין אין אָוונט געקומען, האָב איך שוין ביי מיכלען גע־טראָפן אַ פיר־פינף מענטשן, פון וועלכע איך געדענק נאָר איינעם, יודל דעם געלן (פּריקאַזטשיק). עס האָט לאַנג נישט געדויערט, און אויפן טיש האָט זיך באַוויזן אַ „פלעשעלע" און צובייסנס. נאָך דער צווייטער־דריטער כּוסה האָט אָנגעהויבן ווערן פריילעך. דער עולם האָט זיך צעזונגען: צוערשט שטיל, דערנאָך העכער, לעבעדיקער, מען האָט אונטערגעקלאַפּט מיט די הענט, מיט די פיס, ביז עס איז דער־גאַנגען צו אַ טענצל. מיכל מיט זיין ווייב זענען געוואָרן אומרואיק. מען האָט זיך גענומען איבערקוקן מיט צעשראָקענע בליקן, אַלע ווײַלע אַרויסלויפן אויפן הויף, מאַכן זיך איינער דעם אַנדערן צייכנס מיט די אויגן אד"גל. מיך האָט דאָס שטאַרק פאַרדראָסן. פּחדנים, האָב איך געטראַכט, וויבאַלד אויף אייך ציטערט אַזוי די הויט, אַז איר האָט מורא אַפילו פאַר אַן אַרבעטער־לידל, טאָ נאָך וואָס האָט איר אונז פאַרבעטן ? !

דערווייל איז געוואָרן שפּעטלעך און מען האָט זיך געקליבן גיין אַהיים. ביי דער טיר האָט מיך מיכל פאַרהאַלטן און געבעטן איך זאָל בלייבן ביי אים נעכטיקן. וואָס עס האָט מיך געטריבן צו בלייבן, ווייס

איך נישט, נאָר איך בין פאַרבליבן. אָבער גלייך האָט עס מיך פאַר־דראָסן. מיכל מיט זיין פרוי זענען געווען בלאַס און צערודערט, איך האָב נישט געוואוסט וועגן וואָס מיט זיי צו רעדן. עס איז געווען פיינלעך און שווער. פּלוצלונג גיט מיכל אַ פרעג מיט אַ פאַרשטיקטן קול און פאַרקרימטע ליפּן:

— וואָס וואָלט געווען, ווען פריער קומט אריין נח (פּאַרטנאָי) אָדער יונה (קאָיגען) ?*).

איך האָב נישט פאַרשטאַנען און נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן.

אַ פּאָר סעקונדן איז ווייטער געווען שטיל און שווער. דערנאָך האָט מיך מיכל געבעטן איך זאָל מיט אים אריינגיין אין צווייטן צימער. די פרוי זיינע האָט אונז צוגעלויכטן מיט אַ לאָמפּ און מיר זענען געבליבן שטיין פאַר אַ גרויסן קויש, וואָס איז געווען צוגעדעקט מיט אַ ווייסן ליילעך. מיכל האָט אַראָפּגעצויגן דאָס ליילעך, האָט אויפגעדעקט דעם קויש, און עס האָט מיר אַ צאַפּל געטאָן דאָס האַרץ — דער קויש איז געווען פול מיט בראָשורן, פּראָקלאַמאַציעס און שריפט: דער ארכיוו און סקלאַד פון צ. ק. פון „בונד".

איך בין געשטאַנען אַ דערשלאָגענער און נישט געוואָגט אויפצו־הויבן די אויגן. עס האָט מיך געפּייניקט אַ חרטה־געפיל פאַר מיינע שלעכטע געדאַנקען וועגן מיין פריינט און חבר, וועלכער האָט צוליב פּאַרטיי־צוועקן געמוזט זיין אָפּגעשיידט פון דער ארומיקער וועלט און מיט ווייטאָג אין האַרצן צוזען, ווי זיינע נאָענטע פאַראורטיילן און פאַראַכטן אים.

דער בלאַסער מאָרגן האָט שוין אריינגעקוקט דורך די שפּאַרעס פון די לאָדנס, און מיר זענען געלעגן אויף אונזערע געלעגערס און זיך אַלץ פאַרציילט וועגן אונזערע געפילן פאַר דער צייט, וואָס מיר זענען געווען פאַרפרעמדט. אים איז שווער געווען ווייטער אויסצוהאַלטן מיי־נע שטומע פאָרוואורפן, און ער האָט זיך דערלויבט דעם שרעקלעכן פאַרברעך קעגן קאָנספּיראַציע — ער האָט מיר אַנטדעקט דאָס געהיימ־ניס, וואָס האָט אים אַזוי לאַנג אי געמונטערט, אי געפּייניקט.

מיכל איז שוין לאַנג טויט, אָבער זיין ליכטיקע געשטאַלט, זיינע גוטע, אומעטיקע אויגן, זיין גרויסער, שטילער העראָאיזם וועלן קיינ־מאָל נישט פאַרגעסן ווערן, נישט פון מיר און נישט פון אַלע אַנדערע חברים, וועלכע האָבן אים געקענט.

---

*) ביידע מיטגלידער פון דעמאָלטיקן צ. ק. פון „בונד".

אַמאָליקע פּאַרנאַכטן

1. אַ קליינע שלאַכט אויף דער „בירזשע"

די זון, אַ צופרידענע פון איר טאָגיקער אַרבעט, איז אַרויס הינטערן שטאָט און האָט איבערגעלאָזט דעם אויסגעמאַטערטן הייסן טאָג אין די קילע אָרעמס פון זומערדיקן פאַרנאַכט. אַלץ איז מיד און צעגליט; די ערד, דער הימל, דער ברוק און די מענטשן. די הויכע הייזער האָבן מיט רחמנות צוגעקוקט, ווי אַלץ ווערט געפּייניקט פון היץ, האָבן זיי אויסגעשפּרייט זייערע קילע שאָטנס און מיט פּאַטערלעכער זאָרג איינגעהילט זייערע נידעריקערע שכנים. די שטיינער פון ברוק האָבן צופרידענע גערוקט זייערע אָנגעברענטע שפּיצן אונטערן קילן לופטיקן צודעק און זענען פון גרויס הנאה געבליבן ליגן שטיל און פאַרדרימלט. די קליינע הייזלעך פון איבער דער גאַס האָבן מיט קנאה צוגעקוקט, ווי די שטיינער פון ברוק ווערן באַפרייט פון דער גליענדער זון; זיי האָבן אין בענקשאַפט געוואַרט אויף די שאָטנס, וואָס רוקן זיך אַזוי לאַנגזאַם, ווי זיי וואָלטן גאָר קיינמאָל נישט געוואָלט קומען אויסלייזן זיי פון העלישן גיהנום.

און ווען די שאָטנס האָבן שוין געהאַט דערגרייכט די צווייטע זייט גאַס, האָבן די וואַרשטאַטן און פאַבריקן פון „גאַיאַק" און „פּלאַנעט", פון די „פּלעצער" און „גריווע" אויפגעעפנט זייערע טירן און טויערן און מיט אומצופרידנהייט אַרויסגעלאָזן זייערע אַרבעטער אויף דער פרייער לופט.

די עלטערע מיט זייערע אַרבעטס־קוישלעך און פּעקלעך, געבויגן פון הייסן מידן טאָג אַרבעט, זענען געגאַנגען מיט שווערע טריט אַהיים צו זייערע מאָגערע מאָלצייטן; די יינגערע — פרייעלעכע און פאַרשוויצטע, האָבן שטיפנדיק זיך געלאָזט גיין צו דער „בירזשע" — אויף אָפּיצערסקע גאַס, וואו עס געפינט זיך דער אַלטער בולוואַר. פון אַלע גאַסן האָבן זיך, ווי שטראָמען פון אַ טיפן קוואַל, געצויגן מענטשן, און וואָס נענטער די שטראָמען זענען געקומען צו דער אָפּיצערסקע גאַס, אַלץ געדיכטער, שטאַרקער און רוישיקער זענען זיי געוואָרן. אויף דער

אַפּיצערסקע זענען זיי זיך צוזאַמענגעקומען און צעטיילט אויף צוויי טיילן און, ווי צוויי אויסגוסן פון אַ טייך, האָבן זיי פאַרפּליצט ביידע טראָטואַרן. און ווען זיי האָבן דערגרייכט דעם אַלטן בולוואַר, האָבן זיי זיך יעדער אויף זיין זייט פאַרקירעוועט און שיין מיט לאַנגזאַמערן טעמפּ זיך געלאָזט צוריק. פון די זייטיקע גאַסן זענען צוגעקומען אַלץ נייע און נייע גרופּעס אַרבעטער און געדיכטער געמאַכט די רייען.

און ווען די זון איז שוין געשטאַנען הינטער דער אייזערנער באַן־בריק, די שאָטנס האָבן שוין געפּויזעט אויף די קעגנאַיבערדיקע דע־כער און פון דאָרטן פאַרשפּרייט זייער מחיהדיקן קילן אָטעם אויף דער גאַנצער שטאָט, זענען שוין מער קיין נייע אַרבעטער נישט צוגעקומען.

די שפּאַצירנדיקע האָבן זיך פון ביידע זייטן נאָס באַוועגט הין און צוריק מיט אַן אינערלעכן באַהאַלטענעם ריטם, און פון ווייטן האָט דאָס אויסגעזען, ווי עס וואַלטן זיך באַוועגט צוויי לאַנגע, מעכטיקע קייטן פון אַ געוואַלדיקער שוואונג ־ ראָד, וואָס ווערט געטריבן דורך אַ ריזיק ־ גרויסן מעכאַניזם.

אין דער לופט האָט זיך געטראָגן אַ מורמלען, ווי פון אַ ווייטן וואַ־סער־פאַל, און דאָס שאַרן פון די פיס איבער די ציגל פון טראָטואַר האָט דערמאָנט דעם גערויש פון די גאַיאָקער זעג־מילן, וואָס פלעגן אין די שטילע זומער־נעכט זיך דערטראָגן פון יענער זייט שטאָט.

אַזוי ציען זיך די מענטשן ־ קייטן אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ, צו צוויי, צו דריי אין אַ ריי, איינגעבויגן איינע צו די אַנדערע, ווי פאַרליבטע.

אָט גייט אַ באַיאָרנטער אַרבעטער, די פּלייצעס שוין אויסגע־קרימט פון לאַנגער האָרעוואַניע, און פירט אונטערן אָרעם אַ ייִנגערן פון זיך. ביים ייִנגערן גלאַנצן די אויגן פון גרויסן סוד, וואָס דער על־טערער האָט אים נאָר־וואָס פאַרטרויט. זיי גייען אַזוי געבויגן איינער צום צווייטן שוין אַ לאַנגע צייט. אָט לאָזן זיי זיך ביידע אַריין אין אַ זייטיקן טויער, גייען באַלד אַרויס מיט געהיימניספולע בליקן און גייען זיך פונאַנדער, ווי זיי וואָלטן זיך גאָרנישט געקאָנט. ביים יונגן קלאַפּט דאָס האַרץ: אין בוזעם־קעשענע טיף פאַררוקט ליגט ביי אים אַ קליין ווייך ביכל, וואָס דער אַגיטאַטאָר האָט אים נאָר־וואָס געגעבן. ער איילט זיך אַהיים, וואו ער וועט ביים שוואַכן שיין פון נאַפט ־ לעמפּל לייענען, ווי אַזוי עס קאָן אויסגעלייזט ווערן די מענטשהייט. ער גייט דורך זיי־טיקע גאַסן, כּדי דער מענטש ־ שטראָם פון אָפּיצערסקע זאָל אים נישט שטערן אין זיין גאַנג.

אָט פירט דער אַגיטאַטאָר שוין ווידער איינעם — אַן עלטערן פון זיך — מיט צעשראָקענע אויגן און בלאַסן געזיכט. דער אַגיטאַטאָר רעדט מיט הארץ, און דער צווייטער שאָקלט צו מיטן קאָפּ. ער לאָזט אים אָפּ און נעמט זיך צו אַ דריטן, אַ פערטן, אַ פינפטן.

אַזוי גייט עס פון הארץ צו הארץ, און די גאַנצע מענטשן־מאַסע ווערט, ווי דורך עלעקטרישן שטראָם, באַהערשט פון איין גרויסן הער־לעכן געדאַנק.

פּלוצלינג אַ באַוועגונג! אויף דער בירזשע באַווייזט זיך דער ווי־טעבסקער. אַ סטאָליער־אַרבעטער מיט שוואַרצע ברענענדיקע אויגן און נאָך שוואַרצערע האָר — זעט ער אויס, ווי יאָהאַן דער טויפער. אַלע אויגן זענען געווענדעט צו אים. מען דערציילט זיך איינער די אַנ־דערע פאַרשידענע לעגענדעס וועגן זיין רעדנער־טאַלאַנט און וועגן זיין צויבער־קראַפט. נאָענטע באַקאַנטע שמייכלען צו אים און גריסן זיך בלויז מיט די אויגן.

אָט גייט דורך דער פאָרשטייער פון קאָמיטעט אין די גאָלדענע ברילן (יעקב פּעסקין), וואָס נאָר געציילטע קאָנען אים. ער גייט ווי אַ זייטיקער מענטש, וואָס האָט גאָר צו דעם אַלעם קיין שייכות נישט. אַ באַהאַלטענער שמייכל שיינט דורך זיינע גאָלדענע ברילן און גליטשט זיך אַראָפּ איבער זיינע דינע, פייכטע ליפּן. די עלטערע טוער — די פּי־רער פון די „קאַסעס״ — באַמערקן אים און טוען זייער זאַך מיט מער ברען, מיט מער איבערגעגעבנקייט.

מיט אַמאָל אַ געלויף! ווי אַן אומגעריכטער שטורם־ווינט רודערט אויף די גלאַטע אויבערפלאַך פון טייך, אַזוי איז אויפגערודערט גע־וואָרן דער ריטמישער גאַנג פון דער „בירזשע״: אַן עסקאַדראָן סאָל־דאַטן אויף פערד, מיט אַ פּריסטאַוו אָן דער שפּיץ, זענען אין אַ ווילדן גאַלאָפּ אַרויף אויף דער „בירזשע״ און מיט נאַהייקעס גענומען יאָגן און שלאָגן די שפּאַצירנדע. די מאַסע האָט אַ דערשראָקענע זיך גע־לאָזט לויפן אין אַלע זייטן. אָבער ווי נאָר דער עסקאַדראָן איז אין זיין גרויסן אימפּעט פאַרביי, אַזוי איז זיך די מאַסע ווידער צונויפגעקומען און ווייטער פאַרפולט די טראָטוארן. מען ווייסט, אַז די רייטער וועלן זיך באַלד אומקערן נאָך מיט מער רציחה, אָבער ווער האָט דאָס צייט צו טראַכטן וואָס שפּעטער וועט זיין? מען מוז נאָך פאַרענדיקן אַ שמועס, אויסטייטשן אַ שווערן ענין וואָס איז געבליבן נישט דער־קלערט...

ווען דער עסקאַדראָן לאָזט זיך צוריק, באַגעגנט מען אים שוין מיט אַ האַגל שטיינער און בלאָטע. מען וואַרפט אונטער די פיס פון די פערד שטיקער גלאָז פון צעבראָכענע פלעשער. די פערד קאַלעטשען זיך די פיס און ווערן צערייצט. די רייטער קאָנען די פערד נישט באַהערשן און ווערן ווילד פון כעס. אַ פערד קריגט אַ שטאַרקן קלאַפּ מיט אַ שטיין. פון גרויס ווייטאָג שטעלט זיך דאָס פערד אויף די הינטערשטע פיס און וואַרפט אַראָפּ פון זיך דעם רייטער און פון קיינעם מער נישט געהאַמעוועט, לאָזט עס זיך אין אַ ווילדן גאַלאָפּ איבער די גאַסן. דער זאָטל שלעפּט זיך נאָך מיט אַ געקלאַפּעריי איבער דעם שטיינערנעם ברוק און וואַרפט אַן אימה אויף די איבעריקע פערד. דאָס רופט אַרויס אַ צעמישונג ביי די סאָלדאַטן און זיי פאַרלאָזן די בירזשע אונטער אַ הילכיקער פייפעריי פון עולם.

אויף דער בירזשע רוישט איצט, ווי אין אַ בינשטאָק. דער עולם איז פאַרשוויצט און אויפגעלייגט; מען דערציילט זיך איינע די אַנדערע איינצלהייטן פון דער „שלאַכט" און וועגן דער מפּלה פון דער פּאָליציי. אָבער די העלדן פון דער געוואונענער „שלאַכט" זענען די איניציאַטאָרן פון ווידערשטאַנד — משהקע „איינאויג", עלקע „גאַיאַקער", לייבעטשקע דער קליינער און אַנדערע, פאַרשוויצטע און צעשויבערטע, גייען זיי מיט גאווה איבערן מיט גאַס, די הענט פאַרלייגט אהינטער, און מאַכן זיך נישט זען, ווי מען קוקט אויף זיי מיט צופרידנקייט און דאַנק. אַ באַהאַלטענער שמייכל בלויז קרימט זייערע ליפּן און פילט אָן זייערע הערצער מיט גרויסקייט און שטאָלץ.

2. נאָך דער „בירזשע"

ווען דער טאָג געזעגנט זיך מיט דער שטאָט, ווערט אויף דער אַפּיצערסקע גאַס פּוסט און שטיל. וואו־נישט־וואו בלייבן נאָך שטיין קליינע גרופּקעס אַרבעטער, וועלכע זענען פון דערווייטנס אויס, ווי איבערגעבליבענע סטאַרטשענדיקע זאַנגען אויף אַ נאַר וואָס אָפּגעשניטענעם פעלד. די פלוצלינגע שטילקייט איז פרעמד פאַרן אויער, און די טריט פון די צופעליקע דורכגייער הילכן אָפּ אין דער לופטן מיט באַזונדערער שאַרפקייט.

אין דער דאָזיקער שטילער פּוסטקייט פון גאַס קלייבן מיר זיך צונויף אַ גרופּע נאָענטע חברים: איך, משהקע גאַרבער, אַברהם גאַרבער, רחלע, אַבקע איכלאָוו, טאַניע, יודעסקע און אַנדערע און לאָזט

זיך גיין צו פּאַולינען (די פרוי פון אַן אָרטיקן גרויסן מאַנופאַקטור־סוחר, וועלכע האָט יענע צייט זייער אַ סך געטון פאַר דער באַוועגונג). פּאַולינע מיטן מאַן זענען אויף דאַטשע, און אין דער וואוינונג זענען געבליבן די צוויי שוועסטער טאַניע און יהודית — איבערגעגעבענע חברטעס.

אין גרויסן קאַבינעט איז האַלב טונקל. דורך די אַזשור־גאַרדינען שיינט אַדורך אַ מאַטע ליכט און וואַרפט אויף די טונקעלע ווענט פאַנ־טאַסטישע ווייסע אָרנאַמענטן איינגעראַמט אין שוואַרצע שאָטנס.

צוערשט איז מען נאָך אויפגערודערט פון די געשעענישן אויף דער בירזשע, מען טיילט זיך נאָך אַמאָל און ווידער אַמאָל מיט פאַר־שידענע איינצלהייטן, אָבער וואָס ווייטער באַפאַלט אונז אַ מידיקייט און מען זעצט זיך אַוועק אין די געמיטלעכע ווינקעלעך וואו ווער עס קאָן.

עס איז שטיל. מיר זענען איבערפולט מיט אַ טיפן געפיל, וואָס האָט נישט קיין נאָמען. עס ווילט זיך נישט רעדן. זיצן מיר אַזוי אין האַלב ־ טונקעלן קאַבינעט, צוגעטוליעט איינער צום אַנדערן, פאַר־טיפט און פאַרטראַכט, יעדער אין זיינע רעיונות. מיט אַמאָל לאָזט זיך אין דער שטילקייט הערן אַ שטילער, שטילער ניגון; ער טראָגט זיך פון ווייט, ער דרינגט אַריין צו אונז דורך די פאָרן פון די ווענט און פילט אָן אונזער געהער מיט צויבערדיקע קלאַנגען.

דאָס זינגט פון צווייטן צימער דער ה׳ סאַמעט — אַ וואָיאַזשאָר ביים באַלעבאָס פון דער וואוינונג. אַליין מיט אַ גרויס געפיל פאַר גע־זאַנג, האָט ער זייער ליב געהאַט אונזערע לידער. דערפילנדיק, אַז מיר זיצן שטיל, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז מיר זענען אין שטימונג, און דע־ריבער וועט מען איצט גוט זינגען. פּראָוואָצירט ער אונז מיט אַ ניגון, ווייסנדיק פאָרויס, אַז מיר וועלן נישט ביישטיין דעם נסיון און דעם ניגון אונטערהאַלטן. מיר פאַרשטייען זיין מיין און שווייגן איינגע־שפּאַרט — מיר וועלן אים נישט נאָכגעבן. ער פילט דאָס און זינגט ווייטער. ער בייט אַלע ווײַלע די ניגונים, אויסקלייבנדיק אַלץ מעלאַנ־כאָלישע, האַרציקע מאָטיוון. ער שפּאַצירט איבער זיין צימער, זיין אַנגענעמע ווייכע שטימע הערט זיך אַמאָל שטאַרקער, אַמאָל שוואַכער, און רייצט אונז און בעט זיך מיט אירע זאַפטיקע, אומעטיקע טענער.

מיר האַלטן נישט אויס: אומבאַמערקט נעמט איינער פון אונז אונטערברומען, נאָך אים אַ צווייטער, אַ דריטער. צוערשט שטיל, ווי

פאַר זיך, דערנאָך העכער, שטאַרקער — פון גאַנצן האַרצן. יעדער זינגט פון זיין ווינקל, אויף זיין שטייגער. קיינער דיריזשירט נישט מיט אונז. דער ניגון פליסט און גיסט זיך ריטמיש פון זיך אַליין, ווי דורך אַ כּשוף. עס ציט זיך אַ ליד נאָך אַ ליד: די רואיקע, געצויגענע טענער ווערן פאַרביטן דורך קרעפטיקע טענער פון אַ קאַמף־מאַרש. די ברוסט אָטעמט טיף און הויך, מעכטיקע, רופנדיקע קלאַנגען רייסן זיך אַרויס פון ברוסט, ווי שטאַרקע דרייסטע אָדלערס און לאָזן זיך אין דער לופט. זיי דרינגען דורך די גראָבע ווענט און קלאַפּן זיך אָפּ אָן די שפּיצן פון בוימער, ווערן פאַרטאָפּלט, באַפליגלט און געלייטערט, ביז זיי פאַר־שווינדן אין אומענדלעכן רוים.

ה' סאַמעט עפנט לאַנגזאַם די טיר, שאַרט זיך ווייך אַריין, זעצט זיך אין אַ ווינקל פון דער ווייכער סאָפע און הויבט שטיל אָן אַ ניי ליד. זיין קול ציטערט פאַר אויפרעגונג. ער זינגט און מיר כאַפּן מיט שוואונג אונטער. ס'ציטערט די לופט פון די טענער־קלאַנגען; זיי באַהעפטן זיך, גיסן זיך צונויף אין איין האַרמאָנישן, מוזיקאַלישן קלאַנג אין דער טונקלקייט פון צימער.

קיינער פון אונז, חוץ רחלען, האָט נישט קיין שטים צום זינגען; יעדער באַזונדער האָט זינגען נישט געקאָנט, אָבער אַלע צוזאַמען האָבן מיר געזונגען גוט און האַרציק, מיט פאַרשטענדניש און געפיל און מען האָט וועגן אַלץ פאַרגעסן: וועגן שווערן נודנעם טאָג אַרבעט, וואָס שטייט מאָרגן פאַר; וועגן דער סכּנה, וואָס דער געזאַנג קאָן געהערט ווערן פון דרויסן; מען האָט געהערט און געפילט איין זאַך — דאָס גע־זאַנג וואָס באַהעפט און באַגייסטערט, ווי אַ הייליקע תּפילה.

אין צימער איז שוין לאַנג פינסטער. די פאַנטאַסטישע אָרנאַמענטן אויף די ווענט ווערן איצט באַלויכטן מיט אַ מאַטער זילבערנער שיין פון דער לבנה. אַ לייכט ווינטל שאָקלט די צווייגן פון די בוימער הינ־טער די פענסטער. די צווייגן וואַרפן באַוועגלעכע בלעטער - שאָטנס אויף די ווענט און מאַכן די אָרנאַמענטן נאָך פאַנטאַסטישער, נאָך צויבערנדיקער.

מיר זיצן שוין אַ לענגערע צייט שטיל, אָבער עס דאַכט זיך, אַז אין דער לופטן ציטערט און קלינגט נאָך דער לעצטער אַקאָרד פון פּראָלע־טאַרישן ליד.

ווער ווייסט און ווער קאָן פאַרגעסן יענע הערלעך־שיינע, גוטע מינוטן פון אַמאָליקע פאַרנאַכטן...

אונטערצינדער

אין איינעם אַ ווינטער אין אָנפאַנג פון היינטיקן יאָר־הונדערט, האָט זיך אין רוסלאַנד אָנגעהויבן איינער פון די „נאָרמאַלע" קריזיסן, מיט וועלכע עס האָט זיך אַזוי אויסגעצייכנט די קאַפּיטאַליסטישעווירטשאַפט. די ערשטע קרבנות פון די דאָזיקע קריזיסן זענען אַלע מאָל געווען די אַרבעטער, וואָס זענען געווען פאַרנומען אין דער בוי־אינדוסטריע. אויך דאָס מאָל האָט דער קריזיס מיט זיינע שרעקלעכע באַגלייטער אַמשטאַרקסטן געטראָפן די בוי־אַרבעטער און געטראָגן חורבן און פאַרוויסטונג אין די רייען פון זייערע משפחות.

עס האָט געהערשט אַ מוראַדיקער עלנט: מענטשן האָבן ווי שאָטנס אַרומגעבלאָנקעט גאַנצע טעג אויף די אַרבעט־בירזשעס און אויסגעקוקט די אויגן אויף אַ מייסטער, טאָמער וועט מען קריגן כאָטש אַ טאָג אַרבעט. קיינער פלעגט אָבער נישט קומען און וואו צו פאַרדינען איז נישט געווען.

עס איז געשטאַנען אַ קאַלטער, בייזער ווינטער, וואָס האָט נאָך מערער פאַרביטערט די נויט און פאַרגרעסערט די פּיין. די פּאַך־קאַסעס זענען געווען פּוסט, פון קיין מלוכהשער אָדער קאָמונאַלער שטיצע האָט נאָך דאַן גאָר קיין קלער נישט געקאָנט זיין. וואו זיך צו ווענדן נאָך הילף איז דעריבער נישט געווען, און אַרבעטער פון גרויסע פאַמיליעס זענען אַרומגעגאַנגען הילפלאָז און פאַרצווייפלט און זיך געוואונטשן דעם טויט. די מייסטער אָבער האָבן דעם קריזיס און די ביטערע נויט פון די אַרבעטער געוואָלט אויסנוצן, כדי אָפּצושוואַכן די יונגע אַרבעטער־באַוועגונג און געבן אַ טויט־קלאַפּ די שוין דערמאָנטע אַרבעטער־בירזשעס. זיי האָבן איינגערעדט די עלטערע אַרבעטער, אַז שולדיק איז

אַלץ דער 12־שעהדיקער אַרבעטס־טאָג, צו וועלכן מען האָט זיך שוין געהאַט דערשלאָגן. און די עלטערע אַרבעטער פלעגן טאָקע צושטיין מיט טענות צו אונז, צו די פירער פון פאַך, און פאָדערן, מען זאָל דעם 12־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג אָפּשאַפן, ווייל צוליב דעם קורצן (!) אַר־בעטס־טאָג קאָסט דאָס בויען טייער און די הויזווירטן האָבן נישט אַזויפיל געלט. זיי האַלטן זיך דעריבער אָפּ פון בויען. עס פאַרשטייט זיך, אַז עס זענען, ווי פון אונטער דער ערד, אויסגעוואַקסן יאָר־עדות, וואָס האָבן געוואוסט צו דערציילן, אַז דער און דער מייסטער האָט גע־זאָגט, אַז ווען נישט דער 12־שעהדיקער אַרבעטס־טאָג, וואָלט ער כאָטש פון מאָרגן אָן געקענט באַשעפטיקן אַ 20—30 אַרבעטער.

נישט געקוקט אויף אונזער אויפקלערונג, אַז דאָס איז אַ שווינדל מצד די באַלעבאַטים, האָבן דאָך אַרבעטער, איבערהויפּט די עלטערע, זיך געלאָזט איינרעדן און דער איינגעשטעלטער אַרבעטס־טאָג איז אין די ערטער, וואו מען האָט נאָך געאַרבעט, געבראָכן געוואָרן.

און קיין וואונדער נישט. דאָס איז דאָך געווען אין די וויקל־יאָרן פון אונזער באַוועגונג און יעדעס ווינטל האָט לייכט געקאָנט דעם אַר־בעטער אַראָפּשטופּן פון וועג, אויף וועלכן ער האָט נאָר וואָס געמאַכט די ערשטע טריט.

אונז, די יונגערע, איז דאַן געווען זייער שווער. מיר האָבן געהאַט אויסצושטיין אַ טאָפּלטן קאַמף: זיך ראַנגלען מיט אייגענעם הונגער און איינהאַלטן די מאַסע, וועלכע מיר האָבן נישט איינמאָל געשאָלטן פאַר איר טעמפּקייט.

אויב אַ „מאַסאָווער" אַרבעטער האָט געקאָנט האָבן כאָטש וועלכע נישט איז אויסזיכטן צו קריגן ווען־נישט־ווען אַ טאָג אַרבעט, וואָס אַ מייסטער האָט צופעליק באַקומען, זענען מיר, אָנפירער פון פאַך, גע־ווען אונטער אַ פולשטענדיקן באָיקאָט פון די מייסטער און מיר זענען געווען אויסגעשטעלט אויף אַ גוססדיקן הונגער־טויט.

עס שטייען איצט אויף פאַרן זכרון טרויעריקע, פינסטערע ביל־דער פון יענע שווערע יאָרן: עס איז אַ טריבער, ווינטערדיקער נאָכמי־טאָג. איך מיט מיין חבר מיכל ליגן אויף אונזערע האַרטע געלעגערס אָפּגעשוואַכטע פון לאַנגן נישט דערעסן. די לעצטע צוויי טעג האָבן מיר

לגמרי קיין ביסן אין מויל נישט געהאַט. עס עפנט זיך די טיר און עס קומט אַריין יאַכנע ריווע — די באַלעבאָסטע פון אונזער דירה*).

זי לייגט אַוועק אויפן טיש אַ לעבל ברויט מיט אַ פּאָר פּעקלעך איינגעוויקלט אין פּאַפּיר. עס באַפאַלט אונז אַ פיינלעך געפיל פון שאַנד און מיר צעוויינען זיך, ווי קליינע קינדער. יאַכנע ריווע שרייט אויף אונז און שלעפּט אונז פון די געלעגערס, מיר זאָלן אויפשטיין עסן: „איר וועט דאָך אַזוי אויסגיין, ליגנדיק" — בייזערט זי זיך אויף אונז. מיר זיצן איינער קעגן דעם אַנדערן און קאָנען זיך נישט קוקן גלייך אין די אויגן. מיר שלינגען דאָס וואַרעמע ברויט צוזאַמען מיט די טרערן, וואָס פליסן פון זיך אַליין — קעגן אונזער ווילן. ווער ווייס וואָס מיט אונז וואָלט אין יענעם ווינטער געוואָרן, ווען נישט די 15-10 קאָפּיקעס אַ טאָג, וואָס עס האָט אונז אָנגעהויבן ברענגען יאַכנע ריוועס קינפּטי־קער אײדעם — אונזער חבר הירשקע (הירשקע דער דווינסקער, אַ בוי־אַרבעטער, געוואוינט שפּעטער אין וואַרשע, און געווען אַ מיטגליד פון האַלץ־פאַריין).

מיט יאָרן צוריק, נאָך איידער עס האָט זיך אָנגעהויבן די אַרבעטער־באַוועגונג, איז אין דער בוי־בראַנזשע געווען אַ מנהג, אַז נאָך דער אַרבעט האָבן די אַרבעטער געמעגט נעמען מיט זיך שטיקער אָפּפאַל־האָלץ פון דער געביידע. האָט אויסגעפעלט אָפּפאַל, האָט מען זיך נישט

*) יאַכנע ריווע איז געווען די פרוי פון אַ זייער פאַנאַטישן אַרבעטער. זי איז שוין אין יענע יאָרן געווען אַ מאַמע פון אַ סך דערוואַקסענע קינדער. נישט קוקנדיק אויף דער סביבה, אויפן מאַן דעם דעספּאָט, וואָס פאַר אַ פּינטל פון דער תורה איז ער גרייט געווען צו דערהרגענען אַן אייגן קינד, נישט געקוקט אויף איר עלטער, איז זי דאָך געווען אַ פאָרטגעשריטענע פרוי. זי האָט דאַן זייער אַ סך מיטגעהאָלפן דער דעמאָלטיקער באַוועגונג. מען פלעגט ביי איר זייער אָפט אויסבאַהאַלטן אומלעגאַלע ליטעראַטור, זיך באַנוצן מיט איר אַדרעס אויף בריוו, אויף צו טרעפן זיך מיטן רויטן-קרייז און ד. גל. פאַר 1905 פאָרט זי מיט דער גאַנצער פאַמיליע אַריבער קיין וואַרשע און מיט יאָרן שפּעטער ווערט זי אויך אין וואַרשע באַקאַנט אין חברישע קרייזן מיט איר גרייטקייט צו העלפן סיי דער באַוועגונג, סיי איינצלנע חברים. דערביי ווייזט די דאָזיקע זעלטענע פרוי אַרויס אַ נישט-געוויינלעכן אײדעלן און טיפן מיטגעפיל צו מענטשן, וואָס נויטיקן זיך אין הילף.

פיל וואַרשעווער חברים געדענקען זי נאָך עד היום און דער־מאָנען איר נאָמען מיט כבוד. זאָלן די דאָזיקע פאָר ווערטער איר דינען אַלס צייכן פון אָנדענק פון טיפער אַכטונג און דאַנקבאַרקייט פאַר אַלע אירע גוטע טאַטן און געפילן.

אָפּגעשטעלט פון צעזעגן אַ ברעט אָדער אַ קלאָץ און מאַכן דערפון „אָפּפאַל". די שטיקער אָפּפאַל־האָלץ, וואָס מען פלעגט נעמען אַהיים, האָבן געהייסן „שאַבאַשקעס" (אויף רוסיש „שאַבאַשקי"). דער דאָזי־קער מנהג האָט עקזיסטירט אין אַ סך שטעט. דאָס איז געווען אַ לעגאַ־ליזירטע זאַך און מען פלעגט זיך דערמיט נישט באַהאַלטן. אָבער חוץ דעם פלעגן די טשעסלאַרעס און די בוי־סטאָליערס „אָפּשפּאָרן" טשוועקעס, וואָס זיי האָבן באַקומען צו דער אַרבעט. די טשוועקעס האָט מען פאַרקויפט פאַר העלפט געלט, פאַרשטייט זיך, אין „לינקע" אייזן־געוועלבלעך און דאָס פלעגט אַריינטראָגן אַ 7-8 קאָפּיקעס אַ טאָג. קיין גרויסע גליקן האָט מען פון די דאָזיקע „זייטיקע פּרנסות" נישט גע־מאַכט. דאָס פלעגט זיין אויף אַ קליין שנעפּסל פאַר 5 קאָפּיקעס מיט אַ מילכיקער בלינצע פאַר 2 קאָפּיקעס צו פאַרבייסן. דאָס האָט זיך ביי די בוי־אַרבעטער נישט גערעכנט פאַר קיין גנבה — פונקט ווי ביי די שניידער „מאַווריע", „היתר", „יתור" און ד. גל. ווען עס האָבן אָנגע־הויבן ווירקן די אידייען פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, איז דער דאָזי־קער מנהג פאַרשוואונדן. קיינער האָט קעגן אים נישט אַגיטירט, מען האָט ווענגן אים נישט אָנגענומען קיינע באַשלוסן: ער איז ביסלעכווייז אַרויס פון געברויך פון זיך אַליין צוזאַמען מיט אַ סך אַנדערע קרומע און שענדלעכע מנהגים, וואָס זענען געווען איינגעבירגערט ביים אַר־בעטער־קלאַס, איידער ער האָט נאָך פאַרמאָגט זיין אידעאַל—דעם סאָ־ציאַליזם. און טאָמער האָט זיך געטראָפן, אַז אַן אַרבעטער האָט נישט געקאָנט ביישטיין דעם נסיון און איז געשטרויכלט געוואָרן, האָט מען אויף אים געקוקט ווי אויף אַן אומווירדיקן מענטשן, וואָס שענדעט דעם כבוד פון אַרבעטער־קלאַס.

הירשקע האָט צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע אַרבעטער דאַן גע־אַרבעט אין דווינסקער פעסטונג. דאָס איז געווען איינע פון די געציילטע גרופּקעס, וואָס האָבן אין יענעם שרעקלעכן ווינטער געאַרבעט. די לוינען זענען געווען נישטיקע און זיי האָבן, פאַרשטייט זיך, מיט קיין זאַך נישט געקאָנט העלפן דער גרויסער אַרבעטלאָזער מאַסע. האָבן זיי באַשלאָסן פון דאָס ניי אָנהויבן „אָפּשפּאָרן" פאַר אונז טשוועקעס. פאַר הונגעריקע — האָבן זיי געטענהט — מעג מען. די עטלעכע אַרבע־טער, וואָס האָבן דאַן געאַרבעט אין דער פעסטונג, זענען פאַר יענער צייט געווען גאַנץ אַנטוויקלטע אַרבעטער. נישט געקוקט דערויף, האָבן זיי זיך פאָרט דערלויבט אויף דעם דאָזיקן שריט. אַזוי טרויעריק, אַזוי

פאַרצווייפלט איז געווען די לאַגע. אַט די טשוועקעס האָבן דאָס אונז אַ געוויסע צייט אונטערגעהאַלטן מיט 15־10 קאָפּיקעס אַ טאָג.

מיר זענען אָבער נישט די איינציקע. עס הונגערן אַ סך. גאַנצע פאַמיליעס הונגערן. פּיצלעך קינדער, אַלטע און קראַנקע. מען הונגערט אין דער שטיל, פאַרצווייפלט און הילפלאָז. וואָס טוט מען?!

דער ווינטער איז שוין אַריבער, עס איז שוין אַרום שבועות. דער בוי־סעזאָן, אויף וועלכן מען האָט געוואַרט, האָט אויך קיין פאַרגרינגערונג נישט געבראַכט. אַלעמענס בליקן זענען געווענדעט צו אונז — צו די פירער פון פאַך. „וואָס וועט זיין?" — פרעגן הונגעריקע אויגן. אָבער מיר ווייסן אויך נישט. מיר ווייסן, אַז דער 12־שעהדיקער אַרבעטס־טאָג איז דאָ נישט שולדיק. מיר ווייסן אָבער נישט די ריכטיקע סיבה פון קריזיס, מיר ווייסן אויך נישט, ווי צו העלפן. מיר האָבן געזוכט אַ באַשייד און אים נישט געקאָנט געפינען. אונזערע מוחות זענען געווען צערודערט פון דער קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט אונז געטראָפן.

הגם מיר האָבן זייער אָפט באַנוצט דאָס וואָרט „קריזיס", האָבן מיר נאָך רעכט נישט פאַרשטאַנען זיין באַדייטונג און זיין צוזאַמענהאַנג מיטן קאַפּיטאַליסטישן סדר פון דער וועלט. די פּראָפּאַגאַנדישע קרייזן פון יענער צייט האָבן נאָך נישט באַוויזן אין אונז איינצופלאַנצן דעם ריכטיקן קוק אויף דעם דאָזיקן סדר. און אפשר האָבן מיר דאָס יאָ פאַרשטאַנען, נאָר מיר האָבן געוואָלט האָבן אַ קאָנקרעטן, אַ ממשותדיקן ענטפער, ווי אַזוי באַלד אויפן אָרט צו לינדערן די נויט, ווי אַזוי פּראַקטיש זיך צו העלפן.

מיר האָבן אָנגעהויבן אַליין זוכן און קלערן. עמיצן פון אונז איז איינגעפאַלן צו זאָגן, אַז „צו אַלע צרות קומען נאָך דאָס יאָר נישט פאַר קיין שרפות", און דאָס איז געווען גענוג. דאָס איז פאַר אונז געווען אַן אַנטדעקונג. מען האָט זיך גענומען דערמאָנען, אַז דאָס פאָריקע יאָר האָבן אָפּגעברענט אַ סך הייזער, וועלכע מען האָט צוריק אָפּגעבויט, אַז פאַר צוויי יאָרן זענען אויך פאָרגעקומען אָפטע שרפות און דער פאַקט, אַז דאָס יאָר איז נישט פאָרגעקומען קיין איין באַדייטנדיקע שרפה, איז אונז פאָרגעקומען „פאַרדעכטיק".

עס האָט לאַנג נישט געדויערט און אין אונזערע נישט־אַנטוויקלטע מוחות איז רייף געוואָרן דער משונהדיקער געדאַנק, אַז מען בויט נישט קיין נייע הייזער מחמת דעם, וואָס עס קומען נישט פאָר קיין שרפות.

און מער האָט מען נישט באַדאַרפט! מיר האָבן שוין דעם באַשייד... און פון אַלע זייטן האָט מען גענומען אין דער שטיל רעדן, אַז מען דאַרף זען עס זאָל ברענען.

מען האָט זיך געלייגט שלאָפן און מען איז אויפגעשטאַנען מיטן פאַרלאַנג פון אַ שׂרפה, פון אַ גרויסער שׂרפה. דער דאָזיקער פאַרלאַנג איז געלעגן ביי אַלעמען אויף די ליפּן. ער האָט אַרויסגעקוקט פון אַלע־מענס אויגן און איז באַגערט געוואָרן פון אַלעמענס הערצער. אַ שׂרפה האָט אויסגעזען צו זיין די איינציקע רעטונג.

אין דער אמתן זענען אין די פאַריקע יאָרן אויך נישט אַזוי אָפט פאָרגעקומען קיין שׂרפות; און בכלל האָבן שׂרפות קיין גרויסע ווירקונג נישט געהאַט אויף דער בוי־באַוועגונג. געווירקט האָט דאָ די ווירטשאַפטלעכע אַנטוויקלונג אין לאַנד. מיר האָבן אָבער דאָס נישט געוואָלט און נישט געקאָנט פאַרשטיין. מיר האָבן געהאַט אונזער דער־קלערונג.

און מען האָט נישט געוואוסט פון וועמען און פון וואַנען, נאָר עס האָבן זיך גענומען אַרומטראָגן געהיימניספולע קלאַנגען, אַז דער און דער האָט געהערט פון דעם און דעם, אַז דער און דער הויזווירט וואַרט, אַז זיין הויז זאָל אָפּברענען. אַז ווי נאָר דאָס וועט געשען, און מ׳וועט באַקומען די „סטראַכאָווקע״ (אַסעקוראַציע), וועט ער גלייך צו־טרעטן צו בויען אַ הויז, ביי וועלכן עס וועלן זיין באַשעפטיקט אודאי הונדערט מענטשן. מען האָט דערציילט, אַז דער און דער הויזווירט וואַרט אַפילו מען זאָל אים אונטערצינדן. די אַטמאָספער איז געוואָרן אַ געדיכטע און אַ נערוועזע. מען האָט זיך געשושקעט אין די ווינקעלעך, מען האָט זיך געקליבן אונטערהאַנדלען מיט די הויזווירטן, וועלכע האָבן כּלומרשט געחלשט צו ווערן נשׂרפים. עס האָבן זיך באַוויזן פאַר־טרויילעכע פאַרמיטלער, פאַרדעכטיקע אונטערהעצער און מען האָט מיט אומגעדולד געוואַרט ווען וועט זיך שוין אויפן האָריזאָנט באַווייזן דער „רויטער האָן״, וואָס וועט געבן ברויט און רעטונג!

קיין רעטונג איז אָבער נישט געקומען — קיין שׂרפות זענען נישט געווען און די נויט איז געוואָרן שטאַרקער, די פאַרצווייפלונג גרעסער.

פאַרזאָרגט און פאַרדאַגהט איבער זיך און איבערן גורל פון „פאַך״, זענען מיר, אַ גרופּע נאָענטע חברים געזעסן אין אַ זומער־נאַכט אויף אַ באַנק אין „אַלטן בולוואַר״ און געקלערט וועגן אונזער רעטונג

— וועגן אַ ש ר פ ה. עס איז קיין אַנדער וועג נישט געבליבן, ווי אַליין נעמען אונטערצינדן. דעם אָוונט זענען מיר זיך פונאַנדערגעגאַנגען מיט גאָרנישט.

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט זיך אויסגעבילדעט אַ גרופּע, וואָס האָט זיך גענומען דעם פּלאַן פאַרווירקלעכן. די גרופּע איז באַשטאַנען פון דריי מענטשן. דאָס איז געווען אַ מאָדנע גרופּע, סיי לויט איר צוזאַמענשטעל, סיי לויט איר עלטער.

דער פירער פון דער גרופּע איז געווען חיים צביקע דער סטאָליער (חיים צביקע סאָלדאַטשיק). אַן אַרבעטער פון אַ יאָר 30, שוין אַ טאַטע פון 2 אָדער 3 קינדערלעך. אַ מענטש מיט אַ געוואַלדיק היציקן טעמפּעראַמענט, מיט אַן אויסערגעוויינלעכן האַס צו די באַלעבאַטים. יעדן מייסטער האָט ער באַטראַכט נישט בלויז ווי אַ שונא פון גאַנצן אַרבעטער־קלאַס, נאָר אויך ווי אַ פּערזענלעכן פיינט.

געשטאַמט האָט ער פון אַ דאָרף. אין דער יוגנט איז ער קיין אַרבעטער נישט געווען. ווען מען האָט אים צו 21 יאָר אָפּגעגעבן פאַר אַ סאָלדאַט און אַוועקגעשיקט דינען קיין דווינסק, האָט ער זיך אין דער „ראָטע" אויסגעלערנט סטאָלעריי. נאָכן דינסט איז ער פאַרבליבן אין דווינסק. געווען איז ער אַ שיינער יונגערמאַן, אַן אויסגעצייכנטער טענצער און אַן איבערגעגעבענער באַזוכער פון „חנה־לאהס" טאַנץ־קלאַסן פון פאַר דער באַוועגונג, וואָס איז אַזוי גלענצנדיק באַשריבן געוואָרן פון דוד פּינסקי. ווען עס האָט זיך אין דווינסק אָנגעהויבן די אַרבעטער - באַוועגונג, האָט ער, ווי אַ סך אַנדערע, פאַרוואָרפן די טאַנץ - הייזער און געוואָרן אַן איבערגעגעבענער אָנפירער פון פאַך.

דער צווייטער איז געווען דער סטאָליער - אַרבעטער ברוכקע דער גריוּוער. ווי אַזוי דער דאָזיקער מענטש איז געקומען צו סטאָלעריי, צו דער באַוועגונג און איבערהויפּט צו אונזער גרופּע אונטערצינדער, איז פאַר מיר נאָך ביז היינט אַ רעטעניש.

ברוכקע האָט געשטאַמט פון אַ באַלעבאַטישער משפּחה. די עלטערן זיינע האָבן געהאַט אַ גרויסע שפּייז־קראָם, אַן אייגן הויז און געווען פאַררעכנט פאַר בכבודיקע באַלעבאַטים פון גריווע (איצטיקע קאַלקון). אַ הויכער, שלאַנקער בחור פון אַ יאָר 25 מיט דין־געשוירענע און שטענדיק ריין - אָרומגעגאָלטע באַקענבערד, וואָס עס איז געווען דאַן שטאַרק אין דער מאָדע ביי די שטאָטישע פראַנטן — די האַנדלס - אָנגעשטעלטע. צו דער אַרבעט פלעגט ער גיין „מעשה פראַנט": אין גע־

פוצטע שיך, מיט אַ גראָען אויבערמאַנטל פאַרוואָרפן איבערן האַנט, מיט אַ שוואַרץ פּאַליטורטן שטעקן מיט אַ זילבערן הענטל, מיט אַ ווייסער מאַנישקע און אַ קאַלירטע „שניפּס". אויף דעם ניי־גאָלדן קייטל פון זייגער זענען געהאַנגען אַן אַ שיעור קאַקעטישע ברעלאָקן, אין דער אויבערשטער קעשענע אַ טיכעלע, אין שניפּס אַריינגעשטעקט אַ גלעזערנע שפּילקע, פלעגט ער אויסזען נישט ווי אַ סטאָליער, נאָר ווי אַ פּראָוויזאָר. און אויף וויפל עס געדענקט זיך, האָט מען אים טאַקע גערופן מיט אַן ענלעכן נאָמען. פאַר יענע צייטן איז דאָס געווען אַן אויסטערלישע זאַך און נישט אַלע באַלעבאַטים פלעגן אים טאַקע, צוליב דעם, וועלן נעמען צו דער אַרבעט. אגב, נישט צו אַבי וועלכן מייסטער איז ברוקען אַנגעשטאַנען צו גיין אַרבעטן. ער איז געווען זייער אַ גוטער און אַ פלינקער אַרבעטער, ער האָט דעריבער נישט געהאַט קיין דאגה מיט אַרבעט. דער דריטער און דער יונגסטער פון דער גרופּע איז געווען דער שרייבער פון די שורות (איך בין דאַן אַלט געווען אַ יאָר 18—19).

מיר האָבן זיך נישט צוזאַמענגערעדט, אָבער מיר האָבן אינסטינקטיוו געפילט, אַז דאָס, וואָס מיר גייען טון, מוז בלייבן שטרענג קאָנספּיראַטיוו. נישט די אָרגאַניזאַציע, נישט די „סבאָדקע", אַפילו איינצלנע חברים האָבן דערפון נישט געוואוסט. שוין אַפילו שפּעטער, אין יאָרן אַרום, איז מיר נישט אויסגעקומען צו הערן עמיצער אַפילו פון די גאָר נאָענטע חברים זאָלן וועגן דעם רעדן.

עטלעכע נעכט נאָכאַנאַנד האָבן מיר אויסגעשפּירט און אָנגעמערקט אונזערע „קרבנות". מיר האָבן אָנגעמערקט הייזער, וועגן וועלכע עס האָט זיך אונז געדאַכט, אַז אויב זיי וועלן אָפּברענען, וועלן די הויזווירטן זיי גלייך אָפּבויען. דערביי האָבן מיר נישט פאַרגעסן אַן די הויזווירטן, וואָס לויט אונזערע ידיעות, האָבן זיי פלומרשט געוואָלט, אַז זייערע הייזער זאָלן ברענען. די דאָזיקע הייזער האָבן אָבער געהערט צו גבירים און אַריינבאַקומען זיך אין די הויפן איז געווען נישט פון די לייכטע זאַכן. מיר זענען דעריבער געווען געצוואונגען אָנצוהויבן פון שכנותדיקע הויפן מיט הילצערנע הייזער, מיט דער אויסזיכט, אַז דאָס פייער וועט זיך שוין אַריבערטראָגן אויך אויף די רייכע הייזער. דאָס איז געווען אַ שגעון, אַ ווילדקייט, ווייל די דאָזיקע הילצערנע הייזער זענען געווען מערסטנטייל באַוואוינט מיט דער אָרעמער באַפעלקערונג און די ערשטע קרבנות וואָלטן זיי געווען. אָבער מיר האָבן דאַן וועגן

דעם זייער ווייניק געטראַכט. עס האָט זיך דאָך געהאַנדלט וועגן ראַטע־ווען אַ הונגעריקע מאַסע, וואָס האָט פון אונז געפאָדערט ברויט פאַר ווייב און קינד.

אונטער אַ באַזונדער סכּנה איז געשטאַנען דער באַוואוסטער „פּוי־טע מייראָוויטשעס" הויף. דאָס איז געווען אַ קאָלאָסאַל גרויסער דורכ־גאַנג ־ הויף, וואָס איין זייט זיינע איז אַרויסגעגאַנגען אויף דער צענ־טראַלער ריגער גאַס און די צווייטע זייט — אויף אַגראַדאָווער. צו ריגער גאַס צו איז דער הויף געווען פאַרבויט מיט מויערן, וואו עס האָבן גע־וואוינט רייכע שכנים; די צווייטע זייט איז געווען געדיכט פאַרבויט מיט הילצערנע הייזער און הייזלעך, וואָס זענען געווען באַוואוינט פון דער סאַמע אָרעמקייט. אויך איך צוזאַמען מיט מיינע עלטערן האָבן אַמאָל געוואוינט אין דעם טייל הויף. אָט די הילצערנע הייזלעך האָבן מיר דאָס אויסגעקליבן אויפן „ערשטן פייער". ווי אַזוי צוצוטרעטן צו דער דאָזיקער אַרבעט, האָט קיינער פון אונז נישט געוואוסט. פּשוט „אונטערלייגן אַ שוועבעלע" איז געווען צו געפערלעך, ווייל מען וואָלט נישט באַוויזן צו אַנטלויפן, האָבן מיר נאָך לאַנגע פּרוּוון און זוכע־נישן סוף־כּל־סוף זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ מיטל, וואָס עמיצער האָט אונז אָנגעוויזן: ערגעץ אין אַן ענגן ווינקל פלעגן מיר אַוועקלייגן אַ פלאַש בענזין; די פלאַש האָבן מיר אַרומגעוויקלט מיט וואַטע און די וואַטע אונטערגעצונדן. כּדי די וואַטע זאָל גליען האָט מען זי באַשאָטן מיט עפּעס אַ מין זאַלץ, ענלעך צו די קריסטאַלן פון „באַר־זויער". די גליענדיקע וואַטע האָט געדאַרפט דערוואַרעמען די פלאַש, פון וואָס די פלאַש האָט באַדאַרפט פּלאַצן. דער בענזין האָט זיך געזאָלט אַזוי אַרום אָנצינדן און פאַרשפּרייטן דאָס פייער אויף די אויסגעטריקנטע, היל־צערנע ווענט. דאָס איז געווען באַקוועם, ווייל ביז די פלאַש האָט זיך דערוואַרעמט, האָט מען געקאָנט רואיק אַוועקגיין פון אָרט און אַזוי אַרום בלייבן נישט באַמערקט.

אָבער וויפל מאָל מיר האָבן נישט געמאַכט די דאָזיקע אָפּעראַ־ציע, האָט זיך דאָס אונז קיינמאָל נישט איינגעגעבן: אָדער די וואַטע האָט זיך פריצייטיק פאַרלאָשן, אָדער די וואַטע האָט זיך אויסגעברענט און די פלאַש האָט נישט געפּלאַצט. מיר זענען געווען אויסער זיך. אין פאַרלויף פון אַן ערך אַ וואָך זענען מיר נאַכט ביי נאַכט אַרומגעגאַנגען מיט פלעשער בענזין אין די קעשענעס, זייענדיק אין געפאַר אליין אַרומ־געכאַפּט צו ווערן אין פלאַמען, אָבער אַלץ אומזיסט. מיר האָבן דערי־

בער באַשלאָסן אוועקצואוואַרפֿן די „קונצן" און גיין מיטן „גלייכן וועג".

גראָד איז אונז געקומען אונטער דער האַנט אַ געלעגנהייט: אויף דוואָריאַנסקאַ גאַס, ראָג מיאַסניצקאַ — אַ גאַס פֿון הילצערנע הייזער — האָט זיך פֿאַרענדיקט בויען אַ הילצערן געוועלבל. עס האָבן נאָר גע־פֿעלט טיר און פֿענסטער. אינעווייניק איז געלעגן אַ גרויסע קופּע הובל־שפּענער און אָפּפֿאַל־האָלץ. אַזיינער איינס ביינאַכט, ווען די גאַסן זע־נען געוואָרן פּוסט, האָבן מיר איינעם איבערגעלאָזן אויף „צינק" און אין צווייען זיך פֿאַרזיכטיק אַריינגעשאַרט אין געוועלבל. די הענט האָבן אונז געציטערט און געדאַכט האָט זיך, אַז דאָס האַרץ האָט זיך ביי מיר אָפּגעשטעלט, מיר איז אין די קניען געוואָרן געוואַלטיק הייס. מיט צו־זאַמענגעפּרעסטע ליפּן און קלאַפּעדיקע ציין האָבן מיר אונטערגעצונדן די שפּענער און שנעל אַרויס אויף דער גאַס. מיר האָבן נישט באַוויזן אָפּצוגיין עטלעכע טריט און די גאַס איז מיט אַמאָל באַלויכטן געוואָרן מיט אַ רויטן שיין. מיר האָבן אויפגעציטערט, ווי פֿון עלעקטרישן שטראָם. עס איז אונז באַפֿאַלן אַ מורא. מיר האָבן זיך, ווי אין קראַמפּן אָנגעכאַפּט איינער אָן צווייטן, זיך נישט אומגעקוקט אויף הינטן און מיט שנעלע טריט זיך דערווייטערט פֿון דעם אָרט.

מיטאַמאָל האָט זיך ברוכקע אַ ריס געטון און זיך געלאָזט לויפֿן פֿאָרויס. דאָס איז געווען נישט קיין לויפֿן. דאָס איז געווען אַ פֿליען פֿון אַ משוגענעם, וועמען עס דאַכט זיך, אַז אַ מחנה שדים ברענען זיינע טריט. מיך מיט חיים צביקען איז אויך באַפֿאַלן אַ געוואַלדיקער פּחד און, ווען מיר האָבן דערהערט דאָס כאַראַקטעריסטישע קרעכץ־געשריי פֿון דער פֿייערלעשער־טרובע, האָט עס אונז געקלונגען אין די אויערן, ווי דאָס געשריי פֿון אַ ווילדער חיה. עס האָט אונז אונטערגעוואָרפֿן פֿון דער ערד און מיר האָבן זיך אויך געלאָזט לויפֿן. צוערשט זענען מיר געלאָפֿן צוזאַמען, אָבער דערנאָך האָבן מיר זיך צעשיידט אין באַ־זונדערע וועגן. מיר זענען שוין געווען ווייט פֿון דער שׂרפֿה. קיינער האָט אונז נישט געיאָגט. פֿאַרקערט, דאָס לויפֿן האָט אונז געקאָנט אומ־גליקלעך מאַכן, אָבער מיר האָבן זיך קיין חשבון נישט אָפּגעגעבן — מיר זענען געלאָפֿן פֿון זיך אַליין.

וואָס מיט מיר האָט ווייטער אין יענער נאַכט פּאַסירט, ווי בין איך געשלאָפֿן און צי בין איך איבערהויפּט יענע נאַכט געשלאָפֿן געדענק איך נישט. די דערשיטערונג איז געווען צו גרויס. קיין ספֿק, אַז חיים

צביקע און ברוכקע האָבן איבערגעלעבט דאָס זעלביקע, אָבער מיר האָבן וועגן דעם קיינמאָל נישט גערעדט — „ווייבערשע זאַכן".

דאָס געוועלבל האָט אָפּגעברענט און צום גליק האָט עס די שכנותדיקע הייזער נישט געשאַדט. וועגן ווייטער פאָרטזעצן די „רעד־טונגס־אַקציע" האָבן מיר מער שוין נישט געטראַכט. די נאַכט איז מיר פאַרבליבן אין זכּרון, ווי אַ שווערער, בייזער חלום.

***

פון יענער קאָשמאַרער נאַכט, פון יענע ביטערע הונגער־יאָרן זע־נען שוין אַריבער העכער פיר צענטליק יאָר. אונזער באַוועגונג האָט געהאַט אַ סך בליענדיקע יאָרן — יאָרן פון אויפשטייג, ווען די מאַסן אין גאַנצן און דער יחיד זוערן געלייטערט מיט מסירת־נפש פאַרן כּלל. מיר האָבן געהאַט אויך טרויעריקע יאָרן, ווען מענטשן ווערן עקל־דיק קליין, ווען עס דאַכט זיך, אַז דער וואָרם פון עגאָאיזם צעפרעסט דעם מאַרך פון די מאַסן און פון יחיד. קאַמפּס ־ מעטאָדן האָבן זיך גע־ביטן, אָבער שוין מער קיינמאָל זענען זיי נישט באַלויכטן געוואָרן מיטן אָפּגלאַנץ פון אַ שׂרפה. זיי זענען אַלע מאָל באַלויכטן געוואָרן פון סאָ־ציאַליסטישן פלאַם, וואָס וועט פאַרברענען די אָרדנונג, וואָס קאָן נישט געבן קיין ברויט צו דער זעט די בויער פון דער וועלט מיט אירע רייכ־טימער — די וועלט, וואָס האָדעוועט אויס אירע אונטערצינדער...

אין וואַרשע

צו דער באַשריבענער צייט איז, ווי עס ווייזט אויס, בײַ מיר רייף געוואָרן דער וואַנדער - אינסטינקט פון אַ דעמאָלטיקן יידישן אַרבעטער. מעגלעך, אַז דאָ האָט געשפּילט אַ ראָלע מיין צו אָפט הונגערן, אָדער אפשר ביידע אומשטענדן צוזאַמען. ווי די זאַך זאָל נישט זיין — עס האָט מיך אָנגעהויבן ציען אַוועק פון דווינסק, פון מיין היים־שטאָט.

אַ סך, אַ סך פון מיינע חברים האָבן שוין געהאַט אויסגעוואַנדערט איבער אַלע זיבן ימען. מיין עלטערע שוועסטער חנה־לאה מיט איר מאַן, איטשקע דער שוואַרצער, זענען שוין אויך געווען אויפן וועג קיין אַמעריקע. די איבעריקע משפּחה - מיטגלידער האָבן זיך אָריענטירט אין דער זעלביקער ריכטונג, פון וואַנען עס קומען אָן אַזעלכע פריילעכע, זאַטע גרוסן.

איינע אַ חברטע האָט מיר אפילו געמאַכט אַ פאָרשלאַג, אַז אויב איך וואָלט מסכים געווען מיט איר צו פאָרן קיין אַמעריקע, וואָלט אירער אַ פעטער אַרויסגעשיקט אונז אומזיסטע שיף־קאַרטעס און מיר וואָלטן דאָרט געמאַכט אַ לעבן... מיך האָט אָבער אַהין נישט געצויגן. מיך האָט נישט געצויגן קיין אַמעריקע אפילו, ווען מיין גאַנצע פאַמיליע, צוזאַמען מיט מיין טאַטע־מאַמע, זענען שוין דאָרט געווען און האָבן אָפט געשריבן כ׳זאָל שוין ווערן „אַ מענטש מיט ליטן גלייך" און אַראָפּקומען אַהין, וואו מען קאָן אויך אַרבעטן לטובת הכלל..

מיך האָט געצויגן קיין וואַרשע, פון וואַנען עס האָבן זיך דערטראָגן פריילעכע גרוסן וועגן דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג צווישן די יידישע און איבערהויפּט צווישן די פּוילישע אַרבעטער. די דאָזיקע גרוסן האָבן אָנגעפילט מיט פרייד דאָס האַרץ פון יעדן רעוואָלוציאָנערן יידישן אַרבעטער פון דעמאָלטיקן ליטע, וואו די אַרבעטער - באַוועגונג איז געווען כמעט אויסשליסלעך אַ יידישע.

נאָך אַ פריילעכער בונדישער „ליאַמע" מיט חברים, נישט געזעגנט מיט מיינע עלטערן, וועמען איך האָב נישט געקאָנט מוחל זיין די שוין באַשריבענע עולה, בין איך אָפּגעפאָרן קיין וואַרשע.

פאַרן פאָרן האָב איך זיך באַזאָרגט מיט אַ בריוו צו דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע. דער בריוו איז געווען צו דער באַוואוסטער בונדישער טוערין — צו דער חברטע אסתּר דיסקינד, וועלכע האָט דאַן געאַרבעט אין וואַרשע *).

דעם בריוו צו דער חברטע ריסקינד האָט געשריבן אַנדריי דער „גוי".

טוער מיט רוסישע נעמען האָבן דאַן אין „בונד" נישט געפעלט. אַנדריי איז אָבער געווען אַן אמתער גוי. דאָס איז געווען אַ רוסישער אינטעליגענט, וואָס האָט עטלעכע יאָר געאַרבעט אין „בונד". ער איז געווען באַליבט ביי די מער אַנטוויקלטע אַרבעטער, וועלכע האָבן גערן באַזוכט זיינע פאָרלעזונגען אויף די פּראָפּאַגאַנדע־קרייזן פון יענע צייטן. וואָס אים האָט געצויגן צו אַרבעטן צווישן יידישע אַרבעטער, איז מיר נישט באַוואוסט. אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָב איך אים שוין מער נישט געטראָפן און אויך גאָרנישט געהערט וועגן ווייטערדיקן גורל פון דעם דאָזיקן אויסטערלישן בונדיסט.

אסתּר ריסקינד

ביים שרייבן דעם בריוו האָט מיך חבר אַנדריי געפרעגט צי זאָל ער מיך רעקאָמענדירן אַלס פּראָפּאַגאַנדיסט אָדער אַלס אַגיטאַטאָר?

די פראַגע איז מיר אויסגעקומען זייער קאָמיש און איך מיט מיין באַגלייטער (דאַכט זיך, יודל דער פריקאַזטשיק) האָבן זיך האַרציק צעלאַכט.

— שרייבט אָן — האָב איך אין שפּאַס געזאָגט צו אַנדרייען — אַז דאָס איז לייבעטשקע דער סטאָליער, וואָס וואָלט דעם צאַר ניקאָלאַי נישט געזשאַלעוועט דעם לעצטן טויט...

---

*) חברטע אסתּר ריסקינד איז אין 1905 דערהרגעט געוואָרן אין ביאַליסטאָק, בעת אַנאַרכיסטן האָבן אויף סוראַזשער גאַס געוואָרפן אַ באָמבע אויף דער בונדישער בירזשע און מיליטער האָט געשאָסן.

אַנדרייען, וואָס האָט פאַרשטאַנען אַביסל יידיש, איז דאָס, אַפּנים, זייער געפעלן, ווייל שרייבנדיק דעם בריוו, האָט ער גוטמוטיק גע־שמייכלט צום פּאַפּיר.

די שטאָט וואַרשע מיט דער דעמאָלטיקער „קאָנקע" (פערד־טראַמ־וויי), מיט די גאַז־לאָמטערנעס אויף די גאַסן, מיט איר שטאַרקער באַ־וועגונג פון מענטשן, פורן און ברייטע דראָזשקעס געשפּאַנט אין צוויי פערד, מיט אירע הויכע מויערן און ברייטע, געפלאַסטערטע גאַסן, האָט אויף מיר געמאַכט אַן אומגעהויערן רושם.

גלייך פון דער באַן האָט עפּעס אַ ייד מיך פאַרפירט אויף נאַלעוו־קעס אין אַ האָטעל, וואָס איז געווען האַלב־אַכסניה, האַלב־מאַרק. פון גאַנץ פרי האָט מען אָנגעהויבן קלאַפּן צו מיר אין טיר. מיט עפּעס מאָד־נע קוויטשעדיקע, זינגענדיקע קולות האָבן אָנגעהויבן אַריינקומען צו מיר אין צימער יידן און ווייבער באַלאָדענע מיט שאַכטלען, פּעקלעך און קוישן און פאַרלייגן מיר, איך זאָל ביי זיי קויפן שקאַרפּעטקעס, שעלקעס, בענדלעך, קנעפּלעך און אַנדערע סחורות.

דער „הולך" פון די יידן אין די קליינע היטעלעך מיט די לאַנגע בגדים אָנגעטון איינע אויפן צווייטן, וואָס כמעט ביי יעדן איז דער אויבערשטער בגד געווען קורצער פאַרן אונטערשטן (דער מיטוואָך איז לענגער פאַרן דאָנערשטיק — האָט עס ביי מיר געהייסן), די ווייבער אין די שווערע, נעלע און ברוינע שייטלען, וואָס אַזעלכע האָט מען נישט געזען אין קיין איין שטאָט פון ליטווישער געגנט, האָט אויף מיר געמאַכט אַ שלעכטן — איך וואָלט אַפילו געזאָגט — אַן אָפּשטויסנדיקן איינדרוק.

אָבער לאַנג אָבסערווירן דעם נייען טיפּ יידן איז מיר נישט אויס־געקומען. איך האָב זיך גיך פאַרבונדן מיט דער אָרגאַניזאַציע, געקריגן אַרבעט אין מיין פאַך און פאַר מיר האָט זיך אָנגעהויבן איינער פון די טעטיקסטע פּעריאָדן אין מיין רעוואָלוציאָנערן לעבן.

געאַרבעט אין וואַרשע האָב איך פון הערבסט 1902 ביז הערבסט 1903. וואַרשע האָט דאַן געקאָכט, ווי אין אַ קעסל. עקאָנאָמישע שטרייקן זענען דאַן פאָרגעקומען כמעט אין אַלע בראַנזשעס. עס איז געווען דער אויפבלי־פּעריאָד פון דער פּוילישער אינדוסטריע. אויך אין דער קליין־פאַבריקאַציע, וואו עס זענען געווען באַשעפטיקט יידישע אַר־בעטער, איז געווען אַן אויפלעבונג. אין יעדן שטרייק האָבן זיך דערוי־בער באַטייליקט טויזנטער און טויזנטער אַרבעטער. אַ באַזונדער

בריטן פאַרנעם האָבן געהאַט די שטרייקן פון די נעגריוועטע שוסטער, פון די בוי־סטאָליאַרעס און אַנדערע.

בעת איך בין געקומען קיין וואַרשע, האָב איך טאַקע אָנגעטראָפן אויף אַ גרויסן עקאָנאָמישן שטרייק פון יידישע בוי־סטאָליאַרעס. אין לויף פון דעם דאָזיקן שטרייק האָט מיט מיר פּאַסירט אַ טראַגי־קאָמישע געשיכטע:

אין שטרייק זענען געשטאַנען שוין עטלעכע וואָכן העכער טויזנט אַרבעטער. דער שטרייק האָט זיך פאַרצויגן, ווייל פון דער נאָענטער און ווייטערער פּראָווינץ פון אַרום וואַרשע זענען געוועז אָנגעקומען אַ סך אַרבעטער, וועלכע זענען געוואָרן שטרייק־ברעכער. די אָנפירונג פון שטרייק האָט מיט די דאָזיקע שטרייק־ברעכער געפירט אַן אמתע מלחמה. יעדן פאַרנאַכט פלעגן גרופּן שטרייקער און אויך אַרבעטער פון אַנדערע פאַכן זיך צוזאַמענקלייבן ביי עטלעכן אין דער קאַוויאַרניע אויף וואָלינ־סקע גאַס און פון דאָרטן אָרגאַניזירן די מלחמה קעגן די שטרייק־ברע־כער. אין די וואַרשטאַטן און אַרום זיי פלעגן זיך צעפּלאַקערן גרויסע בלוטיקע געשלעגן מיט שויבן־ברעכעריי און קאָפּ־שפּאַלטעריי. באַזונ־דער שווער איז אָנגעקומען באַזייטיקן די שטרייקברעכער פון אַ פאַבריק אויף פּאַוויע גאַס: דער מייסטער האָט געהאַט געדונגען עטלעכע סטרוזשעס פון די דערבייאיקע הויפן זיי זאָלן באַשיצן די שטרייק־ברעכער בעת זיי וועלן גיין אַהיים פון דער אַרבעט. איין אָוונט, ווען די שטרייק־ברעכער מיט זייערע באַשיצער האָבן געוואָלט אַרויסגיין פון הויף, וואו די פאַבריק האָט זיך געפונען, האָבן זיי זיך געמוזט צוריק־ציען, ווייל אויף דער גאַס האָט זיך אַרומגעדרייט אַ צו גרויסע מחנה אַרבעטער מיט שטעקנס אין די הענט. דערשראָקענע האָבן די שטרייק־ברעכער אַרויסגעקוקט פון האַלב געעפנטן טויער, אָבער צוקומען צו זיי און באַפאַלן זיי אויפן הויף איז געווען זייער ריזיקאַליש.

דערווייל האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז דער מייסטער האָט געמאָלדן אין פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט, אַז אויף דער גאַס דרייען זיך אַרום באַוואָפנטע אַרבעטער. עס האָט, אַלזאָ, געדראָט אַ געפאַר, אַז יעדע מינוט זאָל אָנקומען אַ פּאָליציי־פּאַטרול און מען וועט זיך מוזן צעגיין מיט גאָרנישט.

באַטראַכט די סיטואַציע און אָפּגעוואויגן די אָנקומענדיקע געפאַר, איז ביי מיר אַנטשטאַנען אַ פּלאַן ווי אַזוי צוצוקומען צו די שטרייק־ברעכער און מיט זיי זיך אָפּרעכענען, אַזוי ווי זיי האָבן עס פאַרדינט.

מיט איינעם פון די אָנפירער האָב איך אָפּגערעדט, אַז ער מיט אַ גרופּע דרייסטערע אַרבעטער זאָל זיך האַלטן נעענטער צום טויער, וואו די שטרייק־בּרעכער געפינען זיך און איך וועל אים שוין באַלד געבן אַ צייכן וואָס זיי האָבן צו טון.

אָנגעטאָן בין איך געגאַנגען, ווי עס איז דעמאָלט געווען די מאָדע ביי די יידישע אַרבעטער פון ליטע, אין אַ קורטקע (אַ בגד צווישן אַ רעקל און אַ מאַנטל), די הויזן אַריינגעלאָזן אין די כאַלעוועס פון די שטיוול; געטראָגן אַ היטל מיט אַ גלאַנציקן קאַזיראַק און אַ שמאָלן שאַל פאַרוואָרפן אַרום האַלז. אין דעם דאָזיקן „הולך" האָב איך זיך ווייט אונטערגעשיידט אין מיין אויסערלעכן אויסזען פון די וואַרשעווער יידישע אַרבעטער, וואָס זענען נאָך געווען געקליידעט אין די טראַדיציאָנעלע לאַנגע קאַפּאָטעס מיט קליינע, טוכענע היטעלעך אויף די שפּיץ קעפּ. צוזאַמען מיט מיינע לאַנגע, בלאַנדע וואָנסן, האָב איך געהאַט דעם אויסזען גיכער פון אַ „קאַצאַפּ" (רוס) איידער פון אַ יידישן אַר־בעטער. דער דאָזיקער נישט־יידישער אויסזען מיינער, האָט מיך אין מיין פריערדיקן און וויטערדיקן רעוואָלוציאָנערן לעבן אַרויסגעראַ־טעוועט פון פּאָליציי־געפאַרן ביי פאַרשידענע ריזיקאַלישע רעוואָלוציאָ־נערע אונטערנעמונגען.

באַפרייט זיך פון מיין גראָבן שטעקן, האָב איך זיך אין אַ גע־מאָסטענעם גאַנג געלאָזט צום טויער און בין אַריין אין הויף, דורכגיי־ענדיק צווישן די שטרייק־בּרעכער מיט זייערע שומרים, וועלכע האָבן אין מיין „קאַצאַפּישן" אויסזען נישט באַמערקט קיין שום פאַרדאַכט און געפאַר פאַר זיך. אָפּגעזאַמט זיך אַ געוויסע צייט אין אַ טונקעלן ווינקל פון הויף, האָב איך זיך שטילינקערהייט צוגעשאַרט צו די שטרייק־בּרעכער פון הינטן און מיט עטלעכע שטאַרקע שטויסן האָב איך זיי פּלוצלונג אַרויסגעשטופּט אויף דער גאַס. איך בין אַרויסגע־שפּרונגען נאָך זיי, פאַרהאַקט נאָך זיך דעם טויער און מיט אַלע מיינע כּוחות האָב איך צוגעדריקט די קליאַמקע, כּדי די סטרוזשעס זאָלן נישט קענען אַרויסקומען פון הויף. די באַוואָפנטע אַרבעטער אַרום טויער האָבן זיך גלייך אָריענטירט וואָס איך האָב דאָ אויפגעטאָן און זענען באַפאַלן די שטרייק־בּרעכער מיט זייערע שטעקנס און אייזנס, זיי גוט אָנגעבראָכן די ביינער און זיך צעלאָפן. דערזען אַז איך בין געבליבן אַליין, האָב איך זיך אויך געלאָזט לויפן נאָך זיי. אויף די געוואַלדן פון די געשלאָגענע, זענען אָנגעלאָפן די איבעריקע באַוואָפנטע אַרבעטער,

זעלטן ווער פון זיי האָט מיך געקאַנט, דערזעענדיק, אַז אַ „קאַצאַפּ" „יאָגט זיך" נאָך זייערע חברים, זענען זיי מיך באַפאַלן מיט זייערע שטעקנס פון הינטן און מיך מוראדיק צעשלאָגן.

אַרויס בשלום פון אַזאַ וויכטיקער אונטערנעמונג, זענען די שטרייקער זיך צונויפגעקומען צוריק צו עטלען אין קאַוויאַרניע און מיט גרויס צופרידנקייט דערציילט איינער דעם אַנדערן, ווי אַזוי מען האָט אויף פּאַוויע גאַס צעשלאָגן די שטרייק־ברעכער מיט אַ „קאַצאַפּ", וואָס איז מסתמא איינער פון די געדונגענע סטרוזשעס, אָדער אפשר גאָר אַ „שפּיצל" (שפּיאָן), געשיקט פון דער אָכראַנע צו כאַפּן וועמען פון די שטרייקער. אָבער ווי אַנטוישט, דערשראָקן און פאַרלאָרן זענען זיי געבליבן מיט האַלבע ווערטער אויף די ליפּן, ווען די טיר האָט זיך פּלוצים געעפנט און אַ פּאָר אַרבעטער, וואָס האָבן מיך געקאַנט, האָבן אַריינגעפירט אין קאַוויאַרניע דעם „קאַצאַפּ" מיט אַ פאַרבאַנדאַזשירטן קאָפּ און אַ צעקלאַפּטער האַנט. ווען איך האָב אַ קוק געטאָן אויף זייערע זויערע, בלאַס געוואָרענע פּנימער, האָט זיך מיר געדוכט, אַז אויף זיי, אויף די שלעגער דאַרף מען האָבן מער רחמנות, ווי אויף מיר, דעם געשלאָגענעם.

אָט אַזוי האָב איך דאָס באַצאָלט פאַר מיין דרייסטן איינפאַל. פונדעסטוועגן בין איך אָבער געווען צופרידן פון מיין אויפטו.

לאַנגע, לאַנגע וואָכן האָט מען זיך שפּעטער אין וואַרשע דער־ציילט וועגן יענעם פאַל. צוגעגעבן גוזמאות און איינצלהייטן, וואָס זענען אין דערווירקלעכקייט נישט פאָרגעקומען, אָבער וואָס האָבן זיך זייער געפּאַסט צום רומל, אַז אַזוי זאָל עס זיין.

די בונדישע בירזשע אויף דער דעמאָלטיקער דזשיקע גאַס האָט נישט געקאָנט פאַרנעמען אַלע אַרבעטער, וואָס פלעגן זיך צוזאַמענקו־מען אין די טויזנטער. ווי אַן איבערפולטער טייך, האָט זיך דערי בער די בירזשע צעגאָסן איבער די זייטיקע גאַסן און געסלעך פון ראַיאָן אַרום דער דזשיקע גאַס.

אין יענער צייט האָבן זיך שוין געהאַט אָנגעהויבן די געשלעגן מיט די גנבים און אַלפאָנסן, וועלכע זענען אין 1905 פאַרענדיקט גע־וואָרן מיט די באַוואוסטע פּאָגראָמען אויף די „הייזלעך". דער דאָזי־קער פּעריאָד איז שוין גענוי באַשריבן געוואָרן פון אַנדערע מעמוארן־שרייבער. איך וואָלט דעריבער וויניק געהאַט וואָס צוצוגעבן צום אַל־געמיינעם בילד פון יענעם קאָכיקן, רעוואָלוציאָנערן אויפברויז פון

דער באַוועגונג אין ווארשע. איך וועל נאָר שילדערן אייניקע עפּיזאָדן פון יענער צייט, אין וועלכע איך האָב זיך באַטייליקט און וועלכע זע־נען פון אַנדערע נישט באַשריבן געוואָרן.

דער קולטורעלער און גייסטיקער ניוואָ פון דער אַרבעטער־מאַסע אין ווארשע, איז, ווי מיר האָט זיך געדאַכט, געווען באַדייטנדיק נידע־ריקער, ווי אין דווינסק. דאָס רוב זענען דאָס געווען אַרבעטער צוגע־רייזטע פון דער נאָענטער און ווייטער פּראָווינץ, און מיך האָט שטאַרק געוואונדערט, וואָס צווישן זיי איז געווען אַ גרויסע צאָל אַנאַלפאַבעטן. איך האָב זיך, ביז מיין קומען אין ווארשע, נישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז אַ יידישער בחור זאָל נישט קענען לייענען קיין געדרוקטן יידישן טעקסט.

דאָ האָט שוין געווירקט דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָנס־אופן, וועלכער ציט אַריין אין טייוולאָנישן געווירבל נאָך גאָר יונגע, קינדערשע הענטלעך.

דערפאַר האָט זיך אָבער די אַרבעטער־אינטעליגענץ אויסגעטיילט מיט באַהאַוונטקייט אין דער דעמאָלטיקער יידישער ליטעראַטור. ווא־רשע איז פאַרט געווען די שטאָט פון פּרץ, דינעזאָן, ספּעקטאָר, נאָמבערג און אַנדערע אונזערע גרויסע שרייבער. דער דאָזיקער אומשטאַנד האָט געווירקט, האָט באַאיינפלוסט. די באַהאַוונטקייט איז געקומען צום אויסדרוק סיי אין פּריוואַטע שמועסן, סיי אין רעדעס, אין וועלכע די אַרבעטער־רעדנער פלעגן זייער אָפט און געלונגען ציטירן אונזערע דיכטער און פּראָזאַאיקער. און אַרבעטער ־ רעדנער האָט ווארשע פאַר־מאָגט אויסגעצייכנטע, אין אַ גאַנץ היפּשער צאָל.

נאָך היינט — מיט העכער פיר צענטליק יאָר שפּעטער — דערמאָן איך זיך מיט גרויס פאַרגעניגן די רעדעס פון יעקב הענטשקע־מאַכער, וועלכע האָבן מיר דאַן פאַרשאַפט אַ אמתן נחת־רוח.

יעקב הענטשקע־מאַכער האָט זיך אויסגעטיילט מיט זיין קולטו־רעלער קליידונג, מיט זיין אינטעליגענטן אויסזען און וואונדערבאַר ווייך־קלינגענדיקער שטים. ווען וואָס ער זאָל נישט רעדן, איז דאָס געווען אמתע מוזיק. מיט אַן אויסגעצייכנטער דיקציע, מיט שיינע, ווייכע זשעסטן בעתן רעדן, מיט דער האַרציקייט זיינער האָט ער ממש באַצויבערט זיינע צוהערער. ער האָט אָבער אויך געקאָנט, ווען מען האָט דאָס באַדאַרפט, די מאַסע צעוואַרעמען, אָנצינדן זי און מיטרייסן.

און אַ מאָדנע זאַך: די באַרבאַרישע, ווי מיר האָט זיך געדאַכט, ווערטער, ווי: „ענס", „עטץ", „יאַד", „הינען", און „דרינען" פון דער יידישער אויסשפּראַך אין פּוילן, וועלכע האָבן מיר געגרילצט אין די אויערן — האָבן אין יעקבס מויל באַקומען דעם זיבעטן חן. דאָס איז געווען אַ גאָט־געבענטשטער רעדנער, וואָס אַזעלכע טרעפן זיך זייער זעלטן. וואַרשע האָט אָבער אויך פאַרמאָגט אַ גרויסן קאַדר גוט־גע־שולטע, אינטעליגענטע, פּראַקטישע טוער — פירער פון פאַכן און גאַנ־צע בראַנזשעס, אַרבעטער פון וואַרשטאַט און דרייבאַנק.

עס קומען מיר אויפן זכרון די דעמאָלטיקע טוער — די חברים מרדכי בלעטל־מאַכער, שמואל קיטל־מאַכער, אברהם הענטשקע־מאַ־כער, שלומקע גאַזאַווניק, איינער זייער אַן אַנטוויקלטער שוסטער־אַר־בעטער, שוין אין די מיטעלע יאָרן (דעם נאָמען פאַרגעסן).

דאָס זענען געווען אַלץ אַרבעטער איינער ביי איינעם, מיט וועמען יעדע אַרבעטער־פּאַרטיי האָט געקאָנט שטאָלצירן.

פון די צוגעשיקטע טוער געדענק איך „חיים דער טאַטע", עלע שלאָסער, די חברטע פרידע. פאָרשטייער פון קאָמיטעט איז געווען עלע (יודל) מאָטאָלסקי (איליא מילער — איצט אין ניו־יאָרק).

יעדער פון די אויסגערעכנטע טוער, איז ווערט באַזונדער געשיל־דערט צו ווערן. ביכער גאַנצע וואָלט מען באַדאַרפט אָנשרייבן.

איך נעם אַרויס בלויז איין געשטאַלט פון דער גאַנצער וואַרשע־ווער פלעיאַדע טוער פון יענע ווייטע צייטן — די געשטאַלט, וועלכע שטייט מיר אַזוי בולט פאַר מיינע אויגן.

חברטע פרידע*)

רייך און פאַרביק איז די גאַלעריע אַלטע טוער פון דער בונדישער באַוועגונג. פיל פון זיי האָט דער גורל פאַריאָגט אין ווייטע לענדער, פאַרטריבן איבער ברייטע ימים. אַ סך האָבן זייערע יונגע פליגלען אָפּ־געברענט אין דער הייסער זון פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע און זענען פון דער באַוועגונג אָפּגעפאַלן. נישט ווייניק אָבער זענען פאַרבליבן. אָט די פאַרבליבענע בילדן דאָס די אַלטע בונדישע גוואַר־דיע. צו דער דאָזיקער אַלטער גוואַרדיע געהערט אויך די חברטע פרידע.

---

*) אין אָנהייב 1914 האָט חברטע פרידע געאַרבעט אין וואַרשע אונטערן נאָמען „ראָניאַ".

יעדעס מאָל, ווען איך דערמאָן זיך אָן איר, באַהערשט מיך אַ פאַרלאַנג וועגן איר צו שרייבן, כּדי צו באַקענען דעם יונגערן דור בונ־דיסטן מיט דער דאָזיקער זעלטענער געשטאַלט און וואונדערבאַרער רעוואָלוציאָנערין. אָבער גלייכצייטיק פיל איך, ווי שוואַך עס איז מיין אָרעמע פעדער און ווי אָרעם עס איז מיין שפּראַך; און אויב איך נעם איצט די פעדער אין האַנט, איז עס נאָר צו באַשרייבן אַ פּאָר עפּיזאָדן פון איר רעוואָלוציאָנערער פאַרגאַנגענהייט, כּדי צו צייכענען אַ פּאָר שטריכען. זאָלן אַנדערע, מער באַגאַבטערע חברים פון מיר, מאָלן דעם גאַנצן פּאָרטרעט.

ווען איך האָב זיך אין וואַרשע מיט איר באַקאַנט, איז זי שוין גע־ווען אַ רעוואָלוציאָנערין מיט אַ סטאַזש, מיט אַ נאָמען אין דער פּאַר־טיי. איך דאַקעגן בין נאָך געווען אַ יונגער בחור און אין די פּאַרטיי־קרייזן, בפרט אין וואַרשע, ווייניק באַקאַנט.

נישט געקוקט אויפן אונטערשייד אין עלטער, אויף ביידנס לאַגע אין דער פּאַרטיי, האָבן מיר זיך גאָר גיך באַפריינדעט. איר טרוקן, כּמעט אַסקעטיש לעבן פון אַ דעמאָלטיקער רעוואָלוציאָנערין האָט איר נישט געשטערט צו האָבן אַ מאָדנע ווייכע באַציאונג צו מענטשן, הגם אין דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט האָבן נישט אַלע טוער נעקאָנט מיט איר אויסקומען. איר מאַט־בלייך, אינטעליגענט געזיכט, איר קורצזיכ־טיקער, גוטער בליק, איר באַשיידענע, אַביסל נישט מאָדישע קליידונג, האָבן זי אויסגעטיילט פון דעם אַרום און געצויגן די אויפמערקזאַמ־קייט און אינטערעס פון יעדן, אפילו פון פרעמדע.

אָט דער אויסערלעכער אויסזען אירער און די שטאַרקע קורצ־זיכטיקייט איז געווען אַן אומגליק פאַר איר אַליין און גאַנץ אָפט פאַר די אָרגאַניזאַציעס, וואו זי האָט געאַרבעט — זי פלעגט אויף זיך ציען די אויפמערקזאַמקייט פון די צאַרישע שפּיאָנען. דערצו איז זי נאָך געווען אַביסל אַ צעשטרייטע און נישט געדענקט, וואו זי האָט ערגעץ פאַר־שטעקט אַ נויטיק צעטל מיט נעמען אָדער מיט אַדרעסן, און די זשאַנ־דאַרמען האָבן עס אָפט יאָ געפונען. נישט איינער, האָט מען דערציילט, האָט צוליב דעם געדאַרפט בייטן זיין אַדרעס.

איך — דער שרייבער פון די שורות — בין אויך געפאַלן אַ קרבן פון איר צעשטרייטקייט.

היינט זעט עס מיר אויס אַ היפּש ביסל קאָמיש. דעמאָלט אָבער, אין עלטער פון 19 יאָר, האָב איך איבערגעלעבט כּמעט אַ טראַגעדיע.

עס איז געווען אין יענע צייטן, ווען אין דער אַרבעטער־באַוועגונג האָבן זיך באַוויזן די לידער פון עדעלשטאַדט, ווינטשעווסקי, ראָזנפעלד און פון אַנדערע סאָציאַליסטישע פּאָעטן. זייענדיק באַגייסטערט פון זייערע לידער, האָבן טייל יינגערע, אינטעליגענטערע אַרבעטער אָנגעהויבן זינדיקן מיט שרייבן לידער אין גראַמען וועגן אַרבעט און קאַפּיטאַל (לויט די דעמאָלטיקע באַגריפן — אַרבעטער און באַלעבאַטים), לידער אין וועלכע די אַרבעטער ווערן באַוויינט און באַדויערט, און די באַלעבאַטים — געשאָלטן, געמוסרט און געשטראָפט. אָפט אין אַ פאָרם פון אַ געבעט צום רבונו של עולם ער זאָל אויסגיסן די תּוכחה אויף די רשעים — די באַלעבאַטים, וואָס באַגייען זיך מיט די אַרבעטער שלעכט, און זאָל „צוטון זיין אויג אויף די אָרעמע שמאַכטנדע קנעכט".

אין דער מאַסע איז דאַן געווען זייער פּאָפּולער אַ כאַראַקטעריסטיש לידל, פון וועלכן איך געדענק בלויז איין סטראָפע:

שטיינערנע הערצער האָבן די באַלעבאַטים,
זיי גלויבן נישט דעם אַרבעטער פון דאַנען ביז אַהער.

— — — — — — — — — —

און אַז אַן אָרעמער אַרבעטער נעמט אַביסל יי"ש,
רופט מען אים „פּיאַניצע" אויפן מיטן גאַס.
פּראָסטער בראָנפן איז נישט קיין וויין,
אַ זילבערנער בעכער איז נישט קיין כּוס,
אַן אָרעמער אַרבעטער איז נישט קיין באַלעבאָס —
רבונו־של־עולם, פאַר וואָס ?

— — — — — — — — — —

אין דעם רוב לידער פלעגט זיך יעדע שורה אָנהויבן לויטן אלף־בית. א—אַן אַרבעטער, ב.—באַלעבאַטים, ג—גנבים (דאָס מיינט מען די באַלעבאַטים), ד.—דריקער, ה.—הערשער און אַזוי ווייטער ביז ת.

אָט אַזאַ העפט מיט מיינע לידער אין פאַרשידענע וואַריאַנטן און אויך אַ דראַמע פון אַרבעטער־לעבן האָב איך לאַנג אַרומגעטראָגן אין בוזים־קעשענע און נישט געוואַגט װעמען עס איז צו ווייזן. פרידע איז געווען די ערשטע און די איינציקע, וועמען איך האָב פאַרטרויט מיין סוד. מיט האַרץ־קלאַפּעניש און ציטער האָב איך איר איבערגעגעבן מיינע „ווערק" זי זאָל אַרויסטראָגן איר אורטייל.

דער זינדיקער וועלט איז אָבער נישט באַשערט געווען באַריי־
כערט צו ווערן מיט מיין אלף־בית־פּאָעזיע. דעם העפט מיט מיינע לי־
דער האָב איך פון פרידען שוין צוריק נישט באַקומען. זי האָט אים
ערגעץ פאַרשטעקט און ווען דעם פאַרגעסן.

איר צעשטרייטקייט, איר פאַרשלעפּן שפּיקעס צו די געהיימע
דירות און קאָנספּיראַטיווע פּונקטן האָט געגעבן שטאָף פאַר גוטמו־
טיקע וויצן איבער איר, אָבער אַלץ אונטער די אויגן. האָט זיך ווער
דערלויבט מיט אַ וואָרט איר אויף דעם אויפמערקזאַם צו מאַכן, איז
געווען — הימל עפן זיך. זי פלעגט ווערן אַן אויפגעקאָכטע וואָס מען
וואָגט גאָר וועגן איר אַזוינס צו טראַכטן.

— עס איז אַן אויסגעטראַכטע זאַך — פלעגט זי זיך היצן — זאָלן
אַנדערע בעסער זיך נאָכקוקן, זי וועט זיך שוין מיט די שפּיקעס אַן
עצה געבן!

און אפשר האָט מען טאַקע אַביסל איבערגעטריבן? בפרט האָט
עס געקענט פּאַסירן מיט דער חברטע פרידע, וואָס וואו אַ פאַרזאַמלונג
איז זי דאָ. זי שרייבט פּראָקלאַמאַציעס, ברענגט זיי אויף דער בירזשע,
אויב עס איז נישטאָ קיין אַנדערער אונטער דער האַנט וואָס זאָל דאָס
טון, נעמט אָנטייל אין דעמאָנסטראַציעס, פירט פּראָפּאַגאַנדע־קרייזן
און טוט אַנדערע וויכטיקע און ווייניקער וויכטיקע אַרבעט פאַר דער
פּאַרטיי — און אַלץ מיט ברען. טאָ וואָס איז דער וואונדער, אַז זי
ווערט אָפּט אַרעסטירט? פונדעסטוועגן, אַז מען האָט פרידען באַגעגנט
אין גאַס, האָט נישט געשאַדט זיך צוקוקן צי גייט איר נישט עמיצער
נאָך.

איינמאָל אין אַ זומערדיקן פאַרנאַכט גיי איך מיט מיינעם אַ חבר
פון דער אַרבעט (אַ סטאָליער פון קרעסלאַוועק, דעם נאָמען פאַרגעסן).
געגאַנגען זענען מיר איבערן באַנק־פּלאַץ. פונדערווייטן זעען מיר די
חברטע פרידע גייט דורכן גערטל (דאָס גערטל האָט דעמאָלט געהאַט
אַ דורכגאַנג). פאַלט אונדז איין אַ קוק צו טון וואָס עס טוט זיך אַרום.
ווי דאָס האַרץ האָט אונדז געזאָגט — עס גייען איר נאָך 2 „העכט".
זי שטעלט זיך צוליב עפּעס אָפּ — זיי אויך; זי מאַכט אַ טריט — זיי
נאָך איר. די זאַך איז קלאָר!

געזען אַזאַ מעשה — פאַרלויף איך דעם וועג, קום איר אַן אַנט־
קעגן און, ווי נישט צו איר גערעדט, גיב איך אַ זאָג: „מען גייט אייך
נאָך". זי גייט ווייטער אין דער זעלבער ריכטונג און איך האָב דעם
איינדרוק, אַז זי האָט נישט געהערט. מאַך איך דעמזעלבן מאַנעוור אַ

צווייט מאָל און זאָג שוין העכער: „מען גייט אייך נאָך, גייט צוריק!". אָבער אַנשטאָט צו פאָלגן מיך, הויבט זי אָן אויף מיר צו שרייען איך זאָל זי לאָזן צורו און נישט זאָרגן פאר איר. אָבער דאָ זענען די שפּי־קעס געוואָרן אומרואיק, זיך גענומען ארומקוקן און זוכן מיט די אויגן. עס איז געווען קלאָר, אז זיי האָבן באמערקט און פארשטאנען מיין מאנעוור און זיי זוכן א פּאָליציאַנט.

דערזען אזא זאך, האָב איך אוועקגעוואָרפן יעדע קאָנספּיראַציע און שוין נישט פארשטעלטערהייט שטרענג געזאָגט צו איר, אז זי מוז שוין מיט א דראָזשקע פאָרן אויף דזשיקע גאס — אויף דער ארבע־טער־בירזשע. פארשטאנען, אז די זאך איז ערנסט, האָט זי באשלאָסן צו פאָלגן. נאָר צום אומגליק האָט זי ביי זיך נישט געהאט קיין 20 קאָ־פּיקעס (דער קורס פאר א דראָזשקע). האָב איך איר דאָס געלט געגעבן און זי האָט זיך אויף א דראָזשקע געלאָזט פאָרן דורך סענאטאָרסקע, ביעלאנסקע צו דער בירזשע. גראָד האָט זיך געמאכט, אז אין דער נאָ־ענט האָט זיך קיין צווייטע דראָזשקע פאר די שפּיקעס נישט געזען און מיר זענען א ווײַלע געווען זיכער, אז די שפּיקעס זענען געבליבן אויס־געשטעלט. אָבער מיט א פּאָר סעקונדן שפּעטער האָט דער טייוול פון ערגעץ אָנגעטראָגן א ליידיקע דראָזשקע און די שפּיקעס האָבן זיך גע־לאָזט נאָך פרידען. שוין זיצנדיק אויף דער דראָזשקע, האָט איינער פון די שפּיקעס אונז אויסגעשטעקט א צונג און חוזק געמאכט פון אונזער פּלאַן. די שפּיל איז געוואָרן אָן אָפּענע.

שלעכט — וועט פרידע נישט באווייזן צו קומען אויף דער ביר־זשע פריער פאר די שפּיקעס, איז זי פארפאלן. מיטאמאָל איז ביי מיר פארטיק געוואָרן א נייער פּלאַן: דעם חבר מיינעם האָב איך געהייסן לויפן דורך ביעלאנסקע און אלע באקאנטע, וועמען ער וועט טרעפן אויפן וועג, זאָל ער שיקען פרידען צו הילף. אליין האָב איך זיך, פייל אויסן בויגן, געלאָזט לויפן דורך רימארסקע, פּשעיאזד פרידען אנט־קעגן.

עס האָט באדארפט זיין אָן אויסטערליש בילד: מענטשן האָבן זיך אָפּגעשטעלט און פארוואונדערט געקוקט, וואָס א מענטש לויפט אָן אָטעם, בעת קיינער יאָגט אים נישט נאָך. אָבער וואָס זענען מיר אָנגע־גאנגען מענטשן—איך האָב באדארפט קומען אויף דער בירזשע איי־דער פרידע וועט אריינפאלן צו די שפּיקעס אין די הענט. לויפנדיק האָב איך מיט א בראַזג אוועקגעוואָרפן דאָס נאפט־לעמפּל, וואָס איך האָב נאָר וואָס געהאט געקויפט פארן אייזערנעם טויער און בין אָנגעקומען

אויף ראַג פשעיאזד און נאָוואָליפסקי מיט אַ פּאָר סעקונדן פריער פאַר פרידען. (אויף נאָוואָליפסקי איז דאַן געווען אַ טייל פון דער בירזשע). דערזען, אַז איך בין אַזוי פאַרסאַפּעט אַנגעלאָפן, האָבן חברים פאַר־שטאַנען, אַז דאָס איז נישט גלאַט און זענען מיר נאָכגעלאָפן. עס האָט נישט געדויערט קיין אויגנבליק און מיר האָבן פרידען אַראָפּגענומען פון דראָזשקע ביי די שפּיקעס אונטער דער נאָז.

אויסגעמישט זיך אין דער געדיכטקייט פון דער בירזשע, האָבן מיר פרייער אָפּגעאָטעמט. דאָ זענען מיר געווען זיכער, אָבער לאַנג פאַרהאַלטן זיך דאָ האָט מען נישט געקאָנט, ווייל מיר האָבן זיך דער־וואוסט, אַז איינעם פון די שפּיקעס האָט מען גלייך אויפן אָרט אויף דער בירזשע געשטאָכן. גיין צו פרידען אויף איר וואוינונג, איז געווען נישט פאָרזיכטיק און צו מיר — נישט באַקוועם. האָט זיך פרידע דער־מאָנט אַן אדרעס וואָס האָט זיך געפונען ערגעץ אין ראַיאָן פון טוואַר־דע־פאַנסקע, וואו עס האָבן געוואוינט צוויי סטודענטקעס, סימפּאַטי־קערינס פון „בונד", און מיר האָבן זיך געלאָזט דורך איינעם פון די דורכגאַנג־הויפן אויף נאַלעווקעס.

אויף נאַלעווקעס איז דאַן געפאָרן די „קאָנקע" (פערד־טראַמוויי). צוליב פאָרזיכטיקייט אָבער האָבן מיר באַשלאָסן נישט אָפּוואַרטן די „קאָנקע" אויף איר האַלט־פונקט, נאָר אַרויפכאַפּן זיך אינמיטן גאַנג. וואַרטנדיק אין טויער אויף דער „קאָנקע", האָב איך באַרעכנט, ווי אַזוי וועל איך העלפן דער חברטע פרידע אַרויפכאַפּן זיך אין פולן גאַנג. איך בין אָבער געבליבן אַנטוישט און באַליידיקט אין מיינע ריטערלעכע געפילן: נישט געקוקט אויף איר קורצזיכטיקייט, האָט זיך חברטע פרי־דע אָן מיין הילף קונציק און פלינק אַרויפגעכאַפּט אויפן טרעפּל פון דער „קאָנקע", און מיר זענען שוין ביי אָנגעצונדענע גאַז־לאַמטערנעס אָנגעקומען בשלום צום הויף, וואו די דירה האָט זיך געפונען.

די דירה איז אָבער, צום אומגליק, געווען געשלאָסן און מיר האָבן באַשטימט אָפּוואַרטן אויף די טרעפּ ביז די באַלעבאַטים וועלן קומען. מיר וואַרטן אַ שעה, אַ צווייטע און אַלץ אומזיסט. מען האָט אָנגעהויבן עפענען די טירן און נייגעריק אַרויסקוקן אויף דער פרייליין מיטן איג־טעליגענטן אויסזען, וואָס זיצט שוין אַ היפּשע צייט אויפן פענסטער־ברעט מיט אַ געזונטן פאַרשוויצטן בחור אין אַרבעט־קליידער און רירן זיך נישט פון אָרט. עס איז אונז געוואָרן מאָדנע נישט אָנגענעם און נישט באַקוועם. האָבן מיר פאַרלאָזן אונזער באַהעלטעניש, און שוין



פרידע (ראָזע לעווית)
אָנגעזעענע בונדישע טוערין



יודל מאַטאָלסקי (אידיאַ מילער)
פאָרשטייער פון וואַרשעווער קאָמיטעט
פון „בונד“



לייבעטשקע דער סטאָליער (פאָטאָגראַפירט
ערב דער 1-טע מאַי-דעמאָנסטראַציע 1903
אין וואַרשע)

אַ גרופּע אַרבעטער — מיטגלידער פון דער בונדישער צענטראַלער „סבאָדקע"
אין וואַרשע

פון רעכטס צו לינקס:

1 — ישראל הענטשקע-מאַכער ; 2 — סאָלאָמעאַ הענטשקע-מאַכערין ;
3 — אַבֿרהם פּשיסוּוע-בייגער (א. ראַטשפּאַן) ; 4 — ראָזע די הוט-
פּוצערין ; 5 — ישראל גאָלדשמיד

שפּעט אין אָוונט זיך געלאָזט זוכן אַ צווייט אָרט, וואו פרידע זאָל קאָנען איבערנעכטיקן.

אונטערן האַנט, ווי צוויי שפּאַצירנדיקע, אויסמיידנדיק באַלעבאַטישע, ליכטיקע גאַסן, זענען מיר בשלום אָנגעקומען אויף דער דירה פון חבר אַבראַם קאַסטעלאַנסקי. שוין נאָך האַלבער נאַכט זענען מיר אַוועק אויפן פּריוויסליאַנער וואָקזאַל (היינט דאַנציקער) און חבר קאַסטעלאַנסקי איז מיט פרידען אַוועקגעפאָרן קיין אָטוואָצק צו דער חברטע בערטע (אַבראַמס פרוי) אויף זומער־וואוינונג.

גראָד אין דער זעלביקער נאַכט (אַזוי פאַרזיכערט חבר קאַסטעלאַנסקי) זענען אין אָטוואָצק פאָרגעקומען גרויסע אַרעסטן. עס זענען פאַרהאַלטן געוואָרן הונדערטער מענטשן, אָבער פרידע איז געבליבן נעראַטעוועט.

לאַגיש האָט חברטע פרידע נאָך אַזאַ געיעג געדאַרפט אַ געוויסע צייט זיך אויסבאַהאַלטן און שפּעטער אַוועקפאָרן אין אַ ראַיאָן וואָס ווייטער פון וואַרשע. אָבער די דאָזיקע לאָגישע פאָרזיכטיקייט האָט מען נישט געקענט אָנווענדן צו דער חברטע פרידע. אין צוויי וואָכן שפּעטער איז חברטע פרידע געפאָרן קיין לאָדזש.

אַבראַם קאַסטעלאַנסקי

לאָדזש און וואַרשע זענען דאַן געווען ווי צוויי טיילן פון איין שטאָט, וואָס ליגן אָפּגערוקט איינע פון דער אַנדערער אויף 2—3 שעה רייזע. שוין אַליין דאָס פאָרן אין לאָדזש איז געווען אַן אומזיניקע נישט - פאָרזיכטיקייט. אָבער פרידע האָט זיך וואַרשיינלעך דערוואוסט, אַז גראָד אין לאָדזש פעלט אוים אַ טוער און זי קוקט נישט אויף דער געפאַר און באַשליסט אהינצופאָרן. דאָס אַליין איז אָבער ווייניק, די רייזע גופא קען אויך אויסגענוצט ווערן און זי נעמט מיט זיך מיט אין באַן אַ טראַנספּאָרט פּראָקלאַמאַציעס פאַר לאָדזש, וואָס דער צ. ק. האָט גראָד די טעג אַרויסגעגעבן. די דאָזיקע רייזע איז פאַר פרידען געווען אַן אומגליקלעכע: גלייך ווי זי איז אַרויס פון וואַגאָן, האָט מען זי אויפן

לאַדזשער וואָקזאַל אַרעסטירט צוזאַמען מיט די פּראָקלאַמאַציעס. אַ געוויסע צייט איז זי געזעסן אין טורמע און שפּעטער האָט מען זי פאַר־שיקט (נישט צום ערשטן מאָל) קיין סיביר.

אַזוי איז געווען און איז נאָך אויך היינט איר רעוואָלוציאָנערער גורל — זיך צו געפינען אין טורמע און אין סיביר מערער, ווי אויף דער פריי.

פרידע (ראָזע לעוויט) געפינט זיך איצט אין ראַטן־פאַרבאַנד און פון יאָר 1923 וואַלגערט זי זיך אין צענטראַליקער טורמעס פון „טשעקאַ" (ג. פּ. או.) און סיביר. שוין אַ לאַנגע צייט, ווי מען באַקומט נישט וועגן איר קיין שום ידיעות.

דעמאָנסטראַציעס

1. דעמאָנסטראַציע אין טעאַטער

אין יאנואר 1903, צום 17־טן יאָר־טאָג, ווען די צארישע דינער האָבן אויפגעהאָנגען 4 מיטגלידער פון דער ערשטער סאָציאליסטישער פּאַרטיי אין פּוילן, „פּראָלעטאַריאַט", האָט דער ווארשעווער קאָמיטעט פון „בונד" אָרגאַניזירט אַ פּראָטעסט ־ דעמאָנסטראַציע קעגן צאַריזם. ווי מיר דאַכט, איז דאָס געווען דער ערשטער זעלבשטענדיקער אָפענער ארויסטריט פון „בונד" אין ווארשע. ווי איינער פון די אָנטיילנעמער אין דער דעמאָנסטראַציע, וויל איך פאַרצייכענען אייניקע פּרטים און עפּיזאָדן, וואָס זענען מיר נאָך פאַרבליבן אין זכרון פון דער דאָזיקער היסטאָרישער ארויסטרעטונג.

עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו מאַכן די דעמאָנסטראַציע בעת דער פאָרשטעלונג אין אָפּערן ־ טעאַטער און אין דעם דעמאָלטיקן טעאַטער „ראָזמאַיטאָשטשי". עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז אַלץ איז צוגעגרייט געוואָרן בסוד־סודות, קאָנספּיראַטיוו. די ערשטע אויפגאַבע איז געווען באַזאָרגן אַ געהעריקע צאָל בילעטן פון די העכערע טעאַטער־שטאָקן, כּדי זיי פאַרטיילן צווישן אייגענע מענטשן, וואָס וועלן זיך באַ־טייליקן אין דער דעמאָנסטראַציע. דאָס האָבן געמאַכט עטלעכע חברים. שוין ביים איינקויפן די בילעטן האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז די שטרענגע קאָנספּיראַציע האָט קנאַפּ געהאָלפן: די קאַסירער פון די טעאַטערס האָבן מיט האַלבע ווערטער געגעבן אָנצוהערן, אַז מען ווייס פון דער זאַך. ווען יצחק סטאָליער (אָדער יצחק באָנק, ווי מיר פלעגן אים רופן) האָט איינגעקויפט אַ גרעסערע צאָל בילעטן אין אָפּערע, האָט אים דער קאַסירער אין דער שטיל אַ זאָג געטון: „פּאַניע, בענדזשע סמוטנאָ!". דאָס האָט געזאָלט הייסן, אַז די מאַכט גרייט זיך, אַז מען זאָל זיין פאַר־זיכטיק און נישט קריכן אין פייער... די צוגרייטונגען זענען אָבער גע־גאַנגען ווייטער.

מען האָט אָבער געדאַרפט באַזאָרגן נאָך א זאַך, א סך שווערערע, ווי דאָס איינקויפן בילעטן: מען האָט געדאַרפט אָפּדרוקן א גרעסערע צאָל „בלעטלעך“, וואָס זאָלן כאָטש אין געציילטע ווערטער וויסן געבן דער עפנטלעכקייט די באַדייטונג פון דער דעמאָנסטראַציע און וועלכע פּאַרטיי עס האָט זי אָרגאַניזירט. קיין אייגענע געהיימע דרוק האָט, אַפּנים, דער וואַרשאַווער קאָמיטעט דעמאָלט נישט פאַרמאָגט. ווענדן זיך ווידער אין א לעגאַלע דרוקעריי, ווי דאָס פלעגט (פאַר גוט געלט) געמאַכט ווערן אין די שפּעטערע יאָרן, איז נאָך דאַן געווען צו ריזיקאַליש. וואָס טוט מען? איז דער ח' א. קאַסטעלאַנסקי געפאַלן אויף א פּלאַן: דער אויפרוף זאָל זיין אין דער פּוילישער שפּראַך און באַשטיין פון עטלעכע געציילטע זאַצן. אומגעפער:

„וואַרשאַווסקי קאָמיטעט „בונדו“. טשעשטש באָהאַטעראָם — אָסאָווסקי, באַרדאָווסקי, קוניצקי, פּעטרושינסקי“.

עטלעכע חברים האָבן באַשטעלט א געוויסע צאָל שטעמפּלען צו פירמע־בלאַנקן אויף פאַרשידענע נעמען און כּדי עס זאָל נישט זיין פאַרדעכטיק — פאַר פאַרשידענע שטעט. פון צוויי שטעמפּלען „א. וואַרשאַווסקי פּיעטרקאָוו“ און „וו. בונדושעוויטש, לאָדזש קאָמיטעטאָווע“ האָט מען, אַרויסוואַרפנדיק די איבריקע ווערטער און בוכשטאַבן, באַקומען דעם זאַץ: „וואַרשאַווסקי קאָמיטעט בונדו“. דאָס אייגענע האָט מען געטון מיט די איבריקע ווערטער און נעמען פון די געהאָנגענע, צוטראַכטנדיק דערביי אַנטשפּרעכנדיקע אומשולדיקע נעמען. מיט דער הילף פון א באַקאַנטן אָנגעשטעלטן אין דער שטעמפּלפאַבריק (אויף ביעלאַנסקע גאַס) האָט זיך איינגעגעבן, מען זאָל די שטעמפּלען נישט אַריינטראָגן אין געשנורעוועטן פאַבריקס־בוך, ווי דאָס האָבן געפאָדערט די פאַרשריפטן פון דער מאַכט. די אויסגעשניטענע ווערטער האָט מען אויפגעקלעפּט אויף א ברעטל און אַזוי אַרום האָט מען באַקומען א פּאַרטיקן שטעמפּל מיטן פאַרבאַטענעם טעקסט. מיט רויטן טוש האָט מען אויף האַרטן פּאַפּיר אָפּגעדרוקט א גרויסע צאָל „בלעטלעך“, אויף צו פונאַנדערוואַרפן אין די טעאַטערס בעת דער דעמאָנסטראַציע.

דערווייל האָט זיך דערנענטערט דער יום־הדין. אָנצופירן מיט דער דעמאָנסטראַציע אין „ראָזמאַיטאָשטשי“ איז איבערגעגעבן געוואָרן פראָים (אפרים) בייטל־מאַכער — דעמאָלט אן אָנגעזעענער מיט־

גליד פון דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע, און נאָך איינעם, וואָס זיין נאָמען געדענק איך נישט. אָנצופירן מיט דער דעמאָנסטראַציע אין אָפּערן־טעאַטער איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם ח׳ עלע שלאָסער (עלע דווינסקער) און מיר, דעם שרייבער פון די שורות.

די ראָל פון אָנפירער איז אייגנטלעך געווען נישט קיין פּאַרוויקל־טע, אָבער דאָך זייער אַ פאַראַנטוואָרטלעכע און אַ שווערע, ער האָט געדאַרפט דער ערשטער אויסשרייען „פּרעטש ז׳ צאַראַטעם!" און אָנ־הויבן וואַרפן די אָפּגעשטעמפּלטע בלעטלעך. אָן זיין איניציאַטיוו, אָן זיין ערשטן אויסגעשריי האָט די דעמאָנסטראַציע נישט געקאָנט פאָר־קומען, און דעמאָלט וואָלט געווען אַ שרעקלעכער דורכפאַל. אין „ראָז־מאַיטאָשטשי" איז טאַקע צוליב דעם די דעמאָנסטראַציע נישט פאָרגע־קומען.

פאַרן גיין אין טעאַטער האָבן די וואַרשעווער חברים געגומען מיט מיר איינקנעלן דעם פּסוק „פּרעטש ז׳ צאַראַטעם". „דאָלאָי סאַמאָדער־זשאַוויע!" האָב איך געקאָנט שרייען גאָר נישט שלעכט, אָבער „פּרעטש ז׳ צאַראַטעם!" איז פאַר מיין יידיש־ליטווישער צונג געווען אַ האַרבער ענין. (איך בין געקומען קיין וואַרשע ס"ה מיט 2—3 חדשים פריער). איבערהויפּט האָט זיך מיר נישט איינגעגעבן דער „פּרעטש". עפּעס פלעגט ער זיך ביי מיר באַקומען אָן טעם און אָן ריח און די חברים האָבן דערפון געהאַט נעבעך גרוים עגמת נפש. איך האָב זיי פאַרשטאַ־נען, מיטגעפילט, אָבער העלפן זיי איז מיר געווען זייער שווער...

ווי־נישט־ווי האָב איך דעם „פּרעטש" בייגעקומען און מיט אַ פול־לער קעשענע אָנגעשטאָפּט מיט פּראָקלאַמאַציעס בין איך אוועק אין טעאַטער.

וואַרשעווער חברים, וואָס האָבן גוט געקענט דאָס טעאַטער־פּוב־ליקום, האָבן געזאָגט, אַז דער טעאַטער איז געווען פול מיט שפּיקעס און איבערגעטוענע פּאָליציאַנטן. אין טעאַטער האָט געהערשט אַ מאָד־נע שטימונג. די לופט איז געווען אָנגעפולט מיט אָנשטרענגונג און דערוואַרטונג. מען האָט געגרעדט צווישן זיך אין דער שטיל, מען האָט זיך אַרומגעקוקט, ווי מען וואָלט וועלן זיך עפּעס דערוויסן און אַראָפּ־לייענען פון יענעמס געזיכט. עס איז געוואָרן קלאָר, אַז גאָר־גלאַט וועט דאָס נישט אַראָפּגיין, אַז קרבנות זענען אומפאַרמיידלעך.

געשפּילט האָט מען דעם אָוונט די אָפּערע „טאַנהייזער". דעם אמת געזאָגט, איז דאָס געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך האָב געזען אַן

אָפּערע - פֿאָרשטעלונג. די גאַנצע זאַך האָט מיר אויסגעוויזן עפּעס ווילד: מענטשן קריגן זיך זינגענדיק, זינגען און קריגן זיך. אין זכרון איז מיר פֿון דער פֿאָרשטעלונג זייער ווייניק פֿאַרבליבן. בפֿרט, אַז מיין צושטאַנד איז, צוליב מיין ראָל, דאַן געווען אַזאַ, אַז שטאַרק קאָנצענטרירן זיך אויפֿן אינהאַלט פֿון דער פֿאָרשטעלונג האָב איך נישט געקאָנט. ערשט אין 1923 האָב איך אין וואַרשע צום צווייטן מאָל געזען די זעלביקע אָפּערע און נאָך דעם פּאַסטוך, וואָס שפּילט אויף זיין פּייפל, האָב איך דערקענט די סצענע, וואָס איך האָב זי געזען מיט צוואַנציק יאָר צוריק ביי אַזעלכע אויסטערלישע באַדינגונגען.

דער ערשטער אַקט איז אַראָפּ רואיק. אָנגעהויבן האָט זיך עס בעת איינעם פֿון די ווייטערדיקע אַקטן. געזעסן בין איך אויף דער גאַלעריע, אין דער סאַמע לעצטער רייע, און אויף וויפֿל עס געדענקט זיך — ביי אַ בערג נעבן אַ דורכגאַנג. קעגנאיבער מיר, אויף דער צווייטער זייט, האָב איך געזען זיצן דעם חבר עלע און די חברטע יהודית. צוגיין רעדן איינער צום צווייטן האָבן מיר נישט געוואַגט. איך בין געווען אָנגעשטרענגט ביז גאָר, און ווען דער פֿאָרהאַנג האָט זיך צום צווייטן אָדער צום דריטן מאָל אויפֿגעהויבן, איז מיין אָנשטרענגונג איבערגעגאַנגען אין אַ פֿיבער. איך האָב עטלעכע מאָל געוואָלט אָנהויבן און נישט געקאָנט. אין האַלז איז מיר געוואָרן ענג און טרוקן. ווי איך האָב געוואָלט אויסשרייען, פֿלעגט זיך מיר אַ קנויל אונטערקייקלען צום האַלז און מיך פּשוט גענומען פֿיזיש שטיקן. דער געדאַנק, דער באַוואוסטזיין האָט מיך געשטופּט אָנצוהויבן, איך האָב אָבער פֿיזיש נישט געקאָנט. דאָס זענען געווען פֿיינלעכע מינוטן, וואָס האָבן מיר פֿאַרשאַפֿט גרויסע יסורים. וואָס עס האָט זיך געטון אויף דער סצענע, האָב איך נישט געזען און נישט געהערט. איך בין געווען פֿאַרנומען מיטן געפֿיל, אַז איך דאַרף, אַז איך מוז אָנהויבן.

ווי דאָס איז פֿאָרגעקומען, געדענק איך שוין נישט. וואַרשיינלעך, האָב איך עס אויך דעמאָלט נישט געוואוסט. איך האָב פּלוצלינג, ווי פֿון ווייטן דערהערט און נישט דערקענט מיין אייגענע שטים — „פֿרעטש ז׳ צאַראַטעם!". אין זעלביקן מאָמענט האָב איך אַ שאָט געטון אין פֿאַרטער אַראָפּ מיין פּעקל פּראָקלאַמאַציעס און געבליבן ווייטער זיצן. ווי ווידערקלאַנגען האָבן פֿון אַלע זייטן געלאָזט זיך הערן דער זעלבער אויסרוף „פֿרעטש ז׳ צאַראַטעם!". די ווייסע בלעטלעך מיט די נעמען פֿון די אויפֿגעהאָנגענע מאַרטירער זענען געפֿלויגן אין

פּאַרטער אַראָפּ און אין די לאָזשעס. דער זאַל איז אינמיטן דער פּאָר־שטעלונג געוואָרן באַלויכטן. מען איז אויפגעשטאַנען פון די ערטער, אָנגעשטעלט די לאָרנעטן און גענומען אַרויפקוקן צו דער גאַלעריע, פון וואַנען עס האָבן זיך געטראָגן רעוואָלוציאָנערע אויסרופן און עס זע־נען געפלויגן די פּראָקלאַמאַציעס. צוערשט האָט זיך דער „זויבערער עולם" באַצויגן מיט רעזערוו. די אויסגעשרייען זענען נישט אונטער־געהאַלטן געוואָרן. אַפילו די בלעטלעך האָט מען אויך אַזוי ווי אויסגע־מיטן: מען האָט זיי געלאָזט פאַרבייפאַלן און אַפילו זיך אָפּגערוקט, כדי עס זאָל נישט פאַלן קיין פאַרדאַכט. ווען איינער האָט אָבער באַוויזן אַ „העלדישקייט" און יאָ אויפגעהויבן אַ בלעטל, איז דער עולם געוואָרן דרייסטער — און מען האָט זיי גאַנץ געשמאַק געלייענט (איך גיב אי־בער דאָס, וואָס חברים האָבן שפּעטער דערציילט).

צי מען האָט די פאָרשטעלונג איבערגעריסן, געדענק איך נישט. איך געדענק נאָר, אַז אין זאַל האָט מען עטלעכע מאָל נאָכאַנאַנד די עלעקטריע אויסגעלאָשן און ווידער אָנגעצונדן, ווייל ווי נאָר עס איז פינסטער געוואָרן, האָבן זיך פון דאָס ניי אָנגעהויבן די אויסרופן. דער־ווייל האָט פּאָליציי גענומען אַרויספירן איינצעלנע דעמאָנסטראַנטן פון זאַל. אַנדערע, איבערהויפּט פרויען, האָבן זיך איינגעשפּאַרט און נישט געוואָלט גיין. פּאָליציי האָט זיי גענומען אָפּרייסן מיט געוואַלד פון די ערטער. עס האָבן זיך דערהערט היסטערישע געשרייען פון פרויען. דער גערודער אין טעאַטער איז געוואָרן גרעסער און די פּאָליציי, נישט וועל־לענדיק פאַרגרעסערן די מהומה, האָט צייטווייליק אויפגעהערט צו אַרעסטירן, אָבער ביים אַרויסגיין פון טעאַטער זענען ביי די טירן פאַר־האַלטן געוואָרן אַ סך מענטשן און אין גרעסטן טייל טאַקע אונזערע חברים. די פּאָליציי האָט זיך גוט אָריענטירט, ווייל די שפּיאָנען האָבן שטילערהייט געמאַכט מיט קרייד צייכנס אויף די רוקנס פון די, וואָס האָבן אָנטייל גענומען אין דער דעמאָנסטראַציע.

מיך גראָד האָט מען דאַן נישט אַרעסטירט. מיך האָט, ווייזט אויס, געראַטעוועט מיין סטראַטעגישע פּאָזיציע: הינטער מיר איז קיינער נישט געזעסן. די אָנגעשטרענגטע לאַגע האָט נישט נאָר אויף מיר גע־ווירקט, נאָר אויך אויף אונזערע היטער. אַלץ איז פאָרגעקומען אַזוי שנעל און אומדערוואַרטעט, אַז זיי האָבן זיך אין ערשטן מאָמענט, און דערצו אין דער פינסטער, נישט געקאָנט אָריענטירן. אויסער דעם האָט מיין אויסזען נישט געקאָנט אַרויסרופן קיין פאַרדאַכט. מיט מיינע

שטיוול, רוסיש העמד און לאַנגע וואָנסעס, וואָס איך האָב דאַן גע־טראָגן, בין איך גיכער אַליין ענלעך געווען אויף אַן איבערגעטוענעם יונגן זשאַנדאַרם, איידער אויף אַ יידישן רעוואָלוציאָנער.

די אַרעסטירטע האָט מען געשלאָגן און אַ סך פון זיי פאַרשיקט (מיר דאַכט, אַז 37 מענער און פרויען). צום באַדויערן קאָן איך נישט אָנרופען די נעמען פון די אַרעסטירטע און פאַרשיקטע, ווייל ווי איך האָב שוין געזאָגט, בין איך נישט לאַנג פאַר דעם געקומען קיין וואַרשע און האָב וויניק געקאָנט די מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע.

אין שטאָט האָט די דעמאָנסטראַציע געמאַכט אַ שטאַרקן איינ־דרוק.

אין יענע ווייט ־ פאַרלאָפענע העראָאישע צייטן האָט יעדער שטיין, וואָס איז געוואָרפן געוואָרן אין פאַרשאָלטענעם היהשן צאַריזם, געוועקט און געמונטערט צום קאַמף, און קיינער האָט זיך נישט גע־קימערט, וואָס מען האָט זיך דערביי אַליין די הענט ביז בלוט צע־שניטן...

2. די מאַי־דעמאָנסטראַציע אין 1903

די מאַי־דעמאָנסטראַציעס אין וואַרשע פלעגן לויט אַ טראַדיציע פאָרקומען אין די אויאַזדאָווסקע אַלייען. יענע דעמאָנסטראַציעס האָבן געטראָגן גיכער אַ כאַראַקטער פון נאַציאָנאַלן פּראָטעסט קעגן דער צאַ־רישער רעגירונג, איידער אַ ריין פּראָלעטאַרישן קלאַסן־כאַראַקטער. אויף אַזאַ דעמאָנסטראַציע האָט מען דעריבער געקאָנט, צוזאַמען מיט די גרויסע אַרבעטער־מאַסן, גלייכצייטיק זען אויך די פּוילישע רייך־גע־קליידעטע עלעמענטן. האַלב־מיטל־עלטעריש־געקליידעטע יידישע אַר־בעטער אין פּוילן האָבן זיך אויסגעמישט מיט די עלעגאַנט־געפּוצטע פּוילישע פרויען. די ערשטע פידל אין די מאַי־דעמאָנסטראַציעס, ווי אין פּאָליטיש ־ געזעלשאַפטלעכן לעבן בכלל, האָט געשפּילט די פּ. פּ. ס. אַזוי איז דאָס געווען ביז דער מאַי־דעמאָנסטראַציע פון יאָר 1903.

אין 1903 איז די יידישע אַרבעטער ־ אָרגאַניזאַציע אין וואַרשע געווען שוין אַ זעלבסטשטענדיקער כח און האָט אויך געהאַט אין זיך גענוג מוט צו פירן אַן אייגענע קלאַסן־פּאָליטיק. די פּ. ס. ד. האָט צו יע־נער צייט שוין אויך אָנגעהויבן צו באַקומען אַ ווירקונג און צוזאַמען מיט דער פּוילישער פּאַרטיי „פּראָלעטאַריאַט" איז באַשלאָסן געוואָרן צו אָרגאַניזירן די מאַי־דעמאָנסטראַציע אויף דער מאַרשאַלקאָווסקע

נאָס — אָפּגעזונדערט פון דער פּ. פּ. ס. מיט אירע האַלב־סאָציאַליס־טישע און נאַציאָנאַלע לאָזונגען.

די הויפּט־אַרבעט אַרום דער דעמאָנסטראַציע איז געפאַלן אויפן „בונד".

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ לעבעדיקע אַרבעט אין די פאַכן און אויף דער בירזשע. קליינע פאַך־פאַרזאַמלונגען אין די פאַבריקן און װאַרשטאַטן זענען דורכגעפירט געוואָרן אין אַ גרויסער צאָל; עס זענען פאַרשפּרייט געוואָרן בלעטלעך (דאַכט זיך, אונטערגעשריבן פון דריי אָרגאַניזאַציעס). די דזשיקע גאַס האָט געקאָכט — מען האָט זיך גע־גרייט. מיט עטלעכע טעג פאַרן 1־טן מאַי האָט דער קאָמיטעט פון „בונד" צונויפגערופן דעם קאָלעקטיוו אָדער צענטער, וואָס איז אין יע־נער צייט באַשטאַנען פון פאָרשטייער פון פאַרשידענע פאַכן, צו באַ־טראַכטן ענדגילטיק די פראַגן, וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיט דער דעמאָנסטראַציע, צווישן זיי אויך די פראַגע וועגן אַ פאָן־טרעגער. עס איז אויך אויסגעטיילט געוואָרן אַ באַזונדערע גרופּע פון אַ מאַן 25 אַלס „באָיואָווקע". מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער, אין אַן אַרבעטס־טאָג, איז אָט די „באָיואָווקע" 8 אַזייגער אין דער פרי, ווען די געפאַר פון אַ דורכפאַל איז נישט אַזוי גרויס, זיך צונויפגעקומען, אויב איך האָב קיין טעות נישט, אויף דער וואָלינסקע גאַס. דער אָפיציעלער פאָרשטייער פון קאָמיטעט, דער חבר יודל (עלע מאַטאַלסקי), האָט אונז אין קורצן אינפאָרמירט וועגן דער פאָרשטייענדיקער דעמאָנסטראַציע און וועגן דעם דירעקטן ציל פון דער היינטיקער פאַרזאַמלונג — וויילן אַ פאָן־טרעגער.

דער עולם איז שטאַרק באַגייסטערט געוואָרן פון דער ידיעה, אַז אויך די גרופּע „פּראָלעטאַריאַט" גרייט צו אַ „באָיואָווקע". וואָרים פאַר אַלעמען איז געווען קלאָר, אַז די רעפּרעסיעס מצד דער פּאָליציי וועלן אויף מאַרשאַלקאָווסקע, וואו עס וועלן זיך געפינען דורכאויס יידי־שע אַרבעטער, זיין גרעסער, ווי אויף די אויאַזדאָווסקע אַלייען, וואו צוזאַמען מיט די אַרבעטער באַטייליקן זיך אין דער דעמאָנסטראַציע אויך גרויסע שיכטן פון דער פּוילישער בורזשואַזיע. דאַקעגן די אינ־פאָרמאַציע, אַז אין אונזער דעמאָנסטראַציע וועט אויך אָנטיילנעמען די פּ.ס.ד., האָט קיין גרויסע התפּעלות נישט אַרויסגערופן. „יידן וועט אַזוי אויך זיין געגנוג", האָבן זיך אייניקע געוויצלט.

צום סוף איז מען צוגעטראָטן צו דער פראַגע וועגן פאָן־טרעגער. מ'האָט אָנגעהויבן אויסצורופן קאַנדידאַטן, ריכטיקער — זיך אַליין

אַנצורופֿן. קאַנדידאַטן זענען געווען אַ סך. ס'האָט זיך אויך אָנגע־רופֿן חברטע פרידע (ראָזע לעוויט). דער ח' מאַטאַלסקי האָט אָבער דערקלערט, אַז דער קאָמיטעט פאַרווערט איר בכלל צו גיין אויף דער דעמאָנסטראַציע, כּדי עס זאָל ווער בלייבן ביי דער אַרבייט אין פֿאַל, ווען די פֿאַראַנטוואָרטלעכע טוער וועלן אויף דער דעמאָנסטראַציע אַרעסטירט ווערן. די חברטע פרידע האָט שטאַרק פּראָטעסטירט קעגן דעם דעספּאָטיזם פֿון קאָמיטעט (זי איז, דאַכט זיך, אַליין געווען אַ מיטגליד פֿון קאָמיטעט און איז, ווייזט אויס, ביי דער דאָזיקער פֿראַגע אין קאָמיטעט געבליבן אין דער מינדערהייט); זי האָט זיך געערגערט, געהיצט און געדראָט, אַז זי וועט נישט פֿאָלגן, אַז דאָס איז אַזאַ באַציִ־אונג נאָר צו איר, ווי צו אַ פּרוי א. ד. גל. דער עולם האָט זי אָבער פֿאַר־שריגן און געפֿונען, אַז דער קאָמיטעט איז גערעכט, אַז זי טאָר מיט זיך בשום אופֿן נישט ריזיקירן, ווייל אַזוי פֿאָדערן די אינטערעסן פֿון דער אָרגאַניזאַציע. אויסערדעם האָבן אַ סך חברים געהאַלטן, אַז זי וועט מען אַרעסטירן נאָך פֿאַר דער דעמאָנסטראַציע, וואָרום די שפּיקעס וועלן זי דערקענען פֿאַר דריי קוואַרטאַלן. איך האָב זיך אויך אָנגערופֿן אַלס קאַנדידאַט אויף אַ פֿאָן־טרעגער; דערביי האָב איך אָנגעוויזן, אַז איך האָב שוין אין דעם אַ געוויסע דערפֿאַרונג: אין דער מאַי־דעמאָנס־טראַציע אין דווינסק פֿון 1902 בין איך אויך געווען דער פֿאָן־טרעגער. עס איז אָנגענומען געוואָרן דער פֿאָרשלאָג פֿון ח' מאַטאַלסקי, אַז די וואַלן זאָלן זיין געהיימע: אין דעם פֿאַל האָט דאָס געזאָלט הייסן — נישט נאָר מ'זאָל נישט וויסן ווער פֿאַר וועמען עס האָט געשטימט, נאָר מ'זאָל אַפֿילו נישט וויסן ביז דער דעמאָנסטראַציע ווער עס איז אויס־געקליבן געוואָרן. בלויז איין מענטש האָט געמעגט וויסן דעם סוד, דאָס איז יענער חבר, וועלכער דאַרף צוזאַמענקלייבן די שטים־צעטלעך. גלייך אויפֿן אָרט איז באַשטימט געוואָרן, אַז אָט דער איינער זאָל זיין דער פֿאָרשטייער פֿון קאָמיטעט — טאַקע דער ח' מאַטאַלסקי אַליין. מ'איז צונעטרעטן צום שטימען.

דער מאָמענט איז געווען אַ פֿייערלעכער.

עס איז מיטאַמאָל מאָדנע שטיל געוואָרן. מ'האָט זיך צערוקט אין די ווינקעלעך און מיט ערנסט געשריבן דעם נאָמען פֿון דעם ווער עס וועט אין עטלעכע טעג אַרום זיין דער מיטלפּונקט פֿון אַ גרויסער געשע־עניש. די שטילקייט האָט אויך געדויערט אין דער צייט, ווען דער ח' מאַטאַלסקי האָט געציילט די צעטלעך. זיין געזיכט איז דערביי געווען

אָנגעשטרענגט. מיר זענען געשטאַנען פונוויטן און געוואַרט, הגם אויף וואָס צו וואַרטן איז נישט געווען, וואָרום דער ח׳ מאַטאַלסקי האָט דאָך אַלץ איינס אונז נישט געטאָרט זאָגן ווער עס איז דער אויסגעקליבע־נער. ווען ער האָט געענדיקט ציילן און האָט גענומען צערייסן צוליב פאַרזיכטיקייט די שטים־צעטלעך אויף קליינע שטיקלעך פּאַפּיר, האָט יעדער פון אונז געוואָלט פון זיין געזיכט אַראָפּלייענען דעם נאָמען און זיך דערוויסן פון דער קאָנספּיראַציע. ער האָט נאָר פאַרלעגן געשמייכלט אונטער זיינע קורצע, פאַרשפּיצטע וואָנסן. דער עולם האָט זיך גענומען וויצלען, געפּרואווט טרעפן אויף וועמען עס איז געפאַלן דער גורל און ווער עס דאַרף שטעלן בראָנפן. מיטאמאָל האָט מען מיך אַ כאַפּ געטון אויף די הענט, געגעבן אַ הויב אויף אין דער הויך און עס האָט מיר אָפּגעהילכט אין די אויערן — „עס לעבע דער פאָן־טרעגער לייבעטש־קע!״. עס איז געוואָרן אַ טומל, אַ גערודער. דער פאַרשטייער פון קאָמי־טעט האָט זיך צעבייזערט פאַר וואָס מען שטעלט אין אַזאַ מאָמענט אין סכנה די גאַנצע פאַרזאַמלונג און איבערהויפּט האָט אים געערגערט דאָס, וואָס עס האָט געפּלאַצט די קאָנספּיראַציע.

זאָגן אַז איך האָב זיך אין יענעם מאָמענט נישט געגרויסט, וואָלט געווען נישט אמת... איך האָב זיך געפילט, ווי אויסגעוואַקסן, צום האַלז האָט זיך עפּעס פון אינעווייניק אונטערגעקייקלט און האָט מיר אָפּגענומען דאָס לשון.

ווען מ׳האָט זיך שוין געהאַט באַרואיקט, האָט מען באַטראַכט נאָך עטלעכע קליינע פראַגן: וועגן געווער, וועגן אופן, ווי אַזוי צו באַשיצן די פאָן מיטן פאָן־טרעגער, וועגן אַ שטעקן צו דער פאָן און נאָך קליי־נע פראַגן. שפּעט, שוין כמעט פינסטערלעך, איז מען זיך איינציקווייז פונאַנדערגעגאַנגען.

איך מיט עלע דעם שלאָסער האָבן צונעטראַכט אַ שטעקן פאַר דער פאָן, וועלכער האָט זיך קונציק, מיט דער הילף פון אויטאָמאַטישע שאַרנירן, צוזאַמענגעלייגט אין דריי טיילן, און עס איז אויף אַזאַ אופן געווען באַקוועם אים צוטראָגן באַהאַלטערנערהייט.

אויף מאָרגן האָב איך זיך ווידער געזען מיטן ח׳ מאַטאַלסקי, וועלכער האָט מיר געגעבן אָנצוהערן, אַז מיין קאָסטיום, וואָס איז באַ־שטאַנען פון אַ פּאָר קאַרטענע הויזן, אַריינגעלאָזט אין די שטיוול, אַ קורצע, גראָע „פּאָדיאָווקע״, וואָס איז דאַן געווען אין דער מאָדע ביי די יידישע אַרבעטער אין ליטע, אַ בלאַ־סיצן העמדל און אַ היטל מיט אַ

גלאַנציקן קאַזיראַק — איז נישט פּאַסיק פאַר וואַרשע בכלל און פאַר מיין ראָלע אין דעם 1־טן מאַי בפרט. עס זעט אויס צו ניהיליסטיש און דעריבער צו אויפפאַלנדיק, מען דאַרף בכן זיך נעמען פאַר מיין טואַלעט. דער קאָמיטעט האָט דערויף אַסיגנירט גאַנצע 10 רובל. איך מיטן ח' עלע שלאָסער זענען אַוועק אויף דער וואָלאָווקע קויפן פאַר מיר אַן „אויס־שטייער". מיר האָבן געקויפט אַ זומער־מאַנטל, וואָס איז געווען אַביסל ברייט אין די פּלייצעס און שמאָל אין טאַליע, דערפאַר האָט ער געהאַט גענוג „זאַפּאַס" פון פאָרנט, וואָס איז געווען באַקוועם אויף צו טראָגן די פאָן מיטן שטעקן... באַצאָלט האָבן מיר פאַר אים, ווי עס געדענקט זיך, 7 רובל. פון ווייטערדיקע אויסגאַבן זענען מיר שוין געווען געצוואונגען זיך אָפּצוהאַלטן, און מיר האָבן באַשלאָסן, אַז אַ קאַפּעלוש וועט מען קאָנען ערגעץ לייען. וואָס שייך די שטיוול, וועט מען זיי קאָנען גוט אויספּוצן און די הויזן אַריבערוואַרפן איבער די כאָלעוועס. אונז איז נאָר געבליבן צו קויפן אַ האַרטן קראַגן, אַ מאַנישקע מיט אַ שלייף, וואָס מיר האָבן מיט גרויס דערפאָלג אויסגעפירט.

מיט אַ נאַכט פריער פאַר דער דעמאָנסטראַציע האָט מען מיר געבראַכט די פאָן, דערביי האָב איך באַקומען אַ שטרענגן פאַרבאָט זיך ביז דער דעמאָנסטראַציע נישט ווייזן אין די גאַסן, ווייל מען האָט דערוואַרט אַרעסטן. אַביסל אַן אויפגערודערטער פון די הכנות און אויך פון דעם, וואָס די פאָן וועט ביי מיר נעכטיקן, האָב איך זיך געלייגט שלאָפן. געשלאָפן בין איך גוט. אויפגעשטאַנען פול מיט אומגעדולדיקער דערוואַרטונג. די צייט האָט זיך מיר געצויגן אָן אַ שיעור. אין שטוב איינזיצן האָב איך נישט געקאָנט און איך בין אַרויס אין דרויסן. אויף דער דזשיקע גאַס האָב איך געטראָפן דעם ח' מאָטאָלסקי. ער האָט זיך אַביסל געבייזערט, וואָס איך בין אַרויס. ער האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ רעסטאָראַן (ביי זיינע איינענע עלטערן) און מיך מכבד געווען מיט אַ גוטן מיטאָג. ביים מיטאָג האָט ער מיט מיר פאַרפירט אַ געשפּרעך; זיך אינטערעסירט מיט מיין פאַרגאַנגענהייט, ווי אַלט איך בין און צו בין איך גענוג זיכער ביי זיך (אפנים, צי האָב איך נישט מורא). דערנאָך האָט ער פאַרזיכטיק מיר געזאָגט, אַז מ'רעדט אין שטאָט דאָס די פּאָליציי און די קאָזאַקן האָבן אַ באַפעל צו שיסן און ער האָט מיר גענעבן אַן עצה: אויב איך וועל זען עס האַלט שמאָל, זאָל איך די פאָן וואַרפן. דערויף האָב איך אים געענטפערט, אַזוי ווי עס קען ענטפערן אַ יונגער רעוואָלוציאָנער אין עלטער פון 20 יאָר: „אויב איך וועל זיך ראַטעווען, איז מיט דער פאָן. איך בין נישט קיין יינגע־

לע". ח' מאַטאַלסקי האָט אין מיין טאָן דערשפּירט, אַז איך פּיל זיך באַ־לײדיקט פון דעם גאַנצן געשפּרעך, האָט ער מיר חבריש צוגעשמייכלט און מער שוין וועגן דעם נישט גערעדט. פאַרן אַוועקגיין האָט ער מיר מיטגעגעבן אַ גאָלדענעם 5 רובל־שטיק, טאָמער קען דאָס מיר צונוץ־קומען...

ווען איך בין געקומען צוריק אַהיים, האָב איך שוין געטראָפן וואַרטן אויף מיר עלע דעם שלאָסער. מיר האָבן זיך גלייך גענומען צו מיין טואַלעט, אויסגעפּוצט די שטיוול, די הויזן אַרויסגעצויגן פון די כאָלעוועס. די כאָלעוועס האָבן אַפילו פאַררעטעריש אַרויסגעשטאַרצט מיט זייערע שאַרפע ברעגן פון די שמאָלע הויזן, נאָר דערויף איז אויך געוועזן אַ טרייסט — דער מאַנטל וועט פאַרשטעלן. אָבער אַן אמתע טראַגעדיע איז געווען מיטן פאַפּירענעם קראַגן. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן, ווען איך האָב אָנגעטון אַ האַרטן קראַגן, דערצו איז ער נאָך געווען נישט גאָר אין דער מאָס און איך האָב זיך געפילט אומגליקלעך: נישט געקאָנט אַ קער טון מיטן קאָפּ, גלייך ווי דער האַלז וואָלט מיר געווען פאַרשמידט אין אַ פּאַנצער. ווען איך האָב אָנגעטון דעם הוט, פאַרגלעט די האָר און פאַרדרייט אַביסל מיינע לאַנ־גע וואַנסן, האָט עלע געזאָגט, אַז איך זע אויס, ווי אַן אמתער „פּאַצעט". מיט דער פאַן אין בוזעם און מיטן שטעקן אין אַרבל זענען מיר אַרום 4 אַזייגער אַוועק אויף דער דעמאָנסטראַציע. גייענדיק, האָט מיך עלע צוגערעדט איך זאָל זיך פאָטאָגראַפירן. אויף דער טוואַרדע גאַס האָב איך זיך פאָטאָגראַפירט. די קוויטאַנציע האָט דער ח' עלע געהייסן אויסשרייבן אויף זיין נאָמען טאָמער ווער איך אַרעסטירט (ער האָט אויף דער דעמאָנסטראַציע, לויט דער באַשטימונג פון קאָמיטעט, נישט געטאָרט גיין). מיר האָבן זיך געזעגנט און איינער אַליין בין איך אַוועק אויף דער מאַרשאַלקאָווסקע.

בעת איך בין אַרויף אויף מאַרשאַלקאָווסקע, איז מיר געוואָרן שווער אויפן האַרצן: אַרבעטער זענען געווען ווייניק; אויף דער צווייטער זייט גאַס זענען אַרומגעגאַנגען שטאַרקע פּאָליציי־פּאַטרולן און שפּיקעס, האָבן שטרענג און פאַרדעכטיק אַריבערגעקוקט אויף אונזער זייט, וואו די דעמאָנסטראַציע האָט געדאַרפט פאַרקומען. אָבער ווען דער ווייזער פון שטאָט־זייגער האָט זיך גענומען דערנענטערן צו 5 — די באַשטימטע צייט אָנצוהויבן די דעמאָנסטראַציע — איז געוואָרן אַביסל לעבעדיקער. איך בין אָפּגעזונדערט פון אַלעמען אַרומגעגאַנגען, ווי נישט מיך מיינט מען דאָס. חברים, וואָס האָבן מיך געקענט — און

געקענט האָבן מיך כּמעט אַלע — זענען נעבן מיר פאַרבייגעגאַנגען, גלייך ווי זיי קענען מיך גאָרנישט, מיט אַ באַזונדערן באַהאַלטענעם שמייכל אין די אויגן. צו אָט דעם מאָמענט האָט שוין די קאָנספּיראַציע מײַנע געפּלאַצט: דער יום־טובדיקער קאָסטיום מיטן האַרטן קראַגן האָבן מיך אינגאַנצן אַרויסגעגעבן.

נאָר אָט האָט דער זייגער געוויזן 5, דאָס האַרץ האָט אין מיר אַ צאַפּל געטון, אין די קניען איז מיר געוואָרן משונה היים. איך האָב זיך אָבער גלייך באַהערשט. פאַר אַלעמען אין די אויגן האָב איך שנעל אַרויסגענומען די פאָן, אויפגעשטעלט דעם שטעקן אויף די צוגעגרייטע העקעלעך, אַנגעצווינגען די פאָן און אויפגעהויבן זי אין דער הויך. גלייך האָט זיך דערהערט שמואל דעם קיטל־מאַכערס אויסגעשריי אויף פּויליש — עס לעבע דער 1־טער מאַי! צווישן דער פּאָליציי איז געוואָרן אַ מהומה. אַ גרופּע מיט נאַהייקעס אין די הענט, מיט אַ פּריסטאַוו אין דער שפּיץ, האָט זיך אַ לאָז געטון צו מיר. אַרום מיר איז שוין געווען אַ קליינער, אָבער פעסטער רינג פון יידישע און פּוילישע אַרבעטער באַוואָפנט מיט קינזשאַלן, שוסטער־מעסערס, האַמערס און שטעקנס, דערוויי־ל זענען פון די זייטיקע גאַסן אַנגעלאָפן נאָך גרופּן אַרבעטער, דערהויפּט יידישע, און זיך אַנגעשלאָסן אין דער דעמאָנסטראַציע, וועלכע איז באַשטאַנען פון אַ מאַן טויזנט. די פּאָליציי האָט געמאַכט אַ צווייטן אַנגריף, אָבער ווי נאָר דער פּריסטאַוו האָט זיך דערנענטערט, האָט אים בערל דער מעכאַנישער שוסטער אַריינגעשטאָכן אַ מעסער. אַ פּוילישער אַרבעטער האָט איינעם פון די גאָראָדאָוואָיעס געגעבן אַזאַ שטאַרקן בריק אין בויך, אַז יענער איז פון ווייטאָג אומגעפאַלן. די פּאָ־ליציי האָט אויפגעציטערט, זיך געוואָרפן אַ טייל אויף בערל דעם מעכאַ־נישן שוסטער, אַ טייל אויף מיר. מעסערס, שטעקנס און אייזנס האָבן געאַרבעט מיט אַן אויסערגעוויינלעכע שנעלקייט. די פּאָליציי האָט דערוויי־ל געאַרבעט נאָר מיט נאַהייקעס און מיט שיידן פון די שווערדן. דער שטעקן פון דער פאָן האָט זיך אויך פון צייט צו צייט „באַוועגט" און מיט זיין אייזן געשמידטן שפּיץ האָט ער געצוואונגען די פּאָליציי זיך צו האַלטן פון מיר אויף אַ געוויסער ווייטקייט. די פּאָליציי־לייט האָבן אַרויסגעצויגן די שווערדן, זיי האָבן זיך אָבער געוואַקלט. ווי עס ווייזט אויס, האָט די פּאָליציי נישט געהאַט קיין גענויע אינסטרוקציעס, ווי צו האַנדלען אויף דער מאַרשאַלקאָווסקע, האָט זי זיך אַביסל אָפּגע־רוקט און איז ביי דער זייט מיטגעגאַנגען מיט דער דעמאָנסטראַציע, וואַרפנדיק בייזע בליקן אויף מיר און אויף דער פאָן. אָט אַזוי זענען

מיר אין פאַרלויף פון אייניקע מינוטן געגאַנגען האַנט ביי האַנט מיט דער פּאָליציי, זינגענדיק יידישע און פּוילישע רעוואָלוציאָנערע לידער, וואָס זענען איבערגעריסן געוואָרן מיט אויסרופן און שטאַרקע הוראַ־געשרייען. איין זאַך האָט זיך דער פּאָליציי יאָ איינגעגעבן: אויפן מיטן גאַס האָט זי די דעמאָנסטראַציע נישט דערלאָזן און מיר האָבן מאַר־שירט אויפן לינקן טראָטואַר.

מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט דאָס כאַראַקטעריסטישע קלאַפּן פון לויפנדיקע פערד. דאָס געזאַנג האָט אויף אַ מינוט אויפגעהערט און זיך באַלד ווידער אָנגעהויבן, אָבער שוין נישט אַזוי דרייסט און הילכיק, ווי פריער. מ׳האָט זיך גענומען פעסטער אונטער די הענט, ווי זוכנדיק אין אחדות אַ שטיצע. פון הינטן האָט זיך דערהערט אַ היסטערישער אויסגעשריי פון אַ פרוי און די דעמאָנסטראַציע האָט אויפגעציטערט. די הינטערשטע רייען האָבן מיטאַמאָל אַ שפּאַר געטון פאַראויס. די קאָזאַקן האָבן זיך מיט אַ געוואַלדיקער רציחה אַריינגעריסן אין דער געדיכטער מענטשן־מאַסע און געשניטן אויף לינקס און אויף רעכטס. אייניקע פון דער „באַיוואָווקע" האָבן אפילו געפּרוּווט געבן אַ ווידער־שטאַנד, נאָר דאָס האָט ווייניק געהאָלפן און די דעמאָנסטראַציע איז זיך אין אַ ווילדער אומאָרדנונג צעלאָפן. די פערד האָבן אונטער זיך מענטשן געוואָרפן, זיי געטראָטן מיט די פיס, קעפּ געלעכערט, און די פרויען, צו וועלכע די קאָזאַקן האָבן אַרויסגעוויזן אַ באַזונדער מער־דערישקייט, האָבן מיט זייערע ווײ־געשרייען פאַרהילכט די גאַס. (מיר דאַכט, אַז צווישן די צעשלאָגענע איז אויך געווען די ח׳־טע פרידע, וועלכע האָט זיך נישט איינגעהאַלטן און איז דאָך, דאָס געדענק איך גענוי, געקומען אויף דער דעמאָנסטראַציע).

בעת די קאָזאַקן זענען אָנגעלאָפן, האָט זיך די פּאָליציי גלייך אַ לאָז געטון צו מיר. איך האָב זיך באַנוצט מיט דער סומאַטאָכע, זיך צו דער ערד איינגעבויגן און צוריק די פּאָן אונטערן מאַנטל באַהאַלטן. דער עולם איז איבער מיר געלאָפן. אַ סך האָבן מיר חבריש מיט די קנאַפּלען מכבד געווען. ווען איך האָב זיך אויפגעהויבן, איז אַרום מיר געווען שיטערלעך. די פּאָליציי, וועלכע האָט מיך אויף אַ מאָמענט פאַר־לוירן פון אויג, האָט מיך גלייך דערקענט. איך האָב זיך געלאָזט לויפן, די פּאָליציי — נאָך מיר. דער פּאָליציי צוהילף זענען געקומען קאָזאַקן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ געיעג. מיט איין האַנט צום ברוסט צוגע־דריקט די פּאָן, זי זאָל נישט אַרויספאַלן, בין איך געלאָפן אָן אויפהער, אומקוקנדיק זיך יעדער רגע אַהינטער, וואו עס האַלט דער קאָזאַק און

ווי נאָר ער האָט זיך דערנענטערט אויף אַזוי ווייט, אַז זיין נאַהייקע האָט מיך געקאָנט טרעפן, פלעג איך זיך מיט האַסט אַ קער טון צוריק און דער קאָזאַק איז מיט גרויס אימפּעט פאַרבייגעפלויגן וויטער אויף עטלעכע טריט, וואָס איך האָב אויסגענוצט צו לויפן אין אַ צווייטער ריכטונג אָדער אין אַ צווייטער גאַס. אַזוי פון קאָזאַק צו קאָזאַק, בויגנ־דיק זיך אין דרייען, האָב איך אויסגעמיטן געפערלעכע קלעפּ (הגם אַביסל איז מיר דאָך אָנגעקומען).

ווי אַזוי איך האָב זיך געראַטעוועט, ווייס איך נישט. איך האָב זיך מיטאַמאָל דערזען איינער אַליין אין אַ שמאָלער, פוסטער גאַס, מיט פאַרהאַקטע טויערן, הינטער וועלכע עס זענען געשטאַנען די סטרוזשעס מיט די מעשענע אויפשריפטן אויף די היטלען. פון ווייטן האָבן זיך דערטראָגן פאַרשטיקטע קולות, פאַרדומפּענע הורא־געשרייען און אַ גאַלאָפּ פון פערד.

אָפּגעאָטעמט, אָפּגעווישט דעם שווייס פון פּנים, האָב איך זיך גענומען אַרומקוקן, אפשר וועל איך ערגעץ געפינען אַ ווינקל, וואו איך זאָל זיך קענען אָפּרוען ביז די פּאָליציי וועט זיך דערווייטערן פון די נאָענטסטע גאַסן. מיטאַמאָל דערהער איך עמיצער רופט מיך ביים נאָ־מען. איך קער זיך אום און דערזע אויף אַ הויף, הינטער אַ פאַרמאַכטן טויער מיט קראַטעס, דעם ח׳ מאָטאָלסקי. עפענען מיר קען ער נישט, ווייל די פּאָליציי האָט אָפּגעגעבן אַ באַפעל די טויערן זאָלן זיין גע־שלאָסן, אָבער עטלעכע זילבערנע מטבעות האָבן צונישט געמאַכט דעם באַפעל און דער סטרוזש האָט מיך אַריינגעלאָזט. מיר זענען אַריין אין אַ רייך־געבויטן וועסטיביול, אַרויף אויף אַ פּאָר גאָרן טרעפּ און זיך אָפּגעשטעלט. איך האָב געזאָגט דעם ח׳ מאָטאָלסקי, אַז די פּאָן האָב איך מיט זיך און קאָן דעריבער נישט אַרויס אויפן גאַס, די שפּיקעס וועלן מיך געוויס דערקענען און איצט אַריינפאַלן וואָלט שוין געווען גאָר נאַריש. ס׳וואָלט געווען גוט, ווען איך זאָל האָבן וואו איבערצו־וואַרטן, ביז עס וועט טונקל ווערן, אגב בין איך מיד, קאָן קוים איינ־שטיין אויף די פיס. ח׳ מאָטאָלסקי האָט מיר געענטפערט, אַז די פּאָן קען ער אַריינטראָגן צו אַ באַקאַנטער פאַמיליע, טאַקע דאָ אויף די טרעפּ, אָבער איך זאָל אויך אַריינגיין, איז נישט גאָר באַקוועם.

געווען בין איך אַ גוט דיסציפּלינירטער אַרבעטער. נישט קוקנדיק דערויף, וואָס איך בין אַלט געווען 20 יאָר, איז מיר שוין אויסגעקומען אויסצופירן אַ סך פאַראַנטוואָרטלעכע פּאַרטיי־אַרבעט און איך האָב

דעריבער גאַנץ גוט פאַרשטאַנען די וויכטיקייט פון קאָנספּיראַציע. אָבער דעמאָלט איז מיר די קאָנספּיראַציע פון ח׳ מאָטאָלסקי אויסגע־קומען שוין צו אכזריותדיק.

אָבער ווי די זאַך זאָל נישט זיין — ווי באַלד מ׳טאָר נישט, איז דאָך נישטאָ וואָס צו רעדן. איך האָב מיר אַביסל אַרומגעווישט דעם שטויב, געבראַכט אין אָרדנונג מיין האַרטן קראַגן, וואָס איז פאַרקראָכן אין אַ זייט, און איז פון שוויים געוואָרן ברודיק און צעקראָכן, טיף פאַררוקט אונטערן הוט די צעשויבערטע האָר און זיך אַראָפּגעלאָזט פון די טרעפּ. די טויערן זענען שוין געווען אָפן, מ׳האָט שוין געזען מענטשן אין דער גאַס.

ווען איך בין געקומען אויף דזשיקע, האָב איך פאַרגעסן אָן פאַר־דראָס אויפן ח׳ מאָטאָלסקי, די מידקייט און געפאַר. טויזנטער אויגן האָבן מיך מיט ליבע באַגעגנט, צו מיר געשמייכלט, חברטעס געאָרעמט דרייוווייז און פירווייז, האָבן מיך אַרומגערינגלט, באַשיידן געדריקט די האַנט. גאַנצע גרופּן אַרבעטער האָבן געוואַרט מיט מיר אויסצוטרינקען — און געטרונקען האָבן מיר מער, ווי קלעפּ געכאַפּט. ווער האָט דע־מאָלט געקלערט וועגן קלעפּ? ווער האָט געקלערט וועגן די קרבנות, וואָס זענען אין דעם דאָזיקן טאָג געפאַלן? וואָס פאַר אַ ווערט האָבן געהאַט אָט די אַלע קרבנות קעגן דעם גרויסן נצחון?

און דער נצחון איז ווירקלעך געווען אַ גרויסער. די דעמאָנסטראַ־ציע האָט זיך נישט געענדיקט אויף מאַרשאַלקאָווסקע. זי האָט זיך אַרי־בערגעוואָרפן אויף די דערבײַ־ליגנדיקע גאַסן און צוזאַמען מיט נאָך אָנגעקומענע, פאַרשפּעטיקטע אַרבעטער האָט זי זיך אָנגעהויבן פון דאָס ניי. ווען די פּאָליציי האָט די דעמאָנסטראַציע ווידער צעיאָגט, האָט זיך די מאַסע צעטיילט אויף קליינע גרופּעס צו עטלעכע הונדערט מאַן און ווייטער דעמאָנסטרירט אויף עטלעכע גאַסן מיטאַמאָל: אויף זשאַביע, גראַניטשנע און אַנדערע.

און נאָך איצט, ווען איך דערמאָן זיך אָן יענעם טאָג, וואָס איז פאָרגעקומען מיט העכער פיר צענטליק יאָרן צוריק, ווערט מיר גוט און וואַרעם אויפן האַרצן.

„אויף יוג"

נאָך סוכּות פון 1903 האָב איך געמוזט זיין וואָס ווייטער פון די שטעט, וואו מ'האָט מיך געקענט, און איך מיט מיין חבר מיכל האָבן באַשלאָסן צו פאָרן קיין יעקאַטערינאָסלאַוו.

דרום־רוסלאַנד איז דאַן פאַר די מער אַנטוויקלטע יידישע אַרבעטער פון ליטע געווען אַן אידעאַל, צו וועלכן מ'האָט זיך געריסן. אויף די יידישע אַרבעטער, וואָס פלעגן אַראָפּקומען פון דרום־רוסלאַנד, האָבן מיר געקוקט, ווי אויף אינטעליגענטן, וואָס שטייען העכער אין אַנטוויקלונג פאַר אונז, ליטווישע בונדיסטן. אין דער אמתן איז די זאַך גאָרנישט געווען אַזוי: די בונדיסטן פון ליטע זענען צו יענער צייט געווען באַוואוסטזיניקער, ווי זייערע דרומדיקע חברים. אָבער אונז פלעגט געוואַלדיק אימפּאָנירן, וואָס זיי האָבן געקענט רעדן רוסיש, בעסער געזאָגט — זייער פאַרקריפּלטער יידיש, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ העלפט רוסישע אָדער רוסיפיצירטע יידישע ווערטער, אַן וועלכע מ'האָט זיך לייכט געקענט באַגיין, אָפט אַפילו איבעריקע און נישט צו דער צייט באַנוצטע. מיט יאָרן שפּעטער איז דער דרום־יידיש געוואָרן אַ קוואַל פון לצנות, אָבער צו יענער צייט האָט ער פאַר אונז, יונגע בונדיסטן פון ליטע, פאַרמאָגט דעם זיבעטן חן. זעענדיק אין די געברויכטע רוסישע ווערטער אַ סימן פון געבילדעטקייט, האָבן מיר אויך גענומען רעדן מיט זייער לשון: „ער האָט פּאַסטופּאיעט ווי אַ טרוס" (ער איז זיך באַגאַנגען ווי אַ פּחדן), „ער האָט זיך פּריזנאַיעט אין זיין אָשיבקע" (ער האָט זיך מודה געווען אין זיין טעות), „ער ראַזביראַיעט זיך אין די שווערסטע וואָפּראָסן" (ער קליינט זיך פונאַנדער אין די שווערסטע פראַגן), „זי האָט אים איזמיעניאַיעט" (זי האָט אים פאַרראַטן) א. ד. גל.

למען האמת מוז אָבער געזאָגט ווערן, אַז די יידישע אַרבעטער פון ליטע גופא, וואָס האָבן געקריגן זייער אויסבילדונג אין די ערשטע פּראָפּאַגאַנדישע קרייזן אין דער רוסישער שפּראַך, האָבן אויך אַזוי גערעדט, און מיר, יינגערע, וואָס האָבן געגאַרט נאָך וויסן, האָבן זיך געפּלייסט צו רעדן מיטן זעלבן לשון, כּדי אַזוי אַרום צו ווערן באַוואוסטזיניק...

גאָר שטאַרק האָבן מיר מקנא געווען די וויטעבסקער חברים, וואָס פלעגן אין יענע יאָרן אָפּט אַראָפּקומען קיין דווינסק. די דאָזיקע חברים זענען אייגנטלעך אויך געווען די זעלבע ליטוואַקעס און האָבן נישט, גאָט ווייסט ווי, באַהערשט די רוסישע שפּראַך. זיי האָבן נאָך יעדן זאַץ אַריינגעבראָקט אַ פּאָר רוסישע ווערטער, וואָס האָבן צום געדאַנק קיין שייכות נישט געהאַט: „טאַק טשטאָ" (הייסט עס), „וואָט טשטאָ" (אָט וואָס), „אימעננאָ", „קאָניעטשנאָ" א. ד. גל. האָט ווער פון זיי געוואָלט זאָגן די פראַזע: „איך וויל אָט וואָס זאָגן" האָט זיך עס ביי אים באַקומען: „איך וויל וואָט טשטאָ זאָגן". מיר האָבן דאָס איבערגענומען, ווי אינטעליגענטישע אויסדריקן פון העכערער מדרגה. אין דער זעלבער צייט האָבן מיר אָבער אינסטינקטיוו געפילט, אַז דאָס איז נאָר דער אָפּגלאַנץ פון אמתער בילדונג, און אונז האָט געצויגן צו די קוואַלן — צו דער רוסישער שפּראַך, וואָס מיר האָבן געהאַלטן פאַר אַן אומבאַדינגטן תנאי פון באַוואוסטזיניגקייט.

אין צוזאַמענהאַנג מיט אָט דעם געשילדערטן, דעמאָלטיקן לשון אונזערן, דערמאָנט זיך מיר אַ שפּראַך־עפּיזאָד, וואָס וואַרפט אַ שיין, ווי אַזוי עס זענען אויסגעטייטשט און פאַרשטאַנען געוואָרן נייע און פרעמדע ווערטער, וואָס האָבן זיך אַריינגעריסן אין אונזער לשון צוליב די נייע באַגריפן און אידייען.

פאַר די פּראָפּאַגאַנדישע קרייזן, וואָס האָבן זיך צו יענער צייט שוין געפירט אין יידיש, איז קיין גרויסע ליטעראַטור אין דער יידישער שפּראַך וועגן עקאָנאָמישע און פּאָליטישע פּראָבלעמען נאָך נישט געווען. פלעגט מען זיך באַנוצן מיט רוסישע ביכלעך, וואָס די פּראָפּאַגאַנדיסטן האָבן פאַרטייטשט אין יידיש.

דער רוב פּראָפּאַגאַנדיסטן האָט זיך רעקרוטירט פון סטודענטן, גימנאַזיסטן און גימנאַזיסטקעס, האַלב־אינטעליגענטן, אינטעליגענטן — טיילווייז פון מער געבילדעטע אַרבעטער. זיי אַלע האָבן זייער אויסבילדונג באַקומען אין דער רוסישער שפּראַך. מיט דעם פּראָפּאַגאַנדישן קרייז, צו וועלכן איך האָב דעמאָלט געהערט, האָט אָנגעפירט דער סטאָליער־אַרבעטער שימקע וועקסלער. (געשטאָרבן אין ניו־יאָרק אין 1943). שימקע האָט געהאַט געענדיקט די דווינסקער „רעמעסלענע אוטשילישטשע" (האַנטווערקער־שול). ער האָט גוט באַהערשט די רוסישע שפּראַך, געווען באַלעזן און פאַר יענער צייט געווען אַ גאַנץ אַנטוויקלטער אַרבעטער. אַלע שבת פלעגט ער אונז פאָרלייענען און אי־

בערזעצן אין יידיש רוסישע בראַשורן איבער סאָציאַלע און פּאָליטישע פראַגן. נאָכן דורכלייענען אַ באַשטימטן קאַפּיטל פלעגט ער אונז שטעלן פראַגן, אויף וועלכע מיר האָבן געדאַרפט ענטפערן און אַזוי אַרום אַרויסווייזן וואָס מיר האָבן פאַרשטאַנען פונם געלייענטן.

איינמאָל האָט ער אונז געלייענט וועגן גאָר אַ האַרבן ענין, וואָס איך וואָלט היינט אָנגערופן „וועגן מהות פון קאַפּיטאַליזם". נאָכן איי־בערלייענען, האָט אונז שימקע געבעטן מיר זאָלן אים ענטפערן — וואָס פאַר אַ כאַראַקטער עס האָט דער קאַפּיטאַליסטישער „סטראָי" (סיסטעם)? דאָס וואָרט „סטראָי" האָבן מיר אַלע פאַרשטאַנען, אָבער וואָס פאַר אַ שייכות דאָס וואָרט כאַראַקטער האָט צום קאַפּיטאַליזם, האָבן מיר בשום אופן נישט געקאָנט באַנעמען. מיר האָבן געוואוסט, אַז אַ מענטש קען האָבן אַ גוטן אָדער אַ שלעכטן כאַראַקטער; מיר האָבן אויך געוואוסט און געפילט, אַז דער קאַפּיטאַליזם איז שלעכט. מיר האָבן אָבער גלייכצייטיק געפילט דאָס דער ענטפער, אַז דער קאַפּיטאַליזם האָט אַ שלעכטן כאַראַקטער, איז נישט דער געהעריקער ענטפער. געוויס ליגט דאָ אַ העכערער, אַ טיפער מיין! אָבער דעם באַ־שייד האָט קיינער פון אונז נישט געוואוסט. זענען מיר געזעסן מיט פאַרפלאָמטע פּנים'ער פון פאַרלעגנהייט און געשעמט זיך צו קוקן איי־נער אויפן צווייטן. אונזער לעקטאָר האָט אָבער נישט אָפּגעלאָזט — ער האָט אונז געוואָלט אַרויספירן אויפן ריכטיקן וועג, מיר זאָלן זיך אַליין אָנשטויסן אויפן אמת'ן „כאַראַקטער" פון קאַפּיטאַליסטישן „סטראָי". האָט ער אונז געבראַכט ביישפּילן וועגן „כאַראַקטער" פון „פעאָדאַלן" „פּאַטריאַרכאַלן" און „מאַטריאַרכאַלן סטראָי"; ווייטער פון „כאַראַקטער" איז דאָס אָבער נישט געגאַנגען, און מיר „גראָבע, פּויערשע קעפּ" האָבן אַלץ זיך ניט אָנגעשטויסן וואָס צו ענטפערן.

געזען, אַז ער קען פון אונז קיין ענטפער נישט אַרויסקריגן, האָט ער אונז מיט כעס ענדלעך געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דער „כאַראַקטער" פון קאַפּיטאַליסטישן „סטראָי" שיידעט זיך אונטער פון אַנדערע „סטראָיען" מיט דעם וואָס דער קאַפּיטאַליזם קען אָנזאַמלען גיטער און פאַרמעגן אָן אַ גרענעץ.

אַזוי אומגעפער האָט ער אונז אויסגעטייטשט דעם „כאַראַקטער", אָדער, ווי מען וואָלט דאָס היינט געזאָגט — די אייגנשאַפט פון קאַ־פּיטאַליסטישן סיסטעם.

דער דאָזיקער שפּראַך־קוריאָז איז בלויז איינער פון די אומצאָלי־קע שוועריקייטן, וואָס זענען אונז געשטאַנען אין וועג. די שפּראַך

אונזערע איז דעמאָלט געווען צו אָרעם, צו קליין פאַר די גרויסע אי־דייען, וואָס האָבן געזוכט אַ וועג צו די אָרעמע הייזער פון אונזער אַמאָל. נאָר די אידייען גופא זיינען געווען אונזערע לערער, אונזערע שפּרינג־ברעטער, וואָס האָבן אונז ארויפגעהויבן אויף דער הויך סיי פון אונזער שפּראַך־קולטור, סיי פון אונזער גייסטיקער אַנטוויקלונג. דעמאָלט האָבן מיר אָבער דעם דאָזיקן וואונדערלעכן פּראָצעס נישט געזען, נאָך נישט פאַרשטאַנען.

צו יענער צייט איז שוין געהאַט פאָרגעקומען דער איבערברוך אינם בליק אויף די אויפגאַבן פון פּראָפּאַגאַנדע. אויף די קרייזן האָט מען זיך שוין דעמאָלט נישט פאַרנומען מיט לערנען אונז די רוסישע שפּראַך. דעריבער האָט אונז געצויגן אויף „יוג" (דרום), פּונקט ווי די אינטעלי־גענטע מיידלעך און די האַלב־אינטעליגענטע אַרבעטערינס האָט גע־צויגן קיין „פּיטער" (פּעטערבורג) אויף פאַרשידענע קורסן און לעקציעס.

אָבער נישט דאָס אַליין איז געווען די סיבה וואָס האָט מיך מיט מיין חבר געצויגן קיין יעקאַטערינאָסלאַוו (אגב, האָט מיכל געענדיקט די דווינסקער האַנטווערקער־שול און גאַנץ גוט גערעדט רוסיש). מיר האָבן מיט אונזער פאָרן אַהין פאַרבונדן אַ סך גרעסערע אַספּיראַציעס. מיר האָבן געוואָלט אין יעקאַטערינאָסלאַוו גרינדן אַ בונדישע אָרגאַ־ניזאַציע.

געווען זענען מיר ביידע גוטע סטאָליערס און האָבן אין יעקאַטע־רינאָסלאַוו גיך געקריגן אַרבעט. מיר זענען אַריינגעפאַלן אין אַ וואַר־שטאַט פון דורכאויס יידישע אַרבעטער, צווישן וועלכע עס איז געווען אַ היפּשע צאָל סאָציאַל־דעמאָקראַטן. זיי האָבן אויף אונז — אויף די „טאָוואַרישטשעס פון סיעווער" (חברים פון צפון) — געוואָרפן אַן אויג. עס האָט לאַנג נישט געדויערט און מיר האָבן אָנגעהויבן באַזוכן אַ פּראָפּאַגאַנדישן קרייז פון דער יעקאַטערינאָסלאַווער אָרגאַניזאַציע פון ר. ס. ד. ר. פּ. דער קרייז איז באַשטאַנען פון אַ מאַן 10־12, אין גרעסטן טייל יידישע אַרבעטער. עס זענען אָבער אויך געווען אַ פּאָר קריסטלעכע אַרבעטער. וואָס מ'האָט אונז דעמאָלט געלערנט, געדענק איך נישט (וואַרשיינלעך, צוליב דעם וואָס נישט אַלץ האָב איך דע־מאָלט אויף דער רוסישער שפּראַך פאַרשטאַנען). איך געדענק אָבער, אַז געפירט דעם קרייז האָט אַ באַיאָרנטע קריסטלעכע פרוי. זי שטייט פאַר מיינע אויגן, ווי איך וואָלט זי ערשט נעכטן געזען: פון קליינעם געוואוקס, מיט אַ פּראָסט, מאַט געזיכט און טיף אַריינגעזעצטע קליינע

אויגעלעך, וואָס פלעגן אויפלייכטן, ווען איינער פון די אַרבעטער האָט געשטעלט אַ פראַגע. פון מיר האָט זי, אַפּנים, קיין גרויס נחת נישט גע־האַט: דער קרייז פלעגט פאָרקומען שבת אין אָוונט; אַ פאַרמאַטערטער פון דער וואָך אַרבעט (מיר פלעגן אַרבעטן שבת), נאָר וואָס פון באָד, פלעגן מיר זיך צוזאַמענקלייבן אין אַן ענגן צימערל ביי אַ נאָפט־לעמפּל, וואָס האָט זיך געטוקט. דאָס צימערל איז געווען שטאַרק אָנגעהייצט. פון דעם, וואָס די לעקטאָרין האָט גערעדט, האָב איך פאַרשטאַנען אַ צענט וואָרט — פלעג איך טאַקע, זאָל עס מיר צו קיין גנאי נישט זיין, אָפט כאַפּן פון מיכלען אַ שטורך אין זייט וואָס איך כראָפּע אַזוי שטאַרק...

דערפאַר אָבער איז די לעקטאָרין די ערשטע צייט געווען זייער צופרידן פון מיין חבר. ווי געזאָגט, האָט מיכל באַהערשט די רוסישע שפּראַך, געווען אַן אַנטוויקלטער אַרבעטער, באַלעזן אין דער שיינער און סאָציאַליסטישער ליטעראַטור — פלעגט ער זי פאַרוואַרפן מיט פראַגן און מיט אַנטוואָרטן אויף די פראַגן, וואָס זי האָט געשטעלט. דער עולם האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז גאָר קיין פּראַקטאַקעס זענען מיר נישט. מ׳האָט אויף אונז אָנגעהויבן קוקן גאָר מיט אַנדערע אויגן. אָבער וואָס ווייטער האָט מיכל אָנגעהויבן שטעלן פראַגן נישט נאָר וויסנשאַפטלעך־סאָציאַליסטישע; ער האָט געוואָלט באַקומען ביי דער לעקטאָרין אַן ענטפער אויך אויף דער אָרגאַניזאַציאָנס־פראַגע, וואָס איז דעמאָלט אין „בונד" געווען זייער אַקטועל. אויך איך בין אין דער פראַגע געוואָרן לעבעדיקער (ווען דער אָרגאַניזאַציאָנס־פראַגע האָט דעמאָלט אַ בונדישער אַרבעטער געקאָנט רעדן אפילו אויף פראַנ־צויזיש...), און מ׳האָט אויף אונז אָנגעהויבן שוין קוקן קרום — ווי אויף אַרבעטער, וואָס זענען נעבעך אָנגעשטעקט מיט „נאַציאָנאַליסטי־שע" באַצילן...

דערווייל איז אָנגעקומען דער טויטער ווינטער־סעזאָן.

די אַרבעט אין וואַרשטאַט האָט זיך פאַרענדיקט, און מיר האָבן אַזוי אַרום פאַרלוירן דעם קאָנטאַקט מיט דער אָרטיקער ס. ד.־אָרגאַני־זאַציע. פאַר דער צייט האָבן מיר שוין אָבער געהאַט געשלאָסן באַ־קאַנטשאַפט מיט עטלעכע אַרבעטער פון אונזער פאַך. זיי האָבן אונז באַקאַנט מיט איינעם ליאַווקע „שאַפּאָטשניק" (היטל־מאַכער). יענער ווידער האָט אונז באַקאַנט מיט איינעם אַ העמד־פּרעסער, און אַזוי אַרום האָט זיך צוזאַמענגעשטעלט אַ קרייזל אַרבעטער, יידיש־רעדער, פון אַ מאַן 10. דאָס זענען געווען אַרבעטער, טיילווייז געקומענע פון

ליטע, וועלכע האָבן ווען „בונד" שוין געהערט. זיי האָבן זיך נישט גע־קאָנט גרינג פאַרשטענדיקן מיט די אָרטיקע יידישע אַרבעטער פון דער ס. ד.־אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָבן גערעדט מערסטנטייל אויף רוסיש. טיילווייז ווידער זענען דאָס געווען אָרטיקע אַרבעטער, וועלכע זענען געווען אַביסל צעשרויפט דורכן פּראָלעטאַרישן ציוניזם, וואָס האָט אין יענער צייט זיך באַוויזן אין דרום־רוסלאַנד. מיר פלעגן פירן הייסע וויכּוחים איבער ציוניזם, בונדיזם, אָרגאַניזאַציאָנס־פראַגן א. ד. גל. און אגב, האָט אונזער אָפּט צוזאַמענטרעפן זיך געהאַט אויך אַ פּראָ־זאַאישן אונטערשלאַק.

כּמעט די גאַנצע גרופּע, וואָס האָט זיך געדרייט אַרום אונז, איז געווען אַרבעטלאָז און געלטלאָז. מיר דאַקעגן האָבן פאַר די עטלעכע וואָכן, וואָס מיר האָבן געאַרבעט, געהאַט אָפּגעשפּאָרט אַ פּאָר צענטליק רובל, און מ'האָט שטענדיק געקאָנט טרעפן ביי אונז אַ הייס גלאָז טיי מיט בולקע.

דער קרייז אַרום אונז איז דערווייל געוואַקסן, און מיר האָבן אָנ־געהויבן פילן אַ נויטווענדיקייט אין בונדישע ליטעראַטור. מיר האָבן וועגן דעם געשריבן קיין דווינסק צו ישראל־מיכלען, דעם שפּעטער באַ־וואוסט־געוואָרענעם פּראָוואָקאַטאָר קאַפּלינסקי, אָבער קיין ענטפער האָבן מיר פון אים נישט באַקומען. האָבן מיר געשריבן נאָך אַמאָל, אַ דריט מאָל, זיך אויסגעדריקט עטוואָס דייטלעכער, מיינענדיק, אַז ער פאַרשטייט נישט אונזער פאַרשטעלט לשון, אָבער אַלץ אומזיסט. מיר האָבן אינגאַנצן פאַרלוירן די האָפנונג ווען עס איז צו קריגן ליטעראַ־טור, און אָן דעם האָבן מיר נישט געזען קיין מעגלעכקייט אונזער פּלאַן צו פאַרווירקלעכן.

די דיסקוסיעס האָבן זיך דערווייל לעבהאַפט געפירט ביז... עס איז אויסגעגאַנגען דאָס לעצטע ביסל געלט. מיכל האָט פאַרקויפט זיין זילבערנעם זייגער, וואָס זיין ווייב האָט אים געשאָנקען נאָך צו די תּנאים. איך האָב פאַרקויפט מיין געצייג, וואָס איז געווען מיין שטאָלץ, ווייל איך האָב זיי אַליין געמאַכט, זייענדיק נאָך אַ לערן־ייִנגל. אָבער ווען מיר האָבן אויך דאָס ביסל געלט אויפגעגעסן, האָבן מיר אָנגע־הויבן שוין אויף אָן אמת צו הונגערן. צו הונגערן בין איך שוין דע־מאָלט געווען אַביסל געוואוינט, אָבער אַזוי האָב איך נאָך קיינמאָל נישט געהונגערט. מיר פלעגן צו צוויי־דריי טעג נאָכאַנאַנד לגמרי נישט עסן, געלעגן אויף אונזערע האַרטע געלעגערס ביז שפּעט בייטאָג, זיך לאַנגזאַם באַוועגט, כּדי אונז זאָל זיך נישט ווילן עסן. עס פלעגט אונז

אָבער ווערן נישט גוט פון הונגער, און מיר פלעגן זיך ארויסלאָזן אויפן „פּראָספּעקט" אביסל זיך אָפּפרישן. צו אַלע צרות האָבן זיך נאָך ביי איי־נעם פון אונז צעריסן די שיך. און אַז איינער האָט געוואָלט ארויסגיין אין גאַס, האָט דער צווייטער באַדאַרפט זיצן אין שטוב אַ באָרוועסער. מיר וואָלטן זיכער אויסגעגאַנגען פון הונגער, ווען נישט דאָס, וואָס פון צייט צו צייט פלעגט ווער פון די איבעריקע חברים ברענגען אַ פּאָר פונט ברויט. מיר האָבן אָבער קיינמאָל דעם הומאָר נישט פארלוירן. מיר זענען געווען יונג — האָבן מיר אונזער לאַגע געזען דורך אַ פּריז־מע פון לעבעדיקע פארבן; אין די שווערסטע מינוטן פלעגן מיר אָפּט, ליגנדיק אויף אונזערע געלעגערס, זיך דורכוואַרפן מיט אַ וויץ, אַז מיר וועלן פארלירן דעם אַפּעטיט, ליגנדיק אַזוי שפּעט...

איינמאָל, ווען מיר האָבן שוין צולאַנג געהונגערט און זענען גע־לעגן אינגאַנצן אָפּגעשוואַכט, איז צו אונז אין צימערל אריינגעקומען דער באַלעבאָס פון אונזער דירה — אַ הויכער געלער ייד, וואָס האָט געלעבט אויפן חשבון פון זיינע קינדער און פלעגט, בעת די קינדער זענען אין שטוב נישט געווען, שלאָגן זיין ווייב. ער האָט אונז פּאָרגע־לייגט צו שפּילן אין קאָרטן. דער דאָזיקער ייד, וואָס פלעגט זיך נודזשען אַ גאַנצן טאָג פון לײדיק ארומגיין, האָט געהאַט אַ קרענקלעכע נייגונג צו שפּילן אין קאָרטן — און דוקא פאר געלט. עס האָט געקאָנט זיין אַ גראָשן פאר עטלעכע קאָן — אַבי פאר געלט. און טאָמער איז אים גע־וואָרן גאָר ענג, איז ער גרייט געווען זיין פּארטנער צוצוזאָגן, אַבי ער זאָל דערנאָך האָבן די מעגלעכקייט די פּאָר גראָשן צוריק צו געווינען. ביים שפּילן פלעגט ער אָנווענדן די גרעבסטע און ראַפינירטסטע שווינד־לערייען, כּדי ארויסצוגיין פון שפּיל דער זיגער. ער האָט אונז פאר־מאַטערט מיט זיינע פאָרשלאָגן. נאָר דעם אמת געזאָגט, איז דאָס אונז מאַנכעסמאָל אויך געווען צום הארצן — מיר האָבן דאָך קיין ארבעט נישט געהאַט, דאָס שטענדיקע לייענען ביכלעך מיט אַ פּוסטן מאָגן איז אויך נישט אַלע מאָל מעגלעך — פלעגן מיר טאַקע נישט זעלטן מאַכן מיט אים אַן אָקע, אלס מיטל צו פארטרייבן דעם הונגער. דאָס מאָל איז אָבער די קאָרטן־שפּיל געווען נישט מער, ווי אַן אויסרייד... ער האָט אונז דערציילט, אַז אין דער מיל, וואו דער עלטערער זון זיינער אַר־בעט, בויט מען אַ נייע געביידע, וואו מיר וועלן אין גיכן קריגן ארבעט ביי ציגל טראָגן, און אַז דערוויל קענען מיר ביי אים באָרגן אַביסל געלט דורכצושטופּן דאָס שווערע שטיקל צייט. מיר האָבן פארשטאַנען זיין „שפּיצל" און זיך אָפּגעזאָגט אָנצונעמען די הלוואה. ער איז אריינ־

געפאַלן אין גרויס גרימצאָרן, געדראָט אונז, אַז ער וועט אונז אַרויס־טרייבן פון דער דירה — ער קאָן נישט צוזען, ווי מיר גייען אויס פאַר זיינע אויגן, אַז נאָר ליטוואַקעס זענען אַזעלכע און נאָך און נאָך. עס האָט גאָר נישט געהאָלפן און מיר זענען געבליבן ווייטער ליגן אויף אונזערע געלעגערס.

פאַרנאַכט צו קלאַפּט מען ווידער אין טיר און נאָך איידער מיר האָבן באַוויזן זיך אָפּצורופן, איז אין צימער אַריינגעקומען אַ יונגער־מאַן, וועלכן מיר פלעגן אָפט טרעפן אויף די טרעפ, וואו מיר האָבן גע־וואוינט. ער האָט זיך פאַרלעגן אַרומגעקוקט און אָנגעהויבן עפּעס שטאַמלען. פון זיינע רייד האָבן מיר צום סוף פאַרשטאַנען, אַז אים האָבן געשיקט די אַרבעטער פון דער גרויסער איינבינדעריי, וואָס גע־פינט זיך אויפן העכערן שטאָק, אונז זאָגן, אַז ס'איז זייער גראָב פון אונזער זייט וואָס מיר האָבן זיך אין אַזאַ שווערער צייט צו זיי נישט געווענדעט און אַז די אַרבעטער שיקן אונז אַ קליינע שטיצע ביז מיר וועלן קריגן אַרבעט. מיר זענען געווען אויסער זיך: מיר האָבן פּראָ־טעסטירט וואָס מ'ליינגט אונז פאַר אַזאַ זאַך. „מיר בעטן נישט קיין צדקה" — האָבן מיר געשריגן און פאַרלאַנגט ער זאָל אונז לאָזן צורו. ער איז געוואָרן צעטומלט און געבליבן שטיין אין מיטן צימער, נישט געפינענדיק קיין ווערטער אונז צו ענטפערן. פּלוצלינג האָט ער אַרויס־געכאַפּט די האַנט פון קעשענע, האָט אַ וואָרף געטון אויפן טיש אַ הויפן קופּערנע מטבעות, און אַרויסגעלאָפן פון צימער. אייניקע מטבעות האָבן זיך אַראָפּגעקייקלט פון טיש, האָבן זיך משונה לאַנג געדרייט איבערן צימער און זיך איינציקווייז מיט פאַרשידענע קלאַנגען אויסגע־ליינגט אין די ווינקלען. אין צימער איז געוואָרן מאָדנע שטיל. עס איז צוגעפאַלן די נאַכט. פון קליינעם פענסטערל האָט זיך אַ בלייכע שיין געלייגט אויף דער פּאָדלאָגע און וואו־נישט־וואו באַשימערט אַ שאַרפן קאַנט פון אַ קופּערנעם צענער. דערשיטערט און פאַרשעמט זענען מיר געבליבן ליגן אויף אונזערע געלעגערס און מורא געהאַט צו קוקן איי־נער אויפן צווייטן. מיר האָבן לאַנג נישט אַרויסגעבראַכט קיין וואָרט, ביז אונזערע נערוון האָבן נישט אויסגעהאַלטן, און מיר האָבן זיך צע־וויינט, ווי קליינע קינדער, וועמען ס'איז געשען אַ גרויסע עולה.

ס'איז מיר שווער איצט איבערצוגעבן מיין דעמאָלטיקן צושטאַנד, אָבער נישט געקוקט אויף אונזער באַליידיקטן שטאָלץ האָבן מיר דאָך מיט די אָפּגעשוואַכטע פינגער פון הונגער ציטערנדיקע הענט אויפגע־קליבן די קופּערנע מטבעות און געקויפט ברויט מיט טיי — אונזער

זעלטענע שפּייז אין פאַרלויף פון וואָכן. מיר האָבן אויך געקויפט נאַפט און אָנגעצונדן דאָס לעמפּל וואָס מיר האָבן שוין לאַנג נישט באַנוצט. עס האָט אָבער לאַנג נישט געברענט, ווייל מיר האָבן, נישט אויסרעדנ־דיק איינער צום צווייטן קיין וואָרט, באַלד זיך געלייגט שלאָפן.

אין איינעם אַ פרימאָרגן האָבן מיר אומדערוואַרט באַקומען צו־געשיקט (דאַכט זיך, דורך דער טראַנספּאָרט־געזעלשאַפט „ראָסיאַ") אַ גרויסן קויש מיט ליטעראַטור: יידישע און רוסישע בראָשורן. דער עולם האָט זיך דערפון גיך דערוואוסט. מ'האָט אויף אונז אָנגעהויבן קוקן מיט גרעסערן רעספּעקט. די יידישע בראָשורן האָבן געמאַכט אַ רושם, אַרויסגערופן אַ סענסאַציע און עס איז געוואָרן... גרינגער צו הונגערן. האָבנדיק אַזאַ וויכטיקן פאַקטאָר, האָבן מיר באַשלאָסן צו פּראָקלאַמירן די גרינדונג פון אַ בונדישער אָרגאַניזאַציע אין יעקאַטערינאָסלאַוו. איי־נער אַ גראַווירן־אַרבעטער, אַן אָנהענגער פון פּראָלעטאַרישן ציוניזם (וואָס פאַר אַ נאָמען דער פּראָלעטאַרישער ציוניזם האָט דאַן געטראָגן, געדענק איך נישט גענוי), האָט אונז געמאַכט אַ יידישן און רוסישן שטעמפּל, — מיט וועלכן מיר האָבן אָפּגעשטעמפּלט אַלע אונזערע בראָשורן. אַזוי אַרום האָבן מיר וועגן זיך געגעבן צו וויסן דער וועלט.

געווען זענען מיר — איך געדענק גענוי — 26 אַרבעטער פון פאַרשידענע פאַכן. מיר האָבן אויסגעבילדעט צוויי קרייזן, צו 13 מאַן, און איך מיט מיכלען זענען געווען די פּראָפּאַגאַנדיסטן. עס איז שוין געווען פּורים־צייט, דער עולם האָט ביסלעכווייז געקריגן אַרבעט. מיכל האָט אויך געקריגן אַרבעט — טאַקע אין דער אויבנדערמאָנטער מיל, אָבער נישט ביי ציגל־טראָגן, נאָר ביי סטאָלערײַ־אַרבעט. פון די ער־שטע פאַרדינסטן האָבן מיר געקויפט נאָך אַ פּאָר גענוצטע שיך, און איך האָב זיך אויך אַרויסגעלאָזט אין די גאַסן זוכן אַרבעט, וואָס איך האָב טאַקע גיך געקריגן. עס איז געוואָרן לעבעדיקער און פריילעכער אויפן האַרצן, און מיר פלעגן זיך מיט די איבעריקע חברים טרעפן רעגולער. איך האָב באַדאַרפט זיין צופרידן, אָבער די אַרבעט מיינע ביי מיין באַלעבאָס האָט מיר פאַרביטערט דאָס לעבן.

דאָס איז געווען אַ ייד אַ קליין מייסטערל, וואָס האָט זיך באַשעפ־טיקט מיט „פּאָטשינקעס" — פאַרריכטן אַלטע מעבל. פאַר יום־טוב האָט מען אים צוזאַמענגעבראַכט אַ פולן וואַרשטאַט מיט אַלטע געלע־כערטע קאָמאָדן, פאַרפוילטע בעטן אָנגעפּראָפּט מיט וואַנצן, הינקענ־דיקע טישן, אויסגעדרייטע שטולן און צעפאַלענע עטאַזשערקעס, וואָס

מ'האָט געדאַרפט פאַרריכטן און איבערלאַקירן מיט שוואַרצן אָדער רויטן פעטערבורגער לאַק. איך האָב ליב געהאַט מיין אַרבעט, נאָר די־דאָזיקע „פּאַטשינקעס" האָבן באַליידיקט מיין פאַך־ווירדע. דאָס וואָלט נאָך אָבער געווען צו דערליידן, בפרט נאָך אַזאַ הונגער־ווינטער. איז אָבער סיי דער באַלעבאָס און סיי די באַלעבאָסטע געווען מיר אַזוי אָפּ־שטויסנדיק, אַז איך פלעג אַוועקגיין פון דער אַרבעט פּשוט אַ דערשלאָ־גענער.

געאַרבעט האָב איך 12 שעה אַ טאָג — פון 8 ביז 8 — פאַר דריי מיט־אַ האַלבן רובל אַ וואָך. אין וואַרשטאַט איז געווען ברודיק און פינסטער. אַ גאַנצן טאָג האָט געברענט און גערויכערט אַ נאַפט־לעמפּל. קליי פלעגט מען וואַרעמען אויף אַ נאַפט־מאַשינקע מיט 2 רויכערנדי־קע קנויטן. אין וואַרשטאַט איז שטענדיק געשטאַנען אַ געשטאַנק פון נאַפט און קנאָבל, וואָס די באַלעבאָסטע פלעגט באַנוצן צום געקעכץ אין היפּשע דאָזעס. דער באַלעבאָס איז אַ גאַנצן טאָג געשטאַנען אי־בערן קאַרק און פּשוט געריסן די אַרבעט פון די הענט. איז דער באַלע־באָס אַרויסגעגאַנגען, האָט אים גלייך פאַרטראָטן די באַלעבאָסטע. זי האָט זיך אין אַלץ אַריינגעמישט, געגעבן עצות נישט געשטויגן נישט געפלויגן. טאָמער האָט זי שוין גאָרנישט געהאַט אין וואָס זיך אַריינ־צומישן, פלעגט זי זיך אַוועקזעצן נעבן וואַרשטאַט אונטערשפּאַרן מיט פינגער די באַק און נאָכקוקן יעדע באַוועגונג מיינע. עס איז מיר אַלץ געפאַלן פון די הענט, און איך פלעג דערביי אויסשטיין אמתע ענוים.

חוץ מיר האָט נאָך דאָרט געאַרבעט אויף אַ טערמין אַ יינגל — אַ האַלב־דעגענערירט נפש, און אַן עלטערער קריסט, אַ שיכור, וועמען דער באַלעבאָס און באַלעבאָסטע פלעגן באַשווינדלען אין געלט־חשבונות אויף דעם געמיינסטן אופן. זיי האָבן דאָס געמאַכט אָפן, זיך גאָרנישט געהיט פאַר מיר און נאָך אָנגעקוואָלן פון זייערע שיינע שפּיצ־לעך. דער אַרבעטער פלעגט זיי זידלען מיט די גרעבסטע ווערטער, אָפּט כאַפּן אַ שטיק האָלץ און זיך וואַרפן מיט רציחה שלאָגן, נישט זעלטן טאַקע מכבד זיין אויך, זיי האָט זיך אָבער איינגעגעבן אים איינצושטילן מיט אַ גרויס קעלישעקל בראָנפן, וואָס זיי פלעגן פון זיינעטוועגן שטענ־דיק האָבן גרייט. אַ געוויסע צייט האָט ער ווידער רואיק געאַרבעט, ווי אַן אייזל, ביז ס'פלעגט זיך ווידער איבערחזרן דאָס אייגענע. כ'האָב אָבער געמוזט אויסהאַלטן. בלייבן אָן אַרבעט האָט געשראָקן, בפרט אַז די אַרבעט פון די קרייזן האָט אויך געפאָדערט קליינע אויסגאַבן, וואָס אונז פלעגט אויסקומען טיילווייז צו דעקן פון אונזערע פאַרדינסטן.

מיר האָבן באַשלאָסן דערווייל נישט צו פאַרגרעסערן די צאָל מיט־גלידער פון די קרייזן — מיר האָבן געוואָלט פריער זיי ווי געהעריק צוגרייטן, אויסאַרבעטן אַגיטאַטאָרן, וואָס זאָלן אונז שפּעטער העלפן.

עס איז מיר איצט שווער צו רעסטאַווירן אין געדאַנק וואָס מיר האָבן געטון אויף די קרייזן. איך געדענק נאָר, אַז איך מיט מיכלען פלעגן פריער צוגרייטן געשריבענע טעמעס וואָס זענען דאָרט באַהאַנדלט געוואָרן. די קרייזן פלעגן פאָרקומען ביי די עלטערן פון אַן אָרבעטערין — אַ באַקאַנטע פון אָנגערופענעם ליאָווקע „שאַפּאָטשניק". פאַר דער דירה האָבן מיר יעדעס מאָל געצאָלט אַ געוויסע סומע, וואָס מיר פלעגן טיילווייז דעקן פון 5־קאָפּעדיקן פּאַרטיי־אָפּצאָל און טיילווייז פון אונזערע פאַרדינסטן. די קרייזן זענען פאָרגעקומען רעגולער 2 מאָל אַ וואָך, ביז איינמאָל אַ מיטוואָך, ווען איך האָב געהאַלטן אין מיטן רעדן אויף מיין קרייז, איז אַריינגעקומען פּאָליציי.

איך האָב געשווינד אַריינגערוקט דעם געשריבענעם קאָנספּעקט אין אַרבל און זיך געשטעלט אין דער רייע מיט די איבעריקע, ווען פּאָליציי און זשאַנדאַרמען האָבן אָנגעהויבן צו באַזוכן. מען האָט ביי קיינעם גאָרנישט געפונען. ביי מיר אויך נישט, נאָר ווען דער זשאַנדאַרם, וואָס האָט מיך באַזוכט, האָט מיך אָנגענומען פאַרן האַנט און געוואָלט אָפּרוקן צו די שוין באַזוכטע, האָט אונטער זיינע פינגער אַ קנאַק געטון דאָס פּאַפּיר און אַזוי אַרום מיך פאַרראַטן. דער קאָנספּעקט איז געווען געשריבן אויף יידיש, פון דעסטוועגן האָט ער מיך אָפּגעזונדערט פון די איבעריקע, פאַרשריבן מיין נאָמען, און אָנגעהויבן אַלעמען פונדאַסניי באַזוכן. נאָכן באַזוכן האָט מען אונז, ווי דער שטייגער איז, אַוועקגעפירט אין אַרעסט־הויז, אויפן וועג האָבן מיר צוגעטראַכט פאַר אונזער צוזאַמענקונפט עפּעס אַ נאַאיווען תירוץ, ביי וועלכן מיר האָבן זיך געזאָלט האַלטן אויפן פאַרהער. דער פאַרהער איז אָבער געווען זייער אַן אויבערפלעכלעכער. וועגן קאָנספּעקט האָט מען מיך אינגאַנצן נישט געפרעגט און אין אַ 10—12 טעג אַרום האָט מען אונז אַלעמען באַפרייט.

אין שטאָט האָב איך שוין מיכלען נישט געפונען. ער איז, ריכטנדיק זיך אַז פּאָליציי וועט קומען אויף דער וואוינונג, צו דער צייט אַוועקגעפאָרן. איצט פאַרשטיי איך, אַז די גלייכסטע זאַך וואָלט געווען, ווען איך פאַרלאָז באַלד די שטאָט. אָבער דעמאָלט האָב איך נאָך אין אַזעלכע זאַכן נישט געהאַט קיין דערפאַרונג און נישט פאַרשטאַנען,

אַז דאָס באַפרייען אונז אַזוי שנעל איז געווען בלויז אַ שפּיצל מצד דער זשאַנדאַרמעריע.

פאַר דער אַרטיקער זשאַנדאַרמעריע איז דער יידישער קאָנספּעקט, וועלכן זי האָט בלי ספק געלאָזט איבערזעצן, — געווען אַ נייעס. זי האָט זיכער פאַרשטאַנען, אַז דאָ וואַקסט אַ באַוועגונג, מיט וועלכער זי איז ביז איצט נישט געווען באַקאַנט. זי האָט, אפנים, געמיינט, אַז די פאַרהאַלטענע גרופּע איז בלויז אַן אָפּצווייג פון אַ גרעסערער אָרגאַניזאַציע, וואָס זי האָט געוואָלט דורך אונזער זיין אויף דער פריי אויסשפּירן. אָבער ווי געזאָגט, האָב איך דעמאָלט דאָס נישט פאַרשטאַנען און גערעכנט, אַז די אַרטיקע זשאַנדאַרמעריע ווייסט נישט „ווער עס האָט זי געשלייערט".

אַ טייל פון מיין גרופּע האָט זיך גלייך אָפּגעטרייסלט פון דער אָרגאַניזאַציע. דער פאַרבליבענער טייל איז דאַקעגן געוואָרן אַזוי ווי פאַרביסן. כ'האָב אָפּגעזוכט די רעשטלעך פון מיכלס גרופּע, צווישן וועלכע איך האָב געטראָפן אַן אומבאַקאַנטן אינטעליגענט, מיט אַ בלאַס פּנים און אַ געדיכט באַוואָקסן שוואַרץ בערדל. ער איז מיר פון ערשטן בליק זייער געפעלן געוואָרן און איך ווייס נישט פאַר וואָס מיר איז גאָרנישט איינגעפאַלן צו פרעגן, ווי אַזוי ער איז צו אונז געקומען. ער האָט זיך אינטערעסירט מיט אונזער אַרבעט און האָט מיר שטאַרק צוגעהאָלפן ווייטער צוזאַמענצושטעלן די רעשטלעך פון דער צעפאַלענער יונגער אָרגאַניזאַציע. קיין קרייזן האָבן מיר פאַרלויפיק נישט געפירט, ווייל די איינציקע דירה, וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט, האָבן מיר צוליבן אַרעסט פאַרלוירן. מיר האָבן זיך אָבער גאַנץ רעגולער געטראָפן אין טיי־הייזער און אין אַנדערע אָפּגערעדטע ערטער, וואו מיר פלעגן אָפּנעמען די געלייענטע און פאַרטיילן די נאָך נישט געלייענטע בראָשורן. ווי אַזוי עס זענען אָפּגעהיט געוואָרן די בראָשורן בעת מיין אַרעסט, איז מיר אויך נישט איינגעפאַלן צו פרעגן — אַבי זיי זענען געווען.

דערווייל האָט זיך אָנגערוקט דער ערב מאַי פון 1904. עס איז געווען דער צווייטער יאָרצייט נאָך לעקערטס טויט, און איך מיטן אינטעליגענט (איך געדענק נישט זיין נאָמען) האָבן באַשלאָסן אין נאָמען פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע אין יעקאַטערינאָסלאַוו אַרויסצוגעבן אַ העקטאָגראַפירטע פּראָקלאַמאַציע אויף יידיש און רוסיש. ווי אַזוי און ביי וועמען און ווער עס האָט געקריגן דעם העקטאָגראַף, געדענק איך נישט. איך האָב אָנגעשריבן דעם טעקסט אין יידיש און דער אינטע־

ליגענט האָט אים איבערגעזעצט אויף רוסיש. דעם יידישן טעקסט האָב איך אָנגעשריבן מיט אַ דייטלעכער און שיינער האַנטשריפט און דעם רוסישן טעקסט האָט ער געמאַכט מיט געדרוקטע געצירטע בוכשטאַבן. געאַרבעט האָבן מיר אויף דעם אַ גאַנצע נאַכט אין דער דירה פון איי־נער אַן אַקושערקע אָדער אַ דענטיסטין. ווי אַזוי מיר זענען צו איר גע־קומען, געדענק איך אויך נישט. איך געדענק נאָר, אַז זי האָט אונז גע־האָלפן אַרבעטן און אַז די פּראָקלאַמאַציעס זענען אַרויסגעקומען זייער שיין (און אפשר האָט זיך מיר עס דאַן אַזוי געדאַכט). אַ זייגער 6 פרי זענען געקומען 2 חברים און האָבן די בלעטלעך אַוועקגעטראָגן אויף אַ באַשטימטן אָרט, וואו מ׳האָט זיי געדאַרפט צעטיילן און פאַר־שפּרייטן. דעם העקטאָגראַף, וואָס מיר האָבן נאָך געוואָלט אויסנוצן אין דער צוקונפט, האָבן מיר געוואָלט איבערלאָזן ביי דער, ביי וועל־כער מיר האָבן די נאַכט געאַרבעט, אָבער זי איז אויף דעם בשום אופן נישט איינגעגאַנגען. בלית ברירה האָב איך באַשטימט דעם העקטאָ־גראַף נעמען צו זיך. עס איז שוין געווען גרויסער טאָג און ס׳האָט נישט געדראָט קיין שום געפאַר צו טראָגן איבער דער גאַס אַ קליין פּעקעלע איינגעוויקלט אין פּאַפּיר. געקומען בשלום אַ היים, ערשט פון אַ צווייטן צימער האָבן זיך אַרויסגערוקט 2 פּאָליציי־לייט, וואָס האָבן אויף מיר געוואַרט פון האַלבער נאַכט אָן און מיך צוזאַמען מיט מיין פּעקל פאַרנומען אין „אוטשאַסטאָק״.

אויפן וועג האָב איך ערשט פאַרשטאַנען, אַז איצט וועל איך זיך שוין אַזוי לייכט נישט אַרויסדרייען. דער וועג צום „אוטשאַסטאָק״ איז געווען אַ ווייטער און איך האָב אַלץ געזוכט עצות, ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון העקטאָגראַף. מיר זענען פאַרבייגעגאַנגען אַ גרויסן גאָרטן פאַרצוימט מיט אַ הויכן הילצערנעם פּאַרקן. כ׳האָב מיט אַלע כחות אַ וואָרף געטון דעם העקטאָגראַף איבערן פּאַרקאַן און זיך געלאָזט לויפן. מיין אויסרעכנונג איז געווען נישט צו אַנטלויפן. כ׳האָב בלויז געהאָפט, אַז פאַר דער צייט איידער מ׳וועט מיך כאַפּן, וועט זיך ווער אָנשטויסן צוצונעמען דעם העקטאָגראַף און עס וועט אַזוי אַרום נישט זיין קעגן מיר קיין „זאַכלעכע באַווייזן״. בעתן לויפן האָב איך געפילט, אַז די צוויי באַוואָרנטע פּאָליציייסקע קענען מיך נישט אָניאָגן און שטייען אַלץ ווייטער פון מיר אָפּ. זיי האָבן אָבער אויפגעהויבן אַ הילכיקע פייפעריי, און מ׳האָט זיך אַרויסגעלאָזט פון אַ סך הויפן מיך נאָכיאָגן. פיל האָבן מיר פאַרצוימט דעם וועג, אָבער איך בין געווען יונג, געשיקט אין לויפן — פלעג איך זיך קונציק אַרויסדרייען. דאָ איז אָבער צום אומ־

גליק אָנגעפאָרן אַ גרופּע פּורמאַנעס, וועלכע האָבן זיך אויסגעשטעלט אין דער ברייט גאַס, אָפּגעשניטן מיר דעם וועג און מיך פאַרהאַלטן. די פּאָליציייסקע זענען אונטערגעקומען אינגאַנצן באַדעקט מיט שווייס, און איך האָב אויך קוים געאָטעמט. ארומגערינגלט פון אַן עולם מענטשן, האָבן מיך די פּאָליציייסקע געפירט צוריק צום גאָרטן, אויפגעזוכט דעם העקטאָגראַף, און אונטער די זידלערייען פון גאַסן־עולם, וואָס האָט געמיינט, אַז מ'האָט געכאַפּט אַ גנב, וואָס האָט אַוועקגעוואָרפן אַ געגנבעט פּעקל, האָט מען מיך אָפּגעפירט אין „אוטשאַסטאָק". די פּאָליציייסקע האָבן דערציילט דעם פּריסטאַוו (קאָמיסאַר) וועגן מיין פּרואוו צו אַנטלויפן. דער פּריסטאַוו איז געוואָרן אויפגעקאָכט און האָט מיר געגעבן אַזאַ פּאַטש, אַז עס איז מיר פינסטער געוואָרן אין די אויגן. כ'האָב אויפגעהויבן אַ געשריי, אַז מען דערהרגעט אַ מענטשן און דער פּריסטאַוו האָט מיך אָפּגעלאָזט. אַ גאַנצן טאָג האָט מען מיך אָן עסן געהאַלטן און ביינאַכט אָפּגעפירט אין טורמע.

אין קאַמער האָב איך שוין געטראָפן זיצן אַ יידישן אַרבעטער, וועלכער האָט געהערט צו דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. ס'איז געווען פינסטער. דאָס געזיכט פון מיין שכן האָב איך נישט געזען, כ'האָב געפילט אַ מאָדנע נאָענטקייט צו דעם דאָזיקן מענטשן, וועמען איך האָב לגמרי נישט געקענט. מיר האָבן פאַרפירט אַ שמועס, אויסגעפרעגט זיך וועגן די אומשטענדן פון אונזער אַרעסט א. ד. גל. פון די ערשטע פאָר פראַגן האָט זיך מיר צעגאָסן אַ וואַרימקייט איבער דער נשמה, און איך האָב צו דעם דאָזיקן מענטשן געפילט אַן אומבאַגרענעצטן צוטרוי. כ'האָב אים אויסדערציילט אַלע מיינע פאַרבאָרגענע געפילן, וואָס זענען מיר אַליין נאָך נישט געווען אינגאַנצן קלאָר: כ'האָב אים דערציילט וועגן מיינע געפילן צו אַ מיידל, וועמען איך האָב אין הארצן געשוואוירן אייביקע טרייהייט, און אַז די דאָזיקע געפילן וועל איך פאַר איר קיינמאָל נישט ארויסזאָגן, ווייל איך בין נישט ווערט איר אָטעם־הויך, און אַז איבערהויפּט טאָר זיך אַ רעוואָלוציאָנער נישט אָפּגעבן מיט זיינע פערזענלעכע געפילן. כ'האָב אים פאַרטרויט, אַז איך לעב אויף אַ פרעמדן פּאַס וואָס אַ חבר האָט מיר געגעבן פאַר זיין אָפּפאָרן קיין אַמעריקע און וועגן נאָך און נאָך זאַכן, וואָס איך וואָלט ביי נאָרמאַלע באַדינגונגען בשום אופן נישט ארויסגעבראַכט אויף די ליפּן.

מיט יאָרן שפּעטער האָב איך פון אַלטע דערפאַרענע טורמע־זיצער דערוואוסט זיך, אַז די דאָזיקע פּלוצימדיקע, אויפריכטיקע אָפנהאַרציקייט איז אַ פאַרשפּרייטע פּסיכאָלאָגישע דערשיינונג ביי אַ סך יונ־

גע רעוואָלוציאָנערן, וואָס פאַלן צום ערשטן מאָל אריין אין טורמע. איך האָב דאַן, פארשטייט זיך, וועגן דעם נישט געוואוסט, און מיר האָט זיך געדאכט, אז דער דאָזיקער מענטש וועט זיין מיין בעסטער פריינט אויפן גאנצן לעבן. שפּעטער אָבער איז ער געוואָרן מיין פייניקער אין פארלויף פון א סך, א סך וואָכן.

בכלל איז ער געווען אן אָרנטלעכער שניידער־ארבעטער און אויף וויפל איך קאָן היינט אורטיילן וועגן יענער צייט — א גאַנץ אַנטוויקל־טער. ער האָט אָבער געהאט אזא שרעקלעך גרילצנדיקע שטים מיט אזא הארטן לשון, וואָס פלעגט פּשוט רייסן די אויערן, ווען ער האָט גערעדט. און גערעדט האָט ער אָן אויפהער. חוץ דעם פלעגט ער ביים רעדן שטענדיק שמייכלען. צי ער האָט גערעדט וועגן פריילעכע אָדער וועגן טרויעריקע זאכן — האָט זיין פּנים שטענדיק געהאט דעם זעלבן אויסדרוק פון א מענטשלעכן שארבן. איך פלעג זיך אָפּט ביי אים איינ־בעטן ער זאָל א ווילע שווייגן, אָבער אין א פּאָר מינוט ארום האָט ער שוין געהאט א נייע טעמע וועגן וואָס צו רעדן. דאָס פּנים האָט ווי־דער געלאכט און זיינע אויסגעשצירעטע ציין פלעגן מיך אויפרעגן ביז משוגעת. נאָר מענטשן, וואָס זענען געזעסן אין טורמע און האָבן אליין אדורכגעמאכט אזא צוזאמענלעבן מיט נישט קיין אָנגענעמע שכנים, קאָנען פארשטיין מיינע דעמאָלטיקע ליידן.

אין עטלעכע וואָכן ארום האָט מען אים איבערגעפירט אין אַן אַנדערע טורמע, און צו מיר אין קאמער האָט מען אריינגעזעצט א צווייטן יידישן בחור פון א יאָר צוויי־דריי און צוואנציק. דאָס איז געווען א דארער, קליינגעוויקסיקער האלבער עקסטערן, וואָס האָט גע־רעדט רוסיש מיט עפּעס אזא ספּעציפישן ניגון, וואָס מען טרעפט נאָר אין דרום־רוסלאַנד. צו וואָס פאר א פּארטיי ער האָט געהערט האָב איך בשום אופן נישט געקאָנט דערגיין; דאָס האָט געמוזט זיין עפּעס א מין אנארכיסטישע גרופּע. וועגן דער סיבה פון זיין ארעסט האָב איך אויך קיין טאָלק נישט געקאָנט דערגיין. ער איז אין טורמע שוין געווען אן אַלטער תושב, געזעסן שוין אין פארשידענע קאמערן, און ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוואוסט, מיט אַלעמען זיך ארומגעשלאָגן פאר אן איבעריק שטיקל צוקער, אָדער אביסל טאבאַק. דאָס איז געווען א בייזער, נעווראסטעניש־קראַנקער מענטש — פול מיט גיפט קעגן אַלץ און אַלעמען. ער האָט ווייניק גערעדט, פלעגט א גאַנצן טאָג ארומ־גיין איבער דער קאמער און רויכערן געוויקלטע פּאפּיראָסן. נאָכן גרילצן פון מיין פריערדיקן שכן, איז ער מיר די ערשטע טעג געווען ווי א דער־

לייזער. ער האָט אָבער געהאַט אַ טבע צו שפּייען אויף דער פּאָדלאָגע. דער מענטש האָט נישט געטון קיין דריי טריט, ער זאָל נישט מאַכן אויף דער פּאָדלאָגע אַ ברייטן, פעטן פלעק, וואָס פלעגט אַרויסרופן אַן איבל.

איך בין יענע יאָרן אויך נישט געווען קיין גרויסער פּעדאַנט אין הלכות שפּייען אויף דער פּאָדלאָגע — דערצויגן ביי אָרעמע עלטערן, אין אַן אומקולטורעלער סביבה, האָב איך אויף אַזעלכע „קלייניקייטן" קיין אַכט נישט געלייגט, אָבער פּאָרט האָט די באַשפּיגענע פּאָדלאָגע אַרויסגערופן ביי מיר אַן עקל ביז צום ברעכן.

ווען איך וואָלט פריי געקאָנט רעדן אויף רוסיש, וואָלט איך זיכער געבעטן דעם נאַטשאַלניק פון טורמע ער זאָל מיך זעצן מיט אַן אַנדערן, הגם דאָס האָט זיך גערעכנט פאַר נישט מאָראַליש; אָבער מיין שלעכטער רוסיש רעדן האָט מיך פּאַרהיט פון דעם דאַזיקן „פאַר־ברעכן".

צום גליק האָט דאָס סיי ווי לאַנג נישט אָנגעהאַלטן און איך בין אויף אַ לענגערע צייט געבליבן זיצן אַליין אין קאַמער.

עס איז געווען זומער־צייט, די פענסטער פון אַלע קאַמערן זענען געווען אָפן, אין קאַמער ביי מיר האָט זיך געהערט דאָס גערויש פון אַרומיקן טורמע־לעבן; מען האָט זיך געטיילט מיט אָנקומענדיקע נייעס פון דער פריי, ווער עס איז אַרעסטירט, וועמען מען האָט פאַרשיקט, און ווער עס איז אַנטלאָפן — נייעס, וואָס זענען אַזוי טייער דעם אַרעסטאַנט, ווייל דאָס שאַפט אַן אילוזיע, אַז מען איז נישט אינגאַנצן אָפּגעריסן פון דער אַרומיקער, לעבעדיקער וועלט. נאָר איך איינער האָב פון קיינעם נישט געקריגן קיין געהיימע בריוו, קיין איבערגע־שיקטע צעטלעך און קיין גרוסן פון דער פריי. מיט מיין אַרעסטירט ווערן בין איך געוואָרן אָפּגעריסן פון די פאַרבליבענע אין שטאָט, און זיי האָבן וועגן זיך נישט געגעבן קיין שום צייכן. איך האָב נישט גע־וואוסט, וואָס איז געוואָרן מיט דער פּראָקלאַמאַציע, מיט די איבעריקע חברים, מיטן אינטעליגענט און מיט דער גאַנצער אָרגאַניזאַציע. שרייבן צו מיינע עלטערן האָב איך נישט געקאָנט, ווייל איך האָב געלעבט נישט אויף מיין נאָמען; קיין נאָענטע, קיין גוטע פריינט זענען אין שטאָט נופא אויך נישט פאַרבליבן און איך האָב זיך געפילט פאַרשטויסן און פאַרלאָזן פון דער גאַנצער וועלט.

באַזונדערס שווער פלעגט זיין מיין מאָראַלישער צושטאַנד אין די טעג, ווען די אַרעסטירטע פלעגן קריגן „פּאָדאַיאַניעס" (צוגעשיקט

פון דער פריי שפּייז־פּראָדוקטן און וועש). דער טאָג איז באַזונדער טייער דעם ארעסטאַנט: מען פּילט היימישע ווארעמקייט, די ליבע פון די שטוביקע, פון פריינט און געליבטע. איך פּלעג יעדעס מאָל ווארטן מיט אָנגעשטרענגטע נערוון, טאָמער וועט מען אויך מיין נאָמען אָנ־רופן, אָבער עס זענען אַוועק וואָכן נאָך וואָכן — חדשים גאַנצע — און איך האָב פון קיינעם גאָרנישט נישט באַקומען.

עס האָבן זיך ביי מיר צעריסן די וועש, אָפּגעריסן די קליידער, די שיך. עס האָט מיך געקרענקט ביז וויטאָג, ווען איינמאָל האָט דער „סטאַרשי נאַדזיראַטעל" אַ קוק געטון אויף מיינע אָפּגעריסענע קליי־דער און מיט ביטול אַ זאָג געטון — „טאָזשע פּאָליטישעסקי"... (אויך אַ פּאָליטישער...). די פּאָליטישע ארעסטירטע פון די איבעריקע קאַ־מערן האָבן מיר אַפילו צוגעשיקט טיי, צוקער, ווורשט און אַנדערע פּראָדוקטן, און טאַקע אויך אַ פּאָר וועש מיט הויזן, אָבער איך האָב געהאַט דאָס געפיל, ווי איך קריג אַ נדבה, ווי איך וואָלט געווען אַ „נאַכלעבניק" (וואָס לעבט אויף יענעמס חשבון), און נישט זעלטן פּלעג איך שטילערהייט פאַרגיסן טרערן — טרערן פון אַ פאַרלאָזענעם. ערשט אין חדשים ארום נאָך מיין ארעסט האָט אַ דערבאַרעמדיקע האַנט אריינגעשיקט מיר אַ פונט צוקער מיט אַ פּאָר געניצטע וועש. ווער דאָס איז געווען, האָב איך זיך קיינמאָל נישט דערוואוסט. זאָל די האַנט געבענטשט זיין...

אין שכנות מיט מיין קאַמער איז אין „אָדינאָטשקע" (אַליין אין אַ קאַמער) געזעסן אַ יידישער אינטעליגענט, מיט אַ ברוין בערדל און גאָלדענע ברילן אויף אַ שנירל פאַרלייגט אויפן אויער. ער האָט גע־שטאַמט פון האָמעל, וואו עס איז שוין עטלעכע יאָר געווען אַ בונדישע אָרגאַניזאַציע. וועגן „בונד" האָט ער געוואוסט און האָט זיך נאָכגע־פרעגט אויף עטלעכע בונדאָווצעס. ער אַליין האָט אָבער געהערט צו די רוסלענדער ס"ד. ער האָט וואַרשיינלעך געהאַט אויף זיך אַן ערנסטן פּראָצעס, ווייל מען האָט אים אַלע מאָל געהאַלטן אין „אָדינאָטשקע", און די טורמע־אַדמיניסטראַציע האָט זיך צו אים באַצויגן מיט אַ באַ־זונדערער אויפמערקזאַמקייט.

גלייך נאָך מיין אָנקומען אין טורמע האָט דער דאָזיקער אינ־טעליגענט, דורכן פענסטער, מיך אויסגעפרעגט וועגן מיין ארעסט און געגעבן מיר אַן עצה — איך זאָל נישט ענטפערן אויף די פראַגן, וואָס די זשאַנדאַרמעריע וועט מיר שטעלן אויפן פאַרהער.

אין צוזאַמענהאַנג מיט זובאַטאָווס טאַקטיק, פלעגט זיך דער זשאַנדאַרמעריע דורך קונציק געשטעלטע פראַגן, אָפט איינגעבן צו דערגיין ביי ווייניק דערפאַרענע (און נישט נאָר ביי ווייניק דערפאַרע־נע) זאַכן, אין וועלכע זי האָט זיך געניוויטיקט און אַזוי אַרום אַריינ־ציען אין נעץ וואָס אַ גרעסערע צאָל רעוואָלוציאָנערן. הגם דאָס אָפּ־זאָגן זיך צו ענטפערן אויף די געשטעלטע פראַגן איז שוין אַליין געווען אַ גענוגנדער באַווייז, אַז דער אויסגעפרעגטער געהערט צו דער רע־וואָלוציאָנערער באַוועגונג, פון דעסטוועגן האָט מען זיך דערביי גע־האַלטן, ווייל סיי ווי סיי האָט די זשאַנדאַרמעריע געוואוסט וועגן אַרעסטירטן אַלץ, וואָס זי האָט געדאַרפט. און אַזוי ווי קיין עפנטלעכע פּאָליטישע פּראָצעסן פלעגן דאַן נישט פאָרקומען, האָבן די ענטפערס ממילא נישט געקאָנט שפּילן קיין ראָלע אין די אַדמיניסטראַטיווע אור־טיילן פון דער זשאַנדאַרמעריע.

די דאָזיקע טאַקטיק איז מיר זייער צונוץ געקומען: מען האָט מיך אויפן פאַרהער ווייניק געהאַלטן און מער ווי איין מאָל נישט גע־רופן. אויפן פאַרהער האָב איך צווישן די פּאַפּירן דערקענט דעם קאָנ־ספּעקט, וואָס מען האָט ביי מיר געפונען בעתן ערשטן אַרעסט, אָבער באַקומענדיק מיין קאַטעגאָרישע דערקלערונג, אַז איך וועל נישט ענט־פערן אויף קיינע פראַגן, האָט מען מיך וועגן קאָנספּעקט אפילו נישט געפרעגט. אַזוי אַרום בין איך פּטור געוואָרן פון דער אָפּקומעניש, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט די „דאָפּראָסן" ביי דער זשאַנדאַר־מעריע.

דער אויבנדערמאָנטער אינטעליגענט איז געווען צו מיר זייער אויפמערקזאַם: פלעגט מיט מיר פירן געשפּרעכן אויף פּאָליטישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע טעמעס, זיך אינטערעסירן מיטן געבוי פון אונזער פּאַרטיי און ד. גל. געשפּרעכן פלעגן ביי אונז פאָרקומען אויף יידיש. איינמאָל האָט ער מיך געפרעגט פאַר וואָס איך לערן זיך נישט קיין רוסיש. באַקומענדיק מיין ענטפער, אַז איך האָב נישט ווער עס זאָל מיך לערנען, האָט ער זיך פאָרגעלייגט אַלס לערער. כ'האָב זיך אי דערפרייט, אי דערשראָקן. דערפרייט וואָס ענדלעך וועל איך ווערן טאַקע אויף אַן אמת „באַוואוסטזיניק", און געשראָקן זיך פאַר דער שווערער אויפגאַבע וואָס איך נעם אויף זיך, אַ קלייניקייט די רוסישע שפּראַך!

געלערנט האָבן מיר אַ פאָר שעה אין טאָג, זיצנדיק יעדער אויף זיין פענסטער־ברעט. צוליב די קראַטעס האָבן מיר זען איינער דעם

צווייטן נישט געקאַנט, נאָר איך פֿלעג האָבן דעם איינדרוק, אַז זיין פּנים שמייכלט, ווען איך האָב אַ דערקלערונג גיך פאַרשטאַנען, און איך האָב דייטלעך געפילט, ווי ער מאַכט מיט דער האַנט ביים דער־קלערן עפּעס אַ האַרבן ענין. ווען פאַרנעם פון מיינע פאָרשריטן אין דאָזיקן לימוד איז מיר היינט שווער צו זאָגן. איך ווייס נאָר, אַז גע־לערנט האָב איך זיך מיט גרויס התמדה. דאָס לערנען האָט זיך געצויגן אַ היפּשע פּאָר וואָכן ביז אַ מעשה, ווען איינער אַ פּאָליטישער איז אויף אַ ווילד דרייסטן אופן אין מיטן העלן טאָג אַנטלאָפן פון טורמע. די טורמע־מאַכט האָט פאַרווערט צו זיצן אויף די פענסטער־ברעטער און געדראָט צו שיסן אין יעדן, ווער עס וועט זיך נאָר ווייזן אין פענסטער. מיר האָבן געפּרואווט פאָרטזעצן דאָס לערנען דורך קלאַפּן אין וואַנט, אָבער דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר צו שווער. האָב איך געמוזט אויפהערן מיין שטודיום. דערפאַר אָבער האָט מיך מיין לערער אָנגע־הויבן צו באַזאָרגן מיט ביכער פון דער טורמע־ביבליאָטעק און פון צוגעשיקטע פון דער שטאָט. אויב איך האָב נישט קיין טעות, איז דאָס ערשטע ביכל געווען „סטאַראָסוויעטסקיע פּאָמעשטשיקי״ פון רוסישן שרייבער גאָגאָל. איך האָב דאָס ביכל געלייענט עטלעכע מאָל, און יעדעס מאָל פלעג איך לאַכן ביז ווייטאָג אין בויך און אין די זייטן. איך פלעג זיך שטיקן אין זיך, ווייל איך האָב זיך געשראָקן פאַר מיין אייגענעם געלעכטער, וואָס האָט עפּעס אויף אַ שוידערלעכן אופן גע־קלונגען צווישן די פוסטע ווענט פון מיין איינצל־קאַמער. אַ צווייט בוך, וואָס האָט געלאָזן אויף מיר אַ געוואַלדיקן איינדרוק, איז געווען גאָר פון אַן אַנדער מין: דאָס איז געווען אַ בוך אָנגעשריבן פאַר דער סצענע פון רוסישן שרייבער סקיטאַלעץ (אָדער טשיריקאָוו), ווי דאָס בוך האָט געהייסן, געדענק איך נישט גענוי. די אַקס, אַרום וועלכער עס דרייט זיך די גאַנצע האַנדלונג פון דער פּיעסע, איז אַ דרוקעריי וואו עס קומט פאָר אַ שטרייק. איינער אַ העלד פון דער פּיעסע איז מיר געווען באַזונדערס צום האַרצן — דער העלד הייסט, דאַכט זיך „עזאָפ״. דאָס איז אַ קוואַליפיצירטער דרוקער־אַרבעטער, וועלכער שיט מיט וויצן און פאָלקס־ווערטלעך, רעדט מיט אַ לייכטן הומאָר און צווייידייטיקע אָנצוהערענישן. דאָס בוך איז אַרומגעגאַנגען אין טורמע, ווי אַ האַלב־לעגאַלעס, און מען האָט זיך געהיט עס זאָל נישט אַריינ־פאַלן צו דער אַדמיניסטראַציע. פון דער טורמע־ביבליאָטעק האָב איך געלייענט און געלייענט אָן אַ סוף די דעמאָלטיקע ביילאַגעס צום זשורנאַל „ניוואַ״, פון דעם רוסישן שרייבער ליעסקאָוו. דאָס זענען

געווען זייער שפּאַנענדע ראָמאַנען וואָס איך פלעג לייענען טעג און נעכט, פון וועלכע עס איז מיר אָבער אין זכרון נישט פאַרבליבן קיין זכר.

צו דער צייט האָט מען צו מיר אין קאַמער ווידער אַריינגעזעצט אַן אַרבעטער, אין אַ רויט העמדל. דאָס איז געווען אַ בחור פון וואָלין אָדער פון קיעוו (אַלנפאַלס נישט קיין ליטוואַק). אַ געזונטער בחור פון מיטעלן וואוקס, מיט לאַנגע, גלאַט־פאַרקעמטע, העל־ברוינע האָר, וואָס ער האָט זייער געהיט און געפּוצט. אַ פרייליכער יונג, מיט אַ גוטן חברישן כאַראַקטער. ער איז אויך געווען אָרעם אָנגעטון, האָט אויך פון דער פריי כּמעט ווי גאָרנישט באַקומען, און מיר האָבן זיך זייער באַפריינדעט. ער איז לויט מיינע דעמאָלטיקע באַגריפן געווען אַ גלענצנדער דעקלאַמאַטאָר. ער פלעגט דעקלאַמירן אין רוסיש פּאַטעטישע רעוואָלוציאָנערע געדיכטן, וואָס זענען נישט געווען אין טעגלעכן געברויך. איך האָב פון דעם געהאַט גרויס פאַרגעניגן און איך פלעג אים אָפט בעטן דעקלאַמירן מיינע באַליבטע פערזן. איך האָב געפּרובירט אים נאָכמאַכן, זיך לערנען פון אים, אָבער מיין ליטווישע צונג, מיינע שוואַכע דעקלאַמאַטאָרישע פעאיקייטן, האָבן מיר אין דעם געשטערט. איך האָב אים שטאַרק מקנא געווען.

נאָכן אַנטלויפן פונם פּאָליטישן אַרעסטאַנט זענען די באַציאונגען פון דער טורמע־אַדמיניסטראַציע געוואָרן פאַרערגערט. עס האָבן זיך אַלע מאָל געמאַכט סכסוכים, ביז איינמאָל אַ פרימאָרגן האָבן מיר דערהערט אַ שטאַרקן קלאַפּן אין אַ קאַמער פון אַ פּאָליטישן. גלייך האָבן זיך אָפּגערופן אַנדערע קאַמערן מיט אַ געקלאַפּעריי און מיר, נישט ווויסנדיק, וואָס איז פאָרגעקומען, האָבן אויך גענומען קלאַפּן אין טיר מיט אַלע כּחות. עס איז געוואָרן אַ גערודער אין דער גאַנצער טורמע. דער קרימינעלער קאָרפּוס האָט אָנגעהויבן שרייען, דער סאָלדאַטן־פּאַטרול האָט גענומען אַרומלויפן איבער די קאָרידאָרן, עס איז געקומען צו לויפן דער געהילף פון נאַטשאַלניק מיט די טורמע־וועכטער. עס האָבן שטאַרקער געקלאַפּט די טירן, עס האָבן זיך דערהערט פאַרצווייפלטע געשרייען פון געשלאָגענע, און די גאַנצע טורמע האָט אָנגעהויבן שרייען מיט ווילדע קולות: „מען ה־ר־ג־ע־ט!”. צוערשט זענען די קולות געווען כאַאָטיש, אָבער וואָס ווייטער האָבן זיך די געשרייען אַלץ מער צוזאַמענגעגאָסן אין איין ווילד־פאַרצווייפלט געשריי: „מען שלאָגט! מען שלאָגט!”. די געשרייען זענען געווען שרעקלעכע, אימהדיקע.

וואָס ארום טורמע האָט זיך געטון און וואָס פאַר אַן איינדרוק דאָס האָט געדאַרפט מאַכן אויף דעם עולם אין דרויסן, קאָן איך זיך בלויז פאָרשטעלן; אָבער אַז איך פלעג, כּדי זיך אַביסל אָפּצורוען, אויפהערן שרייען און זיך איינהערן אינם געשריי פון די איבעריקע, איז מיר אַ שוידער אריבער איבערן לייב און פאַר בלויזע שרעק האָב איך, ווי אין ספּאַזמען, ווידער אָנגעהויבן מיטשרייען: „מען שלאָגט!"

מיטאַמאָל האָט איינער, מיט אַ קול ווי פון אַ נישט דערקוילעטן אָקס, אויסגעשריגן: „דעם פּראָקוראָר!". די איבעריקע, ווי זיי וואָלטן אין דעם דערזען אַ זיכערע רעטונג, האָבן גלייך מיט אַלע כּחות אָנגע־הויבן שרייען נאָך העכער: „מען הרגעט! דעם פּראָקוראָר!" דערווייל, ביז וואָס־ווען, האָט מען אָנגעהויבן שלעפּן מיט געוואַלד אין קאַרצער. מענטשן האָבן זיך געווערט, געביסן די פינגער פון די וועכטער, אָבער עס האָט קיין זאַך נישט געהאָלפן.

אויך די טיר פון אונזער קאַמער האָט זיך מיט רעש אויפגע־עפנט, און אויפן שוועל האָט זיך באַוויזן אַ גרופּע טורמע־וועכטער מיט אויסגעקרימטע, בלאַסע געזיכטער, מיט דערשראָקענע און ווילדע אויגן. דער „סטאַרשי נאַדזיראַטעל" האָט אַ קאָמאַנדעווע געגעבן: „נעמען זיי!", און זיי האָבן זיך אויף אונז געוואָרפן. עס איז אונז באַ־פאַלן אַן אימה. מיר האָבן זיך אַריינגעפּרעסט אין טיפן ווינקל פון קאַ־מער און אָנגעהויבן שרייען מיט אַזאַ היסטעריש־ווילד געשריי, אַז די וועכטער האָבן זיך אינסטינקטיוו אָפּגערוקט צוריק. זיי האָבן זיך איין אויגנבליק איבערגעקוקט מיטן „סטאַרשי", און עס האָט זיך אָנגע־הויבן אַ ווילד געראַנגל. מיר האָבן זיך געוואָרפן אויף דער פּאָדלאָגע, אָנגעכאַפּט זיך אָן דעם צו דער וואַנט צוגעשמידטן בעטל, געבריקעט זיך און געקלאַפּט מיט די פיס, אָבער דאָס האָט לאַנג נישט געדויערט, און מען האָט אונז געבונדערנערהייט איבערגעטראָגן אין קאַר־צער.

קאַרצער! — דאָס שרעק־וואָרט פאַר דרייסטע פון אַלע צייטן און דורות, זינט עס האָט זיך אָנגעהויבן די מלחמה צווישן האַר און קנעכט. אָט דער בייזער גייסט האָט אויף מיר דעם ערשטן מאָמענט גאָרנישט געמאַכט אַזאַ איינדרוק, ווי איך האָב מיר פאָרגעשטעלט. נאָכדעם ווי די טיר האָט זיך פאַרשלאָסן און ס'איז געוואָרן אַבסאָלוט פינסטער, האָב איך זיך דערפילט, ווי עס וואָלט מיר גרינגער געוואָרן נאָך די לעצטע אָנשטרענגונגען — דאָס ערגסטע בין איך שוין איבער־

געקומען. איך בין מיט מיין חבר געבליבן זיצן אויף דער שטיינערנער פּאָדלאָגע אויסגעמאַטערט, אָבער אַזוי ווי באַרואיקט.

אַזוי זענען מיר געזעסן אַ קורצע צייט, ביז איך האָב דערפילט אַ נאַסע קעלט אין די גלידער, און עס האָט מיך אָנגעהויבן שווידערן. די טיר האָט זיך ווידער געעפנט און צוויי קרימינעלע אַרעסטאַנטן האָבן אַריינגעטראָגן וואַסער מיט שוואַרץ ברויט און די באַוואוסטע „פּאַראַשע". ביים אַרויסגיין האָט איין קרימינעלער, היטנדיק זיך פאַרן וועכטער, מיר אַריינגעשטופּט נאָך אַ שטיק ברויט, און די טיר האָט זיך ווידער פאַרהאַקט. דאָס איינגענע איז געווען דעם צווייטן טאָג. דאָס ברויט איז אונז טאַקע צונוץ געקומען, ווייל מיר זענען געווען הונגעריק, ווי מיר וואָלטן שוין דריי טאָג נישט געגעסן. דעם דריטן טאָג האָט זיך לגמרי נישט געוואָלט עסן און דער געזעצלעכער „פּאַיאָק" איז אויך געבליבן. שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז די אַרעסטאַנטן ווייסן פון דעם קרענקלעכן אַפּעטיט, פון וועלכן מען ליידט די ערשטע טעג אין קאַרצער, און זיי מיען זיך אַלע מאָל צוצואוואַרפן וואָס מער ברויט פאַר די פאַרשפּאַרטע.

אין די ווינקלען פון דער הויפּט־געביידע פון דער יעקאַטערינאָסלאַווער טורמע זענען געווען פיר הויכע רונדע טורעמס, אין וועלכע עס האָבן זיך געפונען אַ טייל איינצל־קאַמערן פאַר פּאָליטישע. אונטער זיי, טיף אין דער ערד, האָבן זיך געפונען די פיר קאַרצערס, אין וועלכע מען האָט אונז אַריינגעוואָרפן נאָכן „בונט" (די סיבה פונם פּראָטעסט געדענק איך שוין נישט). די קאַרצערס זענען געווען אָפּגעצוימט מיט נידעריקע געוועלבטע קאָרידאָרן, וואָס זענען געווען געבויט אַזוי, אַז זיי זאָלן נישט דורכלאָזן קיין איינציקן שטראַל דורך דעם קליינעם לעכל אין טיר, דאָס איינציקע אָרט, דורך וועלכן עס פלעגט אַריינדרינגען אַביסל פאַרזוייערטע לופט פון די קאָרידאָרן.

ביי טאָג האָט צו אונז נישט דערגרייכט דער קלענסטער קלאַנג. דערפאַר אין אָוונט, ווען אין טורמע איז געוואָרן שטיל, פלעגן מיר הערן יעדע באַוועגונג: די טריט פון דעם וועכטער אויפן הויף, דעם אָפּקלאַנג פון די וועכטערס טריט פון די ווייטסטע קאָרידאָרן, אַ קלונג פון אַ זייגער, וואָס האָט זיך געטראָגן פון ערגעץ ווייט, ווייט און דאָס איבערקלאַפּן זיך פון חברים, וואָס זענען געזעסן איבער אונז. דער דאָזיקער גרוס פון איבער דער ערד פלעגט אָנפילן דאָס האַרץ מיט ווייטאָגלעכער בענקשאַפט. באַזונדערס שווער איז געווען צו הערן די

טרויעריקע מעלאַנכאָלישע טענער פונם ליד „סלושאַי”, וואָס פלעגט זיך יעדע נאַכט הערן דאָ פון איין זייט, דאָ פון אַ צווייטער זייט.

די ערשטע פּאָר טעג האָבן מיר איינער דעם צווייטן דערציילט פאַרשידענע זאַכן פון אונזער פּריוואַטן און פּאַרטיי־לעבן, אָבער שפּע־טער האָט זיך דאָס אויסגעשעפּט, און מיר פלעגן אָפּזיצן גאַנצע שעהן, נישט אויסרעדנדיק איינער צום צווייטן קיין וואָרט.

אין דעם שטיינערנעם גרוב איז געשטאַנען אַ שמאָלע הילצערנע באַנק, אויף וועלכער מיר פלעגן זיך צוליגן, ווען די ביינער האָבן אָנ־געהויבן ווייטון פון נעץ און קעלט. די באַנק איז געווען שמאָל, פאַר ביידן איז נישט געווען קיין פּלאַץ — פלעגן מיר זיך אַרומנעמען און ליגן אַזוי אָנגעהאַלטן איינער אָן צווייטן מיט אַריבערגעהאָנגענע האַל־בע קערפּערס פון ביידע זייטן באַנק. האָט אָבער געטראָפן, אַז מיר פלעגן אַמאָל איינשלאָפן, האָבן זיך די אָרעמס פונאַנדערגעלאָזט און מיר זענען אַראָפּגעפאַלן אויף דער פּאָדלאָגע...

אויפן פערטן טאָג אינדערפרי האָט מען אונז אַרויסגעלאָזט אויף אַ מעת־לעת אָפּרוען זיך. מיר זענען געגאַנגען דורך די פינסטערע קאָריי־דאָרן, האַלטנדיק זיך אָן די פייכטע, שטיינערנע ווענט, ביז מיר זענען ענדלעך אַרויפגעקראָכן אויף די עטלעכע טרעפּ, וואָס האָבן געפירט אין ליכטיקן קאָרידאָר. אַז דאָס ליכט האָט אונז אַ בלאַנק געטון אין די אויגן, האָט זיך אונז ביידן פאַרדרייט דער קאָפּ און מיר זענען אומ־געפאַלן, ווי שיכּורע.

מיר זענען אָפּגעזעסן אין קאַרצער דריי מאָל צו דריי טעג (געווען אַ געזעץ אַזאַ — אַ „ליבעראַלער” — אַז מער ווי דריי טעג נאָכאַנאַנד האָט מען אין קאַרצער נישט געטאָרט האַלטן), און יעדעס מאָל ווען מען האָט אונז אַרויסגעפירט פון קאַרצער, האָט זיך איבערגעחזרט דאָס שווינדלען אין קאָפּ און דאָס שטעכן אין די אויגן. אַזוי שטאַרק איז געווען דער קאָנטראַסט פון דער לופט אין קאַרצער מיט דער אויך נישט גאָר ריינער לופט פון ליכטיקן טורמע־קאָרידאָר.

צום דריטן מאָל זענען מיר שוין געווען אַזוי אָפּגעשוואַכט, אַז מיר זענען אָפּגעקומען די שטראָף אין טעמפּער גלייכגילטיקייט — ווי אין אַ חלום.

אַז מיר זענען אַרויס פון קאַרצער — האָבן מיר געטראָפן אין טורמע אַ הונגער־שטרייק. אַ סך חברים האָבן שוין געהונגערט צו עט־לעכע טעג און זענען געלעגן אָפּגעשוואַכט אויף זייערע געלעגערס. מיר האָבן זיך אויך אָנגעשלאָסן צו די שטרייקנדע, און מיר האָבן געהונ־

גערט 4 טעג. די לעצטע צוויי טעג האָט מיך באַהערשט עפּעס אַ מאָדנע גלייכגילטיקייט. עס האָט זיך וועגן קיין זאַך נישט געוואָלט טראַכטן און קיין זאַך נישט געגלוסט. איך האָב נאָר געפילט אַ שוואַכקייט אין אַלע גלידער און באַזונדערס אין די פיס. אויפן פערטן טאָג, ווי מיר זענען אַרויס פון קאַרצער, האָט מען די גאַר אָפּגעשוואַכטע אַריבער־געפירט אין אַנדערע טורמעס, די עלטערע און אָנגעזעענע חברים דאָס גלייכן, און דער שטרייק האָט זיך איבערגעריסן, נישט ברענגענדיק קיין דירעקטע רעזולטאַטן. שפּעטער אָבער, נאָכן שטרייק, איז די טורמע־אַדמיניסטראַציע זיך באַגאַנגען מיט אונז, ווי מיט קראַנקע. עס איז געקומען דער טורמע־דאָקטאָר, גערעדט מיט אונז עפּעס מאָדנע ווייך, ווי מיר וואָלטן געווען נישט אַרעסטירטע, נאָר זיינע פּריוואַטע פּאַציענטן. הגם דאָס האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן, אָבער דאָך איז דער רעזשים געוואָרן עטוואָס ווייכער און די טורמע־אַדמיניסטראַציע האָט זיך געמיט אויסצומיידן אַ קאָנפליקט.

דערווייל איז אָנגעקומען דער האַרבסט. די טעג זענען געוואָרן קורצער; אין די לאַנגע פאַרנאַכטן האָבן זיך פון קרימינעלן קאָרפּוס געטומען הערן אומעטיק־צעצויגענע אַרעסטאַנטישע ליבע־לידער. די אַרעסטאַנטן האָבן געזונגען מיט נאָגנדיקער בענקשאַפט, מען האָט צוריקגעבראַכט דעם אַנטלאָפענעם חבר, וואָס מען האָט ערגעץ אין שטאָט פאַרהאַלטן און דערקענט — און אויפן האַרצן איז געפאַלן אַ שווערער אומעט.

צו דער זעלבער צייט האָט מען אין טורמע אָנגעהויבן רעדן וועגן גרויסע געשעענישן, וואָס קומען פאָר אין לאַנד, וועגן שטרייקן און אומרוען און אַז עס וועט זיין אַן אַמנעסטיע: עס זענען געווען די „נייע ווינטן" פון מיניסטער סוויאַטאָפּאָלק־מירסקי. און ווירקלעך — אין איי־נעם אַ טאָג האָט מען מיך באַפרייט אונטער פּאָליציי־אויפזיכט (איך האָב געדאַרפט צוויי מאָל אַ וואָך מעלדן זיך אין פּאָליציי).

דאָס איז אויסגעפאַלן שמחת־תּורה אינדערפרי. עס איז געווען אַ הערלעך שיינער טאָג. די זון האָט געוואַרעמט, ווי אין מיטן זומער. וואו עס וואוינען מיינע אַלטע באַקאַנטע חברים האָב איך נישט גע־וואוסט, און איך האָב מיך, מיט מיין מאָגער פּעקל אונטערן אָרעם, אַוועקגעלאָזט איבערן פּראָספּעקט — אפשר וועל איך טרעפן אַ באַ־קאַנטן.

איך האָב מיך צוגעקוקט צו יעדן דורכגייער. די דורכגייער האָבן דערפּאַר מיך באַגלייט מיט האַלב־צעשראָקענע בליקן. איך האָב גע־

כאַפּט אויף זיך אַ קוק אין אַ שפּיגל פון אַ שוי־פענסטער, און איך האָב דערזען מיין בלייך געל פּנים, מיט אָנגעבלאָזענע שיטערע מוס־קולן און טונקעלע ראַנדן אַרום די אויגן — דאָס ספּעציפישע טורמע־אויסזען.

אַ פאַרשמאַכטער האָב איך מיך אַרומגעדרייט עטלעכע שעה — ביז שפּעט נאָך מיטאָג האָב איך אָפּגעשטעלט אַ פרעמדן יונגן בחור, וואָס האָט אויסגעזען צו זיין אַן אַרבעטער. איך האָב אים דערציילט, אַז איך קום איצט אַרויס פון טורמע, און איך ווייס נישט, וואו עס זענען מיינע באַקאַנטע, און צו וואָלט ער מיר נישט געקאָנט זאָגן, וואו קען איך טרעפן וועמען פון די „סאָזנאַטעלניע" (באַוואוסטזיניקע) אַר־בעטער. ער האָט מיך אָנגעקוקט האַלב־פאַרדעכטיק, אָבער ווי עס ווייזט אויס, איז מיין אויסזען געווען מיין מליץ־יושר. ער האָט מיר געזאָגט, אַז אַלע פאַרנאַכט קלייבן זיך יידישע אַרבעטער אין סקווער, וואָס נעבן דער אוידיטאָריע.

פאַרנאַכט בין איך אַהין געקומען. איך האָב דערזען אַ לעבעדיקע באַוועגונג פון יונגע און באַיאָרנטע אַרבעטער, איך האָב דערקענט די בונדישע בירזשע. צווישן די שפּאַצירנדיקע האָב איך דערזען דעם יונגן אַרבעטער, וואָס איך האָב אָפּגעשטעלט אויפן פּראָספּעקט, ער האָט מיך אויך דערזען. ער האָט זיך איבערגעוואָרפן מיט אַ פּאָר ווער־טער מיט עטלעכע שפּאַצירנדיקע און אין אַ פּאָר מינוט אַרום בין איך שוין געשטאַנען אַרומגערינגלט פון אַ גרופּע אַרבעטער, וועלכע האָבן מיך מיט נייגיר אויסגעפרעגט און אויסגעהערט מיינע תּשובֿות.

פון איינצלנע ווערטער און פראַזן האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז טאַקע די בונדישע בירזשע. איך האָב זיך מער געוואונדערט, ווי נעפּרייט — אַזוי אומגלויבלעך האָט זיך דאָס מיר אויסגעזען. איך בין געווען זיכער, אַז מיין גאַנצע מי איז געגאַנגען פאַרלוירן, מיט אַמאָל — אַזאַ וואונדער.

איך האָב זיך נאָכגעפרעגט אויף די אַלטע חבֿרים, אָבער טייל זענען זיך געווען צעפאָרן, און פון טייל האָט קיינער אפילו די נעמען נישט געקענט. איך האָב געבעטן מען זאָל מיך באַקענען מיט וועמען פון די פאָרשטייער, אָבער איך האָב זיך נישט דערשלאָגן. האָב איך נעגעבן אָנצוהערעניש, אַז איך בין אַן אַ גראַשן געלט, אַז איך בין „פּאָד נאַדזאָר" און אַז איך וויל אין שטאָט נישט בלייבן, ווייל איך בין שוין אָנגעלערנט פון פאַבריקן מאָל.

גלייך אויפן אָרט האָט מען געמאַכט א קליינע באַראַטונג, א טייל האָט זיך אוועקגעלאָזט איבער די קרומע געסלעך פונם סקווער און א טייל איז געבליבן מיט מיר. עס האָט לאַנג נישט געדויערט, און דער עולם האָט זיך אומגעקערט מיט הויפנס קופּערנע און זילבערנע מטבעות וואָס מען האָט פאַר מיר אין די אויגן אַריינגעשאָטן אין א היטל. מען האָט מיר אָנגעציילט עטלעכע רובל און זיי מיר אָפּגעגעבן. מען האָט מיך אָנגעקאָרמעט, אָנגעטרונקען מיט טיי, א חבר האָט מיך גענומען צו זיך שלאָפן און מאָרגן פרי האָבן מיך צוויי חברים אַרויס־באַגלייט מיטן דאַמפּער קיין קיעוו, פון וואַנען איך בין מיט דער באַן אוועקגעפאָרן קיין זשיטאָמיר.

זינט איך האָב גענומען פאַרצייכענען פאַרשידענע עפּיזאָדן פון מיין בונדיש־רעוואָלוציאָנערן לעבן, האָט זיך מיר זייער געוואָלט באַ־שרייבן אָט דעם דאָזיקן יעקאַטערינאָסלאַווער פּעריאָד. עס האָט מיך אָבער אָפּגעהאַלטן דאָס וואָס איך האָב נישט געוואוסט ווער איז גע־ווען דער מענטש, אָדער די מענטשן, וואָס האָבן ווייטער פאָרטגעזעצט מיין אָנגעהויבענע אַרבעט. וויפל איך האָב זיך נישט נאָכגעפרעגט ביי די עלטערע פּאַרטיי־חברים, האָב איך גאָרנישט געקאָנט דערגיין. און אָן דעם, האָט זיך מיר געדאַכט, וועט די זאַך אויסקומען אָן א סוף — נישט פאַרענדיקט.

אין מיין זוכעניש האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף ווענן, וואָס האָבן געפירט צום חבר קאַזשדאַן, אָבער פון א פּערזענלעכן געשפּרעך מיט אים האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט געאַרבעט אין דער יע־קאַטערינאָסלאַווער אָרגאַניזאַציע עטוואָס שפּעטער. איך בין ווייטער געבליבן הענגען אין דער לופטן.

ערשט ווען איך האָב זיך באַקאַנט מיט חבר נ. כאַנין, האָט ער מיר דערציילט, אַז דאָס איז ער געווען דער, וואָס איז קורץ נאָך מיין צווייטן אַרעסט געקומען קיין יעקאַטערינאָסלאַוו און דאָרט פאָרטגע־זעצט די אַרבעט אין דער פון מיר מיט מיכלען געגרינדעטער בונדישער אָרגאַניזאַציע.

אין זשיטאָמיר

קיין זשיטאָמיר בין איך אָן שטערונגען געקומען מיט עטלעכע צענטליק קאָפּיקעס אין קעשענע. אָן אַ פּאַספּאָרט, אָן אָרגאַניזאַציאָנע־לע פאַרבינדונגען, אָן פּריוואַטער באַקאַנטשאַפט, האָב איך זיך גע־לאָזט איבערן שטאָט זוכן אַ סטאָלעריי־וואַרשטאַט. אַזאַ האָב איך גיך געפונען און אין זעלביקן טאָג נאָך בין איך דאָרט פאַרבליבן אויף „פּראָבע". אַן אַרבעטער בין איך געווען אַ גוטער און אַ געשיקטער, האָב איך דעריבער לייכט אויסגענומען און בין געבליבן דאָרט אַר־בעטן. געשלאָפן בין איך די ערשטע צייט אין וואַרשטאַט גופא — אויף די הובל־שפּענער. ווען אַ פּאַספּאָרט האָט מען מיך נישט באַאומרו־איקט. איך האָב געגעבן אָנצוהערן, אַז איך באַהאַלט זיך אויס פון פּריזיוו. סיי דער מייסטער, סיי די איבעריקע אין וואַרשטאַט האָבן אַזאַ זאַך גוט פאַרשטאַנען... מען האָט דאָס אָנגענומען פאַר אַ ריכטיקע מטבע. בפרט אַז צוליבן צו דעם האָט דער מייסטער נישט באַדאַרפט. צוליב דער לאַגע פון אַן אַנטלאָפענעם פון פּאָליציי־אויפזיכט (פּאָד־נאַדזאָרניק), אָן אַ פּאַספּאָרט, האָב איך זיך געהיט נישט אָפט אַרויס־צוגיין פון וואַרשטאַט. דער באַלעבאָס האָט שטענדיק געפונען עפּעס אַ זייער אייליקע אַרבעט וואָס מען דאַרף עס, נישט אַנדערש, היינט פאַרטיק מאַכן... שטאַרק קעגנשטעלן זיך האָב איך נישט געקאָנט — איך בין דאָך אַן אַנטלאָפענער „פּריזיוווניק"... האָב איך טאַקע אָפט אַריינגעאַרבעט ביז שפּעט אין דער נאַכט. מיטאָגן האָב איך די ערשטע צייט פאַר אַ קליינעם געצאָלט געגעסן ביי דער באַלעבאָסטע.

די באַלעבאָסטע איז געווען אַ צעשויבערטע יידענע מיט אַ פאַר־שמאָלצן קלייד, שטענדיק די הענט אין טייג — אַ שלומפּער וואָס מען טרעפט אַזוינע זעלטן. שמייענדיק אַ גאַנצן טאָג איבערן וואַר־שטאַט אין דער לאַנגער „שלעפּ־קלייד", האָט זי געהאַט אַזאַ מזל, אַז וואו אַ שטיקל האָלץ, ווי אַ דראָט, אַ שטיקל בלעך, האָט זיך עס גע־מוזט אָנטשעפּן אָן איר קלייד. אָנשטאָט איינצובויגן זיך און דאָס פאַרטשעפּעטע אַרויספּלאָנטערן, פּלעגט זי דאָס הינטערווייַלעכץ אַראָפּ־

בריקן מיטן פוס. ווי דאָס קלייד האָט פון אַזעלכע „אָפּעראַציעס" אויס־געזען, קען מען זיך פאָרשטעלן.

דער באַלעבאָס האָט געהאַט אַ דערוואַקסענעם זון פון אַ יאָר 19—20. לויט זיינע רייד האָב איך פאַרשטאַנען, אַז ער איז שוין גע־ווען אַ באַזוכער פון דער זשיטאָמירער בונדישער בירזשע. עטלעכע מאָל האָט ער געמאַכט פּרוּוון צו מאַכן מיך „באַוואוסטזיניק", אַפילו פאָרגעלייגט מיר באַזוכן די בירזשע. אָבער צוליב די אָפטע פּאָליציי־איבערפאַלן און אַרעסטן אויף דער בירזשע האָב איך זיך אָפּגעהאַלטן אַהין צו גיין אָן אַ פּאַספּאָרט אין קעשענע.

עטלעכע מאָל האָב איך געשריבן קיין דווינסק צו ישראל־מיכל קאַפּ־לינסקי, צום שפּעטער באַוואוסט־געוואָרענעם פּראָוואָקאַטאָר, ער זאָל מיר צושיקן אַ פּאַס און באַזאָרגן מיר אַ פאַרבינדונג מיט דער אָרטי־קער אָרגאַניזאַציע. איך האָב אָבער לאַנג פון אים קיין ענטפער נישט באַקומען. אויך מיט אַנדערע חברים אין דווינסק האָב איך נישט גע־קאָנט איינשטעלן קיין פאַרבינדונגען.

אַזוי האָב איך געלעבט אָפּגעזונדערט, אין שטילער בענקשאַפט נאָך לעבעדיקער אַרבעט און באַוועגונג, פון וועלכער איך בין געווען אָפּגעריסן זינט מיין יעקאַטערינאָסלאַווער צווייטן אַרעסט.

מיט מיר צוזאַמען האָט אין זעלביקן וואַרשטאַט געאַרבעט אַן אָרטיקער פאַרהייראַטער אַרבעטער. געווען איז דאָס אַ באַלעבאַטישער יונגערמאַנטשיק „פון אַ גאַנץ יאָר", אָבער מיט ווייכע, סימפּאַטישע שטריכן פון כאַראַקטער. ער האָט מיר פאָרגעלייגט זיך אַנדינגען ביי אים אויף קעסט מיט נאַכטלעגער. געוואוינט האָט ער ביי יענעם אין שכנות אין אַ צימער פון אַ גאַנץ ציכטיקן, נישט גאָר טיפן קעלער. שוין געווען עטלעכע יאָר נאָך דער חתונה און קיין קינדער האָט אים דאָס ווייב אַלץ נישט געבוירן. ער האָט מיר פאַרזיכערט, אַז דאָס נעמען מיך אויף קעסט איז ביי אים נישט צוליב פּרנסה, נאָר כּדי עס זאָל זיין פריילעכער אין שטוב.

דאָס שלאָפן אויף די הובל־שפּענער האָט מיר שוין געהאַט דער־עסן און איך האָב מיך צו אים אריבערגעצויגן.

די באַלעבאָסטע פון קעלער האָט שוין אויך געוואוסט, אַז קיין פּאַספּאָרט דאַרף מען ביי מיר נישט פאַרלאַנגען. מיט קיין איבעריקע פראַגן איז מען צו מיר נישט צוגעשטאַנען, הגם אַלע אין קעלער האָבן

זיך מיט מיר זייער פאַראינטערעסירט. צוליב וואָס זיי האָבן זיך פאַר־אינטערעסירט, האָט זיך ארויסגעוויזן מיט א צייט שפּעטער. אין אַל־געמיין האָב איך זיך דאָרט געפילט גאַנץ גוט.

די פרוי פונם ארבעטער איז געווען אַן אויסגעפּאַשעט יונג ווייבל מיט רויטע בעקלעך און, אַפּנים, מיט א היפּשן טעמפּעראַמענט. ווי נאָר מיר פלעגן נאָך דער ארבעט אָפּעסן אונזער אָוונט־ברויט, האָט זיך אָנגעהויבן צווישן מאַן און ווייב אַזאַ צערטלעכקייט און קושעניש, ווי קיינער אויסער זיי וואָלט אין צימער נישט געווען. איך — א גע־זונטער, יונגער בחור האָב דאָס געדאַרפט צוזען יענעמס גליק... און נאָך מאַכן זיך, ווי איך זע גאָרנישט. איך פלעג זיצן, ווי אויף הייסע קוילן... איך גלויב, אַז עס איז גאָרנישט נויטיק צו באַשרייבן מיין דעמאָלטיקן צושטאַנד... יעדער קען זיך דאָס אַליין פאָרשטעלן...

דאָס יונגע ווייבל האָט געהאַט א שוועסטער. — אַביסל עלטער פון זיך, אָבער נאָך נישט קיין פאַרהייראַטע. די שוועסטער איז אויך געווען, ווי מ׳זאָגט, א מיידל — „בלוט און מילך". יעדן שבת אינ־דערפרי פלעגט זי קומען צו דער פאַרהייראַטער שוועסטער אויף קאַווע מיט קוכן. מאַן און ווייב האָבן נישט געוואָלט פאַרלירן קיין צייט אומזיסט אויך ביי דער קאַווע און דאָ, ווי אין די אָוונטן, איז אָנ־געגאַנגען אַן אָפן קושעניש. וואָרשיינלעך אַלס צייכן פון גאַסט־פריינטשאַפט, פלעגט דאָס יונגע ווייבל נאָך יעדן ארומנעמען זיך פאַר־לייגן דעם מאַן ער זאָל אויך די שוועסטער נישט פאַרלאָזן... דער מאַן, א באַלעבעסל מיט א בלאָנד בערדל, מיט עטוואָס פּיכטע ראָזלע־כע ליפּן, פלעגט זיך לאַנג נישט לאָזן בעטן און נאָכקומען די וואונטשן פונם ווייב... נאָך יעדער צערטלעכקייט, נאָך יעדן קוש, פלעגן ביידע שוועסטער הויך לאַכן און ארומנעמען זיך, ווי צוויי גוטע חברטעס, וועמען עס האָט געטראָפן א שותפותדיק גרויס גליק...

מיר פלעגט „זידן אין די אָדערן", וואַרפן אין היץ און קעלט. עס האָט מיר פאַרפעלט אָטעם. זיי אָבער איז דאָס גאָרנישט אָנגעגאַנגען. אוודאי האָב איך געקענט אַוועקגיין פון שטוב און אַזוי ארום פּטור ווערן פון אַזעלכע אויפטרייסלונגען, אָבער עס איז גרינג צו זאָגן — אַוועקגיין...

צום גליק פלעגן די דאָזיקע סצענעס אין די שבתים לאַנג נישט אָנהאַלטן. דאָס ווייבל פלעגט דערמאָנען, אַז עס איז שוין צייט צו גיין אין שול דאַוונען. ביידע אויסגעפּוצטע — ער מיטן טלית אונטערן

איבער־מאַנטל — צעוואָרעמטע, מיט אַ ראָזלעכער קאָליר אין די באַקן, פלעגט מען זיך לאָזן אין בית־מדרש

מיט אַ צייט שפּעטער, ווען איך האָב מיך שוין געהאַט פון קעלער אַרויסגעצויגן, האָב איך זיך דערוואוסט, אַז די עלטערע נישט פאַר־הייראַטע שוועסטער איז געוואָרן גייסטיק קראַנק. געזאָגט האָט מען, אַז דאָס איז איר געקומען צוליב אַן אָפּגעלאָזענעם שידוך.

עס איז נאָר אַ וואונדער וואָס איך בין בעת די באַשריבענע סצע־נעס נישט אַראָפּ פון זינען...

נאָכן אָפּוואוינען אין קעלער אַ געוויסע צייט, האָבן זיך אַלע, סיי דאָס פּאָרפאָלק, סיי די באַלעבאָסטע פון קעלער פאַרנומען נישט אַנ־דערש — מיך חתונה צו מאַכן. לכתחילה האָב איך געמיינט, אַז אַלס מיין באַשערטע האָבן זיי מיר אויסגעקליבן די עלטערע שוועסטער פונם ווייבל. אָבער שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס דאַרף גאָר זיין אַ יונג מיידל — אַ טאָכטער פון אַ לאַטוטניק־שניידער, וועל־כער האָט געוואוינט אין אַ צווייטן קעלער פון זעלביקן הויף.

צוגעגאַנגען צו דעם קיצלדיקן ענין איז מען זייער פאָרזיכטיק, מיט זייטיקע ווענן: מיט אַ צופעליקן שמועס וועגן אַ תכלית, מיט „ווי לאַנג איז דער שיעור?" „אַזאַ יונגערמאַן מיט אַזעלכע גאָלדענע הענט איז ווערט אַ נדן"; „און די אייגענע מעשה פאַרקערט, פאַרוואָס טאַ־קע נישט"... „לעבן ווי אַ וואָלקולאַק איז אויך אַ לעבן?" — און ענ־לעכע שפּרוכן פון באַוואוסטן לעקסיקאָן, וועלכן אַלע ווייבער פון אַ געוויסן סטיל קאָנען אויף אויסנווייניק. אָבער גענומען האָט עס מיך נישט. קיין איבעריקע שיינהייט איז דאָס מיידל נישט געווען און בכלל האָב איך נאָך דערביי נישט געהאַלטן. האָט זיך דער קעלער געלאָזט אויף דירעקטע, מער זיכערע וועגן:

דאָס מיידל האָט אָנגעהויבן אָפטער אַריינקומען. אַלעמאָל — פריש אויסגעצוואָגן און אַ ביסל יצר־הרעדיק פאַרקעמט, יעדעס מאָל אין אַ נײַ בלוזקעלע, אין אַ ווייס שירצעלע מיט צוויי קעשענעס פון ביידע זייטן. וואָס האָבן די אָרעמע גוטע מענטשן נישט געטון, כּדי איך זאָל אויפהערן צו לעבן ווי אַ „וואָלקולאַק"...? בעת די שפּילן אין „לאָטאָ" איז עפּעס אַלעמאָל אויסגעקומען אַזוי, אַז איך מיטן מיידל זענען געזעסן אויף איין באַנק. פון ביידע זייטן האָבן מיר אַלעמאָל געהאַט צוויי שכנים, ווען עס איז עפּעס שטענדיק נישט געווען באַ־

קוועם צו זיצן. פלעגן זיי אַזוי לאַנג זיך מאַכן „באַקוועם" אויפן באַנק, ביז עס איז מיר אַזש געוואָרן דושנע פון זיצן אַזוי נאָענט צוגערוקט צום מיידל. זיי פלעגן אונז לאָזן אָפּט אַליין אין צימער, רעקאָמענדירן אונז מיר זאָלן אַביסל פאַרברענגען. „יונגע מענטשן דאַרפן פאַר־ברענגען"... פלעגט מען אונז מונטערן.

מיט פרויען בין איך קיינמאָל נישט געווען קיין גרויסער בריה. דאָס מיידל האָט זיך אויך נישט אויסגעצייכנט מיט קיין גרויסער אונטערנעמערישקייט... פונדעסטוועגן איז מען מיט קיין פאַרלייגטע הענט נישט געזעסן... איין גאָט ווייס וואָס פון דעם וואָלט אַרויסגעקו־מען, ווי מיין גורל וואָלט דאַן פאַרקירעוועט, ווען פּלוצלינג זאָל נישט געשען אַזוינס, וואָס האָט אַ סוף געמאַכט מיט די סימפּאַטיעס צו מיר מצד אַלע איינוואוינער פון קעלער.

פאַר דער גאַנצער צייט פון מיין זיין אין זשיטאָמיר האָב איך נישט אויפגעהערט צו שרייבן קיין דווינסק מען זאָל מיר צושיקן אַ פּאַס און באַזאָרגן מיט פאַרבינדונגען. אָבער אַלץ אָן רעזולטאַטן. אַפילו קיין פּשוט בריוול האָב איך נישט באַקומען. עס האָט געהאַלטן דערביי איך זאָל זיך לאָזן פאָרן קיין דווינסק — הגם פאָרן אַזאַ ווייטן וועג אָן אַ פּאַס איז געווען פאַרבונדן מיט אַ געוויסער ריזיקע.

פּלוצלינג האָט זיך אויף מיין נאָמען באַקומען אַ בריוו, אין וועלכן עס האָט זיך געפונען אַ פּאַספּאָרט — גאָר נישט אויף דעם נאָמען, אויף וועלכן איך האָב זיך גערופן. דעם פּאַס האָט מיר איבערגעשיקט ישראל־מיכל קאַפּלינסקי. די צרה איז באַשטאַנען אין דעם וואָס דעם בריוו האָט אָפּגענומען די באַלעבאָסטע פון קעלער און אויס נייגערי־קייט האָט זי אים געעפנט, און וואַרשיינלעך געוויזן דעם פּאַספּאָרט די איבעריקע איינוואוינער. לויט זייערע צעשראָקענע און פאַרדעכטיקע בליקן האָב איך זיך געקאָנט משער זיין וואָס עס איז פאָרגעקומען אין זייערע הערצער און מוחות.

אויף העלפט בין איך שוין אָבער געווען גערעטעוועט. און אַז אַ מענטשן הויבט אָן גיין, גייט עס אים פון טיר און טויער: אינגיכן איז צו מיר געקומען אַ מענטש און מיר געמאָלדן, אַז עס האָט זיך באַקומען וועגן מיר אַ בריוו און אַז אויב איך דאַרף וואָס, וועט ער מיר אַלץ באַזאָרגן. מיין ערשטע זאָרג איז געווען אַ דירה. גאָר אינגיכן האָבן מיך אָרטיקע חברים אַריינגענומען צו זיך אין אַ געמיינזאַמען צימער, וואו

עס האָבן געוואוינט פיר אָדער פינף פערזאָן. אריין אין דער אייגע־נער אטמאָספער, האָב איך אָפגעאָטעמט מיט דער פולער ברוסט און אריינגעוואָרפן זיך מיט אימפעט און ברען אין דער ארבעט פון דער אָרטיקער אָרגאַניזאַציע.

***

עס איז געווען 1904. אין שטאָט איז, ווי אין אַלע שטעט פון בונ־דישן ראַיאָן, אָנגעגאַנגען אַ לעבעדיקע רעוואָלוציאָנערע ארבעט. די בירזשעס זענען געווען אַלע אָוונט פּאַק און פול. עקאָנאָמישע און פּאָ־ליטישע שטרייקן פלעגן דורכגיין מיט גלאַנץ און פּאַרנעם. שרייבן וועגן אַלעם דעם — וואָלט הייסן שרייבן די געשיכטע פון יענע הע־ראָישע טעג. הגם יעדע שטאָט האָט געהאַט אירע אייגנאַרטיקייטן, איך קאָלאָריט, איז דאָך די ארבעט אין יעדער שטאָט געווען אַ טייל פון אַ גאַנצעם, אַ טייל פון אַ גרויס איינהייטלעך פּרעכטיק בילד, וואָס האָט געהייסן — דער קאַמף פון די יידישע ארבעטער קעגן צאַריזם. דאָס אַלץ דאָ באַשרייבן — וואָלט הייסן ענדערן דעם כאַראַקטער פון מיינע זכרונות. אגב, איז דאָס אויך נישט לויט מיינע באַשיידענע כּחות. דע־ריבער וועל איך אויך אין דעם פאַל אָנצייכענען בלויז אייניקע ווינקלען, אייניקע פראַגמענטן פון דעם דאָזיקן גרויסן בילד. עס וועלן דערביי מוזן ארויסשווימען די שטריכן פון אייניקע געשטאַלטן, וועלכע האָבן זיך אונטער די פענער פון „בונד" ארויסגערוקט אויפן פאָדערגרונט ביי דער רעוואָלוציאָנערער ארבעט אויפן באָדן פון דער שטאָט זשיטאָמיר.

עס איז געווען דער פעריאָד פון סוויאַטאָפּאָלק־מירסקי — די ליי־בעראַלע זינד־עפּאָכע פון צארישן רעזשים. און אַלע שיכטן האָבן — יעדער אויף זיין שטייגער — געפירט דעם אָנגריף קעגן צאַריזם. די פּויערים האָבן געמאַכט בונטן, געברענט פּריצישע מאַיאָנטקעס, אומ־געקומען אין די טויזנטער דורך די צאַרישע שטראַף־עקספּעדיציעס; דער ארבעטער־קלאַס האָט געפירט גראַנדיעזע פּאָליטישע שטרייקן, גע־מאַכט דעמאָנסטראַציעס, אויפשטאַנדן און געצאָלט דערפאַר אַ בלו־טיקן שטייער פון טויזנטער יאָרן תּפיסה מיט צענטליקער טויזנטער לעבנס אין די טונדרעס פון קאַלטן סיביר, אין די פינסטערע גרובן פון קאַטאָרגע און אויף תּליות.

אויך די מער פּאָרגעשריטענע בורזשואזיע און די דיפּלאָמירטע אינ־טעליגענץ, וואָס האָבן געהאַט זייער באַזונדערע חשבונות מיטן צארישן

טראַן, האָבן געפירט דעם קאַמף אויף זייער שטייגער — געשטיצט די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג מיט סימפּאַטיע און געלט, געשאַפן די פּאָס־טע אַטמאָספער אַרום דער אַליינהערשערישער קרוין. דידאַזיקע שטי־צע — סיי די מאַטעריעלע, סיי די מאָראַלישע — האָט אין אַרסענאַל פון דער רעוואָלוציע פאַרנומען איר באַשטימטן אָרט, און די בור־זשואַזיע האָט מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער טיף באַדויערט פאַר איר פרי־ערדיקן „ליבעראַליזם“...

איינע פון די מיטלען, מיט וועלכע די אויבן־אויסגערעכנטע שיכטן פלעגן שטיצן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, זענען געווען די דעמאָלט באַוואוסטע באַנקעטן. זיי פלעגן פאָרקומען פאַרהעלטניסמע־סיק גאַנץ אָפט. די סמעטענע פון דער שטאָטישער ליבעראַלער אינטע־ליגענץ מיט זייערע דאַמען; דער פאָרגעשריטענער טייל פון דער בור־זשואַזיע; פאַבריקאַנטן, סוחרים, באַנקירן, — זיי אַלע פלעגן זיך צונויפקומען אין איינעם פון די רייכע הייזער פון שטאָט און ביי שיין געדעקטע טישן, ביי אַ גלעזל טיי מיט קאָניאַק אויסהערן רעוואָלוציאָ־נערע רעדעס. אויף די באַנקעטן פלעגט מען איינלאַדן אָרטיקע, אָפט „צענטראַלע“ טוער פון דער באַוועגונג, וואָס האָבן געלייענט רעפע־ראַטן און איבערהויפּט געגעבן אינפאָרמאַציעס וועגן רעוואָלוציאָנערע געשעענישן, וואָס צוליב דער שטרענגער צענזור האָבן זיי נישט גע־קענט פאַרעפנטלעכט ווערן דורך דער לעגאַלער פּרעסע. די רעפערענטן האָט מען באַדאַנקט מיט וואַרעמע אַפּלאָדיסמענטן און מיט אַ געלט־זאַמלונג פאַר דער אָרגאַניזאַציע. אַזוי אַרום זענען די אויסגעהערטע רעוואָלוציאָנערע פאַרבאָטענע נייעסן אויף מאָרגן באַוואוסט געוואָרן אין די ברייטסטע קרייזן פון דער „העכערער“ געזעלשאַפט.

אין זשיטאָמיר, געדענק איך, זענען עטלעכע באַנקעטן פאָרגעקו־מען אין גרויסן סאַלאָן פון יעפים עליאַשבערג — אַ דירעקטאָר פון אַ באַנק. י. עליאַשבערג איז געווען נישט נאָר אונזערס אַ סימפּאַטיקער, נאָר זייער אַ נאָענטער מענטש. און ווי מיר דאַכט, איז ער אַפילו געווען אַרויסגעשטעלט אויף אונזער ליסטע צו די וואַלן פון דער 2־טער „גאָ־סודאַרסטווענאַיאַ דומאַ“. חוץ די אָפיציעלע פאָרשטייער פון דער אָר־גאַניזאַציע האָבן אין די באַנקעטן אָנטייל גענומען אויך מיטגלידער פון דער צענטראַלער „סכאָדקע“ און אַנדערע. זייער אַרבעטער־קליי־דונג האָט אַפילו נישט אַזוי שטאַרק האַרמאָנירט מיט דער קליידונג פון די עלעגאַנטע דאַמען, אָבער עס איז דאָך געווען די צייט פון ליבעראַלן

אויפבלי אין דער רוסישער און רוסיש־יידישער געזעלשאַפט פון גע־וועזענעם רוסלאַנד.

אויך איך האָב זיך באַטייליקט אין אַ פּאָר אַזעלכע באַנקעטן. זאָגן אַז איך האָב מיך אויף זיי גוט געפילט, קען איך נישט. און טאַקע צו־ליב דער אָרעמער קליידונג מיינער. דערפאַר האָט זיך דאָרט געפילט, ווי אַ פיש אין וואַסער, אונזער אַפּיציעלער פאָרשטייער פון בונדישן קאָמיטעט — דער חבר דאַוויד. ער פלעגט דאָרט אַרויסטרעטן מיט פייַ־ערדיקע רעפעראַטן, אַנטיילנעמען אין ברענענדיקע דיסקוסיעס און געהאַט גרויס דערפאָלג — איבערהויפּט ביי די דאַמען.

חבר דאַוויד איז געווען אַ האַנדלס־אָנגעשטעלטער. געשטאַמט האָט ער, דאַכט מיר, פון האָמעל, דער אמתער נאָמען זיינער איז גע־ווען שמאַיקע דראַפּקין, אַ ברודער פון באַוואוסטן בונדישן טוער אַל־טער דראַפּקין, וועלכער איז געווען איינער פון די גרינדער, אויב נישט דער גרינדער פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע אין דווינסק.

די עלטערע אַרבעטער פון דווינסק האָבן יאָרנלאַנג געהאַט אַ סך צו דערציילן וועגן דער דאָזיקער לעגענדאַרער פּערזאָן און וועגן זיין רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט. דינענדיק אין מיליטער פון דווינסקער גאַרניזאָן, האָט ער, נישט געקוקט אויף דער געפאַר וואָס האָט אים געדראָט, אָנגעקניפּט פאַרבינדונגען מיט גרופּן אַרבעטער און אויפגע־בלאָזן די פונקען פון סאָציאַליזם, וואָס האָבן זיך נאָך אין דער צייט פון זיין מיליטער־דינסט פאַרוואַנדלט אין גאַנץ היפּשע פלאַמען.*)

שמאַיקע האָט אין זשיטאָמיר געאַרבעט אַלס „פּראָפעסיאָנאַל", ד. ה. זיך אָפּגעגעבן אויסשליסלעך מיט דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט. לויט זיין אויסערלעכן אויסזען איז ער גאָר נישט ענלעך געווען צו אַ פּראָלעטאַריער אין מאַנזשעטן, הגם ער האָט דאַן אַזעלכע יאָ געטראָגן. ער האָט דעמאָלט געדאַרפט זיין אַלט אַ יאָר 25. העכער פון מיטעלן וואוקס, מיט ברייטע פּלייצעס און אַ קיילעכדיק, נישט איבעריק איני־טעליגענט געזיכט, איז ער שטענדיק געווען אין אַ גוטער שטימונג, אַ

---

*) אַלטער דראַפּקין איז געשטאָרבן אין סיביר אין דער שטאָט יעני־סעיסק. אַרעסטירט איז ער געוואָרן טאַקע אין דווינסק, נאָך זייענדיק אַ זעלנער. זיצנדיק נאָכן אַרעסט אין קרעמענטשוגער טורמע, איז ער דאָרט אין די פּויכטע קאַמערן אַריינגעפאַלן אין דער קרענק, וואָס האָט אים אומגעבראַכט.

באוועגלעכער און געזונטער. א היציקער אגיטאטאר און פלאמיקער רעדנער, האָט ער דאַן אויסגענומען נישט נאָר ביי די ארבעטער, נאָר ווי שוין געזאָגט, אויך ביי די דאַמען אויף די באַנקעטן. פון אים האָט געאָטעמט מיט זיכערקייט און אַנטשלאָסנקייט. דאָס האָט אימפּאָנירט דעם ליבעראַלן עולם, וואָס האָט מיט אומגעדולד געוואַרט „זיי" זאָלן שוין מאַכן די רעוואָלוציע. דעריבער האָבן זיינע ארויסטרעטונגען אויף די באַנקעטן אַלעמאָל צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון באַנקעט־עולם. האָט דער עולם גֶעוואוסט, אַז עס וועט ארויסטרעטן דאַוויד, איז דער דערפאָלג פון באַנקעט געווען א געזיכערטער.

אויף די באַנקעטן מיטן אַנטייל פון צוגעפּאַרענע חברים פון צענטער, וועלכע פלעגן דעמאָלט ארומפאָרן מיט רעפעראַטן איבערן בונ־דישן ראַיאָן, בין איך נישט געווען און קאָן וועגן זיי גאָרנישט זאָגן (די הויפּט־רעפערענטן ביים צענטראַל־קאָמיטעט זענען דאַן געווען די חברים ר. אבראמאָוויטש און ליבער).

אַן אַלגעמיינעם אינטערעס פלעגט אויף די באַנקעטן ארויסרופן די אַנוועזנהייט פון א צווייטן מיטגליד פון זשיטאָמירער קאָמיטעט פון „בונד" — דער געטרייער חברטע ראַיסע (מאַריע זשעלודסקאַ). מיט רעדעס איז זי אויף די באַנקעטן ארויסגעטרעטן זייער זעלטן. איר שטענדיקע פּאָזע איז געווען — זיצן א שווייגנדיקע ביים טיש, מיט איין האַנט אונטערגעשפּאַרט דעם קאָפּ און מיט דער צווייטער האַנט קנעטן קייקעלעך פון ברויט (צו דער פּערזאָן פון דער דאָזיקער זאָנדער־באַרער רעוואָלוציאָנערין וועל איך שפּעטער זיך נאָך אומקערן). חברטע ראַיסע איז בעת א דעמאָנסטראַציע אויף די זשיטאָמירער גאַסן מער־דערלעך צעשלאָגן געוואָרן פון דער פּאָליציי און פארשיקט געוואָרן קיין סיביר.

נאָך איר אַרעסט, אָדער אפשר פריער, איז אין זשיטאָמיר צוגע־שיקט געוואָרן אַלס טוער דער חבר ווירגילי־כהן, וועלכער האָט גע־שפּילט א גרויסע ראָלע אין דער זעלבסט־שוץ בעתן זשיטאָמירער פּאָג־ראָם פון פרילינג 1905.

פורים־צייט פון יענעם יאָר האָט זיך שוין געטראָגן אין דער לופטן די פּאָגראָם־שרעק איבער דער גאַנצער שטאָט. אין דער אָרגאַניזאַציע האָט מען זיך אָנגעהויבן גרייטן: איינקויפן געווער, אָרגאַניזירן גרופּן פון זעלבסט־שוץ. עס איז אויך באַשלאָסן געוואָרן צו שיקן רעדנער

אין די בתּי־מדרשים, אויפקלערן וועגן דעם צוזאַמענהאַנג צווישן פּאָ־גראַמען און זעלבסט־שוץ. אויך איך בין געווען איינער פון די רעד־נער. ווי אַזוי מ'האָט די רעדנער פון „בונד" אויפגענומען אין די בתּי־מדרשים, איז שוין אויך אַ סך געשריבן געוואָרן. די „פּני" האָבן אויך אין זשיטאָמיר זיך געטרייסלט ווי פייגן־בלעטער און געהעצט דעם איבעריקן עולם קעגן די רעדנער. דאַקעגן דער עולם פון לעבן טיר, אַרום „האַנט־פּאַס", האָט דעם רעד־נער צוגעגעבן מוט און פאַרלאַנגט מען זאָל לאָזן רעדן. שטייענדיק אויפן בעלעמער אַרומגערינגלט מיט חברים, וועלכע האָבן געבילדעט מיין „לייב־וואַך", האָב איך באַ־מערקט דאָס צעשראָקענע און פאַר־וואונדערטע געזיכט פון דעם אַר־בעטער, ביי וועמען איך האָב גע־וואוינט אין קעלער.



ברוך כהן (ווירגילי)

צו יענער צייט איז מיר באַפאַלן אַ מאָדנע בענקשאַפט נאָך דער שטאָט, וואו איך האָב געשטעלט מיינע ערשטע רעוואָלוציאָנערע טריט — נאָך דער שטאָט דווינסק, און עטלעכע טעג פאַר פּסח בין איך פון זשיטאָמיר אַוועקגעפאָרן.

ווען אינגיכן נאָך מיין אָפּפאָר איז אין זשיטאָמיר אויסגעבראָכן דער פּאָגראָם, וואָס האָט געבראַכט אַזויפיל קרבנות, האָב איך זיך גע־פילט, ווי אַ דעזערטיר.

וועגן חבר ווירגילי־כהן — דעם נאַטשאַלניק פון דער בונדישער זעלבסט־שוץ אין זשיטאָמיר — האָט מען שפּעטער דערציילט זייער פיל העלדישע טאַטן און מסירת־נפש. אין די ערשטע טעג נאָכן פּאָ־גראָם האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז חבר ווירגילי איז דערהרגעט. (ער איז נאָך געווען טעטיק אין „בונד" לאַנגע יאָרן).

צוריק אין דווינסק

דעם ערשטן פרימאָרגן, ווען איך בין נאָכן צוריק קומען קיין דווינסק אַרויס פון שטוב, האָב איך געטראָפן די שטאָט אין אַ שרעקלעך צערודערטן צושטאַנד. מענטשן זענען, אויפגערעגטע און צעטראָגענע, געלאָפן צום שטאָטישן גרויסן בית־מדרש, וואו שבת און יום־טוב איז צו יענער צייט געווען דער טרעף־פונקט פון דער באַוועגונג.

דערפילט אַז עפּעס האָט פּאַסירט, בין איך אויך אַהין אַוועק און געטראָפן דעם בית־מדרש אין אַ פיבער־צושטאַנד.

דער גרויסער הויף, אַלע קאָרידאָרן און זייטיקע שטיבלעך זענען פול געווען מיט אַ צערייצטן עולם, וואָס איז זיך צוזאַמענגעקומען פון אַלע שטאָט־טיילן. אויף טישן, אויף בענק און אַנדערע אימפּראָוויזירטע טריבונעס זענען געשטאַנען צעפלאַמטע רעדנער און געשילדערט די שרעקלעכע אכזריות, וואָס די פּאָליציי איז באַגאַנגען פאַריקע נאַכט.

ווען די שטאָט איז געלעגן אין טיפן שלאָף, האָט זיך אַ פּאָליציי־פּאַטרול אַריינגעריסן אין אַ וואוינונג אויף די „פלעצער" און דאָרט אויסגעהרגעט אַ פאַמיליע פון עטלעכע פּערזאָן. די שרעקלעכע ידיעה האָט זיך, ווי אַ דונער, צעקייקלט איבער דער שטאָט און טויזנטער מענטשן פון פאַרשידענע שיכטן האָבן זיך אַ לאָז געטון צום גרויסן שטאָטישן בית־מדרש צו דערוויסן זיך, ווי אַזוי האָט דער קאָמיטעט פון „בונד" באַשלאָסן אויף דעם צו רעאַגירן.

דער קאָמיטעט האָט, פאַרשטייט זיך, וועגן דעם פּאַרפאַל נאָך נישט געקאָנט וויסן. דערווייל האָבן רעדנער פון עולם גופא, יעדער אויף אייגענער אחריות, געשאָטן פעך און שוועבל, אונטערגעהאַלטן די צערייצטע שטימונג פון דער מאַסע, מאַלנדיק די שרעקלעכע רציחה פון די צאַרישע משרתים. קיין קאָנקרעטן ענטפער, ווי אַזוי צו רעאַגירן אויף דער דאָזיקער מערדעריי, האָט קיינער נאָך נישט געקאָנט אָנווייזן.

מענטשן האָבן דערווייל געשטראָמט פון אַלע זייטן. רעדנער האָבן זיך געטוישט איינער נאָכן אַנדערן. די מאַסע האָט געשטורעמט אין אָנמעכטיקן צאָרן און געפאָדערט אַ באַלדיקן ענטפער, אַ קאָנקרעטן לאָזונג.

דורכגענומען מיט דער אַלגעמיינער צערייצטער שטימונג פון די טויזנטער מענטשן, האָב איך זיך אויך אַרויפגעכאַפּט אויף איינער פון די אימפּראָוויזירטע טריבונעס. מיין דערשיינען אויף דער טריבונע נאָך עטלעכע יאָר, וואָס איך בין אין דווינסק נישט געווען, האָט צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון אַ גרויסן עולם. פאַר טייל פון דער מאַסע בין איך געווען אַ פּנים־חדשות, אָבער פאַר די נאָענטע עלטערע טוער און חברים, וועלכע האָבן מיך געקאָנט פון די פריערדיקע יאָרן, איז מיין אומדערוואַרט דערשיינען געווען אַן אַנגענעמע איבעראַשונג.

— זאָל זיין שטיל, האָט מען געשריגן פון אַלע זייטן, און מיין יונגע שטימע האָט זיך אויך אַריינגעגאָסן אין רווישנדיקן שטראָם פון צאָרן און פּראָטעסט, וואָס האָט דאַן פאַרפלייצט די שטאָט.

וואָס איך האָב דאַן גערעדט, איז מיר נישט מעגלעך צו רעסטאַווירן, עס איז אויך נישטאָ אין דעם קיין נויטיקייט. אָבער ווי עס ווייזט אויס, האָב איך דאַן גוט גערעדט, ווייל אַרום מיר האָט געהערשט אַזאַ שטילקייט, וואָס זאָגט שטענדיק אונטער דעם רעדנער, אַז ער האָט געטראָפן צום האַרצן פון זיינע צוהערער.

פאַרענדיקט האָב איך מיט אַ רוף נישט צו עפענען דער פּאָליציי די טירן, ווען זי וועט קלאַפּן אויף צו מאַכן הויז־זוכונגען, וואָס זי האָט דאַן דורכגעפירט אין אַ גרויסער צאָל יעדע נאַכט.

דעם דאָזיקן איינפאַל איז באַשערט געווען צו ווערן דער קאָנקרעטער לאָזונג, אויף וועלכן די באַפעלקערונג האָט געוואַרט.

דער לאָזונג נישט אַריינצולאָזן די פּאָליציי אין די וואוינונגען האָט זיך בליץ־שנעל פאַרשפּרייט איבערן גאַנצן שול־הויף. און גלייך אויפן אָרט איז ער אַרומגעקלעפּט געוואָרן מיט אַ גאַנצער רייע פּראַקטישע אָנווייזונגען, ווי אַזוי אויפצופירן זיך, בעת די פּאָליציי וועט דאָך וועלן בייַנאַכט אַריינרייסן זיך אין וואוינונג. צווישן אַנדערע איז רעקאָמענדירט געוואָרן צו מאַכן אַ געוואַלד, אַז מערדער זענען באַפאַלן און שכנים פון אַנדערע הויפן און וואוינונגען זאָלן מיט דרענגער קומען העלפן פאַרטרייבן די פּאָליציי־באַנדיטן, און דאָס גלייכן.

שפּעטער האָט זיך טאַקע אַרויסגעוויזן, אַז דעם מאָרד איבער דער פאַמיליע האָבן אויסגעפירט פּשוטע נאַכט־רויבער, וועלכע האָבן זיך פאַרקליידעט אַלס פּאָליציאַנטן. אָבער דער לאָזונג נישט צו עפענען די טיר, ווען פּאָליציי וועט קלאַפּן, האָט גאַנץ לאַנג אָנגעהאַלטן. ער איז אַפילו אָנגעווענדעט געוואָרן מיט מער זיכערקייט ווי אין אָנפאַנג: וואָרום ווער האָט דאָס געקאָנט אונטערשיידן צווישן אמתער פּאָלי־ציי און באַנדיטן — איבערגעטון אין פּאָליציייאישע קאָסטיומען?

פילנדיק די געוואַלדיקע אויפרעגונג און פיינטלעכע שטימונג פון דער באַפעלקערונג האָט טאַקע די פּאָליציי אַ געוויסע צייט באַגרע־נעצט אירע נאַכטיקע „אָבלאַוועס" אויף וואוינונגען פון די „פּלע־צער".

נאָך דעם דאָזיקן פאַל איז מיין אַמאָליקע פּאָפּולאַריטעט אין שטאָט פאַרשטאַרקט געוואָרן. איך בין געוואָרן אַ מיטגליד פון „צענטר" (שטאָטישע אָנפירנדיקע קערפּערשאַפט נאָכן קאָמיטעט). אַזוי איז אַוועק דער זומער אין טעטיקער אַרבעט: שטרייקן, דעמאָנס־טראַציעס, פאַרזאַמלונגען אין די וועלדער, אין די בתּי־מדרשים און נישט זעלטן אויף דער בירזשע אונטערן פרייען הימל.

אַרום ראש השנה בין איך אַוועקגעפאָרן קיין ביאַליסטאָק. די שטאָט איז געווען נישט לאַנג נאָכן פּאָגראָם, וואָס דער אָרטיקער מיליטערישער גאַרניזאָן האָט געמאַכט אויף דער בונדישער בירזשע — אויף סוראַזשער גאַס. בעת דעם דאָזיקן פּאָגראָם זענען פון מיליטערי־שע קוילן אומגעקומען עטלעכע צענטליק מענטשן. צווישן דער אַר־בעטער־מאַסע האָט זיך אָבער נישט געפילט קיין דערשלאָגנקייט. דער וואַרעמער אָטעם פון אָנקומענדיקן אָקטאָבער האָט שוין פאָראויסגע־זאָגט, אַז דער צאַריזם וועט אינגיכן אויסהויכן זיין נשמה.

אין ביאַליסטאָק איז די בונדישע באַוועגונג געווען נישט ווייני־קער שטאַרק און פּאָפּולער, ווי אין דווינסק. ביאַליסטאָק האָט נאָך גע־האַט אַ מעלה, וואָס דווינסק האָט עס נישט פאַרמאָגט.

אין דווינסק איז די אַרבעטער־באַוועגונג געווען אויסשליסלעך אַ יידישע. אין ביאַליסטאָקער דאָקעגן פלעגן מיר זיך זייער אָפט צוזאַמענ־טרעפן מיט פּוילישע און דייטשע אָרגאַניזירטע אַרבעטער — סיי אין די טעקסטיל־פאַבריקן, סיי אין די גאַרבערייען. זייער אָפט פלעגן אונ־זערע רעדנער אַרויסטרעטן אויף פאַרזאַמלונגען און רעדן צו קריסט־

לעבע אַרבעטער וועגן דער זעלבסטהערשונג, וועגן קאַפּיטאַליזם און סאָציאַליזם.

אין ביאַליסטאָק האָבן דאַן געאַרבעט די צוגעשיקטע בונדישע טוער יעקב פּעסקין, דער דעמאָלט באַוואוסטער רעדנער מאַקס (דוד ליפּיעץ), מינע די קליינע און אַנדערע בונדישע טוער, וועמענס נעמען איך האָב שוין פאַרגעסן. אין גאַרבער־בונד איז אויך געווען דעמאָלט טעטיק מיין דעמאָלטיקער פריינט און חבר אברהמקע דער גאַרבער (איצט אין אַמעריקע). אָבער חוץ די אָנגעפאָרענע און צוגעשיקטע טוער פון צ. ק. פון „בונד", האָט ביאַליסטאָק אַליין פאַרמאָגט אַ היפּשן קאַדר גוטע, אינטעליגענטע טוער פון די אָרטיקע אַרבעטער גופא. צווישן די דאָזיקע טוער האָט זיך געפונען אַ גרויסע צאָל פרויען — אַר־בעטערינס פון יאַנאָווסקים טאַבאַק־פאַבריק, פון צווישן די „שפּולער־קעס", „נופּערקעס" און אַנדערע צווייגן פון דער טעקסטיל־אינדוס־טריע.

אין דער דאָזיקער אַרבעטער־שטאָט איז מיר אָבער נישט באַ־שערט געווען צו פאַרבלייבן אַ לענגערע צייט: 2—3 חדשים נאָך מיין קומען האָב איך געמוזט פון דאָרט אַנטרונען ווערן, ווייל עס האָט מיר געדראָט אַריינצופאַלן אין די הענט פון דער דאָרטיקער זשאַנדאַרמע־ריע.

שוין גאָר נאָנט צו די שטורמדיקע אָקטאָבער־טעג פון 1905 בין איך ווידער געקומען קיין דווינסק.

***

ווען אינמיטן באַן־שטרייק איז באַוואוסט געוואָרן וועגן מאַני־פעסט פון צאַר ניקאָלאַי מיט די צוגעזאָגטע פרייהייטן, האָט זיך די שטאָט אַזוי ווי פאַרטייעט. עפּעס האָט זיך נישט געגלויבט, אַז דאָס איז טאַקע אַזוי. הגם דער בלוטיקער בנין פון רוסישן צאַריזם האָט זיך שוין שטאַרק געטרייסלט פון די קלעפּ, וואָס ער האָט באַקומען כמעט פון אַלע קלאַסן פון דער דעמאָלטיקער געזעלשאַפט, האָט זיך אָבער ווייניק־וועער געריכט, אַז דאָס וועט פאַרקומען אַזוי גיך. אין אונזערע אַגיטאַטאָרישע רעדעס פלעגן מיר רופן די אַרבעטער צו קעמפן פאַר אַ ניי בעסער לעבן — אויב נישט פאַר זיך, איז כאָטש פאַר אונזערע קינדער. און פּלוצלינג האָסטו דאָס נייע, בעסערע און פרייע לעבן פאַר זיך מיט די קינדער צוזאַמען. ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך? צי איז דאָס

נישט אַ שפּיצל פון צאַרס משרתים, די מיניסטאָרן, אָדער פון טייוול? עפּעס איז דאָס גאָרנישט אַזוי, ווי מיר האָבן זיך די זאַך פאָרגע־שטעלט.

אָבער די ווייטערדיקע ידיעות האָבן נישט איבערגעלאָזט קיין צווייפל, און די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך אין טויזנטער אַרויס־געלאָזט אויף אָפּיצערסקע גאַס — אויף דער בונדישער בירזשע.

וואָס עס האָט זיך דעמאָלט געטון אויף די גאַסן פון שטאָט, ווען דעם קאָן האָבן אַ באַגריף נאָר דער, וואָס איז אַליין דאַן אַריינגעצויגן געוואָרן אין יובלדיקן געווירבל פון איבערמענטשלעכער פרייד. אָבער וואָס צו טון, האָט קיינער נישט געוואוסט. אַלע האָבן געוואַרט אויף עפּעס אַ פאַראָרדנונג, אויף אַ באַפעל. איך האָב געגאַרט צו זען די פאַרקאָנספּירירטע טוער פון דער באַוועגונג, וועלכע דאַרפן, ווי מיר האָט זיך געדאַכט, אַרויס פון זייער אונטערערד און שטעלן זיך אין שפּיץ פון דער באַפרייטער וועלט, פירן אונז און ווייזן דעם נייעם וועג, וואָס איז געלעגן פאַר אונז פאַרהילט אין דער אומבאַוואוסטער ווייט־קייט.

אַנשטאָט דעם האָבן דורך דער געדיכטער מענטשן־מאַסע זיך דורכגעשלאָגן די חברים כאַצקל און ראַיסע, און דערקלערט מיר, אַז לויט דער באַשטימונג פון קאָמיטעט דאַרף איך שוין האַלטן אַ רעדע.

אין דער יוגנט האָב איך נישט פיינט געהאַט עפנטלעך אַרויס־צוטרעטן און פאַר יענער צייט געווען נישט קיין שלעכטער רעדנער, ווייל מען פלעגט מיך הערן מיט אינטערעס. אָבער דער באַשלוס פון קאָמיטעט, אַז איך דאַרף דאָס האַלטן אַ רעדע אָט אין דער גרויסער שעה, האָט מיך געטראָפן ווי אַ דונער: וואָס וועל איך זאָגן אָט דער וואַרטנדיקער אומגעהויער גרויסער מענטשן־מאַסע? פון וואָס וועל איך אָנהויבן? מיט וואָס וועל איך ענדיקן? אָבער לאַנג קלערן האָב איך נישט געקאָנט. איך בין אַרויפגעשטופּט געוואָרן אויף אַ באַלקאָן, פונוואַנען איך האָב אויף דער גאַס געזען אַ ים מיט מענטשן, וואָס האָבן אַרויפגעקוקט צו מיר און געוואַרט אויף מיין וואָרט. איך האָב באַקומען ספּאַזמען און נישט געקאָנט אַרויסברענגען קיין קלאַנג. אגב, האָב איך אויך נישט געוואוסט וואָס צו רעדן. אַרום מיר זענען גע־שטאַנען חברים און עמיצער פון זיי האָט מיך געמוטיקט און גע־שטאַרקט.

צווישן די פאַררײסענע קעפּ פון דער מענטשן־מאַסע האָב איך פּלוצלינג דערזען איינעם — אַ שטאָטישן גבור — אַ מיטגליד פון דער דעמאָלטיקער קאַדעטישער פּאַרטיי, מיט וועמען איך האָב געהאַט אַ צוזאַמענשטויס. דאָס איז פאָרגעקומען בעת די וואַלן צו בוליגינס דומע, וואָס דער „בונד”, צוזאַמען מיט דער רוסלענדער סאָצ. דעמ. אַרב. פּאַרטיי, האָבן באַשלאָסן אַקטיוו צו באָיקאָטירן. לויטן באַשלוס פון „בונד” זענען מיר, אַ גרופּע אַרבעטער, געקומען דאַן אין דער וואוינונג פון לעדער־פאַבריקאַנט גריליכעס און געשטערט דאָרט די פאַרזאַמלטע צו באַראַטן זיך וועגן די וואַלן צו דער דאַזיקער דומע. אין היץ פון פּאָלעמיק האָב איך פאַרגעוואָרפן די פאַרזאַמלטע, אַז זיי האָבן זיך מיט פרייד אָנגעכאַפּט אָן אַ פייג, וואָס דער צאַר ניקאָלאַי האָט זיי צוגעוואָרפן.

— אפילו אַ פייג, ווען מען גיט אונז, דאַרפן מיר אויך צונעמען — האָט עמיצער פון די פאַרזאַמלטע מיט טריאומף מיר אָפּגעענטפערט.

אָט דעם דאָזיקן „שטאָלצן” פייגן־אָפּאָנענט מיינעם האָב איך דאָ איצט דערזען צווישן דעם ים קעפּ און דאָס האָט מיך געראַטעוועט.

איך האָב די רעדע מיינע אָנגעקניפּט אָן דער פּאָליטיק פון די, וועלכע באַגנוגענען זיך מיט אַ פייג און גערופן צו קעמפן ווייטער פאַר דער גאַנצער וועלט מיט אירע רייכטימער, וואָס מיר שאַפן.

אינמיטן פון מיין רעדע האָט זיך באַוויזן אַ מיליטערישער פּאַטרול און אָנגעשטעלט די ביקסן צום באַלקאָן, פון וועלכן איך האָב גערעדט. מיר האָבן קוים באַוויזן צו פאַרלאָזן אונזערע ערטער, און אַ האָגל פון קוילן האָט דורכגעלעכערט די בלעכענע שילדן, וואָס זענען געהאַנגען אויף די פראָנטן פון באַלקאָן.

די מאַסע איז אין בהלה זיך צעלאָפן, אָבער גיך זיך ווידער פאַרזאַמלט אין גרעסערע גרופּן און אַרוים איבער די גאַסן פון שטאָט מיט געשריי און געזאַנג. מען האָט די פרירער געטראָגן אויף די הענט, מענטשן האָבן זיך געקושט אין די גאַסן, געוויינט פאַר פרייד און געטאַנצט.

אַלע האָבן מיר געפילט, אַז דאָס איז נישט דאָס וויכטיקסטע, וואָס מען דאַרף איצט טון. עפּעס רעאַלס, עפּעס וויכטיקס דאַרף מען פאַרנעמען. אָבער וואָס, האָט קיינער נישט געוואוסט.

איז ביי עמיצן געבוירן געוואָרן דער געדאַנק, אַז מען דאַרף גיין צו דער „אופּראַווע" (שטאָט־פאַרוואַלטונג). וואָס מען דאַרף דאָרטן טון, האָט קיינער נישט געפרעגט און וואַרשיינלעך וואָלט קיינער אויף דעם נישט געקאָנט ענטפערן. האָבן מיר, אַ גרעסערע גרופּע, אונטער דער אָנפירונג פון ח׳ כאַצקל, געלאָזט זיך אַהין מיט אימפּעט. פּאָלי־ציי איז ווי אויסגערונען פון שטאָט און קיינער האָט אונז אויפן וועג נישט געשטערט.

אין די זאַלן פון דער „אופּראַווע" איז געווען פּוסט און טונקל. אין אַ צימער זענען געזעסן עטלעכע עלטערע באַאַמטע און ווי „קיינ־מאָל גאָרנישט" געהאַלטן אין שרייבן און איבערשרייבן. עס איז זיי באַפאַלן אַ שרעק און מיט אַרויסגעשטאַרצטע אויגן האָבן זיי געקוקט אויף די אויסטערלישע געסט, וואָס אַזעלכע צו זען האָט זיך זיי זיכער נישט געחלומט. מיר אָבער זענען ווייטער געבליבן אַנטוישט און נישט געוואוסט וואָס פאַרצונעמען.

מיט אַ שפּרונג האָט זיך כאַצקל פלינק אַרויפגעכאַפּט אויף אַ טיש און מיט גרויס אימפּעט מיט אַ מעסער גענומען שניידן רעכטס און לינקס דעם גרויסן פּאָרטרעט פון צאַר ניקאָלאַי, וואָס איז געהאָנגען אויפן וואַנט אין אַ גאָלדענער ראַם.

דער רושם איז געווען נישט צו באַשרייבן. אַלע האָבן מיר אַרויס־געלאָזט אַ ווילד געשריי, ווי מיר וואָלטן דעם לעבעדיקן ניקאָלאַיען אַליין דאָ צעשניטן פאַר אַלעמען אין די אויגן. די „טשינאָווניקעס" זע־נען ווי משוגע געוואָרן פאַר שרעק; געוואָרן נאָך בלייכער, ווי געווען, און איינער פון זיי האָט זיך אין אָנמאַכט אַראָפּגעלאָזט אויף זיין שטול מיט אַ קרעכץ — „אָ, גאָט!".

די „עקזעקוציע" איבער ניקאָלאַיען איז געווען, ווי אַ סיגנאַל אָנ־צוהויבן פאַרניכטן די איבעריקע בילדער פון די גרויסע לייט מיט געדיכטע באַקנבערד, וואָס זענען אַזוי רואיק, מיט ווירדע געהאָנגען אויף די ווענט, ווער ווייס וויפל יאָרן.

דערנאָך איז מען אין גרויס באַגייסטערונג אַוועק צו דער טורמע און דאָרט איינגעאָרדנט אַ רווישיקע דעמאָנסטראַציע, וואָס איז צע־יאָגט געוואָרן דורך מיליטער.

נישט געקוקט אויף דעם אַלעם, בין איך געווען אַזוי ווי צעמישט און דערשלאָגן — נישט געוואוסט וואָס מיט זיך צו טון.

איך ווער אַ מיטגליד פון קאָמיטעט

די שטרענגע קאָנספּיראַציע פון אַמאָליקע יאָרן איז שוין געווען לאַנג געבראָכן. אַלע נאָענטע עלטערע חברים האָבן שוין געוואוסט ווער פון די אָרטיקע און צוגעשיקטע טוער עס זענען אין קאָמיטעט. פונדעסטוועגן האָט מען נאָך אַלץ גערעכנט, אַז חוץ די באַוואוסטע חברים געפינען זיך נאָך אַנדערע, שטרענג פאַרקאָנספּירירטע וויכטי־קע טוער, וועגן וועלכע קיינער, חוץ געציילטע, ווייס נישט. דעריבער בין איך געווען גוואַלדיק אַנטוישט, ווען די חברים כאַצקל און ראַי־סע האָבן מיר געמאָלדן, אַז איך בין קאָאָפּטירט געוואָרן אַלס מיטגליד אין קאָמיטעט פון „בונד".

פאַרגעקומען איז דאָס אין דער וואוינונג פון חבר כאַצקל. חוץ אונז דריי, איז אין גרויסן, טונקעלן צימער קיינער נישט געווען. עס איז געווען פאַר מיר קלאָר, אַז דאָס איז דער גאַנצער קאָמיטעט.

עס האָבן מיך באַהערשט געמישטע געפילן — געפילן פון פאַר־דרוס און פאַרלוירנקייט צוליב די צעקלאַפּטע, צערונענע אילוזיעס און געפילן פון שטאָלץ און צופרידנקייט וואָס איך ווער אַזוי דערהויבן. גלייכצייטיק האָבן מיך אָבער געמאַטערט ספקות — צי בין איך שוין ראוי צו ווערן מיטגליד פון אַ קאָמיטעט פון „בונד"? איך האָב דע־ריבער דערקלערט די חברים, אַז איך קאָן דעם גרויסן כבוד נישט אָנ־נעמען, ווייל איך בין דאָס נאָך נישט ווערט.

— דאַן זענען מיר קיינער דאָס נישט ווערט — האָט מיט קרענ־קונג זיך אָפּגערופן ראַיסע.

כאַצקל האָט געקוקט אויף מיר מיט אַ באַהאַלטענעם שמייכל, און ווי זיין טבע איז געווען, געהאַלטן אין איין גלעטן זיין קורצן „טשוב".

— אַלזאָ, בלייבט עס אַזוי — האָט ער געפּסקנט — פון היינט אָן זייט איר מיטגליד פון קאָמיטעט צוגלייך מיט אונז!

און אַזוי איז טאַקע געבליבן.

***

די מורא, אַז מען איז נישט ראוי צו אַזאַ אָדער אַזאַ אַרבעט, האָט זיך נאָך דעם 17־טן אָקטאָבער געשטיצט נישט אויף אַ געפיל פון מינדערווערטיקייט. עס האָט באַזירט אויף אַ פּסיכאָלאָגישן פאָר־אורטייל, וואָס איז דאַן געווען פאַרשפּרייט ביי די רעוואָלוציאָנערע אונטערערדישע טוער: אַ סך פון זיי האָבן געהאַלטן, אַז איצט קומט אָן אַ צייט פאַר גרויסע רעדנער, גרויסע שרייבער, פאַר פּאָליטיקער און פּאַרלאַמענטאַריער פון גרויסן מאַסשטאַב, פאַר טאַלענטירטע פּאַרטיי־פירער. אַלע אַנדערע האָבן שוין, הייסט עס, זייער ראָלע אָפּגעשפּילט. זיי דאַרפן זיך באַזייטיקן, ווייל זיי וועלן שוין נישט האָבן וואָס צו טון אין דער באַוועגונג, וועלכע וועט ערשט אָננעמען עכט־אייראָפּעאישע פאָרמען.

און וואָס האָט דען דער דעמאָלטיקער דורכשניטלעכער אונ־טערערדישער טוער געוואוסט פון דער מערב־אייראָפּעאישער באַווע־גונג, חוץ די גלענצענדע נעמען פון אַ בעבעל, אַ ליבקנכט, אַ זשאָ־רעס און אַנדערע גרויסע פירער? וועגן די טויזנטער פּראַקטישע טו־ער פון דער מערב־אייראָפּעאישער אַרבעטער־באַוועגונג, וועגן זייער טאָג־טעגלעכער וויכטיקער קליין־אַרבעט, האָט מען ווייניק געשריבן. דער דורכשניטלעכער רוסישער רעוואָלוציאָנער האָט וועגן זיי כמעט, ווי נישט געוואוסט. עס איז דעריבער קיין וואונדער נישט, וואָס אַ סך פון אונז האָבן געהאַט אַזאַ פאַנטאַסטישע פאָרשטעלונג וועגן כאַראַק־טער פון דער קינפטיקער אַרבעטער־באַוועגונג נאָכן מאַניפעסט פון 17־טן אָקטאָבער 1905.

דער דאָזיקער פּסיכאָלאָגישער פאָראורטייל איז געווען פאַר־שפּרייט נישט נאָר אין די קרייזן פון מיטלמעסיקע טוער. ער האָט אויך דערגרייכט צו די ספערן פון טייל צענטראַלע פיגורן, וואָס האָבן געמיינט, אַז זיי פאַרמאָגן נישט די אויסגערעכנטע נויטיקע מעלות. דער פאַלשער בליק אויף די אויפגאַבן פון דער באַוועגונג האָט דער־מאָלט אָוועקגעריסן פון אונז נישט ווייניק טוער, און איך וואָלט גע־זאָגט — דעם בעסערן, דעם מער פאַראַנטוואָרטלעכן און באַשיידע־נערן טייל.

די דאָזיקע דערשיינונג איז נישט געווען צו מערקן שפּעטער מיט 12 יאָר, בעת דער צווייטער — גרויסער רוסלענדער רעוואָלוציע.

פאַרקערט, דעמאָלט האָט אָפּט פּאַסירט, אַז אַ נישטיקייט האָט זיך באַטראַכט פאַרן צענטער, אַרום וועלכן עס דרייט זיך דאָס ראָד פון די טיטאַנישע געשעענישן אין אויפגעוואַכטן רוסלאַנד.

עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז אויך אין מיין מורא צו ווערן מיטגליד פון קאָמיטעט האָט טיילווייז געשטעקט דער באַשריבענער פּסיכאָלאָגישער מאָמענט. איך האָב זיך אָבער פון דעם זייער גיך אויסגעהיילט. אין דער אַטמאָספער פון אינטענסיווער אַרבעט, וואָס דער קאָמיטעט פון די „קליינע מענטשן" האָט געפירט, איז דאָס מיר אָנגעקומען זייער לייכט. און אַן אַרבעט האָט דער קאָמיטעט געפירט אַ פאַרצווייגטע און אַ פרוכטבאַרע, ווי עס האָבן דעמאָלט דערלויבט די נייע, פרייערע באַדינגונגען.

כאַצקל און ראיסע

כאַצקל האָט געשטאַמט פון אַ דווינסקער אַריסטאָקראַטישער משפּחה. דער אמתער נאָמען זיינער איז געווען ליאָלע הורוויטש. הורוויטשעס זעג־מילן און ביר־ברויערייען האָבן מיט יאָרן פריער געשמט נישט נאָר אין דער שטאָט דווינסק. צו יענער צייט אָבער איז די משפּחה געווען שוין שטאַרק פאַראָרעמט: די מילן זענען געווען פאַרמאַכט און דאָס אַריסטאָקראַטישע הויז — אָפּגעלאָזן. נישט גע־קוקט אויף זיין רייכן אָפּשטאַם, אויף זיין אייראָפּעאישער בילדונג, איז כאַצקל געווען זייער אַ צוגעלאָזענער און האַרציקער חבר — כמעט אַ „לאַפּטשע״, ווי מען פלעגט אין דווינסק רופן מענטשן, וואָס האָבן פון זיך נישט געבלאָזן. מיט די אַרבעטער איז ער געווען „פּאַן־בראַט״, און אַלע אין דער אָרגאַניזאַציע האָבן אים ליב געהאַט.

ער איז געווען אַ זייער שיינער מאַנסביל פון הויכן וואוקס און איידעלע שטריכן פון געזיכט. לויט זיין שלאַנקער פיגור איז געווען זייער שווער זיך פאָרצושטעלן, אַז דאָס איז אַ מענטש מיט אַן אַט־לעטישן כח. אויף די פאַרזאַמלונגען אין וואַלד, איידער עס האָבן זיך אָנגעהויבן די רעדעס, איז זיין באַליבטע באַשעפטיקונג געווען זיך ראַנגלען מיט די שטאַרקסטע גבורים פון צווישן די אַרבעטער. אָבער קיינער האָט אים נישט געקאָנט מנצח זיין. אַפילו מאָטל „קאַפּיטאַן״ פלעגט מוזן אַ פאַרשעמטער זיך פאַרענטפערן, אַז היינט פילט ער זיך עפּעס נישט מיט אַלעמען... און אַז כאַצקל האָט אים „גענומען״ מיט אַ „קונץ״...

כאַצקל איז געווען אַ מענטש מיט אַ געהעריקער מאַרקסיסטישער צוגרייטונג און מיט אַ לאָגיש־דענקענדיקן שכל — אַ דרייסטער אין זיינע אויספירונגען און אין זיינע טאַטן. ווי אַזוי ער איז געקומען צו דער אַרבעטער־באַוועגונג, איז מיר נישט באַוואוסט. געקומען איז ער שוין אין די רייפע יאָרן, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער געהערט נישט צו יענע זין פון בורזשואזע עלטערן, וועלכע זענען געקומען צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אויף אַ ווייל — אויף אָראָפּצואַ־

וואַרפן די זעלבסט־הערשונג — און דערנאָך ווערן דאָס, וואָס פיל פון זיי זענען נאָכן יאָר 1905 טאַקע געוואָרן. נאָך אין 1906-7, ווען פיל פון זיין שטאַם האָבן פאַרלאָזן די רייען פון דער רעוואָלוציאָנע־רער באַוועגונג, איז כאַצקל נאָך געווען טעטיק אין דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע. אויך דאָ האָט ער זיך דערוואָרבן אַלעמענס סימפּאַטיע. אין 1907 איז ער מיט דער חברטע צביה אַרעסטירט געוואָרן אויפן וועג צו דער גרענעץ, ווען זיי זענען אַלס דעלעגאַטן פון וואַרשע גע־פאָרן אויפן לאָנדאָנער צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדער ס. ד. אַר־בעטער־פאַרטיי, פון וועלכער דער „בונד" איז געווען אַ באַשטאַנד־טייל. אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז באַוואוסט געוואָרן, אַז דאָס האָט זיי דער פּראָוואָקאַטאָר קאַפּלינסקי אַרויסגעגעבן דער זשאַנדאַרמע־ריע.

פון יענעם אַרעסט אָן האָב איך וועגן ווייטערדיקן גורל פון דעם דאָזיקן, נישט־דורכשניטלעכן סימפּאַטישן מענטשן מער נישט געהערט.

***

פון אַ גאַנץ אַנדערן שניט איז געווען די ליבע חברטע ראַיסע (מאַריע זשעלודסקאַ). זי האָט דאַן שוין געמוזט זיין אָן ערך אַ יאָר דרייי־סיק. אין דער יוגנט איז זי געווען אַ נייטאָרין פון ווילנע. צוזאַמען מיט דער חברטע צביה און אַנדערע אַרבעטערינס איז זי סוף פּאָריקן יאָרהונדערט געווען פון דער ערשטער גרופּע פרויען־רעוואָלוציאָנע־רינס אין פּעריאָד „פאַרן בונד".

באַקאַנט מיט איר האָב איך זיך נאָך אין זשיטאָמיר, און פון דאַן אָן זענען מיר געווען זייער באַפריינדעט. געזאָגט האָט מען אויף איר, אַז זי איז זייער אַ קאַנטיקער, בייזער מענטש מיט אַ שווערן כאַ־ראַקטער, אַז מיט איר איז זייער שווער אויסצוקומען. דער אויסער־לעכער איינדרוק האָט טאַקע געדאַרפט זיין אַזאַ: מיט אַ פּראָסט גע־זיכט פון אַ דאָרפישער פּויערטע, מיט אַ טעמפּער, הייזעריקלעכער שטים און האַרטער אויסשפּראַך, האָט זי געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ שווערן מענטשן. אין דער אמתן איז דאָס געווען אַ זייער טיף־פילנ־דיקע נשמה מיט אַ האַרציקער באַציאונג צו חברים. אמת איז, אַז קיין שאַרפע ווערטער האָט איר נישט אויסגעפעלט, ווען עמיצער האָט זיך פאַר איר פאַרזינדיקט. אָבער דאָס האָט אַלץ געהאַט אַ שייכות צו

דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט, וועלכער זי איז געווען איבערגעגעבן מיט לייב און נשמה. אין פּריוואַטע באַציאונגען, אויף וויפל ראיסע האָט געקאָנט אַזעלכע האָבן, איז זי געווען די אויפמערקזאַמקייט אַליין. אַזאַ ווייניקסטנס איז זי מיר פאַרבליבן אין זכרון. זי איז געווען דורך און דורך אַ רעוואָלוציאָנערע נאַטור. טאָמער האָט זיך עפּעס נישט איינגעגעבן, איז איר פאַרדרוס דערגאַנגען ביז טרערן, אויף איר שווערן רעוואָלוציאָנערן וועג איז זי נישט איינמאָל אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די צארישע תּלינים, פיל מאָל צעשלאָגן געוואָרן, געווען אַרעסטירט און פאַרשיקט. אין דער דווינסקער אָרגאַניזאַציע האָט מען זי זייער געשעצט, הגם טייל האָבן געהאַלטן, אַז זי איז אַ „בייזע שוויגער". אָבער ווי שוין געזאָגט, איז דאָס געווען בלויז די אויסערלעכע שאָלעכץ, וואָס נישט אַלע האָבן פאַרשטאַנען אָפּצוטיילן פון אינעווייניקסטן קערן.

אין די ערשטע טעג פון דער רעוואָלוציע האָבן מיר, אַ גרופּע נאָענטערע חברים, קענען אונזער ווילן פאַרשאַפט דער חברטע ראיסע גרויס עגמת־נפש.

אין איינעם אַ פאַרנאַכט האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז אין אָוונט דאַרף צו דער חברטע ראיסע קומען צופאָרן איר מאַן טאַראַס, וועלכער איז צוליב דער אַמנעסטיע באַפרייט געוואָרן פון טורמע (דאַכט זיך, פון וואַרשעווער). קיינער פון אונז האָט אים נישט געקאָנט און אפילו זיין נאָמען נאָך נישט געהערט. אויס סימפּאַטיע צו דער חברטע ראיסע, האָבן מיר באַשלאָסן צו מאַכן אים אַ שיינעם קבלת־פּנים.

האָבן מיר זיך באַזאָרגט מיט אַ פלעשעלע „זעקס־און־פופציקער", מיט הערינג, זויערע אוגערקעס, מיט „בשר־קוויטש" און ענלעכע „קרייטעכער", וואָס מיר האָבן געהאַלטן פאַר פּאַסיק צו אַזאַ געהויבענעם מאָמענט. באַוואָפנט מיט אַזאַ רעקוויזיט, זענען מיר מיט אַ טומל אַריין צו ראיסען אין צימער. מיר האָבן דאָס אַלץ אויסגעשטעלט אויפן טיש אין בעסטער אָרדנונג און זיך געזעצט וואַרטן אויפן גאַסט.

ראיסע איז געווען גערירט פון אונזער אויפמערקזאַמקייט און צוזאַמען מיט אונז מיטגעשטיפט, מיטגעזונגען און געדולדיק אַריבערגעטראָגן אונזערע לייכטע וויצן אויף איר אַדרעס.

מיט וועלכן צוג דער גאַסט וועט קומען, האָט ראיסע נישט געוואוסט. עס איז שוין געוואָרן שפּעטלעך; ראיסע האָט אָנגעהויבן

אַרויסוווייזן סימנים פון אומגעדולד און אונז איז אויך דערעסן גע־וואָרן צו קוקן אויף דעם פלעשעלע, וואָס האָט געדרייצט דעם גומען.

האָבן מיר באַשלאָסן דערווייל צו נעמען צו ביסלעך... ראַיסע האָט מיט אונז מער מיטגעוואונטשן, ווי מיטגעטרונקען, און אַלץ מער געוואָרן אומגעדולדיק. דערווייל האָט אין פלעשל אָנגעהויבן „טאָגן" און מען האָט געמוזט באַזאָרגן אַ צווייט פלעשל, כּדי נישט צו פאַרשעמען דעם גאַסט, וועלכער קען יעדער מינוט אָנקומען.

אַז אונזער חברה איז שוין געווען רעכט צעוואָרעמט, האָט זיך דערהערט אַ קלונג און דער גאַסט איז געקומען. צוערשט איז ער געבליבן אַביסל, ווי צעטומלט. ער האָט זיך אָבער לייכט באַהערשט, און גאַנץ פריינטלעך אויפגענומען אונזער האַרציקע באַגריסונג. איז ווי באַלד אַזוי — דאַרף מען דאָך אַראָפּלויפן נאָך אַ דריט פלעשעלע, ווייל דאָס צווייטע האָט פאַר דער צייט שוין אויך געגעבן צו פאַר־שטיין,... אַז עס האָט אַ דעק.

דערווייל האָט מען צווישן איין גלעזעלע און צווייטן פאַרצויגן, לכּבוד דעם ליבן גאַסט, אַ לידל. אַ לידל, ווי באַוואוסט, פאָרט זיך זייער גוט מיט אַ שנעפּסל, און נאָך אַ שנעפּסל בעט זיך ווידער אַ לידל... — ביז דאָס בלאַסע פּנים פונם גאַסט איז געוואָרן אָנגעכמאַ־רעט און בייז. ראַיסע האָט מיט פולע אויגן און פאַרלווירענעם בליק געקוקט אַמאָל אויף אונז, אַמאָל אויפן מאַן.

אָבער מיר, ווי נישט אונז מיינט מען דאָס, זיצן און זענען זיך משמח ווי גאָט האָט געבאָטן...

און וואָס איז אייגנטלעך געווען זיך צו ערגערן? אַז די רעוואָלו־ציע האָט מען געמאַכט, פון טורמע האָט מען דיך באַפרייט, אַ קעלי־שעק אויפן טיש האָסטו, אַ לידל צו זינגען ביזן גרויסן טאָג דאַרף מען אויך נישט מורא האָבן — טאַ חי־געלעבט און „באָלשע ני־טשעוואָ"...!

בקיצור, עס איז דערגאַנגען דערצו, אַז דער גאַסט האָט זיך מיט כּעס אויפגעהויבן, אָנגעטון דעם מאַנטל, אַ קלאַפּ געטון מיט דער טיר און אַוועק.

ראַיסע איז געוואָרן צעטומלט — נישט געוואוסט וואָס מיט זיך צו טון. עפּעס האָט זי צו אונז געשטאַמלט און נישט געקענט איינ־האַלטן די טרערן, וואָס זענען איר אַלץ אָפטער געקומען אין די אויגן. מיר האָבן זיך דערפילט עפּעס מאָדנע נישט גוט און האָבן זיך אַרויס־געשאַרט פון צימער אַביסל שווערלעך אויף די פיס.

אין אונזער דעמאָלטיקן „פרייליכן" צושטאַנד האָבן מיר גאָר־נישט געפילט די אכזריותדיקע אומטאַקטישקייט אונזערע: מענטשן זענען געווען אָפּגעריסן איינער פון צווייטן לאַנגע חדשים; געוואַרט און געהאָפט אויף דער שעה צו קענען אומגעשטערט בלייבן אַליין; צו קאָנען אַרומנעמען זיך און אויסדערציילן איינער דעם צווייטן די בענקשאַפט און פּיין, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט אין געצוואונגענער, לאַנגער צעשיידונג. אָנשטאָט צו לאָזן זיי אַליין, האָבן מיר זיך אָוועק־געזעצט אויסזינגען אונזערע לידער און דערפירט צו דער סצענע, וואָס האָט דער אָרעמער ראַיסען זיכער פאַרשאַפט טיפע מאָראַלישע ליידן.

אמת איז, אַז מיר האָבן דערביי נישט געהאַט קיין שלעכטע כוונות. אָבער דערפון איז אונזער אַקט נישט געוואָרן ווייניקער גראָב און ווייניקער אכזריותדיק.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט אונז נאָך ראַיסע איבערגעבעטן פאַר דער אומטאַקטישקייט (?) פון איר מאַן, וועלכער איז נאָך דער טורמע אַביסל נערוועז.

אומשולדיק־שולדיקע, הייליקע נאַיוויטעט!

איך האָב געהערט, אַז ח'טע ראַיסע געפינט זיך אין ראַטן־רוס־לאַנד. אויב די דאָזיקע שורות וועלן דורך אומוועגן אַריינפאַלן צו איר — זאָלן זיי איר דינען אַלס פאַרגיטיקונג פאַר דער מאָראַלישער עוולה, וואָס אויך איך בין, הגם קעגן מיין ווילן, לגבי איר דעמאָלט באַגאַנגען.

אַ קריסטלעכער קרבן

ווי איך האָב שוין דערמאָנט, איז די דווינסקער אַרבעטער־באַוועגונג געווען אויסשליסלעך אַ יידישע. די באַוועגונג האָט דערפון שטאַרק געליטן. באַזונדער האָט דער בלויז זיך געלאָזט פילן אין די פרייע טעג פון אָקטאָבער.

פונקט ווי פאַר אָקטאָבער, אַזוי האָבן זיך אויך אין די אַלגעמיינע שטרייקן, אין די גראַנדיעזע דעמאָנסטראַציעס, מיטינגען און אַנדערע אַרויסטרעטונגען אין די פרייע טעג באַטייליקט אויסשליסלעך יידישע אַרבעטער. אמת איז, אַז בעת די דאָזיקע אַרויסטרעטונגען פלעגן די יידישע אַרבעטער אַרויסווייזן אַן אומפאַרגלייכלעכן מוט און העלדישקייט. אָבער די אַבסאָלוטע אָפּוועזנקייט פון קריסטלעכע אַרבעטער אין די דאָזיקע אַקציעס האָט זיך זייער שטאַרק געלאָזט פילן.

— אַ יידישע רעוואָלוציע — האָט מען אָפט געהערט דעם פאַרוואורף, סיי אין יידישע, סיי אין קריסטלעכע קרייזן.

דער דאָזיקער אומשטאַנד האָט מאָראַליש געדריקט אויף די פירער און אויף דער גאַנצער אָרגאַניזאַציע. באַזונדער שמערצלעך האָט זיך דאָס געלאָזט פילן נאָך די אָפטע צעשאָסענע דעמאָנסטראַציעס: די טויט־געפאַלענע קרבנות, און אַזוינע זענען געווען אַ סך, זענען אַלעמאָל געווען אויסשליסלעך יידישע אַרבעטער. ביי די געגעבענע באַדינגונגען האָט, פאַרשטייט זיך, אַנדערש נישט געקאָנט זיין, אָבער דערפון איז דער פאַרדרוס נישט געווען קלענער, דער טאָפּלטער ווייטאָג נישט שוואַכער.

אויף צו כאַראַקטעריזירן יענעם מאָראַלישן צושטאַנד וואָלט איך געזאָגט, אַז די שטאָט האָט „געגאַרט" נאָך אַ קריסטלעכן קרבן. מיר, די פירער, האָבן זיך געקאָנט „טרייסטן" מיט דער גרויסער צאָל קריסטלעכע קרבנות אין אַנדערע שטעט פון גראַנדיעזן רוסלאַנד; אָבער די ברייטע מאַסע זעט כמעט אַלעמאָל נאָר דאָס נאָענטע, און דאָס נאָענטע איז געווען אַזוי, ווי דער ברייטער נישט באַהאַוונטער עולם

האָט דאָס געזען — „אַ יידישע רעוואָלוציע". אמת איז, אַז צו די באַן־שטרייקן פלעגט אויך צושטיין דער דווינסקער „דעפאָ", אָבער אין די גאַסן האָט מען די דעפאָ־אַרבעטער קיינמאָל נישט געזען.

און אָט אין איינעם אַ פרימאָרגן האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז אַ סאָלדאַט האָט דערשאָסן אַ קריסטלעכן אַרבעטער. צוערשט האָט מען גערעכנט, אַז דאָס איז אַ פּראָדוקט פון דער צעשפּילטער פאַנטאַזיע. אָבער גאָר גיך האָט זיך די ידיעה באַשטעטיקט.

געשען איז די זאַך אַזוי: אין יענע טעג פון אויפברויז האָט דער אָרטיקער גאַרניזאָן געהאַט פונאַנדערגעשטעלט מיליטערישע פּאַטרולן איבער דער באַן־ליניע, כדי אָפּצוהיטן זי פון אַן אויפרייס. חוץ אין אָנגעוויזענע ערטער, איז אַריבערגיין די באַן־ליניע געווען פאַרבאָטן. אַלע האָבן וועגן דעם געוואוסט, און ביי דער ערשטער אויפפאָדערונג פון פּאַטרול האָט מען פאַרקירעוועט צום אָנגעוויזענעם דורכגאַנג.
צי דער געהרגעטער אַרבעטער איז געווען אַביסל בגילופין, צי אים האָט זיך גלאַט געוואָלט אויספירן אַן עקשנות, נאָר ער האָט זיך אויף דער אויפפאָדערונג פון פּאַטרול נישט געוואָלט אָפּשטעלן און געגאַנגען גלייך אויפן סאָלדאַט. פאַרשטייט מען דאָך, אַז דער סאָלדאַט האָט לאַנג נישט געקלערט — ער האָט אויסגעשאָסן און דערהרגעט דעם אַרבעטער אויפן אָרט. ווי די זאַך איז דאָרטן נישט פאָרגעקומען, נאָר מיר האָבן אין דווינסק שוין געהאַט אַ קריסטלעכן קרבן פון צאַרישען רעזשים.

פאַרן דווינסקער קאָמיטעט איז דאָס געווען אַ גרויס געשעעניש. אויף אַ זיצונג האָבן מיר די זאַך באַטראַכט, און צווישן אַנדערע באַשלוסן האָבן מיר באַשטימט, אַז וועגן דער לויה פון דערהרגעטן אַרבעטער דאַרף מען זיך פאַרשטענדיקן מיטן „סעוועראָ־זאַפּאַדני (צפון־מערב־) קאָמיטעט" פון דער רוסלענדער סאָציאַל דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי.

דעם „סעוועראָ־זאַפּאַדני קאָמיטעט" האָט די רוסלענדער ס. ד. אַרב. פּאַרטיי געגרינדעט מיטן ציל צו פירן אַ טעטיקייט אין יענעם ראַיאָן. דער באַהאַלטענער ציל פון זיין גרינדונג איז געווען — דער קאַמף מיטן אָרגאַניזאַציאָנעלן פּרינציפּ פון „בונד". קיין גרויסע זיבן זאַכן צווישן די קריסטלעכע אַרבעטער האָט ער אין פאַרלויף פון זיין טעטיקייט נישט אויפגעטון. אין זיין אַקטיוו האָט ער געהאַט צו פאַר־

צייכענען אַ קליין הייפל יידישער אינטעליגענץ און נאָך אַ קלענערע גרופּע יידישע אַרבעטער, וואָס ער האָט אָפּגעצויגן פון „בונד". קיין דירעקטן שאָדן האָט ער דעם „בונד" נישט געמאַכט. אָבער דאָס, וואָס דער דאָזיקער קאָמיטעט האָט זיך נישט קאָנצענטרירט אויף זיין אייגענטלעכער אויפגאַבע — אויף אָרגאַניזירן די קריסטלעכע אַרבעטער פון „טשערטאַ" (תּחום), וואו דער „בונד" האָט געפירט זיין טעטיקייט — האָט געבראַכט שאָדן נישט נאָר דעם „בונד".

געוואוסט האָבן מיר, אַז אין דווינסק האָט דער ס. ז.־קאָמיטעט געהאַט זייער קליינע איינפלוסן צווישן די אַרבעטער. אין אונזערע געשפּרעכן מיט זיי האָבן מיר אַלעמאָל געהערט, אַז זיי האָבן „סוויאַזי" (פאַרבינדונגען) מיטן „דעפאָ" און אַנדערע פאַבריקן, וואו עס זענען באַשעפטיקט קריסטלעכע אַרבעטער. דאָס וואָרט „סוויאַזי" איז מיט דער צייט געוואָרן אַ חוזק־וואָרט. אָבער אַז דער איינפלוס פון פּאַרטיי־קאָמיטעט, ווי מען פלעגט פאַרקירצט רופן דעם צפון־מערב־קאָמיטעט, זאָל זיין אַזוי סקאַנדאַליעז נישטיק, ווי דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן ביי דעם פאַל מיטן דערשאָסענעם קריסטלעכן אַרבעטער, האָט זיך קיינער פון אונז נישט פאָרגעשטעלט.

אייגענטלעך האָט גאָר אַנדערש נישט געקאָנט זיין: צוליב זיין באַהאַלטענעם ציל, זענען די טוער פון דאָזיקן קאָמיטעט, ווי אויך די טוער אין די אַנדערע קאָמיטעטן אויף די ערטער, באַשטאַנען כּמעט אויסשליסלעך פון יידישע האַלב־אַסימילירטע אינטעליגענטן. די צענטראַלע פיגור פון קאָמיטעט איז געווען דער באַוואוסטער „בונד"־פרעסער ב. סטאָלפּער. זיי אַלע זענען צו דער אַרבעט צווישן די קריסטלעכע אַרבעטער פון דער „טשערטאַ" לחלוטין נישט געווען צוגעפּאַסט. אַזוי איז אויך געווען אין דווינסק.

אָבער צוליב דער וויכטיקער געשעעניש פון דערשאָסענעם קריסטלעכן אַרבעטער האָבן מיר דאָך באַשלאָסן זיך צו פאַרשטענדיקן מיטן ס. ז. קאָמיטעט און איינאָרדענען די לויה געמיינזאַם.

צו די אונטערהאַנדלונגען מיט די „פּאַרטייצעס" איז אַוועק דער בונדישער קאָמיטעט אין זיין גאַנצן צוזאַמענשטעל, ד. ה. כאַצקל, ראַיסע און איך. די דעלעגאַציע פון די „פּאַרטייצעס" איז באַשטאַנען פון אַ יידיש מיידל, פון 2 יידישע בחורים, געוועזענע גימנאַזיסטן, וואָס מיר אַלע האָבן זיי געקאָנט, און פון אַ קריסטלעכן אַרבעטער.

מיר האָבן זיי אינפאָרמירט וועגן אונזערע באַשלוסן און פּלע־נער און זיי געבעטן, זיי זאָלן אונז אויך אינפאָרמירן, ווי אַזוי זיי האָבן בדעה איינצואָרדענען די לויה.

אָנשטאָט דעם האָט דאָס מיידל אונז דערקלערט, אַז זיי ווילן איינאָרדענען די לויה בלויז פון קריסטלעכע אַרבעטער. זיי בעטן דע־ריבער דעם קאָמיטעט פון „בונד" ער זאָל זאָגן די יידישע אַרבעטער — זיי זאָלן זיך אין דער לויה נישט באַטייליקן.

איך מיט ראַיסען זענען געוואָרן אויפגעקאָכטע. איך האָב גע־מאַכט אַזעלכע געוואַלדן און געזידלט זיי מיט אַזעלכע ווערטער, פון וועלכע עס האָט געקאָנט ווערן נאָך אַ „קריסטלעכער קרבן", אויב זיי וואָלטן מקוים געוואָרן... כאַצקל דאַקעגן וואָס איז געוואָרן בלייך ווי קאַלך, האָט זיך באַהערשט און געלאָזט זיך אויף אַ דיפּלאָמאַטיש שפּיצל: מיט אַן אויסערלעכער רואיקייט האָט ער פאָרגעלייגט די „פּאַרטייצעם" זיי זאָלן אַליין דורך אַ געדרוקטן אויפרוף ווענדן זיך דירעקט צו די יידישע אַרבעטער, זיך נישט באַטייליקן אין דער לויה.
הגם עס איז געווען קלאָר, אַז כאַצקל צילט מיט זיין פאָרשלאָג צו באַווייזן די „פּאַרטייצעם" די אומזיניקייט פון זייער באַשלוס, האָב איך פונדעסטוועגן נישט געקאָנט אים מוחל זיין דעם דיפּלאָמאַטישן אופן פון דערליידיקן אַזאַ טראַגישן ענין. איך האָב פּראָטעסטירט, געהאַקט אין טיש, געמאַכט זיי מיט בלאָטע צוגלייך, און סוף כל סוף אַ קלאַפּ געטון מיט דער טיר, צושיקנדיק די „פּאַרטייצעם" אַ „דריי גאָרנדיק" זידל־וואָרט אויפן עכט־רוסישן שטייגער...

מיט וואָס די זיצונג האָט זיך נאָך מיין אַוועקגיין געענדיקט, איז נישט וויכטיק. אָבער אַ פאַקט איז, אַז חוץ די גאָר נאָענטע פאַמיליע־מענטשן פון דערשאָסענעם, האָט מען אויף דער לויה קיין איין קריסט־לעכן אַרבעטער נישט געזען. דער טרויער־צוג האָט זיך געצויגן זייער לאַנג און איז באַשטאַנען כמעט אויסשליסלעך פון יידישע אַר־בעטער.

אויפן קבר האָבן גערעדט עטלעכע בונדישע רעדנער. די „פּאַר־טייצעם" האָבן אונז אָנגעגעבן אין נדן אויך אַ קריסטלעכן רעדנער מיטן נאָמען אַנטאָן, וועלכער איז ספּעציעל געקומען פון „צענטער" — פון ווילנע. ווי גרויס איז געווען אונזער איבעררעשונג, ווען אין אַנטאָנען האָבן מיר, ווידער אַמאָל, דערקאָנט אונזערן אַ דווינסקער

יידישן אינטעליגענט. אמת טאַקע, אַ רעדנער איז ער געווען אַ פּרעכ־טיקער און אַ פּנים האָט ער געהאַט טאַקע אַ קריסטלעכן, אָבער מיט די קריסטלעכע אַרבעטער אין דווינסק האָט דאָס אַליין נישט געהאָט צו טון.

אָט אַזוי האָבן מיר דעם קריסטלעכן קרבן געבראַכט צו זיין איי־ביקער רו. די טענער פון „אינטערנאַציאָנאַל", וועלכע ער האָט וואָר־שיינלעך נישט געהערט, אָדער נישט געוואָלט הערן ביים לעבן, האָבן אים איצט באַגלייט נאָכן טויט.

דער דווינסקער ב. אָ. (באָיעוואָי
אָטריאַד — קאַמף־אָפּטיילונג)

1. זיין אַנטשטייאונג

אין צוזאַמענהאַנג מיט אַ גאַסן־דעמאָנסטראַציע אין 1904, וואו די פּאָליציי איז זיך מערדערלעך באַגאַנגען מיט די דעמאָנסטראַנטן, האָט די אָרטיקע אָרגאַניזאַציע באַשלאָסן צו גרינדן אַ קאַמף־דרוזשינע (באָיעוואָי אָטריאַד — ב. אָ.) וואָס זאָל קאָנען מיט געווער באַשיצן אונזערע דעמאָנסטראַציעס (דער קישענעווער פּאָגראָם האָט אַרויס־גערופן צום לעבן ענלעכע דרוזשינעס אויך אין אַנדערע שטעט, און אין אָנפאַנג זענען זיי געווען פירער פון די זעלבסט־שוצן).

דווינסקער ב. אָ. איז אָבער אַנטשטאַנען, לויט דער איניציאַטיוו פון עטלעכע יונגע מאַסן־אַרבעטער, נאָך מיט אַ צייט פריער, אָן דעם וויסן פון דער אָרטיקער אָרגאַניזאַציע, בסוד פון איר. אויך די צילן, וואָס ער האָט זיך לכתחילה געשטעלט, זענען געווען אַנדערע.

באַלד נאָך דער ווילנער מאַי־דעמאָנסטראַציע אין 1902, נאָך איידער הירש לעקערט האָט געשאָסן אינם גובערנאַטאָר, פאָן וואַל, האָבן מיר, אַ גרופּע יונגע אַרבעטער פון דווינסק, זיך אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק, אַז מ'דאַרף פאָרן קיין ווילנע, נקמה נעמען פון פאָן וואַלן (אַזעלכע שטימונגען זענען געווען נישט נאָר אין דווינסק). נאָך דעם שאָס פון הירש לעקערט האָט זיך אין „בונד" אָנגעהויבן די דיסקוסיע אַרום דער פראַגע פון אָרגאַניזירטער נקמה.

דעם מאַסן־אַרבעטער איז געווען פאַרשטענדלעכער די טאַקטיק, „וואָס מ'קאָן אָנטאַפּן מיט דער האַנט" — די טאַקטיק פון טעראָר. אויב נישט אַלס סיסטעמאַטישער פּאָליטישער קאַמף־מעטאָד, איז אַלס אַ נקמה־אַקט פאַר זיינע באַליידיקטע און טיף געקרענקטע געפילן, וואָס האָבן געזוכט אַ באַלדיקע באַפרידיקונג.

און אַט האָבן זיך ביי אונז אין שטאָט פיר יונגע אַרבעטער צו־זאַמענגערעדט צו בילדן אַ גרופּע פאַר אַזעלכע נקמה־אַקטן איבער די מער־אכזריותדיקע פאַרשטייער פון דער אַרטיקער מאַכט.

די נשמה פון דער דאָזיקער גרופּע איז געווען אַ בלעכער־אַרבע־טער — משהקע בלעכער (מאָרים היימאַן). דאָס איז געווען אַ באַשיידע־נער בחור פון אַ יאָר 19—20, וואָס פלעגט אויף פאַרזאַמלונגען זייער ווייניק רעדן. פאַר די עקספּלואַטאַטאָרן האָט ער געהאַט אַ סך שאַרפע ווערטער און וואָלט זיי נישט געזשאַלעוועט, ווי ער פלעגט זאָגן, „דעם לעצטן טויט", „טעאָרעטיש" איז ער געווען שוואַך צוגעגרייט, און פלעגט זיך באַציען מיט גרוים ביטול צו די „אינטעליגושן" (אינטע־ליגענטן). ער איז אָבער געווען אַ געזעצטער מענטש, און אַז ער האָט וואָס געזאָגט, האָט מען זיך גוט צוגעהערט. „משהקע וועט קיין ליגן נישט זאָגן", האָט מען געוואוסט, אַ גוטער חבר, מיט אַ זעלטענעם גע־פיל פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר זיינע מעשים און זיינע חברים.

אַן אַרבעטער האָט נעדראָט טויט־שטראָף פאַר אַ טעראָריסטישן אַקט, וואָס ער, משהקע, האָט אויסגעפירט. איז ער אַוועק צו די אַד־וואָקאַטן, וואָס האָבן געפירט דעם פּראָצעס פונם אומשולדיקן און האָט זיך געמאָלדן אַלס דער אמתער אָנפאַלער. ער האָט זיך געוואָלט שטעלן פאַרן מיליטער־געריכט, כּדי יענעם צו ראַ־טעווען. אַלס אַ סימן, אַז דאָס איז טאַקע ער געווען דער אָנפאַלער, האָט ער געוויזן דעם ווייכן אָרט פון פוס, וואו עס איז נאָך געלעגן די קויל, וואָס האָט אים געטראָפן בעת פּאָליציי האָט אים געיאָגט און נאָכגעשאָסן. צום געריכט האָט ער זיך נישט געשטעלט, ווייל די אַד־וואָקאַטן האָבן געזאָגט, אַז מיט דעם וועט ער יענעם נישט ראַטעווען: מען וועט יענעם באַשולדיקן אַלס מיטהעלפער, כּדי ס'זאָל נישט אויס־קומען, אַז מען האָט געוואָלט פאַרמשפּטן אַן אומשולדיקן (אין אַמער־טאַט האָבן טאַקע אָנטייל גענומען 2 פּערזאָן). אין שטאָט האָט מען גערעדט, אַז די אַדוואָקאַטן האָבן אויפן פּראָצעס געגעבן אַ שבועה, דאָס זיי ווייסן, אַז געשאָסן האָט אַן אַנדערער — און דערפאַר טאַקע איז יענער אַרויס פריי.

דער צווייטער פון דער גרופּע איז געווען הירשקע דער פאַרבער. אַ שלאַנקער, שיינער לעבעדיקער בחור, מיט דער זעלבער ביטול־באַ־ציאונג צו „אינטעליגושן". אַ וויצלינג, מיט אַ הומאָריסטישן שמייכל אויף די ליפּן, און אַ היימלעך פייערל אין די קלוגע אויגן. אַ גרויסער

קאָנספּיראַטאָר, האָט ער זיך מיט אַ ווערטל, מיט אַ תּנועה אויסגע־
דרייט פון אַ ניינעריקן, וואָס האָט געוואָלט צופיל וויסן...

דער דריטער איז געווען מולינקע דער בענקל־מאַכער. געווען איז
ער אפשר גאָר יונגער, ווי די ערשטע צוויי, אָבער אַ באַלעזענער אין
דער רעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור. אַ גרויסער ענטוזיאַסט און ווי
משהקע בלעכער — מיט גרויס אחריות־געפיל לגבי חברים און פּאַר־
טיי־אַרבעט. אַ קליינגעוויקסיקער, אַ דאַרער, אַ ביסל אַ טויבלעכער,
פלעגט ער גיין דעם קאָפּ עטוואָס אַראָפּגעלאָזן. אַ פאַרשלאָסענער אין
זיך, און אויף וויפל עס געדענקט זיך, אַביסל אַן איינגעשפּאַרטער. ער
האָט פיינט געהאַט אַ סך צו רעדן: „מ'דאַרף טון — נישט רעדן" איז
געווען זיין דעוויז. פון אינטעליגענטן האָט ער אויך נישט געהאַלטן.

דער פערטער איז געווען הירשע ־ יאַנקל דער בלעכער. לויטן
כאַראַקטער — אומגעפער פון זעלבן שניט, ווי די ערשטע דריי.

שפּעטער זענען צו דער דאָזיקער גרופּע פון פיר צוגעקומען מענט־
קע דייטש, שמולקע „אײַנגבערמאַכער", מאָטקע דער שלאָסער, דאַכט
זיך, אַז אויך הירשע־לייבקע בערשטל־מאַכער און אַנדערע. ווענן די
ערשטע צוויי, וועט נאָך אויסקומען צו רעדן.

אין די מוחות פון די ערשטע פיר יונגע אַרבעטער איז דאָס
אויפגעקומען דער געדאַנק מיט אייגענע כּחות און מיטלען אויסצור־
פּאַרטיקן באָמבעס — „קניידלעך", ווי זיי האָבן דאָס צווישן זיך
קאָנספּיראַטיוו גערופן. די ערשטע שוועריקייט איז געווען — וואו
נעמט מען אַ „רעצעפּט" פאַר דעם אויפרייס־מאַטעריאַל? און די
דאָזיקע שוועריקייט איז די גרופּע בייגעקומען אויף אַזאַ אופן:

משהקע בלעכער — די נשמה פון דער גרופּע — האָט געהאַט אַ
חבר שלומקע בלעכער. צוליבן פּריזיוו איז ער אַוועק קיין לאָנדאָן
און זיך דאָרט אָנגעשלאָסן אָן אַ גרופּע אַנאַרכיסטן־טעראָריסטן. די
דאָזיקע גרופּע פלעגט פון צייט צו צייט אַרויסגעבן העקטאָגראַפירטע
ליטעראַטור. אָט צו דעם דאָזיקן אַנאַרכיסט אין לאָנדאָן האָט עס
משהקע אָנגעשריבן און געבעטן אים צוצושיקן דעם נויטיקן „רע־
צעפּט פאַר די קניידלעך". יענער האָט אים צוגעשיקט אַ העקטאָגראַ־
פירט בלעטל, וואו עס האָט זיך געפונען דאָס, אין וואָס דער פּירלינג
האָט זיך גענויטיקט. אַזוי אַרום זענען זיי געוואָרן „כעמיקער" און
גלייך מיט ברען צוגעטרעטן צו דער אַרבעט.

אָבער אַצינד זענען אַנטשטאַנען טעכנישע, פינאַנציעלע און אַנ־דערע שוועריקייטן. באַזונדער האָט מען זיך געדאַרפט היטן דער קאָ־מיטעט זאָל זיך נישט דערוויסן פון דער אונטערנעמונג. די פינאַנציע־לע שוועריקייטן איז מען בייגעקומען גאָר אויף אַן אָריגינעלן אופן: זוער עס האָט געקאָנט, דער האָט עפּעס „צוגעצויגן" פון זיינע אייגע־נע, ביי טאַטע־מאַמע אין שטוב, און טיילווייז האָט מען די פינאַנצן פאַרשטאַרקט דורך „שמערקע". (אַ וואָרט, מיט וועלכן די בלעכער־אַרבעטער האָבן באַצייכנט צוגעגנב'עטע בלעך פון געביידעס, וואו מען האָט געאַרבעט).

אין פאַרלויף פון עטלעכע וואָכן, האָט מען טיילווייז אין אַ שטאָל, טיילווייז אויף בוידעמער, צוגעגרייט די ערשטע „קנײדלעך". אָן די נויטיקע קענטעניש, האָט מען צען מאָל אין אַ מינוט ריזיקירט אַליין אויפגעריסן צו ווערן. נאָך אומדערמידלעכע לאַנגע אָנשטרענגונגען, כמעט אָן די נויטיקע געצייג, איז אין פרילינג 1905 פאַרטיק גע־וואָרן די ערשטע פּאַרטיע „קנײדלעך".

די קאָנסטרוקציע פון די „קנײדלעך", איז געווען זייער אַ פּרי־מיטיווע: פון בלײַ האָט מען אויסגעגאָסן אַ פּוסטע קויל, אין וועל־כער מען האָט אויסגעבויערט אַ סך קליינע לעכלעך און איין גרעסער לאָך. אין די לעכלעך האָט מען אַריינגעשרויפט קורצע, מעטאַלענע רערלעך, אויף וועלכע עס האָבן זיך שפּעטער אַרויפגעזעצט פּיסטאָ־נעס, אָנגעפּילט מיט פּולווער. דורך דעם גרעסערן לאָך האָט מען די קויל אָנגעפּילט מיט אויפרייס־מאַטעריאַל און פעסט פאַרשרויפט. ווען די קויל איז געפאַלן אויף אַ האַרטן אָרט, האָט זיך פון קלאַפּ אָנגע־צונדן דער פּולווער אין די פּיסטאָנעס, דער פונק פון פּולווער האָט אָנגעצונדן דעם אויפרייס־מאַטעריאַל און די באָמבע האָט אויפגעריסן.

אויף וויפל איך געדענק, זענען שוין אין פרילינג 1905 געמאַכט געוואָרן מיט זיי פּראָבעס, כדי פעסטצושטעלן, ווי גרויס עס איז די קראַפט פון אויפרייס און צו רייסן זיי איבערהויפּט אויף. אין איי־נער אַזאַ פּראָבע האָב איך אויך אָנטייל גענומען.

פאַרגעקומען איז דאָס עטלעכע ווערסט הינטער דער שטאָט — אין „סטראַפּער" וואַלד. אַרויסגעגאַנגען פון שטאָט זענען מיר אַ שטיק פאַרטאָג. מיר האָבן אויסגעזוכט אין וואַלד אַ לײדיקן פּלאַץ, צוזאַ־מענגעטראָגן אַ גרויסע צאָל שטיינער (אין וואַלד איז דאָס געווען נישט לייכט) און מיט זיי אויסגעברוקירט אַ שטיק באָדן, אַן ערך צוויי

קוואַדראַט מעטער. מיר האָבן אויף אַזאַ אופן באַקומען אַ האַרטן באָדן, אין וועלכן עס דאַרף זיך אָנקלאַפּן איינע פון די פּיסטאָנעס, ווען דאָס „קניידל" וועט פאַלן. מיר האָבן אָבער נאָך נישט געוואוסט — נישט די קראַפט פון אויפרייס, אויך נישט די גרויס פון שטח, וואָס דער אויפרייס נעמט אַרום. דער וואַרפער האָט ריזיקירט מיטן לעבן, ווייל גאַנץ ווייט וואַרפן דאָס „קניידל" האָט מען צוליב זיין וואָג נישט געקאָנט. מיר האָבן דעריבער פריער געמאַכט איבונגען מיט שטיינער, וואָס האָבן געהאַט אומגעפער די זעלבע וואָג, ווי דאָס „קניידל". די איבונג איז באַשטאַנען אויך אין דעם מען זאָל בעת דער שטיין פליט, אַפּלויפן וואָס ווייטער פונעם אָרט, פון וועלכן מ'האָט דעם שטיין געוואָרפן.

ווער פון אונז עס האָט געוואָרפן דער ערשטער, געדענק איך נישט. איך געדענק נאָר, אַז מ'האָט די באָמבע געוואָרפן עטלעכע מאָל און זי האָט אַלץ נישט אויפגעריסן. צי דערפאַר, וואָס זי איז אַלץ געפאַלן אויף די ווייכע ערטער צווישן די שטיינער, אָדער אפשר זענען נישט אַלע פּיסטאָנעס געווען אין אָרדנונג. דאָס האָט אונז אַזוי צע־רייצט, אַז מיר האָבן לגמרי פאַרגעסן יעדע פאָרזיכטיקייט; מיר האָבן פאַר כעס געשליידערט דאָס „קניידל", ווי אַ פילקע.

מיטאַמאָל האָט אונז אַ בליץ געטון אין די אויגן. מיר האָבן אַלע, ווי לויט אַ קאָמאַנדע, זיך צוגעזעצט צו דער ערד און עס איז אונז אָפּגענומען געוואָרן דער לשון. קיינער פון אונז האָט נישט געהערט דעם אויפרייס. ווען מיר זענען געקומען צו זיך, זענען מיר געווען ווי פאַרטויבט; קיינער האָט נישט געהערט וואָס דער צווייטער האָט גע־רעדט...

די טויבקייט איז אָבער גיך פאַראיבער, און מיר האָבן גענומען אויספאָרשן די רעזולטאַטן. אַן ערך צוויי מעטער ווייט פון אויפרייס־אָרט, איז אויף אַ בוים, עטוואָס העכער פון וואָרצל, געווען די קאָרע שטאַרק אַרומגעפליקט, און דאַכט זיך, אַז עטלעכע שטיינער פונעם „ברוק" זענען געווען אַרומגעריסן. מיר זענען געווען „גליקלעך". מיר האָבן טריאומפירט.

איינעם פון אונז איז איינגעפאַלן, אַז מען מוז וואָס גיכער פון דאַנען זיך אָפּטראָגן, ווייל דעם אויפרייס האָבן זיכער געקאָנט הערן די וואַלד־וועכטער און מ'קאָן זיך „פאַרשיטן" (דורכפאַלן). מיר האָבן זיך פאָרזיכטיק אַרויסגעשאַרט פון וואַלד. אַז מיר זענען געקומען

אויף די „פּלעצער" (אַ טייל פון שטאָט), איז שוין געווען גרויסער טאָג. מיר זענען געווען גוט געשטימט און זיך פריילעך געוויצלט; פונדעסטוועגן, געדענק איך, האָבן מיר אויסגעמיטן פאַרביי צו גיין פאַר די „מענטעס" (פּאָליציאַנטן), ווייל אונז האָט זיך געדאַכט, אַז אַלע האָבן געדאַרפט הערן דעם אויפרייס, מ'וועט אָן אונז גלייך דערקענען, פונוואַנען מיר גייען...

וועגן דער געלונגענער פּראָבע איז באַוואוסט געוואָרן דעם אָרטיקן קאָמיטעט. די „פּראָדוקציע" האָט זיך פאַרברייטערט, די „קנוידלעך" זענען אין 6—1905 יאָר פונאַנדערגעשיקט געוואָרן אין פאַרשידענע שטעט פון בונדישן ראַיאָן. אין וועלכע שטעט מ'האָט זיי אויסגענוצט, ווייס איך נישט. איך געדענק נאָר, אַז אין האָמעל און, דאַכט זיך, אויך אין באָברויסק זענען פאַר יענער צייט געוואָרפן געוואָרן באָמבעס. איך מיין, אַז דאָס זענען געווען די דווינסקער „קנוידלעך", ווייל אויף וויפל מיר איז באַוואוסט, זענען אין „בונד" קיין אַנדערע נישט געווען.

8 „קנוידלעך" האָב איך געבראַכט קיין אָדעס. דאָס איז געווען שוין נאָך דעם מאָסקווער אויפשטאַנד. די שטימונג איז שוין געווען אַ געדריקטע. אַלע האָבן געפילט, אַז אַזוי גיך וועט מען די באָמבעס שוין נישט דאַרפן, און מיר האָבן זיי אין אַ גליטשיקן, פינסטערן אָוונט באַגראָבן ביז בעסערע צייטן אויפן לאַנזשעראָן (אַן אָרט בײַם ברעג ים אין אָדעס). אין דער „קבורה" האָבן אָנטייל גענומען 4 מענטשן: אַבראַם דער שלאָסער (נאָך היינט אַ בונדיסט), אַבראַם גינזבורג (היינט אַ קאָמוניסט אין רוסלאַנד), די דעמאָלט באַוואוסטע טוערין אין בונד — חיה (שוין געשטאָרבן) און דער שרייבער פון די שורות. אין 1918 האָב איך צוזאַמען מיט אַבראַם דעם שלאָסער געזוכט דאָס אָרט, וואו מיר האָבן באַהאַלטן די „קנוידלעך", אָבער מיר האָבן עס נישט געפונען.

2. דער ב. אָ. בײַ דער אַרבעט

דער ב. אָ. האָט זיך נישט באַגנוגנט בלויז מיטן אויספּאַרטיקן „קנוידלעך" פאַר דער צוקונפט. אין 1904—5 צעפלאַקערט זיך דאָס רעוואָלוציאָנערע פייער איבערן גאַנצן לאַנד. דווינסק גייט אין די פאָדערשטע רייען: גראַנדיעזע מיטינגען אין בתי־מדרשים, פּאָליטישע באַנקעטן, אַלגעמיינע שטרייקן, אָפטע דעמאָנסטראַציעס; די שלאַכטן

אויף דער אַרבעטער־בירזשע פאַרשטאַרקן זיך, די אַרבעטער זענען איינגעשפּאַרט, גיבן נישט נאָך, די פּאָליציי מוז אָפּט אָפּטרעטן — די אַרבעטער פאַריאָגן זי. באַזונדערס אויפגערייצט איז געוואָרן די דווינ־סקער פּאָליציי, ווען די בירזשע האָט איבער די גאַסן פון שטאָט גע־יאָגט דעם באַוואוסטן פּריסטאַוו קורלאַנדסקי, און יענער האָט זיך געראַטעוועט אין דער וואוינונג פון ראַגאַטשאָווער רב. דאָס איז גע־ווען פאַר דער פּאָליציי אַ מאָראַלישער קלאַפּ, ווייל אין שטאָט האָט מען פון דער פּאָליציי און פון פּריסטאַוו חוזק געמאַכט. פלעגט מען כאַפּן פון די גאַסן, מען פלעגט שלאָגן אין די „אוטשאַסטקעס". דאָס באַוועגט דעם ב. אָ. זיך נעמען צו דער אַרבעט.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ רייע אָנפאַלן, צוערשט אויף די ני־דעריקערע „מענטעס". די אָנפאַלן זענען געמאַכט געוואָרן אין מיטן העלן טאָג. די אָנפאַלער פלעגט אַלע מאָל געלונגען צו אַנטלויפן. באַ־זונדערס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע אָפּטע אָנפאַלן אויף פּאָ־ליציאַנטן מולינקע דער סטאָליער. נאָך כמעט אַ קינד — קוים 18 יאָר אַלט — האָט ער נישט געקאָנט פאַרבייגיין אַ „מענטע", ער זאָל אין אים נישט שיסן. אין שטאָט האָבן ווענן אים געוואוסט אַ סך מענטשן. מ'האָט אויף אים פשוט געטייטלט מיט די פינגער. עס איז געוואָרן געפערלעך און מ'האָט אים געצוואונגען אָפּצופאָרן פון שטאָט. מ'האָט אים צוגעשיקט צו מיר קיין ביאַליסטאָק, וואו איך האָב צו יענער צייט געאַרבעט, מיט דער ביטע איך זאָל אים אַביסל „איינ־האַלטן". אין ביאַליסטאָק איז ער געוואָרן אַ בעקער. אויב איך האָב קיין טעות נישט, האָט ער זיך נישט „איינגעהאַלטן" און האָט אויך דאָ געשאָסן אין אַ פּאָליציאַנט און געמוזט אויך פון ביאַליסטאָק אָפּ־פאָרן. וואו ער איז איצט און וואָס מיט אים איז געוואָרן איז מיר, לײדער, נישט באַוואוסט.

דערנאָך האָט זיך דער ב. אָ. גענומען אויך צו העכערע פּאָליציי־פאָרשטייער.

אין פעברואַר 1905 איז אין דווינסק פאָרגעקומען אַ גאַסן־דע־מאָנסטראַציע, אַלס פּראָטעסט קעגן דער פעטערבורגער בלוט־באָד פון 9־טן יאַנואַר. פּאָליציי האָט געשאָסן אין דער דעמאָנסטראַציע און דערהרגעט אַ יונגן אַרבעטער אבא רייך. אין שטאָט האָט מען גע־רעדט, אַז עס זענען דערהרגעט געוואָרן 8 אַרבעטער און אַז פּאָליציי האָט זיי אויפגעקליבן און געהיים מקבר געווען, כדי נישט אויפצורייצן די געזעלשאַפטלעכע מיינונג. די דאָזיקע דעמאָנסטראַציע איז אין

אַבּע רייך
דערשאָסן אויף אַ דעמאָנסטראַציע קעגן צאַריזם

מאָטל געווער און הירשל דער פאַרבּער
(מיטגלידער פון דווינסקער בּ. אָ., אומגעקומען פון אַ בּאָמבּע-אויפרייס)

הירש יאַנקל דער בלעכער

מיטגליד פון דווינסקער ב. אָ.

משהקע בלעכער (מאָריס הײמאַן)

לעבט אין ניו-יאָרק

מיטגליד פון דווינסקער ב. אָ.

דווינסק באַקאַנט געווען אונטערן נאָמען — „די פעברואַר־געשעע־נישן", ווייל באַלד דערנאָך זענען פאָרגעקומען אַ רייע פּראָטעסט־שטרייקן, פּראָטעסט־מיטינגען א. ד. גל.

מיט אַ באַזונדער ברוטאַלישקייט האָט זיך דעמאָלט אויסגע־צייכנט איינער אַ געהילף־פּריסטאַוו, דערנאָך פּריסטאַוו מיטן נאָמען יעראָמאָוו. געווען איז ער אַ הויכער, מיט ברייטע פּלייצעס און הוצפּהדיק־שטעכיקע אויגן. אַריינצופאַלן אין זיינע הענט איז געווען געפערלעך. פון זיין בליק אַליין איז געוואָרן אומהיימלעך. ביי די צוזאַמענשטויסן מיט די אַרבעטער פלעגט ער אַרויסטרעטן פאָראויס, זיך וואַרפן אין די געפערלעכסטע ערטער. די אַרבעטער פלעגן אים רופן נישט אַנדערש, ווי געלער טייוול אָדער געלער הונט (ער האָט געהאַט אַ געלע באָרד). דער ב. אָ. האָט באַשלאָסן דעם געלן הונט „אוועקצולייגן". און דעם ערשטן מערץ 1905, אַ פּאָר וואָכן נאָך דער דעמאָנסטראַציע, האָבן צוויי מיטגלידער פון ב. אָ. — מענדל דייטש און שמולקע איינגבערמאַכער — דעם אורטייל אויסגעפירט.

געשאָסן אין יעראָמאָוון האָט דייטש. שמולקע האָט געדאַרפט שיסן, אויב דייטש וואָלט נישט געטראָפן. דער אַטענטאַט איז פאָרגע־קומען אינמיטן שטאָט, אויף וולאַדימירסקע גאַס, 12 אַ זייגער ביי־טאָג, און האָט געמאַכט אַ געוואַלדיקן איינדרוק. שמולקען האָט זיך איינגעגעבן צו אַנטלויפן און דייטשן האָט מען געכאַפּט. די קויל האָט יערעמאָוון געטראָפן אין שטערן, און הגם ער האָט זיך לאַנג געמאַ־טערט, איז ער דאָך געבליבן לעבן.

דייטש איז איבערגעגעבן געוואָרן צו אַ מיליטערישן געריכט, וועלכער איז פאָרגעקומען אין יוני פון זעלביקן יאָר אין דווינסקער פעסטונג און דייטש איז פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט.

דער פּראָצעס האָט דעמאָלט אָפּגעקלונגען איבער גאַנץ רוס־לאַנד, מיט אים איז פול געווען די גאַנצע רוסישע ראַדיקאַלע פּרעסע, וואָס האָט אַרויסגעוויזן צום אָנפאַלער גרויס סימפּאַטיע. דער אינטע־רעס דערקלערט זיך מיט דעם שטאַרקן איינדרוק, וואָס דער אָנפאַלער האָט געמאַכט אויף זיינע פאַרטיידיקער — די אַדוואָקאַטן בערנשטאַם, סטאַל, סאָקאָלאָוו און קאָזלאָווסקי (אָדער וורובלעווסקי).

מענדל דייטש איז געווען אַ רימער־אַרבעטער. זיין „דערציאונג" האָט ער באַקומען אויפן עפּל־מאַרק, וואו ער פלעגט אַלס יינגל מיט גרויס דערפאָלג כאַפּן עפּל פון די וועגענער. שפּעטער ווערט ער אַריינ־

געצויגן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג און ווערט איינער פון די איבערגעגעבנסטע און טרייעסטע אַרבעטער. בעתן פּראָצעס האָט ער זיך געהאַלטן ווי אַן אמתער העלד; ער האָט אַרויסגערופן פאַרוואונדערונג ביי זיינע פּאַרטיידיקער און רעספּעקט אַפילו ביי די ריכטער. ער איז געווען פול מיט לעבן אַפילו אין דעם מאָמענט, ווען מ'האָט געלייענט דעם אורטייל. ווען דאָס געריכט האָט אים פאַרגעלייגט אָנגעבן אַ ביטע האָט ער זיך מיט צאָרן און שפּאָט אָפּגעזאָגט.

דער אָנזען פון „בונד" איז דעמאָלט אין שטאָט אומגעהויער אויסגעוואַקסן. דער קאָמיטעט האָט אין טאָג פון פּראָצעס אַרויסגעלאָזט אַ פּראָקלאַמאַציע, וואָס איז ממש צעכאַפּט געוואָרן פון דער באַפעלקערונג (די פּראָקלאַמאַציע האָט, דאַכט זיך, אָנגעשריבן אַלגין).

נאָכן פּראָצעס האָט די אָרגאַניזאַציע איינגעאָרדנט אַ באַנקעט פאַר די אַדוואָקאַטן. דער באַנקעט איז פאָרגעקומען ביינאַכט אונטערן פרייען הימל — אין פאַבריק־הויף פון קנעפּל־פאַבריקאַנט נאַטאַנזאָן, וועלכער האָט דעמאָלט סימפּאַטיזירט מיטן „בונד". די אַדוואָקאַטן האָבן איבערגעגעבן זייערע איינדריקען פון פּראָצעס און פון זייער „קליענט". די שטימונג איז געווען זייער אַ פייערלעכע, באַזונדערס נאָך דער הייסער מייסטער־רעדע פון דעמאָלט באַוואוסטן בונדישן רעדנער מאַקס (דאַוויד ליפּעץ). די אַדוואָקאַטן האָבן געזאָגט, אַז זיי וועלן אין פּעטערבורג און מאָסקווע אויפהויבן די גאַנצע ראַדיקאַלע פּרעסע קעגן דעם טויט־אורטייל, זיי וועלן אויפרודערן די גאַנצע געזעלשאַפטלעכע מיינונג, זיי וועלן זיך דערשלאָגן מ'זאָל דעם טויט־אורטייל נישט אויספירן.

געוויס האָט דאָ געווירקט נישט נאָר די פּערזענלעכקייט פונם אָנפאַלער, נאָר נאָך מער די גאַנצע רעוואָלוציאָנערע אַטמאָספערע פון יענער צייט. און ווירקלעך, אונטערן דרוק פון דער קאַמפּאַניע וואָס די אַדוואָקאַטן האָבן אַזוי דרייסט און ענערגיש געפירט, האָט דער ווילנער גענעראַל־גובערנאַטאָר פּרעזע, וואָס האָט דעם אורטייל געדאַרפט באַשטעטיקן, אים פאַרביטן אויף אייביקע קאַטאָרגע.

דערווייל אָבער האָט זיך דער צום טויט פאַרמשפּטער מענדל דייטש געפונען אין רשות פון דער מיליטער־מאַכט און איז געזעסן אין פעסטונג. אין שטאָט, אין דער אָרגאַניזאַציע, אַפילו אין בירגערלעכע קרייזן האָט מען גענומען רעדן, אַז מען דאַרף דעם פאַרמשפּטן זען צו באַפרייען — וויפל דאָס זאָל נישט קאָסטן. מען האָט געבויט פאַרשידענע פּלענער, איינער פאַנטאַסטישער פאַרן צווייטן.

דער ב. אָ. האָט אויך נישט געדרעמלט: ער האָט געהאַט זיינע פּלענער, אויך זייער ווייט פון דערווירקלעכקייט. פּלוצלינג און אומגעריכטער־הייט איז אַרויסגעשפּרונגען א פּלאַן, וואָס האָט געהאַט אויסזיכטן אויסגעפירט צו ווערן.

איינער א בלעכער־מייסטער, וואָס האָט געהאַט „פּאַדריאַדן" אין דווינסקער פעסטונג, האָט זיך פאַר זיינעם אַן אַרבעטער אויסגערעדט, אַז ווען מען וואָלט געוועז „מענטשן", וואָלט מען דייטשן געקאָנט באַ־פרייען. דער אַרבעטער האָט דאָס דערציילט, און מיר האָבן באַשלאָסן דעם מייסטער צו נעמען אויף „זיכער". איך בין געקומען צום מייס־טער. ער האָט זיך אָבער דערשראָקן און דערקלערט, אַז ער ווייס פון גאָר נישט... דעם מייסטערס זון, וואָס איז דערביי געשטאַנען, האָט מיר א וואונק געגעבן, אַז ער וועט מיר שוין אַלץ דערציילן. אויף מאָרגן האָבן מיר זיך געטראָפן און ער האָט מיר דערציילט, אַז אין פעסטונג איז דאָ א זשאַנדאַרם, זייער אַן אָרנטלעכער און מיט גרויסע סימפּאַטיעס פאַר דער באַפרייאונגס־באַוועגונג, און ער וויל העלפן באַ־פרייען דייטשן. דאָס האָט מיר אויסגעוויזן עפּעס פּאַרדעכטיק, נאָר אויסגעלאָזן האָט זיך, אַז ער וויל דאָס טון נישט אומזיסט — ער וויל עטלעכע הונדערט רובל. הגם דער ערשטער מאָטיוו איז געווען סימפּאַטישער, אָבער באַרואיקט האָט מיך דער צווייטער; ער איז גע־ווען אויך פּראַקטישער... ער אַליין — דעם מייסטערס זון — וויל דערביי אויך עפּעס פאַרדינען. מיר האָבן אָפּגערעדט צו טרעפן זיך נאָך אַמאָל.

מיט דער נייעס בין איך גלייך אַוועק צום „טל ומטר" (א. איזאַק־סאָן), וואָס איז געווען פאַרשטייער פון קאָמיטעט. ער האָט מיר גע־בעטן אויסוואַרטן און איז אַריין אין צווייטן צימער. אין א פּאָר מי־נוט אַרום איז ער צוריק אַרויס און האָט מיר געזאָגט, אַז נאָך א חבר וויל זיך מיט מיר דורכרעדן וועגן דעם ענין. אין צווייטן צימער האָב איך געטראָפן א באַיאָרנטן יידן אין ברילן, מיט א געדיכט־באַוואַקסע־נער באָרד. ער האָט אָן אויפהער שטאַרק גערויכערט און זיך גאָרנישט געקימערט, וואָס דער רויך איז מיר געגאַנגען גלייך אין די אויגן. ער אַליין האָט צוליבן רויך אויך געהאַלטן איין אויג עטוואָס צוגעמאַכט און מיט דער צווייטער האָט ער אויפמערקזאַם געקוקט אויף מיר. איך האָב איבערדערציילט אַלץ, וואָס איך האָב געהערט פונם מייסטערס זון. ער האָט געפרעגט מיין מיינונג וועגן דער זאַך און מיר געמאָלדן, אַז דער צ. ק. איז אין דער זאַך זייער פאַראינטערעסירט און אין געלט

וועט נישט זיין קיין אָפּהאַלט. (שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז דער אין ברילן איז געווען דער פּיאָנער פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, מיטגליד פון צ. ק. פון „בונד", חבר סאָלאָמאָן — אַרקאַדי קרעמער).

אויף מאָרגן בייטאָג האָב איך זיך באַדאַרפט טרעפן מיטן זשאַנ־דאַרם. אין דעם האָט געשטעקט אַ געוויסע ריזיקע אַריינצופאַלן אין דער אויסגעשפּרייטער נעץ פון דער זשאַנדאַרמעריע; מיר האָבן דערי־בער באַשלאָסן צו זיין פאָרזיכטיק. אין די קליינע וועלדלעך פאַרביי דער דאַמבע (דאָס אָפּגערעדטע אָרט צו טרעפן זיך), זענען געווען פאַר־שטעקט עטלעכע מיטגלידער פון ב. אָ. אויף יעדן פאַל...

ווען מיר האָבן זיך באַגעגנט, זענען גראָד קיין זייטיקע מענטשן נישט געווען. מיר האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט צום טייך, אויסגעטון די היטלען און די מאַרינאַרקעס — כלומרשט צוויי ציווילע מענטשן קלויבן זיך באָדן. זיין פּלאַן איז געווען אַזאַ: אין דער מיליטער־טור־מע, וואו דייטש זיצט, איז דער רעזשים זייער אַ שוואַכער, ווייל וויכ־טיקע אַרעסטירטע האַלט מען אין איר זייער זעלטן. די סאָלדאַטן, וואָס היטן די טורמע, בייטן זיך זייער אָפט, אַלע מאָל פון אַן אַנדער פּולק און ראָטע; אין די קאַנצעלאַריעס פון די פּולקן ווייסט מען מיט אַ צייט פריער, ווען עס וועט אויסקומען צו גיין אין פעסטונג. נעבן צי־מער, וואו דייטש זיצט, בלייבט איבער אויף ביינאַכט נאָר איין סאָל־דאַט. דער טויער פון טורמע איז אַ גאַנצע נאַכט אָפן. מען דאַרף נאָר צווישן די סאָלדאַטן געפינען אַן אייגענעם מענטשן, און דייטש מיטן סאָלדאַט קאָנען רואיק אַרויסגיין פון דער תּפיסה. עס בלייבט דאַן איבער די שוועריקייט אַרויסצוגיין ביינאַכט פון פעסטונג, און דאָס נעמט ער אויף זיך. ער וועט צושטעלן פּאַפּירן, מיט וועלכע דער סאָל־דאַט וועט קאָנען פריי דורכגיין ווי אַזעלכער, וואָס פירט אָפּ אַן אַרעס־טירטן. אויב אָבער עס וועט זיך אַזאַ מענטש צווישן די סאָלדאַטן נישט געפינען, זאָל מען דייטשן איבערגעבן אַ קינזשאַל און בעת דער סאָלדאַט וועט איינדרעמלען, זאָל דייטש מיט אַ נאָכגעמאַכטן שליסל עפענען די טיר, דערהרגענען דעם סאָלדאַט און אַרויסגיין פון טור־מע. ער נעמט זיך אונטער עטלעכע טעג אים אויסצובאַהאַלטן אין פעס־טונג און דערנאָך אים אַרויספירן בשלום. וויפל געלט ער האָט דער־פאַר געבעטן, געדענק איך נישט. איך געדענק נאָר, אַז די סומע איז געווען פאַר אונזערע באַגריפן אַזוי גרויס, אַז זי האָט אונז איבער־ראַשט.

דעם צווייטן פּלאַן האָבן מיר גלייך אָפּגעוואָרפן. מיר האָבן גע־נומען זוכן פאַרבינדונגען צווישן די סאָלדאַטן און מאַכן אַנדערע צו־גרייטונגען. מיטגלידער פון ב. אָ. האָבן אויסגעפאָרשט די געגנט אַרום דער פעסטונג, מ'האָט צוגעגרייט זיכערע דירות, פערד, א. ד. ג. מיר זענען געווען אָנגעשטרענגט ביז גאָר; אַלע טאָג האָט זיך געקאָנט באַ־קומען אַ באַשטעטיקונג פונם טויט־אורטייל און דאַן איז אַלץ פאַר־לוירן. פון אויפרעגונג און אָנשטרענגונג האָבן מיך נאַכט ביי נאַכט געמאַטערט קאָשמאַרן. איך האָב די פּאָר וואָכן געלעבט ווי אין פי־בער.

מיטן זשאַנדאַרם האָב איך זיך געזען נאָך אַ פּאָר מאָל. ער האָט געזאָגט, אַז אויך ער האָט אויסזיכטן צו קריגן אַ סאָלדאַט, וואָס זאָל לויפן צוזאַמען מיטן פאַרמשפּטן. אָבער די אַלע אויסזיכטן און צו־גרייטונגען זענען שוין געווען אומזיסט. דער ווילנער גענעראַל־גובער־נאַטאָר האָט די טויט־שטראָף פאַרביטן אויף אייביקע קאַטאָרגע, און דייטש איז איבערגעפירט געוואָרן אין דער שטאָטישער טורמע.

די שווערד איז פון פאַרמשפּטן געוואָרן אַראָפּגענומען; פונ־דעסטוועגן האָבן מיר, די אָנטיילנעמער, נישט געקאָנט קוקן איינער דעם אַנדערן אין די אויגן. מיר האָבן זיך געפילט, ווי אין עפּעס שול־דיק, הגם מיר האָבן געטון אַלץ, און פאַר אַזאַ קורצער צייט, האָט אַזאַ ערנסטע זאַך נישט געקאָנט אויסגעפירט ווערן.

עטלעכע טעג נאָכן שאָס אויף יעראָמאָוון, ווען די שטאָט האָט זיך נאָך נישט געהאַט בארואיקט — האָט אַ צווייטער מיטגליד פון ב. אָ. — משהקע בלעכער, מיט דער הילף פון מולינקע בענקלמאַכער, געשאָסן אויף אַ צווייטן העכערן פּאָליציי־באַאַמטן — אויפן געהילף פּאָליציימייסטער בוליגין, וועלכער איז שפּעטער פון די וואונדן גע־שטאָרבן.

דער אַטענטאַט איז אויך פאָרגעקומען אינמיטן העלן טאָג אויף איינער פון די באַלעבאַטסטע גאַסן פון שטאָט — דאַכט זיך, ריגער גאַס. דעם שיסער און דעם צווייטן אָנטיילנעמער האָט מען נאָכגע־יאָגט און נאָכגעשאָסן, נישט געקוקט, וואָס אַ קויל האָט משהקען געטראָפן, האָט מען זיי דאָך נישט געכאַפּט. אַרעסטירט האָט מען אַ זייטיקן קירזשנער־אַרבעטער מאַנקאָווסקי, וועלכער האָט צופעליק גע־האַט ביי זיך טיילן פון אַ ברויונינג. מען האָט אים באַשולדיקט אין אַטענטאַט. זיין פּראָצעס איז פאָרגעקומען גלייכצייטיק מיטן פּראָצעס

פון מענדל דייטש. דאָס גערירכט האָט אים, ווי איך האָב שוין דער־ציילט — באַפרייט.

נאָך אַ נישט געלונגענעם אָנפאַל אויף קורלאַנדסקין, ווען וועמען איך האָב שוין דערציילט, האָבן די מיטגלידער פון ב. אָ. אויס־געפירט אַ דריטן אַטענטאַט אויפן געהילף־פּריסטאַוו אָוסיאַניקאָוו (דאַכט זיך אויף טויט). אויסגעפירט דעם אַטענטאַט האָבן די מיט־גלידער פון ב. אָ. הירשע יאַנקל בלעכער און הירשקע דער פאַרבער.

אַלע אַטענטאַטן זענען פאָרגעקומען איינער נאָכן אַנדערן אין משך פון אַ קורצער צייט. די שטאָט האָט געקאָכט. פּאָליציי האָט זיך געפילט טעראָריזירט אַ שטיק צייט.

דער ב. אָ. האָט אָבער געהאַט אויף זיך איין „שאַנד־פלעק", וואָס האָט פאַרביטערט די זיסע מינוטן פון זיינע נצחונות.

3. וואָלאָדקע „גאַלוביאַטניק"

אויף די „פלעצער" האָט זיך אַרומגעדרייט אַ יונגער שייגעץ פון אַ יאָר 18—19, וואָס פלעגט מיט גרויס אַזאַרט פאַרנעמען זיך מיט „לאָזן טויבן". פאַר דער דאָזיקער באַשעפטיקונג אָדער פאַר אַן אַנדער זאַך האָט מען אים אַרויסגעטריבן פון דער „שטאָטישער שול". אַלע „פלעצערדיקע יאַטן" האָבן אים גוט געקענט און נישט זעלטן צוזאַמען מיט אים פאַריאָגט אַ פרעמדן טויבן־„ער" פון זיינע דעכער. פּלוצלינג איז וואָלאָדקע געוואָרן אויס „גאַלוביאַטניק". ער האָט זיך באַוויזן אויף די גאַסן אין בלויע הויזן אַריינגעלאָזן אין די כאָלעוועס, מיט אַ קאָקאַרדע אויפן היטל און אַ „הערינג" (שווערד) אויף דער זייט — ער איז געוואָרן „אָקאָלאָדאָטשני נאַדזיראַטעל".

אָט דער וואָלאָדקע האָט פאַרביטערט די יאָרן פון די חברים, וואָס האָבן געוואוינט און געאַרבעט אויף די „פלעצער". וואָלאָדקע האָט אַלעמען גוט געקאָנט, ער האָט געוואוסט אַלע ווינקעלעך פון דעם טייל שטאָט, פלעגט אויסשפּיאָנירן די דירות, וואו עס קומען פאָר פאַר־זאַמלונגען, פאַרהאַלטן מיט אומלעגאַלער ליטעראַטור און ד. גל. האָט מען געדאַרפט וועמען אַרעסטירן, איז ער געווען דער ערשטער, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן אין הויז. ער פלעגט, ווי אַ שפּיר־הונט לייכט אויסגעפינען די „מעלינעס", וואו עס איז געווען באַהאַלטן אַן אומ־לעגאַל ביכל, אַ רעוואָלווער אָדער אַנדערע פאַרבאָטענע זאַכן. מיט איין

וואָרט, ער האָט כּשר פאַרדינט, אַז דער ב. אָ. זאָל אים „אוועקלייגן".
אָבער וויפל מאָל דער ב. אָ. האָט זיך נישט אונטערגענומען דאָס
אויסצופירן, האָט זיך אַלץ נישט איינגעגעבן. וואָלאָדקע האָט געהאַט אַ
זעלטענעם חוש — ער פלעגט פונוויטן דערקענען, אַז מ'גייט אויף
אים און האָט דער ערשטער אָנגעהויבן שיסן. איינמאָל האָט ער זיך
מיט אַ רעוואָלווער אין האַנט נאָכגעיאָגט און נאָכגעשאָסן איינעם פון
ב. אָ. ער פלעגט דערבײַ אַרויסווײַזן אַ משוגענע געוואַגטקייט, פּשוט
קריכן אין פײַער. דאָס האָט געבערנט דעם ב. אָ. ביז גאָר — אָבער
לאַנג האָט זיך וואָלאָדקע אויפן דווינסקער האָריזאָנט נישט איינגע-
האַלטן. סוף יאָר איז ער פאַרשוואונדן פון די „פלעצערדיקע" גאַסן.
אַ פּנים, מ'האָט אים רעקאָמענדירט נישט צופיל שפּילן זיך מיט פײַער.

4. דער נישט איינגעגעבענער פּאָגראָם

צי דער ב. אָ. האָט פון לכתחילה אָן אָרגאַניזירט די אַלע אַטענ-
טאַטן לויט דער איניציאַטיוו פון קאָמיטעט, ווייס איך נישט. איך בין
גראָד נישט געווען די ערשטע צײַט אין דווינסק. איך בין צוריקגעקו-
מען אין פרילינג 1905 — דעמאָלט איז צווישן קאָמיטעט און ב. אָ.
געווען שוין זייער ענגע אָרגאַניזאַציאָנעלע באַציאונגען. אין דע-
מאָנסטראַציעס, פאַרזאַמלונגען און אַנדערע עפנטלעכע אַרויסטרע-
טונגען האָט זיך דער ב. אָ. באַטייליקט לויט דער באַשטימונג פון
קאָמיטעט, און גאַנץ אָפט האָט דער קאָמיטעט באַשטימט צי עס דאַרף
באַנוצט ווערן געווער און וועלכע — „הייסע" אָדער „קאַלטע". אין
אָפּווער קעגן פּאָגראָם, וואָס מ'האָט דערוואַרט זומער (1905), איז
אַפילו באַשטימט געוואָרן צו באַנוצן די „קנײַדלעך".

דער דאָזיקער פּאָגראָם איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר יענער
צײַט. ער ווײַזט די ווירקונג פון „בונד" און די ראָלע פון ב. אָ.

עס איז שוין געווען לאַנג נאָכן זשיטאָמירער פּאָגראָם פון פרי-
לינג 1905. עס האָט געמוזט זײַן אַרום סוף יוני. עס איז שוין לאַנג
פאַראיבער די שרעק, וואָס דער זשיטאָמירער פּאָגראָם האָט געהאַט
אַרויסגערופן. פּלוצלינג האָט דער קאָמיטעט פון „בונד" באַקומען
פאַרטרויליכע ידיעות, אַז אין דרײַ טעג אַרום וועט אין שטאָט פאָר-
קומען אַ פּאָגראָם אויף ייִדן. דער קאָמיטעט האָט גלײַך אויף מאָרגן
אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף צו דער באַפעלקערונג און גערופן צו

זעלבסט־שוץ. דער אויפרוף האָט געטראָפן די שטאָט, ווי אַ דונער אין אַ שיינעם זונען־טאָג. דאָס איז געווען אַזוי אומגעריכט, אַז עס האָט זיך גאָרנישט געלאָזט גלויבן. מען האָט געקאָנט דערוואַרטן אַ דעמאָנסטראַציע, אַן אַלגעמיינעם שטרייק, אַ פרישן אַטענטאַט פון ב. אָ., אָבער נישט קיין פּאָגראָם. אָבער, אַז דער קאָמיטעט זאָגט, איז דאָך נישטאָ וואָס צו רעדן...

דער ב. אָ. האָט זיך גלייך גענומען צו דער אַרבעט. די שטאָט איז פאַרטיילט געוואָרן אויף ראַיאָנען; אין צוואַנציק פּונקטן זענען געזעסן גרעסערע גרופּן באַוואָפנטע אַרבעטער, וואָס האָבן געבילדעט די זעלבסט־שוץ. די מיטגלידער פון ב. אָ. זענען געווען דער אָנפירנדער קערן פון די דאָזיקע גרופּן. זיי איז אין יעדן פּונקט איבערגעגעבן געוואָרן די פאַראַנטוואָרטלעכסטע און ריזיקאַלישסטע אַרבעט. עס זענען געווען גרייט באָמבעס און באָמבע־וואַרפער. איבערן שטאָט זענען אַרומגעגאַנגען אונזערע פּיקעטן, וועלכע האָבן מיך — דעם „נאַטשאַלניק" פון דער זעלבסט־שוץ — שטענדיק אינפאָרמירט וועגן דעם וואָס עס טוט זיך אין שטאָט. מיט איין וואָרט, עס איז אַלץ געטון געוואָרן, כּדי צו באַגעגענען די כוליגאַנעס, ווי עס דאַרף צו זיין. אָבער — צי די פאַרטרויליכע ידיעות זענען געווען נישט קיין ריכטיקע, אָדער די שוואַרצע מאה האָט זיך דערוואוסט וועגן דער גרייטקייט פון ב. אָ. (דערוויסן זיך וועגן דעם איז געווען זייער לייכט, ווייל אין שטאָט האָט מען די פּאָר טעג זייער אַ סך גערעדט וועגן די הכנות פון ב. אָ.), נאָר קיין פּאָגראָם איז נישט געווען. אויף מאָרגן האָט מען זיך געוויצלט, אַז דער „בונד" האָט פּראָקלאַמירט אַ יידישן פּאָגראָם און ער האָט זיך נישט איינגעגעבן. עס איז ווירקלעך געווען די איינציקע זאַך, וואָס דעם „בונד" אין דווינסק האָט זיך אין יענע צייטן נישט איינגעגעבן...

5. דער טראַגישער סוף

דער ב. אָ. האָט פאַר די פּאָר יאָר פון זיין עקזיסטענץ אַנטוויקלט אַ גרויסע טעטיקייט: אַ מאַסע אַטענטאַטן אויף העכערע און נידעריקע פּאָליציי־לייט. טייל פון זיי זענען געפאַלן טויט, אָבער אין גרעסטן טייל זענען זיי נאָר פאַרוואונדעט געוואָרן; אָפט זייער שווער, אָבער דאָך לעבן געבליבן. אַפילו פון די „באָמבעס, וואָס דער ב. אָ. האָט אין 1905 געוואָרפן אויף אַ סאָלדאַטן־פּאַטרול, זענען עטלעכע זעלנער אויך נאָר פאַרוואונדעט געוואָרן.

די אַרבעט פון ב. אַ. איז געפירט געוואָרן אויף אַ קוסטאַר־אופן — זייער פּרימיטיוו. די מיטגלידער פון ב. אַ. האָבן פאַרמאָגט אַן אַ שיעור אידעאַליזם, העלדישקייט און איבערגעגעבנקייט, אָבער זיי זענען גע־ווען ווייניק געשולט. דער קאָמיטעט האָט זיך קיינמאָל ערנסט מיטן ב. אַ. נישט אָפּגעגעבן, ווייל אין „בונד" האָט מען קיין גרויסן ווערט נישט צוגעגעבן אַזעלכע קאַמף־דרוזשינעס, אַפילו אין דער צייט, ווען מ'האָט אָנגענומען די רעזאָלוציע וועגן אָרגאַניזירטער נקמה. דער ב. אַ. איז געווען אויסגערעכנט אויף זיך אַליין, אויף זיינע שוואַכע מיט־לען און מעגלעכקייטן.

דער שיקזאַל האָט געוואָלט, אַז דער ב. אַ. אַליין זאָל ברענגען אַלס קרבן אויפן מזבח פון זייער אייגענער טעטיקייט צוויי פון זיינע בעס־טע מיטגלידער — צוויי יונגע לעבנס פול מיט מוט און גלויבן.

דאָס האָט געמוזט זיין סוף 1905. אין צירק האָט געדאַרפט פאַר־קומען אַ מיטינג פון „בונד". עס האָבן זיך ארומגעטראָגן קלאַנגען, אַז די שוואַרץ־מאהניקעס גרייטן זיך צו באַפאַלן דעם צירק און אים אונ־טערצינדן, ווי זיי האָבן עס געטון אין טאָמסק. דאָרט האָבן זיי אונ־טערגעצונדן דעם שטאָט־טעאַטער בעת אַ מיטינג פון דער פּראָגרעסי־ווער אינטעליגענץ, און עס זענען אומגעקומען הונדערטער מענטשן. עס איז דעריבער איבערגעגעבן געוואָרן דעם ב. אַ. אָפּצוהיטן די צירק־געביידע פון דרויסן. דער ב. אַ. האָט זיך באַוואָפנט מיט רעוואָלווערן און באָמבעס צו באַגעגענען די אָנפאַלער. דער טאָג איז געווען אַ גלי־טשיקער. אַ מיטגליד פון ב. אַ. איז אומגעפאַלן און די באָמבע, וואָס ער האָט ביי זיך געהאַלטן, האָט אויפגעריסן. פון אויפרייס זענען דער־הרגעט געוואָרן מאָטקע געווער און הירשקע דער פאַרבער. מאָטקע גע־ווער איז געשטאָרבן אויפן אָרט און הירשקע — אין עטלעכע טעג אַרום. מיט דעם דאָזיקן טראַגישן טויט פון צוויי איבערגעגעבנסטע מיטגלידער פון ב. אַ. פאַרענדיקט זיך פאַקטיש די אויפשטייג־צייט אין דער העלדישער טעטיקייט פון דווינסקער ב. אַ.

צו יענער צייט האָט שוין די רעוואָלוציאָנערע כוואַליע אין גאַנצן לאַנד אָנגעהויבן גיין אַראָפּ. עס גייען אונטער אַ סך אינסטיטוציעס, וואָס דער רעוואָלוציאָנערער אויפברויז האָט סטיכיש אַרויסגערופן צום לעבן. אויך דער דווינסקער ב. אַ. איז פון זיך אַליין אונטערגעגאַנגען.

מולינקע דער שלאָסער איז געשטאָרבן אין טורמע. מ'האָט אים דאָרט אַזוי לאַנג געשלאָגן ער זאָל אַרויסגעבן זיינע חברים — ביז ער

האָט אָנגעהויבן שפּייען מיט בלוט. ער האָט אויסגעשפּיגן זיין יונגע הערצאישע נשמה, בלייבנדיק טריי זיינע חברים.

א סך מיטגלידער פון ב. אָ., וואָס איך געדענק זיי נאָך ביי די נעמען: משהקע בלעכער, אברהמקע דער גארבער, מיכאָלקע דער קצב — דאַכט זיך, איין צייט שרהל די „פּאַריזער" און א סך אנדערע, וועמענס נעמען איך געדענק שוין נישט — זענען זיך צעפאָרן איבער אַלע וועלט־טיילן. פיל פון זיי זענען נאָך ביז היינטיקן טאָג טריי דעם סאָציאַליזם און דינען אים יעדער אויף זיין אופן אין פאַרשידענע ארבעטער־פּאַרטייען. אין אייראָפּע איז, דאַכט זיך מיר, קיינער פון זיי נישט געבליבן און איך האָב זיך מיט זיי מער נישט געטראָפן, אויסער מיט מענדל דייטש. דאָס איז געווען אין אָדעס, סוף 1920, בעת איך בין געזעסן ארעסטירט אין „טשעקאָ" אלס „שעדלעכער" עלעמענט. מ. דייטש איז דעמאָלט געווען פאַרזיצער פון אָדעסער „טשעקאָ" און פאַר די אָנגעשטרענגטע טעג און קאָשמאַרע נעכט, וואָס איך האָב איבערגעלעבט בעת איך האָב זיך געמיט אים צו באַפרייען פון דווינסקער פעסטונג, האָט ער מיך פון אָדעסער „טשעקאָ" באַפרייט מיט צוויי טעג פריער פאַר מיינע איבעריקע חברים...

אָט אזוי האָט זיך פאַרענדיקט א בלעטל פון הערצאישן בוך, וואָס רופט זיך יידישע ארבעטער־באַוועגונג.

די קאָמיסיע „מים"

נאָך דעם מאָסקווער אויפשטאַנד, דעצעמבער 1905, האָט מען זיך אין די רעוואָלוציאָנערע קרייזן פון געוועזענעם רוסלאַנד זייער שטאַרק פאַרנומען מיט דער פראַגע וועגן אָרגאַניזירטע באַוואָפנטע אויפשטאַנדן. הגם דער מאָסקווער אויפשטאַנד איז געוואָרן בלוטיק דערשטיקט, האָט מען דאָך שטאַרק געהאַלטן דעמאָלט פון דעם דאָזיקן קאַמפּס־מעטאָד. דער אויפשטאַנד האָט אימפּאָנירט מיט זיין אָרגאַניזירטקייט, מיט די סטראַטעגיש געבויטע באַריקאַדן, אין וועלכע עס איז געלעגן אַ סך מיליטערישע פאַכקענטעניש און פּלאַנמעסיקייט. די רעוואָלוציאָנערן האָבן זיך אַ דאַנק דעם געהאַלטן עטלעכע טעג, און דעם מיליטער איז נישט גרינג אָנגעקומען די דאָזיקע באַריקאַדן איינצונעמען. אַ סך רעוואָלוציאָנערן האָבן דערום די מפּלה דערקלערט מיט ריין טעכנישע אָדער סטראַטעגישע פעלערן. מען דאַרף בכן שטודירן און באַזייטיקן די פעלערן, צופּאַסן דעם פּלאַן פון אויפשטאַנד צו די סטראַטעגישע באַדינגונגען פון יעדער שטאָט באַזונדער, צוגרייטן אַ געהעריקן קאַדר מענטשן, אָנגרייטן גענוג געווער — און די באַזונדערע אויפשטאַנדן קאָנען פאַרוואַנדלט ווערן אין איין גרויסן אויפשטאַנד, וואָס וועט אָראָפּוואַרפן דעם פאַרהאַסטן צאַריזם.

אַזוי לערך איז געווען דער געדאַנקען־גאַנג פון די, וואָס האָבן פאַרטיידיקט די נויטיקייט פון צוגרייטן און אָרגאַניזירן באַוואָפנטע אויפשטאַנדן.

דער צ. ק. פון „בונד" האָט אויך די לאַגע באַהאַנדלט, און איז נישט געבליבן בלויז ביי טעאָרעטישע רעזאָלוציעס.

1. חבר נח וויל מיך נישט פאַרשטיין

דאָס האָט געדאַרפט זיין אומגעפער אַרום יאַנואַר 1906. איך בין דעמאָלט געווען אין אָדעס. פּלוצלינג באַקום איך פון צ. ק. אַ פאַראָרדנונג גלייך קומען קיין ווילנע. מיר איז דאָס גאַר נישט געווען

צום הארצן. אַדעס איז געווען אַ גרויסער אַרבעטער־צענטער מיט אַ פּרישער יונגער, בונדישער באַוועגונג, וואו אַלץ האָט געברויזט מיט רעוואָלוציע און קאַמף — האָט זיך נישט געוואָלט אָפּפאָרן. און דער־צו האָב איך נאָך געהאַט אַ ריין פּערזענלעכן גרונט צו בלייבן אין אָדעס — דאָרט האָט זיך דעמאָלט געפונען מיין קינפטיקע פרוי. בפרט אַז פאָרן פאָרן קיין אָדעס האָב איך שוין מיטן ח' נח געהאַט אַ נישט אָנגענעמען שמועס אויף דער זעלבער טעמע.

די זאַך איז געווען אַזוי:

קיין פּאַרטיי־פּראָפעסיאָנאַל בין איך נישט געווען — איך האָב געלעבט פון מיין אַרבעט. דער צ. ק. האָט אייגנטלעך קיין רעכט נישט געהאַט מיט מיר צו דיספּאָנירן, אָבער ווען איך האָב סוף נאָוועמבער 1905 געדאַרפט פאַרלאָזן דווינסק, בין איך פונדעסטוועגן געקומען צום צ. ק. פרעגן, וואוהין איך זאָל פאָרן. אַזוי פלעגט מען זיך נוהג זיין.

ווי געזאָגט, האָב איך געהאַט אַ גרונט צו וועלן פאָרן קיין אָדעס, און דער ציל פון מיין פרעגן איז אייגנטלעך באַשטאַנען אין דעם, אַז דער צ. ק. זאָל מסכים זיין איך זאָל טאַקע אַהין פאָרן. ח' נח האָט אָבער נישט אַרויסגעוויזן די „מינדסטע פאַרשטענדניש" פאַר מיינע פאַרלאַנגען (אַ מענטש אַ גזלן). ער האָט מיך אויפמערקזאַם אויס־געהערט און פאָרגעלייגט פאָרן קיין לאָדזש, וואו מען האָט זיך צו יענער צייט שטאַרק גענויטיקט אין מענטשן. איך האָב מיט טויזנטער ראיות דערוויזן, אַז צוליב די אינטערעסן פון דער רעוואָלוציע מוז איך פאָרן דווקא קיין אָדעס און נישט קיין לאָדזש. אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט ביז איך האָב קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז איך פאָר קיין אָדעס. ח' נח האָט מיך דעמאָלט מאָדנע אָנגעקוקט און אַ פרעג געטון מיט אַ שמייכל: — „ווי־באַלד אַזוי, נאָך וואָס זייט איר געקומען פרעגן?". הגם איך האָב גע־האַלטן, אַז די „גערעכטיקייט" איז אויף מיין זייט, פונדעסטוועגן וואָלט איך קיינעם פון מיינע גוטע פריינט נישט געוואונטשן צו געפינען זיך אין אַזאַ לאַגע, ווי איך האָב זיך געפונען מיט מיין גערעכטיקייט. און ביים געזעגענען זיך האָט ח' נח, ציילנדיק יעדעס וואָרט, טרוקן צוגע־געבן: „איר זאָלט וויסן, אַז מיר שיקן אייך נישט קיין אָדעס"...

אַז איך האָב, שוין זייענדיק אין אָדעס, פלוצלונג דערהאַלטן די פאָראָרדנונג צו קומען קיין ווילנע, בין איך זיכער געווען, אַז דאָס איז אוודאי אַ „נקמה־אַקט" מצד דעם צ. ק. פאַר מיין מרידה. אָבער איצט נישט פאָרן, וואָלט שוין געהייסן דערלויבן זיך צופיל.

אז איך בין געקומען קיין ווילנע, איז שוין ח׳ נח געזעסן אין תפיסה. דעם צ. ק. האָט דעמאָלט פאַרטרעטן דער ח׳ סאָלאָמאָן (אַר־קאַדי קרעמער). ער האָט מיר דערקלערט, אַז דער צ. ק. האָט באַשלאָסן צו גרינדן אַ צענטראַלע קאָמיסיע, וואָס וועט זיך דאַרפן פאַרנעמען מיט אָרגאַניזירן קאַמף־דרוזשינעס אויף די ערטער, זיי באַוואָפענען, אינסטרואירן א. אז. וו. די קאָמיסיע וועט אויך דאַרפן צוזאַמענשטעלן פּלענער פון די גאַסן, פון די ערטער, וואו עס געפינען זיך מיליטער־קאַזאַרמעס א. ד. גל.

אין דער קאָמיסיע זענען באַשטימט געוואָרן די חברים טאַראַס (דוד פּין), דעמאָלט אַן אָנגעזעענער פּראַקטיקער אין „בונד" (געפינט זיך איצט אויף קאַווקאַז), אורטשיק דער בערשטער, וועלכער האָט געהאַט גרויס דערפאַרונג אין איבערפירן אומלעגאַלע ליטעראַטור פון יענער זייט גרענעץ (געפינט זיך איצט אין אַמעריקע) און איך — דער שרייבער פון די שורות. פאַרשטייער פון צ. ק. אין דער קאָמיסיע איז געווען ח׳ אַרקאַדי.

דער קאָמיסיע האָט מען אַ נאָמען געגעבן — „מים" (וואַסער). לויטן כאַראַקטער פון דער קאָמיסיע וואָלט, פאַרשטייט זיך, פּאַסיקער געווען דער נאָמען פייער, נאָר לשם קאָנספּיראַציע האָט מען גענומען דעם קעגנזאַץ פון פייער — וואַסער; און צוליב נאָך שטאַרקערער קאָנ־ספּיראַציע האָט מען דאָס יידישע וואָרט וואַסער פאַרביטן אויפן העב־רעאישן „מים".


טאַראַס (דוד פּין)

די אויפגאַבן פון דער קאָמיסיע זענען געווען ביז גאָר שווערע. און דעם אמת געזאָגט, האָט קיינער פון אונז נישט געהאַט די נייטיקע צו־גרייטונג דערצו. דער איינציקער „מיליטער־מענטש" צווישן אונז איז אפשר געווען אורטשיק, וועלכער האָט אין מיליטער־דינסט זיך דער־דינט צו אַ „בענדל" אַלס „יעפרייטאָר". וועגן צוזאַמענשטעלן סטראַ־טעגישע אָדער אַנדערע פּלענער האָט קיינער פון אונז, אחוץ דעם חבר אַרקאַדי, וועלכער האָט געהאַט אַ העכערע טעכנישע בילדונג, קיין באַגריף נישט געהאַט. איך האָב צו יענער צייט איבערהויפּט נישט

געוואוסט וואָס דאָס איז אַזוינס אַ פּלאַן (מיין טעכנישע און גראַפישע אויסבילדונג האָב איך באַקומען ערשט מיט יאָרן שפּעטער). אָבער דאָס האָט קיינעם דעמאָלט נישט אָפּגעשטעלט... מיר האָבן אָפּגעהאַלטן די ערשטע זיצונג, אַרומגערעדט פאַרשידענע איינצלהייטן און פאַר־טיילט צווישן זיך די אַרבעט.

אורטשיקן איז איבערגעגעבן געוואָרן דאָס איינקויפן און אַרי־בערטראַנספּאָרטירן פון אויסלאַנד געווער (אין מערסטן טייל ברוי־נינגס). ווי דאָס רוב בערשטער, וועלכע האָבן געאַרבעט אין די גרע־נעץ־שטעטלעך, האָט ער די דאָזיקע אַרבעט געקענט אויסגעצייכנט. צווישן די בערשטער זענען געווען אמתע קינסטלער אויף דעם געביט. אורטשיק מיט זלמן דעם בערשטער (זלמן „לאַפּטשע", איצט אין אַמעריקע, דאַכט זיך געשטאָרבן) זענען אַ געוויסע צייט געווען די „קאָנטראַבאַנדיסטן" אין „בונד". מען האָט זיך בכן אויף אורטשיקן געקאָנט פאַרלאָזן.

עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר יענער עפּאָכע פון קאָנספּיראַציע, וואָס אויף דער זיצונג האָט מען אַ וואָרט נישט גערעדט וועגן דעם אופן פון טראַנספּאָרטירן דאָס געווער. וועגן נישט געטרויען האָט קיין רייד נישט געקאָנט זיין. יעדער פון אונז האָט שוין צו יענער צייט געהאַט דורכגעמאַכט נישט איין פאַראַנטוואָרטלעכע, וויכטיקע פּאַר־טיי־אַרבעט. איך בין געווען דער יינגסטער אין יאָרן און דער יינגסטער בונדיסט אין דער קאָמיסיע; אָבער אויך איך האָב שוין געהאַט מיט וואָס זיך צו ווייזן צווישן פּאַרטיי־טוער. נאָר פונ־דעסטוועגן האָט מען געהאַלטן פאַר גלייכער נישט צו רעדן — שאַדן דער קאָנספּיראַציע וועט דאָס אוודאי נישט... מיך האָט זיך, דעם אמת געזאָגט, שטאַרק געוואָלט וויסן, ווי אַזוי מען נאַרט דאָס אָפּ די גרע־נעץ־זשאַנדאַרמען, אָבער מיר איז גאָר נישט איינגעפאַלן וועגן דעם צו פרעגן. און ווען איך האָב זיך שפּעטער צופעליק יאָ דערוואוסט, האָב איך אויך מיט קיין זאַך נישט אַרויסגעוויזן, אַז איך ווייס דערפון.

איך און טאַראַס האָבן זיך געלאָזט איבער די שטעט פון בונדישן ראַיאָן אויספאָרשן, ווי גרויס עס קאָנען זיין די דרוזשינעס, וויפל קאָ־נען זיך באַנוצן מיט געווער, וועלכע אָנפירנדיקע כחות זענען דאָ אויף די ערטער. דערביי האָבן מיר געדאַרפט גענוי אַרומרעדן מיט די אָר־טיקע בונדישע קאָמיטעטן פאַרשידענע פּרטים פון דער אַרבעט: וועגן אַ סקלאַד פאַר געווער, וועגן אָרט וואו זיך צו לערנען שיסן, וועגן די אָרטיקע מיליטערישע און פּאָליציייאישע כחות און ד. ג.

טאַראַס איז, דאַכט זיך, געפאָרן אין פוילישן ראַיאָן: ביאַליסטאָק, וואַרשע, לאָדזש, טשענסטאָכאָוו. איך האָב באַזוכט די שטעט מינסק, באָברויסק, מאָהילעוו און, דאַכט זיך, אויך וויטעבסק. דאָס איז געווען דער ערשטער טור, נאָך וועלכן מיר האָבן געדאַרפט האָבן אַ צווייטע זיצונג, וואו מיר וועלן אויפן סמך פון די געזאַמלטע מאַטעריאַלן אָננעמען פּראַקטישע באַשלוסן.

מיין באַריכט איז געווען אַ פּעסימיסטישער. די אָרטיקע טוער האָבן אויפגענומען אונזערע פּלענער אָן ענטוזיאַזם. דער צוריקגאַנג פון דער רעוואָלוציאָנערער כוואַליע נאָכן דורכפאַל פון מאָסקווער אויפשטאַנד האָט זיך שוין אויף די ערטער געלאָזט פילן גאַנץ שטאַרק. דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג — דעם „בונד", ווי אַ מאַסן־באַוועגונג און מאַסן־פּאַרטיי, זענען דערביי געווען אָרגאַניש פרעמד די פאַרשווערערישע מעטאָדן, וואָס זענען געלעגן אין תוך פון אונזערע פּלענער. אָבער דאָך — קעגן תוך פון אונזערע פּלענער האָט זיך קיינער נישט אַרויסגעזאָגט. די איינציקע שטאָט, וואָס האָט זיך אַרויסגעזאָגט שאַרף פּרינציפּיעל קעגן די פּלענער פון צ. ק., איז געווען מינסק.

אין מינסקער קאָמיטעט פון „בונד" האָט דעמאָלט געאַרבעט אַראָן דעווענישסקי — דער שפּעטער באַוואוסט־געוואָרענער שרייבער — אַ. ווייטער. ער איז דאָס געווען איינער פון די אַנטשיידנסטע קעגנער פון אונזערע, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, „בונטאַרישע פּלענער". איך געדענק נישט אַלע אַרגומענטן, וואָס זענען דעמאָלט אַרויסגערוקט געוואָרן קעגן אונז; איך געדענק אָבער גאַנץ גוט, אַז אונטער דעם איינדרוק פון די דאָזיקע אַרגומענטן, האָב איך אויף דער צווייטער זיצונג פאָרגעלייגט די קאָמיסיע גאָר צו ליקווידירן. טאַראַס איז געווען קעגן דעם, הגם אויך זיין באַריכט האָט נישט געגעבן קיין איבעריקן גרונט פאַר אָפּטימיסטישע אויספירונגען. ח' אַרקאַדי איז געווען מער געניגט צו מיין מיינונג, ער האָט אָבער פאָרגעלייגט פריער צו באַזוכן נאָך די איבעריקע שטעט און דערנאָך ערשט שטעלן די פראַגע וועגן דער צוועקמעסיקייט פון אונזער אַרבעט. אויף דעם זענען אַלע איינגעגאַנגען.

פון ביידנס באַריכטן האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז אויף די ערטער גיט מען צו אַ גרויסן באַדייטונג דעם ענין פון באַזאָרגן זיי מיט געווער. די פּאָגראָם־שטימונגען נאָך דער פּאָגראָם־כוואַליע פון 1905 זענען געווען זייער שטאַרק. עס האָבן זיך אין אַ סך ערטער אויסגע־

בילדעט זעלבסט־שוץ־דרוזשינעס. זיי האָבן אָבער נישט געהאַט קיין געווער גענוג. און אויף וויפל דער עולם האָט אונזערע אויפשטאַנד־פּלענער אויפגענומען קאַלט און אפילו פיינטלעך, אויף אַזוי פיל איז מיט אָנערקענונג און צופרידנקייט אויפגענומען געוואָרן די ידיעה, אַז די קאָמיסיע „מים" וועט באַזאָרגן די שטעט מיט „שפּייערס" (רע־וואָלווערן). אויף וויפל עס געדענקט זיך, האָבן אַ סך שטעט געהאַט באַשטימט דערויף גרעסערע סומעס געלט, וואָס זענען געקליבן גע־וואָרן ביי בירגערלעכע קרייזן און איינצלנע מענטשן, וועלכע האָבן אין דער בונדישער באַוועגונג געזען דעם איינציקן כּח צו שיצן די באַפעלקערונג פון די צאַרישע פּאָגראָמען.

נאָכן באַזוכן די שטעט פון דרום־רוסלאַנד און די איבעריקע שטעט פון פּוילן און ליטע איז די קאָמיסיע זיך ווידער צוזאַמענגעקו־מען. אויפן סמך פון די נייע באַריכטן, איז באַשלאָסן געוואָרן די קאָמיסיע „מים" אין איר איצטיקן צוזאַמענשטעל און מיט אירע ביז־איצטיקע אויפגאַבן צו ליקווידירן. (פאַר ליקווידירן האָבן גע־שטימט ח' ארקאַדי און איך; אורטשיק האָט געשטימט קעגן און טאַראַס האָט זיך, דאַכט זיך, אָפּגעהאַלטן). די באַריכטן האָבן אָבער נאָכאַמאָל באַוויזן די נויטווענדיקייט צו באַזאָרגן אונזערע אָרגאַניזאַ־ציעס מיט געווער, צו באַוואָפענען די זעלבסט־שוץ־דרוזשינעס. עס איז דעריבער באַשלאָסן געוואָרן, אַז איך און אורטשיק בלייבן ווייטער אַרבעטן אויף דעם געביט.

ווי איך האָב שוין פריער דערמאָנט, האָט זיך מיטן אַריבער־ברענגען דאָס געווער פון יענער זייט גרענעץ פאַרנומען אורטשיק. איך האַלט זיך דעריבער אָפּ פון באַשרייבן דעם אופן, ווי אַזוי די דאָזיקע געפערלעכע אַרבעט איז געמאַכט געוואָרן. אפשר ווען די שורות וועלן אַריינפאַלן צו אורטשיקן אין די הענט, וועט דאָס אים באַוועגן אַליין צו באַשרייבן דעם טייל פון אונזער רעוואָלוציאָנערער געשיכ־טע. איך וועל דאָ נאָר דערציילן וועגן דעם טייל אַרבעט, וואָס מיר איז אויסגעקומען אויסצופירן — וועגן פונאַנדערפירן דאָס געווער איבער די שטעט.

ביים איבערפירן דאָס געווער איבער דער גרענעץ איז מען גע־ווען פאַרבונדן מיט אַ נעץ פון אָרגאַניזאַציעס, אינסטיטוציעס און איינצלנע פּערזאָנען: מיט דער גרענעץ־וואַך, אָפּט מיט זשאַנדאַרמען, מיט קאָנטראַבאַנדיסטן פון יענער זייט און פון דער זייט גרענעץ, מיט עקספּעדיטאָרן און עקספּעדיציע־קאַנטאָרן, וועלכע מען האָט אָפּגע־

אַרקאַדי קרעמער (אין די עלטערע יאָרן)

גרינדער פון „בונד"

א. ווייטער (אהרן דעוועניששקי)
דערהרגעט געוואָרן דורך פּוילישע זעלנער אין ווילנע, 1919

נאַרט און וועלכע האָבן פאַר געלט געלאָזט זיך אָפּנאַרן. אַזוי, צום ביישפּיל, האָט מען טיילווייז טראַנספּאָרטירט דאָס געווער אין גרויסע קופעס ים־גראָז (מאָרסקאַיאַ טראַוואַ), וואָס מען פלעגט דאַן שיקן פון אויסלאַנד דורך דער גרענעץ־סטאַציע ווערזשבאָלאָווא. די פּראָפעסיאָנעלע אָדער אידייאישע קאָנטראַבאַנדיסטן האָבן דעריבער געהאַט שוין אויסגעאַרבעטע, צוגעפּאַסטע פאָרמען און וועגן. איך אָבער בין געווען אָנגעוויזן אויף זיך אַליין. קיין אייגענע פּראַקטיק האָב איך נישט געהאַט. פרעמדע דערפאַרונג האָב איך אויך נישט געקאָנט אויסנוצן, ווייל ביז יענער צייט האָט מען זיך אין דער פּאַרטיי ווייניק פאַרנומען מיט פונאַנדערשיקן געווער. איך האָב מיר דעריבער געמוזט אַליין אויסטרעטן אַ וועג.

ווי נישט אויסגערעכנט און אומגעלומפּערט דרייסט איך בין דעמאָלט נישט געווען, האָב איך דאָך פאַרשטאַנען, אַז נעמען זיך צו דער דאָזיקער אַרבעט „מיט הוילע הענט”, אָן געוויסע פאָרזיכטס־מיטלען — טאָר מען נישט.

2. מיין קעסטל געצייג, מיין קאַפּטל און מיין הובעל

אין יענע צייטן איז ביי אַרבעטער פון געוויסע צווייגן פון דער בוי־בראַנזשע געווען אָן אָפּטע דערשיינונג דאָס וואַנדערן פון איין שטאָט אין דער צווייטער. אין גרעסטן טייל איז דאָס, פאַרשטייט זיך, געווען אַ רעזולטאַט פון אַרבעטלאָזיקייט און פון שטאַרקערע אָדער שוואַכערע בוי־סעזאָנען אין דער אָדער יענער שטאָט; אָבער ביי איינצעלנע אַרבעטער איז דאָס וואַנדערן געווען שוין בכלל אַ טראַדיציע, אַ מנהג. די אַרבעטער פון דער בוי־בראַנזשע האָבן געדאַרפט האָבן אייגענע געצייג. און ווער עס איז סוף פאַריקן אָדער אָנפאַנג איצטיקן יאָרהונדערט געפאָרן איבער די באַנען פון רוסלאַנד, מוז געוויס געדענקען די בילדער, ווי אויף אַ סטאַציע גיט זיך אַ לאָז אַריין אַן „אַרטעל” טשעסלערס אָדער מולערס מיט זייערע גרויסע הובלען, זעגן, בערעך־אייזנס, לאָפּאַטעס, קעלניעס און קאַסטנס אויף לעדערנע פּאַסן אָנגעהאַנגען אויף די אַקסלען.

איך בין דעמאָלט געווען אַ בוי־סטאָליער, און האָב אויך פאַרמאָגט מיין אייגענעם געצייג־קאַסטן און נאָך „האַנט־געצייג”, מיט וועלכע איך האָב זיך זייער געגרויסט: ערשטנס, איז דאָס געווען אַ סימן, אַז איך בין שוין אַ זעלבסטשטענדיקער געזעלן; און צווייטנס,

האָב איך מיר די געציינ אַליין געמאַכט. אין יענע צייטן פון אַ סך „צעכאָווע" איבערבלייבעכצן, ווען צו גוטער אַרבעט און צו גוטע געזעלן האָט מען זיך נאָך באַצויגן מיט געוויסער פּיעטעט, איז דאָס געווען נישט קיין קלייניקייט.

אָט דעם דאָזיקן געציינ־קאַסטן האָב איך עס אויסגענוצט אויף פונאַנדערצופירן דאָס געוועה. די „שפּייערס" האָב איך געהאַלטן דווקא נישט אין קעסטל, נאָר טיילווייז אין אַ פּראָסט קוישל, אין וועלכן דער געזעלן פלעגט געוויינלעך האַלטן די שבתדיקע מלבושים און די וועש, און טיילווייז האָב איך זיי געטראָגן אויף זיך — אין אַ ספּעציעל אויפגענייטן וואַטאָוון קאַפּטל מיט צוויי רייען קעשענעס פון פאָרנט און פון די זייטן. דער דאָזיקער קאַפּטל פלעגט מיר אויך דינען איבערצוטראָגן דאָס געוועה אין שטאָט גופא, אויף די באַשטימטע אַדרעסן, וואוהין עס איז געווען נישט פּאָרזיכטיק אַריינצוגיין מיט אַ קוישל אָדער אפילו מיט אַ פּעקל. דער געציינ־קאַסטן מיט די איבעריקע מכשירים האָבן נאָר געדאַרפט מאַסקירן דעם אמתן ציל פון מיין רייזע — צוגעבן איר אַן אומשולדיקן אויסזען.

צוגלייך מיט די „שפּייערס" אָדער „קניידלעך" (באָמבעס) האָב איך אָבער געדאַרפט מיט זיך אויך מיטפירן די אַדרעסן, וואו דאָס געוועה אָפּצוטראָגן. מיר פלעגט אויסקומען צו פירן געוועה פאַר 2—3 שטעט מיטאַמאָל. געדענקען די אַדרעסן אויף אויסנווייניק איז געווען שווער און געפערלעך — איך האָב זיי געקאָנט צעפּלאָנטערן. די שטענדיקע „יאַווקעס" (די ערטער, וואו אַ נייער מענטש האָט געקאָנט טרעפן וועמען פון דער אָרטיקער אָרגאַניזאַציע) האָבן דערצו אויך נישט געטויגט. מען האָט געמוזט צו דעם צוועק האָבן נייע, מער פאַרקאָנספּירירטע אַדרעסן. האַלטן זיי פאַרשריבן ביי זיך וואָלט געווען געווים נישט פאָרזיכטיק — און דאָ האָט מיר ווידער אַמאָל אַרויסגעהאָלפן מיין געציינ.

איך האָב זיך געמאַכט אַ רובאַנאָק־הובל, וואָס אויסערלעך האָט ער זיך מיט קיין זאַך נישט אונטערגעשיידט פון זיינע „מיטברידער", אָבער אינעווייניק איז ער געווען אויסגעהוילט. און אין דער דאָזיקער אויסהוילונג האָב איך געהאַלטן די אַדרעסן און אַנדערע וויכטיקע דאָקומענטן. די עפענונג פון דער אויסהוילונג האָט זיך פאַרמאַכט מיטן גריף, וואָס איז ווי אין אַ נאַטירלעכן הובל געווען פאַרפעסטיקט מיט אַ שרויף. כדי דער הובל זאָל האָבן זיין נאַטיר־

לעבע וואָג, האָב איך אין עטלעכע באַהאַלטענע ערטער אויסגעבויט לעכער און זיי אָנגעגאָסן מיט בליי.

דעם דאָזיקן הובל מיינעם, וואָס האָט אין דער קאָמיסיע „מים״ געשפּילט אַזאַ וויכטיקע, שטומע ראָלע, איז באַשערט געווען אומ־צוקומען אויף אַזאַ אופן, אַז איך ווייס אפילו נישט, וואו זיין געביין איז אַהינגעקומען. אַראָפּשטייגנדיק איינמאָל אויף פּעטערבורגער וואָק־זאַל אין ווארשע, האָב איך אים פאַרגעסן אין וואַגאָן. אין זיין „אינ־געווייד״ האָבן זיך געפונען עטלעכע אַדרעסן און אַ פּאָר מיינע לידער (חטאת נעורים). אַ שטיק צייט בין איך געווען שטאַרק באַאומרואיקט וועגן די פאָלגן, וואָס דערפון קאָן אַרויסקומען.

אָבער עס האָט גאָרנישט פּאַסירט. ווי עס ווייזט אויס, האָט דער נייער באַלעבאָס פון מיין הובל אים אָנגענומען פאַר אַ געוויינלעכן „בשר ודם״ און האָט אין אים גאָרנישט אַנטדעקט. מעגלעך, אַז ביים אַרבעטן האָט דער הובל אויף אַ קאָנספּיראַטיוון לשון, אויף זיין הובל־שפּראַך, דערציילט וועגן זיין אָפּשטאַמונג און העראָאישער פאַרגאַנ־גענהייט; איך צווייפל אָבער, אויב זיין באַזיצער האָט דאָס פאַרשטאַ־נען...

3. איך ווער געפייניקט פון אַ נייגעריקן יידן

ביים איבערפירן דאָס געווער האָט נישט אויסגעפעלט קיין גע־פערלעכע, טראַגי־קאָמישע און דראַמאַטישע מאָמענטן. פיל פון זיי זענען פאַרשוואונדן פון זכרון; אַנדערע ווידער געדענקען זיך, ווי דורך אַ חלום, און איך קאָן נישט זאָגן אויף געוויס, צי זיי זענען ווירקלעך פאָרגעקומען אָדער איך האָב זיי פון עמיצן געהערט דערציילן. עס זע־נען דאָך שוין פון יענער צייט גאַנצע ימים וואַסערן דורכגעלאָפן. איך וויל דאָ דערציילן נאָר איינעם פון די עפּיזאָדן, וואָס האָבן זיך מיר איינגעקריצט אין זכרון, ווי בילדער, וואָס איך זע נאָך פאַר מיינע אויגן.

דאָס איז געווען אין וואַגאָן אויף דער באַן־ליניע „פּעטערבורג — אָדעס״. איך האָב געפירט צוויי טראַנספּאָרטן געווער פאַר בערדיטשעוו און פאַר אָדעס. געפאָרן בין איך מיט „סקאָרי״ (שנעל־צוג) דריטן קלאַס מיט אַ פּלאַץ־קאַרטע.

ביז בערדיטשעוו בין איך מיט מיין קוישל און קעסטל געקומען אָן שטערונגען. אַראָפּ אין בערדיטשעוו, באַזאָרגט די „כּלים״ אויפן געהעריקן אַדרעס, בין איך פאַרבליבן וואַרטן אויף אַ צווייטן שנעל־צוג ביז אויף מאָרגן 1 אַזייגער ביינאַכט.

געקומען אויפֿן וואָקזאַל מיט אַ שעה פֿריער, כּדי צו באַזאָרגן זיך מיט אַ בילעט — לאָזט זיך אויס, אַז אין דריטן קלאַס איז נישטאָ קיין אָרט. שלעכט!! וואָס טוט מען? גיין צוריק אין שטאָט מיט דער „קראָם" מיינער איז קיין פּלאַן נישט, וואַרטן עטלעכע שעה אויפֿן וואָקזאַל אויף אַ געוויינלעכן צוג איז אויך נישט גוט. פֿאַלט מיר איין צו קויפֿן אַ בילעט צווייטע קלאַס. ווען איך האָב שוין געהאַט געקויפֿט דעם בילעט, האָב איך ערשט געכאַפּט זיך וואָס פֿאַר אַ ווילדקייט דאָס איז אַריינ־צולאָזן זיך מיט מיין „אַמוניציע" אין וואַגאָן פֿון צווייטער קלאַס.

צום גליק האָב איך דאָס קוישל שוין געהאַט אויסגעליידיקט אין בערדיטשעוו. די כּלים" פֿאַר אָדעס האָב איך געטראָגן אויף זיך אין קאַפּטל. האָב איך מיינע מכשירים געלאָזט אויפֿן וואָקזאַל „נאַ כראַניעניע" און אַריינגעזעצט זיך אין וואַגאָן.

אין קופּע האָב איך געטראָפֿן זיצן אַ יידישן יונגעמאַן פֿון אַ יאָר צוויי־דריי און דרייסיק; קענטיק, אַ סוחר. ער האָט מיך באַטראַכט פֿון קאָפּ ביז פּיס — פֿון מיין היטל מיטן גלאַנצנדיקן דאַשעק ביז מיינע שטיוול מיט די אַריינגעלאָזטע הויזן אין די כאָלעוועס... אַז מיר זענען שוין אָפּגעפֿאָרן אַ שטיקל וועג, גיט ער מיך אַ פֿרעג — וואוהין פֿאָרט איר? ענטפֿער איך — אין אָדעס. קוקט ער אַזוי אויף מיין קאָס־טיום פֿון „צווייטער קלאַס" און ער פֿרעגט ווייטער:

—איר האַנדלט מיט עפּעס?

— ניין — ענטפֿער איך — איך פֿאָר אויף אַ שטעלע.

— וואָס פֿאַר אַ שטעלע?

— אויף אַ זאַוואָד אַלס מאָדעלשטשיק — פֿאַלט מיר איין צו זאָגן — מען האָט מיך אויסגעשריבן פֿון ווילנע.

— ווי הייסט דער זאַוואָד? — נעמט קיין סוף נישט צו זיינע פֿראַגן.

אין ערשטן אויגנבליק בין איך עפּעס ווי צעטומלט פֿון דער דאָ־זיקער איינפֿאַכער, נאַטירלעכער פֿראַגע. איך האָב זיך אָבער גלייך באַהערשט און אָנגערופֿן עפּעס אַ יידישן פֿאַמיליע־נאָמען.

— אַזוי, זאָגט ער, ביי דעם און דעם, אויף דער און דער גאַס? איך קען אים זייער גוט; ווי קומט דאָס וואָס ער דאַרף אויסשרייבן אַ מאָדעלשטשיק אַזש פֿון ווילנע? אין אָדעס פֿעלן שוין אויס מאָ־דעלשטשיקעס?

ער שטעלט אָן אויף מיר זיין בליק און איך פֿיל, אַז ער טרויט מיר נישט. איך פֿיל, אַז דער דאָזיקער ייד איז נאָך נישט באַפֿרידיקט,

אַז אָט־אָט וועט זיך פון זיינע ליפּן אַרויפּרייסן נאָך אַ פראַגע, אויף וועלכער איך וועל ווידער דאַרפן געבן אַן ענטפער. איך ווער אָנגע־שטרענגט, דענערווירט. עס שלאָגט מיר אַרויס אַ שווייס און איך זוך אין געדאַנק אַן עצה, ווי זיך אויסצודרייען פון דער נישט באַקוועמער סיטואַציע. איך זע שוין, אַז וואָס מער איך וועל מיט אים רעדן, אַלץ מער וועל איך זיך פאַרפּלאָנטערן אין מיין „בלאָפן" און איך פאַר־שעלט אים אין האַרצן ביז אין דריטן דור.

עטלעכע רגעס איז ער געזעסן שטיל, ביז ער האָט ענדלעך אַרויס־געפּלאַצט.

— פאַרוואָס — פרעגט ער — פאָרט איר מיט צווייטער קלאַס? עס קאָסט דאָך אַזוי טייער.

— איך פאָר אויפן באַלעבאָס חשבון — ענטפער איך געשווינד.

דאָס האָט אים אין ערשטן אויגנבליק אַזוי ווי באַרואיקט. אָבער גלייך טוט ער ווייטער אַ פרעג, ווי מיט אַ שטאָך:

— מיט וועלכער קלאַס זייט איר געפאָרן פון ווילנע ביז בער־דיטשעוו?

— איך בין אין בערדיטשעוו אָפּגעטרעטן ביי מיינעם אַ קרוב — ענטפער איך נישט גערן.

שלעכט, וואָס טוט מען דאָ? ווי ווערט מען פּטור פון דעם יידן?

אין וואַגאָן איז אָנגעהייצט, און איך מוז זיצן אין מיין ווינטער־דיקער קורטקע פאַרשפּילעט אויף אַלע קנעפּלעך. עס איז מיר דושנע און פּאַסקודנע אויפן האַרצן.

— איר קאָנט דאָך אויסטון אייער אויבער־בגד — עצהט מיך מיין פּייניקער.

איך ענטפער נישט. איך זיץ אָנגעשפּאַרט אָן ווענטל פון דער ווייכער קאַנאַפּע און מאַך זיך, אַז איך וויל שלאָפן. דאָס האָט גע־ווירקט; ער האָט אויפגעהערט מיך מאַטערן מיט זיינע פראַגן, און איך האָב מיך אַביסל באַרואיקט.

אָבער ווי איך זיץ אַזוי אָנגעשפּאַרט מיט צוגעמאַכטע אויגן, פיל איך, אַז עס לאָזט זיך אין דער אמתן אַראָפּ אויף מיר אַ שלאָף. איך ראַנגל זיך מיט אַלע מיינע כּחות: איך פּרוביר טראַכטן וועגן פאַר־שידענע זאַכן, אָבער די געדאַנקען פּלאָנטערן זיך; פאַנטאַזיע מיט ווירקלעכקייט גיסן זיך צונויף אין איין מיש־מאַש. יעדע מינוט פאַל איך אַריין אין אַ צושטאַנד פון שלאָף און כאַפּ זיך ווידער אויף מיט אַ

צאַפּל. אַזוי האָב איך זיך לאַנגזאַם געמאַטערט, ביז אַלץ האָט אָנגעהויבן פאַרשווינדן...

ווי לאַנג איך בין געשלאָפן, ווייס איך נישט. אַ פּלוצלינגער שטויס פון וואַגאָן האָט מיך אויפגעוועקט. איך האָב זיך אויפגעכאַפּט נישט טויט, נישט לעבעדיק. איך האָב זיך אינסטינקטיוו גענומען ארומטאַפּן און — אַ גאָט! — די אויבערשטע קנעפּלעך פון מיין קורטקע זענען געווען אָפּגעשפּילעט און פון די קעשענעס פון מיין קאַפּטל האָבן ארויסגעקוקט די כאַראַקטעריסטישע הענטלעך פון די ברויניננגס. אין קופּע איז שוין קיינער נישט געווען. מיין מיטפאָרער איז פארשוואונדן צוזאַמען מיט זיינע פּעקלעך און רענצלעך.

— שלעכט! — האָב איך מיר געטראַכט — איך בין אַ פאַר־פאַלענער. ער אָדער אַן אַנדערער האָבן געוויס באַמערקט מיט וואָס איך בין באַלאָדן און מען וועט מיך אויף דער נאָענטסטער סטאַציע געוויס ארויסגעבן די זשאַנדאַרמען.

אין ערשטן אויגנבליק האָב איך אַפילו אַ טראַכט געטון וועגן ארויסשפּרינגען פון צוג; דער צוג איז אָבער אַזוי שנעל געלאָפן, אַז דאָס וואָלט געווען אַ זיכערער טויט.

אין דרויסן איז שוין געווען גרויסער טאָג, און איך בין אַלץ געזעסן און געטראַכט וועגן דעם, וואָס מיך דערוואַרט — געזוכט און נישט געקאָנט געפינען קיין עצה, ווי אַזוי זיך ארויסצוהעלפן פון דער געפערלעכער לאַגע.

נישט געפינענדיק קיין אויסוועג, האָב איך זיך אונטערגעגעבן דעם שיקזאַל און גענומען וואַרטן אויף דעם, וואָס מוז אומפאַרמייד־לעך קומען. וואָס איך האָב דאַן איבערגעטראַכט, קאָן זיך יעדער אַליין משער זיין.

אַז דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָב איך מיטאַמאָל דערפילט עפּעס אַזאַ מאָדנע רואיקייט, ווי מיט מיר וואָלט גאָרנישט פאָרגעקו־מען. פאַרן ארויסגיין פון וואַגאָן האָב איך זיך אַביסל פאַרהאַלטן, כדי זיך אָריענטירן, וואָס ארום מיר טוט זיך.

ווי איך שטיי אַזוי און קוק זיך ארום — ערשט פון אַ וויטער קופּע באַווייזט זיך מיין פּאַסאַזשיר. ער האָט מיט דערשראָקענע בליקן עפּעס ארומגעזוכט, און ווי ער האָט מיך דערזען, האָט ער זיך האַס־טיק ארויסגערוקט און גיך זיך געלאָזט לויפן צום ארויסגאַנג פון וואַק־זאַל.

מער האָב איך אים שוין נישט געזען.

4. דער געווער־לאַגער

די אַרבעט איז געגאַנגען גאַנץ אינטענסיוו: עס זענען אָנגעקומען אַלץ נייע טראַנספּאָרטן בראַונינגס. עס פלעגט אויסקומען זיי צו האַלטן אין ווילנע עטלעכע טעג, ביז עס האָט זיך איינגעגעבן זיי פונאַנדערצו־פירן איבער די שטעט. עס איז דעריבער נויטיק געווען צו שאַפן אין ווילנע אַ צענטראַלן לאַגער. דאָס איז געווען אַן ערנסטע און שווערע אויפגאַבע. חוץ אַ זיכער אָרט, האָט דער לאַגער נאָך געדאַרפט האָבן די מעלה מען זאָל צו יעדער צייט קאָנען צו אים צוקומען.

אָרגאַניזירן דעם לאַגער איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם שפּע־טער בארימט געוואָרענעם פּראָוואָקאַטאָר ישראל מיכל קאַפּלינסקי („לאַנגזאַם"). דער דאָזיקער מערקווירדיקער פּראָוואָקאַטאָר איז געווען אַ שלאָסער. ער האָט פאַרן „בונד" און פאַר אַנדערע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען איינגעאָרדנט צענטליקער געהיימע דרוקערייען, וואָס האָבן יאָרן־לאַנג פונקציאָנירט מיט דערפאָלג; ער פלעגט באַזאָרגן די גאַנצע פּאַרטיי מיט פאַלשע פּעסער און אַנדערע דאָקומענטן; אין זיינע הענט האָט זיך געפונען דער טעכנישער אַפּאַראַט פון אונזער אונטערערדי־שער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. און דאָך האָט ער פאַרהעלטנים־מעסיק זייער ווייניק אַרויסגעגעבן דער זשאַנדאַרמעריע. דער זעלבער קאַפּלינסקי האָט אויך אונזער וואָפן־לאַגער איינגעאָרדנט און דער פּאָ־ליציי אים נישט אַרויסגעגעבן.

אין ווילנע האָבן דעמאָלט געוואוינט די חברים מענדל דער שניי־דער (מענדל דווינסקער) מיט זיין פרוי גיטל. די דאָזיקעביידע חברים זענען געווען פון די פּיאָנערן פון דער בונדישער אַרבעטער־באַוועגונג אין דווינסק. אין 1902—1903 באַזייטיקן זיי זיך פון דער עפנטלע־כער פּאַרטיי־אַרבעט, וואו זיי האָבן געשפּילט אַן אָנגעזעענע ראָלע, און גיבן זיך איבער אויסשליסלעך דער שווערער, געפערלעכער, וויי־ניק דאַנקבאַרער, אָבער זייער וויכטיקער אונטערערדישער אַרבעט פון דער פּאַרטיי. די דאָזיקע צוויי חברים האָבן אויסגעפירט קאָנספּיראַטי־ווע אַרבעט, וואָס קלינגט איצט ווי אַ לעגענדע. פאַר זייערע אויגן און דורך זייערע הענט איז דורכגעגאַנגען אַ גאַנצע עפּאָכע פון דער בונ־דישער באַוועגונג.

אין ווילנע האָבן מענדל און גיטל אויך געהאַלטן אַן אומלע־גאַלע קוואַרטיר, וואו ס'האָט זיך געפונען דער ליטעראַטור־סקלאַד און אַרכיוו פון צ. ק. פון „בונד".

ביי זיי האָט מען דאָס געמאַכט דעם צענטראַלן געווער־לאַגער פון „מים".

די דירה האָט זיך געפונען אויף סאָפּיאַניקעס נומ. 5. זי איז באַ־שטאַנען פון אַ קיך מיט צוויי ליכטיקע צימערן און אַ פינסטערן אַלקער. אין איינעם פון די צימערן האָט מענדל געהאַט זיין שניידער־וואַר־שטאַט, וועלכער האָט געדאַרפט צוגעבן דער וואוינונג אַן אומשולדיקן, בירגערלעכן אויסזען. אין אַרבעט־צימער, אַרום פענסטער האָט זיך געפונען אַ צוגעבויטע וואַנט, וואָס קיינער האָט נישט געוואוסט נאָך וואָס מען דאַרף זי. אונטערן אויסרייד (טאָמער דערהערט ווער פון די שכנים אָדער דער הויזווירט), אַז מען האַקט אַראָפּ דעם איבעריקן שטיק וואַנט, וואָס פאַרנעמט אומזיסט אָרט אין צימער, האָט מען באַשלאָסן גלייכצייטיק אויסהוילן אַ שטיק געמויערטע וואַנט אונטערן פענסטער און אויף דעם אָרט אַריינמויערן אַ קאַסטן צו האַלטן דאָס געווער. די מויער איז געווען אַן אַלטע, די ווענט זייער גראָבע, און טעכניש האָט זיך די זאַך געלאָזט פאַרווירקלעכן.

דאָס איז אָבער געווען אַן אַרבעט, אַן אויסערגעוויינלעך שווערע. די חברים מענדל און גיטל — צוזאַמען, דאַכט זיך, מיט דודקע איינ־אויג (קאַפּלינסקים געהילף) האָבן געאַרבעט אין פאַרלויף פון וואָכן גאַנצע. אַליין נישט קיין פאַכלייט האָבן זיי געדאַרפט אַרבעטן אָן גע־רויש — מען זאָל נישט דערהערן, אין שטענדיקער אָנשטרענגונג, טאָמער קומט ווער אַריין. ביינאַכט האָט מען די ציגל, שטיינער און גרוז אַרויסגעטראָגן אין די קעשענעס, אין באַהאַלטענע זעקלעך און אויסגעשיט זיי ווייט פון דער דירה, קיינער זאָל נישט באַמערקן. מען האָט זיך געדאַרפט היטן, מען זאָל מיט די פיס נישט מאַכן קיין סימנים פון וואַפּנע אויפן לאַנגען הילצערנעם קאָרידאָר. עס זענען געווען שווע־ריקייטן און שרעק־מאָמענטן, וואָס נאָר די אָנטיילנעמער אַליין קאָנען דאָס איבערגעבן. סוף כּל סוף איז די וואַנט געווען אויסגעהאַקט. מען האָט אַהין אַריינגעמויערט אַ הילצערנעם קאַסטן, פאַרטינקעוועט דעם פראָנט און פאַרקלעפּט פון אויבן מיט די זעלבע טאַפּעטן, ווי אין גאַנצן צימער. צוגעקומען צום קאַסטן איז מען דורכן פענסטער־ברעט, וואָס פלעגט זיך אַרויסרוקן פון די זייטן ווענט מיט דער הילף פון אַ ספּעציעל אויסגעפּאַרטיקטן מעטאַלענעם אַפּאַראַט. פאַרשליסן פלעגט ער זיך אויך מיט אַ באַזונדערן מעכאַניזם, וואָס איז געווען פון אויבן פאַרמאַסקירט דורך די נאָרמאַלע מעטאַל־טיילן פון פענסטער.

דער סקלאַד איז געווען אַ גאַנץ גרויסער: אין אים האָבן געקענט אַריין עטלעכע הונדערט רעוואָלווערן. האַרט בײַ דער וואַנט פון פענסטער האָט מען צוגערוקט ח׳ מענדלס שנײַדער־טיש אַזוי, אַז דער סקלאַד איז געווען געשיצט פון אַ צופעליקן קלאַפּ, וואָס וואָלט פאַר אַ זייטיקן מענטש אַרויסגעגעבן די הוילקייט פון דער וואַנט.

אַלס פאַרמיטלער צווישן סקלאַד און דער אויסערלעכער וועלט איז אַ גאַנץ לאַנגע צייט געווען דער באַוואוסטער קאָנספּיראַטאָר און אַרכיוואַר פון „בונד" דוד מאַכלין (געפינט זיך איצט אין רוסלאַנד).

די קאָמיסיע „מים" האָט געפירט איר טעטיקייט ביז סוף 1906 אָדער אָנפאַנג 1907. אין 1908 האָבן די חברים מענדל און גיטל געדאַרפט פאַרלאָזן ווילנע. גראַד צו יענער צייט האָב איך מיט מײַן פאַמיליע געדאַרפט זיך באַזעצן אין ווילנע אויף אַ לענגערן פּעריאָד — האָבן מיר איבערגענומען זייער דירה צוזאַמען מיטן סקלאַד.

פאַר דער צייט, וואָס דער סקלאַד האָט זיך בײַ אונדז געפונען, האָבן פּאַסירט אַ פּאָר צופאַלן, וואָס האָט אונדז געדאַרפט שאַפן אַ נאָמען פון נישט גאַסטפרײַנטלעכע חברים.

5. צרות מיט לאַקאַטאָרן

אין 1908 האָט די לאָדזשער פּאָליציי אַרויסגעשיקט קיין ווילנע דעם ח׳ פיניע נוטקעוויטש. מיר האָבן זיך מיט ח׳ פיניע געקענט נאָך פון לאָדזש, וואו איך האָב געאַרבעט אין דער פּאַרטיי אין 1907. איינמאָל קומט ער צו אונדז און דערציילט, אַז ער האָט נישט וואו זיך אײַנצואָרדנען. וואו ער פאַרמעלדעט זיך, רופט פּאָליציי אַרויס דעם באַלעבאָס פון דער נײַער דירה און דערקלערט אים, אַז זײַן נײַער סובלאָקאַטאָר געפינט זיך אונטער דער אויפזיכט פון פּאָליציי, און אויב אין שטוב וועט עפּעס פּאַרקומען, וועט מען אים, דעם באַלעבאָס, אויך מאַכן פאַראַנטוואָרטלעך. דערהערנדיק מיט וואָס דאָס שמעקט, זאָגט אים גלײַך דער באַלעבאָס אָפּ פון דער דירה. אַזוי האָט שוין פּאַסירט אין עטלעכע דירות, און עס בלײַבט אים כּמעט נעכטיקן אויף דער גאַס. ער זעט דעריבער נישט קיין אַנדער אויסוועג, ווי אַרײַנצוקלײַבן זיך צו מיר אין מײַן קליינעם צימערל (טאַקע דאָרטן, וואו דער סקלאַד האָט זיך געפונען).

דערהערט אַזאַ מעשה, איז מיר געוואָרן פינסטער און ביטער. איך פּרוּביר אים אײַנרעדן, אַז בײַ מיר איז פאַר אים נישט גוט צו וואוי־

נען, ווייל פּאָליציי קען מיך אוודאי אויך. ער ענטפערט מיר אָבער, אַז ער האָט אַלץ איינס נישט וואָס צו פאַרלירן. האָב איך מיט „גרויס טאַלאַנט" געגומען אים דערווייזן, אַז סוף כּל סוף טאָר איך נישט רי־זיקירן מיט אַריינגעמען צו זיך אַ מענטשן, וועלכער געפינט זיך אונ־טער פּאָליציי־אויפזיכט. דערהערט אַזעלכע „חברישע" רייד האָט ער מיר אַן אויפגערעגטער קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז איך קאָן זיך טון וואָס איך וויל — ער האָט קיין אַנדער אויסוועג נישט ווי נאָר אַריינ־צוקלייבן זיך צו מיר. וואָס האָב איך געקאָנט מיט אים מאַכן? איך האָב געמוזט מיט אַ פאַרצאַפּלט האַרץ און אומרואיק געווייסן אויף דעם איינגיין.

ביים באַנוצן דעם סקלאַד האָט מען איצט געמוזט אויסמאַרקירן, ווען פּיניע איז נישט געווען אין שטוב. דאָס פלעגט אָבער אָנקומען זייער שווער, ווייל צום אומגליק האָט ער נישט געהאַט קיין באַשעפטי־קונג און פלעגט אַ סך זיצן אין שטוב. דערוואוסט וועגן „אוצר" האָט ער זיך נישט, און אַלץ איז אַריבער בשלום. אין אַ פּאָר חדשים אַרום האָט זיך אים איינגעגעבן אוועקצופאָרן קיין לאָדזש.

עס איז אַ שטיקל צייט אוועק, מיר האָבן נישט באַוויזן פריי אָפּ־צואָטעמען פון ערשטן סובלאָקאַטאָר, ווי פון פעטערבורג קומט אַראָפּ די ח'טע צביה (אַן אַרבעטערין — אַ באַוואוסטע טוערין פון „בונד", געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין ווילנע. אונטער דעם זעלבן נאָמען האָט זי עטלעכע מאָל געאַרבעט אויך אין וואַרשע און אַנדערע שטעט).

זי באַגריסט זיך מיט אונז פריינטלעך און זאָגט אונז, אַז זי איז זייער צופרידן וואָס זי זעט ביי אונז אַן איבעריקן צימער. זי לעבט איצט גראָד נישט אויף איר נאָמען, איז פאַר איר זייער נישט באַ־קוועם צו וואוינען ביי פרעמדע, ווייל ווי אַ ווילנערין קענען זי דאָ „קינד און קייט".

איבער אַ נייעס אַ קאָן!! עס האָט זיך ווייטער אָנגעהויבן אַ דינ־געניש און אַ „כיטרעווען", ביי וועלכע איך האָב שלעכט אָפּגעשניטן. צביה איז באַוואוסט געווען פאַר אַ מענטשן אַ גראָדליניקן, מיט אַ גאַנץ שאַרפער צונג. האָט מען זי נאָר דערצאָרנט, האָט זי זיך נישט אָפּגעהאַלטן פון זאָגן דאָס, וואָס זי טראַכט וועגן יענעם. איך האָב פון איר באַקומען אַ גאַב: אַז איך בין אויף דער עלטער געוואָרן אַ פּחדן, אַ קליינבירגער, וואָס ציטערט נאָר איבער זיין ווייב און קינד און נאָך און נאָך. איך האָב דאָס געמוזט אויסהערן און אַראָפּשלינגען.

דער סוף איז געווען, איך האָב געמוזט ווידער אַמאָל זיך אונטערגעבן און זי אַריינלאָזן אינעם צימער וואו דער סקלאַד איז געווען איינגעבויט.

צביה האָט אויך בשלום אָפּגעוואוינט עטלעכע חדשים אין דעם זעלבן צימער; צוקאָפּנס ביי איר האָט זיך געפונען דער סקלאַד, אין וועלכן ס׳זענען נאָך געלעגן רעוואָלווערן, שריפט און ליטעראַטור, ווער ווייס, ווען זי וואָלט זיך דערפון דערוואוסט, צי זי וואָלט דאָן אויך נישט געוואָרן אַ „קליינבירגערין" צוגלייך מיט מיר?...

אין 1909 האָט דער רעוואָלוציאָנערער שטראָם געגומען זוכן נייע וועגן פאַר זיין גאַנג: דער אָנגריף אויפן צאַריזם האָט זיך געהאַט אָפּגעשטעלט. די רעוואָלוציאָנערע מחנות זענען צייטווייליק אַריבער צו אַ „פּאָזיציע־קאַמף" און מיר האָבן דעם סקלאַד פון „מים" ליקווי־דירט. מיר האָבן אים פאַרשאָטן מיט זאמד און שטיינער, וועלכע זע־נען נאָך געווען פאַרשטעקט אין אונזער האָלץ־קאַמער, פאַרקלאַפּט און פאַרשלאָסן אויף אייביק...

אין צוזאַמענהאַנג מיט מיין פּלומרשטער „קליינבירגערלעכער פּחדנישקייט", אין וועלכער סיי חבר פּיניע, סיי ח׳טע צביה האָבן מיך באַשולדיקט, וועט זיין פּאַסיק צו דערציילן, ווי אַזוי איך בין אַ דאַנק דער ח׳טע צביה געראַטעוועט געוואָרן פון אַ באמת נישט פּאַסיקער, נישט חבר׳שער האַנדלונג.

דאָס האָט געמוזט זיין שוין אַרום 1908. צביה איז אין דער באַוועגונג שוין נישט געווען טעטיק. דער שטראָם פון אַפּאַטיע, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט אַ סך אַמאָליקע רעוואָלוציאָנערע טוער נאָכן דורכ־פאַל פון דער רעוואָלוציע האָט אויך זי אַריינגעצויגן אין זיין טריבן לויף. די אַנטשטאַנענע אינערלעכע רעאַקציע, וואָס האָט זיך אויס־געדריקט אין מאַנגל פון מוט און גרייטקייט צו שיצן און העלפן אַ חבר אין אַ נויט, האָט געהאַט פאַרכאַפּט גרויסע שיכטן פון אַמאָל אַי־בערגעגעבענע, טרייע טוער פון דער באַוועגונג. און ווי עס שיינט, בין איך אויך שוין געווען אָנגעשטעקט מיט באַצילן פון דער דאָזיקער מגפה. וואָרום נאָר מיט דער דאָזיקער מגפה, וואָס קומט אַלעמאָל נאָך דער מפּלה פון אַ געזעלשאַפטלעכער באַוועגונג, קען איך איצט דער־קלערן די דעמאָלטיקע האַנדלונג מיינע, וואָס איך גיי איצט דערציילן.

ווי שוין געזאָגט, איז ח׳טע צביה שוין נישט געווען טעטיק אין דער באַוועגונג, אָבער צרות פון איר אַמאָליקער טעטיקייט האָבן זיך איר נאָכגעשלעפּט, וואו זי איז געגאַנגען און וואו זי איז געשטאַנען. איינע פון אירע צרות איז באַשטאַנען אין דעם וואָס זי איז נאָך אַלץ

געווען געצוואונגען צו לעבן אונטער אַ פרעמדן נאָמען. באַזונדער איז עס געווען געפערלעך פאַר איר איינצומעלדן זיך אויף איר אייגענעם נאָמען אין דער שטאָט ווילנע, ווייל אין דער אַרטיקער „אָכראַנע״ (געהיים־פּאָליציי) האָט מען גאַנץ גוט געוואוסט דעם נאָמען צביה הורוויץ. דער טערמין פון דעם פּאַס, אויף וועלכן זי האָט אין יענער צייט געלעבט, איז שוין געווען אויסגעגאַנגען און וואו צו קריגן אַ צווייטע „ליפּע״ (דער קאָנספּיראַטיווער נאָמען פון אַ פאַלשן פּאַס) האָט זי נישט געהאַט. אַ סך פאַרבינדונגען מיט די ערטער, וואו מיר פלעגן באַקומען פּאַספּאָרט־בלאַנקען, זענען אין די יאָרן פון אונזער מפּלה געווען איבערגעריסן; אין ווילנע איז גראָד צו יענער צייט נישט געווען קיינער, וועלכער וואָלט איר אַזעלכע פאַרבינדונגען געקאָנט אָנ־ווייזן. איז זי געקומען צו מיר זיך האַלטן אַן עצה און פרעגן צי וועל איך נישט קענען איר מיט עפּעס אין דעם אַרויסהעלפן. זי איז, פאַר־שטייט זיך, גרייט צו באַצאָלן וויפיל מען וועט דאַרפן.

דער צופאַל האָט געוואָלט, אַז אין איינער פון מיינע „„מלינעס״ (באַהאַלטענע ערטער, וואו מען פלעגט האַלטן אומלעגאַלע ליטעראַ־טור, אַדרעסן, שריפטן און אַנדערע קעגנשטאַנדן) זאָל זיך גע־פינען אַן אמתער פּאַס פון אַ פרוי אין צביהס יאָרן. דאָס איז געווען אַ פינף־יעריק ביכל פון מיינער אַ שוועסטער, וועלכע האָט עמיגרירט קיין אַמעריקע, פון וואַנען זי האָט דעם פּאַס געשיקט צוריק צו מיר קיין רוסלאַנד. (די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג האָט זיך זייער אָפט באַנוצט מיט די דאָקומענטן פון מענטשן, וועלכע האָבן עמיגרירט קיין אַמעריקע). איך האָב איר גלייך געזאָגט, אַז איך קען איר אָוועקגעבן דער שוועסטערס פּאַס און אַז לויטן עלטער איז ער פאַר איר ווי „אָנ־געמאָסטן״. דערביי האָב איך געלאָזט פאַלן, ווי מיר האָט זיך געדוכט, אַ שוואַכע אָנצוהערעניש, אַז איר וועט דאָס קאָסטן באַדייטנדיק ביליקער, ווי ערגעץ אַנדערשוואו. צביה האָט אָבער די שוואַכע אָנצוהערע־ניש שטאַרק פאַרשטאַנען און האָט זיך אַרויפגעוואָרפן אויף מיר מיט אַזאַ גרימצאָרן, מיט אַזאַ פייער, אַז איך האָב געמיינט איך וועל פאַר־ברענט ווערן פון בזיון!

וואָס, האָט זי געשטורעמט, איר זייט שוין אויך געוואָרן אַזאַ וואָס פון יעדער זאַך מאַכט איר אַ געשעפט?! שעמען מעגט איר זיך אין אייער וויטן האַלז! און איך וואָלט טאַקע וועלן זען, האָט זי טראַ־ציק צוגעגעבן, ווי אַזוי איר וועט מיר דעם פּאַספּאָרט־ביכל נישט געבן אָן געצאָלט!

נישט געקוקט וואָס איך האָב איר דעם פּאַספּאָרט אָפּגעגעבן טאָ־קע אָן געצאָלט, האָב איך מיך לאַנגע וואָכן געפּייניקט און פאַרשאָלטן זיך די יאָרן וואָס איך האָב אַזוינס אַרויסגעבראַכט פון מיין מויל. באַ־זונדער שווער איז מיר געווען אויסצוהערן דעם פאָרוואורף פון מיין פריינט און חבר — פון דער פרוי מיינער, וועלכע האָט נאָך צביהס אַוועקגיין געזאָגט — „האָסט נישט באַדאַרפט דערמאָנען וועגן גע־צאָלט".

אמת איז, אַז מיין מאַטעריעלע לאַגע איז דעמאָלט געווען זייער און זייער אַ שווערע. איך מיט מיין פאַמיליע זענען געזעסן אין אַ קאַלטער דירה. מיינע קנאַפּע פאַרדינסטן האָבן נישט געקלעקט אויף דורכצולעבן און עס האָט זיך מיר אין אָנפאַנג אויסגעדוכט, אַז עס וועט זיין נישט מער ווי רעכט ווען צביה וועט מיר באַצאָלן כאָטש אַ טייל פון דעם, וואָס זי וואָלט באַדאַרפט באַצאָלן אַ פּריוואַטן מענטשן. אָבער צביהס צאָרן, אירע פאָרוואורפן האָבן איבערגעוואויגן אַלע מיינע גערעכטע חשבונות און מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ האָב איך גע־טראַכט, אַז איך האָב מיך פאַרזינדיקט נישט נאָר אין די אויגן פון ח'טע צביה.

דערפאַר האָב איך די דאָזיקע זינד מיינע אין אַ צייט אַרום אויס־געקויפט אויף אַ גאַנץ אָריגינעלן אופן:

צו דער באַשריבענער צייט האָט ח'טע צביה זיך געלערנט ביי אַן אָרטיקן דאָקטאָר מעדיציניש מאַסאַזש. דער דאָקטאָר האָט געוואוסט וועער עס איז זיין שילערין און וואָס פאַר אַ וויכטיקע ראָלע זי האָט גע־שפּילט אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. ער האָט זיך דעריבער אַנטזאָגט צו נעמען ביי איר געצאָלט פאַר אויסלערנען זי די דאָזיקע אַרבעט. צביה איז פון דעם געווען אויסער זיך פאַר פאַרדרוס. האָב איך איר געגעבן אַן עצה, זי זאָל דעם דאָקטאָר קויפן אַ מתנה אַ בילד און איך וועל צום בילד מאַכן אַ רעם, וואָס וועט זיכער ווערט זיין דאָס בילד. דאָס איז איר זייער געפעלן געוואָרן און זי האָט געקויפט דאָס באַוואוסטע בילד „די ניינטע כוואַליע" פון רוסישן קינסטלער איי־וואַזאָווסקי. אין די שפּעטע אָוונט־שעהן נאָך דער טעגלעכער אַרבעט מיינער, האָב איך אין פאַרלויף פון וואָכן, אַריינלייגנדיק מיין גאַנצן קינסטלערישן געשמאַק וואָס איך האָב דעמאָלט פאַרמאָגט, אויסגע־פאַרטיקט אַ רעם, וואָס איז ווירקלעך ווערט געווען דאָס בילד. צביה איז געווען „אויפן זיבעטן הימל". ווען צביה האָט געפרעגט וויפל עס

קומט מיר פאַר מיין אַרבעט, האָב איך זיך מיט איר אָפּגערעכנט אויף איר שטייגער:

— וואָס, האָב איך אויסגעשריגן, נאָכמאַכנדיק איר אינטאָנאַציע — באַצאָלט וועל איך בײַ אײַך פאַר דעם נעמען?! געלט וועט איר מיר געבן?! שעמען מעגט איר זיך אין אייער ווייטן האַלז אַריין!!...

מיר האָבן זיך אַרומגעכאַפּט און האַרציק געלאַכט ביז טרערן.

נישט אומזיסט זאָגט מען — אַז מען בריט זיך אויף הייסן, בלאָזט מען אויף קאַלטן...

דאָס ערשטע מאָל אין אויסלאַנד

אויף דער זיבעטער קאָנפערענץ פון „בונד"

אין פרילינג 1906, האָט ארקאַדי קרעמער מיר געמאָלדן, אז דער צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד" האָט באַשלאָסן, איך זאָל פאָרן אויף דער זיבעטער קאָנפערענץ, וואָס דאַרף פאָרקומען אין בערן — שווייץ. איך דאַרף דאָרט זיין דער פאַרטרעטער פון דער גרופּע „מים". דאָס איז געווען פאַר מיר אַזוי אומדערוואַרטעט, אַזוי איבעראַשנד, אַז איך האָב ממש ניט געקאָנט ארויסברענגען קיין וואָרט פון מויל.

אויב חבר ארקאַדי האָט ניט פארשטאַנען וואָס אין מיר איז דעמאָלט פאָרגעקומען, וואָס פאַר אַ געפילן עס האָבן מיך ארומגענומען, האָט ער זיך באַדאַרפט וואונדערן, פאַרוואָס איך באַצי זיך אַזוי „טאַמעוואַטע" צו אַזאַ וויכטיקן ענין.

ביז דער אָנגערופענער צייט האָב איך זיך נאָך ניט געהאַט באַטייליקט אין קיין בונדישער קאָנפערענץ אָדער צוזאַמענפאָר. מיט־אַמאָל שטייט מיר פאַר, אַזוי אומדערוואַרטעט, אָנטייל צו נעמען אין אַזאַ וויכטיקן און קאָנספּיראַטיוון צוזאַמענקונפט, אין וועלכן עס וועלן זיך באַטייליקן די אָנגעזעענסטע טוער, די וויכטיקסטע פירער פון דער באַוועגונג. חוץ דעם, שטייט מיר פאַר אָנצוזען אַ וועלט: זיין אין גרויסע אייראָפּעאישע שטעט, שווארצן די גרענעץ — דאָס איז דאָך אַ דערהויבונג, וואָס ניט יעדער איז צו דעם זוכה.

צי בין איך אָבער דאָס ווערט? ווי אַזוי וועל איך זיך פילן צווישן אַט די אויסדערוויילטע? צי וועל איך זיין אומשטאַנד אָנטייל־צונעמען אין די דעבאַטן ביים באַהאַנדלען די וויכטיקע פראַגן, וואָס שטייען פאַר דער קאָנפערענץ? — צי ווערט דאָ ניט געמאַכט אַ טעות?

לאַנג און שווער האָב איך זיך ארומגעטראָגן מיט מיינע ספקות, ביז איך האָב דעם חבר ארקאַדי דערקלערט, אַז איך בין נאָך ניט ראוי אָנטייל צו נעמען אין אַזאַ וויכטיקן פּאַרטיי־צוזאַמענקונפט. חבר ארקאַדי האָט מיך באַטראַכט מיט אַ מאָדנעם בליק; די ווינקלען

פון מויל האָבן זיך ביי אים אויסגעקרימט אין אַ מין שמייכל און האַלב אין ערנסט, האַלב אין שפּאַס האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— אויב איך בין ראוי, זייט איר אויך ראוי!

איך האָב די דאָזיקע ווערטער זיינע ניט גוט פאַרשטאַנען, און די ספקות מיינע זענען געוואָרן נאָך גרעסער, נאָך פאַרפּלאָנטערטער. אָבער ווייטער דערווידערן האָט מיר שוין ניט געקלעקט קיין מוט, און איך האָב זיך גענומען גרייטן אין וועג.

קיין סך וואָס צו גרייטן האָב איך ניט געהאַט. „מיין רעקל מיטן שטעקל" האָב איך שטענדיק געהאַט גרייט, און צו יעדער צייט האָב איך זיך געקאָנט אויפהויבן לאָזן אין וועג וואו די ערד האָט אַ ברעג.

אַרקאַדי האָט מיך געגעבן אַן אַדרעס צו אונזערן אַ מענטשן אין גרענעץ־שטעטל וואָלקאָווישקי (נעבן ווערזשבאָלאָווא). אינם שטעטל האָב איך שוין געטראָפן וואַרטן דעם אַמאָליקן בונדיסט דאַוויד זאַס־לאַווסקי (אַצינד מיטרעדאַקטאָר פון דער מאָסקווער „פּראַוודאַ"), וועלכער האָט צוזאַמען מיט מיר געדאַרפט שוואַרצן די גרענעץ.

פאַרוואָס די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער קאָנפערענץ האָבן אונז ביידן — אַזוי פאַרשידן אין אויסזען — צוזאַמענגעפּאַרט, איז עד־היום געבליבן ניט אויפגעקלערט. פון שטאַנדפּונקט פון קאָנספּיראַציע איז דאָס געווען ביז גאָר אַ קרומע זאַך: דאַוויד זאַסלאַווסקי איז גע־ווען אַ הויכער, אַ שלאַנקער; פיין געקליידעט, שטענדיק אַ גלאַט ראַזירטער, און מיט זיינע געגילטע פּענסנע אויף אַ שנירל האָט ער געהאַט אַן אינטעליגענטן אויסזען. ער האָט זיך קענטיק אונטערשיי־דעט פון מיין „געזעצטער" פיגור פון אַן אַרבעטער — אָנגעטאָן ניט אַלעמאָל לויט דער לעצטער מאָדע... אָבער, ווען אַ קרומע זאַך גיט זיך איין, איז מען שפּעטער גענויגט צו מיינען, אַז עס איז געווען גוט אויסגערעכנט. ווי איך פאַרשטיי אַצינד, איז דער גוטער אויס־גאַנג פון דער אומגעלומפּערטער צוזאַמענפּאָרונג אין אַזאַ געפער־לעכער רייזע, געווען אַ גליקלעכער צופאַל: די „אָכראַנע" האָט, וואַרשיינלעך ניט געוואוסט, אַז אין אויסלאַנד קומט פאָר אַ בונדישע קאָנפערענץ.

די וואָלקאָווישקער בונדיסטן האָבן אונז באַזאָרגט מיט „האַלבע פּעסלעך" (אַ פּאַפּיר נאָר פאַר שטעטלדיקע איינוואוינער אריבער־צוגיין די גרענעץ קיין דייטשלאַנד), און מיר זענען „לעגאַל", ווי שטעטלדיקע תושבים אריבער די גרענעץ. פון איידקונען — פון

צביה הורוויטש

פון די ערשטע רעוואָלוציאָנערע
אַרבעטער-פרויען אין „בונד"



פיניע גוטקעוויטש
אָנגעזעענער בונדיסט פון דער שטאָט לאָדזש



מצבה אויפן דווינסקער בית-עולם
צום אָנדענק פון די געפאַלענע קעמפער
אין פעברואַר 1905

דעם גרענעץ־שטעטל אויף דער דייטשער זייט — האָבן מיר, דורך בערלין, זיך געלאָזט קיין בערן.

היינט, כמעט מיט פערציק יאָר שפּעטער, איז מיר זייער שווער צו רעסטאַווירן מיינע דעמאָלטיקע איינדרוקן פון דער גרויסער וועלט, וואָס האָט זיך פאַר מיר — פאַר דעם יידישן סטאָליער־אַרבע־טער פון „תחום״ (די געגנט, וואו דער צאַר האָט דערלויבט יידן צו וואוינען) — געעפנט מיט דעם ערשטן טראָט, וואָס איך האָב געמאַכט אויף דער ערד פון פרייען אויסלאַנד. איך געדענק נאָר, אַז אַלץ האָט דאָ אויסגעזען אַנדערש, שענער ווי אין מיין היים־לאַנד: דער וואָקזאַל, דער צוג, וועלכער האָט געבלאַנקט און גע־פינקלט פון ריינקייט, אַפילו די באַן־טרעגער אין זייערע פיין־געפּאַסטע און ציכטיקע אוניפאָרם־רעקלעך — האָבן געצווּיגן מיין אויפמערק־זאַמקייט און באַוואונדערונג.

געפאָרן זענען מיר דריטע קלאַס און אויפן וועג האָבן מיר ניט געהאַט קיין ערנסטע שטרויכלונגען — חוץ איין קאָמישן פאַל אין בערלין, ווען מיר זענען פאַר דער צייט, וואָס מיר האָבן גע־דאַרפט וואַרטן פון איין באַן אויף אַ צווייטער, געגאַנגען אָנקוקן די שטאָט.

אַרויסגעפאָרן פון רוסלאַנד זענען מיר סוף פעברואַר. אין די מקומות פון ווילנע איז צו דער צייט פון יאָר קאַלט און שנייאיק. מיר זענען, דעריבער, געווען אָנגעטאָן אין וואַטאָווע מאַנטלען מיט פוטערנע קראַגנס און אין הויכע באַראַשקענע היטלען, וואָס זענען דעמאָלט געווען אין דער מאָדע. חוץ דעם, האָבן מיר ביידע, ווי מיר וואָלטן זיך צוזאַמענגערעדט, איינגעקויפט פאַרן וועג נייע, האַלב־טיפע „ריגער קאַלאָשן״. אָנגעקומען קיין בערלין, האָבן מיר אַזוי „ווי מיר שטייען און גייען״, זיך געלאָזט אין שטאָט אַריין. ווי דער שטייגער פון יעדן, וואָס באַזוכט בערלין, האָבן מיר זיך דערשלאָגן צו דער שענסטער בערלינער בולוואַר־גאַס „אונטער דען לינדען״. פון גרויס התפעלות פאַר דער אָרדענונג און ריינקייט, וואָס האָט געהערשט אין יעדן ווינקל; פאַרכאַפּט פון די שיינע געביידעס, פּרעכ־טיקע רעסטאָראַנען, פּאַלאַצן און דענקמעלער, האָבן מיר אַ געוויסע צייט ניט באַמערקט, אַז מיר אַליין זענען אַ קעגנשטאַנד פון אויפ־מערקזאַמקייט: מיר האָבן גענומען באַמערקן, אַז די פאַרבייגייער שמייכלען צו אונז עפּעס מאָדנע; טייל, וואָס גייען פאַרביי, קערן זיך אום און מעסטן אונז אָפּ פון קאָפּ ביז די פיס מיט שפּאָטישע בליקן.

לכתחילה האָבן מיר ניט פאַרשטאַנען, מיט וואָס דאָס צו דערקלערן, אָבער עס האָט לאַנג ניט גענומען און מיר האָבן זיך אָנגעשטויסן, אַז שולדיק אין דעם זענען אונזערע גלאַנציקע קאַלאָשן.

אין בערלין, וואו דער קלימאַט איז אַ סך אַ ווארעמערער, ווי אין די מקומות פון וואַנען מיר זענען געקומען, איז געשטאַנען אַ הערלע־בער, טרוקענער, זוניקער טאָג. דער שפּאַצירנדיקער עולם, וועלכער פילט שטענדיק אָן די גאַס „אונטער דען לינדען", איז געגאַנגען אין לייכטע זומער־מאַנטלען מיט שפּאַציר־שטעקנס אין די הענט. טייל אָן היט, מיט די מאַנטלען פאַרוואָרפן אויפן אָרעם. איז אָט צווישן דעם דאָזיקן עלעגאַנט־געקליידעטן עולם, אין במעט אַ זומערדיקן טאָג, האָבן מיר, צוויי רעוואָלוציאָנערן פון רוסלאַנד — ביידע דאָס ערשטע מאָל אין אויסלאַנד — פאַראַדירט מיט פאַרריסענע קעפּ, באַפּוצט מיט „באַראַשקענע" היטלען און מיט גזלניש־גלאַנציקע קאַ־לאָשן אויף די פיס, וואָס האָבן זיך אָנגעזעזן פאַר אַ מייל. מיר האָבן זיך דערפילט זייער שלעכט; אַלץ האָט באַקומען אַ חושכדיקן אויס־זען: די שיינע הייזער, די רייכע פּאַלאַצן, די שפּיגלדיקע פענצטער פון די געשעפטן. מיר האָבן זיך קיין אָרט ניט געקאָנט געפינען אויף דער ברייטער גאַס פון „אונטער דען לינדען". איין זאָרג האָט אונז באַהערשט: ווי ווערט מען פטור פון אונזערע פייניקער — די קאַ־לאָשן?

האָבן מיר, ווי פאַרשולדיקטע, זיך פאַרקירעוועט אין אַ שטילער קווער־גאַס, אויסגעטאָן די קאַלאָשן און געלאָזט שטיין אונטער אַ בוים זיי זאָלן, אָן אונז, ווערן צו שאַנד און צו שפּאָט פאַר זייער פאַררעטערישן גלאַנץ. מיט די ווינטערדיקע מאַנטלען אויף די הענט, ניט אומקוקנדיק זיך, זענען מיר, ווי מיר וואָלטן אָפּגעטאָן ניט קיין שיינע זאַך, אַוועק מיט שנעלע טריט. אונז איז געוואָרן גרינג אויף די פיס און אויך אויפן האַרצן.

קיין בערן זענען מיר אָנגעקומען אָן ווייטערדיקע פּאַרפּאַלן. באַגעגנט האָט אונז דער סטודענט דוד מאַכלין — איינער פון די טעטיקסטע מיטגלידער אין אויסלענדישן קאָמיטעט פון „בונד". ער האָט אונז באַזאָרגט מיט האָטעל־צימערן, און פון דאָרטן זענען מיר אַוועק צו דער קאָנפערענץ.

די קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען אין אַ קליינעם קאַפע־רעסטאָ־ראַן, וואָס האָט געהאַט אַ ספּעציעלן זאַל מיט אַ בינע פאַר פאַרזאַמלונ־גען. געגאַנגען צו דער קאָנפערענץ בין איך מיט געמישטע געפילן פון

דערוואַרטונג און ציטער: ענדלעך! באַלד וועל איך דערזען די וויכטיקסטע פירער פון דער פּאַרטיי, די געהיימע לעגענדאַרע פיגורן אירע. אוןווירקלעך: אין זאַל, וואו די זיצונגען האָבן געזאָלט פאָרקומען, האָב איך געטראָפן כמעט די גאַנצע רעוואָלוציאָנערע עליטע פון „אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער בונד". טייל טוער האָב איך שוין געקאָנט פון פריער, אָבער אַ סך זענען מיר געווען אומבאַקאַנט — בלויז געהערט זייערע נעמען. אין ערשטן מאָמענט האָב איך דערפילט אַ פּאַראַדריסלעכע אַנטוישונג: די פרייע געשפּרעכן הויך אויפן קול, דער ערב־קאָנפערענץ־גערודער האָט גאָרניט האַרמאָנירט מיט דער געהיימניספולער אַטמאָספער פון אַ בונדישער קאָנפערענץ, — אפילו אין אויסלאַנד — ווי איך האָב מיר דאָס אויסגעמאָלט אין מיין פאַנטאַזיע. די דאָזיקע אַנטוישונג איז פאַרשטאַרקט געוואָרן דורך אַ שפּאַסיקן אינצידענט, וואָס איז פאָרגעקומען גלייך ביי דער עפענונג פון דער קאָנפערענץ:

געעפנט די קאָנפערענץ האָט אַרקאַדי קרעמער. ווען ער האָט אָפּגערעדט עטלעכע ווערטער, האָט ער פּלוצלונג מיטן פוס אַ שטויס געטאָן דאָס טישל, ביי וועלכן עס איז געזעסן דאַוויד זאַסלאַווסקי. דאָס טישל האָט זיך איבערגעקערט, זאַסלאַווסקיס פּאַפּירן זענען זיך צעפלויגן, און דער עולם האָט אויסגעשאָסן מיט אַ הילכיקן געלעכטער. לכתחילה האָב איך נישט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן אַזאַ מעשה:

אין „בונד" איז געווען אַ טראַדיציע נאָך יעדער קאָנפערענץ אָדער צוזאַמענפאָר איינצואָרדענען אַ באַנקעט־אָוונט. חוץ טאָסטן און פרייע שטימונג־רעדעס, פלעגט אויף אַזעלכע אָוונטן פאָרגעלייענט ווערן אַ הומאָריסטישע „ביר־צייטונג". אין איר פלעגן אויף אַ גוטמוטיקן אופן אויסגעלאַכט ווערן די שוואַכע זייטן פון די דעלעגאַטן, זייערע רעדעס און אַנדערע פּאַסירונגען בעת די פאַרהאַנדלונגען אויף די צוזאַמענקונפטן. מען פלעגט זיך דערלויבן קריטישע שטעךווערטלעך אפילו אויפן אַדרעס פון צענטראַל־קאָמיטעט און זיינע מיטגלידער, וועלכע זענען אין פּאַרטיי־לעבן געווען, קען מען זאָגן „טאַבו" — אַזוי געאַכטעט און געשעצט זענען זיי געווען. אָבער דער „ביר־צייטונג" איז אַלץ געווען דערלויבט. די הויפּט־מיטאַרבעטער אין די דאָזיקע „ביר־צייטונגען" זענען געווען: א. ליטוואַק, דאַוויד זאַסלאַווסקי, „מאַקסים דער ריגער" (קליוואַנסקי) דער „טלומטר" (א. איזאַקסאָן) און אַנדערע. אַרקאַדי קרעמער איז פאַר אַ

גרעסערן עולם געווען זייער אַ שוואַכער רעדנער. זיין באַשיידנקייט, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט שעמעוודיקייט, האָט אים נאָך מער געשטערט אין זיינע עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען. ווען אַרקאַדי האָט דערזען, אַז זאַסלאַווסקי באַוואָפנט זיך מיט פּאַפּיר און פעדער, האָט ער, אַפּנים, פאַרשטאַנען וואָס עס דערוואַרט אים אויף די שפּאַלטן פון דער „ביר־צייטונג", וועלכע האָט ניט געשאַנעוועט קיין עלטער און אויטאָריטעט. דער שטוים אין טישל, איז געווען אַ גוטמוטיק אָפּרעכענען זיך מיט די אָפּשפּעטער. אין „ביר־צייטונג" איז שפּעטער זיין רעדע טאַקע שאַרזשירט געוואָרן אויף אַזאַ אופן:

„טייערע חברים! מיר עפענען היינט די זיבעטע קאָנפערענץ פון „בונד". פאַרוואָס די זיבעטע? ווייל דער „בונד" האָט אַ סאָציאַליסטישן פּרינציפּ, אַז נאָך דער זעקסטער קאָנפערענץ קומט פאַר די זיבעטע! פון דעם דאָזיקן פּרינציפּ וועט דער „בונד" זיך קיינמאָל ניט אָפּזאָגן"!...

דער עולם אויפן באַנקעט האָט געלאַכט ביז טרערן און העכער פאַר אַלעמען — אַרקאַדי קרעמער אַליין.

די זיבעטע קאָנפערענץ איז געווען איינע פון די באַדייטנדסטע אין לעבן פון „בונד". אויף איר זענען באַהאַנדלט געוואָרן זייער וויכטיקע אָרגאַניזאַציאָנעל־פּאַרטייאישע און פּאָליטישע צייט־פראַגן, מיט וועלכע עס זענען געווען אָנגעלאָדן יענע יאָרן אין צאַרישן רוסלאַנד. אַרום די באַהאַנדלטע פראַגן זענען פאָרגעקומען הייסע, אָפּט שטורמישע צוזאַמענשטויסן פון ריכטונגען. אָבער דער פאָרזיצער וולאַדימיר מעדעם האָט, ווי אַ גוטער קאַפּיטאַן, געפירט די שיף פון דער קאָנפערענץ פאַרביי אַלע שטרויכלונגען און געפאַרן.

אין בוך „דער רויטער פּנקס", האָט פּ. אַנמאַן באַשריבן אַ טייל פון דער קאָנפערענץ כמעט אויף אַ סטענאָגראַפישן אופן. אויך ר. אַבראַמאָוויטש אין זיינע מעמואַרן דערציילט גענוי וועגן איר פאַרלויף. איך וויל דאָ בלויז איבערגעבן מיינע פּערזענלעכע איינדרוקן, מיינע איבערלעבונגען און שטימונגען.

די גאַנצע צייט בעת דער קאָנפערענץ — איבערהויפּט אין די אָוונטן, ווען קיין זיצונגען זענען ניט פאָרגעקומען, האָב איך זיך געפילט זייער איינזאַם. צווישן די דעלעגאַטן בין איך געווען, אויב איך געדענק ריכטיק, דער איינציקער „אַרבעטער פון וואָרשטאַט". אַלע איבעריקע זענען געווען אינטעליגענטן, פּאַרטיי־פונקציאָנערן; די פּאַרטיי האָט זיי אויסגעהאַלטן, כדי זיי זאָלן קענען זייער גאַנצע

צייט ווידמען דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט. צי דערפאַר ווייל מיר קומט אָן שווער גיך צו שליסן אינטימע נאָענטקייט מיט מענטשן, צי דערפאַר ווייל די איבעריקע דעלעגאַטן זענען אינטעלעקטועל גע־שטאַנען העכער פון מיר, איז זיי, דעריבער, ניט געווען אינטערעסאַנט צו פאַרברענגען מיט מיר — ווי די זאַך זאָל ניט זיין, אין די אָוונטן פלעג איך בלייבן אַליין און איינזאַם אַרומבלאָנקען איבער די שטיל־געמיטלעכע גאַסן פון דער פרעמדער שטאָט. טיילמאָל פלעג איך אַרויס הינטערן שטאָט; שעהן לאַנג שפּאַצירן איבער די שאָסיי־וועגן, אָדער אויסציען זיך אויף אַ לאָנקע און מיט נאָגנדיקער בענקשאַפט פאַר־קוקן זיך אויף די לבנה־באַלויכטענע שנייאיקע שפּיצן פון די בערג, וואָס רינגלען אַרום די שטאָט ווי געשפּענסטער. איך פלעג זיך פאַרטראַכטן ניט געטראַכטערהייט, און צעשוואומענע פאַנטאַזיעס, ווי אַ נעפּל, פלעגן איינהילן דעם מוח. ווען די געדאַנקען האָבן אָנגע־נומען אַ מער רעאַליסטישן אינהאַלט, פלעגן זיי מיך פאַרטראָגן ווייט, ווייט צו מיין היים־לאַנד, צו די אָרעמע צימערלעך פון טאַטע־מאַמע; צו די אין אומרו פאַרלאָפענע, האַרטע יאָרן און צו דער ניט קלאָר־געזעענער טריבער צוקונפט. טיילמאָל האָב איך געטראַכט וועגן זיך מיט שטאָלץ, וואָס איך בין אויסדערוויילט פון צווישן מיינע חברים־אַרבעטער. איך פלעג זיך, ווידער אין דער פאַנטאַזיע, זען אַלס העלד, וואָס פירט אויס אַ גרויסן, הערויִשן אַקט; איך זע זיך אויף אַ נעריכט, וואו איך האַלט אַ רעדע פול מיט רעוואָלוציאָנערן מוט; איך ווער פאַרמשפּט; איך גיי מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ צום עשאַ־פאָט; אַלע באַוואונדערן מיך, אַלע גרויסן זיך מיט מיר. איך זע זיך אַפילו נאָכן טויט...

איך צאַפּל אויף פון דער שוידערלעך־זיסער פאַנטאַזיע, איך דערפיל אַ קעלט פון ליגן אויפן פייכטן גראָז, און מיט מידע טריט לאָז איך זיך גיין צו מיין קליינעם האָטעל, וואו אַלע שלאָפן שוין.

אין דער צייט, ווען איך פלעג אין די אָוונטן בלייבן אַזוי איינזאַם פאַרלאָזן, האָב איך, אָבער, געוואוסט, אַז טייל דעלעגאַטן — איבער־הויפּט די יינגערע — גייען אַרום גרופּנווייז איבער דער שטאָט, כאַפּן זיך אַריין אין די געמיטלעכע ביר־הייזער און טרינקען צוזאַמען מיט די יונגע קעלנערקעס, ווי עס איז דער מנהג אין שווייצער־לאַנד; מען דערלויבט זיך אַפילו אַן אומשולדיקע פרייהייט מיט זיי, וואָס ווערט אינם דאָזיקן לאַנד ניט באַטראַכט, ווי אַ גראָבקייט.

רחמיאל — דער מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט — פלעגט

אַפּט מוסרן דעם עולם פּאַרוואָס מען פירט זיך אויף ניט געגוג קאָנס־פּיראַטיוו: מען גייט אַרום גרופּנווייז און דערצו נאָך אין עפּנטלעכע פּלעצער. אָבער קיין גרויסע ווירקונג האָט עס ניט געהאַט. ניט אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק איז מען אין אויסלאַנד — מעג מען זיך אַ ביסל דערלויבן, מעג מען אַ ביסל אַראָפּוואַרפן פון זיך די פּענטעס פון קאָנספּיראַציע. אין מיין דעמאָלטיקער נאַאיוויטעט האָב איך די דאָזיקע ניט־פאַרזיכטיקייט באַטראַכט פאַר אַ שווערע זינד לגבי דער באַוועגונג. צוליב דער זעלביקער נאַאיוויטעט און פּרימיטיווער אויפ־פאַסונג פון לעבן, איז מיר דעמאָלט באַשערט געווען נאָך אַ פּאָר אַנדערע איבערלעבונגען פון דעם מין.

איינמאָל נאָך אַ זיצונג האָט בייניש מיכאַלעוויטש מיר פאַר־געלייגט צו גיין מיט אים אין אַ קירך אויף אַ קאָנצערט פון רעליגיעזער מוזיק. איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז דאָס איז געמאַכט גע־וואָרן לויט אַ וואונק פון אַרקאַדי קרעמער, וועלכער האָט זיך אינטע־רעסירט מיט מיר ניט נאָר אויף די קאָנפערענץ־זיצונגען. ער האָט, אַפּנים, געזען מיין איינזאַמקייט און געפילט מיין געמיט־צושטאַנד. פון דער דאָזיקער אויפמערקזאַמקייט איז מיר דורכגעלאָפן אַ וואַ־רעמער שטראָם איבער די אָדערן און מיר דערוואַרעמט די נשמה. גלייכצייטיק איז מיר אָבער דער פאָרשלאָג גופא געווען עפּעס ווי דערווידער: אין אַ קירך? רעליגיעזע מוזיק? איז דאָס פּאַסיק פאַר אַ רעוואָלוציאָנער, פאַר אַ פרייַדענקער? אָבער אַרויסזאָגן מיינע ספקות האָב איך ניט געוואַגט.

ווי אַזוי די קירך האָט אויסגעזען, וואָלט איך אַצינד ניט געווען אומשטאַנד געגוי אָפּצומאָלן. איך געדענק נאָר, אַז אין איר זענען ניט געווען קיין הייליקע בילדער. אויך אַנדערע רעליגיעזע אַטריבוטן האָבן זיך ניט אַרויסגעזען. דאָס האָט מיך געוואונדערט.

דעם קאָנצערט האָבן אויסגעפירט אַ גרויסער אָרקעסטער צוזאַ־מען מיט נאָך אַ גרעסערן כאָר פון מענער און פרויען, וואָס האָבן באַלאַנגט צו אַ געזעלשאַפט ליבהאָבער פון רעליגיעזער מוזיק. צוערשט האָב איך די מוזיק ניט באַנומען. עס האָט מיך מער אינטערעסירט דאָס אויסערלעכע בילד — ווי די מוזיק. איך האָב מיט גרויס נייגיר נאָכגעפאָלגט דעם דיריגענט — די קונציקע, עלאַסטישע באַוועגונגען פון זיין שטעקעלע; איך האָב אָבסערווירט דעם רייך־געקליידעטן עולם פון מענער און פרויען, וואָס האָבן מיט אַ פרייַלעכקייט זיך צוגע־הערט צו דער מוזיק. כמעט אַלע האָבן מיט ערפורכט נאָכגעפאָלגט

דעם קאָנצערט לויט געדרוקטע טעקסטן, וואָס זענען געווען אָנגעגרייט פאַר יעדן אויף זיין פּלאַץ. ביניש האָט אויך אַריינגעקוקט אין גע־דרוקטן טעקסט און מיט דבקות מיטגעשאָקלט זיך אין טאַקט פון די טענער, וואָס האָבן זיך געטראָגן אונטערן געוועלבטן סופיט פון דער קירך. אויך איך האָב אַריינגעקוקט אין מיין טעקסט, אָבער דאָס האָב איך געטאָן בלויז לפּנים, ווייל איך האָב ניט פאַרשטאַנען ניט די ווערטער, ניט די נאָטן, וואָס זענען דאָרט געדרוקט געווען.

נאָר אָט האָבן אין געמיש פון הילכיקע מענטשן־שטימען, פון ציענדע טענער פון פידל און פלייט — זיך אַריינגעריסן נייע, מאָד־נע אַקאָרדן, ווי פון אונטער דער ערד אַרויס. טיילמאָל טיפע, פון וועלכע די שויבן אין די פענצטער האָבן געציטערט, טיילמאָל איידעלע, צאַרט־בעטנדע, ווי דאָס ווייטע געוויין פון אַ קינד: דאָס האָט דער אָרגל (אָרגאַן) פון דער ווייטער טיפעניש אין קירך, באַוועגט פון אַ ניט־זעבאַרער האַנט אַקאָמפּאַנירט מיט וואונדערבאַרער האַרמאָניע דאָס מענטשן־געזאַנג און אָרקעסטער־שפּיל. איך בין געבליבן ווי פאַרצויבערט; וועגן קיין זאַך ניט געקלערט, נאָר אַלץ איינגעאָטעמט אין זיך די קלאַנגען און ניגונים. עס האָט אין מיר מיטגעזונגען, מיט־געשפּילט, און מיטזינגענדיק האָב איך אָפט פּרובירט טרעפן דעם קומענדיקן אַקאָרד. אָבער דאָס האָט זיך מיר קיינמאָל ניט איינגע־געבן: יעדעס מאָל איז דער אַקאָרד, אויף וועלכן איך האָב געוואַרט, ערגעץ פאַרשוואונדן פון מיין געהער, און אַנדערע, אינגאַנצן אומ־דערוואַרטעטע קלאַנגען האָבן זיך געשפּרייט אין די הויכקייטן פון קירך.

ביניש האָט מיט אַ האַנט פאַרשטעלט די אויגן, אָנגעשפּאַרט דעם עלנבויגן פון דער זעלביקער האַנט אויף אַ קני און געבליבן זיצן אין פאַרגעסנקייט. ביז אין קירך האָט אָפּגעהילכט און ס'איז פאַרשטילט געוואָרן דער לעצטער אַקאָרד.

אַוועק פון דער קירך בין איך אָן אויפגעהייטערטער, מיט אַ טיפער באַפרידיקונג. קיינמאָל אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָב איך, הערנדיק מוזיק, ניט איבערגעלעבט אַזוינס, ווי אויף יענעם קאָנצערט. מעגלעך, אַז דאָ האָט געווירקט מיין דעמאָלטיקער גייסטיקער צו־שטאַנד, ווי אַ רעזולטאַט פון מיין איינזאַמקייט; אָדער די מוזיק איז ווירקלעך געווען אַזוי גוט דורכגעפירט, און זי אַליין איז טאַקע געווען די סיבה פון דער אויפטרייסלונג. ווי די זאַך זאָל ניט זיין — בין איך טיף אין האַרצן געווען דאַנקבאַר די חברים אַרקאַדי און

ביניש, וואָס זיי האָבן געהאַט אַן אויער צוצוהערן זיך צו די וויט־באַהאַלטענע קלאַנגען פון מיין איינזאַם געמיט. דער פאַרדרוס פאַר־וואָס סאָציאַליסטן־פרייִדענקער גייען אין אַ קירך הערן רעליגיעזע מוזיק — איז פאַרשוואונדן ווי אַ רויך. געבליבן איז נאָר אַ גייסטי־קער געגנום. מיר איז אָבער באַשערט געווען נאָך אַ טיפע איבערלעבונג — אָבער אויך זי האָט ניט איבערגעלאָזן אין מיר קיין סימן פון ביי־טערניש. היינט זעט מיר אויס יענע איבערלעבונג אַ היפּש ביסל נאַאיוו. אָבער דעמאָלט האָב איך אַ סך זאַכן אַנדערש באַנומען, אַנדערש אויפגעפאַסט.

אין איינעם פון מיינע איינזאַמע אָוונטן ליג איך אויף אַ לאַנקע הינטער דער שטאָט פאַרזונקען אין ניט קלאָרע רעיונות און בענק־שאַפט נאָך אומבאַשטימטע פאַרלאַנגען. עס איז שוין שפּעטלעך, איך קלייב זיך שוין גיין אין מיין האָטעל־צימערל — ערשט איך דערהער פון וויטן באַקאַנטע ניגונים געזונגען פון מענער און פרויען. איך הער מיך גוט איין און דערקען די מאָטיוון פון בונדישע לידער. צוערשט האָב איך זיך דערפרייט, ווי מען דערפרייט זיך, ווען מען דערהערט פון וויטן די שטים פון אַן אייגן קינד. ווער קענען דאָס, אָבער, זיין די מענטשן אין דער פרעמדער שטאָט, וואָס זינגען אַזוי האַרציק אָט די אַזוי פיל מאָל געהערטע, אַזוי נאָענטע, ליבלעכע ניגונים? די שטימען ווערן נעענטער, דייטלעכער, און מיר דוכט, אַז איך דערקאָן די מוזיקאַלישע שטים פון פרידע (ראָזע לעוויט). יאָ, אַזוי איז עס! צווישן איין ליד און צווייטן דערקאָן איך די שטימען פון רחמיאל, טאַראַס און אַנדערע. און גלייך נעמט מיך אַרום אַ פאַרדרוס, אַ כעס; אַזוי הייסט עס — אַנדערע וואָרנט מען צו זיין פאַרזיכטיק־קאָנספּיראַטיוו, און אַליין דערלויבט מען זיך אַרומשפּאַ־צירן אין גרויסע גרופּן און זינגען אונטערן פרייען הימל רעוואָלו־ציאָנערע לידער, בעת אין שטאָט קומט פאָר אַ געהיימע קאָנפערענץ! שיינע קאָנספּיראַציע — ניטאָ וואָס צו רעדן!

איך ליג און טראַכט, ווי אַזוי אויסצודריקן מיין פּראָטעסט, מיין כעס, און קען גאָרנישט צוטראַכטן. דערוויל לאָזט זיך דייטלעך הערן פרידעס שטים אין דער ערשטער סטראָפע פונעם ליד: „אין געזאַלציקן ים פון מענטשלעכע טרערן"...

פּלוצלונג האָט זיך אין מיר אויפגעוועקט דער קונדס, דער קאַ־טאָוועסניק, און איך ענטפער פון דער וויטן, הויך אויפן קול, מיט זינגען די צווייטע סטראָפע פונעם ליד:

„געפינט זיך אַ שרעקלעכער תהום"...

די פּאַרטיזאַנונג פונם ליד איז שוין ניט געקומען. אין דער אַנט־שטאַנענער שטילקייט האָט זיך בלויז געהערט דער רויש פון דער־ווייטערטע טריט און איינגעהאַלטענע, אָפּגעריסענע געשפּרעכן. איך בין ווידער געבליבן אַליין, און אינערלעך האָט אין מיר געלאַכט פון דער שרעק, וואָס איך האָב אַרויפגעיאָגט אויף מיינע „פּאַרזינדיקטע" חברים.

היינט טראַכט איך, אַז דאָס איז געווען די גרעסטע „שטראָף", וואָס זיי האָבן דעמאָלט פאַרדינט...

צוריק אַהיים בין איך געפאָרן מיטן זעלביקן וועג אָן באַגלייטער. פון דייטשן גרענעץ־שטעטל איידקונען, האָב איך געשריבן צו די חברים אין וואָלקאָווישקי, אַז זיי זאָלן אָפּנעמען די „סחורה" — ד.ה. זיי זאָלן שיקן אַ מענטשן מיך אַריבערצונעמען איבער דער גרענעץ. איך וואַרט אַ טאָג; איך וואַרט צוויי, דריי — אָבער קיינער מעלדעט זיך ניט און קיין בריוול איז אויך ניטאָ. איך הויב אָן ווערן אומגע־דולדיק: אפשר, טראַכט איך, איז דער אַדרעס דורכגעפאַלן; אפשר זענען די חברים אַרעסטירט.

איך זיץ אין אַ קליינער אַכסניה פון אַ דייטשן יידן אין מיטעלע יאָרן. קיין סך געסט זענען נישטאָ; מיט וואָס צו באַשעפטיקן זיך האָט דער באַלעבאָס ניט — פּייניקט ער מיך מיט פראַגן וועגן מיין אויפ־האַלטן זיך אין שטעטל, וועגן מיינע געשעפטן און אַנדערע פראַגן, אויף וועלכע איך דאַרף צוטראַכטן תירוצים. דאָס ביסל געלט פון קע־שענע ווערט אויך ביסלעכווייז צעקראָכן און עס דראָט מיר אַריינ־צופאַלן אין אַ ביטערער לאַגע. שרייב איך ווידער און ווידער, אָבער קיינער ענטפערט ניט. ערשט אויפן זיבעטן, אָדער אַכטן טאָג, פאַלט אַריין אין אַכסניה אַ ייד אין פורמאַנישע קליידער און וואַרפט זיך אויף מיר מיט אַ כעס:

— אַזוי, פיינער מענטש, לאָזט מען דאָס איבער אַ ווייב מיט קינדער און מען אַנטלויפט! שוין זאָלסטו גיין מיט מיר — וואָרעם אַט גיי איך רופן פּאָליציי. ווערט מיר פינצטער אין די אויגן: וואָס טוט זיך דאָ? וואָס איז דאָס פאַר אַן אָנשיקעניש? אָבער דאָ כאַפּ איך אויף ביי דעם יידן אַ קליינע באַוועגונג מיטן אויג און איך שטויס זיך אָן, אַז דאָס איז צו מיר אַ שליח. מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, ווי כלומרשט אַ פאַרשעמטער, בין איך נאָכגעגאַנגען דעם יידן.

אויף דער גאַס פרעג איך אים: פעטער זאָג איך — וואָס פאַר א פורים־שפּיל האָט איר דאָס אָפּגעשפּילט?

— פאַרשטייט איר מיך — זאָגט ער צו מיר — דאָס האָב איך אַליין צוגעטראַכט, כדי דער באַלעבאָס פֿון דער אַכסניה זאָל זיך ניט אָנשטויסן, אַז איר זענט אַ פּאָליטישער. אַן „אָריגינעלער" איינפאַל!

און דעם זעלביקן טאָג בין איך בשלום אַריבער די גרענעץ. אין וואָלקאָווישקי האָב איך זיך דערוואוסט, אַז די דאָרטיקע חברים אונזערע האָבן געהאַט עפּעס אַ מכשול און דערפאַר האָבן זיי פאַרשפּעטיקט צו שיקן נאָך מיר אַ מענטשן.

פראָוואָקאַטאָר י. מ. קאַפּלינסקי

ווען פּראָוואָקאַטאָר ישראל־מיכל קאַפּלינסקי („לאַנגזאַם") איז שוין זייער פיל געשריבן געוואָרן. אויך וועגן מיין באַשיידענער ראָלע בעתן אַנטדעקן זיין פאַררעטערישע טעטיקייט איז שוין עטלעכע מאָל דערמאָנט געוואָרן. איך האָב אייגנטלעך גאָרנישט צוצוגעבן ווענט־לעך צו די שוין באַוואוסטע פאַקטן, וואָס זענען אַזוי גענוי פון אַנדערע געשילדערט געוואָרן. איך וויל דאָ נאָר באַשרייבן עטלעכע עפּיזאָדן.

זומער 1908 האָבן אין ווילנע געוואוינט אַ סך בונדישע טוער און מיטגלידער פון צ. ק. פון „בונד". כמעט אַלע האָבן זיך קאָנצענט־רירט אויף זומער־וואוינונג אין אַנטאָקאָלער וואַלד, אין דער געגנט וועלכע מען האָט דעמאָלט אין שפּאַס גערופן — „בערדיטשעוו און זשיטאָמיר". אויך איך מיט מיין פאַמיליע האָבן דאָרט געוואוינט.

אין אַ פינסטערן פרייטאָג־צונאַכט רופט מען מיך אַרויס פון שטוב און איך דערזע פאַר זיך די חברים ליבער און אַבראַמאָוויטש. איך האָב גלייך דערפילט, אַז גלאַט אַזוי צו־נאַכסט זענען זיי נישט גע־קומען. נאָך אַ קורצן שווייגן זאָגט צו מיר חבר אַבראַמאָוויטש:

— חבר לייבעטשקע, אין אונזערע רייען געפינט זיך אַ פאַררע־טער! ער איז פון די גאָר נאָענטע מענטשן אונזערע; אויף ווער וואָלט איך איינגעפאַלן צו טראַכטן?

איך האָב קיין רגע נישט געקלערט און גלייך אָנגערופן ישראל מיכלען. זיי האָבן דערשטוינט זיך אָנגעקוקט איינער דעם אַנדערן און געבעטן וועגן דעם פּאַרלויפיק מיט קיינעם נישט צו רעדן. צי זיי האָבן מיך געפרעגט פאַרוואָס מיין איך, אַז דאָס איז דווקא ישראל מיכל, געדענק איך נישט. איך געדענק נאָר, אַז זיי האָבן מיך געפרעגט צי איז מיר נישט איינגעפאַלן, אַז דאָס קאָן זיין דער חבר x? זיי האָבן דערביי אָנגערופן דעם נאָמען פון איינעם פון די נאָענטסטע חברים אונזערע — איינעם פון די פּיאָנערן פון דער בונדישער באַוועגונג. איך האָב מיך זייער פאַרוואונדערט וואָס אויף דעם דאָזיקן חבר קאָן געוואָרפן ווערן אַזאַ חשד. איך האָב זיי פאַרזיכערט, אַז אויף קיין איין מאָמענט אפילו

איז מיר דאָס אויפן זינען נישט געקומען און אַז דער פּראָוואָקאַטאָר דאַרף דאָס זיין נישט קיין אַנדערער, ווי ישראל מיכל.

פונוואַנען האָט זיך דאָס ביי מיר גענומען די דאָזיקע זיכערקייט?

באַקאַנט האָב איך זיך מיט ישראל מיכלען אין פּעריאָד פון 1903-4, אין דווינסק, וואו ער האָט דאַן געוואוינט אונטער פּאָליציי־אויפזיכט. געוועזן ביי אים אין שטוב אַן אָפטער איינגייער, אויסגעפירט לויט זיינע אָנווייזונגען פאַרשידענע פּאַרטיי־אַרבעט: איבערגעפירט פּאַרטיי־ליטעראַטור אין עטלעכע שטעט; געשטאַנען מיט אים אין קאָנ־טאַקט בעת מיין זיין אין יעקאַטערינאָסלאַוו אין יאָר 1904; באַקומען פון אים צוגעשיקט 2 טראַנספּאָרטן ליטעראַטור פאַר דער יונגער יע־קאַטערינאָסלאַווער אָרגאַניזאַציע, וואָס איך מיט מיכל דעם סטאָליער האָבן דאָרטן נאָר וואָס געהאַט געגרינדעט; באַקומען פון אים צוגע־שיקט פאַר מיר פערזענלעך אַ פּאַס, אויף וועלכן איך האָב אָפּגעלעבט אַ סך יאָרן שוין נאָכדעם, ווי זיין פּראָוואָקאַטאָרישע ראָל איז אויפגע־דעקט געוואָרן. אויך שפּעטער איז מיר אויסגעקומען אָפט צו שטיין מיט אים אין קאָנטאַקט — איבערהויפּט ביים איינאָרדנען געהיימע דרוקע־רייען, סקלאַדעס פאַר געווער און אַנדערע קאָנספּיראַטיווע „סעקרעט־קעס", צו וועלכע איך פלעג אויסאַרבעטן די הילצערנע טיילן. אַלץ פלעגט אַראָפּגיין בשלום, אָן שטרויכלונגען. אַז מיין אַרעסט אין יעקאַטערינאָס־לאַוו האָט געקאָנט פּאַרקומען לויט זיינע אָנווייזונגען, איז מיר גאָר נישט איינגעפאַלן (אפילו היינט קען איך דאָס מיט דער פולער זיכערקייט נישט זאָגן). פון דעם אַלעם, ווי מען זעט, האָט מיין חשד קעגן אים בשום אופן נישט געקאָנט געבוירן ווערן. די זיכערקייט, אַז דאָס איז ער דער פּראָוואָקאַטאָר, איז ביי מיר אין יענעם פרייטאָג־צונאַכט אַנט־שטאַנען גאָר צוליב אַנדערע, אַזוי צו זאָגן, זייטיקע מאָמענטן.

מיין קינפּטיקע פרוי, מינע די קליינע, ווי מען האָט זי דאַן גע־רופן (געוועזן אַ צווייטע מינע — די גרויסע), האָט צו יענער צייט אויך געוואוינט אין דווינסק, און פלעגט אָפט אַריינגיין צו ישראל מיכלען. אין אונזערע געשפּרעכן וועגן די טוער און פירער, צווישן קליינע און קלענערע „לשון־הרע־רייד", פלעגט זי שטענדיק קלאָגן זיך, אַז עס איז איר זייער נישט אָנגענעם צו טרעפן זיך מיט ישראל מיכלען: זי קאָן נישט קוקן אין זיינע קאַלטע אויגן; עס דאַכט זיך איר, פלעגט זי זאָגן, אַז הינטער זיין קאַלטן בליק ליגט באַהאַלטן עפּעס אַ שרעקלעכער סוד, ווי ער וואָלט דערהרגעט אַ מענטשן. איך פלעג בייז אָפּשפּעטן פון

אירע „ווייבערישע איינרעדענישן" און דערקלערן איר, אַז דערפֿאַר האָט מען דאָך אים געגעבן אַ צונאָמען „לאַנגזאַם" — אָבער דאָס האָט נישט געהאָלפֿן. זי איז געבליבן ביי איר מיינונג און פֿון צייט צו צייט ביי אַ געלעגנהייט ווייטער איבערגעחזרט דאָס אייריקע. אָבער קיין שום גרונט פֿאַר וועלכן נישט־איז חשד האָט אויך זי נישט געהאַט.

סוף 1907 בין איך געקומען קיין ווילנע. איך בין קוים מיטן לעבן אַנטלאָפֿן פֿון לאָדזש, וואו עס האָט מיר געדראָט אַ שטאַנד־גע־ריכט פֿאַר אַ כלומרשטן עקספּראָפּריאַציע־איבערפֿאַל, אין וועלכן אַ סטאָליער־מייסטער האָט מיך באַשולדיקט. די רעוואָלוציאָנערע באַוועג־גונג איז שוין געלעגן אַ געבראָכענע. יעדער איז געווען פֿאַרטון אין אייגענע פֿערזענלעכע זאָרגן. אין מיין פֿאַך איז דעמאָלט געווען „טויט־ער סעזאָן" און קיין אַרבעט איז נישט געווען, וואו צו קריגן. אין קעגנזאַץ צו טייל אַנדערע חברים, וועלכע האָבן דעמאָלט געוואוינט אין ווילנע, האָט זיך ישראל מיכל זייער נאָענט גענומען צום האַרצן מיין אַרבעטלאָזן צושטאַנד. מיט פֿאַרשידענע עצות און אָנווייזונגען האָט ער געוואָלט העלפֿן מיר קריגן אַרבעט, אָבער עס איז גאָרנישט אַרויסגעקומען.

אין שטאָט האָב איך זיך דערוואוסט, אַז די ביבליאָטעק און ביי־כער־האַנדלונג פֿון דער פֿירמע סירקין אַרבעט אויס פֿאַרשידענע לער־מכשירים פֿון האָלץ און אַז ביי אַ געוויסער פּראָטעקציע קאָן מען דאָרט קריגן אַביסל אַרבעט. מיט דער דאָזיקער פֿריילעכער בשורה בין איך געקומען צו ישראל מיכלען, וועלכער, ווי מיר איז געווען באַוואוסט, האָט געהאַט פֿאַרבינדונגען מיט דער פֿירמע סירקין. איך האָב אים גע־בעטן, אַז ער זאָל זיך דערוויסן וועגן דער אַרבעט־מעגלעכקייט און געבן מיר די נויטיקע רעקאָמענדאַציע.

עס האָט לאַנג נישט געדויערט און ער האָט מיר מיט אַ פֿריילעכן פּנים (אויף וויפֿל ישראל מיכל האָט געקאָנט אַרויסווייזן פֿריילעכקייט) געגעבן צו וויסן, אַז איך קאָן אין דער פֿירמע קריגן אַרבעט, אָבער דערצו איז נויטיק איך זאָל עפֿענען אַן אייגענעם וואַרשטאַט, ווייל די פֿירמע גיט אַרויס אירע אַרבעט צו קלענערע בעלי־מלאכות אהיים.

אמת איז, אַז עס איז שוין דעמאָלט געווען 1908. אַ סך באַגריפֿן וועגן מאָראַל בכלל און רעוואָלוציאָנערע מאָראַל בפֿרט האָבן זיך שוין געהאַט געביטן נישט צו דערקענען זיי. אין מיינע פּרימיטיווע עטלע־כע און צוואָנציק יאָר האָב איך דעם אַקט פֿון ווערן אַ מייסטער באַ־

טראַכט נישט ווי אַ צרה, ווי איך באַטראַכט דאָס היינט, נאָר ווי אַ בזיון, וואָס גרענעצט זיך מיט פאַרראַט קעגן די רעוואָלוציאָנערע פּרינציפּן. נישט נאָר דער קאַפּיטאַליזם וועלכער ווי אַ גאַנצער דאַרף זיין פאַר־האַסט, נאָר יעדער וועלכער לעבט נישט פון פאַרקויפטער פּראַצע, מעג ער זיין ווי אָרעם, האָב איך געהאַלטן, דאַרף באַטראַכט ווערן ווי אַן אומווירדיקער, וועלכער האָט נישט קיין מאָראַלישע רעכט צו לעבן אויף דער וועלט.

דערהערט וועגן ווערן אַ מייסטער, האָב איך אַן אויפגערעגטער דערקלערט ישראל מיכלען, אַז מיך וואונדערט זייער וואָס ער, דווקא ער, לייגט דאָס מיר פאָר אַזאַ אומווירדיקע זאַך. ישראל מיכל האָט אויף מיר אַ מאָדנעם קוק געטון און אַרויסגעברומט: — עס איז שוין צייט איך זאָל אָוועקוואַרפן די דאָזיקע נאַרישקייטן — מיט דעם וועל איך לעבן נישט קאָנען! די דאָזיקע רייד זיינע האָבן זיך מיר אָפּגעזעצט אויפן האַרצן און געדריקט, ווי אַ שווערע משא. פון דעם מאָמענט אָן האָב איך אַליין זעלטענער און זעלטענער באַזוכט ישראל מיכלס שטוב און מיט דער צייט אינגאַנצן אויפגעהערט צו אים אַריינצוקומען. דאָס שווערע געפיל קעגן אים איז ביי מיר אָבער פאַרבליבן.

צו דער באַשריבענער צייט האָט אין ווילנע צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע געוואוינט נאָך אַ געוועזענער פּאַרטיי־טוער, מיט וועמען איך האָב זיך אויך באַקאַנט אין דווינסק אין זעלבן פּעריאָד פון 1903-4. דאָס איז געווען דער „טל ומטר" (אהרן איזאַקסאָן), זייער אַ קליינגעוויקסיקער מענטש מיט אַ גרויסער שוואַרצער באָרד און מיט אַ צונג ווי אַ גיפטיקע שפּיז. אַ קלוגער, אַ וויציקער און אַ זעלטן־פעאיקער, איז ער זייער גיך געוואָרן מיטגליד פון קאָמיטעטן אין פאַר־שידענע שטעט. נישט אָן שאַרפזין פלעגט ער בייז און גיפטיק אויסלאַכן פרעמדע שוואַכקייטן, אָדער וואָס אים האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס זענען ביי יענעם שוואַכקייטן. ווי ס'פּאַסירט אין אַזעלכע פאַלן, האָט ער נישט באַמערקט זיינע אייגענע נישט־אָנגענעמע שוואַכקייטן יענעם צו באַרעדן און מקנא צו זיין.

צו אים אין שטוב פלעגן אָפט אַריינגיין אַ סך „געוועזענע". ביי אַ גלעזל טיי אָדער ביי אַ שאָך, וואָס איז דאַן אַריין אין דער מאָדע אין די קרייזן פון די „געוועזענע", פלעגט מען מאַכן חוזק איבער טוער, וועלכע זענען נאָך פאַרבליבן טריי דער באַוועגונג, און איבער אייגענע אַמאָליקע „נאַרישקייטן". געשאַנעוועט האָט מען קיינעם נישט. עס

זענען געווען די ערשטע יאָרן פון רעאַקציע. די פאַרשפּילטע רעוואָלו־ציע פון 1905־6 האָט אַנטוישט די עלעמענטן, וואָס האָבן דערוואַרט פון דער רעוואָלוציע פאַר זיך פּערזענלעכע נוצן. מען האָט בייז נקמה גענומען פאַר דער צייט, וואָס מ'האָט פאַרלוירן אויף „גאָרנישט", אויף פּוסטע חלומות.*)

פאַרשטייט זיך, אַז אויך ישראל מיכלען פלעגט מען אָפט נעמען „אויפן טיש", און פאָרוואַרפן אים, אַז ער לעבט צו ברייט, אַז פון די שכירות, וואָס ער באַקומט אַלס מאַשיניסט ביי אַ ראָטאַציאָנס־מאַשין, קען מען זיך נישט קויפן קיין דעמבענעם בופעט, אַריינשטעלן זיך אַ גראַמאַפאָן און אויסשרייבן די ענציקלאָפּעדיע פון בראָקהאַוז און עפראָן. „טל־ומטר" מיט דער פרוי האָבן נאָך געוואוסט צו דערציילן, אַז מערע, ישראל מיכלס פרוי, האָט איינגעקויפט אַ גאַנצן טוץ לייַ־לעכער, אַ סך אונטערוועש... און אַנדערע „לוקסוסן", וואָס קאָסטן אַ פאַרמעגן — און דאָס ווערט אַלץ געמאַכט אויפן חשבון פון דער פאַרטיי־קאַסע. עס איז גוט, הייסט עס, צו זיין אַ פאַרטיי־טוער, ווען מען זיצט נאָענט פון דער פאַרטיי־קאַסע.

אין דער אמתן איז ישראל מיכל דאָן נישט געווען אויף דער אויסהאַלטונג פון דער פאַרטיי. מען האָט אים באַשולדיקט, אַז ער פאַרדינט, נעמט אָדער האָט גענומען ביי דער פאַרטיי צופיל געלט פאַר דער „טעכניק" (איינאָרדנען דרוקערייען א. ד. ג.). זיצנדיק ביים „טל־ומטר" אין וואוינונג אַמאָל אין די אָוונטן, פלעג איך אָוועקגיין אַ צע־בראָכענער און אַן אויפגעקאָכטער. יעדעס מאָל האָב איך זיך געגעבן דאָס וואָרט מער צו אים נישט אַריינצוגיין (מיר האָבן געוואוינט אויף איין הויף), אָבער איך האָב נישט געהאַט מיט וואָס אָנצופילן מיינע 24 אַרבעטלאָזע שעהען אין מעת־לעת און פלעג ווייטער צו אים אַריינ־גיין. אגב, איז זשעניע, „טל־ומטר"ס פרוי, זייער אַ סך צו מיר צוגע־שטאַנען כ'זאָל אַריינגיין צו זיי אויף טיי אָדער אויף מיטאָג עסן און אין דעם האָב איך זיך שטאַרק גענויטיקט.

---

*) בעת דער מלחמה איז דער „טל־ומטר" אַריבערגעפאָרן קיין מאָסקווע. צוזאַמען מיט נאָך אַ געוועזענעם בונדיסט, קאַראַבאַטשקין, האָבן זיי גע־האַנדלט מיט לעדער און זענען זייער רייך געוואָרן. בעת דער רעוואָלוציע, ווען די באָלשעוויקעס האָבן קאָנפיסקירט זייער לעדער־געשעפט, איז דער „טל־ומטר" געוואָרן אַ פייערדיקער באָלשעוויק און פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם פּאָסטן אין דער מאָסקווער זעלבסטפאַרוואַלטונג. „טל־ומטר" איז ביז מאָסקווע געווען אַ פּריוואַטער לערער פון גריכיש און לאַטיין.

איינמאָל האָב איך זיך שוין נישט געקאָנט איינהאַלטן און פאַר־געוואָרפן דעם „טל ומטר" זיינע רכילותן. איך האָב אים דערקלערט, אַז איך וועל אַלץ איבערגעבן דעם צ. ק. און אַז ער וועט דאָס, וואָס האָט אַ שייכות צו ישראל מיכלען, דאַרפן איבערחזרן פאַר אַלעקסאַנדרן (אַרקאַדי קרעמער). דערהערט אַזאַ מעשה, האָט ער מיך פּחדנותדיק באַשוואוירן, איך זאָל דאָס נישט טון, ווייל ער וויל נישט „מישן זיך" אין די דאָזיקע ענינים. ווען איך בין אָבער באַשטאַנען אויף דאָס מיי־ניקע, האָט ער מיר דערקלערט, אַז ער וועט אַלץ לייקענען און איך וועל אַזוי אַרום בלייבן דער נאַר.

אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך זיך געזען מיטן חבר אַרקאַדי און אים אַלץ דערציילט. ער האָט דאָס גענומען זייער ערנסט און צוגע־זאָגט די זאַך אויסצופאָרשן. נאָך אַ געוויסער צייט האָט מיר אַרקאַדי דערקלערט, אַז דער צ. ק. האָט זיך מיט דעם ענין פאַרנומען און אויף וויפל מען קאָן ביי אַזאַ קאָנספּיראַטיווער אַרבעט, ווי די „טעכניק" איז, קאָנטראָלירן — האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז קיין פאַלשקייטן איז ישראל מיכל נישט באַגאַנגען. אוודאי, האָט ער געזאָגט, האָט ישראל מיכל פאַרדינט, אָבער ווי אַזוי קאָן דאָס אַנדערש זיין. אַלענפאַלס איז נישטאָ קיין גרונט פאַר חשדים וועגן מיספּברויכן. צוציען צו פאַראַנט־וואָרטלעכקייט דעם „טל־ומטר", וואָס איז געווען באַוואוסט מיט זיינע רכילות אַפילו אין די „גוטע צייטן", האַלט דער צ. ק. פאַר נישט נויי־טיק. מיר איז אַראָפּ אַן איבעריקער שטיין פון האַרצן.

בעת די חברים אַבראַמאָוויטש און ליבער האָבן מיך אין באַשרי־בענעם פּריוויט־צונאַכט געפּרעגט וועמען איך בין חושד — האָבן זיך די אַלע קליינע און גרעסערע איינצלהייטן אין איין אויגנבליק צוזאַ־מענגעגאָסן אין אַ פעסטן פאַרגעפיל, אַז דער פּראָוואָקאַטאָר איז נישט קיין אַנדערער, ווי ער — ישראל מיכל. איך מיין, אַז דער גרעסטער חלק האָט אין דעם פאַרגעפיל וואַרשיינלעך געהאַט דער זאַץ „שוין צייט אַוועקצוּוואַרפן די דאָזיקע נאַרישקייטן".

באַקומענדיק פון די חברים אַבראַמאָוויטש און ליבער די באַ־שטעטיקונג, אַז איך האָב געטראָפן, האָב איך גלייך פאַרגעלייגט מיין גרייטקייט אים „אוועקצולייגן". די חברים האָבן מיר דאָס פאַרווערט, ווייל דער צ. ק. האָט באַשלאָסן מאַכן אַן אָפיציעלע אויספאָרשונג, וואָס דאַרף פאָרקומען אין זשענעוו, וואוהין עס דאַרף אויך פאָרן ישראל מיכל — הגם קיין ספק אין עצם פון דער זאַך איז שוין ניט געווען.

ישראל מיכל קאַפּלינסקי
(פּסעוודאָנים — לאַנגזאַם)
באַוואוסטער פּראָוואָקאַטאָר



ר. אַבּראַמאָוויטש (רפאל ריין)

לאַנגיעריקער מיטגליד פון צענטראַל-קאָמיטעט פון „בּונד" — פאָרשטייער פון „בּונד" אין צ. ק. פון דער רוסלענדער סאָצ. דעמ. אַרבּעטער-פּאַרטיי



מ. ליבער

באַרימטער רעדנער, געוועזענער מיטגליד פון צענטראַל-קאָמיטעט פון „בונד”, געשפּילט אַ פירנדע ראָל אין דער רעוואָלוציע פון 1917, שפּעטער אַרעסטירט דורך דער באָלשעוויסטישער מאַכט.

מענדל סקוטעלסקי (מענדל דער שניידער) און זיין פרוי גיטל
אַרבעטער-פּיאָנערן פון דער בונדישער באַוועגונג אין דווינסק

שמואלקע אינגבערמאַכער
מיטגליד פון דווינסקער ב. אָ.

עס איז גלייך באַשלאָסן געוואָרן, אַז מאָרגן שבת, ווען ישראל מיכל וועט זיין ביי דער פאַמיליע אויף דאַטשע, זאָל איך מיטן חבר גלעב (א. מוטניק, געשטאָרבן אין בערלין) מאַכן ביי אים אין שטוב אַן אונטערזוכונג. מיין אָנטייל אין דער אונטערזוכונג איז געווען נויטיק צוליב דעם, ווייל איך האָב געוואוסט אַלע „סעקרעטקעס" (באַהאַלטענע ערטער אין מעבל־חפצים און אַנדערע געגנשטאַנדן), מיט וועלכע די מיטגלידער פון צ. ק. און אויך ישראל מיכל פלעגן זיך באַנוצן. אין איינעם פון די „סעקרעטקעס" האָבן מיר טאַקע געפונען 500 רובל פּאַפּיר־געלט, אַ רעוואָלווער, אַ פּאַס אויסגעשטעלט אויף אַ נאָמען פון עפּעס אַ שוסטער און אַ פּאָסט־קאַרטל, אויף וועלכן עס איז גע־ווען אויפגעשריבן צוויי אָדער דריי נישט־פאַרשטענדלעכע ווערטער. ח. גלעב האָט זיך צו דער גאַנצער אונטערנעמונג באַצויגן זייער סקעפּטיש.

— וואָס זאָלן דאָס זיין פאַר באַווייזן? — האָט ער געמרוקעט. ווייניק פאַלשע פּאַספּאָרטן זענען דורכגעגאַנגען דורך ישראל מיכלס הענט? ווייניק קאַרטלעך מיט אָפּגערעדטע צייכנס האָט ער באַקומען און אָפּגעשיקט? אָדער דער רעוואָלווער — האָט ער איראָניזירט — זאָל דאָס זיין אַ באַווייז? איי דאָס געלט? נו, איז וואָס! קאָן דען ביי ישראל מיכלען נישט ליגן אָפּגעשפּאָרט 500 רובל?

בכלל איז דאָס געווען די שטימונג, נישט נאָר פון חבר גלעב. קיינער אין שטאָט האָט נישט געוואָלט גלויבן, נישט געקוקט, וואָס דער צ. ק. האָט פאַרזיכערט, אַז ער האָט די גרינדלעכסטע באַווייזן. חברים און „געוועזענע" זענען געווען זיכער, אַז דאָ איז ארויסגעקומען עפּעס אַ מיספאַרשטענדניש. די נעכטיקע זיינע באַריידער און נישט־פאַרגינער האָבן איינגעלייגט וועלטן, געלאָפן צו די מיטגלידער פון צ. ק. אָפּשרייען דעם אומזין. עס איז מיר שווער איבערצוגעבן וואָס עס האָט זיך דעמאָלט אָפּגעטון אין אונזערע קרייזן. דאָס איז געווען פאַר אַלעמען אַזוי אומוואַרשיינלעך, אַזוי אומגלויבלעך, אַז מענטשן האָבן נישט געוואָלט הערן די פאַרזיכערונגען פון אונזערע אויטאָריטעטסטע פּערזאָנען און די העכסטע אינסטאַנצן. פאַר דער כאַראַקטעריסטיק פון דער שטימונג און אומגלויבן, וואָס האָט דאַן געהערשט, וועט גענוג זיין צו דערציילן, אַז די נאַכט איידער ישראל מיכל האָט באַדאַרפט אָפּפאָרן קיין זשענעוו אויפן פּאַרטיי־געריכט, איז דער זעלבער „טל־ומטר" מיט זיין פרוי זשעניע אָפּגעזעסן אַ גאַנצע נאַכט צוזאַמען מיט ישראל מיכלען און זיין פרוי מערע און מיטגעוויינט אויפן ביטערן אומגליק. אַזוי ווייניקסטנס האָט מען וועגן דעם גערעדט אין שטאָט.

אין זעלביקן פריוויט־צונאכט איז געווען אָפּגערעדט, אַז ווי נאָר ישראל מיכל וועט קומען אין שטאָט — זאָל מען מיט אים רעדן אָפּע־נע דיבורים. ס'איז באַשלאָסן געוואָרן ארויסצורופן אים אונטערן תּירוץ, אַז מען וויל מיט אים זיך אדורכרעדן וועגן קאָנפליקט מיטן זעצער־פּערסאָנאַל, וואָס איז גראָד דעמאָלט פאָרגעקומען אין ווילנער דרוקעריי, וועלכע האָט געהערט צו דער פּאַרטיי. עס איז מיר פאָר־געלייגט געוואָרן, אַז איך זאָל אויך אָנטיילנעמען אין די „אונטער־האַנדלונגען", אָבער איך זאָל זיין ערגעץ פאַרשטעקט, ישראל מיכל זאָל מיך נישט זען. עס איז אויף מיר אַרויפגעלייגט געוואָרן אָן אויפ־גאַבע, אַז נאָכדעם, ווי די חברים אַבראַמאָוויטש און ירחמיאל וועלן ישראל מיכלען פאַרלאָזן, זאָל איך אים נאָכשפּירן און זען, וואוהין ער וועט גיין. אויף יעדן פאַל דאַרף איך מיטנעמען אַ רעוואָלווער. דעם אמת געזאָגט, איז נישט קלאָר געווען, צוליב וואָס איך דאַרף מיטנע־מען דעם רעוואָלווער, אָבער „מאַלע, וואָס עס מאַכט זיך!".

ווי באַוואוסט, איז דער גע־שפּרעך פאָרגעקומען אין בערנאַר־דינער גאָרטן אויף אַ באַנק לעבן קליינעם טייכל ווילייקע. שטייענדיק פאַרשטעקט צווישן געדיכטע קוס־טעס, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז דער געשפּרעך פירט זיך אומ־געהויער לאַנג. איך האָב נישט פאַרשטאַנען וואָס איז דאָרטן גע־ווען אַזוי לאַנג צו רעדן? ענדלעך האָבן זיך אַלע דריי אויפגעהויבן און די חברים אַבראַמאָוויטש און ירחמיאל האָבן אים פאַרלאָזן. איך האָב פון אים קיין אויג נישט אַראָפּגעלאָזן און פאַרפאָלגט יעדן טריט זיינעם. אָבער נישט גע־קוקט דערויף, האָב איך אים אין אַ געוויסן מאָמענט פאַרלוירן פון אויג. ער איז פאַרפאַלן געוואָרן, ווי אונטער דער ערד. איך האָב מיר געביסן די ליפּן פאַר כּעס און



ירחמיאל (וויינשטיין)
געוו' מיטגליד פון צ"ק פון „בונד", געוואָרן אַ וויכטיקער קאָמוניסטישער טוער און אומ־געקומען אין אַ סאָוועטישער תּפיסה

בזיון, נישט געקאָנט זיך מוחל זיין און אין גרויס אויפרעגונג האָב איך אָנגעהויבן ארומלויפן איבער די אומצאָליקע געדרייטע שטעג־לעך פון גרויסן גאָרטן. פאַרלירנדיק יעדע האָפנונג אים צו געפינען אין גאָרטן גופא, בין איך ארויס אויף איינע פון די גאַסן ארום גאָרטן, און דאָ האָבן מיר זיך פּלוצלינג צוזאַמענגעשטויסן פּנים אל פּנים. איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן דאָס אויסזען פון זיין פּנים. דאָס איז געווען אַן אמתע טויטע מאַסקע אָן יעדן סימן פון לעבן. די שטענדי־קע מאַט־בלאַסע־הויט זיינע איז געווען ווי מיט ערד באַדעקט; די קאַל־טע, בלייכע אויגן האָבן געקוקט שטאַר, ווי זיי וואָלטן ארום זיך גאָר־נישט געזען. ער האָט מיך אָבער געזען, און נישט געקוקט דערויף, ווי ער האָט שפּעטער ערגעץ געשריבן (אַזוי האָט מען מיר דערציילט), וואָס ער האָט געוואוסט, אַז איך מוז ערגעץ זיין דאָ נאָענט פאַר־שטעקט, האָט קיין איין מוסקל אויף זיין געזיכט קיין ציטער נישט געגעבן, דערזעענדיק מיך אַזוי נאָענט נעבן זיך. ער איז מיט זיינע „לאַנגזאַמע" טריט געגאַנגען ווייטער זיין וועג, ווי אַ לונאַטיקער, נישט אומגעקוקט זיך, וואָס הינטער אים קומט פאָר. ביי אַזאַ לאַגע האָט, פאַרשטייט זיך, נאָכגיין אים שוין קיין זין נישט געהאַט.

מיט אַ שווער האַרץ און אַ שולדיק געוויסן בין איך געקומען צו די מיטגלידער פון צ. ק. און דערציילט זיי וועגן מיין דורכפאַל: איך האָב דערוואַרט אַ פאַרדינטן פאַרוואורף. אָבער מען האָט מיר דער־קלערט, אַז נאָכשפּירן ישראל מיכלען איז נישט נויטיק, ווייל ער האָט זיך געדן אָנגעכאַפּט אָן דעם פאָרשלאַג צו פאָרן אין זשענעוו אויפן פּאַרטיי־געריכט און מאַרגן פרי, האָט ער צוגעזאָגט, פאָרט ער ארויס.

ווי באַוואוסט, איז ער קיין זשענעוו נישט געפאָרן. ער איז אַנט־לאָפן און זיך אויסבאַהאַלטן אין רוסלאַנד גופא, ווי מען האָט זיך שפּעטער דערוואוסט — אין סאַראַטאָוו. ערשט איצט האָבן די צווייפלער (נישט אַלע) אָנגעהויבן צו גלויבן אין ישראל מיכלס אמתער ראָל.

שפּעטער האָט מען דעם צ. ק. געמאַכט אַ סך פאַרוואורפן פאַר־וואָס מען האָט זיך געשפּילט אין פּאַרטיי־געריכטן און געלאָזט ישראל מיכלען ארויסדרייען זיך פון אַ קויל אין קאָפּ, וואָס ער האָט זיכער פאַרדינט... דער צ. ק. האָט אָבער אָנגעוויזן, אַז ישראל מיכל איז שוין פאַר דער פּאַרטיי מער נישט שעדלעך. נישט געקוקט דערויף וואָס ער האָט נאָך אַלץ אַ סך געוואוסט און געקאָנט דער פּאַרטיי אָנטון צרות, האָט ער דער פּאַרטיי מער קיין שאָדן נישט געבראַכט.

***

מיט דעם איז אייגנטלעך דער ערשטער באַנד פון מיינע מעמואַרן פאַרענדיקט. עס זענען מיר נאָך פאַרבליבן צו באַשרייבן מיינע באַגעגענישן מיט אַ סך אונזערע וויכטיקע פאַרטיי־טוער; מיין אָנטייל אין קאָנפערענצן, צוזאַמענפאָרן; די וויטערדיקע רייזעס אין אויסלאַנד; די יאָרן פון רעאַקציע און מלחמה; און ועל־כולם — די מיט בלוט־געפאַרבטע, מיט פלאַמען באַלויכטענע וואונדערבאַרע פאַנאָראַמע פון דער גרויסער רוסישער רעוואָלוציע: מיינע איבערלעבונגען אין „טשעקאַ"; מיין ווערן אַ מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד"; מיין אַרויסטריט פון אים; מיין צוריקקער קיין פוילן, און נאָך און נאָך בילדער, עפּיזאָדן און געשעענישן. טייל פון זיי שטייען פאַרן זכרון אין שווין פאַרענדיקטע פאָרמען. טייל ווידער שווימען אַרויף בלויז ווי סקיצן מיט שוואַך אָנגעצייכנטע, קוים מערקבאַרע קאָנטורן.

אָבער ווער ווייס צי וועל איך, נאָך די איבערגעלעבטע קאָשמאַרע היטלער־יאָרן, געפינען די נויטיקע פיזישע און גייסטיקע רו, כדי דאָס אַלץ אַרויסצובּרענגען אויפן פּאַפּיר אין אַ געהעריקער פאָרם.

איבערהיפּערנדיק די אויסגערעכנטע און אַנדערע געשעענישן אין מיין פּערזענלעכן און געזעלשאַפט־פאַרטייאישן לעבן, ווילט זיך מיר דאָך, אויספער דער ריי, אַריינגעמען אין דאָזיקן באַנד נאָר איין עפּיזאָד פון פרילינג פון דער גרויסער רוסלענדער רעוואָלוציע. אָבער שליסן דעם ערשטן באַנד פון מיינע זכרונות וועל איך — מיט דער לעבנס־געשיכטע פון מיין פרוי, וואָס איז אַ טייל פון מיין איינן לעבן.

דער ערשטער פרייער 1־טער מאַי

די דעמאָנסטראַציע אין אדעס, 1917

אז דער צאַריזם איז געפאַלן, האָט מען זיך אין אָדעס דערוואוסט מיט א פאַרשפּעטיקונג פון עטלעכע טעג. עס איז געווען אזוי אומ־דערוואַרטעט און אומגלויבלעך, אז לאַנג נאָך דעם, ווי עס איז שוין קלאָר געוואָרן, אז ניקאָלאַי האָט זיך אָפּגעזאָגט פון טראָן, האָט מען נאָך אַלץ וועגן דעם גערעדט שטילערהייט און מיט גרויס פאָרזיכטי־קייט. אויך די צייטונגען האָבן וועגן דעם געשריבן איינגעהאַלטן און מיט רמזים: אַנשטאָט אָפן צו דערציילן וועגן די געשעענישן אין פּעט־טראָגראַד, האָבן זיי פּלוצלינג אָפּגעדרוקט די בילדער פון דעמאָלטיקן דומע־קאָמיטעט, וואָס האָט אין די ערשטע טעג פון דער רעוואָלוציע אָנגעפירט מיט די געשעענישן — און אָן שום דערקלערונגען דער־ביי. קיינער האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָס דאַרף באַדייטן. וועגן דעם, אז מ׳האָט ניקאָלאַיען געצוואונגען זיך אָפּצוזאָגן פון טראָן, איז קיין וואָרט נישט געווען. אזוי גרויס איז נאָך געווען די אומזי־כערקייט.

דעריבער איז אין די ערשטע טעג פון דער רעוואָלוציע נישט גע־ווען קיין פּסיכאָלאָגישער באָדן פאַר גרויסע מאַסן־פייערונגען, פאַר דעמאָנסטראַציעס און מיטינגען. און ווען אויך אין אָדעס איז שוין קלאָר געוואָרן, אז דער צאַריזם איז טאַקע געפאַלן, זענען צו יענער צייט אויף די פּלייצעס פון דער רעוואָלוציע געלעגן שווערע זאָרגן און נעפאַרן, און טראַכטן וועגן פייערונגען האָט מען גאָר נישט געקאָנט.

דער ערשטער גראַנדיעזער, ענטוזיאַסטישער פאָלקס יובל איז דער־פאַר פאָרגעקומען ערשט דעם 1־טן מאַי.

צו יענער צייט זענען די פּאָליטישע פאַרטייען געווען זייער שוואַך. אַלע ארויסטרעטונגען פלעגן געמאַכט ווערן אין נאָמען פון ראַט פון אַרבעטער־סאָלדאַטן־און מאַטראָזן־דעפּוטאַטן, וואו די פּאָליטישע פאַרטייען האָבן געהאַט זייערע פאָרשטייער (פויערים־פאַרטרעטער זע־

נען נאָך דעמאָלט אין ראַט נישט געווען). אויך די מאַי־פייערונג איז געוואָרן צוגעגרייט דורך אַ קאָמיסיע פון ארבעטער־ראַט מיט פאָרשטייער פון די פּאַרטייען און פון געזעלשאַפטלעכן קאָמיטעט *).

אַלס פאָרשטייער פון „בונד" זענען אין מאַי־קאָמיטעט געווען פאָרטרעטן די ח'טע עספּירא אַראָנאָווא בערשטיין **). דאַכט זיך, אויך דער פאָרשטאָרבענער בנימין גרינפעלד און דער שרייבער פון די שורות.

איך האָב דעם מאַי־קאָמיטעט צוגעשטעלט אַ פּראָיעקט פון אַ פּלאַן פאַר דער מאַי־פייערונג. דער פּראָיעקט איז באַשטאַנען פון צוויי טיילן — פון אַ דעקאָראַטיוון און פון אַ מאַרש־צוג. די שטאָט איז צעטיילט געוואָרן אויף דריי ראַיאָנען: שטאָטישער, פּערעסיפּער און מאָלדאַוואַנקער, וואו די אַרבעטער האָבן זיך געדאַרפט זאַמלען און פון דאָרט אָנהויבן מאַרשירן.

אין באַשטימטע ערטער און באַשטימטע שעהן האָבן זיך די איינצלנע מאַרש־צוגן געדאַרפט צוזאַמענטרעפן און בילדן איין גרויסן צוג. ער האָט געדאַרפט פאַרביימאַרשירן דעם „דומע־פּלאַץ", וואו עס וועלן וואַרטן דער אויספיר־קאָמיטעט פון אַרבעטער־ראַט, די קאָמיטעטן פון די פּאָליטישע פּאַרטייען און פאָרשטייער פון מיליטער.

דאָס איז געווען אַ גאַנץ שווערע אויפגאַבע, ווייל אין דער דעמאָנסטראַציע האָבן זיך געזאָלט באַטייליקן צענטליקער טויזנטער מענטשן. מען האָט געדאַרפט אויסרעכענען אַזוי, אַז אַרויסגייענדיק פון אַ זאַמל־פּונקט אין אַ געוויסער שעה, זאָל די גרופּע פון איין ראַיאָן קומען אויף אַ באַשטימטן אָרט צו דעם מאָמענט, ווען די גרופּע פון אַ צווייטן ראַיאָן האָט שוין איר מאַרש־צוג אין זעלבן אָרט געהאַט פאַרענדיקט.

די ריכטיקייט און צוועקמעסיקייט פון דער דאָזיקער מאַרש־סכעמע איז מיר אָנגעקומען נישט שווער צו דערווייזן. אַ סך שווערער

---

*) אויפן אָרט פון דער שוואַרץ־מאַהדיקער שטאָט־דומע האָט זיך אויסגעבילדעט אַ קאָמיטעט, אין וועלכן עס זענען געווען פאָרטרעטן אַלע פּאָליטישע, פּראָפעסיאָנעלע און געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס פון שטאָט. חוץ דער פאַרוואַלטונג מיט דער שטאָט־ווירטשאַפט, איז דער דאָזיקער געזעלשאַפטלעכער קאָמיטעט אין ערשטן פּעריאָד פון דער רעוואָלוציע געווען אויך דער העכסטער מאַכט־אָרגאַן פון אָדעס.

**) שפּעטער געלעבט אין רומעניע.

אָבער איז צוגעגאַנגען מיטן צווייטן — דעקאָראַטיוון טייל פון מיין פּראָיעקט.

האָבנדיק אַ געוויסע פאַרשטענדניש פאַר דעקאָראַציע און וואָס פאַר אַ ווירקונג דאָס האָט אויף מענטשן, האָב איך געפילט, אַז פאַר אַזאַ גרויסן טאָג איז וויייניק, וואָס די שטאָט וועט זיין דעקאָרירט מיט פענער, טעפּיכער און געמאָלטע פּלאַקאַטן. עס מוז זיין אַ הויפּט־פּונקט, וואָס זאָל קאָנצענטרירן די אויפמערקזאַמקייט פון דער גרוי־סער מאַרשירנדיקער מאַסע...

דאָס דאָזיקע געפיל האָט מיך באַהערשט אינגאַנצן. אין פאַר־לויף פון טעג האָב איך וועגן קיין אַנדער זאַך נישט געקאָנט טראַכטן, און ביי מיר איז רייף געוואָרן אַ פּראָיעקט צו אימפּראָוויזירן אויפן דומע־פּלאַץ אַ צייטווייליקן דענקמאָל, אויסגעפירט פון האָלץ און לעבעדיקע מענטשן, וואָס זאָל סימבאָליזירן אַרבעט און פרייהייט. אָפּ־געוואויגן אַלע דעקאָראַטיווע עפעקטן, אויסגערעכנט אַלע טעכנישע שוועריקייטן און קינסטלערישע מעגלעכקייטן, בין איך מיט מיין פּראָיעקט (געצייכנט אויף פּאַפּיר) געקומען צו דער קאָמיסיע.

צוערשט האָט דער פּראָיעקט געווירקט ווי אַ ראַקעטע. „עס איז גוט! גרויסאַרטיק!" — האָט מען געשריגן פון אַלע זייטן. אָבער ווען דער ברען איז אַביסל אַריבער, האָבן זיך גענומען הערן אויך סקעפּ־טישע שטימען. יאָ — האָט מען געטענהט — דער פּראָיעקט איז טאַקע זייער אַ גוטער, דעקאָראַציע ווירקט זייער גוט אויף דער סצענע, אָבער ווער וויים, ווי דאָס וועט אויסזען אונטערן פרייען הימל? דער עולם וועט דאָס נישט פאַרשטיין, און נאָך און נאָך מאָטיוון. איך האָב געקעמפט ווי אַ לייב, און וואָס מערער איך האָב איבערצייגט, אַלץ גרעסער איז געוואָרן די צאָל פון מיינע קעגנער. איך האָב גע־פילט, אַז דער ריכטיקער מאָטיוו ווערט דאָ נישט געבראַכט, אַז עפּעס ווערט דאָ נישט דערזאָגט. ערשט שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז פיל מיטגלידער פון מאַי־קאָמיטעט האָבן פּשוט נישט געהאַט צו מיר קיין צוטרוי...

דער קאָמיטעט איז באַשטאַנען פון מענטשן, וועלכע האָבן זיך דאָס ערשטע מאָל צוזאַמענגעטראָפן ביי פּאָליטיש־געזעלשאַפט־לעכער אַרבעט. איינער האָט דעם צווייטן נאָך נישט געקענט און עס איז באמת שווער געווען אָנפאַרטרויען אַן אומבאַקאַנטן מענטשן,

נישט קיין דיפּלאָמירטן קינסטלער, אויסצופירן אַ זאַך, וואָס לאָזט זיך פאָראויס נישט אויסרעכענען און פאַרשטיין.

איין גאָט ווייס, וואָס פון מיין פּראָיעקט וואָלט געוואָרן, ווען נישט דער פאָרזיצער פון געזעלשאַפטלעכן קאָמיטעט — דער דעמאָלטיקער ס. ד. ד״ר באַגוצקי, שפּעטער וויצע־פּרעזידענט פון וואַרשעווער מאַגיסטראַט. אַ מענטש, אַ פּראַקטישער, האָט ער זיך פאַראינטערעסירט, וויפל ס'דאַרף קאָסטן דורכצופירן מיין פּראָיעקט. דערוויסנדיק זיך, אַז אַן ערך 5—6 הונדערט רובל, האָט ער פאָרגעלייגט, מ'זאָל מיך באַפולמעכטיקן דאָס אויסצופירן און, אַז ס'וועט פאַרטיק ווערן, וועט מען זען: וועט דאָס געפעלן, איז דאָך גוט, טאָמער נישט, איז אויך נישט שרעקלעך — די סומע איז דאָך נישט קיין גרויסע. און אַזוי איז טאַקע באַשלאָסן געוואָרן. מער ווי דאָס, האָב איך נישט באַדאַרפט. מיין אויטאָרישע איינגעגלויבטקייט איז געווען אַזוי גרויס, דאָס איך בין געווען זיכער, אַז עס וועט געפעלן.

דער מאַי־קאָמיטעט האָט אויסגעטיילט אַן עקזעקוטיוו פון 3 מענטשן, אין וועלכן עס זענען אריין דער שלאָסער־אַרבעטער קאַנגון, דער מעטאַל־אַרבעטער מילאָוואַנאָוו און איך.

קאַנגון איז געווען אַ יונגער, האַלב־אַסימילירטער יידישער פאַבריק־אַרבעטער מיט אַנאַרכיסטישע נייגונגען, אַ היציקער און אַן איינגעשפּאַרטער ביז גאַר. ער איז געווען איינער פון די נאַטשאַלניקעס פון דער רויטער גוואַרדיע *) און איז דערהרגעט געוואָרן אויף די גאַסן פון אָדעס אין קאַמף מיט די היידאַמאַקעס.

דער אַרבעטער מילאָוואַנאָוו איז פאַרקערט געווען אַ רואיקער, געזעצטער רוסישער אַרבעטער פון אַ יאָר 28 — אַן אריינגעטראַכטער און אַ פּרימיטיווער. ער האָט געהאַט אַ שטאַרקן, אַנטוויקלטן חוש פאַר פראַגן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, זיינע מיינונגען פלעגט ער אַרויסזאָגן אין אַ פּשוטער פאָלקס־שפּראַך, דורכגעשאָטן מיט פאָלקס־ווערטלעך און וויצן. ער איז געווען טעטיק אין פאַרשידענע

---

*) אין ערשטן פעריאָד פון דער רוסישער רעוואָלוציע האָבן זיך אין אַ סך שטעט פאָרמירט פריווויליקע באַוואָפנטע אַרבעטער־דרוזשינעס, וואָס זענען געשטאַנען צו דינסט דער רעוואָלוציע. איבערהויפּט איז זיי אויסגעקומען צו קעמפן מיטן באַנדיטיזם פון יענער צייט. זיי פלעגן אויך היטן די געזעלשאַפטלעכע, מלוכהשע און שטאָטישע אינסטיטוציעס. די דאָזיקע דרוזשינעס האָבן זיך גערופן — „רויטע גוואַרדיע״.

ארבעטער־אָרגאַניזאַציעס, ביז וואַנען די באָלשעוויקעס האָבן באַ־הערשט דעם ראַט פון ארבעטער־דעפּוטאַטן. ער האָט נישט געקאָנט שלום־מאַכן מיט זייער צוויי פּנים׳דיקער טאַקטיק און ווי אַ סך אַנט־וויקלטע ארבעטער אין יענער צייט זיך באַזייטיקט פון דער פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכער ארענע.

דער עקזעקוטיוו פלעגט אויפנעמען יעדן טאָג הונדערטער דעלע־גאַציעס פון גרופּן און פאַראיינען, וואָס זענען געקומען מעלדן, אַז זיי ווילן אָנטיילנעמען אין דער דעמאָנסטראַציע. מיטאַמאָל האָט זיך גע־מאָלדן אַ דעלעגאַציע פון קאָזאַקן. דאָס איז אונז נישט איבעריק געפעלן געוואָרן. די קאָזאַקן האָבן די ערשטע צייט פון דער רעוואָלוציע נישט ארויסגערופן צו זיך קיין צוטרוי. אין שטאָט האָבן זיך בסדר ארומגע־טראָגן קלאַנגען, אַז די קאָזאַקן גרייטן זיך צו אַן אָנפאַל, אַז דאָ האָט מען עפּעס געהערט, דאָ עפּעס געזען, מען האָט אָבער קיינמאָל נישט געקאָנט אָנגעבן וועלכע־נישט־איז קאָנקרעטע פאַקטן. גיכער ווי אַלץ איז דאָס געווען אַן אָפּקלאַנג פון זייער ברוטאַלער פאַרגאַנגענהייט...

מיינע צוויי קאָלעגן האָבן פאָרגעשלאָגן, אַז איך זאָל אויפנעמען די קאָזאַקן. איך האָב אָבער איינגעפונען, אַז רעדן דאַרף מיט זיי מי־לאָוואַנאָוו. מיין געדאַנק האָב איך דערקלערט מיט אַ וויץ, אַז „דאָס זענען זיינע... רוסישע קאָזאַקן — זאָל ער מיט זיי רעדן״...

די דעלעגאַציע איז באַשטאַנען פון קאָזאַקן־סאָטניק באַלאַבין — אַ הויכער עלטערער קאָזאַק מיט אַ גרויסער גרוילעכער באָרד און נאָך צוויי יונגערע קאָזאַקן. (דער סאָטניק באַלאַבין איז שפּעטער געוואָרן פּאָפּולער מיט זיינע הייסע אויפרופן צו שיצן די רעוואָלוציע. די אויפרופן פלעגן זיך אַלע מאָל אָנהויבן — „איך סאָטניק באַלאַבין, אין נאָמען פון מיינע קאָזאַקן דערקלער, אַז איך וועל נישט דערלאָזן״... — און אַזוי ווייטער).

די דעלעגאַציע האָט געמאָלדן, אַז די קאָזאַקן פון אָדעס ווילן אויך אָנטיילנעמען אין דער דעמאָנסטראַציע. אָבער אַזוי ווי דער מאַי־קאָמיטעט האָט ארויסגעגעבן אַ פאַראָרדנונג, אַז מיליטער־טיילן קומען צו דער דעמאָנסטראַציע אָן געווער — בעטן זיי מען זאָל פאַר די קאָ־זאַקן מאַכן אַן אויסנאַם. מילאָוואַנאָוו האָט זיי פייערלעך אויפגע־קלערט, אַז דער 1־טער מאַי איז אַ יום־טוב פון ארבעטער־קלאַס, אַ טאָג פון קאַמף קעגן מיליטאַריזם, אַז טראָגן געווער אויף דער דעמאָנס־טראַציע וואָלט געווען אַ פאַרשוועכונג פון דער רעוואָלוציע א. א. וו.

א. ד. גל. די דעלעגאַטן האָבן איינגעשטימט, אַז אַלץ, וואָס מילאָוואַ־נאָוו זאָגט, איז טאַקע זייער ריכטיק, אָבער זיי קאָנען דערויף נישט איינגיין, ווייל אַ קאָזאַק, וואָס זיצט נישט אויפן פערד, זעט אויס ווי אַ נאַסע הון... ווען מילאָוואַנאָוו האָט מסכים געווען, אַז אויף די פערד מעגן זיי יאָ רייטן, האָט איינער פון זיי ווייטער געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אַ קאָזאַק אויפן פערד אָן אַ פּיקע, איז פונקט ווי אַ האָן אָן אַ קאַם... מ׳קאָן נישט זאָגן, אַז דאָס זאָל זיין נישט איבערצייגנד... אָבער מילאָ־וואַנאָוו האָט דאָס נישט געוואָלט פאַרשטיין און נישט געוואָלט מאַכן די קאָזאַקן קיין אויסנאַם.

די דעלעגאַטן האָבן זיך אויפגעהויבן צעקאַכטע און בייז־ווילדע אַ קלאַפּ געטון מיט דער טיר. די ווענט פון וואָראָנצאָווס פּאַלאַץ (דער פּאַלאַץ פון צארישן גענעראַל־גובערנאַטאָר, וואו עס האָט זיך געפונען דער אַרבעטער־ראַט) האָבן זיכער קיינמאָל נישט געזען אַרויסגיין אַזעלכע אומצופרידענע קאָזאַקן.

די טעג זענען געלאָפן אין אָנגעשטרענגטער טעטיקייט. די שטאָט האָט זיך פיבערהאַפט געגרייט: איך האָב אינטענסיוו געאַרבעט אי־בערן דענקמאָל, ביז עס איז אָנגעקומען דער 30־טער אַפּריל.

אַזייגער 12 ביינאַכט, ווען אַלץ איז שוין געווען צוגעגרייט, דער־מאָן איך זיך, אַז איך האָב נאָך נישט אָפּגענומען די פאָן פאַר דער בונדישער אָרגאַניזאַציע, וואָס איך האָב באַשטעלט נאָך מיט עט־לעכע טעג צוריק.

אַז איך בין געקומען צום העפטער, איז מיר פינסטער געוואָרן אין די אויגן: די בונדישע פאָן איז געלעגן נישט קיין פאַרענדיקטע און דער מייסטער מיט אַלע זיינע בני־בית זענען געווען פאַרנומען ביי דער אַרבעט פון אַנדערע פענער.

מען דאַרף וויסן, אַז אין דער דעמאָנסטראַציע האָבן זיך געקליבן אָנטיילצונעמען הונדערטער אָרגאַניזאַציעס. יעדע גרופּע האָט געגרייט אַ פאָן, און אַ פאָן האָט מען זיך געמיט זאָל זיין וואָס אַ שענערע, וואָס אַ גרעסערע. אין שטאָט איז געוואָרן אַ דוחק אין רויטע שטאָפן. מען האָט געצאָלט לעגענדאַרע פּרייזן פאַר אַן אַרשין רויטן זייד, אַטלאַס און אַפילו פאַר איינפאַכן סאַטין. דאָס זעלבע איז אויך געווען ביי די שטריקער און העפטער. זיי האָבן געאַרבעט בייטאָג און ביינאַכט, און האָבן זיך געלאָזט פיין באַצאָלן. אָבער ווער האָט דען געקוקט אויף די גרויסע סומען? אַבי דאָס זאָל נאָר זיין פאַרטיק צו דער דעמאָנס־

טראַציע. און ווער עס האָט געוואָלט זיין זיכער — דער האָט פאַרגע־שלאָגן מער געלט. באַזונדערס האָבן זיך מיטן אויפשרויפן די פרייזן אויסגעצייכנט די מיליטער־טיילן, וואָס האָבן פאַר זייערע פענער גע־צאָלט פון די מיליטער־קאַסעס. און טאָמער האָט נישט געהאָלפן קיין געלט, האָבן זיך די מיליטער־טיילן נישט אָפּגעשטעלט פאַר צווינגען מיטן רעוואָלווער אין האַנט, מ׳זאָל אוועקלייגן אַנדערע אַרבעט און זיך נעמען צו זייערע פענער. די ציווילע אינסטיטוציעס וואָס זענען גע־ווען באַגרענעצט אין זייערע געלט־מיטלען, האָבן דערפון זייער גע־ליטן.

די לאַגע מיינע איז אַלזאָ געווען אַ ביטערע. בלייבט די בונדישע אָרגאַניזאַציע אָן אַ פאָן, דאַרף איך אַנטלויפן פון שטאָט. וואָס וועט אָבער זיין מיט מיין ליבלינג — מיט מיין דענקמאָל, אין וועלכן איך האָב אַריינגעלייגט אַזוי פיל ענערגיע און נשמה?

דער שטריקער־מייסטער, אַן עלטערער ייד, האָט מיר פאַרזי־כערט, אַז אָט פאַרענדיקט ער נאָר די פאָן, נעמט ער זיך גלייך צו מיינער, און איך קאָן דעריבער רואיק גיין שלאָפן. נאָר עפּעס האָב איך צו זיינע רייד נישט געהאַט קיין צוטרוי און בין פאַרבליבן וואַרטן, ביז די פאָן וועט פאַרטיק ווערן.

ס׳גייט אָבער אוועק אַ שעה נאָך אַ שעה, ס׳ווערט פאַרטיק אַ פאָן, און צו דער בונדישער פאָן נעמט ער זיך אַלץ נישט. זע איך דאָך שוין, אַז די שפּיל איז פאַרן טייוול, דער זייגער איז שוין אַרום צוויי — דערקלער איך דעם מייסטער, אַז אויב ער נעמט זיך נישט גלייך צו מיין פאָן, וועל איך אים קיין אַנדערע אויך נישט לאָזן אַרבעטן. דער־הערט אַזעלכע רייד, דערקלערט ער מיר, אַז דערפאַר וועט ער טאַקע מיין פאָן אויף צו להכעיס נישט מאַכן. עס איז געווען קלאָר, אַז ער האָט גע־פונען אַ לעגאַלן אויסרייד אַרויסצודרייען זיך פון גאַנצן עסק. האָב איך גענומען רייסן די אַרבעט פון זיינע הענט, אָפּשטעלן די נייַ־מאַ־שין, מיט איין וואָרט — טון אַלץ, כּדי צו שטערן די אַרבעט. איז גע־וואָרן אַ געשלעג מיט אַ געשריי פון זיינע טעכטער; אויף די געשרייען זענען זיך צוזאַמענגעלאָפן די שכנים פון הויף, און דער סוף איז גע־ווען, אַז איינער אַ פּיפיקער יונגערמאַן האָט אַנטלויפן אין פּאָלי־צייַ־קאָמיסאַריאַט, אַז באַנדיטן זענען אַנגעפאַלן אויפן הויף און רא־בירן די איינוואוינער.

אין יענע צייטן איז דאָס געווען נישט קיין זעלטנהייט, און עס

האָט נישט געדויערט קיין סך צייט, ווי עס איז אָנגעקומען אַן אָפּטייר־לונג מיליציאָנערן און רויטע גוואַרדיסטן. זיי האָבן אַ קוק געטון אויפן „באַנדיט", ביי וועמען עס איז פון ראַנגלען זיך געווען צעריסן דער קראַגן און צעשויבערט די האָר, האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז נישט אַלץ איז דאָ, אַזוי ווי מען האָט טעלעפאָנירט. איך האָב זיך פאָרגעשטעלט ווער איך בין, און דערציילט די גאַנצע געשיכטע. דער עלטערער פון די מיליציאָנערן האָט מיר אַפילו גענעבן גערעכט, אָבער אַזוי ווי איך האָב ביי זיך נישט געהאַט קיין איין פּאַפּירל (מאַנדאַט), וואָס זאָל באַשטעטיקן, אַז איך בין אַ מיטגליד פון מאַי־קאָמיטעט, מוז ער מיך אַרעסטירן פאַר „שטערן די רעוואָלוציאָנערע אָרדנונג".

פאַרפאַלן. איך האָב אָבער פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל אויך מיטנעמען דעם מייסטער, וועמען איך באַשולדיק אין שפּעקולאַציע און אַרויספּרעסן געלט.

געווען בין איך זיכער, אַז גלייך, ווי איך וועל זיך נאָר קאָנען טעלעגראַפיש פאַרשטענדיקן מיט דער קאַנצעלאַריע פון ראַט, וועט מען מיך באַפרייען. עס איז אָבער פאַר מיר קיין ספק נישט געווען, אַז קיין פּאָן וועט שוין די בונדישע אָרגאַניזאַציע צום 1־טן מאַי נישט האָבן. וואָס איך האָב דעמאָלט געוואונטשן דעם שטריקער־מייסטער — זאָל פאַלן אין טיפן ים אַריין.

געקומען אין פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט, האָט דער עלטסטער אויפגעוועקט דעם דיזשורנעם קאָמיסאַר און אים ראַפּאָרטירט, אַז ער האָט אַרעסטירט איינעם „פאַר שטערן די רעוואָלוציאָנערע אָרדנונג". אַז דער קאָמיסאַר האָט זיך באַוויזן, האָבן מיר ביידע אויסגעשאָסן אַזאַ געלעכטער, אַז די שויבן האָבן זיך אַזש געטרייסלט. דער קאָמיסאַר איז געווען אַ יידישער יונגערמאַן, וואָס האָט מיך זייער גוט געקאָנט און געוואוסט, וואָס פאַר אַן אָרט איך האָב דעמאָלט פאַרנומען אין אַרבעטער־ראַט. ביי מיין שטריקער־מייסטער האָט נעבעך געטרייסלט אַ צאָן אָן אַ צאָן. ער האָט דערפילט, אַז ער איז אַריינגעפאַלן.

אויסגעהערט פון מיר די גאַנצע געשיכטע, האָט דער קאָמיסאַר פּייערלעך דערקלערט מיין שטריקער־מייסטער, אַז אויב צו 8 אַזייגער פרי וועט די בונדישע פּאָן נישט זיין פאַרטיק — זאָל ער זיך ריכטן אויף אַ פינסטערן סוף. און כדי דער איינדרוק זאָל זיין גרעסער, האָט ער צוזאַמענגעשטעלט אַ פּראָטאָקאָל, אונטער וועלכן דער מייסטער האָט זיך געמוזט אונטערשרייבן, אַז ער וועט דאָס אויספירן.

פאַרשטייט מען דאָך, אַז צו 6 אַזייגער איז שוין די פּאָן געווען פאַרטיק. אַ פאַרמאַטערטער פון אויפרעגונג און נישט שלאָפן, בין איך מיט דער פּאָן אונטערן אָרעם גלייך אַוועק אויפן דומע־פּלאַץ, וואו עס האָט געדאַרפט אויפגעשטעלט ווערן דער דענקמאָל.

אויפן פּלאַץ איז נאָך קיינער נישט געווען, און איך האָב זיך צוגעזעצט אויף אַ באַנק קעגנאיבער דעם ים — אָפּרוען. עס איז געווען אַ הערלעכער דרומדיקער פרילינג־מאָרגן; די זון האָט יום־טובדיק געשיינט און געוואַרעמט; דער ים האָט געגלאַנצט און געפינקלט מיט מיליאָנען זון־פּליטערלעך איבערן גאַנצן האָריזאָנט. זיינע בלויע וואַסערן האָבן זיך געקייקלט לאַנגזאַם און פויל און האָבן מיט זייער שטילן וואַסער־קלאַנג אַרויפגעיאָגט אויף מיר אַ דרעמל.

אויפגעוועקט האָט מיך דער גערויש פון אַן אויטאָמאָביל. דאָס זענען געווען די שטאָטישע לאַסט־אויטאָמאָבילן, אויף וועלכע מיינע שילער האָבן געבראַכט די טיילן פון דענקמאָל (דעם דענקמאָל האָב איך געמאַכט אין דער פּראָפעסיאָנעלער שול „טרוד", וואו איך בין געווען אינסטרוקטאָר).

עס האָט לאַנג נישט געדויערט, און עס איז אָנגעקומען אַ גרופּע יידישע און קריסטלעכע אַרבעטער פון „פּערעסיפּ" (פאַבריק־ראַיאָן), וואָס האָבן געדאַרפט בילדן די פאַרשידענע גרופּן־סצענעס אויפן דענקמאָל. דער פּלאַץ איז געוואָרן אָפּגעשלאָסן פאַר זייטיקע און ניי־געריקע, און מיר האָבן זיך גענומען צו דער אַרבעט.

צוערשט זענען געוואָרן אויפגעשטעלט די הילצערנע טיילן, דער־נאָך האָב איך גענומען איינשטעלן די פיגורן אין די נויטיקע פּאָזעס. דאָס איז מיר אָנגעקומען נישט זייער לייכט: כּדי עס זאָל שאַפן אַן אילוזיע, האָבן די לעבעדיקע מענטשן געדאַרפט שטיין, ווי ווייט מעג־לעך, פאַרגליווערט; אָבער ביי איינעם פון די אָנטיילנעמער פלעגט דער־ביי ווערן אַזאַ גזלניש פּנים, אַז עס האָט אָנגעכאַפּט אַ מורא אויף אים אַ קוק צו טון. ווי־נישט־ווי האָב איך זיי איינגעשטעלט און האָב זיך אָפּגערוקט אַ קוק טון, ווי אַזוי דאָס זעט אויס פון דער ווייטער פּער־ספּעקטיוו. אַז איך האָב געגעבן אַ צייכן, און אַלע זענען פאַרגליווערט געוואָרן, האָט מיר אַ צאַפּל געטון דאָס האַרץ — עס האָט זיך באַקו־מען אַ פּרעכטיק בילד:

אין אַ גרויסן האַלב־קרייז פון טומבעס, וואָס זענען געווען באַ־האָנגען מיט בלומען און גרינס, איז אויף ברייטע טרעפּ געשטאַנען

אַ גראַנדיעזער אַכט־קאַנטיקער פּיעדעסטאַל אין אַ קאָליר פון גרינלעכן גראַניט־שטיין (אימיטירט). אונטן, ארום זיין צאָקל (באַזע), זענען אין פאַרשידענע פּאָזעס געווען אויסגעשטעלט גרופּן ארבעטער מיט זייערע פאַך־געצייג אין די הענט און אָנגעטון אין זייערע פאַך־קאָס־טיומען. אין דער הויך, אויפן קארניז פון פּיעדעסטאַל, זענען געווען אָנגעשטעלט צאָן־רעדער, שוואונג־רעדער און אַנדערע טעכנישע מכשירים. צווישן דעם איז אין אַ קינסטלערישער אומאָרדנונג געווען אָנגעוואָרפן אויפגעריסענע גראַנאַטן, צעבראָכענע ביקסן און צעריסע־נע קייטן. איבער דעם אַלעם האָט זיך דערהויבן אַ גרופּן־סצענע פון אַ סאָלדאַט, אַ מאַטראָז און אַן ארבעטער, און איבער זייערע קעפּ האָט געפלאַטערט אַ רויטע פאָן, וואָס האָט געגלאַנצט אויף דער זון. מיט זילבערנע אותיות איז אויפן פראָנט פון פּיעדעסטאַל געווען אָנ־געשריבן: „די באַפרייער פון רוסלאַנד". די קאָמפּאָזיציע פון דענק־מאָל איז געווען אַזוי געלונגען, אַז דער עולם, וואָס איז געשטאַנען פון דער וייטן, האָט אים אויפגענומען מיט אַ הילכיקן הורא.

דערווייל האָבן זיך גענומען קלויבן די דעלעגאַציעס, וואָס האָבן געדאַרפט אויפנעמען דעם מאַרש־צוג. צווישן די דעלעגאַציעס איז אויסגעבראָכן אַ שטרייט איבער די ערטער ארום דענקמאָל. יעדער האָט געהאַלטן, אַז ער פאַרטרעט אַ וויכטיקערע אָרגאַניזאַציע און דע־ריבער דאַרף ער שטיין נענטער צום דענקמאָל. עס האָט נישט גע־האָלפן, וואָס די ערטער זענען פריער פאַרטיילט געוואָרן לויט אַ גע־וויסן פּלאַן; יעדער האָט זיך געשטופּט נענטער און מען האָט דעם דענקמאָל אינגאַנצן פאַרשטעלט.

איך האָב דערפון מוראדיק געליטן. עס האָבן נישט געהאָלפן קיין באַווייזן, קיין שום עסטעטישע, קינסטלערישע, לאָגישע און געזעלשאַפטלעכע ארגומענטן. און נאָר די אריינמישונג פון די אָרד־נער — די רויטע גוואַרדייער — האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט צו מאַכן אַ שטיקל אָרדנונג, אַז מען זאָל דעם דענקמאָל קאָנען ארויסזען.

די מהומה האָט זיך איבערגעחזרט, ווען די פאָטאָגראַפן מיט זייערע אַפּאַראַטן האָבן זיך ארומגעשטעלט, כּדי דעם דענקמאָל צו פאָטאָגראַפירן.

עס איז געווען באַשטימט, אַז די פאָרשטייער פון די פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס אויפן פּלאַץ זאָלן טראָגן אויפן ברוסט רויטע בענדער. און כאַראַקטעריסטיש, אַז וואָס ווייניקער פאַרדינסטן עס

האָט ווער געהאַט פאַר דער רעוואָלוציע אין איר פאַרגאַנגענהייט, וואָס קלענער עס איז געווען זיין ראָלע אין דער רעוואָלוציע אין דער קעגנוואַרט, אַלץ מיט אַ ברייטערער לענטע האָט ער זיך פאַרזאָרגט. אָט דער דאָזיקער ערב־רב פון דער רעוואָלוציע, וואָס וואַקסט אַזוי מוראַדיק אויס בעת איר אויפשוואונג און פליסט דערנאָך אָפּ אויך אַזוי געשווינד נאָך איר צוריקפאַל, האָט נישט אַנדערש געוואָלט נאָר אַרויסקומען אויפן בילד צוזאַמען מיטן דענקמאָל. עס זענען דערביי פאָרגעקומען וויסטע סצענעס, רייסערייען און כאַראַקטערים־טישע דיאַלאָגן. אַזוי צ. ב. ש. האָט זיך איינעם געוואָלט נישט אַנ־דערש נאָר שטיין אויף די טרעפּ פון דענקמאָל. איך האָב אים אויפ־געפאָדערט דעם פּלאַץ צו פאַרלאָזן. אויף דעם האָט ער מיר געענט־פערט, אַז ער זעט נישט איך זאָל זיין אַזאַ גרויסער נאַטשאַלניק, אַז ער זאָל מיר דאַרפן פאָלגן. האָב איך אים געמאָלדן, אַז איך בין דאָס איינער פון די דריי נעמען, וועלכע זענען היינט אָנגערופן אין צייטונג, וואָס אַלע דאַרפן זיך אונטערוואַרפן זייערע פאַראָרדנונגען (די אי־בעריקע צוויי זענען געווען: דער ס. ד. א. רים און דער שוין אָנגע־רופענער מילאָוואַנאָוו). האָט ער מיך באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס און מיט שפּאָט אָנגעוויזן, אַז איך טראָג נישט קיין ספּעציעלן באַנד, וואָס די דריי הויפּט־אָרדנער האָבן געדאַרפט טראָגן אויפן אָרעם (דאָס איז געווען דאָס צווייטע מאָל, וואָס איך האָב געליטן צוליב מיין שנאה צו מאַנדאַטן און אָרדנס). אַלזאָ, נישט לאָגיק און נישט אינערלעכע דיסציפּלין האָט דאָ געקאָנט ווירקן, נאָר דער שטרענגער באַפעל פון „בענדל". עס איז מיר דאַן דורכגעלאָפן אַ געדאַנק, אַז לאַנג, אפשר זייער לאַנג וועט נאָך רוסלאַנד ליידן צוליב דער פינסטע־רער ירושה פון דער „נאַשיוווקאַ" (בענדל). די רויטע גוואַרדייער האָבן אויך אין דעם פאַל געדאַרפט מאַכן אָרדנונג און אָנווייזן דעם איינגע־שפּאַרטן זיין אָרט.

דאָס זעלביקע איז פאָרגעקומען מיט אַ באַוואוסטן גענעראַל (איך געדענק שוין נישט זיין נאָמען), וואָס האָט צו יענער צייט שטאַרק קאָקעטירט מיט דער רעוואָלוציע... שוין אַן עלטערער מענטש, איז ער אַלס דעלעגאַט פון דער אַרמיי געווען אויפן פּלאַץ. צי דערפאַר וואָס ער איז געווען מיד פון שטיין, אָדער אים האָט זיך אויך גע־וואָלט אַרויסקומען אויפן בילד — ער האָט זיך אוועקגעזעצט אויף די טרעפּ פון דענקמאָל אין סאַמע פראָנט. דאָס איז געווען אַ שריי־

ענדער דיסאָנאַנס צום גאַנצן אויסזען פון בילד. האָב איך אים גע־בעטן פאַרלאָזן דעם פּלאַץ. לכתחילה האָט ער מיך מיט אַ שמייכל גע־פרעגט וואָס אַרט מיך, אַז ער זיצט? האָב איך אים דערקלערט, אַז זיין מיליטערישער קאָסטיום שטימט נישט מיטן סימבאָל פון דענקמאָל. האָט ער דאַן מיך שטרענג אָנגעקוקט, מיליטעריש אַ קלאַפּ געטון מיט דער שווערד אָן ברוק און געבליבן זיצן אַ טיף־געקרענקטער אין זיינע גענעראַלישע געפילן, וואָס עפּעס אַ ייִדליק ווייזט אים אָן, וואָס ער — דער גענעראַל — דאַרף טון.

אויפן פּלאַץ איז דערווייל געוואָרן אַ געדרודער — פון דערווייטן האָט זיך געוויזן די דעמאָנסטראַציע. אַלע האָבן זיך אויסגעשטעלט אין אַ האַלב־קרייז אַרום דענקמאָל, מען האָט פונאַנדערגעוויקלט די פענער, און דער פּלאַץ האָט באַקומען אַ פייערלעכן, אַ יום־טובדיקן אויסזען.

אין דער בלויער לופט פון יונגן פרילינג האָט זיך פון דערווייטן געוויגט אַ רויטע כמאַרע פון זיידענע פענער, וואָס האָבן געפינקלט מיט זילבער און גאָלד. די פענער זענען געקומען נענטער און מ'האָט שוין אַרויסגעזען די געדיכטע מאַרשירנדע מאַסע. אָבער וואָס באַ־וועגט זיך דער צוג אַזוי לאַנגזאַם? פאַרוואָס פילט זיך נישט דער ריטמישער, דרייסטער טראָט פון אַ מאַסע, וואָס מאַרשירט אין גע־שלאָסענע רייען? פאַר וואָס גלאַנצן נישט די אויגן? פאַר וואָס שיינען נישט די געזיכטער אין טאָג פון פרייד? די אויסגעלאָשענע אויגן זעען נישט די ליכטיקע צוקונפט, די פיס טרעטן נישט דרייסט אויפן וועג פון דער געוואונענער פרייהייט, ווייל — די אַלטע קנעכט־שאַפט האָט זיי פאַר בלינדע, פאַר קאַליקעס געמאַכט.

עמיצן פון שטאָטישן ראַיאָן איז איינגעפאַלן — אין טאָג פון פאָלקס־פרייד צונויפזאַמלען די מלחמה־אינוואַלידן און שטעלן זיי די ערשטע אין צוג. זאָל מען זען! זאָל מען זען, וואָס די וועלט פון רויבער האָט פון זיי געמאַכט! דאָס איז געווען אַ שרעקלעך און גרויזאַם בילד!

בלאַסע און אויסגעמאַטערטע האָבן מענטשן לאַנגזאַם און שווער געשלעפּט זייערע הילצערנע פיס. זייער דומפּיק קלאַפּן איבער די שטיינער פון ברוק האָט טעמפּ אָפּגעהילכט אין שטילן אַרום, וואו מענטשן זענען געשטאַנען אין טיפן שווייגן. אויף טאָפּלטע הילצערנע קוליעס האָבן זיך געוויגט אין דער לופטן אָפּגעהאַקטע, האַלבע קער־פּערס מיט אויפגעהויבענע פּלייצעס און אַנגעגאָסענע אויגן פון אָנ־

דענקמאָל פון פרייהייט אויפגעשטעלט אין אדעס צום 1-טן מאַי, 1917
לויט מיין פראָיעקט און אויספירונג

שטרענגקייט און פיין. פּוסטע אַרבל האָבן זיך געבאָמבלט אויף שפּיצי־קע אַקסלען און אימהדיק פון ווינט זיך געבלאָזן. מענטשן מיט אויס־געפּליקטע ציין, מיט צעבראָכענע נעזער, געלעכערטע שאַרבענס און מענטשן גאָר גאַנצע, נאָר מיט פרעמדע, נישט זיכערע טריט און אויסגערונענע אויגן־לעכער פאַררײסן צום בלויען הימל — צום הימל, וואָס לייכט נישט פאַר זיי.

אָט אַזוי זענען זיי געגאַנגען אָנגעשפּאַרט, אָנגעהאַלטן איינער אָן צווייטן: אַ זעעוודיקער האָט הינקעדיק געפירט אַ בלינדן, און אַ בלינדער איז נאָכגעגאַנגען די הינקעדיקע טריט פון אַ קאַליקע.

עס האָט אָבער געדאַרפט זיין אַ טאָג פון פרייד — אַ טאָג פון יום־טוב.

האָט דער ח׳ ריס די אינוואַלידן־גרופּע אָפּגעטיילט פון גאַנצן צוג, און עס האָט זיך גענומען אַרויסזען די דעמאָנסטראַציע אין איר גאַנצער פּראַכט. ווי אַ הערלעך בילד נאָך אַ שווערן קאָשמאַר!

געעפנט דעם צוג האָט דער סאָציאַל־דעמאָקראַט אדוו. קאַרדע. אַ הויכער, אַ שיינער, מיט אַן אינטעליגענטן אויסזען, האָט פון אים געאָטעמט מיט פייערלעכקייט. נאָך אים האָבן זיך געצויגן אין גע־שלאָסענע רייען טויזנטער אַרבעטער און בירגער פון שטאָטישן ראַ־יאָן. אַ גרויסע פרייד האָט אַרויסגעשטראַלט פון זייערע אויגן, אַ טיף געפיל האָט אַלעמען באַוועגט... שווער, אָבער ריטמיש איז געוועזן דער טראָט און איבער די קעפּ האָבן געפלאַטערט פענער און פענער אָן אַ שיעור. פענער פון פּורפּור און זייד; פענער מיט גאָלד געפּוצט און פענער מיט עמבלעמען און מיט פאַנטאַסטישע אַלעגאָריעס. ווער האָט דאָ זיין פאָן נישט געהאַט? און ווער איז דאָ נישט געווען פאַרגעשטעלט? חברות און פאַראיינען, אָרגאַניזאַציעס און קלובען, פילאַנטראָפּישע און וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, קאַמפּס־קאָלעק־טיוון און קולטור־געזעלשאַפטן, קינסטלער און שטיינהעקער, לערער און נאַכט־וועכטער, אינזשעניערן און קליינע האַנטווערקער, שטודירנ־דיקע יוגנט און סאָלדאַטן, פּאָליציי און פייער־לעשער — אַלעמען האָט באַהערשט איין געפיל: דאָס וואונדערלעכע פאַרכאַפּנדע געפיל פון באַפרייאונג. אויף די טראָטואַרן זענען כמעט קיין צוקוקער נישט געבליבן. חוץ די, וועלכע זענען געשטאַנען אויף די באַלקאָנען און אין די פענסטער, זענען אַלע, וואָס האָבן זיך געפונען אויף די גאַסן פון אָדעס, אַריינגעצויגן געוואָרן אין שטראָם פון די מאַרשירנדיקע

רייען. עס איז געווען דער אויסגוס פון אַ קוואַל, וואָס האָט נאָך טויזנטער יאָרן געפּענטעט וועג זיין פרייען לויף געפונען.

אַזוי איז מען געגאַנגען מיט מוזיק און געזאַנג, שעה נאָך שעה, גרופּע נאָך גרופּע... און ווי נאָר אַ גרופּע איז צום פּלאַץ צוגעקומען, אַזוי האָט דאָס געזאַנג אויפגעהערט, מענטשן האָבן זייערע אויגן נישט געגלויבט — איבער נאַכט איז אַ וואונדער געשען. נעכטן איז דאָך דאָ קיין דענקמאָל נישט געווען?! פונוואַנען האָט ער זיך גענו־מען? דער איינדרוק איז געווען אומגעהויער: מ'האָט זיך אָפּגע־שטעלט אינמיטן גאַנג און באַוואונדערט דאָס דערזעענע; מען פלעגט זיך אַמפּערן, צי זענען די פיגורן לעבעדיקע אָדער פון בראָנז גע־גאָסענע*), אָבער ווי נאָר מען פלעגט באַגרייפן, וואָס דאָ איז פאָר־געקומען, האָט פון אַלעמענס הערצער אינסטינקטיוו זיך ארויסגע־ריסן אַ פרייד־געשריי און הורא־אויסרופן: זאָל לעבן דער פּראָלע־טאַריאַט! זאָל לעבן דער סאָציאַליזם!

און פונקט, ווי מען וואָלט זיך צוזאַמענגערעדט, פלעגן די פאָן־טרעגער, פארבייגייענדיק דעם דענקמאָל, איינבויגן די פענער אַלס צייכן פון ערע. עס איז געווען אַ מערקווירדיק הערלעך בילד צוצו־קוקן פונדערווייטנס, ווי די פענער פלעגן, איינע נאָך די אַנדערע, נייגן זייערע שפּיצן. ווי אַ לייכט ווינטל וואָלט דורכגעלאָפן איבער אַ רויטן ים און מילד געפּאַלדעוועט די מיט גאָלד באַשפּריצטע אויבער־פלאַך.

דערנאָך האָט אָנגעהויבן מארשירן דער אָדעסער גאַרניזאָן. אויסגעפּוצט, ווי צו אַ גרויסן פּאַראַד, האָט די אַרמיי אין פולן קאָמ־פּלעט, יעדער טייל מיט זיין אָרקעסטער, מיט זיין רויטער פאָן און זיינע אויפשריפטן און לאָזונגען אָן אַ שיעור — פאַרביימארשירט דעם דענקמאָל און שוין אויפן מיליטערישן אופן אים סאַלוטירט. (חוץ די אָפיצירן, האָבן די מיליטער־טיילן קיין געווער נישט גע־טראָגן. צי האָבן די אַרמיי־טיילן חוץ רויטע פענער געטראָגן מיליטער־

---

*) עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער שטימונג און ענטוזיאַזם, וואָס האָט געהערשט אין יענעם טאָג; אַ סך אַנטיילנעמער אין די גרופּן־סצענעס אויפן דענקמאָל האָבן פאַזירט צו 4—5 שעה נאָכאַנאַנד אונטער אַ ברענענ־דיקער זון און האָבן נישט געוואָלט מען זאָל זיי פאַרבייטן. די וואָס האָבן זיי געדאַרפט פאַרבייטן, זענען געווען פון דעם זייער געקרענקט.

רישע פענער אויך, געדענק איך נישט. ווארשיינלעך, האָב איך דאָס אין מיין דעמאָלט אויפגערודערטן צושטאַנד נישט באַמערקט).

צווישן דער גרויסער סאָלדאַטן־מאַסע האָבן זיך אויך געזען פריידיקע, באַגייסטערטע געזיכטער, אָבער אינגאַנצן איז זי נישט געווען פאַרכאַפּט פון דער אַלגעמיינער יום־טובדיקער שטימונג. די פויערישע סאָלדאַטן־מאַסע איז אויך אין יענעם הערלעכן מאָמענט פון דער רעוואָלוציע געווען פאַרנומען מיט איר גרויסער זאָרג וועגן ערד און היים.

דערנאָך איז אָנגעקומען דער מאָלדאַוואַנסקער ראַיאָן — דער צענטער פון דער יידישער אָרעמקייט. דער דורכשניטלעכער וואוקס איז דאָ געווען נידעריקער, אָבער די באַגייסטערונג נישט קלענער.

און עס האָבן זיך ווידער גענומען ציען מחנות אָן א סוף, מיט פענער אָן א צאָל. די באַגייסטערונג וואַקסט, די אָרקעסטערס הערן נישט אויף צו שפּילן, און די אויסרופן און הורא־געשרייען קייקלען זיך פון איין מחנה צו דער צווייטער, ווי דער רויש פון די כוואַליעס אין ים.

פּלוצלינג האָט זיך דער צוג איבערגעריסן. עס האָט זיך באַקומען א גרויסער בלויז — א טייל פון דער דעמאָנסטראַציע האָט זיך אָפּגע־שטעלט ווייט אויף דער פּושקין־גאַס און גייט נישט ווייטער. אויפן פּלאַץ איז געוואָרן א נערוודער.

אין דער בלויער לופט האָט זיך באַוויזן דאָס גוט באַקאַנטע בילד פון קאַזאַקישע פּיקעס מיט די שטאָלענע שפּיצן, וואָס האָבן קאַלט געגלאַנצט אויף דער זון. אָט לאָזט זיך הערן דער ריטמישער גאַלאָפּ פון קאַזאַקישע פערד. אָבער וואָס איז דאָס? גלייכצייטיק הערט זיך א ווילד־צעצווינגענער מאַרש אויסגעשפּילט אויף מעשענע כלים. דער מאַרש ווערט אַלץ דייטלעכער, העכער, ווילדער און אָנ־שטעקנדיקער. אָט זענען זיי שוין גאָר נאָענט, פּלוצלינג הערט זיך א מיליטערישע קאָמאַנדע, און די קאַזאַקן שפּרינגען אויף שטייענדיק אויף זייערע עלאַסטישע פערד, יאָגן די פערד אונטערן קלאַנג פון א קאַזאַקישן מאַרש און בלייבן מיטאַמאָל שטיין פאַרן דענקמאָל אין דער ספּעציפישער מאָלערישער פּאָזע פון א גוט־געשולטן קאַזאַק. די פערד האָבן זיך פון אימפּעט אויפגעשטעלט אויף די הינטערשטע פיס און א קאַזאַק מיט א צעפלאַמט פּנים האָט אויסגעשריגן: „ברידער אַרבעטנדיקע, מיר זענען מיט אייך"! די לופט איז פול געוואָרן מיט

פרייד־געשרייען און אויסרופן: „זאָל לעבן די רעוואָלוציע! זאָלן לעבן די רעוואָלוציאָנערע קאָזאַקן!"

דער קאָזאַקן־אָרקעסטער אויף די פערד האָט אויפגעשפּילט אַ פייערלעכן מאַרש, די קאָזאַקן האָבן זייערע פּענער גענייגט און די שפּיצן פון זייערע פּיקעס צו דער ערד געבויגן. זיי האָבן אויף די פערד אויסגעפירט עטלעכע גימנאַסטישע נומערן און באַגייסטערטע און צופרידענע זענען זיי פאַרבייגעריטן דעם דומע־פּלאַץ אונטער די באַגריסונגען און הוראַ־געשרייען פון גאַנצן עולם.

אַט אַזוי האָבן זיי דאָס אויסגעפירט אונזער פאַראָרדנונג נישט צו קומען מיט געווער צו דער דעמאָנסטראַציע, פאַרדראָסן האָט דאָס אונז אָבער נישט. עס איז געווען אַ הערלעך בילד.

צום סוף איז געקומען דער פּערעסיפּער ראַיאָן — דער גרעסטער פאַבריק־צענטער אין אָדעס.

באַיאָרנטע אַרבעטער מיט ערנסטע געזיכטער, זענען זיי געגאַנגען מיט זייערע פרויען און קינדער, אויסגעמאַטערטע פון לאַנגן וועג; אָבער ווי זיי זענען אויפן פּלאַץ געקומען, האָבן זייערע אויגן אָנגעהויבן גלאַנצן מיט אַ יוגנטלעכן פייער. פאַר גרויס פרייד האָבן זיי גענומען וואַרפן די היטלען אין דער הויך און פון טויזנטער פּראָלעטאַרישע הערצער האָט זיך אַרויסגעריסן אַ מעכטיק געשריי:

— זאָל לעבן די רעוואָלוציע! זאָל לעבן דער סאָציאַליזם!

אַרום 5 אַזייגער האָט זיך די דעמאָנסטראַציע געענדיקט.

אין דער דעמאָנסטראַציע האָבן אויך נישט אויסגעפעלט קיין קאָמישע מאָמענטן. די בירגערלעכע ציוניסטן זענען אויך געקומען מיט זייערע ווייס־בלויע פּענער. נ. מ. אוסישקין איז געגאַנגען בראש פון אַ גרויסער גרופּע לער־יוגנט פון די מיטל־שולן. זיין מאַסיווע פיגור האָט זיך פרעמד אויסגעטיילט צווישן שלאַנקן, יונגן עולם פון דרום. ער האָט שווער געאָטעמט און זיך אָן אויפהער געווישט דעם שווייס פון זיין פּנים. זיי זענען פאַרבייגעלאָפן דעם דומע־פּלאַץ ביי אַ טויטער שטילקייט. קיינער האָט אויף זיי נישט געוואַרט און קיינער האָט זיי נישט באַגריסט. אייניקע פאַריתומטע אויסרופן פון ציוניסטן גופא זענען געבליבן הענגען אין דער לופטן און האָבן נאָך מער אונטערגעשטראָכן די פיינטלעכע שטילקייט פון אַרום.

נאָך דער דעמאָנסטראַציע האָבן מיר — די אָרגאַניזאַטאָרן פון מאַי־יום־טוב — זיך געלאָזט מיט אַן אויטאָמאָביל אָנקוקן די שטאָט.

די פענסטער און באַלקאָנען זענען געווען באַצירט מיט טעפּיכער און מיט גרינס. די ווענט אומעטום פול מיט פּלאַקאַטן, ס'רוב אין האַלב פוטוריסטישן סטיל: מענטשלעכע פיגורן פון „מיתה־משונה"־קאָלירן, מיט פּיס, ווי פאַבריק־קוימענס, הענט — ווי פליגלען פון ווינט־מילן און קעפּ — ווי המן־טאַשן. אויסגענומען האָט איין פּלאַקאַט, וואָס איז געווען אויסגעפירט דוקא רעאַליסטיש: אַ הויכער, געזונטער אַר־בעטער האָט געדרייט דעם שרויף פון אַ קאָלאָסאַל־גרויסן שרויפן־פּרעס, וואָס האָט זיך גערופן „רעוואָלוציע"; אונטערן פּרעס, צוגע־דריקט מיטן שרויף, איז געלעגן אַ פעטער בורזשוי מיט אַ גרויסן בויך און האָט מוראדיק געשריגן פון ווייטאָג. פון זיין מויל און אַנדערע ערטער... האָבן זיך געשאָטן אַ סך רענדלעך. דאָס איז ווירק־לעך געווען פּרימיטיוו — שוין אַביסל צו־פּרימיטיוו... אָבער דעם עולם איז דאָס געפעלן.

ביינאַכט זענען פאָרגעקומען הונדערטער באַנקעטן און פאַר־ווייַלונגען פון פּאַרטייען און קלובן. מ'האָט געשיקט איינע צו די אַנ־דערע דעלעגאַציעס מיט באַגריסונגען און טאָסטן. מיט איין וואָרט, יום־טוב און פרייד האָט געשפּראָצט פון יעדן ווינקעלע אַרויס, און ווער עס איז אין יענעם טאָג אויף די גאַסן פון אָדעס נישט געווען — דער האָט אויף זיין לעבן קיין פרייד נישט געזען.

אָבער דער, וואָס איז יאָ געווען — יענער קאָן מיט זיכערקייט זאָגן, אַז ער האָט נישט אומזיסט געלעבט אויף דער וועלט — ער האָט געזען די פריידיקע יוגנט פון דער גרויסער רוסישער רעוואָלוציע.

מיין פרוי און איר פאַמיליע

דאָס צוזאַמענלעבן פון מאַן און פרוי קריצט אַלעמאָל אויס טיפע צייכנס אויף זייער לעבנס־וועג. בפרט, ווען חוץ מאַן און פרוי זענען זיי אויך פריינט און חברים און זייערע גייסטיקע אינטערעסן גייען צוזאַמען, ווי איך מיט מיין פרוי זענען עס געווען. די טיילווייזע געשיכטע פון מיין פרוי רוטע איז, דעריבער, אויך די געשיכטע פון מיין אייגן לעבן, וואָס איך באַשרייב אין מיינע זכרונות. אָבער אויך די געשיכטע פון איר פאַמיליע פּאַסט זיך אריין אין דער דאָזיקער באַשרייבונג, ווייל זי ווייזט די טיילווייזע אומוועגן פונם גייסטיקן איבערברוך ביי יידן, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער עפּאָכע, וועלכע איך באַשרייב אין די דאָזיקע זכרונות.

דער פאָטער פון מיין פרוי, יוסף באַטכאַן, איז אין דער יוגנט געווען אַ לערנער. ווען ער איז שוין געווען אַ טאַטע פון עטלעכע קינדערלעך, האָט ער זיך באַקאַנט מיט די ציוניסטישע אידעען, וואָס זענען דעמאָלט אַנטשטאַנען ביי יידן און איז געוואָרן אַ באַגייסטערטער חובב־ציון. ער וואַרפט אַוועק דאָס לערנען, כדי צו ווערן אַ „יגיע כפים'ניק", און ער ווערט אַ שוסטער. אינם דאָזיקן, דאַן ביי יידן אַזוי פאַראַכטעטן צווייג פון נוצלעכער אַרבעט, האָט ער דערגרייכט אַ הויכע מדרגה: ער ווערט אַן אויסגעצייכנטער בעל־מלאכה. מיט זיין אַרבעט צאַצקעט זיך דאָס גאַנצע שטעטעלע אַלט־ביכאָוו (מאָהילעווער גובערניע). אָבער דערנערן זיין פאַמיליע פון זיין שוסטעריי־אַרבעט אינם דאָזיקן שטעטעלע איז אים זייער שווער. חוץ דעם איז, אַפּנים, אים געוואָרן ענג דאָס קליינשטעטלדיקע לעבן; עס האָט אים געצויגן צו דער גרויסער, ברייטער וועלט מיט אירע ווייטע האָריזאָנטן. ער פאַרלאָזט ווייב און קינדער און אַ לענגערע צייט לאָזט ער פון זיך ניט הערן.

אין אַ געוויסער צייט אַרום האָט ער געגעבן צו וויסן דער פרוי (פרומע דוואָרקין), אַז ער געפינט זיך אין יעקאַטערינאָסלאַוו און בעט זי מיט די קינדער זאָלן אַראָפּקומען זיך באַזעצן אין דער גרויסער שטאָט.

אין יעקאַטערינאָסלאַוו איז יוסף באַטכאַן שוין אוים חובב־ציון; ער מאַכט דורך אַ מערקווירדיקע עוואָלוציע און ער ווערט אַן איבערגעגעבענער מיטגליד און ענערגישער טוער אין דער אָרטיקער געהיימער אָרגאַניזאַציע פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי. ער דערנערט זיין פאַמיליע ווידער פון זיין שוסטעריי־אַרבעט. זיינע פאַרדינסטן זענען, אָבער, אויך דאָ זייער מאָגערע, ווייל די געהיימע אַרבעט פון דער פּאַרטיי נעמט ביי אים אָפּ אַ סך צייט, און די פאַמיליע לעבט, אויך אין דער גרויסער שטאָט, אין גרוים נויט.

די וואוינונג פון יאָסיף באַטכאַן (שוין ניט יוסף) ווערט אַ צענטער ניט נאָר פאַר געהיימער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט, נאָר אויך אַן איינגאַנג־הויז פאַר אַ האַלב קאָמונע־לעבן פון אַרבעטסלאָזע. שטענדיק האָט זיך צו די מאָגערע מאָלצייטן ביי דער אָרעמער פאַמיליע געפונען אַ חבר אין נויט, אָדער צוליב נויט אַ חבר... וואָס האָט געהאָלפן פאַרצערן דאָס ביסל שפּייז, וועלכע האָט קוים געקלעקט פאַר די קינדער. דאָס טיילן זיך מיטן ביסן מיט יעדן, וואָס האָט עס באַדאַרפט אָדער פאַרלאַנגט, איז אין דער דאָזיקער פאַמיליע געוואָרן אַ נאַטירלעכע זאַך אויף איר גאַנץ לעבן אין אַלע ערטער וואו זי האָט זיך געפונען. און שטענדיק האָבן זיך אינם דאָזיקן הויז געפונען אַ פּאָר בעלנים אויף פרעמדע קעסט, וואָס פלעגן ביי די באַטכאַנס טאָגן און נעכטיקן.

אין הויז פון געוועזענעם חובב־ציון יוסף באַטכאַן — דעם געוועזענעם ליבהאָבער פון דער העברעאישער שפּראַך און איר ליטעראַטור, איז די אומגאַנג־שפּראַך געוואָרן רוסיש. אפילו די יינגלעך האָבן קיין טראַדיציאָנעל יידישע דערציאונג ניט באַקומען, אין קיין חדר ניט געגאַנגען; זיי זענען דערצויגן געוואָרן אויסשליסלעך אין רוסיש. און הגם דער פאָטער האָט זיין גאַנץ לעבן גערעדט רוסיש מיט גראַמאַטיקאַלישע גרייזן, האָט ער דאָך קיין יידיש ניט געוואָלט רעדן אַפילו, ווען מ׳האָט זיך צו אים אין יידיש געווענדעט. די מוטער, וואָס אין איר יוגנט האָט זי אויף קיין איין שפּראַך לייענען ניט געקאָנט, האָט זיך אויך אויסגעלערנט לייענען רוסישע ביכלעך. און געלייענט זיי האָט זי איר גאַנץ לעבן „פרעפלענדיק" — זילבנווייז. ניט אַלץ פונם געלייענטן האָט זי גוט פאַרשטאַנען; אָבער זי האָט שוין געהאַט אירע באַליבטע שרייבער, אירע ראָמאַנען, וועלכע זי פלעגט לייענען מיט אַזאַ פרומער מינע, ווי אונזערע באָבעס און

עלטער־באָבעס פלעגן לייענען דעם טייטש־חומש. דאָס לייענען גופא איז געווען ביי איר פאַררעכנט ווי אַ סאָציאַליסטישע מצווה.

די אַסימילאַציע אין דער דאָזיקער פאַמיליע איז נאָך מער פאַר־שטאַרקט געוואָרן אַדאַנק דעם פאָטערס זיצן אָפּט אין טורמע און אַדאַנק די לאַנגע יאָרן פאַרשיקונג אין סיביר, וואוהין כמעט די גאַנ־צע פאַמיליע (חוץ דער עלטערער טאָכטער — מיין געוואָרענע פרוי) פלעגט מיטפאָרן מיטן פאַרשיקטן מאַן און פאָטער.

מיר איז ניט גענוי באַקאַנט די ראָלע, וואָס יוסף באַטכאַן האָט געשפּילט אין דער רוסלענדער סאָציאַל דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי. (אין 1905 האָב איך אים געזען אַלס מיטגליד פון „איס־פּאָלניטעלני קאָמיטעט" (עקזעקוטיווע) פון אָדעסער ראַט פון אַרבע־טער־דעפּוטאַטן). אויך מיין פרוי איז ניט געווען גענוי אינפאָרמירט וועגן איר פאָטערס טעטיקייט, ווייל זי איז נאָך אַלס דרייצן יאָריק קינד אָפּגעריסן געוואָרן פון איר פאַמיליע און איר לעבן איז אַוועק אויף אַ באַזונדערן וועג. אָבער פון די אָפּטע אַרעסטן, פון די לאַנגע יאָרן פאַרשיקונג, פון זיין צוויי מאָל אַנטלויפן פון סיביר, דאַרף מען מאַכן דעם אויספיר, אַז ער האָט געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָל אין די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס פון דער רוסלענדער סאָצ. דעמאָקראַטי־שער אַרבעטער־פּאַרטיי.

דאָס ערשטע מאָל איז ער אַרעסטירט געוואָרן אין יעקאַטערי־נאָסלאַוו. דערנאָך — צוויי מאָל אין אָדעס; און צו לעצט אין ווי־טעבסק, וואו ער, צוזאַמען מיט אַ גרעסערער גרופּע סאָצ. דעמאָקראַטן, האָט אין 1908 געהאַט אַן אָפענעם פּראָצעס, און איז נאָכדעם צום דריטן מאָל פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר. אויך אין סיביר איז זיין הויז געווען ניט נאָר אַ צענטער פאַר די פּאָליטישע פאַרשיקטע, נאָר אויך די אָרטיקע איינוואוינער און די פּויערים פון די אַרומיקע דערפער פלעגן קומען צו אים נאָך עצות און בעטן אים אויסגלייכן זייערע סכסוכים.

אין 1912, שוין אין עלטער פון אַרום 55 יאָר, איז ער, טיילווייז מיט מיין הילף, ווידער אַנטלאָפן פון סיביר און איז אָנגעקומען צו מיר קיין ווילנע, פון וואַנען איך האָב אים געהאָלפן שוואַרצן די גרענעץ און אַוועקפאָרן קיין פּאַריז. אין פּאַריז איז ער אָנגעקומען שוין פיזיש אינגאַנצן אַ צעבראָכענער — מיט צעפּוילטע לונגען פון לאַנגע יאָרן טורמע און פאַרשיקונג. נאָך עטלעכע חדשים מאַטערן

זיך, איז ער אין 1913 אויסגעגאַנגען איינזאַם, אָפּגעריסן פון זיין פאַמיליע.

אַלע קינדער פון דער דאָזיקער אויסטערלישער פאַמיליע האָבן אויף אַזאַ אָדער אַנדער אופן זיך באַטייליקט אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. טייל זענען אויף אַ דירעקטן אָדער אומדירעקטן אופן אומגעקומען אין פייער פון דער דאָזיקער באַוועגונג.

דער עלטסטער פון די זין — אַלעקסאַנדער האָט צוערשט אויך באַלאַנגט צו דער רוסל. סאָצ. דעמ. אַרבעטער־פּאַרטיי. אָבער אין 1906 איז ער צוגעשטאַנען אין אָדעס צו אַ גרופּע אַנאַרכיסטן, זיך באַטייליקט אין אַן עקספּראָפּריאַציע, געוואָרן אַרעסטירט און פאַר־משפּט אויף קאַטאָרגע. די אַמנעסטיע פאַר פּאָליטישע פאַרברעכער אין 1917 האָט אים באַפרייט. ער קומט צוריק קיין אָדעס און אינגיכן שטאַרבט ער פון שווינדזוכט, וואָס ער האָט אָנגעלעבט ביי דער קאַטאָרגע־אַרבעט.

דער צווייטער זון איסאַק האָט זיך באַטייליקט אין דער ערש־טער וועלט־מלחמה; ער טרעט דערנאָך אַריין אין דער רויטער אַרמיי אַלס פליער; באַטייליקט זיך אין בירגער־קריג מיט די ווייסע, און זינט 1922 האָב איך פון אים ניט געהערט.

דער דריטער זון מאָיסעי—אַ סטאָליער־אַרבעטער איז אין ווילנע אַ געוויסע צייט געווען נאָענט צו דער בונדישער באַוועגונג. אַלס געוועזענער זעלנער אין דער צאַרישע אַרמיי בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, טרעט ער אין 1920 אַריין אין דער רויטער אַרמיי און דערדינט זיך דאָרטן צום ראַנג פון אַ פּאָלקאָווניק. ביז 1922 האָט ער געלעבט אין אָדעס. אין זעלביקן יאָר האָב איך פאַרלאָזן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און זיין ווייטערדיקער גורל איז מיר ניט באַוואוסט.

דער פערטער זון מישאַ איז געווען די צירונג פון דער משפּחה. ער איז געווען זייער אַ שיינער און מיט גרויסע פעאיקייטן. די לערער פון דער גימנאַזיע, וואו ער האָט זיך געלערנט, האָבן אים פאָרגעזאָגט אַ גרויסע ווימנשאַפטלעכע צוקונפט. בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער אויך גענומען געוואָרן אין דער צאַרישער אַרמיי און איז אומגעקומען אויפן טערקישן פראָנט — דאַכט זיך — פאַר די סאָ־וועטישע צייטן.

אויף אַ גאָר טראַגישן אופן איז אומגעקומען דער יינגסטער זון ליאָווע. אויב איך מאַך ניט קיין טעות, איז ליאָווע געבוירן געוואָרן

אין סיביר בעת דער פאַרשיקונג פון זיינע עלטערן. ווען דער פאָטער איז צום צווייטן מאָל פאַרשיקט געוואָרן, איז ליאָווע געווען נאָך אַ קליין קינד. האָב איך ליאָווען גענומען צו זיך אויף דערציאונג, און די מוטער מיט די שוין אונטערגעוואַקסענע קינדער איז מיטגעפאָרן מיטן מאַן. ליאָווע איז אויסגעוואַקסן זייער אַ שיינער בחור מיט אַ רואיקן, אַ ביסל פלעגמאַטישן כאַראַקטער. ליאָווע איז געווען די ערנסט־לעכקייט אַליין; קיין סימן פון יוגנטלעכער פאַזע, ניט געוואוסט וואָס דאָס הייסט זאָגן אַ ליגן. אַ באַלעזענער און אינטעליגענטער יוגנט־לעכער. קיין נייגונג צו וועלכע ניט איז פאַרטיי־אַרבעט, אָדער אַפילו פאַרטיי־אָנגעהעריקייט האָט ער ניט אַרויסגעוויזן, הגם די גאַנצע בונדישע פאַרטיי־אַרבעט אין אָדעס, וואו איך האָב געלעבט אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע אין די יאָרן 1917 — 1922, איז אַדורך פאַר זיינע אויגן.

אין 1922 האָב איך פאַרלאָזן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. ליאָווע, צוזאַמען מיט דער מוטער, וואָס האָט זיך, נאָך יוסף באַטכאַנס טויט, אויך אויפגעהאַלטן ביי מיר, זענען פאַרבליבן אין אָדעס אונטער דער אַפּיעקע פון אירע צוויי זין מאָיסעי און איסאַק. ליאָווע איז דעמאָלט געווען אין עלטער פון אַכצן יאָר און געווען אַ שילער אין דער יידישער האַנטווערק־שול „טרוד". שוין זייענדיק אין וואַרשע, האָב איך, אַרום 1923, זיך דערוואוסט, אַז ליאָווע איז צוגעשטאַנען צו אַ האַלב־געהיימען סאָציאַל־דעמאָקראַטישן קרייזל פון יוגנטלעכע, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט שטודירן מאַרקסיזם. און ווי עס האָט זיך שוין דאַן געפירט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, איז ליאָווע, צוזאַמען מיט זיינע חברים, פאַרן דאָזיקן „פאַרברעכן" אַרעסטירט און פאַרשיקט געוואָרן אויף צוואַנג־אַרבעט ערגעץ אין סיביר. נאָכן אָפּקומען דעם שטראָף־טערמין איז ער באַפרייט געוואָרן; אָבער אין גיכן — שוין אָן אַ פאַרוואָס — ווידער פאַרשיקט געוואָרן אויף קאַטאָרגע־אַרבעט, צום לויב פון „סאָציאַליסטישן" פאָטערלאַנד... פון דאַן אָן האָט מען פון אים ניט געהערט. ער איז העכסט וואַרשיינלעך אומגעקומען אין די זעלביקע טונדרעס פון סיביר, וואו ער איז געבוירן געוואָרן. אין גיכן נאָך דעם איז אויך די מוטער געשטאָרבן.

אויף גאָר אַ באַזונדערן וועג האָט דער גורל געפירט דאָס לעבן פון עלטסטן קינד — פון דער טאָכטער ר ו ט ע :

ווען דער פאָטער האָט געזאָלט דאָס ערשטע מאָל פאַרשיקט ווערן קיין סיביר, איז רוטע אַלט געווען אַ יאָר דרייצן. זי איז געווען

מײַן פֿרײַנט און חבר — די פֿרױ מײַנע רוטע
אומגעבראַכט דורך די נאַצי־דײַטשן בעתן צװײטן װעלט־קריג
אין פּױלן

אַ פעאיק קינד און זיך גוט געלערנט. בעת די מוטער האָט באַשלאָסן באַגלייטן דעם מאַן אין זיין פאַרשיקונג און מיטנעמען מיט זיך די קינדער, האָבן גוטע פריינט איר צוגערעדט, זי זאָל די עלטערע טאָכטער רוטע איבערלאָזן ביי זיי; זיי האָבן זיך אונטערגענומען צו זאָרגן פאַר איר דערציאונג און ווייטערדיקער בילדונג. פאַרשטייט זיך, אַז די מוטער איז אויף דעם איינגעגאַנגען.

מיט דער הילף פון אַט די גוטע פריינט, מיט דער הילף פון אירע אייגענע פאַרדינסטן, וואָס דאָס יונגע קינד האָט זיך דערשלאָגן דורך פריוואַטע „אוראָקן" (לעקציעס), ווי אויך דורך דער סטיפּענדיע, וואָס די גימנאַזיע האָט איר געגעבן פאַר איר גוט לערנען זיך, האָט רוטע מיט דערפאָלג געענדיקט די פּרויען-גימנאַזיע אין דער שטאָט קרעמענטשוג.

אין די לעצטע קלאַסן גימנאַזיע, איז זי, ווי אַ גרויסער טייל פון דער שטודירנדיקער יוגנט, אַריינגעצויגן געוואָרן אין די זעלבסטבילדונג-קרייזן און איז באַאיינפלוסט געוואָרן דורך די אידעען און געדאַנקען פון פּיסאַרעוו, בעלינסקי, הערצן, מיכאַילאָווסקי, לאַווראָוו, טשערנישעווסקי, בעלטאָוו (פּלעכאַנאָוו) און אַנדערע גייסטיקע פירער פון דער פּראָגרעסיווער אינטעליגענץ אין דעמאָלטדיקן צאַרישן רוסלאַנד.

נאָכן ענדיקן גימנאַזיע באַזעצט זי זיך אין דער שטאָט מאָהילעוו, (ביים דניעפּער) וואו עס געפינט זיך איר נאָענטסטע חברטע זשעניע, די פרוי פון שוין דאַן אָנגעזעענעם בונדיסט „טל-ומטר" (אַראָן איזאַקסאָן). אין דער דאָזיקער פאַמיליע ווערט רוטע באַקערט צו דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג. זי וואַרפט זיך אַריין אין דער באַוועגונג מיטן גאַנצן ברען פון איר יונגער נשמה: זי לייענט אַ סך, שטודירט די מאַרקסיסטישע ליטעראַטור; באַזוכט אַרבעטער-פאַרזאַמלונגען, באַקאַנט זיך מיט די כללים פון קאָנספּיראַציע. אָבער כדי פירן סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע צווישן יידישע אַרבעטער, דאַרף מען קענען די יידישע שפּראַך, זיין באַהאַוונט אין דער יידישער ליטעראַטור. און דאָ איז איר צונויץ געקומען דאָס קענען שרייבן און לייענען יידיש, ווי אויך דאָס ביסל העברעאיש, וואָס דער פאָטער האָט איר קינדווייז געלערנט. ווען ער איז נאָך געווען אַ חובב-ציון. אַריינגעטאָן אין שטענדיקן לייענען, קומט איר אָן גרינג צו דערגאַנצן איר באַלעזנקייט אויך אין דער יידישער ליטעראַטור. אַגב מיט טייל שאַפונגען פון יידישע שרייבער, ווי דינעזאָן, ספּעקטאָר, מענדעלע, שלום-עליכם און אַנדערע,

איז זי געווען באַקאַנט נאָך פון איר פריער יוגנט: דער פאָטער — דער לערנער פלעגט אָפט פאַרלייענען זייערע ווערק אין די ווינטערדיקע אָוונטן פאַר דער גאַנצער פאַמיליע.

רוטע ווערט גיך אַן אויסגעצייכנטע פּראָפּאַגאַנדיסטין און וואונ־דערבאַרע רעדנערין אויף רוסיש און יידיש. אונטערן פּאַרטיי־נאָמען מ י נ ע, איז זי געוואָרן באַקאַנט און באַליבט אין די שטעט דווינסק, ביאַליסטאָק, לאָדזש און אַנדערע פּונקטן פון בונדישן ראַיאָן. אַליין אין פּריוואַטן לעבן געניייגט אַ ביסל צו פּעסימיזם, האָט זי אָבער פון דער טריבונע געקאָנט אָנצינדן די צוהערער מיט באַגייסטערטן פאַ־נאַטיזם פון גלויבן אין דער צוקונפטיקער סאָציאַליסטישער וועלט. מען האָט באַדאַרפט זען די עקזאַלטירטע פּנימער פון די ביאַליסטאָקער יידישע, פּוילישע און דייטשע גאַרבער־יונגען, וואָס דער קלענסטער פון זיי איז געווען מיט צוויי קעפּ העכער פונם צאַרטן מיידל, ווען זי האָט גערעדט צו זיי אין רוסיש און יידיש; מען האָט באַדאַרפט זען מיט וואָס פאַר אַ ליבע, וואָרעמקייט, אַפילו שטאָלץ די ביאַליסטאָ־קער „נופּערקעס", „שפּולערקעס" פון וועבערייען פלעגן אויפנעמען זייער מינען — די פאַרשטייערין פון „בונד"; מען האָט באַדאַרפט זיין אויף אַ פאַרזאַמלונג פון די אַרבעטער אין נאַטאַנזאָנס קנעפּל־פאַבריק, אין לוריעס פּאַפּיראָסן־פאַבריק, זאַקסעס שוועבעלעך־פאַב־ריק אין דווינסק אָדער ביי די שניידער־אַרבעטער אין לאָדזש, כדי צו פילן דעם צויבער, וואָס האָט זיך געפילט אין רוטעס דעמאָלטיקע רעדעס.

איינמאָל בעת אַ פאַרזאַמלונג פון די אַרבעטער אויף זאַקסעס פאַבריק אין דווינסק, האָט דער זון פון פאַבריקאַנט זיך פאַרשטעקט אין אַ ווינקל כדי צו הערן איר רעדע. ווען זי האָט געענדיקט, האָט ער פון גרויס באַגייסטערונג איר אַזוי שטאַרק אַפּלאָדירט, אַז מיט דעם האָט ער אַרויסגעגעבן זיין באַהעלטעניש. שפּעטער האָט ער די אַרבעטער געמאַכט פאַרוואורפן:

— ווען מיר האָבן אַזאַ איינע, — האָט ער געזאָגט — וואָס וואָלט מיט אַזאַ ברען און טאַלאַנט פאַרטיידיקט אונזערע אידעאַלן, ווי זי פאַרטיידיקט אייערע, — וואָלט זי ביי אונז אַרומגעגאַנגען אין גאָלד! און ביי אייך וואָס? — ביי אייך גייט זי אָרום אין אויס־געדרייטע שיך.

ניט געקוקט אויף דער גרויסער ווירקונג, וואָס זי האָט געהאַט אויף אירע צוהערער, האָט זי פאַר יעדער אירער אַרויסטרעטונג גע־

ציטערט ווי א בלאַט — ניט געגלויבט אין אירע כוחות און שטענדיק געבעטן זיך, מען זאָל שיקן צו דער פאַרזאַמלונג א צווייטן, א בעסערן רעדנער, וואָס ווייס מער, וואָס קען מער.

דאָס ניט־גלויבן אין אירע כוחות האָט זיך ביי איר פאַרשטאַרקט נאָכן אויסברוך פון דער רעוואָלוציע אין 1905. ניט נאָר זי, נאָר ווי איך באַשרייב אויף א צווייט אָרט, זענען דעמאָלט א סך וויכטיקע רעוואָלוציאָנערן פאַרכאַפּט געוואָרן פון אומגלויבן אין זיך. זיי זענען געווען איבערצייגט, אַז עס איז אָנגעקומען א צייט פון טעטיקייט נאָר פאַר גאָר גרויסע שרייבער, גרויסע רעדנער, פירער; אַז די דורכשניטלעכע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי־טוער האָבן שוין זייער ראָלע אָפּגעשפּילט און זיי דאַרפן זיך אָפּרוקן אָן א זייט. רוטע פאַרלאָזט דעמאָלט די פּאַרטיי־אַרבעט און ווערט א לערערין אין א יידיש־רוסישער שול.

אין 1907 קערט זי זיך ווידער אום צו פּאַרטיי־אַרבעט—שוין מיט געלייטערטע און רעאַליסטישערע בליקן אויף דער ראָל פון דורכשניטלעכן פּאַרטיי־טוער. אויף וויפיל דאָס דערלויבן איר אירע כוחות, טוט זי אַלץ, וואָס די דעמאָלטיקע צייטן פון דער דורכגעפאַלענער רעוואָלוציע, און שפּעטער ווי א מוטער פון א קליין קינד, — האָבן עס איר דערלויבט.

איר גאַנץ וווּטערדיק לעבן איז פאַרבונדן מיט דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג — אָנגעפירט פון „אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער בונד". ווי אַן אמתע אינטערנאַציאָנאַליסטין פון אַלטן דור, האָט זי יעדן זיג פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין א וועלכן ניט איז ווינקל פון דער ערד, אויפגענומען מיט דער גרעסטער פרייד; און יעדן דורכפאַל איבערגעליטן, ווי א פּערזענלעכן אומגליק. יעדע איינגעגעבענע בונדישע דעמאָנסטראַציע; יעדע געלונגענע פאָרשטעלונג פון די קינדער בעת אַן אַרויסלאָז פון אונזערע שולן; יעדער פאָרשריט אויף די אָוונט־קורסן פאַר אַרבעטער אין ווילנע, וואו זי איז געווען א לערערין; יעדער גראָטענער מיטינג פון דער אַרבעטער־פּרויען־געזעלשאַפט „יאַף" אין וואַרשע, פלעגט איר אַריינברענגען אין באַגייסטערונג און התפעלות. פאַרקערט — יעדער אַקט פון שפּאַלטונג אין דער אַרבעטער־באַוועגונג מצד די קאָמוניסטן האָט זי איבערגעלעבט קרענקלעך־שווער; יעדער טעראָר־אַקט זייערן, געווענדעט קעגן סאָציאַליסטן, האָט איר אַלעמאָל פאַרשאַפט ממש פיזישע ליידן.

איר גאַנץ לעבן האָט זי ניט געקאָנט פאַרגעסן איין דערפאַרונג, וואָס זי האָט געהאַט מיטן קאָמוניזם: דאָס איז געווען אין אָדעס אין 1918. זי איז דעמאָלט געווען פאַרכאַפּט ניט אַזוי מיט די אידעען פון קאָמוניזם, ווי מיט זיינע נצחונות. אין אונזערע שטוביקע גע־שפּרעכן פלעגן מיר זיך אָפט אַמפּערן וועגן דעם: זי פלעגט מיר אַלץ וועלן איבערצייגן, אַז מיר מוזן דעם קאָמוניזם אָננעמען אַזוי ווי ער איז — מיט זיינע חסרונות, ווייל קיין אַנדער אויסוועג איז ניטאָ.

געניינגט, אַזוי אַרום, סימפּאַטיש צום קאָמוניזם, איז זי איינמאָל אַוועק אויף אַ פאַרזאַמלונג פון לערער־פאַראיין, וואו די קאָמוניסטן האָבן אויסגעמאַכט אַ נישטיק הייפל. זיי האָבן אָבער, נישט אַנדערש, געוואָלט באַהערשן דעם פאַראיין. האָבן זיי אָנגעווענדט אַזוי פיל שמד־שטיק, ביז דער פּאַסיווער עולם איז געוואָרן דענערווירט, אויס־געמאַטערט, און ער האָט ביסלעכווייז פאַרלאָזן די פאַרזאַמלונג. די קאָמוניסטן, וואָס האָבן אויף דעם אויסגעקוקט, זענען, אַזוי אַרום, פאַרבליבן אַ מערהייט... און דורכגעפירט אַלץ וואָס זיי האָבן גע־וואָלט. רוטע איז געקומען פון דער פאַרזאַמלונג אַ געוואַלטיק צע־רודערטע און געהאַלטן אין איין אויסרופן: — ניין, מיט אַזעלכע מיטלען וועט מען קיין נייע, בעסערע וועלט ניט אויפבויען!

פון יענעם טאָג אָן, איז געוואָרן איר חלום און שטרעבונג — אַנטלויפן פון „סדום", וואוהין די אויגן וועלן טראָגן! און טאַקע איר האָב איך צו פאַרדאַנקען, וואָס איך לעב נאָך; וואָס איך האָב נאָך צוזאַמען מיט איר און מיין קינד געהאַט די מעגלעכקייט, אין פאַר־לויף פון כמעט צוויי צענדליק יאָר, דורכצומאַכן אַזאַ פרוכטבאַר סאָציאַליסטיש־פּאַרטייאיש לעבן צווישן די יידישע אַרבעטער אין פּוילן און אַ לעבן פול מיט פּראָדוקטיווער שעפערישקייט אויפן גע־ביט פון מיין באַליבטער מלאכה. און אויך זי אַליין האָט אַ דאַנק דעם געהאַט אַ מעגלעכקייט צו זיין געזעלשאַפטלעך טעטיק אין דער בונדישער באַוועגונג נאָך אַ צוויי צענטליק יאָר אין וואַרשע.

באַקאַנט האָב איך זיך מיט מיין שפּעטער געוואָרענער פרוי רוטע אין דווינסק 1904. זי האָט דאַן דאָרט געאַרבעט אַלס פּאַרטיי־טוערין געשיקט פון צענטראַל קאָמיטעט פון „בונד". איך בין אויף פּסח געקומען קיין דווינסק נאָך מיין אָפּזיצן זעקס חדשים אין יע־קאַטערינאָסלאַווער טורמע און נאָך מיין אַנטלויפן קיין זשיטאָמיר. אין אונזערע שפּעטערדיקע אינטימע געשפּרעכן, האָט זי מיר פאַר־

ציילט, אַז פאַראינטערעסירט מיט מיר האָט זי זיך נאָך איידער זי האָט מיך געקאָנט: אין דווינסק פלעגט זי זייער אָפט הערן דערמאָנען מיין נאָמען. ווען זי האָט זיך דערוואוסט אַז איך קום צופאָרן, איז זי געווען ניינעריק צו זען, אויב איך קוק אויס אַזוי, ווי זי האָט זיך מיר אויסגעמאָלט אין איר פאַנטאַזיע. דערזען מיך דאָס ערשטע מאָל, האָט זי זיך אַ היבש ביסל אַנטוישט. לויט די שבחים און געשיכטעס, וואָס זי האָט וועגן מיר זיך אָנגעהערט, האָט זי זיך פאָרגעשטעלט, אַז איך דאַרף זיין אַן ערנסטער רעוואָלוציאָנער מיט לאַנגע האָר, מיט אַ בלאַס פּנים, אין אַ שוואַרץ העמדל איבער די הויזן ארומגע־בונדן מיט אַ „קוטאַס" (אַ געדרייטער שנור אַזאַ, וואָס איז דאַן גע־ווען אין דער מאָדע) און מיט אַ געהיימניספולער מינע אויפן גע־זיכט. דערזען האָט זי אַ קרעפּטיקן, פרייליכן חברה־מאַן מיט לאַנגע, בלאָנדע וואָנסן, — אמת טאַקע אין אַ העמדל איבער די הויזן, אָבער אָן אַ סימן פון געהיימניש; אָן אָפּשפּעטער פון פרויען און פון זייערע שוואַכקייטן, אָן אַ ברעקל אויסערלעכער ערנסטקייט אָדער אָנ־שטעל. אָבער אַזוי ווי רוטע אַליין איז אין דער יוגנט אויך געווען אַ גרויסע לאַכערקע, האָבן מיר ביסלעכווייז אָנגעהויבן זיך גוט פילן אין דער געזעלשאַפט איינער פון אַנדערן.

טויזנטער און טויזנטער שרייבער אין אַלע לשונות האָבן שוין באַ־שריבן די ליבע פון יונגע מענטשן — זייערע ליידן, פאַרצווייפלונג און צווייפל. ווען צו די שרייבער וועלן צוקומען נאָך טויזנטער און טויזנטער וואָרט־קינסטלער, וועלן זיי דאָס בילד פון ליבע נאָך אַלץ ניט פאַרענדיקן, — ווייל זיי שעפּן זייער מאָלער־שטאָף פון אַ קוואַל וואָס פליסט אָן אויפהער, אַרויסברענגענדיק אַלץ נייע און נייע, נאָך ניט געזעענע פאַרבן און שאַטירונגען.

ווען איך וואָלט געווען אַ קינסטלער פון וואָרט, וואָלט איך צום דאָזיקן בילד פון ליבע געקאָנט מיט מיין פּענדזל, מיט פאַרבן פון מיין ליבע־פּאַליטרע *) צוגעבן נייע שטריכן, וואָס וואָלטן וואַרשיינלעך געווען אַנדערש פון די שוין געמאָלטע, ווי אַנדערש עס איז יעדער בלעטל פון איינעם און דעם זעלביקן בוים.

אָבער איך בין ניט קיין קינסטלער. איך האָב, דעריבער, מורא זיך צוצורירן צו דער דאָזיקער שילדערונג, כדי איך זאָל ניט קאַליע מאַכן דאָס שוין געשילדערטע בילד. איך וויל בלויז דערציילן, אַז פון

---

*) אַ ספּעציעלע ברעטל, אויף וועלכן מאָלער מישן זייערע פאַרבן.

מיין אמאָליקער נאַאיווער פאָרשטעלונג בעת „מיין ערשטער ליבע", אַז אַ רעוואָלוציאָנער טאָר ניט געניסן פון פערזענלעכן גליק, איז קיין זכר ניט געבליבן; צו די אַלע איבערלעבונגען און צווייפלונגען פון אַ פאַרליבטן, איז נאָך צוגעקומען די פאַרצווייפלונג, וואָס זי איז אַן אינטעליגענטקע — אַ געענדיקטע גימנאַזיע און איך — כמעט אַ בעזגראַמאָטנער סטאָליער־אַרבעטער, וואָס שטייט, ווייניקסטנס אין פאָרמעלער בילדונג, הימל־ווייט פון איר.

אמת, אין יענער צייט פלעגט טאַקע אָפט פּאַסירן, אַז יונגע, געבילדעטע מיידלעך פלעגן זיך פאַרליבן אין איינפאַכע אַרבעטער; נאָך אָפטער פלעגן אינטעליגענטע, אָדער געבילדעטע יונגע לייט — טוער אין דער באַוועגונג — פאַרליבן זיך אין אַרבעטער־מיידלעך. אָבער פון דעם איז דער אונטערשייד צווישן אונז ביידן ניט קלענער געוואָרן, די זאָרג פאַר מיין גורל ניט שוואַכער געוואָרן.

דער גאָט פון פאַרליבטע הערצער איז, אָבער, געווען לייטזעליק צו מיר, און נאָר ער איינער ווייס פון וואַנען עס האָבן זיך ביי מיר גענומען כוחות אַרויסצורעדן דאָס וואָרט, וואָס דריקט אַלעמאָל אויס בלויז אַ טייל פון די געפילן, וואָס מען לעבט איבער דערביי. און צו אונזער ביידנס גליק, איז דאָס וואָרט געזאָגט געוואָרן!

איך וואַרף אַ בליק אויף מיין דורכגעגאַנגענעם לעבנס־וועג, און מיר דאַכט זיך, אַז, אין אַלגעמיין און גאַנצן, דאַרף איך זיך קיין גרויסע פאַרוואורפן ניט מאַכן. אָבער דאָס מאָראַלישע לעבן פון אַ מענטשן באַשטייט ניט פון דורכאויס גרויסע מצוות אָדער גרויסע עבירות. אַ גרויסע מצווה איז גרינג אויסצופירן, ווייל זי לאָקט; אַ גרויסע עבירה איז לייכט בייצוקומען — ווייל זי שטויסט אָפּ. ערגער איז מיט די קליינע מצוהלעך און קליינע עבירהלעך. איך בין ניט זי־כער, צי עס איז גאָר פאַראַן אַזאַ מענטש, וואָס זאָל קענען זאָגן וועגן זיך, אַז ער איז אין זיין לעבן דורכגעגאַנגען בשלום דורך דעם דאָ־זיקן לאַבירינט פון קליינע שטרויכלונגען. וועגן זיך קאָן איך דאָס אויך ניט זאָגן!

סיי אין מיינע געזעלשאַפטלעכע האַנדלונגען, סיי אין מיינע באַ־ציאונגען מיט חברים און „ציווילע" פּערזאָנען, האָב איך זיך באַמיט צו פירן, ניט נאָר אין איינקלאַנג מיט מיין אייגן סאָציאַליסטישן גע־וויסן, נאָר איך האָב זיך באַמיט צו האַנדלען אַזוי, אַז דאָס זאָל זיין גוט אויך אין די אויגן פון מיין פרוי און חבר. איך וועל ניט פאַר־זיכערן, אַז אין אַלע פאַלן האָב איך אַזוי געהאַנדלט. אָבער דאָס

אַרויפּקוקן צו איר, דאָס רעכענען זיך אויך מיט אירע מיינונגען און פּרינציפּן, האָט מיך זיכער פאַרהיט פון אַ סך קליינע שטרויכלונגען. אין פאַלן ווען איך בין געווען דורכאויס זיכער, אַז גערעכט בין איך — ניט זי, האָב איך דאָך געוואָלט זי האָבן אויף מיין זייט, ווייל מיט איר איז מיין גערעכטיקייט געווען פולער, גאַנצער. וואָרעם זי האָט פאַרמאָגט סאָציאַליסטישע פּרינציפּן ניט צוגעפּאַסט פאַר דער אָדער יענער סיטואַציע, — נאָר פּרינציפּן איינגעשטעלטע, ווי געבאָטן, פון וועלכע עס איז געווען שווער זי אָפּצונייגן.

אין אונזער צוזאַמענלעבן האָבן מיר געהאַט פאַרשיידענע צייטן: מיר האָבן געהאַט וואונדערבאַר דערהויבענע צייטן פון פּאַרטייאיש־געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער, וואָס דערפרישן די נשמה, וואָס שווענקען אַראָפּ דעם זשאַווער פון קליינלעכקייט אויף יאָרן. מיר האָבן געהאַט צייטן פון פאַרהעלטנישמעסיק מאַטעריעלן וואוילשטאַנד. מיר האָבן אָבער געהאַט מער צייטן פון ביטערער נויט, דחקות, אויך שווערע, זייער שווערע מאָמענטן אויפן פּאַרטייאיש־געזעלשאַפטלעכן באָדן, וואָס האָבן איבערגעלאָזן טיפע שפּורן אויף דער נשמה און געמיט. אָבער אין אָט די מאָמענטן — איבערהויפּט בעת מאַטעריעלער נויט, וואָס איז זייער אָפט אַ גינסטיקער באָדן פאַר קליינמוטיקייט און קליינלעכקייט, פלעגט זיך ערשט אַרויסווייזן רוטעס מאָראַלישע שטאַרקייט, איר חברישקייט אין לייד אַזוי ווי אין פרייד.

ווען איך האָב געהאַט אַ דערפאָלג אויף אַ געביט פון מיין פאַרשיידנאַרטיקער טעטיקייט — צי דאָס איז געווען אויפן געביט פון מיין פאַכמענישׂ־פּעדאַגאָגישער אַרבעט אין די שולן פון „אָרט", צי דאָס איז געווען אַ געלונגען אָנגעשריבן אַרטיקל געדרוקט אין אַ צייטונג, צי בעת דערשיינען פון מיינעם אַ פאַך־בוך אָדער פאַך־זשורנאַל — איז צו איר פרייד ניט געווען קיין גרענעץ. אין לויף פון אונזער צוזאַמענלעבן איז זי געווען מיר אַ שטיצע און אָפט מיך געמוטיקט.

איך שרייב די דאָזיקע שורות אין דער צייט, ווען דער נאַציפייער האָט וויסט געמאַכט די לעבנס אפילו פון די פאַרבליבענע; ווען דער רויך פון דאָזיקן פייער פאַרשטעלט פאַרן אויג די צוקונפט; איך שרייב אין אַ מאָמענט, ווען איך ווייס ניט אויף וואָס מער צו טרויערן — צי אויפן אייגענעם אומגליק, צי אויפן בראָך פון אונזער פאָלק. אָט אין די מינוטן טרוים איך אָפט: — ווי גוט וואָלט געווען, ווען זי — מיין טרייער פריינט און חבר וואָלט געווען ביי מיין זייט!

גוטע פריינט און חברים טרייסטן מיר, אַז דאָס קען נאָך אַמאָל זיין.

ווען עס זאָל קענען געשען אַזאַ נס און דאָס זאָל טאַקע מקוים ווערן, ווייס איך, אַז מיין פריינט וואָלט געווען ניט צופרידן, וואָס איך האָב דערמאָנט איר נאָמען ניט מיט דער געהעריקער באַשיידנ־קייט, ווי דאָס איז געווען אין איר נאַטור. אָבער זי וואָלט מיר מוחל געווען, ווייל זי וואָלט מיך פאַרשטאַנען.

אָבער אויב די דייטשן — די מערדער — אויב זיי האָבן איר שוואַכן קערפּער פאַרפייניקט אין אַ קאַלך־אויוון, ווי עס זאָגט מיר מיין האַרץ, אָדער זי איז ביי זיי געשטאָרבן מיט אַ „נאַטירלעכן" טויט, — זאָל דאַן אין די אָנגעשריבענע שורות רוען איר ריינע נשמה און זאָלן אָט די שורות זיין איר אַ צייכן פון אָנדענק, ווייל קיין אַנדער צייכן פון געדעכעניש וועל איך איר שטעלן ניט קאָנען.

ע נ ד ע.